STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07958

Y. EYBRAMS-BUKH

J. Abrams

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אײבראַמס-בוך

(דאָס לעבן און שאַפן פון אַן אײגנאַרטיקע
פערזענלעכקײט)

★

אַרױסגעגעבן דורך דעם
ײדישן קולטור-צענטער
אין מעקסיקע

J. ABRAMS-BUCH

Editado por el
CENTRO CULTURAL ISRAELITA
de México

Impreso por
"LA VOZ ISRAELITA DE MEXICO"
Pedro Moreno 129 *México, D. F.*
1956

צום דריטן יאָרצייט



1953   י. אייבראַמס   1886

פון די ארויסגעבער:

... געווען אַ מענטש און נישטאָ מער — זיין אָנדענק זאָל בלייבן לעבן און ווירקן ווי אַ גוטער ביישפּיל.

דער יידישער קולטור־צענטער אין מעקסיקע האָט עס פאַר אַ גרויסן כבוד און פאַר אַ באַזונדערס אָנגענעמער פליכט אַרויסצוגעבן דאָס „ י . אַ ײ ב ר אַ מ ס ב ו ך " —כדי צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון איינעם פון זיינע ענטוזיאַסטישע טוער, איינעם פון די פּיאָנערן פון יידישן ישוב אין מעקסיקע און זיינער אַ געשטאַלטער, איינעם פון זיינע קולטור־בויער און געזעלשאַפטלעכע דערציער, וואָס האָט מיט זיין אַקטואַציע אין משך פון העכער אַ פערטל יאָרהונדערט געווירקט און באַווירקט צום גוטן זיין סביבה, — איינעם פון די וואָס האָט געלייגט אַ חותם אויף אונזער געזעלשאַפטלעכקייט און זיך באַמיט איר צו געבן אַן אידעאַלע פאָרם — י ע ק ב א ײ ב ר אַ מ ס .

י. אייבראַמס איז געווען איינער פון די פּאָפּולערסטע, אויב נישט דער פּאָפּולערסטער, געזעלשאַפטלעכער טוער אין דער יידישער מעקסיקע פון די אָנהייב־יאָרן פון דער פאָרמירונג פונם יידישן ישוב ביז זיין פולער אַנטוויקלונג אַלס אַזעלכער. ער איז געקומען אין דעם נייעם לאַנד שוין אין זיינע רייפע יאָרן, און כאָטש אים איז דאָ אויסגעקומען צו פירן גאַר אַן אַנדער געז. פּאָליטישע טעטיקייט ווי אין אייראָפּע און צפון־אַמעריקע, האָט ער אָבער אין זיין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אַריינגעלייגט דעם גלויבן אין אַ בעסערער געזעלשאַפט און די שטרעבונג צו גערעכטיקייט, וואָס איז געווען אַ טייל פון זיין א י ד .

אינם „י. אייבראַמס בוך" קומען אַריין פּובליציסטישע אַרבעטן פון י. אייבראַמסן גופא, צענויפגעזאַמלט פון דורך אים געדרוקטע מאַטעריאַלן און איבערגעלאָזענע כתבים, זכרונות פון חברים און פריינט, און אָפּשאַצונגען פון שרייבער און קאָלעגן וועגן זיין פערזענלעכקייט.

אַלע מחברים וואָס באַטייליקן זיך אינם בוך און אַלע פריינט אין מעקסיקע און אין אויסלאַנד וואָס האָבן דערמעגלעכט זיין דערשיינען — דריקן מיר אויס אונזער דאַנק. זאָל זייער און אונזער שכר זיין דאָס, וואָס מיט דעם ווערק שטעלן מיר אַ לעבעדיקן מאָנומענט נאָך דער שיינער געשטאַלט פון דעם אומפאַרגעסלעכן א ײ ב ר אַ מ ס — וואָס זיין גאַנצער לעבן איז געווען אויסגעפילט מיט קאַמפס־גלויבן אין אַ שענערער וועלט.

כבוד זיין אָנדענק!

יידישער קולטור־צענטער אין מעקסיקע.

יוסף ספּיוואַק

דער לעבנסוועג פון יעקב אייבראַמס

יעקב אייבראַמס איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1908. ער איז דאַן אַלט געווען צוויי און צוואַנציק יאָר. אַריבערגעבראַכט האָט אים זיין שוועסטער מאַניע. ווען זייער מוטער איז געשטאָרבן, ערגעץ אַרום 1891, איז יאַנקעלע נאָך ניט אַלט געווען קיין גאַנצע פינף יאָר. פון דאַן אָן האָט ער אין פאַרלויף פון איבער זיבעצן יאָר געליטן הונגער און נויט. דאָס איינציקע שטיקל פרייד אין זיין לעבן איז געווען זיין שוועסטער מאַניע, וועלכע איז אים געווען איבערגעגעבן ווי אַ מוטער. אַז מאַניע איז איז 1906 געקומען קיין אַמעריקע, האָט זי באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן, שפּאָרן אַ סענט צו אַ סענט, ביז ס'איז איר געלונגען צו ברענגען יאַנקלען צו זיך. דערביי איז מאַניע אַליין אויך נישט געווען אין קיין צו געהויבענער לאַגע. כאָטש זי איז שטענדיק געווען לעבעדיק און פריילעך, איז אָבער איר האַרץ געווען אַ קראַנקס. דאָס לעבן מיט דער שטיפמאַמע, דער ארורה, ביי איר פאָטער אין הויז האָט מאַניען צעפרעסן דאָס האַרץ.

אַזוי ווי מיין באַקאַנטשאַפט מיט יעקב אייבראַמס איז געקומען דורך זיין שוועסטער, מאַניען, וועל איך דעריבער פון דעם אָנהייבן.

ווי אַזוי איך האָב זיך באַגעגנט מיט די אַבראַמאָווסקיס*)

כאָטש איך קום פון דער זעלביקער שטאָט, פון וואַנען די אַבראַמאָווסקיס קומען, — פון אומאַן, דאָך האָב איך זיי דאָרט קיינמאָל נישט באַגעגנט און ערשט דאָ, אין אַמעריקע, זיך מיט זיי באַקאַנט.

אין 1905 האָב איך דורכגעלעבט דעם פּאָגראָם, ווי אויך דעם רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, אין אונזער שטאָט. אומאַן האָט געהאַט אַ סך סטודענטן און די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען זענען דאָרט געווען שטאַרק

*) אין רוסלאַנד איז אייבראַמסעס פאַמיליע־נאָמען געווען אַבראַמאָווסקי. זיין שוועסטער, מאַניע, האָט זיך אויך אין אַמעריקע, אַזוי גערופן.

אַקטיוו. אין דער צייט פֿון אויפֿשטאַנד איז דער שטאָטישער טעאַטער געוועזן אָפֿן טאָג און נאַכט און מען האָט דאָרט די גאַנצע צייט געהאַלטן רעוואָלוציאָנערע רעדעס. דאָס האָט מיך שטאַרק באַגייסטערט, כאָטש איך בין מיט קיין פּאַרטיי נישט געווען פֿאַרבונדן. ווען איך בין אין 1906 געקומען קיין אַמעריקע, האָב איך דאָ אָרגאַניזירט דעם „אומאַנער רעוואָלוציאָנערן רינג" מיטן צוועק צו שאַפֿן שטיצע פֿאַר די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטייען אין אומאַן. אונזער „רינג" איז געוואָרן זייער פּאָפּולער צווישן דער אומאַנער יוגנט, און ווען מאַניע אַבראַמאָווסקי איז געקומען קיין אַמעריקע, האָט זי זיך באַלד אָנגעשלאָסן אינעם „רינג".

מאַניע האָט געהאַט אַן אינטעליגענט פּנים מיט גרויסע, טרויעריקע אויגן. מיט איר פּערזענלעכקייט האָט זי ביי יעדערן אַרויסגערופֿן דרך־ארץ צו זיך. אַלע זענען געווען פֿאַרליבט אין איר.

אונזער „רינג" האָט שפּעטער באַשלאָסן זיך אָנצושליסן אינעם אַרבעטער־רינג. אַזוי ווי אַלע מיטגלידער האָבן געדאַרפֿט דורכגיין דורך אַ עקזאַמען פֿון אַ דאָקטער, האָט מאַניע, צוליב איר קראַנק האַרץ, נישט געקאָנט ווערן קיין מיטגליד אין אַרבעטער־רינג. זי איז אָבער געבליבן אַ לאָקאַלער מיטגליד אין אונזער אָרגאַניזאַציע.

איך בין געווען דער האָספּיטאַלער אינעם בראַנטש. מיין אויפֿגאַבע איז געווען צו באַזוכן מיטגלידער אין צייט פֿון קראַנקהייט און טאָן, וואָס ס'איז מעגלעך, זיי צו העלפֿן. אין אַ געוויסן טאָג לאָזט מיר דער בראַנטש־דאָקטאָר וויסן, אַז מאַניע אַבראַמאָווסקי האָט געקראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע. איך האָב געוווינט אין ניו־יאָרק (מאַנהעטן) און מאַניע — אין בראַנזוויל (ברוקלין). איך בין אָבער באַלד אַוועק זען, וואָס מאַניע מאַכט. מאַניע האָט געוווינט אַליין אין אַ צימער. קיינער האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז קראַנק, און קיינער פֿון אירע פֿריינד האָט זי נישט באַזוכט. איך בין געווען דער ערשטער זי צו באַזוכן.

מאַניע האָט שטענדיק געהאַט אַן אײדעלן אויסזען, נאָר איצט, נאָך עטלעכע טעג קראַנק זיין, איז איר פּנים געוואָרן בלאַסער, אירע שוואַרצע אויגן — ווייכער, און ווען איך בין אַריינגעקומען אין צימער, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ געטין ליגט דאָרט אין בעט; די שכינה האָט גערוט אויף איר פּנים. פֿון דאַן אָן האָב איך איר קראַנקן־צימער נישט פֿאַרלאָזן. מיין אינטערעס אין איר איז געוואָרן מער ווי צו אַ פֿריינד. איך האָב געוואַכט איבער איר, ביז זי איז בעסער געוואָרן און איז אַרונטער פֿון בעט.

איך בין צו איר שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן, זי צו מיר שפּעטער אויך, און אין אַ שטיקל צייט אַרום האָט מאַניע איינגעשטימט צו ווערן מיין פֿרוי.

ביז יענער צייט האָב איך מיט יעקבן, מאַניעס ברודער, זיך נאָענט נישט געהאַט באַקענט; ערשט נאָך דעם, ווי מאַניע איז געוואָרן מיין פֿרוי,

בין איך נאָענט באַקאַנט געוואָרן מיט יאַנקלען. איך האָב זיך דעמאָלט באַקענט אויך מיט מאַניעס פעטער און מומע (אסתר קרעטשמער), וואָס זיי האָבן עס אַראָפּגעבראַכט די אַבראַמאָווסקיס קיין אַמעריקע. אסתר קרעטשמער איז אַלע מאָל געווען אַ ליכטיקער שטראַל אין יאַנקלס לעבן. נאָך אין אומאַן, ווען יאַנקל פלעגט ווערן מיד פון שלאָפן אויף דער ערד ביי דער שטיפמוטער אין הויז אָדער גאָר אין גאַס, אָדער ווען ער האָט שוין מער דעם הונגער נישט געקענט אַריבערטראָגן, פלעגט ער גיין צו דער מומע אסתר. פיל צום עסן האָט ער דאָרט נישט געקענט קריגן, ווייל זי איז געווען זייער אָרעם, דאָך — אַ שטיקל ברויט מיט ציבעלע האָט ער שטענדיק געקראָגן, און דאָס איז פאַר אים געווען גענוג. פון אַ פיל גרע־סערער ווערדע ווי עסן, איז נאַטירלעך, פאַר אים געווען די מוטערלעכע וואַרעמקייט און נאָענטקייט, וואָס אסתר האָט צו אים אַרויסגעוויזן; דאָס האָט ער אין זיין פאָטערס הויז קיינמאָל נישט געפונען.

אויך דאָ, אין אַמעריקע, האָט אסתר קרעטשמער געשפּילט אַ וויכ־טיקע ראָלע אין יאַנקלס לעבן. ווען ער איז אַהער געקומען איז ער פאַר־פאָרן צו איר אין הויז. אסתר איז געווען זייער אָרעם. איר מאַן, פון דער היים אַ לערער, האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן אַריסטאָקראַט, האָט דאָ פון לערעריי קיין לעבן נישט געקענט מאַכן און זיין באַשעפטיקונג איז גע־וואָרן וואַשן אַלטע, גענוצטע מעדיצין־פלעשלעך און זיי פאַרקויפן צו דראָגיסטן (אפטייקערס). דאָס האָט אים אַריינגעבראַכט זייער ווייניק און די מומע האָט באַדאַרפט אַרויסהעלפן אין די פאַרדינסטן. געוווינט האָבן זיי אין טשערי סטריט, אויף דער איסט סאַיד, אין אַן אַלטער, צעבראָ־כענער הויז, אין דריי צימערן. דאָרט האָבן די קרעטשמערס געוווינט מיט פיר קינדער און דאָרט איז ביי זיי איינגעשטאַנען אויך יאַנקעלע, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע.

מערי דאַמסקי און דזשעק אייבראַמס.

אויב יעקב האָט דאַן געהאַט שוועריקייטן צו געפינען פון וואָס צו מאַכן אַ לעבן, האָט ער אָבער קיינע שוועריקייטן נישט געהאַט צו געפי־נען אַ געלעגנהייט אויף אויסצודריקן זיין יונגן רעוואָלוציאָנערן גייסט. ווו נאָר אַ שטרייק, אַן אַרבעטער־פאַרזאַמלונג, איז יאַנקעלע דאָרט געווען. ווו נאָר אַ ראַדיקאַלע לעקציע, האָט דאָרט יאַנקעלע גענומען דאָס וואָרט און גערעדט. און קיין פאַרזאַמלונגען, און קיין שטרייקן האָבן נישט גע־פעלט דעמאָלט, אין 1910, ווען דער נאָדל־פאַך האָט דורכגעמאַכט זיין רעוואָלוציאָנער־היסטאָרישן פעריאָד. יאַנקעלע איז געווען אומעטום. דאָ האָט ער געהאַלטן רעדעס אויף פאַרזאַמלונגען פון שטרייקנדיקע אַרבע־טער, דאָ איז ער געשטאַנען אין דער „פּיקעט־לאַין”, און ער איז באַלד געוואָרן פּאָפּולער צווישן די שטרייקנדיקע אַרבעטער. אין איינער פון די

„פּיקעט־לאַינס” האָט ער אויך באַגעגנט מערי דאַמסקי, וועלכע איז שפּע־טער געוואָרן זיין געטרייע לעבנס־באַגלייטערין.

מערי דאַמסקי איז געקומען קיין אַמעריקע אין 1909 און האָט באַלד אָנגעהויבן אַרבעטן ביי די ברידער טוטעלמאַן אין פאַבריק, ווו מען האָט געמאַכט בלוזקעס. אין 1910, ווען עס האָט אויסגעבראָכן אַ גרויסער שטרייק אין נאָדל־פאַך, אין וועלכן ס'האָבן אָנטיילגענומען אַכציק טויזנט אַרבעטער, איז אויך מערי געווען איינע פון די שטרייקערס. אויף די „פּיקעט־לאַינס”, ווי אויך אויף די פאַרזאַמלונגען, האָט זי באַגעגנט אַ יונגנמאַן, וואָס האָט אויף איר געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. זי האָט דעם יונגנמאַן דערנאָך באַגעגנט אויך אויף אַ פאַרזאַמלונג אין קופּער־יוניאָן, ווו לעאָן דייטש, דער דאַמאָלסטיקער סעקרעטאַר פון דער „אינטערנע־שאָנעל לעידיס גאַרמענט וואָרקעס יוניאָן”, האָט גערעדט. מערי און יעקב האָבן זיך נאָענט באַקענט און זיי פלעגן דערנאָך אָפט צוזאַמען גיין צו פאַרזאַמלונגען, ווו עמאַ גאָלדמאַן און אַנדערע אַנאַרכיסטן האָבן גערעדט.

נאָכן שטרייק האָט מערי דאַמסקי פאַרלוירן איר אַרבעט ביי די ברי־דער טוטעלמאַן און אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין דער „טראַיענגל קאָמפּאַני”. אין דער גרויסער שרפה, ווען איבער הונדערט מיידלעך זענען אין דעם „טראַיענגל־פייער” אומגעקומען, איז מערי געווען איינע פון די געראַטע־וועטע. ווען דזשעק (יעקב אייבראַמס) האָט זיך דערפון דערוווּסט, איז ער באַלד געקומען צו איר און זי געפונען אין היסטעריע נאָך דער טראַ־געדיע. ער האָט זי באַרואיקט און דעמאָלט האָבן זיי באַשלאָסן צו ווערן מאַן און פרוי.

זייער וויניק פרייד האָט יעקב אייבראַמס געהאַט אין זיין לעבן, אָבער ווען ער איז דעם ערשטן מאַי 1911 אַריינגעקומען אינעם צימער, וואָס ער און מערי האָבן געדונגען פאַר זייער געמיינזאַמער וווינונג, איז דאָס געווען דער גליקלעכסטער מאָמענט אין זיין לעבן. זיין שוועסטער מאַניע און איך האָבן דעם צימער אויסגעפּוצט מיט בלומען, און ווען ער איז אַריינגעקומען אין אָוונט, איז ער אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן פאַר פרייד. קיין גליקלעכערע פּאָר, ווי דזשעק מיט מערין, זענען, דאַכט מיר, דעמאָלט נישט געווען אויף דער וועלט. מערי איז אייבראַמסן געווען איבערגעגעבן מיט איר גאַנצער נשמה. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, אַז אַ פרוי זאָל אַזוי פאַרגעטערן אַ מאַן און אויך זיין אַזוי געטריי, ווי מערי איז געווען צו יעקב אייבראַמסן.

זיי האָבןביידע געאַרבעט און האָבן פאַרדינט גענוג אויף זייער טעג־לעכן געברויך. נאָך דער אַרבעט פלעגן זיי ביידע גיין אויף מיטינגען, פאַרזאַמלונגען און לעקציעס. מערי איז געווען טעטיק אין דער נאָדל־פאַך־יוניאָן און דזשעק איז דאַן געוואָרן טעטיק אין דער בוכבינדער־

יוניאָן, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן אַ לענגערע צייט. ער האָט אויך גענומען אַן אָנטייל אין פאַרשידענע אַנאַרכיסטישע גרופּעס. אומעטום האָט אייבראַמס געפונען סימפּאַטיע ביי אַלעמען און איז געוואָרן זייער פּאָפּולער צווישן די חברים. יעקב אייבראַמס איז געווען אַן אומרואיקע און אויפריכטיקע רעוואָלוציאָנערע נאַטור און ער האָט נישט דורכגעלאָזן קיין געלעגנהייט מיטצוהעלפן אין אַ באַוועגונג פון אַ רעוואָלוציאָנערן כאַראַקטער.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין וועלט־קריג.

ווען אַמעריקע האָט זיך אָנגעשלאָסן אין ערשטן וועלט־קריג און אָנגענומען דאָס געזעץ פון אַלגעמיינעם צוואַנג־דינסט, האָבן אַלע ראַדיקאַלן, סאָציאַליסטן אַזוי גוט ווי אַנאַרכיסטן, אויפגעהויבן פּראָטעסטן קעגן דעם געזעץ. צווישן די אַנאַרכיסטן, וואָס האָבן געקעמפט קעגן געזעץ, זענען עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג. „דהי מאַדהער ערטה", דער מאָנאַטלעכער זשורנאַל, וואָס עמאַ גאָלדמאַן האָט אַרויסגעגעבן, איז יענעם חודש אַרויס מיט אַ שוואַרצן פּאַדער־בלאַט אַלס צייכן פון טרויער נאָך דער אַמעריקאַנער פרייהייט. אויף דער יידישער איסט סאַיד האָט זיך אָרגאַניזירט אַ גרופּע קעגן קריג די „אַנטי־קאָנסקריפּשן־ליג", און געעפנט אַן אָפיס אויף 173 איסט־בראָדוויי. דאָרט האָבן זיך פאַרשריבן די אַלע, וועלכע זענען פּרינציפּיעל געווען קעגן קריג. דער דירעקטאָר פון דער גרופּע איז געווען אַ זאַנענשיין, איך בין געווען דער סעקרעטאַר. די באַוועגונג איז געווען זייער פּאָפּולער. רייען מיט יונגעלייט האָבן טאָג און נאַכט באַלאַגערט דעם אָפיס און זיך דאָרט פאַרשריבן אַלס מיטגלידער. יעקב אייבראַמס איז געווען זייער טעטיק אין דער אַנטי־קריג־באַוועגונג. ער איז געוואָרן עמאַ גאָלדמאַנס רעכטע האַנט. אויף אַלע אירע פאַרזאַמלונגען איז ער געווען דער פאָרזיצער און איינער פון די רעדנער. צו איינער פון די פאַרזאַמלונגען, וואָס די ליגע האָט אַראַנזשירט אין גרויסן „פאָרווערטס"־זאַל, איז געקומען אַזאַ גרויסער עולם, אַז הונדערטער זענען געבליבן אין דרויסן און נישט געקענט אַריין אין זאַל. יעקב אייבראַמס איז יענעם אָוונט אויך געווען איינער פון די רעדנער. נאָך דעם ווי די פאַרזאַמלונג איז אָנגעגאַנגען אַרום אַ שעה צייט, איז אין זאַל אַריין אַ גרופּע פּאָליציאַנטן אונטער דער אָנפירערשאַפט פון מאַרשאַל מעקאַרטי און אָפּגעשטעלט די פאַרזאַמלונג. די פּאָליציי האָט אָפּגעקליבן אַלע יונגעלייט אין עלטער פון 18־35 — צוזאַמען דריי הונדערט פערזאָן — און זיי פאַרהאַלטן, די איבעריקע האָבן פאַרלאָזן דעם זאַל. ווען די פאַרזאַמלטע אין גאַס האָבן זיך דערפון דערוווסט, איז געוואָרן אַ גרויסער טומל, עטלעכע טויזנט מענטשן האָבן זיך דאַן אָנגעקליבן אין גאַס און אין פּאַרק אַרום

דער „פֿאָרווערטס"־געביידע. דערווייל האָבן מיר, אייבראַמס און איך, גענומען שטאַרק פּראָטעסטירן קעגן דער פּאָליציי פֿאַרן פֿאַרהאַלטן בירגער אָן אַ „וואַריאַנט". דאָס האָט געווירקט. די פּאָליציי האָט דאַן בלויז גענומען די אַדרעסן פֿון די פֿאַרהאַלטענע און אַלעמען באַפֿרייט. ווען אייבראַמס און איך זענען אַרויס אין גאַס, האָט די טויזנטער־קעפּיקע מאַסע אונז באַגעגנט מיט אַ שטורמישער אָוואַציע.

אַ פֿיבערישע טעטיקייט איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אומעטום אין די ראַדיקאַלע קרייזן און יעקב אייבראַמס איז געשטאַנען אין דער סאַמע מיט פֿון אָט דער טעטיקייט.

יו.עס. קעגן דזשעק אייבראַמס.

ווען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד האָט אַראָפּגעוואָרפֿן די צאַרישע רעגירונג און די באָלשעוויקעס האָבן זיך צוריקגעצויגן פֿון קריג און געשלאָסן אַ סעפּאַראַטן פֿרידן מיט דייטשלאַנד, האָבן פֿערצן רעגירונגען געשיקט סאָלדאַטן צו דער רוסישער גרענעץ. צווישן די פֿערצן איז אויך געווען די רעגירונג פֿון די פֿאַראייניקטע־שטאַטן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַ שטורעם פֿון פּראָטעסטן צווישן די ראַדיקאַלע עלעמענטן אין צפֿון־אַמעריקע. רוסלאַנד איז דעמאָלט געווען די גרויסע האָפֿענונג פֿון דער גאַנצער רעוואָלוציאָנערער און ראַדיקאַלער וועלט. ווי עמאַ גאָלדמאַן האָט זיך אויסגעדריקט, ווען זי איז אַרויסגעשיקט געוואָרן פֿון לאַנד: „מיר פֿאָרן איצט צום מזרח, ווו די זון גייט אויף". אַזוי האָבן דעמאָלט אַלע פֿרייהייט־ליבנדיקע מענטשן געפֿילט וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד.

יעקב אייבראַמס און זיין קליינע גרופּע פֿון יונגע מענער און פֿרויען האָבן נישט דורכגעלאָזט די געלעגנהייט און האָבן אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן פֿלוג־בלעטלעך, אין וועלכע זיי האָבן אַטאַקירט די האַנדלונג פֿון דער רעגירונג. דרוקערייען האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט צו דרוקן אַזאַ מאַטעריאַל, ווייל דאָס איז געווען אומגעזעצלעך. אייבראַמס און זיין גרופּע האָבן דאַן אָרגאַניזירט אַן אייגענע אונטערערדישע דרוקעריי און זיי האָבן פֿאַרפֿלייצט ניו־יאָרק מיט אַנטי־רעגירונג בלעטלעך. אַלע האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ גרויסע גרופּע מיט גרויסע מעגלעכקייטן, וויבאַלד זיי קענען אַרויסגעבן אַזוי פֿיל ליטעראַטור. די מענטשן פֿון אייבראַמסעס גרופּע פֿלעגן אַרויפֿגיין אויף די דעכער פֿון הויכע געביידעס און פֿון דאָרט אַראָפּוואַרפֿן די פֿאַרבאָטענע ליטעראַטור. ס'האָט זיך דערביבער אַרומגעטראָגן אַ קלאַנג, אַז די גרופּע האָט אַפֿילו אַן אייגענע לופֿט־שיף. די פּאָליציי איז געווען פֿאַרצווייפֿלט, ווייל אירע בעסטע דעטעקטיוון האָבן גאָרנישט געקענט דערגיין. צווישן דער גרופּע האָט זיך געפֿונען אַ נייער רעקרוט, היימאַן ראָזאַנסקי, נישט קיין דערפֿאַרענער אין אומלעגאַלער אַרבעט, און אים האָט די פּאָלי־

צײ געכאַפּט בײם פאַרשפרייטן די בלעטלעך. מען האָט אים אין פּאָליציי־באַצירק שרעקלעך געשלאָגן; ער האָט דאָס נישט געקענט איבערטראָגן און האָט אַרויסגעגעבן די גאַנצע גרופּע. מען האָט אַלעמען אַרעסטירט. שפּעטער האָט מען אַ טייל פון זיי אַרויסגעלאָזן, אָבער דזשעק אייבראַמס, היימאַן לאַכאָווסקי, סעם ליפּמאַן, יודקע שוואַרץ און מאַלי סטיימער זענען געבליבן פאַרשפאַרט אין תּפיסה. מען האָט די אַרעסטירטע מערדערלעך געשלאָגן, און איינער פון זיי, יודקע שוואַרץ, וועלכער האָט געהאַט אַ קראַנק האַרץ, איז פון די קלעפּ געשטאָרבן, נאָך איידער מען האָט געהאַט אַ געלעגנהייט אים צו שטעלן פאַרן געריכט. געמשפּט האָט מען די פיר און אויך ראָזאַנסקין. דער פּראָצעס, וואָס האָט געקראָגן די באַצייכענונג: „דער פּראָצעס פון יו.עס. קעגן דזשעק אייבראַמס", איז געווען איינער פון די סענסאַציאָנעלסטע געריכטס־פּראָצעסן אין דער געשיכטע פון די פאַראייניקטע־שטאַטן. דאָס געריכט־הויז איז געווען געפּאַקט מיט צוהערער, די צייטונגען האָבן איבערגעגעבן אַלע איינצלהייטן פונעם פּראָצעס. די אַטאַקעס פון די אָנגעקלאָגטע קעגן דער רעגירונג פאַרן שיקן מיליטער קעגן רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָבן געמאַכט אַ גוואַלדיקן איינדרוק.

דער אורטייל פון געריכט איז געווען: די דריי באַשולדיקטע מענער: אייבראַמס, ליפּמאַן און לאַכאָווסקי צוואַנציק יאָר, און מאַלע סטיימער פופצן יאָר געפענגעניש. אָבער נישט געקוקט אויף די שווערע תּפיסה־אורטיילן האָבן די פאַרמשפּטע אויסגעפירט דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט. די פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער פּראָצעס האָט געמאַכט איבערן לאַנד, האָט געצוווּנגען די רעגירונג צוריקצוציען די אַמעריקאַנער סאָלדאַטן פון דער רוסישער גרענעץ. דזשעקס אַרעסט און אורטייל זענען געווען אַ דערשיטערנדיקער קלאַפּ פאַר מערין. די נאָענטע פריינט האָבן זיך געשראָקן, אַז זי וועט דאָס נישט קענען אַריבערטראָגן. זי האָט זיך, אָבער, געהאַלטן מוטיק און פאַרגעזעצט די אַרבעט פון איר געליבטן דזשעקעלען. זי האָט אויך געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט פאַר דער באַפרייאונג פון אייבראַמסן און זיינע חברים. דער זעלבער פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט האָט שפּעטער געפירט פּראָפּאַגאַנדע פאַרן פאַרקירצן דעם אורטייל. נאָך דעם ווי די גרופּע איז אָפּגעזעסן צוויי יאָר אין געפענגעניש, האָט די רעגירונג איינגעשטימט זיי צו באַפרייען מיט דער באַדינגונג, אַז זיי זאָלן אַוועק קיין רוסלאַנד, און אויב זיי וועלן ווען עס איז זיך אומקערן קיין אַמעריקע, וועלן זיי מוזן אָפּזיצן די איבעריקע 18 יאָר פונעם אורטייל.

דעם 4־טן דעצעמבער 1921 זענען יעקב אייבראַמס, היימאַן לאַכאָווסקי, סעם ליפּמאַן און מאַלי סטיימער אָנגעקומען קיין רוסלאַנד. אייבראַמס האָט זיך באַלד אַריינגעוואָרפן אין דער אַנאַרכיסטישער אַרבעט. ער האָט זיך דאָרט באַשעפטיקט מיט בוכבינדעריי. דערנאָך האָט מען אים געמאַכט פאַר אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויסער וועשעריי, — אַן אַרבעט, וועלכע ער האָט

זיך אויסגעלערנט אין אַמעריקאַנער געפענגעניש. ווען איך האָב זיך מיט אייבראַמסן באַגעגנט אין מעקסיקע אין 1946, האָט ער מיר אויסדערציילט די צרות, וואָס ער האָט געהאַט אויסצושטיין פון די באָלשעוויקעס. אין דער וועשעריי, מיט וועלכער ער האָט פאַרוואַלטעט, זענען אָנגעגאַנגען גרויסע גנבות און שווינדלערייען, און ווען ער האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם צו אַ העכערן באַאַמטן, האָט מען אים דערפאַר באַשטראָפט.

זייענדיק אין רוסלאַנד, האָט אייבראַמס אין אַ געוויסן טאָג געקראָגן אַ גאַסט. זיין טאַטע האָט זיך דערוווסט, אַז זיין יאַנקעלע איז געוואָרן אַ גרויסער מאַכער אין מאָסקווע, איז ער אים געקומען זען. און אייבראַמס, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געטראָגן קעגן זיין טאַטן אַ שנאה, האָט אים דאָך אויפגענומען פריינדלעך.

נאָך דעם ווי אייבראַמס און מערי זענען אָפּגעווען פינף יאָר אין רוס־לאַנד, איז זיי געלונגען פון דאָרט זיך אַרויסצורייסן. זיי האָבן פאַרלאָזן רוס־לאַנד סוף 1926. איבער אַ יאָר האָבן זיי פאַרבראַכט אין דייטשלאַנד און אין פראַנקרייך, ביז זיי איז געלונגען צו קריגן אַ וויזע קיין מעקסיקע. אין 1927 זענען זיי אָנגעקומען קיין מעקסיקע.

אייבראַמסעס שוועסטער, מאַניע, האָט דורכגעלעבט אַ שווער שטיקל צייט. איר האַרץ איז געוואָרן ערגער פון טאָג צו טאָג. איבערהויפּט האָט דער אַרעסט און דער אורטייל קעגן איר ברודער שעדלעך געווירקט אויף איר געזונט־צושטאַנד. אין דער צייט, וואָס אייבראַמס איז געווען אין גע־פענגעניש, האָט זי געמוזט פאָרן קיין קאַליפאָרניע; די לופט דאָרט, האָבן דאָקטוירים געזאָגט, וועט פאַר איר האַרץ זיין בעסער. דערווייל, זייענדיק [illegible] ווייט, האָט זי ניט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו זען איר ברודער, איידער ער איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין רוסלאַנד. ווען מיר האָבן זיך דערוווסט, אַז אייבראַמס און מערי פלאַנעווען אַרויסצופאָרן פון רוסלאַנד, איז מאַניע פול געוואָרן מיט האָפענונגען, אַז זי וועט איצט האָבן אַ מעגלעכקייט זיך מיט זיי צו באַגעגענען. מיר האָבן אָנגעהויבן מאַכן פלענער און שפּאָרן געלט זיך מיט זיי צו באַגעגענען אין מעקסיקע. מאַניעס חלום איז אָבער נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן, איר קראַנק האַרץ האָט נישט געקענט אויס־האַלטן אַזאַ לאַנגע צייט, און אין 1925 איז זי געשטאָרבן. אין איר לעצטן בריוו, געשריבן אַ טאָג פאַר איר טויט, האָט זי זיך מער פאַר אַלץ באַקלאָגט דערויף, וואָס זי וועט נישט קענען זען דזשעקן מיט מערין.

אייבראַמס אין מעקסיקע.

אין מעקסיקע האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע עפּאָכע אין אייבראַמסעס לעבן. קיין אַנאַרכיסטישע באַוועגונג איז דאָרט נישטאָ, יעדנפאַלס נישט קיין באַדייטנדיקע. די שפּראַך איז אים פרעמד געווען, האָט ער זיך געפילט

שלעכט. ער האָט געמוזט האָבן אַקטיוויטעט. און אַזוי איז אייבראַמס צו־געצויגן געוואָרן צו דער יידישער קולטור־באַוועגונג. ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן מיט גרופּעס, וועלכע זענען געווען נאָענט צו זיין אידעאָלאָגיע. ער האָט אויך צו ביסלעך אָנגעהויבן זיך דערנענטערן צו גרופּעס פון אַנדערע פעלקער, מעקסיקאַנער און שפּאַנישע.

אין די דרייסיקער יאָרן איז אייבראַמס געוואָרן טעטיק אין דער אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג. דאָס האָט אים געגעבן די מעגלעכקייט אַרויסצו־ווייזן זיינע אָרגאַניזאַציע־פעאיקייטן און ער איז טאַקע אינגיכן געוואָרן דער פּרעזידענט פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער אַנטי־פאַשיסטישער אָר־גאַניזאַציע". די הויפּט־אויפגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע איז געווען צו שטיצן פליכטלינגען פון פאַשיסטישע לענדער, וועלכע האָבן געוואָלט קו־מען קיין מעקסיקע.

אייבראַמס איז געווען אַ מיטאַרבעטער אין איינִיקע יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, אויך איז ער געווען איינִיקע יאָר רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון אַ יידישער צייטונג אין מעקסיקע. מיט זיין אַקטיוון אָנטייל איז דאָרט געגרינדעט געוואָרן די צייטונג „די צייט" און ער איז אויך געווען פון די ערשטע גרינדער פון דער צייטונג „די שטימע", ווו ער איז אין פאַרלויף פון יאָרן געווען איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער און געדרוקט אַרטיק־לען אויף פּאָליטישע און קולטור־טעמעס און אויך אַ ריי אינטערעסאַנטע פּאָרטרעטן פון רעוואָלוציאָנערע קעמפער. ער איז געווען איינער פון די וואָרט־זאָגער פון דעם מעקסיקאַנער יידישן ישוב, געווען איינער פון די פירער פון דעם יידישן קולטור־צענטער און אויפגעטראָטן מיט רעפע־ראַטן און לעקציעס אויף פאַרשידענע טעמעס.

אייבראַמסעס פאַטאַלע קראַנקהייט.

אין 1942 האָט אייבראַמס געקראָגן אַ צעשפּאָלטענעם קאָפּ אין אַן אויטאָ־קאַטאַסטראָפע. פון דאַן אָן האָט די אייבראַמסעס אָנגעהויבן צו גיין באַרג אַראָפּ. אין 1945 האָט ער דערפילט שוועריקייטן אין האַלדז. אין אָנ־הייב האָט מען עס נישט גענומען ערנסט. די שוועריקייטן אין האַלדז זע־נען אָבער געוואָרן וואָס אַ טאָג ערגער, ס'איז אים געוואָרן שווערער צו עסן און צו רעדן. מען האָט אים באַהאַנדלט מיט שטראַלן, מען האָט אים געמאַכט צוויי אָפּעראַציעס, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. דער דאָקטאָר, וועלכער האָט אים באַהאַנדלט, האָט דערקלערט, אַז אין פילאַדעלפיער „טעמפּל אוניווערסיטי"־האָספּיטאַל געפינט זיך דער איינציקער דאָקטער, וואָס קען אים העלפן.

דורך פיל מי פון פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן אין מעקסיקע און אַמעריקע האָט די אַמעריקאַנער רעגירונג געגעבן די דערלויבעניש אייב־

פון רעכטס צו לינקס: יעקב און מערי אייבראַמס — יוסף און מאַני ספיוואַק (שוואָגער און שוועסטער פון אייבראַמסן) אין זייערע יונגע יאָרן אין ניו־יאָרק.

ראַמסן אַריינצוקומען אין שפּיטאָל מיט דעם באַדינג, אַז אַ מאַרשאַל זאָל אים באַוואַכן טאָג און נאַכט אין דער גאַנצער צייט, וואָס ער וועט זיך געפינען אויף דער אַמעריקאַנער טעריטאָריע. ער איז געקומען אין שפּיטאָל אין יוני, 1952.

נאָך דעם ווי אייבראַמס האָט פאַרבראַכט אַ שטיקל צייט אונטער דער אויפזיכט פונעם ספּעציאַליסט אין „טעמפּל אוניווערסיטי"־שפּיטאָל, האָט אויסגעזען, אַז אַלץ איז אין דער בעסטער אָרדנונג, און ער איז געפאָרן צוריק קיין מעקסיקע. שפּעטער אָבער איז די קראַנקהייט געוואָרן ערגער און ער איז געווען געצוווּנגען נאָך אַ מאָל צו קומען קיין פילאַדעלפיע. אין אַפּריל, 1953, איז אייבראַמס צום צווייטן מאָל אַנגעקומען אין שפּיטאָל. דאָס מאָל האָט ער דאָ פאַרבראַכט קנאַפּע צוויי חדשים. ער האָט זיך געפילט בעסער, זיינע פריינד אָבער האָבן געזען, אַז די ענדע קומט.

דעם ערשטן יוני 1953 איז אייבראַמס געקומען צוריק קיין מעקסיקע. פיל פריינד האָבן אים באַגעגנט אויפן לופט־פּאַרט. אייבראַמס איז געווען אין אַ גוטער שטימונג, כאָטש די טראַגעדיע איז געווען גוואַלדיק. אַ מענטש, וועלכער איז געווען געוווינט אַ לעבן לאַנג צו דיסקוטירן, צו רעדן, האָט איצט געדאַרפט טראָגן שרייב־געצייג מיט זיך און אויפשרייבן אַלץ, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, ווייל ער האָט פאַרלוירן זיין שטימע נאָך דער אָפּעראַציע אין שפּיטאָל.

אין עטלעכע טעג אַרום איז זיין לאַגע געוואָרן ערגער, און מיטוואָך, דעם 10־טן יוני, 1953, האַלב נאָך פינף פאַרנאַכט, איז יעקב אייבראַמס געשטאָרבן אין עלטער פון 67 יאָר. די גרעסטע טראַגעדיע איז זיין טויט געווען פאַר זיין איבערגעגעבנסטן פריינט און פרוי, מערי. פאַר איר איז דזשעקעלע געוואָרן איר גאָט, איר גאַנץ לעבן; צו וואָס נאָך לעבן, ווען ער איז נישטאָ? פאַר די לעצטע צוויי קריטישע יאָרן האָט זי אים באַגלייט טאָג און נאַכט, קיין מינוט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּגענומען, און איצט — נישטאָ מער יאַנקעלע!

אָט אַזוי האָט זיך דער פאַרהאַנג אַרונטערגעלאָזן איבער אַ מענטש, וועלכער האָט צו פיר יאָר פאַרלוירן זיין מוטער, איז שפּעטער פאַרוואָגלט געוואָרן פון זיין פאָטערס הויז, האָט אַרומגעוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט, פון לאַנד צו לאַנד אין אומאויפהערלעכן שטרעבן צו געבן דער מענטשהייט מער פרייהייט און אַ בעסער לעבן.

מ. רובינשטיין

י. אייבראַמס - און זיין ראָל אין דער יידישער מעקסיקע.

אייבראַמס — אַזוי האָבן אים אַלע געקענט. פשוט, אייבראַמס.

זיין פאַרנאָמען איז געווען באַקאַנט נאָר צו נאָענטע פריינט, אָבער געקענט האָט אייבראַמסן „גאַנץ מעקסיקע".

געקומען איז ער אַהער מיטן ערשטן גרעסערן עמיגראַציע־שטראָם פון אייראָפּע, דאָס ערשטע מאָל, אין די לעצטע חדשים פון 1925־סטן יאָר.

אייבראַמס, און די אומאָפּטיילבאַרע פון אים לעבנס־חברטע, מערי, האָבן דאַן געלעבט אין בערלין, וווהין זיי זענען געקומען נאָך די אַנטוי־שונגען אין דער רוסישער רעוואָלוציע, — און זיי האָבן געוואָלט זיך צוריקקערן אין די פאַרייניקטע־שטאַטן. צוליב זיינע פּאָליטישע חטאים (זע וועגן דעם אין אַנדערע אַרבעטן פון זעלבן בוך) האָט מען אַהין אייב־ראַמסן נישט אַריינגעלאָזן. איז אייבראַמס צוריק אַוועק קיין דייטשלאַנד, און געלעבט דאָרט נאָך צוויי יאָר צייט.

אין 1927־סטן יאָר קומט ער אָן צום צווייטן מאָל אין מעקסיקע און באַזעצט זיך שוין דאָ דעפיניטיוו.

דער ישוב איז נאָך דאַן געווען קליין, געציילט עטלעכע הונדערט פאַ־מיליעס, אָבער עס זענען געווען די יאָרן ווען עס איז געגאַנגען קיין מעק־סיקע (צוליב די וויזע־שוועריקייטן אין צפון־אַמעריקע) אַ גרעסערע יידי־שע עמיגראַציע פון מזרח־אייראָפּע.

דער עמיגראַנטן־עולם האָט אין יענע ערשטע יאָרן געמאַכט אַ שווערן לעבן און איז באַשטאַנען לרוב פון יונגע מענטשן; מענטשן, וואָס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער אַלטער היים, געבענקט נאָך איר און גע־בראַכט פון דאָרט די וואַרימקייט און דעם שטייגער פון היימישן לעבן; מען איז געווען אָנגעהויכט מיט אידעאַלן און מיט בענקשאַפט און אין דער נייער וועלט האָט מען זיך נאָך געפילט אומבאַהאָלפן און פרעמד, קוים זיך

פאַרשטענדיקט אויף דער נייער שפּראַך און נישט געוווסט נאָך ווי און צי מ׳וועט זיך אין דער מעקסיקע קענען איינאָרדנען. עס האָט געוויט מיט עלנט און איינזאַמקייט, אָבער אויפן ביישפּיל פון די ערשטע אַרויפגעאַר־בעטע עמיגראַנטן האָט מען געבויט האָפנונגען אויף אַ בעסערער צוקונפט.

אין דער רויקייט און איינזאַמקייט פון ערשט אויפגעשפּראָצטן ישוב האָט מען זיך געטוליעט איינער צום אַנדערן, זיך געזאַמלט אין די אָוונטן אין די פּאָר קלובן וואָס זענען שוין געווען (אויף טאַקובאַ און פּאַלמאַ, אויף באָליוואַר און סינקאָ דע מאַיאָ) און געחלומט חלומות...

דאָס באַווייזן זיך פון אייבראַמסן אין דער דעמאָלטדיקער יידישער מעקסיקע (אין 1927) איז געווען אַ געשעעניש. עס איז געקומען אַ מענטש מיט געזעלשאַפטלעכער שוואונג, מיט אַ פּאָליטישן באַגאַזש הינטער זיך, מיט שפּרודלדיקער געז. ענערגי — און אַ רעדנער דערצו!

שוין זיין הולך האָט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט.

אייבראַמס דער אַנאַרכיסט און רעוואָלוציאָנערער גייסט האָט נישט געהאַלטן פון קיין קאָנווענציאָנאַליזמען, האָט ער אין זיין קליידונג אויך אויסגעזען אַנדערש. ער האָט געטראָגן אַ קורץ רעקל, ברייטע גרויסע שיך, אַ טונקעלן הוט און נישט קיין קראַוואַט, נאָר אַ שוואַרצן שלייף...

זיין טראָט איז געווען אַ גיכער און ער איז שטענדיק געווען אין באַ־וועגונג; אַן אומרו האָט אים געטריבן און ער איז מיטן דאָזיקן אומרו אַריין אין דער יידישער מעקסיקע פון ערשטן טאָג אָן. ער האָט גיך גע־פונען פריינט אין דער דאַן שוין עקזיסטירנדער ראַדיקאַלער גרופּע און איז איבערנאַכט געוואָרן איר פּראַמאָטאָר און איינער פון אירע אָנפירער; דורך אָט דער גרופּע און דעם שוואונג אין אים האָט ער אויך געגומען ווירקן אין די אַנדערע קרייזן (אין „יאָנגמען" — שפּעטער קולטור־צענטער), און גיך האָט מען זיך דערוווסט, אַז אייבראַמס איז אַן אָראַטאָר, אַ מאַסאָוויק, ער קען „נעמען דעם עולם" — און ער ווערט דער ערשטער רעדנער אויף פאַרזאַמלונגען, האַלט רעפעראַטן, און נעמט דער ערשטער אַ וואָרט ביי מיטינגען.

אייבראַמס דערוועבט זיך גלייך פריינט אין דעם נייעם ישוב און איז מיט אַלעמען „פּאַני בראַט". זיין ערשטע באַשעפטיקונג אין דעם נייעם לאַנד איז גאָר אַ פאָטאָגראַפישער אַנשטאַלט. זיין אייגנטלעכער פאַך איז איינבינדעריי אָדער דרוקעריי, אָבער וווּ טויג אין מעקסיקע אַ פאַך? אַז אַלע זענען געוואָרן פריער פעדלער און דערנאָך הענדלער און פאַבריקאַנט־לעך. אייבראַמס, אָבער, האָט שוין „דורכגעמאַכט אַ וועלט", ער האָט איז מאָסקווע אָנגעפירט מיט דער קראָפּאָטקין־דרוקעריי (אין די פּאָר האָניק־יאָרן נאָך דער רעוואָלוציע, ווען די אַנאַרכיסטן און אַנדערע רעוואָלוציאָ־

נערע ריכטונגען זענען נאָך נישט שטאַרק פאַרפּאָלגט געוואָרן דורכן קאָמ. רעזשים), אָרגאַניזירט די ערשטע מעקסיקאַנישע וועשעריי אין רוסלאַנד, און אויך אין דייטשלאַנד געהאַט צו טאָן מיט ענלעכע אונטערנעמונגען. פאָטאָגראַפיע איז זיינס אַ באַליבט געביט און פון אַן אַמאַטאָר ווערט ער אַ פאָטאָגראַף. (נאָך היינט עקזיסטירט די פאָטאָגראַפיע „ראַדין״, וואָס אייבראַמס האָט געגרינדעט).

אייבראַמסעס פאַך־בלוט איז אָבער דרוקעריי. ער איז אַ ספּעציאַליסט אין דרוק־זאַכן און האָט ליב צו זען דאָס דערשיינען פון ביכער און בראָשורן אונטער זיין געניטער פאַכמענישער אויג. ווערט ער גאָר גיך אַ דרוקעריי־אייגנטימער אין מעקסיקע, און ווי יעדע אונטערנעמונג שאַפט ער זי מיט אַ שותף. אייבראַמס האָט געהאַט אַ שוואַכקייט צו שותפותדיקער מיטאַרבעט, ווייל די געשעפטלעכע זייט פון אַן אונטערנעמונג איז אים געווען פרעמד. ער האָט געקענט, און ליב געהאַט, אָרגאַניזירן און אַוועקשטעלן בייע אָפּטיילונגען, מאָנטירן מאַשינען, בויען אַרבעטס־צימערן, איבערשטעלן, איבעראַנדערשן, מאָדערניזירן און ער האָט אָט דער „מאַגיע״ געשאָנקען פיל אַקטיוויטעט. איז פון אַ קליינער דרוקעריי געוואָרן אַ גרויסע און שפּעטער אַ גרעסערע; האָט מען געדרוקט ביכער און צייטונגען, און דאָ האָט אייבראַמס געפונען אַן אָרט זיך אויסצולעבן אויך דורכן געדרוקטן וואָרט. אויב ער האָט אַליין קיין סטיליסטישן יידיש נישט געשריבן, האָט עס נישט אויסגעמאַכט; קלאָגן האָבן זיין פּאָלעמיקן שרייבן סטיליזירט. און סיי אין זיין רעדן ווי אין זיין שרייבן איז אייבראַמס געווען פּאָלעמיק, ברויזנד, שטורעמדיק.

אייבראַמס האָט זיין באַשעפטיקונג נישט באַטראַכט פאַר קיין ציל. איז געווען פון דעם אויפן לעבן — איז שוין גוט געווען, און זיין גאַנצער געדאַנק, זיין גאַנצע פרייע צייט האָט ער אָפּגעגעבן פאַר געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

נישט זייענדיק פריער באַקענט מיטן יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, (ווי ס'איז צו זען פון די אַרבעטן פון זיין חבר און שוואָגער ספּיוואַק און פון מאַלי סטיינער), האָט ער זיך מיט אים פאַרבונדן ערשט דאָ אין מעקסיקע. און אייבראַמס איז געווען פון די מענטשן וואָס האָט געהאַט אין זיך גלויבן — ער האָט „אַלץ געקענט״. האָט ער געהאַלטן רעפּרעזאַטן אויף פּאָליטישע טעמעס, אָדער גאָר גערעדט וועגן „פרייע ליבע״ אָדער געשלעכט־פראַגן. דער יונגער עמיגראַנטן־עולם האָט געשלונגען דאָס גערעדטע וואָרט און בלויז געציילטע זענען געווען וואָס האָבן עס אים געקענט געבן. אין יענע צייטן (אין אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן) האָט אייבראַמס געצויגן פולע זאַלן מיט צוהערער, און מיר געדענקען נאָך אַז סוף 1935, ווען אייבראַמס איז געקומען פון אַ רייזע אין אייראָפּע, איז אין די זאַלן אויף טאַקובאַ 15 ביי זיין גרוס־רעפּעראַט געווען אַזוי געפּאַקט, אַז די „גאַנצע שטאָט״ איז אים געקומען הערן.

אײבראַמס איז געװען פֿון די כּלל־טוער װאָס האָט געטאָן אַלץ; אַז מ'האָט געדאַרפֿט שפּילן טעאַטער, איז ער געװען דער בינע־מײסטער און אַ סטאַטיסט; מיט יוגנטלעכע האָט ער ערגיץ אין אַ פּאַרװאָרפֿן געװעלב פּרײטיקצונאַכט געפֿירט סאָציאַל־װיסנשאַפֿטלעכע שמועסן און געגעבן לעקציעס פֿון פּאָליטישער עקאָנאָמיע; עס זענען דאָ אין דער ייִדישער מעקסיקע כּלל־טוער פֿון ייִנגערן דור, װעלכע זענען דאַן געװען זײַנע צוהערער און פֿאַרערער.

בכּלל האָט אײבראַמס אין דעם ערשטן צענדליק יאָר פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקײט געהאַט אַ גרױסע צאָל פֿאַרערער און אין די אָרגאַניזאַציעס אין װעלכע ער איז טעטיק געװען, האָט ער שטענדיק געפֿונען פֿון פֿיל סימפּאַטיע פֿאַר זײַן איבערגעבנהײט צו כּלל־זאַכן און דער אומאײגננוציקײט מיט װעלכער ער האָט זײ געטאָן. דאָס האָט אים שױן פֿון אָנהײב־אָן געשאַפֿן אַ נאָמען פֿון אַן אמת־און־יושר־זוכער, און מען פֿלעגט זיך צו אים װענדן װען נאָר ס'איז עמיצן געשען אַן עװלה.

אײנע פֿון די כאַראַקטעריסטישסטע פּאַסירונגען איז געשען װען מען האָט אױפֿן ייִדישן בית־החיים נישט געװאָלט מקבר זײַן אַ קינד פֿון אַן אָרימער פֿאַמיליע, װאָס האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן קײן קבֿורה־געלט; האָט אײבראַמס אױפֿגעהױבן אַ שטורעם און אַ „קאַמף" קעגן „אָפּגעשטאַנענעם קלעריקאַליזם" פֿון די בעלי־טאַקסע און ער האָט דעם קאַמף געװוּנען... דאָס איז געװען די ערשטע רעאַקציע קעגן דעם אַלטמאָדישן אופֿן פֿון חבֿרה־קדישא'ס, און דער עולם האָט געהאַלטן מיט אײבראַמסן, פֿאַרשטײט זיך.

שױן גלײַך נאָך זײַן אָנקום אין מעקסיקע האָט אײבראַמס מיטן רעװאָלוציאָנערן ברען זײַנעם פֿאַראורזאַכט אַ... באָיקאָט קעגן „יאַנגמען"; עס איז געװען בעת דעם פּראָצעס אין די פֿאַר. שטאַטן קעגן סאַקאָ־װאַנזעטי, איבער װעלכע עס איז דורכגעפֿירט געװאָרן אַ טױט־אורטײל; האָט מען געװאָלט אײַנאָרדנען אַ פּראָטעסט־מיטינג אין „יאַנגמען" מיט אײבראַמסן אַלס רעדנער; און די פֿאַרװאַלטונג האָט נישט געװאָלט געבן דעם לאָקאַל; איז געװאָרן אַ מחלוקת און מ'האָט... פֿאַרבאָטן אײבראַמסן אַרײַנקומען אין לאָקאַל; האָט די ראַדיקאַלע גרופּע דערקלערט אַ באָיקאָט און ס'איז געװען הײמלעך אין שטעטל. דער עולם איז דאָך דאַן געװען ייִנגער און היציקער, האָט מען געקעמפֿט און לסוף אױסגעקעמפֿט די רעכט פֿון לאָקאַל פֿאַר אַלעמען.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז געװען אײבראַמסעס אַרבעט אױפֿן געביט פֿון באַקעמפֿן דעם נאַציזם, פֿון מעקסיקע אױס, װאָס איז געװען פֿאַקטיש די ערשטע אַנטי־דיפֿאַמאַציע אַרבעט אין מעקסיקע.

גלײַך נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט אין דײַטשלאַנד, אין יאָר

1933, ווען פֿאַשיסטישע פּראָפּאַגאַנדע האָט זיך צעטראָגן איבער דער וועלט, האָט אייבראַמס געגרינדעט אַן „אַנטי־פֿאַשיסטישן קאָמיטעט"; עס איז דורך אים אָנגעפֿירט געוואָרן אַן אַגיטאַציע צו באָיקאָטירן סחורות פֿון נאַצי־דײַטשלאַנד און עס איז געפֿירט געוואָרן אַ גרויסע אַנטינאַצישע אויפֿקלערונגס־אַרבעט. דער קאָמיטעט האָט אַרויסגעגעבן אייניקע מאָל אַ גרויסן זשורנאַל א. נ. „אין קאַמף" (רעדאַקטירט דורך סאַלאָמאָן קאַהאַן); עס זענען צוגעצויגן געוואָרן צו דער טעטיקייט מעקסיקאַנישע און שפּאַנישע טוער פֿון סאָציאַליסטישן לאַגער און עס זענען געזאַמלט געוואָרן פֿאָנדן צו שטיצן דעם אַנטי־נאַצי־קאַמף אין אייראָפּע. מיט אָט דער פֿאַרצווייגטער טעטיקייט האָט אָנגעפֿירט אייבראַמס און זײַן אַרבעט אויף דעם געביט איז געוואָרן באַקאַנט אויף דער אַלגעמיינער גאַס. אין 1935 האָט אייבראַמס באַקומען אַנאָנימע בריוו, מסתמא פֿון רעאַקציאָנערע קרײַזן, אַז „מען וועט זיך מיט אים אָפּרעכענען". עס איז געוואָרן אַביסל צו הייס אַרום דעם אַנטיפֿאַשיסטישן קאָמיטעט און חברים און פֿרײַנט האָבן געראָטן אייבראַמסן צו מאַכן אַ רייזע אין אייראָפּע, ביז די אָנגעגליטע שטימונג וועט אַריבער. אייבראַמס און מערי זענען דאָן, סוף־זומער 1935 אַוועקגעפֿאָרן אויף אַ באַזוך אין אייראָפּע; זיי זענען געווען אין ליטע און פּוילן, דורכגעפֿאָרן אינקאָגניטאָ דײַטשלאַנד און זיך אָפּגעשטעלט אין פּאַריז, פֿראַנקרײַך. אין דעצעמבער פֿון זעלבן יאָר קומט אייבראַמס צוריק קיין מעקסיקע און וואַרפֿט זיך אַרײַן מיטן גאַנצן ברען אין דער געזעלשאַפֿטלעכער טעטיקייט.

אָנהייב 1936 ווערט געפֿייערט אייבראַמסעס 50־יאָריקער געבוירן־טאָג און דער יום־טוב פֿאַרוואַנדלט זיך אין אַ מאַניפֿעסטאַציע פֿון פֿאַרערונג פֿון אַלע ראַדיקאַלע קרײַזן און גאַנצן ישוב פֿאַרן געשעצטן כלל־טוער. אייבראַמס איז דאָן אויפֿן זעניט פֿון זײַן געזעלשאַפֿטלעכער קאַריערע און ער איז פֿול מיט פּלענער פֿאַר ווײַטערער טעטיקייט.

עס ברעכט אויס דער בירגער־קריג אין שפּאַניע און אייבראַמס שטעלט זיך בראש פֿון אַ טעטיקייט צו העלפֿן די רעפּובליקאַנער קעגן די פֿראַנקאָפֿאַשיסטן. עס דערשײַנט שוין דאָן די געזעלשאַפֿטלעכע צײַטונג „די צײַט", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן בײַ אייבראַמסן אין הויז און לויט זײַן איניציאַטיוו, ווי אַן אָרגאַן פֿון דער ראַדיקאַלער און אינטעלעקטועלער ייִדישער מעקסיקע. דורך דער צײַטונג, וואָס עס האָט רעדאַקטירט משה רובינשטיין, פֿירט אייבראַמס אַן אויפֿקלערונגס־אַרבעט שרײַבנדיק אויף פֿאַרשידענע טעמעס; אויף דער ייִדישער גאַס ווערן באַקעמפֿט די בײַזוויליקע האַנדלונגען און אַנטימאָראַלישקייט, ווי עס איז נאָך געטאָן געוואָרן פֿריער אין דעם זשורנאַל „מעקסיקאַנער ייִדיש לעבן" (אויך בײַ דער מיטגרינדונג פֿון אייבראַמסן), און אין אַלגעמיין ווערט אָנגעפֿירט אַן אויפֿקלערונג קעגן וואַקסנדן פֿאַשיזם, פֿאַר פֿרײַהייט און דעמאָקראַטיע און קעגן דער דראָענדער קריגס־געפֿאַר.

װען אין 1938 הײבן־אָן קומען אַהער מאַסן שפּאַנישע רעפּובליקאַנער אַלס פּאָליטישע פּליטים, שטײט שױן אײבראַמס בראש פון אַן „אינטער־נאַציאָנאַלן קאָמיטעט", אין װעלכן עס אַרבעטן־מיט ײדן, מעקסיקאַנער, שפּאַניער און אַמעריקאַנער, צו שטיצן יענע אַנטיפאַשיסטישע עמיגראַנטן, װאָס װערן דורך פאַרטײ־דיקטאַטורן פאַרפאָלגט. אין יענער צײט קומען אױך אָן אַ היפּשע צאָל ײדישע עמיגראַנטן און עס בילדעט זיך אױס אַ קאָמיטעט זײ אױפצונעמען בײ דער האַנדלס־קאַמער (פון װעלכן עס איז שפּעטער אַרױסגעװאַקסן דער צענטראַל־קאָמיטעט); בעת עס פלעגט אָנ־קומען אַ צאָל עמיגראַנטן, צװישן זײ אַנטלאָפענע פון נאַציזם, האָט מען פאַר זײ אױף טאַקובאַ 15 צוגעגרײט אַן אױפנאַמע און געטײלט זײ... בול־קעס מיט טײ. אײבראַמס פּראָטעסטירט קעגן אַזאַ מיזערנער פילאַנטראָ־פּישער באַהאַנדלונג און פאָדערט אַ בעסערע באַציאונג צו זײ; אין אַ גע־װיסער מאָס איז אַ דאַנק דעם די אױפנאַמע און די ערשטע הילף פאַר די עמיגראַנטן אָװעקגעשטעלט געװאָרן אױף אַ בעסערן סאָציאַלן יסוד.

אַזױ איז אײבראַמס געװען טעטיק סײ אין ײדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און סײ אין אַלגעמײן־פּאָליטישע אַקטיװיטעטן; סוף 1937 קומט קײן מעקסיקע טראָצקי און אײבראַמס זעט אין אים דעם גרעסטן פּאָליטישן עמיגראַנט; זײ באַקענען זיך דאָ און װערן פרײנט. כאָטש ער איז נישט אײנשטימיק מיט טראָצקיס אולטראַ־רעװאָלוציאָנערע שטעלונגען צו דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטיק און װעלט־פראַגן, העלפט ער אים אין זײן אַזיל־לעבן. אײבראַמס איז פון לאַנג געװען באַקאַנט מיטן באַרימטן מעק־סיקאַנישן מאָלער דיעגאָ ריװעראַ, װעלכער האָט אַלס טראָצקיס אַנהענ־גער צו יענער צײט אױסגעפּועלט דאָס אַזיל־רעכט פאַר לענינס חבר אין מעקסיקע. אין אײנעם אַ טאָג האָט טראָצקי, װעלכער האָט געלעבט פון דער טאַנטיעמע פון זײנע ביכער און װעכנטלעכע אַרטיקלען אין דער „טײמס" אין ניו־יאָרק, געשיקט רופן אײבראַמסן אין זײן אָפּגעשלאָסענער דירה אין קאָיאָאַקאַן, און זיך פאַר אים פאַרטרױט, אַז ער איז געבליבן אָן מיט־לען און נױטיקט זיך אין אַ הלװאה. טראָצקי האָט דערװאַרט מיט דער צײט צו באַקומען געלט פון די פאַרלאַגן אין אײראָפּע און אַמעריקע, װאָס האָבן געדרוקט זײנע װערק און אײבראַמס האָט פאַר דעם „װעלט־איבער־קערער" געשאַפן אַ באַדײטנדע סומע, גאַראַנטירנדיק פאַר דעם אַז טראָצ־קי װעט עס אומקערן גאָר גיך מיט אַ דאַנק. אַזױ איז טאַקע געװען. טראָצ־קי האָט מיט אײבראַמסן אָנגעהאַלטן די פרײנטשאַפט ביזן לעצטן טאָג פון זײן לעבן און אױף זײערע צוזאַמענטרעפן אין קאָיאָאַקאַן האָבן זײ געפירט זײער געשמאַקע דיסקוסיעס. פון יענער צײט זענען אונז באַקאַנט אַ רײ טשעקאַװע פּרטים פון טראָצקיס לעבן אין מעקסיקע, װעלכע עס איז דאָ נישט דאָס אָרט צו דערצײלן. אױף אײן טשעקאַװן פאַקט, װאָס איז פאַר־בונדן מיט אײבראַמסן איז זיך כדאַי אָפּצושטעלן.

אין די אױטאָביאָגראַפישע פאַרצײכנונגען װעלן די לײענער געפי־

נען וועגן דעם וואָס פּאַר אַ ווייטע באַציאונגען אייבראַמס האָט זינט זיין אַוועקפאָרן פון רוסלאַנד קיין אַמעריקע געהאַט מיט זיין פאָטער. פון מעק־סיקע האָט אייבראַמס מיט זיין טאַטן כמעט נישט קאָרעספּאָנדירט. דער אַלטער אַבראַמאָווסקי האָט געלעבט זיינע לעצטע יאָרן אין קיעוו און ער איז שוין געווען גאָר אַן אַלטער מאַן, ווען אייבראַמס האָט סוף 1938 באַ־קומען פון אים אַ בריוו אין רוסיש, מיט זייער אַ כאַראַקטעריסטישן אינ־האַלט. דער אַלטער פאָטער שרייבט אים, אַז ער איז שוין אַ זייער אַלטער מענטש און ער האָט צו אים, צו זיין זון, איין־איינציקע ביטע: אַזויווי ער האָט געהערט, אַז אין מעקסיקע געפינט זיך דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנער לעוו דאַווידאָוויטש טראָצקי, איז אויב ער וויל אָנטאָן דעם טאַטן נחת און ער זאָל קענען רואיק שטאַרבן, בעט ער אים, אייבראַמסן, אַז ער זאָל „אָפּראַמען" טראָצקין...

אייבראַמס האָט דעם בריוו ־געוויזן טראָצקין און „לייבעלע" האָט זיך הילכיק צעלאַכט פון דעם איינפאַל; — אָט צו וואָס די „עפּיגאָנען" זענען דערגאַנגען, האָט ער געזאָגט, עס איז רעכט אויסצונוצן אַן אַלטן מאַן פאַר דער גרויסער פּאָליטישער מאָרד־מלאכה, האָט ער געזאָגט. עס איז דאַן געווען די צייט פון דער צווייטער „טשיסטקע" אין סאָוו. רוסלאַנד, ווען מען האָט געמשפּט פּיאַטאַקאָוון און די אַנדערע קאַמ. פירער, און טראָצקי איז שוין לאַנג געווען ביי סטאַלינען „אויפן צעטל". אייבראַמס האָט אים אין אונזער אָנוועזנהייט דאָס אַמאָל דערמאָנט, אָבער טראָצקי האָט עס גע־נומען לייכט, צו לייכט. דער שפּעטערער סוף איז באַקאַנט.

* * *

אייבראַמס האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן פאַרן געדרוקטן יידישן וואָרט אין מעקסיקע. אין זיין דרוקעריי האָט ער אַרויסגעוויזן מער אינ־טערעס אין דרוקן אַ יידישן זשורנאַל אָדער צייטונג, ווי אין די אייגנט־לעכע דרוק־געשעפטן. אין אָנהייב 1939 יאָר איז ער צוזאַמען מיטן מחבר פון די שורות און זיין שותף ה' ש. מינדלין געווען אַ מיטגרינדער פון „די שטימע". ער האָט אַ צאָל יאָרן פאַרעפנטלעכט אין דער צייטונג וועכנט־לעכע אַרטיקלען אויף פּאָליטישע טעמעס און רעאַגירט אויף לויפנדע גע־זעלשאַפטלעכע פראַגן. אַ באַליבטע טעמע איז ביי אים געווען אויסצוטריי־בערן די סטאַליניסטישע פּאָליטיק, באַזונדערס אין דער צייט פון דעם סטאַלין־היטלער אָפּמאַך, און זייער פיל האָט ער געשריבן קעגן נאַציזם און היטלעריזם. ער האָט אין דער ערשטער צייט פאַרזען די צייטונג מיט קאַריקאַטורן פון אַ פּאָליטישן כאַראַקטער און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרעפנטלעכט פיל דערמוטיקנדע אַרטיקלען וועגן אומפאַרמייד־לעכן סוף און דער מפּלה פון נאַציזם און דער פאַשיסטישער „אַקס".

ווען עס זענען אָנגעקומען די ערשטע ידיעות וועגן די נאַציסטישע שחיטות איבער יידן אין פוילן און אייראָפּע, האָט עס אייבראַמסן אויפגע־

רודערט. אין דעם ערשטן קאַמפּיין־קאָמיטעט צו ראַטעווען די פּוילישע יידן איז ער געווען דער קאָמיסאַר, און עס האָט אים, דעם אמתן פריידענקער און אַנטי־קלעריקאַל נישט געאַרט מיטצואַרבעטן מיט עלעמענטן פון דעם אָרטאָדאָקסישן לאַגער, ווייל הילף און רעטונג פאַר געליטענע האָט ער גע־שטעלט העכער פאַר אַלץ.

במשך פון דער קריג האָט אייבראַמס ממש געפיבערט מיט די שפּאַ־נענדע געשעענישן; ער פלעגט ביז שפּעט אין דער נאַכט אָפליגן אויף זיין בעטל צוגעשמידט צו דער ראַדיאָ און פאַרטאָג אַראָפּגיין כאַפּן די ערשטע צייטונגען מיט נייס פון די מלחמה־פראָנטן.

אויפן גאַס, אין קאַפע, אין די לאָקאַלן און ביי אַלע צוזאַמענקונפטן איז אייבראַמס שטענדיק געווען דער צענטער פון פּאָליטישע שמועסן, און אַפילו דורכן טעלעפאָן האָט ער געפירט דיסקוסיעס, דעבאַטירט און דער־קלערט, און הונדערטער פריינט האָבן זיך צו אים מיט דרך־ארץ צוגעהערט.

אייבראַמס איז אַזוי געווען געשפּאַנט זיך צו דערוואַרטן אויף דער מפּלה פון היטלעריזם, אַז אין יעדער נייס און אומוואַרשיינלעכער אָנדיי־טונג האָט ער געזען אַ סימן פונם „אָנהייב פון סוף". איין טאָג, דאָס איז געווען אינם צווייטן מלחמה־יאָר, זענען מיר אַ גרופּע פריינט געווען אויף אַ זונטיקדיקן שפּאַציר מיט אייבראַמס און מערי אין „אַלאַמעדאַ", איז שטאָטישן גרויסן גאָרטן. קעגנאיבער, אויף דער גאַס הידאַלגאָ, האָט מען אויסגעקלעפּט גרויסע אַפישן עפּעס פון אַ פירמע, מיט קידוש לבנה אותיות: „מאַטאַראָן אַ היטלער!" (היטלער איז געטויט געוואָרן!).

אייבראַמס האָט זיך דער ערשטער אַ לאָז־געטאָן איבערן גאַס צו ליי־ענען דעם טעקסט פון אַפיש און מיר נאָך אים. פון איבערראַשונג האָט ער די קלענערע שריפט נישט געקענט לייענען און ער האָט אָנגעהויבן טאַנצן אינמיטן גאַס פון פרייד און זיך מיט יעדן פון אונז אַרומגעכאַפּט, ווי ביי דער גרעסטער שמחה. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען דאַן אַ טאָג אין דעצעמבער חודש, ווען אין מעקסיקע איז דער „דיאַ דע לאָס אינאָסענטעס" (עלעהיי, דער 1־טער אַפּריל), ווען מען מעג אין גוטן מוט אָפּנאַרן איינער דעם אַנדערן. און די פירמע האָט מיטן אַפיש געמאַכט אַ וויץ און צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון עולם.

צו אייבראַמסעס אַנטוישונג איז נישט געווען קיין גלייכן; אָבער מיר האָבן זיך געטרייסט, אַז גיך וועט דער געשמאַקלאָזער וויץ זיין ערנסטע ווירקלעכקייט — און עטלעכע יאָר שפּעטער האָבן מיר צוזאַמען מיט אייבראַמסן דאָס דערלעבט. ליידער, האָבן מיר אַלע אינצווישן פאַרלאָרן אונזערע טייערסטע צווישן די זעקס מיליאָן יידישע קרבנות פון בלוטיקן נאַציזם.

אינמיטן דער מלחמה האָט זיך אייבראַמס דערוווּסט, אַז צווישן די

אינטערנירטע אין מעקסיקע דייטשן, אין פּעראַטע, געפינען זיך אַ צאָל אַנטיפאַשיסטישע דייטשן; ווי דער פאָרזיצער פון אינטערנאַציאָנאַלן קאָמי־טעט קעגן פאַשיזם, האָט אייבראַמס אינטערווענירט ביי דער מאַכט, גע־קראָגן די הילף פון דער ס.ט.מ. און איז אַליין געפאָרן קיין פּעראַטע און אויסגעפועלט די באַפרייאונג פון די דייטשע אַנטיפאַשיסטן. שפּעטער זע־נען אייניקע פון זיי צוריקגעפאָרן קיין דייטשלאַנד און האָבן ווי אַנטי־נאַציס פאַרנומען הויכע אַמטן סיי אין מערב־טייל פון דייטשלאַנד און סיי אין דעם מזרח־טייל. צווישן דער גרופּע אַנטי־נאַציס זענען געווען סיי סאָ־ציאַליסטן און סיי קאָמוניסטן, אָבער כדי צו באַפרייען אומשולדיקע נאַצי־קרבנות האָט אייבראַמס צווישן זיי קיין אונטערשייד נישט געזען.

אין די קרייזן פון די שפּאַנישע רעפּובליקאַנער פּליטים האָט אייבראַמס גענאָסן פון גרויס אָנזען; ער האָט מיטגעאַרבעט מיט די אים אידייאיש נאָענטע אַנאַרכיסטן פון דער „סעענעטע", מיט די סאָציאַליסטישן גרופּן; — געהאָלפן שאַפן פאַר זיי שטיצע און אַרבעט — אַזויווי ער האָט עס געטאָן מיט די סאָציאַליסטישע קרייזן דורך באַטייליקן זיך אין דער הילפס־אַרבעט פאַרן אַרבעטער־קאָמיטעט און די הילפס־גרופּן פאַר פּליטים אַרום דער „פרייער אַרבעטער שטימע" אין ניו־יאָרק.

אייבראַמס האָט אויך געהאָלפן אַראָפּצוברענגען קיין מעקסיקע פון דעם אייראָפּעאישן גיהנום אייניקע חברים און פריינט, און פיל פלעגן זיך צו אים ווענדן נאָך הילף און שטיצע ביים איינאָרדנען זיך אין דעם נייעם לאַנד; ער האָט פאַר יעדן געפונען צייט און אַ גוט וואָרט, און געהאָלפן מיט ראַט און טאַט, ווען און ווו ער האָט נאָר געקענט.

אין זיין געזעלשאַפטלעכער אַרבעט איז אייבראַמס געווען נישט אי־בערקלייבעריש, ווייל ער האָט געגלויבט מיט תמימות, אַז וויבאַלד ער מיינט דאָך גוט, איז דאַרף מען טאָן אַלץ וואָס עס לאָזט זיך. איז דעריבער געווען נאַטירלעך, אַז מען זאָל אים אָפט האָבן שלעכט פאַרשטאַנען און אַפילו אין זיין אייגענער סביבה קריטיקירט. אייבראַמס איז געווען אַ מענטש וואָס האָט זיך לייכט געלאָזט באַאיינפלוסן; ער האָט געגלויבט מענטשן און נישט אַלעמאָל אָנגעטראָפן אויף אויפריכטיקייט. ער האָט גע־מאַכט צוליב דעם טעותן, אָבער מען פלעגט עס אים מוחל זיין, ווייל מ'האָט געהאַלטן אַז ער מיינט ערנסט וואָס ער טוט. זיין אַמאָליקן רעוואָלוציאָנערן פייער האָט ער אָפטמאָל אויסגעלאָדן ביי לאָקאַלע געזעלשאַפטלעכע קאַמפן און עס האָט זיך אַמאָל באַקומען אַן איבערטרייבונג, אַזוי־צו־זאָגן. אַזוי, למשל, איז עס געווען מיט זיינע אַרויסטריטן פאַר די רעכט פון יחיד, בעת מ'האָט אַמאָל ביי אַ קאַמפּיין אויסגערופן עפנטלעך די נעמען פון אייניקע וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט בייצושטייערן. אייבראַמס האָט עס געהאַלטן פאַר אַן אָנגריף אויף די רעכט פון יחיד און ער האָט אין וואָרט און שריפט באַקעמפט יעדן מין אַרויפצווינגען אויף אַנדערע האַנדלונגען, וואָס זענען

נישט אין איינקלאַנג מיט זייער אופן פון טראַכטן. עס איז אים נישט געגאַנגען אין פאַרטיידיקן די נישט־ריכטיקע האַנדלונגען פון אַ יחיד, אָבער, ער האָט געוואָלט אַז דער כלל זאָל צוליב דעם נישט נכשול ווערן מיט האַנדלונגען וואָס קענען שטעלן אונטער אַ פראַגע־צייכן די פרייקייט פון דער געזעלשאַפט.

אַרום דעם קאָנקרעטן ענין זענען געווען מיינונגס־פאַרשידנקייטן; מען האָט זיך געפלפולט צי מען מעג יאָ אָדער נישט אָננעמען דראַסטישע שריט קעגן פורשים מן הצבור, אָבער מ׳האָט געוווסט, אַז אייבראַמס האָט אויך אין דעם פאַל געמיינט ערנסט מיט זיין שטעלונג, ווייל „קאַמף פאַר פרייהייט רעכט פון יחיד" איז ביי אים געווען אַן איינגעבוירענע מידה פון די צייטן פון זיין אַנאַרכיסטישער טעטיקייט, פאַר וועלכער ער האָט באַצאָלט מיט יאָרן תפיסה, (וועגן דעם זענען דאָ אַרבעטן אין בוך).

עס איז געווען נאַטירלעך אַז י. אייבראַמס זאָל אין זיין פאַרצווייגטער טעטיקייט אויך האָבן טעותן; ער איז געווען אַ שטערבלעכער ווי אַלע און געהאַט זיינע מעלות און חסרונות. אייבראַמס אַליין וואָלט נישט געוואָלט מען זאָל אויף אים זאָגן, אַז ער האָט נישט געהאַט קיין מענטשלעכע שוואַכקייטן, אָדער באַצייכענען אים ווי אַ הייליקן. אונז איז אויסגעקומען פיל יאָרן מיט אים טעגלעך זיך צו טרעפן און מיטאַרבעטן, און מיר זענען אַפילו די לעצטע צייט פאַר זיין פטירה נישט געווען שוה בשוה, אַזוי צו זאָגן. אָבער שטענדיק איז ביי אונז, ווי ביי כמעט אַלע באַקאַנטע, פריינט און חברים פון אייבראַמסן, געווען און געבליבן אַ פיעטעט צו אים, ווייל אין מערסטנטייל האָט אייבראַמס מיט ערנסטקייט און איבערגעבנהייט זיך באַנומען צו געזעלשאַפטלעכע ענינים — און אַלע האָבן עס אין אים אָפגעשאַצט.

אייבראַמס האָט נישט פאַרמאָגט אין זיך קיין שמץ פון ענגן נאַציאָנאַליזם; זיין דערציאונג און זיין גאַנץ לעבן האָבן אים געהאַלטן ווייט פון דעם. ער איז געווען בטבע אַן אינטערנאַציאָנאַליסט — און גלייכצייטיק אַ מענטש מיט אַ וואַרים יידיש האַרץ — אַ הומאַניסט און מיטפילער צו אַלע מענטשלעכע ליידן. בעת ער האָט זיך, אין די יאָרן פון דעם קאַמף אין ארץ־ישראל קעגן דער ענגלישער קאָלאָניאַלער מאַכט, באַקענט נענטער מיט דער ליטעראַטור וועגן דער חלוצישער באַוועגונג, האָט עס צו זיין טרייד־יוניאָניסטישער איינשטעלונג און סאָציאַלן טרוים פון קאָמונאַלן לעבן שטאַרק אַפעלירט. ער האָט זיך אויסגעדריקט מיט באַוווּנדערונג פאַר די קיבוצים אין ישראל און אַפילו געשריבן וועגן דעם. ווי אַן אַמאָליקער אַנאַרכיסט האָט ער קיין שום „מלוכה־אינטערעסן", פאַרשטייט זיך, נישט געהאַט.

אייבראַמס האָט פיל געלייענט פאָליטישע ליטעראַטור און פאַרמאָגט

אַ רייכע ביבליאָטעק, פריער אין ענגליש און שפּאַניש, און שפּעטער אויך אין יידיש. אַלע מענטשלעכע פּראָבלעמען זענען אים געווען נאָענט, און זיין יום־טוב איז געווען — דער יום־טוב פון אַרב. קלאַס, דער ערשטער מאַי. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרפעלט צו שרייבן אַ יום־טוב׳דיקן אַר־טיקל וועגן די „שיקאַגער מאַרטירער״ און דערביי אויסגעדריקט דעם גלויבן אין אַ וועלט פון סאָציאַלן יושר און גערעכטיקייט וואָס מוז קומען.

אין דער יידישער מעקסיקע איז אייבראַמס געווען אַן אייגנאַרטיקע פיגור. ער איז דאָ נישט געווען אויף זיין פּלאַץ און האָט זיך בעל־כרחך באַשעפטיקט נישט מיט דעם וואָס איז אים געווען ליב. האָט ער זיך גע־זוכט אויסצולעבן אין דער געז. קולטורעלער אַטמאָספער וועלכע ער האָט מיטגעהאָלפן צו שאַפן, און אין דעם געפונען זיין לעבנס־אינטערעס.

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז אייבראַמס באַזונדערס געווען אַקטיוו אין דער פאַרוואַלטונג פון יידישן קולטור־צענטער; דאָ האָט מען אים מיט מערין שטענדיק געטראָפן און דאָ האָט ער אָרגאַניזירט קולטור־אונטערנעמונגען, געהאַלטן רעפעראַטן (כאָטש שוין פאַר אַ קלענערן עולם ווי אַמאָל), געבראַכט פילמען צו ווייזן און געהאָלפן אַרויסצוגעבן אייניקע ביכער און די יאָר־זשורנאַלן. זיין אַוועקגיין איז פאַרן קולטור־צענטער גע־ווען אַ גרויסער פאַרלוסט און די אינסטיטוציע וועט אים גוט געדענקען אין איר געשיכטע.

אייבראַמס, דער באמת דינאַמישער כלל־טוער און טריבון, האָט די לעצטע צוויי יאָר פון זיין לעבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון פּערמאַ־נענטער קראַנקהייט, וואָס האָט אים פאַרצערט. ער, דער רעדנער און אויפ־קלערער, דער שטענדיקער שמועסער — איז קראַנק געוואָרן אויפן האַלדז און האָט נישט געטאָרט רעדן!

ווי ביטער עס קען זיין די איראָניע פון גורל!

אייבראַמס האָט אין יידישן ישוב פון מעקסיקע געשפּילט אַן אייגנ־אַרטיקע ראָל. ער איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דעם ישוב און פון זיינע קולטור־בויער, און איז געווען פון די וואָס האָבן געלייגט אַ בולטן חותם אויפן אָרום.

אייבראַמס האָט מיט זיך פּערזאָניפיצירט אַן אייגנאַרטיקן טיפּ כלל־טוער, אַ טיפּ פון אַן אַמאָליקן רעוואָלוציאָנער און וואָגט־ברעכער, אַ שטענדיקער קעמפער קעגן אומרעכט, אַ מאָנער פון יושר, אַ וועקער צום קאַמף פאַר אַ שענערער וועלט און בעסערער געזעלשאַפט — אַ מענטש

וואָס האָט מיטגעלעבט מיט די וועלט־פּראָבלעמען און זיך נאַטירלעכער־ווײַז אידענטיפיצירט מיט די באַוועלהטע און אונטערדריקטע.

גערעכטיקײט איז געווען זײַן סטיכיע. און י. אײבראַמס האָט עקשנות־דיק־נאַאיוו דעם דאָזיקן דראַנג זײַנעם געבראַכט צום אויסדרוק. אַפילו זיך טועה זײַענדיק, איז ער אין זײַן גלויבן געווען אויפריכטיק. זײַן אַנאַרכיזם פון די יונגע יאָרן איז אויך געווען אַ סטיכישער אויסדרוק פון איניקסטן שטרעבן צו אַ בעסערער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ער האָט אין וואָרט און שריפט זיך געריסן צו ווײַטע הויכן און געזוכט, נישט געפינענדיק שטענדיק, אויערן און מוחות פאַר דעם געדאַנק פון פרײַהײַטלעכן סאָציאַ־ליזם, פאַר אַ וועלט פון יושר.

י. אײבראַמס איז געווען אַן אוניווערסאַליסט. ער איז אַרײַנגעפאַלן אין דער ייִדישער מעקסיקע אַן אויפגעטרייסלטער פון נאָכן שטורעם פון דער ערשטער וועלט־קריג, בײַם סוף פון די צוואַנציקער יאָרן. ער איז געווען פון די ערשטע וועמען די רוסישע רעוואָלוציע האָט אַנטוישט און די אויפ־געטרייסלטע אײראָפּע האָט אַרויסגעשטויסן. ער איז דאָ געקומען צו אַ ייִדישער סביבה און האָט ז י ך פּאַקטיש געפונען אין איר. זײַן אוני־ווערסאַלער געדאַנק איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, זײַן גלויבן איז גע־בליבן פעלזן־פעסט, אָבער ער האָט זײַנע אידייען גענומען איבערפלאַנצן אין דער נײַער ייִדישער סביבה, צופּאַסנדיק זיך אַפילו טײלווײַז צו איר, און איז געוואָרן אויך אַ ייִדישער כלל־טוער. — ווײַל אַן געזעלשאַפטלע־כער טעטיקײט האָט י. אײבראַמס נישט געקענט אָטעמען.

אַריבער אַ פערטל יאָרהונדערט האָט י. אײבראַמס געלעבט, גע־שטרעבט און געקעמפט אידייאיש אין דער ייִדישער מעקסיקע; ער האָט זיך דאָ דערוואָרבן אומצײליקע פרײַנט — און איז, לײדער, אומברחמנות־דיק געטראָפן געוואָרן פון די שווערקײטן פון לעבן אין אַ פאַר אים פרעמ־דער סאָציאַלער סביבה; באַזונדערס אויף זײַנע עלטערע יאָרן.

ווען ער האָט נאָך לאַנגע פיזישע לײדן צוגעמאַכט זײַנע אויגן אויף אײביק, אויף דעם קראַנקן־בעט אין שפּיטאָל ווו ס'איז פון אים נישט אָפּ־געטראָטן זײַן טרײַע לעבנס־חברטע מערי — האָט זיך אָפּגעשלאָסן אַ קאַפּיטל פון ייִדישן לעבן אין מעקסיקע. עס איז צוגענומען געוואָרן אײנער פון די, וואָס האָבן דאָס דאָזיקע לעבן געהאָלפן פאַרמירן, און געוואָלט זען אַ קולטור־פולן, אַן עטישן און געהויבענעם. איז אַ שאָד געווען אײב־ראַמס'עס אַוועקגײן, זײַן פאַרשווינדן פון צווישן די לעבעדיקע. — אָבער, געדענקט וועט ער ווערן לאַנג, לאַנג.

כבוד זײַן ליכטיקן אָנדענק!

די לעצטע ווערטער פון י. אייבראַמס

פאַר זיין טויט איז י. אייבראַמס לאַנגע חדשים געלעגן צוגעשמידט צו בעט. אין פאַרלויף פון זיין שווערער און פיינפולער קראַנקהייט האָט אייבראַמס, דער מענטש פון שטורעמדיקן וואָרט, פאַרלוירן דעם לשון. ער האָט זיך אָבער געריסן צום אויסדרוק און האָט פיל מאָל אין שטילער שעפּטשעניש גערעדט צו זיין טרייער לעבנס־באַגלייטערין מערי, זי גע־מוטיקט און געטרייסט און טיף מענטשלעך אָפּגעשאַצט איר ממש מוטער־לעכע באַהאַנדלונג. אין דער לעצטער נאַכט, איידער ער האָט געדאַרפט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, האָט אייבראַמס זיך אָנגעשטרענגט און אָנגעשריבן פאָלגנדיקן האַרץ־אויסגוס צו זיין מערין.

„פילאַדעלפיע, מאָנטיק דעם 1־טן יוני, 1953.

„היינט איז געווען די לעצטע נאַכט פון 182 לאַנגע נעכט אין טעמפּל־שפּיטאָל. געשלאָפן איז זיך זייער שלעכט. נישט דערפאַר, וואָס עס האָט מיר עפּעס וויי־געטאָן, נאָר דאָס וואַרטן אויף דעם פרימאָרגן, אין וועלכן איך וועל אַרויסשפּאַנען פון שפּיטאָל, און דו, מערעלע, וועסט באַפרייט ווערן פון דיינע מאַטערנישן. עס איז אמת, אַז איך בין געווען דער קראַנ־קער, אָבער דו ביסט געווען די, וואָס האָט אַריבערגעטראָגן אַזוי פיל מאַטערניש און אַלץ געטאָן פאַר מיר מיט אַזויפיל ליבע און איבערגעבנ־קייט, אַז נישט איין מאָל האָב איך זיך געפרעגט: פאַרוואָס טוסטו דאָס אַלץ? מיט וואָס האָב איך זיך עס פאַרדינט? אפשר מיט דעם לוקסוסדיקן לעבן, וואָס דו לעבסט צוליב מיר? וואָלט עס געווען אַ רייך לעבן, וואָלסטו נישט געקענט זיין אַזוי איבערגעגעבן; דאַן וואָלסטו גענומען קראַנקן־שוועסטער פאַרן חולה און אַליין אַוועק געניסן פונם לוקסוס און געפרעגט מסתמא דורכן טעלעפאָן — ווי אַזוי פילט עפּעס דער, וואָס צוליב אים געניס איך פון אַ רייך לעבן...

„יאָ, ליבע מערעלע, מיר האָבן אין אונזער אָרעמקייט און מאָראַלישן לעבן געלעבט אַ רייכן־לעבן. און אַז עס איז געקומען אַזאַ שווערער מאָ־מענט, האָסטו ווי אַ מוטער באַוואַכט מיין קראַנקע וויג און מיט אַ זיסער טרער פון האָפענונג געפירט צו בעסערע צייטן און לענגערע טעג. ווער קען דאָס פאַרשטיין? דאָס איז נישט גלאַט צום באַנעמען, נאָר צו פילן! מיין טייערע מערעלע, האָסט אַזויפיל ליבע און האַרציקייט אַרויסגעוויזן,

אַז דו אַליין ווייסט נישט, ווי רייך דו ביסט. איך מוז זאָגן, אַז אין די לאַנגע יאָרן פון אונזער צוזאַמענזיין האָב איך עס אויך נישט געוווּסט.

„נישט איין מאָל, בעת מיינע פיזישע ליידן, האָב איך זיך געשטעלט די פראַגע: לוינט זיך דאָס? אָבער ווען איך פלעג זען, ווי אַזוי דו קומסט צו לויפן גאַנץ פרי, אָפט מיט אויגן געשוואָלן פון נאַכט־לאַנגן געוויין, אָן עפּעס נעמען אין מויל, ווייל דו האָסט דאָך קיין הונגער נישט געפילט און פאַרגעסן צו עסן און האָסט נאָר געזוכט מיט וואָס מיר לייכטער צו מאַכן — פלעג איך זיך זאָגן: יאָ, עס לוינט, איך מוז לעבן!

„דאַן האָב איך פאַרביסן די ליפּן און געשוואָרן — איך לאָז דיך נישט איבער! מירן לעבן און גיין ווייטער אין מאַרש פון לעבן.

„וועגן דעם פיל איך איצט צו שרייבן. דו האָסט געלאָזט אַ טרער און מיט דעם געמאַכט ווידער שפּראָצן מיינע לעבנס־וואָרצלען און איך האָב אַ גיי לעבן באַקומען; מיר וועלן ווידער לעבן און אונזער גאָרטן וועט נאָך מיט בלומען באַוואַקסן ווערן.

„...וועגן אונזערע חברים און פריינט, און איבערהויפּט אײדע — וועגן זיי האָב איך אַזוי פיל צו זאָגן, אָבער כ׳וועל עס טאָן אין דער ריכטיקער צייט און אויפן ריכטיקן פּלאַץ... דערווייל נעם איך זיי אַלע אַרום און זאָג זיי נישט מיין דאַנק, ווייל אין מיין האַרצן האָב איך אויסגעבויט אַ פּאַלאַץ פון ליבע און זיי אַלעמען באַזעצט דאָרטן. און ווען איך וועל האָבן די מעג־לעכקייט מיט זיי צו שמועסן, — אויסזעצנדיק זיי אויף די מיט בלומען באַוואַקסענע בייטן אין דעם ליבע־פּאַלאַץ פון מיין האַרץ, — וועל איך זיי אַלעמען זאָגן דאָס, וואָס איך פיל צו זיי, אויב מען קען עס מיט ווערטער אויסדריקן.

„ווי נעם איך ווערטער, טייערע מערעלע, צו קענען אויסדריקן מיין איביקסטע פאַרערונג פאַר דיין זעלישער טרייהייט, פאַר דער רייכקייט פון דיין נשמה און פאַר דער טיף־האַרציקער ליבע, וואָס דו האָסט אַרויסגע־וויזן. איך פיל זיך מיט דעם שטאָלץ, ווי שווער עס זאָל נישט זיין מיין לאַגע.

„ביי אַ געלעגנהייט וועלן מיר דאָס קאַפּיטל פאַרזעצן. דערווייל זאָל עס זיין דאָס לעצטע מאָל פון ליגן אין שפּיטאָל...

דיין דזשעק.״

די לוויה פון יעקב אייבראַמס

דאָנערשטיק דעם 11־טן יוני, 1953, אינדערפרי, איז דער קערפּער פון פאַרשטאָרבענעם יעקב אייבראַמס געבראַכט געוואָרן אין זאַל פון יידישן קולטור־צענטער, ווו ער איז געווען לעצטנס באַזונדערס טעטיק. מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג און פריינד האָבן די גאַנצע צייט גע־האַלטן אַן ערן־וואַך אַרום אָרון, וואָס איז געווען איינגעהילט אין שוואַרצן און באַצויגן מיט רויטע שלייפן. 1 אַזייגער איז ביים אַנטייל פון העכער 100 פּערזאָן, וואָס זענען געקומען אָפּגעבן דעם נפטר דעם לעצטן כבוד, דורכגעפירט געוואָרן אַ טרויער־אַקט. מיט רירנדיקע ווערטער און אָפּשאַ־צונגען פון י. אייבראַמסן זענען אַרויסגעטראָטן פּ. ליסקער און ה. קריש־טאַל אין נאָמען פון „קולטור־צענטער" און פון דער געזעלשאַפט „קולטור־און־הילף".

פון דאָרט האָט די לוויה געריכט צום פעלד פון נדחי־ישראל, ווו עס איז געווען פאַרזאַמלט אַ גרויסער עולם פריינד און באַקאַנטע. דאָ זענען אַרויסגעטראָטן מיט קורצע טרויער־רעדעס: ר. ווייספעלד, אויגוסטין זוכי, נ. אַקס, כוליאַן גאַרקין און ד"ר י. נ. שטיינבערג. די רעדנער האָבן אַנגעוויזן אויפן שווערן פאַרלוסט מיטן אַוועקגיין פון אייבראַמס, וואָס האָט זיין גאַנץ לעבן געשטרעבט צו אַ בעסערער וועלט און צו אַ גליקלעכערער מענטשהייט און פאַר דעם מוטיק און שטאַלץ געקעמפט. מען האָט אויך אונטערגעשטראָכן אייבראַמסעס הילפס־אַרבעט לטובת קרבנות פון פאַ־שיזם און אַנדערע פּאָליטישע עמיגראַנטן, וואָס פיל פון זיי וועלן טרויערן נאָך אייבראַמסן ווי נאָך אַן אייגענעם און נאָענטן פריינד און חבר.

די לוויה איז דורכגעפירט געוואָרן, — אויפן פאַרלאַנג פון דער פרוי און נאָענטע חברים פון פאַרשטאָרבענעם, — אָן ריטואַלן, אינעם זעלביקן פרייען גייסט, אין וועלכן ער האָט געלעבט. די לייטונג פון דער קהלה נדחי־ישראל האָט אַרויסגעוויזן געהעריקע טאָלעראַנץ אין דעם פאַל און מיט דעם מעגלעך געמאַכט אָפּצוהיטן דעם כבוד המת. אין טיפן טרויער זענען זיך די מלוים צעגאַנגען, מיטנעמענדיק אין זכרון די מעשים־טובים פון אייבראַמסן, מיט וועלכע ער האָט זיך פאַראייביקט אין זיין סביבה.

* * *

די מצבה איבערן קבר פון יעקב אייבראַמס

איבער הונדערט מענטשן — מיטגלידער פון מעקסיקאַנער יידיש:

קולטור־צענטער, פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע, פון דער „געזעלשאַפט פאַר קולטור און הילף", שרייבער, פאַרטרעטער פון דער יידישער פרעסע, ווי אויך פערזענלעכע פריינד פון י. אייבראַמס, האָבן זיך פאַרזאַמלט זונטיק דעם 13־טן יוני 1954, אויפן יידישן בית־עולם ביים אויפדעקן די מצבה אויפן קבר פון י. אייבראַמס. די טרויער־פייערונג איז אָרגאַניזירט געוואָרן דורכן יידישן קולטור־צענטער אין מעקסיקע צום ערשטן יאָרצייט נאָכן נפטר.

די מצבה, וואָס איז געשטעלט געוואָרן דורך דער אלמנה פון פאַר־שטאָרבענעם, מערי אייבראַמס, און דורך עטלעכע פערזענלעכע פריינד פון פאַרשטאָרבענעם, איז אַן איינפאַכער, אָבער איינדרוקספולער, מאָנו־מענט און טראָגט די אויפשריפט: „י. אייבראַמס, וואָס האָט שטורמיש גע־קעמפט פאַר פרייהייט, גערעכטיקייט און טאָלעראַנץ".

דער קבר איז געווען באַדעקט מיט רויטע בלומען.

ד"ר א. קינג, פאָרזיצער פון יידישן קולטור־צענטער, האָט דערעפנט די טרויער־פייערונג מיט אַ רירנדיקער איינלייטונגס־רעדע. די וויטערדי־קע רעדנער: פסח ליסקער, אין נאָמען פון יידישן קולטור־צענטער, פ. זוכי. באַקאַנטער פרייהייטלעך ־ סאָציאַליסטישער שרייבער, אַ פערזענלעכער פריינד פון י. אייבראַמס, און י. קרישטאַל, אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מעקסיקע, פון דער „געזעלשאַפט פאַר קולטור און הילף" און פון זשורנאַל „פאָרויס", האָבן אין איינדרוקספולע ווערטער געשיל־דערט די פערזענלעכקייט פון י. אייבראַמס, זיין אומדערמידלעכן און אומ־דערשראָקענעם קאַמף פאַר די אידעאַלן פון פרייהייט און סאָציאַליזם, זיי־נע פאַרדינסטן פאַרן מעקסיקאַנער יידישן ישוב. ד"ר א. קינג האָט געשלאָסן די טרויער־פייערונג.

מערי איברּאַמס

אַ טשיקאַווער עפּיזאָד אין דזשעקס ערשטע יאָרן אין מעקסיקע

אין 1927 האָט דזשעק אָרגאַניזירט אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דעם אורטייל אויף סאַקאָ און וואַנזעטי. בײַנאַכט, ווען דזשעק איז אַרויף אויף דער טריבונע אין דעם אַנאַרכיסטישן קלוב אויף פּאַלמאַ, זענען אין זאַל געווען אָנוועזנד עטלעכע הונדערט מענטשן. דזשעק איז געווען דער אייג־ציקער רעדנער און דער זאַל האָט געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן. צום סוף פון מיטינג, ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון זאַל, זע־נען צוגעקומען צו דזשעקן דעטעקטיוון און אים אַרעסטי'ט. (צוזאַמען מיטן דיכטער גלאַנץ).

די דעטעקטיוון זענען געווען גאַנץ העפלעך און מיר געלאָזט מיטגיין מיט דזשעקן. נאָך אַ קורצן פאַרהער איז איינער פון די דעטעקטיוון צו־געקומען צו מיר — עס איז שוין געווען דריי אַזייגער בײַנאַכט — און געפרעגט, צי איך וויל עפּעס ברענגען פון הויז פאַר דזשעקן — אַ דעקע, אַ קישן — און ער איז מיטגעגאַנגען מיט מיר אַהיים נעמען די זאַכן.

דער דיכטער גלאַנץ איז דאַן געווען דער פאָרזיצער פון אָוונט; גלאַנצן האָט מען אין אַ טאָג שפּעטער אַרויסגעלאָזן פרײַ און דזשעק איז געבליבן זיצן. עס האָט אים געדראָט ווידער אַרויסגעשיקט צו ווערן קיין רוסלאַנד.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דזשעק אַרויסגערופן געוואָרן צום פּראָקו־ראָר, וועלכער האָט בײַם פאַרהער געפרעגט דזשעקן, ווער עס זענען גע־ווען סאַקאָ און וואַנזעטי. די רעגירונג האָט געוווסט ווער דזשעק איז און אויך אַז אַמעריקע האָט אים אַרויסגעשיקט פון לאַנד. דעם פּראָקוראָרס פרעגן וועגן סאַקאָ און וואַנזעטי איז געווען נישט מער ווי אַ מיטל עפּעס צו דערגיין פון דזשעקן וועגן אים אַליין. אָבער ווען דזשעק האָט גענומען שילדערן די גרויסע מאַרטירער, האָבן זיך בײַם פּראָקוראָר געשטעלט טרערן אין די אויגן. דער פּראָקרראָר איז געווען אַ הויך־אינטעליגענטער מענטש. אַז דזשעק האָט געענדיקט רעדן, האָט דער פּראָקוראָר אים דער־ציילט, אַז דאָס האָבן אים די קאָמוניסטן געמסרט פאַר דער מאַכט.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער איז דזשעק אַרויסגעלאָזט געוואָרן אויף דער פריי. דאַן האָבן די קאָמוניסטן אים ווידער געמסרט, אַז ער פירט אָן אַ שטאַרקע פּראָפּאַגאַנדע פאַר אַנאַרכיזם אין דער מעקסיקאַנער אַרמיי. מען האָט דזשעקן ווידער אַרעסטירט און אויסגעפּרעגט. דעם מאָל האָט דזשעק פון זיין זייט פאַרלאַנגט, מען זאָל אַרויסרופן צום פאַרהער אין זיין אָנ־וועזנהייט די קאָמוניסטן, וואָס האָבן אים געמסרט.

מען האָט אייניקע פון די קאָמוניסטן אַרויסגערופן. זיי האָבן געזאָגט, אַז זיי ווייסן פון גאָרנישט און אַז זיי קענען אַפילו נישט דזשעקן. די מסירה — האָבן זיי דערקלערט — זאָל איינער האָבן געמאַכט אויף זיין אייגענע אחריות. און דזשעקן האָט מען דאָס מאָל אויך באַפרייט.

דער ערשטער מאַי אָן דזשעקן

היינטיקן ערשטן מאַי איז געוואָרן 43 יאָר, זינט איך און דזשעק האָבן אונזער לעבן פאַרבונדן צוזאַמען; פאַר אונז האָט דעריבער דער ערשטער מאַי געהאַט אַ צווייפאַכע באַדייטונג.

איך האָב זיכער נישט געדענקט, אַז איך וועל היינטיקן ערשטן מאַי דאַרפן באַפּוצן דזשעקס קבר, אָנשטאָט זיין צימער — ווי שטענדיק, מיט רויטע ראָזעס.

דעם היינטיקן ערשטן מאַי האָב איך שוין נישט געהערט דזשעיקעלעס אַרויסשעפּטשען: „מערעלע״.

דזשעיק וועט היינט נישט שטיין מער אויף דער פּלאַטפאָרמע, אין קולטור־צענטער, און רעדן דעם ערשטן מאַי, זיין דינאַמישע שטימע וועט זיך היינט נישט טראָגן מער איבערן זאַל.

דזשעיקעלע פילט שוין נישט מער זיינע פיזישע און מאָראַלישע שמערצן, ער פילט שוין נישט מער — נישט די ליידן פון דער וועלט און אויך נישט די שיינקייט אירע. ער פילט שוין נישט מער דאָס גלעטן פון די פרילינגס־ווינטן, דאָס זינגען פון די פייגל און אויך נישט דאָס שעפּ־טשען פון די וואַסער־כוואַליעס, וואָס ער האָט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט.

איצט איז אַלץ אויס. אויס מיט די שטורמישע געזעלשאַפטלעכע קאָנ־פליקטן, אויס מיטן טאָג־טעגלעכן שווערן לעבן, דזשעיק איז שוין „באַ־פרייט״ געוואָרן; אויף זיין איצטיקן וועג האָבן אים שוין מער נישט באַגלייט די „היטער פון גערעכטיקייט״, אַמעריקע איז שוין איצט זיכער פון געפאַר.

מיין ווונטש איז שטענדיק געווען, אַז איך זאָל גיין און דזשעיק זאָל פאַרבלייבן. איך בין מיין גאַנץ לעבן געווען אין דזשעיקן און אויך איצט בין איך אין אים. די בענקשאַפט איז אומדערטרעגלעך. ווי שטאַרק איך זאָל זיך נישט האַלטן, ווער איך דאָך צוזאַמענגעבראָכן. איך פאַרליר דעם באָדן, אויף וועלכן איך בין געגאַנגען מיין גאַנץ לעבן.

עס גלויבט זיך מיר נאָך אַלץ נישט, אַז אַלץ איז געענדיקט; עס קוקט מיר אַלץ אויס ווי עפּעס אַ בייזער שפּאַס פון אַ מכשפה. דזשעיק זאָל נישט קענען מער זאָגן אַ וואָרט — דאָס איז אוממעגלעך!

ווי שרעקלעך עס איז, וואָס איך בין נישט געווען ביי זיינע לעצטע מינוטן פון לעבן! ווי זאָל איך עקזיסטירן אָן דזשעיקעלען?

סיידן — צונויפגיסן זיך מיטן אָנדענק פון זיין פּערזענלעכקייט, מיטן אָנדענק פון דער גרויסער ליבע, וואָס איך האָב שטענדיק געהאַט צו אים, און מיטן אָנדענק פון יענער ליבע וואָס אַ סך חברים און פריינט האָבן געהאַט צו אים.

דאָס איז דאָס איינציקע, וואָס איז מיר געבליבן אין לעבן.

מעקסיקע, מאַי, 1954.

מערי און י. אייבראַמס

יוסף פּאָול

יעקב אייבראַמס אין „טעמפּל יוניווערסיטי" האָספּיטאַל

דעם 18־טן אָקטאָבער, 1952, האָב איך דערהאַלטן פון דעם דיכטער יצחק בערלינער אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט מיר פאָרגעשטעלט אייבראַמסן און מיך געבעטן אָנצוווענדן אַלע מיטלען אויף צו באַקומען פאַר יעקב אייבראַמסן אַן אַריינפאָר־וויזע אין די שטאַטן, ווייל אין מעקסיקע קען מען אים נישט קורירן און דער בעסטער אָרט דערפאַר קען זיין נאָר דער „טעמפּל אוניווערסיטי"־שפּיטאָל, ווו ער, יצחק בערלינער, איז אָפּערירט געוואָרן. איך האָב נאָך נישט געהאַט געענדיקט איבערלייענען בערלינערס בריוו, האָט מיר אָנגעקלונגען ד"ר וואָלף ניימאַן און געזאָגט, אַז ער מוז מיך זען אין זייער אַ וויכטיקער אָנגעלעגנהייט; אויך ער האָט באַקומען אַ בריוו פון בערלינערן וועגן אייבראַמסן.

מיטאָג־צייט איז ד"ר ניימאַן געקומען און פון אים בין איך דערגאַנגען, ווער אייבראַמס איז און פאַרוואָס מען לאָזט אים נישט אַריין אין די שטאַטן. איך האָב באַדאַרפט פאַר אייבראַמסן באַקומען די וויזע פּונקט אין דער צייט ווען סענאַטאָר מעקאַרטי האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ.

דעם זעלבן טאָג, ד. ה. דעם 18־טן אָקטאָבער, האָב איך געזען ד"ר דזשעקסאָן, איינעם פון די גרעסטע ראַק־ספּעציאַליסטן אין טעמפּל־שפּיטאָל. איך בין געגאַנגען צו אים, מחמת איך האָב געוואָלט אויסמיידן פּאָליטיקאַנטן; זיי האָב איך געלאָזן אויף אַ נויט. האָט זיך אָבער אַרויסגעשטעלט, אַז ד"ר דזשעקסאָן קען אייבראַמסן, וואָס איז שוין פריער אַמאָל געווען אונטער זיין אָבסערוואַציע. דעם 21־טן אָקטאָבער האָב איך שוין געהאַט אַ קאָפּיע פון דעם בריוו, וואָס ד"ר דזשעקסאָן האָט געשיקט צו דער אַמעריקאַנער געזאַנדשאַפט אין מעקסיקע. אין דעם בריוו האָט ד"ר דזשעקסאָן דערמאָנט, אַז יעקב אייבראַמס איז שוין אַמאָל געווען אונטער זיין באַהאַנדלונג, און געבעטן די געזאַנדשאַפט צו געבן אַ וויזע אייבראַמסן. און אַזוי ווי דזשעקסאָן האָט געוווסט די „דיעלע" פון אייבראַמסן, האָט ער צוגעגעבן, אַז געוויס „וועלן מיר קאָאָפּערירן אין יעדן פאַל —

לויט די אינסטרוקציעס, וואָס איר וועט געבן, אאַ״וו. דאָס האָט געמיינט, אַז אייבראַמס וועט זיין אין שפּיטאָל אונטער דזשעקסאָנס אויפזיכט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָב איך ביים לופט־פּאָרט אָפּגעוואָרט אייבראַמסן, זיין פרוי און דעם באַגלייטער, וואָס האָט אַכטונג געגעבן, אַז אייבראַמס זאָל, ח״ו, נישט רופן צו קיין רעוואָלוציע... איך האָב אייב־ראַמסן באַזוכט יעדן טאָג אין שפּיטאָל, ווו איך האָב זיך אויך באַקענט מיט זיינע איבערגעגעבענע חברים פון ניו־יאָרק און פילאַדעלפיע. דאָרט איז טעגלעך געווען אויך ד״ר וואָלף ביימאַן. אייבראַמס איז אויך באַזוכט גע־וואָרן פון די באַקאַנטע דאָקטוירים דזשאָנאַס און וויסעס, מיינע גוטע פריינט. פון זיי און פון ד״ר באַרריס, דעם אַסיסטענט פון ד״ר דזשעקסאָן, בין איך שטענדיק געווען אינפאָרמירט, ווי אייבראַמסעס געזונט־צושטאַנד איז געשטאַנען.

ווען איך האָב זיך באַקענט מיט אייבראַמסן, איז שוין זיין שטים גע־ווען צעפרעסן פון ראַק (קאַנסער). ער האָט פּרובירט אַרויסברענגען פון זיך קלאַנגען, אָבער זיי זענען געווען אומפאַרשטענדלעך, און איך האָב גע־טראַכט: ווי טראַגיש מוז זיך פילן דער מענטש, וואָס איז באַרויבט געוואָרן פון זיין שטימע, מיט וועלכער ער האָט באַגייסטערט טויזנטער מענטשן אויף לעקציעס און מיטינגען. מיט זיינע פריינט (איך באַטראַכט זיך אויך פאַר איינעם פון זיי) האָט ער זיך געמוזט פאַרשטענדיקן דורך צעטעלעך — אין יידיש, ענגליש אָדער רוסיש.

אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן. אָפט האָט זיך געדוכט, אַז אים ווערט בעסער, און ער האָט שוין אַפילו אַרויסגעבראַכט פון זיך גאַנצע ווערטער. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז אים אָנגעקומען שווער צו קאָנטראָלירן די לופט און ער האָט יעדע זילבע אַרויסגערעדט באַזונדער. מערי האָט באַמערקט, ווי שווער עס קומען אים אָן אָט די „לעקציעס״, און זי האָט זיך אָפט גע־בעטן, ער זאָל בעסער שרייבן צעטעלעך און וואַרטן, ביז די ווונדן וועלן זיך פאַרהיילן.

מערי האָט אייבראַמסן נישט פאַרלאָזן די גאַנצע צייט ,וואָס ער איז געווען אין שפּיטאָל. זי פלעגט קומען גאַנץ פרי אין שפּיטאָל אַריין און אַוועקגיין גאַנץ שפּעט אין אָוונט, — ערשט דאַן, ווען די קראַנקן־שוועסטער פלעגט אַריין און איר זאָגן, אַז עס איז שוין צייט צו פאַרלאָזן דעם קראַנקן־צימער. ווען מערי פלעגט אַרונטערגיין אויף דער גאַס עפּעס איבערכאַפּן, פלעגט עס ביי איר נעמען מינוטן בלויז. האָט אייבראַמס געכאַפּט אַ דרימל, איז זי געזעסן אין שטול און שטיל געוויינט. געוויינט האָט זי אויך אין די נעכט, באַזונדערס שפּעט אין אָוונט, ווען זי האָט געמוזט פאַרלאָזן איר טייערן פריינט. אָבער אַזוי שנעל ווי אייבראַמס האָט געעפנט זיינע אויגן, האָט זי גיך אויסגעווישט די טרערן, ער זאָל זיי נישט מערקן. אייבראַמס האָט אָבער יאָ באַמערקט, אַז זי האָט געוויינט. ער האָט געגעבן אַ טיפן קוק אויף

איר, און מיט אַ מאָל זענען מעריס אויגן אָנגעצונדן געוואָרן מיט פרייד. אַזוי זענען אַוועק טעג און וואָכן.

אייבראַמס האָט, אָבער, געליטן נישט נאָר פון דעם שרעקלעכן מלאך־המות, דעם ראַק, נאָר אויך דערפון, וואָס וואַשינגטאָן האָט זיך איטלעכע 14 טעג געווענדט צו ד"ר דזשעקסאָן, ער זאָל באַנייען אייבראַמסעס וויזע. וואַשינגטאָן האָט זיך נישט געקענט פאַרגינען צו פאַרלענגערן די וויזע, ביז אייבראַמס וועט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל. אייבראַמסן האָט דאָס שרעקלעך פאַרדראָסן. אין אַ צעטעלע האָט ער מיר געשריבן: וואָס טראַכטן זיי אין וואַשינגטאָן? זיי ציטערן, אַז איך וועל אַנטלויפן? איך פאַרזיכער אייך, אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל זיין בכוח צו פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל, וועל איך צוריקפאָרן קיין מעקסיקע, ווו מען לעבט איצטער אַ סך פרייער ווי אין די שטאַטן.

יאָ, ער האָט פאַרלאָזן דעם שפּיטאָל און איז צוריקגעפאָרן קיין מעקסיקע. און מיט וואָס פאַר אַ פרייד! אָבער די פרייד האָט נישט לאַנג אָנגעהאַלטן און אויף אייביק האָט ער געשלאָסן זיינע אויגן.

אייבראַמס געפינט זיך נישט מער צווישן די לעבעדיקע. ער וועט, אָבער, לעבן אין דעם בוך,טייערע חברים פון יידישן קולטור־צענטער, וואָס איר גיט אַרויס. און צום מאָנומענט נאָך אייבראַמסן שיק איך אייך אָט דעם קליינעם ביי‌טראָג.



י. פאָול, י. אייבראַמס און מערי אייבראַמס אין פילאַדעלפיע

צו צוואַנציק יאָר תּפיסה

מאָלי סטיימער

מיט דזשעק אייבראַמס - צו תּפיסה און דעפּאָרטאַציע

דזשעק אייבראַמס האָב איך צום ערשטן מאָל געטראָפן אין איינעם אַ שבת אָוונט אין יאַנואַר 1917, ווען איך האָב זיך אָנגעשלאָסן אין דער ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטישער גרופּע „פרייהייט". איך האָב דעמאָלט גלייך באַמערקט, אַז צוויי פּערזאָנען האָבן פּאַקטיש אָנגעפירט די גרופּע: בונין („יעזוס") און דזשעק אייבראַמס. פון די צוויי איז דזשעק געווען דער ענערגישערער און מיט מערער ווילן צו טאָט, און ער האָט טאַקע באַלד געווווּנען מיין סימפּאַטיע; דאָס איז געווען פון יענעם סאָרט סימפּאַטיע, וואָס אַ יוגנטלעכע שענקט גערן דעם, וואָס פאַרקערפּערט אין אירע אויגן דעם אידעאַל, וועלכן ער פּרעדיקט און פאַר וועלכן ער קעמפט. אַזוי האָט פּאַסירט, אַז מערי, דזשעק און איך זענען באַלד געוואָרן גוטע פריינט און גוטע חברים. מיר זענען אַלע געוואָרן אַקטיוו, און אַלץ, האָט זיך געדאַכט, איז געגאַנגען גלאַטיק, ווען פּלוצלונג — איך קאָן זיך איצט נישט דערמאָנען די סיבה דערפון — איז אויסגעבראָכן אַ קאָנפליקט צווישן די מיטגלידער, און די גרופּע „פרייהייט" האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן.

די צייט איז, אָבער, געווען אַן ערנסטע — קריג איז אָנגעגאַנגען אין דער וועלט, האָבן מיר זיך צונויפגענומען אינערלעך און זיך רעאָרגאַניזירט, דאָס מאָל אָן בונינען. צו דער נייער גרופּע האָבן געהערט — אויף וויפל מיין זכרון פאַרפירט מיך נישט: דזשעיקאָב שוואַרץ, ראָזע בערנשטיין, בערנאַרד סירנאַקור, דזשעק אייבראַמס, מערי אייבראַמס, איך און עטלעכע אַנדערע, וואָס איך וויל איצט זייערע נעמען נישט אָנרופן.

מיר פלעגן אַרויסלאָזן פלוג־בלעטלעך פון צייט צו צייט און האָבן אויך

אַרויסגעגעבן אַ יידישע צייטונג, וואָס האָט זיך גערופן „דער שטורעם". די ריכטונג פון דער צייטונג איז געווען אַן אַלגעמיין אַנאַרכיסטישע, אָן ספּעציפישע „איזמען", און מיר האָבן אַלע דעמאָלט אויפריכטיק געגלויבט, אַז די סאָציאַלע רעוואָלוציע איז נאָענט.

די געשעענישן זענען דאַן געלאָפן זייער שנעל. אַמעריקע איז אַריין אין קריג קעגן דייטשלאַנד און אין רוסלאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע. אַ גרויסער ענטוזיאַזם האָט אונז אַרומגעכאַפּט. דאַן האָבן זיך ביי אונז אָנגעהויבן דיסקוסיעס, צי מיר זאָלן צוזאַמען מיט די אַליאירטע פאַרזעצן דעם קריג קעגן דייטשישן מיליטאַריזם אָדער נישט. בערנאַרד סירנאַקער האָט אין אַן אַרטיקל פאַר אונזער צייטונג פאַרטיידיקט די שטעלונג פון קראָפּאָטקין און די באַרימטע 16, אַז מען דאַרף די מלחמה ווייטער פירן, אָבער נאָך לאַנגע וויכוחים האָבן מיר דעם אַרטיקל צוריקגעוויזן און אונזער צייטונג האָט פאַרגעזעצט צו רופן צו דער וועלט, מען זאָל אָפּשטעלן דעם קריג. מיר האָבן, אָבער, באַלד נישט געקענט מער פירן אונזער אַגיטאַציע אָפן און פריי: דער „שפּיאָנאַזש־אַקט" איז אַריין אין קראַפט, יעדער סאָרט קריטיק קעגן דער רעגירונג איז פאַרבאָטן געוואָרן, די דרוקעריי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן אונזערע פּראָפּאַגאַנדע־בלעטלעך און מיר זענען געווען געצוווּנגען אַריבערצוגיין צו אַן אומלעגאַלער עקזיסטענץ.

מיר האָבן צוערשט אַריינגעשטעלט אַ קליינע דרוק־מאַשין אין צימער פון אונזערן אַ חבר, אָבער דאָס האָט נישט געטויגט, ווייל דער טומל פון דער מאַשין האָט געצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון די שכנים. האָבן מיר דאַן באַשלאָסן צו עפענען אַן אייגענע קליינע דרוקעריי, ווו דזשעק, שוואַרץ און ליאַכאָווסקי האָבן געזאָלט אָננעמען קליינע באַשטעלונגען אויף פּריוואַטע דרוק־אַרבעט — און מיר וועלן דערווייל קענען דרוקן אונזערע זאַכן אומגעשטערט. לעבן דער דרוקעריי, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט אין האַרלעם, האָבן מיר געדונגען אַן אַפּאַרטמענט פון עטלעכע צימערן, ווו מיר האָבן זיך באַזעצט צו וווינען: שוואַרץ און פלאָרענס אין איין צימער, דזשעק און מערי אין אַ צווייטן און איך אין אַ דריטן. דאָס האָבן מיר זיך באַמיט וואָס קלענער צו מאַכן אונזערע אויסגאַבן אויף לעבנסמיטל און דירה, כדי אַזוי אַרום צו זיין אין שטאַנד צו דעקן די הוצאות פון דער דרוקעריי.

צו יענער צייט — יולי 1918 — איז געוואָרן באַקאַנט, אַז פּרעזידענט ווילסאָן האָט פאַראָרדנט צו שיקן צען טויזנט אַמעריקאַנער זעלנער קיין וולאַדיוואָסטאָק אָנטיילצונעמען אין דער מיליטערישער אינטערווענץ קעגן דער רעוואָלוציאָנערער רוסלאַנד, וואָס האָט דעמאָלט געהאַט אַלע אונזערע סימפּאַטיעס אויף איר זייט. מיר האָבן גלייך צונויפגערופן אַ פאַרזאַמלונג פון אונזער גרופּע און באַשלאָסן אַרויסצולאָזן אַ פּראָטעסט־אויפרוף קעגן דער אינטערווענץ. סעמיועל ליפּמאַן איז אויך געווען אויף דער פאַרזאַמלונג, הגם ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ מאַרקסיסטישן סאָציאַליסט. מיר,

ווידער, זענען געווען צופרידן אים צו האָבן מיט זיך, ווייל מיר האָבן אים געקענט פאַר אַן אויפריכטיקן חבר, און אים מיט שוואַרצן האָבן מיר טאַ־קע איבערגעגעבן צוזיפצושטעלן די פּראָקלאַמאַציע. שוואַרץ האָט אָנגע־שריבן דעם יידישן טעקסט, ליפּמאַן — דעם ענגלישן. די אָנגעשריבענע טעקסטן האָט מען אַפּריער באַהאַנדלט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע און דאַן זיי אָפּגעדרוקט. סך־הכל זענען מיר געווען אין דער גרופּע צען פערזאָן און איטלעכער האָט גענומען אויף זיך צו צעשפּרייטן די בלעטלעך אין אַ באַשטימטן דיסטריקט. אין טלעכע טעג זענען די בלעטלעך געווען פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן שטאָט ניו־יאָרק, איבער פילאַדעלפיע און אַנ־דערע ערטער. אין די אַרבעטער־ראַיאָנען האָבן מיר צעשאָטן די בלעט־לעך אַזוי געדיכט, אַז די צייטונגען האָבן דערנאָך געשריבן, אַז אונזער אָרגאַניזאַציע נוצט עראָפּלאַנען אויף צו פאַרשפּרייטן די בלעטלעך. אַן א שיעור דעטעקטיווס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן אונז נאָכצושפּיאָנירן, אָבער אָן דערפאָלג.

דורכגעפאַלן זענען מיר אָט ווי אַזוי: איין טאָג האָט ליאַכאָווסקי גע־בראַכט מיט זיך ראָזאַנסקין אונז צו העלפן פאַרשפּרייטן די בלעטלעך. ליאַ־כאָווסקי האָט געקענט און געטרויט ראָזאַנסקין. מיר האָבן זיך איינגאַנצן פאַרלאָזן אויף ליאַכאָווסקין און געגעבן ראָזאַנסקין אַ פּאַק בלעטלעך. צו־מאָרגנס האָט מען ראָזאַנסקין געכאַפּט מיט די בלעטלעך, און אַז מען האָט אים אין דער פּאָליציי געגעבן קלעפּ, האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און אונז אַלעמען אַרויסגעגעבן. ער האָט פּשוט דערציילט דער פּאָליציי, אַז דעם זעלביקן טאָג, שפּעט נאָך מיטאָג, דאַרף ער זיך מיט אונז טרעפן אויפן ווינקל פון מעדיסאָן עוועניו און 104־טער גאַס.

דעם 23־סטן אויגוסט 1918, ווען איך האָב אַרום 7 אַזייגער פאַרנאַכט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט און בין אָנגעקומען צום אָפּגערעדטן ווינקל, האָב איך שוין דאָרט געטראָפן ראָזאַנסקין. איך האָב זיך באַגריסט מיט אים — אַ גליקלעכע פון אונזער גרויסן דערפאָלג (די פּרעסע האָט שוין געהאַט איבערגעדרוקט אונזערע אויפרופן און מען האָט שוין גענומען רעדן אין גאַס וועגן דער אינטערווענץ). באַלד איז אָנגעקומען ליפּמאַן און גלייך נאָך אים ליאַכאָווסקי. פּלוצלונג האָבן מיר זיך געפונען אַרומגערינגלט פון פּאָליציסטן, וואָס האָבן אונז אַוועקגעפירט אין זייער הויפּט־קוואַרטיר. אין דער זעלביקער צייט האָט אַן אַנדער פּאָליציי־גרופּע זיך אַריינגעריסן אין אונזער שותּפותדיקער דירה און דאָרט געפונען דזשעקן, שוואַרצן, מע־רין און ראָזע בערנשטיין. נאָך אַ גרינדלעכער הויז־זוכונג האָט די פּאָליציי געוואָלט אַלעמען אַרעסטירן אָבער נאָך דעם ווי דזשעק האָט דערקלערט, אַז מערי, זיין פרוי, איז קראַנק, און זי ווייסט קיין זאַך נישט פון זיין פּאָלי־טישער טעטיקייט און אַז ראָזע איז אַ קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז געקור־מען אַכטונג געבן אויף מערין, — האָט מען דיביידע פרויען געלאָזן פריי אין שטוב און אַלע איבעריקע אַוועקגעפירט אין צענטראַלן פּאָליציי־באַצירק.

מיר זענען שוין דאָרט געווען, ווען מען האָט זיי אַהין געבראַכט. מיר זענען דאָרטן דערנאָך אָפּגעזעסן לאַנגע שעהן. די מענער האָט מען געפּאַרשט און דערביי געשלאָגן, וואָרעם איך האָב געהערט די געשרייען און זיפצן, וואָס זענען געקומען פון פאַרשידענע צימערן, און האָב געזען די דעטעק־טיווס, וואָס זענען אַריין און אַרויס פון די צימערן — מיט די אַרבל פאַר־קאַטשעט, שעלטנדיק און זידלענדיק. ווען מען האָט מיך, אַרום האַלבער נאַכט, געפירט צום פאַרהער, האָב איך, פאַרבייגייענדיק פאַרביי דעם צי־מער ווו עס איז געזעסן אונזער חברה, געזען שוואַרצן און ליאַכאָווסקין שטאַרק צעשלאָגענע. שוואַרץ האָט געהאַלטן פאַרדעקט דאָס מויל מיט אַ טאַשנטיכל, וואָס איז געווען דורכאויס אין בלוט. ווי באַקאַנט, איז ער אין זעקס וואָכן אַרום געשטאָרבן. מיך האָבן פאַרשידענע אינספּעקטאָרן גע־פּאַרשט עטלעכע שעה צייט. זיי האָבן אַלץ געוואָלט פון מיר אַרויסקריגן, ווו די דרוקעריי געפינט זיך, און אַז זיי האָבן געזען, אַז זיי וועלן פון מיר קיין זאַך נישט דערגיין, האָבן זיי אונז אַלעמען אַוועקגעפירט אין דער „טאָמפּס"־תפיסה, ווו מיר זענען געזעסן ביזן געריכט.

די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך געצויגן איבער צוויי וואָכן, און די גאַנצע צייט האָט מען נישט אונז געמשפּט, נאָר הויפּטזעכלעך דיסקו־טירט די פראַגע, צי די רעגירונג פון די פאַרייניקטע־שטאַטן האָט געהאַט רעכט צו אינטערווענירן אין רוסלאַנדס אינערלעכע אָנגעלעגנהייטן. די וואָכנשריפט „נעישאַן" האָט געשטעלט דער רעגירונג זייער אומאַנגענעמע פראַגעס. די אינטערווענץ אין רוסלאַנד איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. אונזער ציל איז געווען דערגרייכט. און וואָס מען זאָל אונז נישט טאָן, האָט דע־מאָלט שוין נישט שטאַרק אויסגעמאַכט. דעם אורטייל פון 20 יאָר תפיסה פאַר אייבראַמסן, ליאַכאָווסקין און ליפּמאַנען און 15 יאָר פאַר מיר האָבן מיר אויפגענומען רואיק.

נאָכן אורטייל האָט מען אונז אַרויסגעלאָזן איטלעכן אויף 10.000 דאָ־לער ערבות־געלט און אַן אַפּעלאַציע איז אַוועק אין העכסטן געריכט. אין די חדשים, וואָס מיר זענען געווען אויף דער פריי, האָט דזשעק פאַרגע־זעצט זיין טעטיקייט אין דער איינבינדער־יוניאָן. ער איז אויך אָפט אַרויס־געטראָטן מיט רעדעס אין דעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט.

אין אָקטאָבער 1919 האָט מען מיך באַוונדער פאַרמשפּט אויף 6 מאָ־נאַטן אַרבעטס־הויז, אויף בלעקוועלס איילענד, ווו מען האָט מיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אָפּגעשלאָסן פון דער וועלט, אָן בריוו און אָן באַזוכן; אַפילו מיין מוטער האָט מען צו מיר נישט צוגעלאָזן. איין טאָג אין יאַנואַר, 1920, האָט עמעצער אַריינגעשמוגלט אין מיין קאַמער אַ צעטעלע, פון וועלכן איך בין געוואָר געוואָרן, אַז אייבראַמסן, ליפּמאַנען און ליאַכאָווסקין האָט מען געכאַפּט ביי אַ פּרוּוו צו אַנטלויפן קיין מעקסיקע. דעם זעלביקן טאָג האָט מען מיר אַריינגעוואָרפן אַ צייטונגס־אויסשניט, ווו עס איז געווען געשריבן,

אַז אונזער אורטייל איז דורכן העכסטן געריכט באַשטעטיקט געוואָרן און אַז מען האָט די דריי מיט־פּראָצעסניקעס מיינע שוין אַוועקגעשיקט אין דער תּפיסה פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ.

ווען מיינע 6 מאָנאַטן אין אַרבעטס־הויז האָבן זיך געענדיקט, האָט מען מיך געבראַכט קיין ניו־יאָרק, געהאַלטן דאָ צוויי טעג, און דעם 1־טן מאַי 1920 האָט מען מיך אַריבערגעפירט אין דער פעדעראַלער תּפיסה פון דזשעפערסאָן, מיזורי, ווו איך האָב געזאָלט אָפּזיצן מיינע 15 יאָר. וואָס ווייטער האָט זיך געטאָן אין דעם פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, ווי אויך אין דעם אַמנעסטיע־קאָמיטעט, און ווי אַזוי עס איז געקומען צום פּלאַן פון אויסבייטן אונז אויף רוסישע קריגס־געפאַנגענע, — ווייס איך נישט. איך האָב זיך געהאַט פונאַנדערגעגאַנגען מיטן קאָמיטעט אין דער פראַגע פון דערלאַנגען אַ פּעטיציע, און מען האָט מיך נישט געהאַלטן אינפאָרמירט אין די אַלע ענינים. מען האָט מיר נאָר געלאָזט וויסן, אַז דער אָפּמאַך מיט דער סאָוויעטישער רעגירונג וועגן אויסטוישן אונז אויף רוסישע קריגס־געפאַנגענע איז צושטאַנד געקומען. דעם 23־סטן נאָוועמבער, 1921, האָט אונז אַלעמען די רעגירונג דעפּאָרטירט פון די פאַרייניקטע־שטאַטן און מיר זענען אַלע צוריק אַוועק קיין רוסלאַנד.

בערלין, מערץ 1930.

י. אייבראַמס אין אַמעריקאַנער תּפיסה נאָכן פּראָצעס

מוטיקע און בראַווע

אין אויגוסט 1918 האָט די ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטישע גרופּע „פריי־הייט", וואָס דזשעק אייבראַמס איז געווען איר באַליבטער פירער, אַרויס־געלאָזן אַן אויפרוף קעגן דער דעמאָלטיקער מיליטערישער אינטערווענץ פון די פאַרייניקטע־שטאַטן און די אַליאירטע אין רוסלאַנד. אין יענער צייט זענען די סימפּאַטיעס און דער ענטוזיאַזם פאַר דער גרויסער רוסישער רע־וואָלוציע געווען נאָך זייער גרויס צווישן פאַרשידענע גרופּעס פון דער אַר־בעטער־באַוועגונג אין די פאַרייניקטע־שטאַטן, ענגלאַנד און אַנדערע לענ־דער. און נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט שוין אין דער וועלט גע־ווּסט, אַז די באָלשעוויקעס האָבן צעטריבן די דעמאָקראַטישע גרינדונגס־פאַרזאַמלונג און מיט גוואַלד פאַרכאַפּט די רעגירונגס־מאַכט ביי זיך אין לאַנד, האָט דאָך די מיליטערישע אינטערווענץ פון די אַליאירטע מלוכות קעגן דער יונגער סאָוועטישער רעגירונג אַרויסגערופן אויפרעגונג און צאָרן צווישן גרויסע טיילן פון אַרבעטער אין ענגלאַנד און אַמעריקע. מען האָט נאָך דעמאָלט אידענטיפיצירט די באָלשעוויסטישע רעגירונג מיט דער רו־סישער רעוואָלוציע. אַן אָפּקלאַנג פון דער דאָזיקער שטימונג איז אויך גע־ווען דער באַשלוס פון דער קליינער ניו־יאָרקער אַנאַרכיסטישער גרופּע צו פּראָטעסטירן עפנטלעך קעגן דער אינטערווענץ.

דעם דאָזיקן אויפרוף האָט די גרופּע אַרויסגעלאָזן אין יידיש און אין ענגליש און אים אויסגעזעצט און אָפּגעדרוקט אין אַן ערך 10,000 עק־זעמפּלאַרן אין דער אייגענער קליינער דרוקעריי, וואָס האָט זיך געפונען אין קעלער אויף 1582 מעדיסאָן עווענין, אין מאַנהעטן.

די אויפרופן.

דער אויפרוף אין ענגליש האָט געטראָגן דעם טיטל: „די היפּאָקריט־סטווע פון די פאַרייניקטע־שטאַטן און אירע אַליאירטע" און האָט זיך אין זיינע וויכטיקע טיילן געלייענט אַזוי:

„אונזער" פּרעזידענט ווילסאָן האָט מיט זיין פּראַכטפולער פּראַזע־לאָגיע פאַרהיפּנאָטיזירט דאָס אַמעריקאַנער פאָלק אַזוי שטאַרק, אַז עס זעט נישט מער זיין צביעות... דער פּרעזידענט האָט מורא געהאַט צו מעלדן דעם אַמעריקאַנער פאָלק וועגן דער אינטערווענץ אין רוסלאַנד... ער האָט באַ־נוצט פּראַכטפולע פּראַזעס לגבי רוסלאַנד און אין דער שטיל, פּחדנותדיק, האָט ער געשיקט מיליטער צו דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע. זעט איר שוין, ווי דער דייטשישער מיליטאַריזם האָט זיך פאַרבונדן מיטן אַליאירטן קאַפּיטאַליזם כדי צו דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע?

„דאָס איז נישט קיין נייס. די טיראַנען פון דער וועלט קעמפן צווישן זיך, ביז וואַנען זיי דערזעען דעם אַלגעמיינעם שונא — די אויפקלערונג

פון דעם אַרבעטער־קלאַס, ווי נאָר זיי געפינען אַן אַלגעמיינעם שונא, פאַריי־ניקן זיי זיך אים צו צעשמעטערן.

„אין 1815 האָבן די מאָנאַרכיסטישע נאַציעס זיך פאַרייניקט אונטער דעם נאָמען „הייליקע אַליאַנץ" כדי צו דערשטיקן די פראַנצויזישע רעוואָ־לוציע. איצט האָט זיך פאַרייניקט דער מיליטאַריזם מיטן קאַפּיטאַליזם — הגם ניט אָפענערהייט — מיטן ציל צו דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע.

„וואָס האָט א י ר צו זאָגן וועגן דעם? וועט איר דערלאָזן, מען זאָל דערשטיקן די רוסישע רעוואָלוציע? איר, יאָ, מיר מיינען אייך, פאָלק פון אַמעריקע!

„די רוסישע רעוואָלוציע רופט די אַרבעטער פון דער וועלט צו הילף.

„וואַכט אויף, וואַכט אויף, איר — אַרבעטער פון דער וועלט!"

אונטערגעשריבן איז דער אויפרוף געווען „רעוואָלוציאָנערן" און איז פּאָסט־סקריפּטום איז געווען צוגעגעבן, אַז „מיר האַסן און פאַראַכטן דעם דייטשישן מיליטאַריזם מער ווי די היפּאָקריטישע טיראַנען און מער ווי „דער פהדן אין ווייסן הויז", און אַז עס איז דעריבער אַן אַבסורד צו זאָגן, אַז מיר זענען פּראָ־גערמאַניש".

דער אויפרוף אין יידיש האָט געטראָגן דעם טיטל: „אַרבעטער דער־וואַכט!" און איז געווען געווענדט הויפּטזעכלעך צו די רוסישע עמיגראַנטן אין אַמעריקע; ער איז אויך געווען פיל שאַרפער און אַרויסרופערישער, ווי דער ענגלישער, און ער האָט עס געליפערט דעם געזעצלעכן גרונד פאַר די געשוואָרענע ריכטער אַרויסצוטראָגן דעם איינשטימיקן אורטייל: שולדיק!

מיר ברענגען די וויכטיקערע אויסצוגן פון דעם אויפרוף, וועלכן מיר זעצן איבער צוריק אין יידיש פון דער ענגלישער איבערזעצונג, וואָס גע־פינט זיך אין דעם אָפיציעלן פּראָטאָקאָל־אָפּדרוק פון די געריכטס־פאַר־האַנדלונגען; דעם יידישן אָריגינאַל האָבן מיר, ליידער, נישט ביי זיך איצט.

צוערשט זאָגט זיך איז דעם אויפרוף, אַז דער אָנהייב פון רוסלאַנדס עמאַנציפּאַציע איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דורך „זיין מאַיעסטעט, הער ווילסאָן, און זיינע איבעריקע חברים — הינט פון אַלע קאָלירן". אַמעריקע און אירע אַליאירטע ווילן אַריינמאַרשירן אין רוסלאַנד מיטן אויסרייד צו העלפן די טשעכאָסלאָוואַקן, אָבער די עמיגראַנטן פון רוסלאַנד וועלן זיך דאָס מאָל נישט לאָזן אָפּנאַרן, ווייל זיי פאַרשטייען די אמתע כוונה פון דעם שריט. דאָן קלערט אויף דער אויפרוף די „אַרבעטער, רוסישע עמיגראַנטן", אַז פאַר דעם געלט, וואָס זיי באַרגן אויס דער רעגירונג, וועט מען מאַכן קוילן „נישט בלויז קעגן די דייטשן, נאָר אויך קעגן די אַרבעטער־ראַטן אין רוסלאַנד"; די אַרבעטער אין די אַמוניציע־פאַבריקן דאַרפן וויסן, אַז זיי „פּראָדוצירן קוילן, באַיאָנעטן, קאַנאָנען אויף צו מאָרדן נישט בלויז די

דייטשן, נאָר אויך זייערע טייערסטע און בעסטע, וואָס קעמפן אין רוס־לאַנד פאַר פרייהייט". צולעצט קומט אַ דירעקטער רוף צו די אַרבעטער, זיי זאָלן אויף דער באַרבאַרישער אינטערווענץ ענטפערן מיט אַ גענעראַל־שטרייק".

„...דריי הונדערט יאָר האָט די ראָמאַנאָוו־דינאַסטיע אונז געלערנט ווי אַזוי צו קעמפן, זאָלן אַלע הערשער, פון דעם קלענסטן ביזן גרעסטן דעס־פּאָט, געדענקען, אַז די האַנט פון דער רעוואָלוציע וועט נישט קיין ציטער טאָן איז דעם קאַמף".

אונטערגעשריבן איז דער אויפרוף געווען: „די בונטאַרן" (אין ענגליש: „דהי רעבעלס").

די פאַקטישע געשיכטע אַרום דעם שרייבן, באַהאַנדלען, דרוקן און פאַרשפּרייטן די אויפרופן, ווי אויך אַרום דער גאַרער אַנטי־אינטערווענץ־אַקטיוויטעט פון יעקב אייבראַמס און זיין גרופּע האָבן שוין, אויף אַן אַנדער אָרט דאָ אין בוך, רעסטאַוורירט מאָלי סטיימער. מאָלי סטיימער איז, אויסער דעם, געשטאַנען אין צענטער פון דער גאַנצער אונטערנעמונג און האָט אויך אין געריכט דערנאָך געשפּילט אַ וויכטיקע ראָלע, און איר דער־ציילונג וועגן דעם אַרעסט פון די פינף און וועגן דער האַלטונג זייערער אויפן פאַרהער און אין געריכט איז פון גרויס באַדייטונג פאַר דער שילדע־רונג פון דער גאַנצער זאַך איצט, 38 יאָר נאָך דער געשעעניש. אונז בלייבט דאָ, אַזוי אַרום, איבער בלויז צו פּרווון פון דאָס ניי אויפשטעלן כאָטש אַ טייל פון דעם אַלגעמיינעם בילד, וואָס האָט זיך דעמאָלט געשאַפן בעת די פאַרהאַנדלונגען אויף דעם סענסאַציאָנעלן פּראָצעס. מיר טוען עס אויפן גרונד פון די ביכער: 1) „פאַרמשפּט צו צוואַנציק יאָר תפיסה", אַרויסגע־געבן אין ניו־יאָרק, אין 1919, דורכן „הילפס־און פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע", און 2) אַ בוך פּראָטאָקאָלן פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען אין דעם „דיסטריקט קאָורט" פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, אָפּטיילונג פון דעם דרום־דיסטריקט פון ניו־יאָרק, אָקטאָבער־סעסיע פון 1918; דער טיטל פונם פּראָטאָקאָל־בוך איז: „פאַראייניקטע־שטאַטן קעגן דזשייקאָב אייבראַמס און די אַנדערע".

דער אַרעסט.

מאָלי סטיימער דערציילט דאָ אין איר באַשרייבונג, ווי די הויפּט־פּי־רער פון דער גרופּע „פרייהייט", זענען, אַ דאַנק היימאַן ראָזאַנסקין, דורכ־געפאַלן ביים פאַרשפּרייטן די אויפרופן, ווי מען האָט זיי אַלעמען דערנאָך אַרעסטירט, געבראַכט צום פאַרהער אין דער צענטראַלער פּאָליציי און פון דאָרט אָוועקגעפירט אין דער „טאָמבס"־תפיסה. מיר וועלן דאָ צוגעבן אייניקע פּרטים צו מאָליס שילדערונג. —

די שותּפותדיקע דירה, וואָס מאָלי סטיימער דערציילט וועגן איר,

האָט זיך געפונען אויף 5 איסט, 104־טע גאַס. ווען דעם 23־טן אויגוסט, 1918, 7 אַזייגער פאַרנאַכט, האָט אַ גרופּע דעטעקטיווס אַרומגערינגלט מאַ־לי סטיימער, היימאַן ליאַכאָווסקין, סעמועל ליפּמאַנען און היימאַן ראָזאַנס־קין אויפן ווינקל פון פינפטער עוועניו און 104 גאַס, האָט אַן אַנדער גרופּע דעטעקטיווס נאָכגעפאָלגט דזשעק איבראַמסן און דזשייקאָב שוואַרצן פון דער דרוקעריי צו זייער דירה און איז צוזאַמען מיט זיי אַריין אינעווייניק. ביי דער הויז־זוכונג האָט מען דאָרט געפונען פּעקלעך אויפרופן. ביים אַרעסטירן איבראַמסן און שוואַרצן האָט מען אויך פאַרהאַלטן אַנדערע דריי — באָריס, אַאורין און פּראַבער, — וואָס זענען גראָד געקומען צו איב־ראַמסן בעת דער הויז־זוכונג; די ערשטע צוויי האָט מען נאָכן פאַרהער באַ־פרייט און דעם דריטן, פראַבערן, האָט מען צוגעצויגן צום געריכט צוזאַ־מען מיט די איבעריקע, אָבער אויך אים האָט מען אינגיכן פריי געלאָזן. געבליבן זענען, אַזוי אַרום, צווישן די באַשולדיקטע נאָר פינף, נאָר ווען דעם — אַביסל ווייטער.

אַלע אַרעסטירטע האָט מען אין צוויי פּאַרטיעס געבראַכט אין דער הויפּט־פּאָליציי אויף 240 סענטער סטריט, דאַון טאַון, ניו־יאָרק, שפּעט אין דער נאַכט. ראָזאַנסקין האָט מען אַהין דעם ערשטן מאָל געבראַכט דעם זעלבן טאָג, 23־טן אויגוסט, 2.30 בייטאָג, ווען מען האָט אים געכאַפּט מיט די אויפרופן; מען האָט אים נאָר שפּעטער אַרויסגעלאָזן צו גיין צום טרעף־פּונקט מיט מאַלי סטיימער און די אַנדערע, כדי אַזוי אַרום צו קענען די אַנדערע אויך אַרעסטירן. דער פאַרהער איז אָנגעגאַנגען אַ גאַנצע נאַכט אין צימער 214 און דאָס שלאָגן איז פאָרגעקומען אין אַנדערע, דערביי־איקע צימערן. מען האָט געשלאָגן אַאורינען, ליאַכאָווסקין, ליפּמאַנען און ראָזאַנסקין (דעם לעצטן, קענטיק, בייטאָג נאָך), אָבער מער ווי אויף די אַנדערע איז אויסגעפאַלן אויפן גורל פון שוואַרצן, וואָס האָט שפּעטער, אין אַ בריוו פון 18־טן סעפּטעמבער 1918, אַרויסגעשיקט פון „טאָמבס־תפיסה", אויספירלעך געשילדערט די פּייניקונגען, דורך וועלכע ער איז דורכגעגאַנגען אויפן פאַרהער. שוואַרץ איז שפּעטער, אין תפיסה זיצנדיק, קראַנק געוואָרן, מען האָט אים אַריבערגעפירט אין בעלעוויו־האָספּיטאַל, ווו ער איז געשטאָרבן אין דער נאַכט פון 14־טן אָקטאָבער — ערב דער עפענונג פון די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. אין זיין תפיסה־קאַמער האָט מען דערנאָך געפונען זיינס אַ ניט קיין פאַרענדיקט געזעגענונגס־צעטעלע אין יידיש מיט פאָלגנדיק ווערטער: „זייט געזונט, חברים. ווען איר וועט אויפטרעטן אין געריכט, וועל איך מיט אייך ניט זיין מער. קעמפט אָן פחד, שעמפט מוטיק. איך באַדויער, וואָס איך מוז אייך פאַרלאָזן, אָבער אַזוי איז דאָס לעבן. נאָך אייער לאַנגן מאַרטירערטום..." דאָס צעטעלע ווייזט, אַז שוואַרץ האָט זיך געריכט אויפן אָנקומענדיקן טויט, און די חברים זיי־נע האָבן באַהויפּט, אַז די פּאָליציייִשע ברוטאַליטעט איז געווען די הויפּט־סיבה פון זיין פריציייטיקער לעבנס־ענדע. שוואַרצס בריוו און געזעגע־

נונגס־צעטעלע, ווי בכלל זיין טויט, איז דעמאָלט ברייט אויסגענוצט געוואָרן דורך דעם „פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט" אויף אַן עפנטלעכן 1,200־קעפּיקן מאַסן־מיטינג (דעם 25־טן אָקטאָבער, 1918), אויף וועלכן עס האָבן גערעדט דער פאַרטיידיקער פון די געמשפּטע, הערי ווייבערגער, און דער דעמאָלט גוט באַקאַנטער פּראָ־באָלשעוויסטישער שרייבער — דזשאָן ריד.

דער משפט.

דער משפט אין דרומדיקן דיסטריקט־געריכט איז באַשטימט געוואָרן אויפן 10־טן אָקטאָבער, אָבער די פאַקטישע געריכטס־פאַרהאַנדלונגען האָבן זיך אָנגעהויבן דעם 15־טן אָקטאָבער, 1918. געמשפּט האָט מען פאַקטיש אָר פיר פון די באַשולדיקטע: יעקב איבראַמס, שמואל ליפּמאַן, היימאַן לאַכאָווסקי און מאָלי סטיימער. וואָס איז שייך היימאַן ראָזאַנסקין, — איז הגם ער איז פאַראורטיילט געוואָרן צו דריי יאָר תפיסה, קאָן מען אים אָבער נישט צורעכענען צו די געמשפּטע, וואָרום אין פאַרלויף פון די פאַרהאַנדלונגען האָט אים דאָס געריכט גאָר אויסגענוצט ווי אַן עדות קעגן די פיר. ווי די באַשולדיקטע, אַזוי האָבן אויך די ריכטער, קענטיק, געהאַלטן איבראַמסן פאַרן איניציאַטאָר און לידער פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק אויך אין די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען. דער פאַרהער פון איבראַמסן האָט זיך געצויגן איבער צוויי לאַנגע געריכטס־סעסיעס. די אָנקלאָגער מצד דער רעגירונג האָבן זיך אַלץ געמיט אַרויסצוקריגן פון דעם באַשולדיקטן אַ צושטימונג צו דער באַהויפּטונג פון דער באַשולדיקונג, אַז ער, איבראַמס, און זיין גרופּע האָבן באַוווסטזיניק גערופן נישט צו פאָלגן דער רעגירונג און סאַבאָטירן אירע קריגס־פאַראָרדנונגען, און דאָס האָט געהייסן אַן אַקט פון מלוכה־פאַרראַט און פאַרברעכן לויטן נייעם שפּיאָנאַזש־געזעץ. אַקעגן דעם האָט דער באַשולדיקטער, איבראַמס, מיט דער הילף פון דעם פאַרטיידיקער, הערי וויינבערגער, געמיט זיך צו באַווייזן, אַז הגם ער האָט טאַקע אָרגאַניזירט דאָס דרוקן און פאַרשפּרייטן די אויפרופן, איז ער, אָבער, דערמיט קיין פאַרברעכן אַקעגן געזעץ נישט באַגאַנגען; אדרבא, דעם פאַרברעכן איז גאָר באַגאַנגען דער פּרעזידענט, וואָס האָט די אינטערווענץ אָנגעהויבן אויף זיין אייגענער אחריות אָן דער צושטימונג פון קאָנגרעס. אויסער דעם האָט דער פאַרטיידיקער, לויטן אויסגעשפּראָכענעם ווילן פון אַלע פיר באַשולדיקטע, געטאָן אַלדאָס מעגלעכע צו פאַרוואַנדלען די געריכטס־פאַרהאַנדלונגען אין אַ פּראָפּאַגאַנדע־אַרענע קעגן דער מיליטערישער אינטערווענץ פון די אַליאירטע אין רוסלאַנד. מיט זיינע פיינדיקע פראַגעס האָט וויינבערגער געשטויסן דעם באַשולדיקטן צו געבן לאַנגע, אויספירלעכע דערקלערונגען וועגן דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער סיסטעם אין רוסלאַנד פאַר און נאָך דער רעוואָלוציע, וועגן דעם וויכוח צווישן סאָציאַליזם און קאַפּיטאַליזם אין דער וועלט בכלל, וועגן די טרייב־קרעפטן פון דעם קריג.

און יעקב אײבראַמס, נישט געקוקט אויף זײַנע שפּראַך־שװעריקײטן און אויף די אָפטע פֿאַסטקעס, װאָס מען האָט אים אונטערגעשטעלט בעתן קרײַץ־פֿאַרהער מצד דער באַשולדיקונג, האָט באַװיזן צו האַלטן די אויפֿמערק־זאַמקײט פֿון די ריכטער און צוהערער צוגענאָגלט צו זײַנע לאַנגע פּאָלי־טישע רעדעס און צו זײַן אַרגומענטאַציע. ער האָט אַפֿילו צולעצט פֿאַר־דינט אַ לויב־װאָרט פֿאַר זײַן אינטעליגענץ מצד דעם ריכטער קליעטאַן.

אויך מאָלי סטײמער האָט געהאַלטן דעם געריכטס־זאַל אין שפּאַנונג מיט אירע אויספּירלעכע דערקלערונגען װעגן דעם מהות פֿון אַנאַרכיזם, װעגן אַרבעטער און קאַפּיטאַליסט אין אונזער געזעלשאַפֿט, װעגן ליבע און הײראַט אדג"ל. אויך צו איר האָט זיך דער ריכטער באַצויגן מיט רעס־פּעקט. אַלע פֿיר באַשולדיקטע האָבן זיך געהאַלטן שטאָלץ און מוטיק אין דער גאַנצער צײַט פֿון די געריכט־פֿאַרהאַנדלונגען. װען די זשורי האָט אַרויסגעטראָגן איר פּסק־דין: שולדיק, האָט יעקב אײבראַמס געזאָגט:

„אויב עס איז װירקלעך אַ פֿאַרברעכן אײנצושטעלן זיך פֿאַר די מענטשן, װאָס דו האָסט ליב; אויב עס איז אַ פֿאַרברעכן צו גלויבן אין אידעאַלן; אויב עס איז אַ פֿאַרברעכן אײנצושטעלן זיך פֿאַרן אײגענעם לאַנד.

— דאַן בין איך שטאָלץ צו זײַן אַ פֿאַרברעכער".

סעמועל ליפּמאַן האָט, צװישן אַנדערעס, געזאָגט:

„...דער משפּט װעט אַרײַנגײן אין דער געשיכטע נישט װי אַ פּראָצעס פֿון דער רעגירונג פֿון די פֿאַראײניקטע־שטאַטן קעגן פֿינף יחידים, נאָר װי אַ פּראָצעס פֿון קאַפּיטאַליזם קעגן דער אַרבעטערשאַפֿט"... װאָס מער ליב־האָבער פֿון אמת איר װעט פֿאַרשפּאַרן אין תּפֿיסה, אַלץ נעענטער װעט זײַן די ענדע פֿון אָרעמקײט, עלנט, הונגער־נויט, דעספּאָטיזם און טיראַנײַ".

אין דעם זעלבן גײַסט האָבן גערעדט מאָלי סטײמער און הײמאַן ליאַ־כאָװסקי. נאָך דעם זענען געקומען די אורטײלן: אײבראַמס, ליפּמאַן און ליאַכאָװסקי זענען פֿאַרמשפּט געװאָרן צו 20 יאָר תּפֿיסה אין דעם שטאַט מערילאַנד און צו 1,000 דאָלער געלט־שטראָף איטלעכער; מאָלי סטײמער איז פֿאַרמשפּט געװאָרן צו 15 יאָר אין דער מיזורי־תּפֿיסה פֿאַר פֿרויען און צו 500 דאָלער געלט־שטראָף. הײמאַן דאַזאַנסקי איז פֿאַרמשפּט געװאָרן צו דרײַ יאָר תּפֿיסה און צו 1,000 דאָלער שטראָף. דאָס איז געװען דעם 25־טן אָקטאָבער, 1918.

* * *

װי מאָלי סטײמער דערצײלט, האָט מען נאָכן אורטײל די פֿאַרמשפּטע אַרויסגעלאָזן אויף $10,000 דאָלער ערבֿות־געלט איטלעכן, ביז װאַנען די אַנגעגעבענע אַפּעלאַציע װעט נישט דורכגײן דורכן העכסטן געריכט. ענדע 1919 איז דער אורטײל דורכן העכסטן געריכט באַשטעטיקט געװאָרן און די דרײַ אַרעסטירטע מענער האָט מען אַרײַנגעזעצט אין דער תּפֿיסה פֿון

אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ, און זי, מאַלין, — אין דער פרויען־תפיסה פון דזשעפערסאָן, מיזורי. ווי עס איז צוגעגאַנגען דאָס לעבן פון די פאַר־משפטע אין זייערע תפיסות אין פאַרלויף פון די קאַרגע צוויי יאָר — ביזן 23־טן נאָוועמבער, 1921, ווען מען האָט זיי אַלעמען אויסגעטוישט אויף רוסישע קריגס־געפאַנגענע און זיי אַרויסגעשיקט פון אַמעריקע, — האָט, ליידער, קיינער פון זיי ניט באַשריבן. דערפאַר אָבער, פון מאָמענט פון דער דעפּאָרטאַציע און ווייטער, ד. ה. די רייזע צום „געטרוימטן לאַנד", דאָס שווערע לעבן דאָרטן, די גרויסע אַנטוישונג אין דער פריערדיקער אילו־זיע און דאָס אַנטלויפן פון דאָרטן צוריק צום מערב, — דאָס אַלץ איז בילדלעך און שטאַרק געשילדערט געוואָרן דורך יעקב אייבראַמס אין זיין באַשרייבונג „טיפער גלויבן און ביטערע אַנטוישונג", וואָס ווערט איבער־געדרוקט דאָ אין בוך.

אייבראַמס און זיין חבר שוואַרץ, וואָס איז געשטאָרבן אין תפיסה

י. אײבראַמס – דער מענטש, חבר און קעמפער

יצחק בערלינער

י. אייבראַמס, ע״ה

י. אייבראַמס איז שוין מער נישטאָ צווישן די לעבעדיקע.

עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז אָט דער מענטש מיט אַזוי פיל דינאַ־מיק אין זיך זאָל פלוצים פאַרלאָזן דאָס לעבן און אַריינפאַלן אין דעם איי־ביקן שלאָף.

עס ווילט זיך נישט גלויבן, ווייל —

יעקב אייבראַמס האָט דווקא נישט ליב געהאַט זיך אַריינצוּלאָזן אין אַ טיפן שלאָף. ער האָט ליב געהאַט דאָס לעבן. זיין אויג איז שטענדיק וואַך געווען און פלעגט תמיד דערזען — לויט אייבראַמסעס קוק — דאָס קרומע און דאָס גלייכע אין די מענטשלעכע פירונגען. זיין געזעלשאַפטלעכער חוש איז געווען ראַפינירט און ער איז שטענדיק גרייט געווען צו רעאַגירן אויף געשעענישן אין יידישן און אין אַלגעמיינעם לעבן.

שטענדיק קעמפעריש, און ערלעך אין זיין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט, האָט י. אייבראַמס פאַרמאָגט דעם כוח צו שאַפן אַרום זיך אָנהענ־גער און תלמידים, וועלכע האָבן צו אים אַרויפגעקוקט, זיך צוגעהערט צו זיין וואָרט און זענען נאָכגעגאַנגען נאָך זיינע אידייען.

ער איז געגאַנגען גלייך

אַנטיפאַשיסטישער און בכלל אַנטידיקטאַטאָרישער איינשטעל — אויף אָט דער באַזע האָט י. אייבראַמס געבויט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין דעם יידישן מעקסיקע.

און נישט בלויז אין דעם יידישן מעקסיקע איז אייבראַמס געווען אַ פאָדערשטייאיקער כלל־טוער. ער האָט זיך אויך אַרומגערינגלט מיט רע־וואָלוציאָנערן פון פאַרשידענע פעלקער און צוזאַמען האָבן זיי געחלומט פון אַ קומענדיקער באַפרייטער וועלט.

צו אָט דער אַנטיפאַשיסטישער געביידע האָט אייבראַמס דורך זיין וואָרט צוגעטראָגן זיינע ציגל. אָבער אַלע ציגל זענען געווען פון דעם זעל־ביקן סאָרט, מחמת אייבראַמס האָט קיינמאָל נישט געביטן זיינע אידייען און אַפילו נישט געלאָזט מינערן אַ ברעקעלע פון זיין קוק אויף דער וועלט.

בדרך כלל איז אייבראַמס געווען אַ גאַנצער מענטש.

ער איז נישט אָוועקגעטראָטן פון זיין גלייכליניקן וועג אויף קיין האָר.

ער האָט פיינט געהאַט צו שפּרייזן אין זיגזאַגן. ער האָט מיט זיכערקייט געשפּאַנט גלייך. און פּונקט מיט אַזאַ זיכערקייט האָט ער געוואָרט, מיט זיין פרייהייטלעך־סאָציאַליסטיש שטרעבן, אויף דער פרייהייט און גלייכ־הייט פון דער מענטשהייט אויף אונזער פאַרבלוטיקטער ערד.

איבער אַ פערטל יאָרהונדערט ביי געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין מעקסיקע.

איך וויל איצטער נישט זוכן דעם סינטעז פון מענטש און ייד ביי י. אייבראַמסן. אייבראַמס איז געווען מהלכדיק־ווייט פון יידישער טראַדיציע און פון נאַציאָנאַלער יידישקייט.

זיין דעוויז — די וועלט פאַר אַלעמען גלייך — האָט אים נישט גע־לאָזט זיך אויסטיילן פונעם וועלט־כלל. לכן האָט אויך דאָס יידישקייט אין אים נישט אויפגעטליעט באַזונדערדיק, נייערט עס איז געוואָרן אַן אינ־טעגראַלער טייל פון דער מענטשהייט.

אויך דער ענגער קרייז פון אָנהענגער, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום אים, האָט נישט אָפּגעלאָזט די ליניע.

איבער אַ פערטל יאָרהונדערט האָט אייבראַמס געטאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין אונזער ישוב.

ער איז געווען פון די פרינדיקע פערזענלעכקייטן, וואָס פירן דורך מיט ווירדע און אויפריכטיקייט זייערע טואונגען.

זיין אָראַטאָריש וואָרט האָט אוממיטלבאַר געווירקט אויף דעם סאָציאַ־ליסטישן טייל פון אונזער ישוב.

מען קען נישט גיין קעגן גורל.

ער איז מיט אַ פּאָר יאָר צוריק פּלוצלונג קראַנק געוואָרן, אַ בייזע חולאת איז אים אַריין אין האַלדז.

זיינע חברים און פריינד פון הי, און אויך פון אויסלאַנד, האָבן אַ סך געטאָן כדי אים צו קענען ראַטעווען.

די בעסטע דאָקטוירים פון מעקסיקע און פון די שטאַטן האָבן אָנגע־ווענדט די מאָדערנסטע מעדיצינישע און כירורגישע מיטלען.

אייבראַמס איז געווען — אין די לעצטע, שווערסטע חדשים — אַרומ־גערינגלט מיט ליבשאַפט און גוטסקייט פון זיין פרוי מערי און זיינע פריינד.

די לעצטע זעקס מאָנאַטן איז ער געלעגן אין אַ פילאַדעלפיער שפּי־טאָל אונטער דער אויפזיכט פון געניטע מעדיקער און ער האָט באַקומען די בעסטע באַהאַנדלונג. זיין פרוי, מערי, איז זאָרגפעלטיק געווען לעבן אים

טאָג און נאַכט. דער דאָרטיקער תושב, דער כלל־טוער און זעלטענער מענטשן־פריינד דזשאָו פּאָול — אַ מענטש מיט אַ גרויסער נשמה — האָט אַ סך געהאָלפן צו אייבראַמסעס אַריינפאָר אין די פּאַרייניקטע־שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, ווו אייבראַמס האָט נישט געטאָרט אַריינקומען צוליב אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערע זינד... דער גוטער ייד און מענטש דזשאָו (יוסף) פּאָול, האָט דעם קראַנקן אויך אַרומגערינגלט מיט ברידערלעכער גוטסקייט, כדי גרינגער צו מאַכן אייבראַמסעס ליידן. אויך ד״ר וואָלף ניימאַן — אַ געוועזענער תושב פון מעקסיקע, אייבראַמסעס אַן אַלטער גוטער פריינד, וואָס וווינט איצטער אין פילאַדעלפיע, — האָט קיין איין טאָג נישט פאַרפעלט צו קומען אין שפּיטאָל אַריין צו אייבראַמסן.

אָבער —

מען קען נישט גיין קעגן גורל.

אייבראַמס איז אַוועק פון דער וועלט.

אייבראַמסעס לעצטע טעג אין מעקסיקע.

אין זיינע לעצטע טעג האָב איך י. אייבראַמסן געזען אין אַ מעקסיקאַנער שפּיטאָל.

ער איז געלעגן און האָט זיך געמאַטערט. ער האָט געהאַט שטאַרקע ווייטיקן.

ער האָט אָבער זיין ווייטיק נישט געקענט אַרויסשרייען און אַפילו נישט אַרויסקרעכצן...

ער האָט שוין קיין לשון נישט געהאַט — —

ער איז געווען שטום — —

אין פילאַדעלפיער שפּיטאָל האָט מען געמוזט אַרויסנעמען די שטימבענדער פון זיין האַלדז...

מען האָט אים דאָס לשון אויסגעשניטן...

אָט אַן איראָניע פון גורל: דער רעדנער איז שטום געוואָרן... (דאָ דערמאָנט זיך מיר ה. לייוויקס דראַמע „דער פּאָעט איז בלינד געוואָרן"...) יאָ, אַ רעדנער אָן אַ לשון איז געגליכן צו אַ פידלער אָדער אַ מאָלער אָן הענט...

און —

לינדערנדיק איז אויך פאַר אַ ליידנדיקן, ווען ער קאָן כאָטש געבן אַ זיפץ...

אייבראַמס האָט זיך אַפילו נישט געקענט באַקלאָגן אויף דעם שרעק־לעכן פיין, וואָס האָט אים געמאַטערט.

ווי אַ סטאָאיקער איז ער געלעגן אויף זיין שפּיטאָל־בעט און זיין שרעקלעכער ווייטיק האָט כמעט ווי אַרויסגעשמייכלט פון זיינע נאָך אַלץ בלישטשענדיקע אויגן...

— יאָ

י. אייבראַמס איז אויף אייביק שטום געוואָרן. ער איז אַוועק פון דער וועלט. אָבער מיט זיין וואָרט און זיינע טואונגען האָט ער צוגעטראָגן אַ שפּאָרן חלק צו דעם אויפבוי פון דעם יידישן קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פון מעקסיקע.

כבוד זיין אָנדענק!

סאַלאָמאָן קאַהאַן

1. זיין גלויבן איז געווען דער מענטש

„פריינט מיינער, ברודער מיינער,
מידער, ליידנדיקער ברודער,
ווער דו זאָלסט ניט זיין, זאָל דיין מוט ניט אַראָפּפאַלן;
גלויב, סיוועט קומען אַ צייט,
ווען צעשמעטערט וועט ליגן בעל,
און מענטשן־ליבע וועט אויפסניי
הערשן אויף דער וועלט".

נאַדסאָן.

עס זענען דאָ מענטשן, וואָס זענען טיף רעליגיעז, הגם זיי אַליין ווייסן עס נישט. צו אָט די רעליגיעזע נאַטורן האָט געהערט דזשעק אייבראַמס.

ער איז געווען אַ גלויביקער, און דער אָביעקט פון זיין גלויבן איז געווען דער מענטש. צוזאַמען מיט לעאָנאַרד פראַנק איז אויך ער געווען איבערגעצייגט, אַז „דער מענטש איז גוט" און אַז נאָר די איבלען פון דער עקזיסטירנדיקער סאָציאַלער אָרדנונג פאַרוואַנדלען די וועלט אין אַ ממלכת זדון.

אַזוי טיף פאַרוואָרצלט איז געווען זיין גלויבן אין דעם מענטשן מיט זיין פּאָטענציעלן בענקען נאָך אַלץ וואָס איז גוט, שיין און דערהויבן, אַז ער האָט אָפּגעלעבט אַלע זיינע יאָרן פון געזעלשאַפטלעך־באַוווסטזיניקן

לעבן מיט אַ פעלזן־פעסטער זיכערקייט אין דער מעגלעכער פאַרווירקלע־כונג פון דעם קלימאַקס־פונקט פון אוטאָפּישן סאָציאַליזם, וואָס ס'איז דער אַנאַרכיזם, ווי אַ סאָציאַלע פילאָזאָפיע.

דעם פאַרשטאַרבענעמס אַנאַרכיזם איז אין זיין באַוווסטזיין אויסגע־וואַקסן צו אַ וועלט־אַנשויאונג נישט אַזוי פיל ווי אַ רעזולטאַט פון טעאָ־רעטישן שטודיום, ווי פון זיין אורשפּרינגלעכן גלויבן אין דער גוטסקייט פון דעם מענטשלעכן מין און אין זיין פעאיקייט צו לעבן אין פריוויליקער קאָאָפּעראַציע, אָן דעם קאָנטראָל פון אָרגאַניזירטער רעגירונגס־בייטש. ער האָט באמונה שלמה געגלויבט, אַז שטאַט, ווען אַפילו אַ סאָציאַליסטישער שטאַט, איז אַן אומפאַרציילעכער דרוק אויף דער פרייער פּערזענלעכקייט, און דאָס איז קעגן דער העכערער עטיק און אַ באַליידיקונג פאַר דעם מענטשלעכן מין.

אָט דער טיפער גלויבן אין דעם מענטשן און אין דעם, כאָטש נאָך ווייט, אָבער דאָך זיכערן טריאומף פון דער אַנאַרכיע, אין דעם העכערן, פילאָזאָפישן זין פון דעם וואָרט, איז געווען די וויכטיקסטע טרייב־קראַפט אין דער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

זיין אַנאַרכיזם האָט קיין שום זאַך אין דער וועלט נישט געקענט פון אים אויסוואָרצלען; ער איז צוריקגעפאָרן פון סאָוויעט־רוסלאַנד אַ טיף אַנטוישטער, אָבער זיין אַנטוישונג אין דער סאָוויעטישער ווירקלעכקייט האָט אויף אַ האָר נישט געמינערט זיין גלויבן, אַז די דערלייזונג פון דער מענטשהייט וועט דאָך קומען. די וועגן וועלן אָבער מוזן זיין, איז ער גע־בליבן איבערצייגט, גאַנץ אַנדערע.

איינער פון די שענסטע קאַפּיטלען אין דער געשיכטע פון זיין יידישער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט דאַהי זענען די יאָרן פון דעם, לויט זיין איני־ציאַטיוו געגרינדעטן און, פּאַקטיש, דורך אים אָנגעפירטן, „אַנטיפאַשיס־טישן קאָמיטעט". זיין ענטוזיאַזם און ענערגיע האָט אינספּירירט צו מאַק־סימאַלע לייסטונגען אַלע מיטבאַטייליקטע און געמאַכט, אַז דעם קאָמיטעטס טעטיקייט זאָל ברענגען צו קולטור־דערהויבונג, אויסגעדריקט אין אַ גאַנ־צער רייע עפנטלעכע אונטערנעמונגען, וואָס ווערן נאָך איצט, כמעט צוויי צענדליק יאָר שפּעטער, דערמאָנט ווי אַן עמוד האש אין דער געשיכטע פון יידישן גייסטיקן לעבן דאָ אין לאַנד.

ווי טיף ער האָט דורכגעלעבט שפּאַניעס טראַגעדיע! מיט וואָס פאַר אַן איפער האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער הילס־אַרבעט פאַר די קרבנות פון פראַנקאָס פאַשיסטישן אָנגריף קעגן דער שפּאַנישער רעפּובליק און פון זיין זיג איבער איר! ווען עס וועט אַמאָל געשריבן ווערן די געשיכטע פון אָט דעם קאַפּיטל, וועט דעם פאַרשטאָרבענעמס טעטיקייט, ווי דער פאָרזי־צער פון דער מעקסיקאַנישער אָפּטיילונג פון דער „אינטערנאַציאָנאַלער

הילפס־אָרגאַניזאַציע", ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן, און זיין גייסטיקע פיגור וועט דאַן אויפלייכטן אין דעם גאַנצן גלאַנץ פון זיין נאָבלקייט און פון אמתער, נישט רעקלאַמירטער מענטשן־ליבע.

דזשעק איבראַמס האָט נישט געהערט צו די, וואָס דערקלערן זיך פּאַטעטיש אין ליבע צו דער אַבסטראַקטער „מענטשהייט"; פאַר אים האָט ראשית כל עקזיסטירט דער נאָענטער, ליידנדיקער קאָנקרעטער מיט־מענטש. אים האָט ער זיך באַמיט צו ברענגען טרייסט, אים האָט ער געוואָלט דערמוטיקן און וועקן אין אים בייע האָפענונג.

ער האָט נישט דערלאָזט, אַז די פּראַזאַאישעווירקלעכקייט זאָל אים גייסטיק דערדריקן; דער גרויקייט פון טאָג־טעגלעכן לעבן פלעגט ער אַנטקעגנשטעלן די יום־טובדיקייט פון צוקונפט־וויזיעס. אַנאַרכאָ־סינדיקאַליזם איז געווען די פאָן, וואָס ער האָט אַרויסגעהאַנגען איבער דער געביידע פון זיין באַציאונג צו דער וועלט און צו דער מענטשלעכער געזעלשאַפט.

און ער האָט אָט די פאָן נישט אַראָפּגעצויגן ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג.

(„די שטימע", מעקסיקע, 17־טן יוני, 1953)

2. י. איבראַמס - דער אָפּאָזיציאָנער

יעקב איבראַמס איז געווען דער גרויסער אָפּאָזיציאָנער.

די אָפּאָזיציאָנעלע שטעלונג זיינע איז געקומען פון צוויי באַזונדערע קוואַלן:

א. — פון זיין ראָמאַנטיש־אַנאַרכיסטישן וועלט־באַנעם בכלל, וואָס איז לויט זיין גאַנצן מהות אַנטי־צענטראַליסטיש און פּאַסט זיך שווער אַריין אין אַ געזעלשאַפטלעכער דינאַמיק, וואָס די טענדענץ צו וואָס אַ מאָל בולטערע פאָרמען פון צענטראַליזירונג איז איר שטאַרקסטע טרייב־קראַפט;

ב. — פון זיין גרונטגעזעצלעך דעמאָקראַטישן וועזן, וואָס האָט אָרגאַניש נישט געקענט פאַרטראָגן קיין תקיפות, חוצפּה, קולאַק־פּאָליטיק, מיט איין וואָרט — אַלץ וואָס פאַרגוואַלטיקט אין וועלכער ס'איז פאָרם די פרייהייט פון דער איינצל־פּערזענלעכקייט און טרעט מיט די פיס דעם ווילן פון דער מערהייט פון אַ קאָלעקטיוו.

אין אָט דעם אַספּעקט פון דעם פאַרשטאַרבענעם געזעלשאַפטלעכן טוערס פּערזענלעכקייט דאַרף מען באַזונדערס אונטערשטרייכן דאָס פּאָזיטיווע, וואָס איז געשטאַנען הינטער איבראַמסעס אָפּאָזיציאָנערישקייט, ווייל גאָר אַ סך זאַכן, פאַר וועלכע ער האָט געקעמפט, זענען נאָך אויך איצט פונקט

אַזוי וויכטיק, און במילאָ אַקטועל, ווי ווען אייבראַמס האָט זיך פאַר זיי איינגעשטעלט.

ער האָט, ראשית כל, זיך אומאויפהערלעך איינגעשטעלט פאַר פרייהייט פון געדאַנק אויף דער היגער ידישער גאַס. ביי אומצייליקע געלעגנהייטן האָט ער אַרויסגעבראַכט, נאַטירלעך, אויף זיין אייגענעם אופן און אין אַ ספּעציפישער פאָרם דעם גרויסן אמת, וואָס ליגט אין דער קלאַסיש גע־וואָרענער פראַזע פון דעם פראַנצויזישן דענקער וואָלטער:

„איך מעג זיך זיין נישט איינשטימיק מיט קיין איינעם פון די געדאַנ־קען, וואָס דו זאָגסט אַרויס; איך וועל אָבער, אויב נויטיק, מיט מיין אייגע־נעם לעבן פאַרטיידיקן דיין רעכט זיי פריי אויסצודריקן".

רעכט אויף אַן אייגענער מיינונג, פרייהייט זי אַרויסצוזאָגן, נישט ווערב־דיק פאַר דעם פאַרפאָלגט, — וואָס פאַר אַ עלעמענטאַרע זאַכן דאָס זענען אַלץ! און דאָך! וויפל מאָל איז אונז אויסגעקומען צו הערן אייבראַמסן פּראָ־טעסטירן באַרעכטיקערהייט קעגן דער פאַרגוואַלטיקונג פון אָט די גרונט־פּרינציפּן, אָן וועלכע ס'קען גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן דעמאָקראַטיש־קייט אין געזעלשאַפטלעכן צוזאַמענלעבן און אָן וועלכע געזעלשאַפטלעכ־קייט ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קאַריקאַטור און אין אַ ביטערן חוזק.

ס'איז געווען יעקב אייברמאַס, וועלכער האָט מיט אַלע זיינע כוחות באַקעמפט די ערשטע פּרוון, וואָס זענען, מיט יאָרן צוריק, געמאַכט גע־וואָרן אַריינצוברענגען אין אונזער היגן לעבן ברוטאַליטעט בנוגע צו אַנ־דערש דענקנדיקע, אין דער פאָרם פון אויסשליסן, באַיקאָטירן און, עווענ־טועל, אַריינלייגן אין חרם.

אייבראַמס האָט נאָך מיט יאָרן צוריק געוואָרנט, אַז מיט אַזעלכע האַנדלונגען וועט מען פריער אָדער שפּעטער אַוועקשטעלן אונזער ישוב פנים אל פנים מיט דער געפאַר פון טאָטאַליטאַרישקייט; מיט דער געפאַר פון אַזאַ מין סיטואַציע, וואָס מענדעלעס „טאַקסע", מיט דער תקיפות, וואָס ווערט דאָרט באַשריבן, זאָל קעגן איר פאַרבלאַסן.

דערפאַר האָט ער אויך שטענדיק, ווו נאָר ער האָט געקענט לאָזן הערן זיין וואָרט, אונטערגעשטראָכן די לעבנס־נויטווענדיקייט פון טאָלעראַנץ צום אידייאישן קעגנער, אַזוי לאַנג ווי יענער וויל נישט מיסברויכן מיט אָט דעם כאַראַקטעריסטישן דעמאָקראַטישן שטריך, כדי אומצוברענגען דעמאָ־קראַטיע.

דערפאַר האָט אייבראַמס אויך שטענדיק געבראַכט צום אויסדרוק דעם געדאַנק, אַז קיינער, אָבער טאַקע קיינער, טאָר נישט דענקען, אַז ער, און נאָר ער, האָט דעם מאָנאָפּאָל אויפן אמת, און אַז בלויז זיינע ברילן זענען

די אַמבעסטן צוגעפּאַסטע צו קוקן דורך זיי אויף דער וועלט און אויף די פּראָבלעמען, וואָס דאָס לעבן ברענגט מיט זיך.

אויב ס'איז ווען עס איז געווען אויף אונזער היגער יידישער גאַס אַ מענטש, וואָס האָט אָרגאַניש נישט געקענט פאַרטראָגן קיין דאָגמאַטישקייט און איז שטענדיק געווען גרייט צו אַנאַליזירן, איז עס געווען יעקב אייבראַמס. ער האָט בעסער, ווי ווער עס איז אין אונזער היגן ישוב, באַגריפן די געפאַרן, וואָס אַ דאָגמאַטישע איינשטעלונג טראָגט אין זיך פאַר דער אַנטוויקלונג פון געזעלשאַפטלעכן לעבן.

און איז דען צווישן אונז געווען נאָך אַ גרעסערער קעגנער פון פאַנאַטיזם? איינע פון די באַליבטסטע וואָפנס פון דעם פאַנאַטיקער איז: „האַלט ס'מויל!". דער פאַנאַטיקער זוכט דאָך גאָרנישט קיין פרייוויליקע, דורכגעטראַכטע איינשטימיקייט פון קעגנערישן צד; ער וויל אים פאַרשטומען, ער איז אַגרעסיוו, זיין וואָפן איז נישט לאָגיק, נאָר „קבלו דעתי", און ווי איז דעם, וואָס וויל פריי דענקען און אַנאַליזירן. פון אָט דעם אַלעם איז אייבראַמס געווען דער פולשטענדיקער קעגנזאַץ.

יעקב אייבראַמס איז געווען דער אַנטי־פאַשיסט „פּאַר עקסעלאַנס" און די פאַרקערפערונג פון אַנטי־טאָטאַליטאַריזם. ער פלעגט טיף ליידן יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט זיך אין אונזער היגן יידישן לעבן אָנטרעפן אויף פאַקטן און דערשיינונגען, וואָס האָבן אין זיך געטראָגן קערנדלעך פון פאַשיסטישער טאַקטיק אָדער פון פאַרמאַסקירטער טאָטאַליטאַרישקייט. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שטאַרקער גייסטיקער פערזענלעכקייט פלעגט ער זיי דעמאַסקירן און באַקעמפן.

אָט דעם אומדערמידלעכן קעמפער קעגן דאָגמאַטישקייט, פאַנאַטיזם און יעדער פאָרם פון טאָטאַליטאַריזם און פאַר דעמאָקראַטישקייט און טאָלעראַנץ אין אונזער געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלן מיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

(„די שטימע", מעקסיקע, 12־טן יוני, 1954)

אווינוסטין זיבי

י. אייבראַמס - דער אידעאַליסט

דעם 11־טן יוני, האָבן זיך אויפן יידישן בית־עלמין אין מעקסיקע סיטי פאַרזאַמלט עטלעכע הונדערט פערזאָן אַרום דעם אָרון פון יעקב אייבראַמס. דער עולם איז באַשטאַנען פון מיטגלידער פון דער יידישער קהלה און סאָציאַליסטישע און אַנאַרכיסטישע גרופּעס, וואָס זענען געקו־

מען אָפּגעבן דעם פֿאַרשטאָרבענעם דעם לעצטן כבוד. אין הסכם מיט אייב־ראַמסעס שטרעבונגען, מיט זיין לעבן און ווירקן, איז די באַערדיקונג פֿאַר־געקומען אָן רעליגיעזע צערעמאָניעס.

יעקב אייבראַמס האָט געהערט צו יענעם דור, וואָס האָט סוף פֿאַרגאַנ־גענעם און אָנהייב היינטיקן יאָרהונדערט אויפֿגעשריבן אויף זיין פֿאָן דעם אידעאַל פֿון אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע. אין 1908 איז דער יונגער אייבראַמס געקומען פֿונעם צאַריסטישן רוסלאַנד אין דער פֿרייער אַמעריקע. פֿון פֿאַך אַ בוכדרוקער, איז ער גיך געוואָרן איינער פֿון די רירעוודיקסטע מיליטאַנטן אין זייז יוניאָן, אין ניו־יאָרק. ווי אַן איבערצייגטער אַנטימיליטאַ־ריסט און סימפּאַטיזירער מיט עמאַ גאָלדמאַנס און אַלעקסאַנדער בערקמאַנס אידייען, האָט ער אין די יאָרן פֿון ערשטן וועלט־קריג זיך דערקלערט קעגן דער מלחמה און קעגן דעם, אַז אַמעריקע זאָל זיך אַריינמישן אין דער רו־סישער רעוואָלוציע. פֿאַר אָט דעם איינשטעל זיינעם און פֿאַר זיין רעוואָ־לוציאָנערער טעטיקייט איז ער אין 1918 אַרעסטירט געוואָרן. נאָכן אָפּזיצן כמעט דריי יאָר אין תפיסה איז ער אין 1921 דעפּאָרטירט געוואָרן פֿון די פֿאַרייניקטע־שטאַטן אין רעוואָלוציאָנערן רוסלאַנד. ערשט אין פֿאַרגאַנגע־נעם יאָר האָט אייבראַמס געקריגן די דערלויבעניש צוריקצוקומען אין די פֿאַרייניקטע־שטאַטן.

נאָכן סוף פֿונעם 1־טן וועלט־קריג איז רוסלאַנד געווען די מעקאָ פֿונעם פֿאַרשפּראָכענעם לאַנד, ווו ס'האָבן געזאָלט פֿאַרווירקלעכט ווערן די סאָ־ציאַליסטישע אידעאַלן. אייבראַמס איז אַ קורצע צייט געווען דער אָנפֿירער פֿון דער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער דרוקעריי „גאָלאָס טרודאַ", אין מאָס־קווע. אָבער די דיקטאַטור פֿון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגעהויבן דריקן אַלץ מער און מער, האָט גיך צעשטערט די אילוזיעס פֿון אַלע ערלעכע, פֿרייהייטלעכע סאָציאַליסטן. אונטערן אייזערנעם סאָוועט־טישן קאָמוניסטישן פּאַרטיי־שטיוול, וואָס האָט צעשמעטערט אַלע פֿריי־הייטן, איז פֿאַר מענטשן פֿון אייבראַמסעס שניט נישט געווען קיין שום מעג־לעכקייט פֿאַר אַקטיוויטעט. ווי ס'האָבן נאָך פֿריער געטאָן אַלעקסאַנדער שאַפּירא און אַ סך אַנדערע פֿרייהייטלעכע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן און סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָט אייבראַמס, אין 1926, זיך געזעגנט צו פֿאַרלאָזן דעם פֿאַטערלאַנד פֿון דער רעוואָלוציע. דער ערשטער עטאַפּ פֿון די נייע סאָציאַליסטישע און פֿרייהייטלעכע עמיגראַנטן פֿונעם מזרח איז געווען דייטשלאַנד. אָבער די ווייטמאַרער רעפּובליק, וואָס די נאַציס האָבן אַלץ מער און מער אונטערגעגראָבן, איז נישט געווען קיין גאַסט־פֿריינט־לעכער באָדן פֿאַר די רוסישע סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן. אויך אייבראַמס האָט נישט געקאָנט בלייבן אין דייטשלאַנד. ער און זיין לעבנס־חברטע מערי האָבן אויסגעוויילט און געפֿונען זייער היים אין מעקסיקע.

אָבער אויך אין נייעם גאַסט־לאַנד האָט אייבראַמס נישט געקאָנט זיך

צופרידנשטעלן מיט אַ רואיקער, קליינבירגערלעכער עקזיסטענץ. זיין ריי־רעוודיקער געזעלשאַפטלעכער גייסט האָט געזוכט פאַר זיך אַ נייע אַקטי־וויטעט, וואָס זאָל זיך פּאַסן צו די פאַרענדערטע פאַרהעלטנישן. ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן די נאַצישע ראַסן־רדיפות, האָט אייבראַמס אָנגעהויבן אומדערמידלעך צו אַרבעטן פאַר די אַנטלאָפענע און זיך געשטעלט אין מעקסיקע אין דער שפּיץ פון אַ הילפס־אַקציע. אויף זיין איניציאַטיוו זע־נען אין מעקסיקע אַראַנזשירט געוואָרן זאַמלונגען, וואָס האָבן אַריינגע־בראַכט היפּשע סומעס פאַר שטיצן די פּליטים פון דייטשלאַנד. אייבראַמס האָט אָפט זיינע פּערזענלעכע אינטערעסן געשטעלט הינטער די כלל־פאָ־דערונגען, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר וויכטיקער פון זיינע פּריוואַטע ענינים.

ביים אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג איז מעקסיקע געווען איינס פון די אויפנעם־לענדער פאַר פאָליטישע פּליטים. אינאיינעם מיט צענדליקער טויזנטער שפּאַנישע רעפּובליקאַנער פון אַלע שאַטירונגען זענען אין לאַנד אַריינגעקומען אין אַ גרויסער צאָל אויך פאַרפאָלגטע פון אַנדערע פעלקער. ווען ס'איז אין מעקסיקע געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטייל פון דער „אינ־טערנעשאַנעל רעסקיו און רעליף קאָמיטי", איז אייבראַמס אויסגעוויילט געוואָרן פאַר איר פאָרזיצער. פאַר אייבראַמסן האָט נישט עקזיסטירט קיין נאַציאָנאַלע און אידעאָלאָגישע דיסקרימינאַציעס. ער האָט געהאָלפן אַלע פּליטים, וואָס האָבן זיך געניטיקט אין הילף.

אייבראַמס איז ביז אין רייפן עלטער געבליבן אַן אידעאַליסט. ער האָט קיינמאָל נישט פאַרלייקנט זיינע הומאַניסטישע אידעאַלן. זיין פּירנדיקער שטערן איז געווען זיין אמונה אין פרייהייט און מענטשלעכער חשיבות. אָט דעם שטערן האָט ער אָן אָפּקער נאָכגעפאָלגט זיין לעבן לאַנג.

(„פרייע אַרבעטער־שטימע", 7־טן יולי, 1953)

מ. רובינשטיין

אַ מענטש

ער איז אַן עמיגראַנט פון קינדוויַיז אויף. פון טאַטנס שטוב איז ער אַוועק אַ יונג בחורל און ער האָט שוין געטאָן כל עבודת־פרך נאָך אין די צייטן, ווען אַלרייטניקעס זענען געוואַקסן אין אַמעריקע, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן. זיין ברען האָט אים געבראַכט אין די רייען פון די אומצופרידענע מיט דער וועלט און איר אָרדענונג, און ער האָט דאָרט געשמידט זיין גייסט, פאַרוועגדט זיין ענערגיע פון די סאַמע יונגע יאָרן אָן.

מיט גלויבן האָט ער געטאָן אַלץ פֿאַר אַן אַנדער װעלט און אַנדערע מענטשן; אַן אַמעריקאַנער געריכט האָט אים פֿאַר אַנטי־קריג־אַגיטאַציע צוגענומען זײַן פֿרײַהײט — און ער איז אין פֿיר יאָר אַרום אױסגעביטן געװאָרן דורך זײַן הײמלאַנד רוסלאַנד, װו די רעװאָלוציע האָט זיך נאָך גע־קאָכט מיט ערלעכע פֿײַערן און װו מען האָט זיך אין אַזעלכע פֿײַערדיקע נאַטורן נאָך גענײטיקט.

אָבער ער איז געקומען קײן מעקסיקע. דורך בערלין און דורך האַװאַ־נאַ, װו ער האָט געפּרוּװט מאַכן סטאַנציעס פֿאַר זײַן טעמפּעראַמענט און אַרבעט, איז ער דערגאַנגען ביז אַהער, און נאָענט צו דעם לאַנד, װו ער איז די גרעסטע „פֿאַרברעכנס" באַגאַנגען, האָט ער זיך באַזעצט, אײגנטלעך — אױף אַ געלעכטער, און ער איז שױן דאָ געבליבן שטעקן עד־היום.

ער האָט נאָך נישט געמאַכט קײן געלט, און װעט שױן נישט מאַכן. ער האָט נישט קײן רײַכטום און װעט נישט האָבן. ער האָט זיך נישט אַרױפֿ־געאַרבעט אױף קײן הױז, װײַל מער װי אַ װינקל דאַרף ער נישט, און נאָר אױף אַ האַרט בעטל ליגן זײַנע בײנער.

ער קען אין שטאָט אַלעמען און נאָך מער קענען אַלע אים. יעדערער האָט פֿון אים געהערט און יעדערער װײס, אַז דאָס איז עפּעס אַן אַנדער מענטש אױף דער ערד. ער איז נישט קײן גלױביקער, פֿאַרקערט — איז אַ כּופֿר־בעיקר, און איז ערלעכער װי דער פֿרומסטער צװישן פֿרומע.

אַלע גלײבן אים און אַלע געטרױען אים. ער פֿאַרמאָגט נישט קײן אײגענעם טױזנטער און מענטשן גיבן אים איבער צו רעגולירן ענינים פֿון צענדליקער טױזנטער. פֿרײַנט צעממיתן זיך — פֿאַרלאָזן זײ זיך, אַז ער זאָל זײ אױסגלײַכן; מענטשן האָבן ספֿקות — הערן זײ, װאָס ער זאָגט, און זוכן בײַ אים קלאָרקײט אין קאָמפּליצירטע פֿראַגן.

רעדט ער — הערט מען אים מיט אַ פֿאַרכאַפּטן אָטעם; װערט ער דורך עמעצן באַרעדט — שטעלט זיך יענער אױס אַן אַטעסטאַט פֿון אַ מטורף, װײַל קײן שפּרינקעלע איז נישטאָ אױף זײַן געװיסן, װײַל קײן דורכגעטראַכטע זאַכן לרעה פֿון עמעצן טוט ער נישט. ער האָט, װי אַלע, מענטשלעכע שװאַכקײטן; איז גאָר אַלײן נישט קײן דעצידירטער און לאָזט זיך דװקא באַאײַנפֿלוסן; ער גלײבט יעדערן און מען קען אים איבעררעדן צו אַלערלײ גוטע זאַכן, אױב אַפֿילו זײ זענען קעגן זײַן אײגענעם אַרט דענ־קען, נאָר ער האָט עפּעס אײן זאַך, װאָס דאָס איז אין אים שטאָל אײַנגע־װאַקסן, — און דאָס איז אַ גלײַכע און טיף מענטשלעכע מאָראַל!

ער רעדט נישט װעגן מאָראַל, פּרעדיקט נישט קײן מאָראַל, נאָר האַנדלט װי אַ מאָראַליסט.

ער איז זײער אומרואיק, ער איז עפּעס מאָדנע שפּרודלדיק. שטענדיק

שאַפט ער עפּעס, בויט, טוט, אָרגאַניזירט. ער האָט כמעט גאָרנישט פאַר זיין מי, ער דאַרף גאָרנישט; גענוג, אַז ער האָט אויף צו לעבן, אויף דעם ביסל עסן און דעם שטיקל אָרט. ער העלפט, ער רוקט אַריין, ווען מ׳דאַרף, אַ שטיצע אַזוי אומגעזען, אַז מ׳זאָל נישט וויסן, פון וואַנען דאָס איז געקו־מען. אָפט נוצן מענטשן אויס זיין נאַאיוויטעט און טוען אים אָפּ זאַכן לרעה, פאַר גוטס — שלעכטס, ער געדענקט נישט לאַנג די עוולה, אין אַ קורצער צייט אַרום טוט ער ווידער דעם מענטשן אַ טובה און דערמאָנט קיינמאָל נישט, אַז עפּעס איז געווען.

די שטאָט נעמט אים פאַר אַ מוסטער, כאָטש כמעט אַלע טוען קאַ־פּויער ווי ער. זיי זאָגן, אַז ער איז אַן אויסטערלישער טיפּ — און אַלע קאָנען דאָך נישט זיין אויסטערליש. מען רעספּעקטירט אים און מען שעצט אים. מען זוכט אַ געלעגנהייט מיט אים צו כאַפּן אַ פּאָר ווערטער, מען וויל זיין צווישן זיינע באַקאַנטע, מען באַגעגנט אים מיט דרך־ארץ און מען זעגנט אים מיט שעצונג — און מען באַוואונדערט זיין אויפגעלייגטקייט, זיין יונגן אויסזען, גאָרנישט ווי נאָך די יאָרן, זיין קוועלנדיקע ענערגיע, אינגאַנצן נישט לויט זיין עלטער, — זיין אָפּטימיזם, זיין גלויבן אין גוטסקייט און אין יושר, זיין פאַראַכטונג צו שלעכטע מעשים, אַזוי פון יחידים, אַזוי פון באַוועגונגען.

פאַראַן אַזעלכע, וואָס האַלטן אים פאַר אַ „טשודאַק”, וואָס זעען אין אַזאַ טיפּ אַנאַרמאַלקייט, בפראַט אין היינטיקער וועלט פון אַפּנאַרעריי און צביעות. פאַראַן אַזעלכע, וואָס באַגלייטן אים אין דער שטיל מיט שפּאָט, ווייל זיי פאַרגינען נישט אַ מענטשן צו דערווערבן זיך אַזאַ אָרעאָל און זיי זענען אינסטיקטיוו אייפערזיכטיק אויף אים. אָבער דאָס זענען איינציקע אַזעלכע — ביים עולם וועלן זיי מיט זייער שפּאָט נישט אויסנעמען, ווייל מען פילט באַלד, אַז דאָס איז גערעדט פון קנאה אָדער פון שנאה.

איז ער שויך, ווי געזאָגט, אין די יאָרן און האָט קיין זאַך נישט. ער איז מיט גאָרנישט פאַרזאָרגט און וויל נישט זיין פאַרזאָרגט. ער לעבט נאָר פון יגיע־כפּים און איז קיינעם נישט מקנא, רייכטום איז ביי אים פסולת, אייגנטום — פאַראַכטעט, דער פאַדעם פון פערזענלעכן גליק — אויך אַן איבערגעריסענער, און ער איז דאָך גליקלעך.

אַן הייזער, אַן ברייזער, אַן גרויסע קאָנטעס אין בענק, אַן אַפּערירן מיט גרויסע ציפערן און שליידערן מיט באַנקנאָטן, מיט איין וואָרט — אַן ערדיש פאַרמעגן. — —

* * *

אָבער מיט פאַרמעגן, וואָס מען קריגט עס פאַר קיין שום געלט נישט; מיט אַ גוטן און אומבאַפלעקטן נאָמען, וואָס איז מער ווערט ווי גרויסע פאַבריקן און מויערן, — מיט אַ פאַרמעגן, וואָס איז דורך שלמה המלך אָפּגעשאַצט געוואָרן מיטן טיפן שפּרוך פון „טוב שם משמן טוב”.

און ווו? אין אַ לאַנד, ווו מען פאַרגעסט דעם אייגענעם נאָמען, ווו מען געדענקט נישט די אָבות און מען פאַרלעצט זייערע מנהגים, ווו מען מוז מאַכן געלט, ווו מען רוט נישט און מען טוט נישט קיין מעשים טובים, ווו מען געדענקט נישט אָן גאָט און אָן לייט. און ווער? נישט קיין רעליגיע־זער, נישט קיין פאַנאַטיקער, אַ פרייער גייסט און שטילער מענטש — אַ קליינער גוף, אַ גרויסע נשמה, אַ גוט הארץ און ממש אָן אַ גאַל. און ווען טוט ער עפּעס, וואָס איז אָפּגעוויגט פון גאָלע גוטס? — ווען מענטשן, איז וועלכע ער האָט אַ גוטן גלויבן, פירן אים דערצו.

איז ער אַ מאָדערנער צדיק? ניין, ער איז אַ נישט מאָדערנער מענטש — אָבער אַ גוטער מענטש, וואָס אַזעלכע זענען היינט, ליידער, ווינציק דאָ.

(פונעם בוך: „מעקסיקאַנער טעמעס", 1941)

י. פּאַט

חבר אייבראַמס

„דאָס גאַנצע לעבן איז אַ מעשהלע, וואָס חלומט זיך אימעצן" — האָט אַמאָל געזאָגט דער יידישער שרייבער דוד איגנאַטאָוו. יעדער מענטש איז פאַר זיך אַליין אַ מעשהלע. ווייל איך אייך היינט דערציילן אַ מעשהלע וועגן אַ מענטשן, וואָס איז ערשט נישט לאַנג אַוועק פון דער וועלט. דאָס איז חבר אייבראַמס פון מעקסיקע.

אַ היפּשע צאָל פון די אַרבעטער־טוער, טרייד־יוניאָניסטן, סאָציאַ־ליסטישע מענטשן און אַנאַרכיסטן אין אַמעריקע קענען גוט דעם נאָמען. ער האָט געלעבט לאַנגע יאָרן אין ניו־יאָרק. נאָך דעם איז ער געוועזן גע־צוווּנגען צו לעבן אין מעקסיקע און איצט איז ער געשטאָרבן, טאַקע דאָרטן. ער איז געווען איינער פון מיינע גוטע, גוטע פריינט.

איך האָב אין מיין לעבן גאַנץ היפּש געררייזט איבער דער וועלט. גע־ווען אין לענדער, זיך באַגעגנט מיט מענטשן, אַ סך מענטשן, זייער צאָל גרייכט צו די גרויסע טויזנטער. אָבער אַז איך פאַרמאַך די אויגן און וויל דערזען אין מיין דמיון יענע מענטשן, וואָס זענען געבליבן אין זכרון און אין האַרצן, יענע יידישע היימען, וואָס זענען איינגעבאַקן געוואָרן אין מיין נשמה, איז זייער צאָל אַ גאַנץ קליינע. צו ד ע ר קליינער צאָל געהערן אייבראַמס, זיין פרוי און זיין היים.

ווער איז געווען אייבראַמס? — געבוירן אין אַ קליין שטעטל אין רוס־לאַנד, אין אומאַן, אין יאָר 1886, מיינט עס, אַז ביי זיין שטאַרבן איז ער אַלט געווען 67 יאָר. אויסגעזען האָט ער אָבער יונג. זיין פּנים — אַ זייער

אינטערעסאַנטער. די שוואַרצע האָר צעשויבערט, געקרייזלט. די אויגן — גרויסע און טיפע. ער האָט שטענדיק געהאַט אַ שמייכל אין זיין אויסדרוק. געווען אַ דענקנדער, אינטעליגענטער יידישער אַרבעטסמענטש, אַ קעמפנ־דע נאַטור, איינער פון געציילטע.

פון זיין יוגנט אָן, נאָך אין דער אַלטער היים, איז אייבראַמס געווען טעטיק אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. ער האָט געמוזט פאַרלאָזן רוסלאַנד, אַנטלויפן פון פּאָליציי, טורמעס, און ער איז געקומען, אין 1908, קיין אַמעריקע, קיין ניו־יאָרק. ער איז אַ דרוקער־אַרבעטער. ער טוט זיין אַרבעט, אָבער, ווי שטענדיק, איז ער פאַרנומען מיט דער אַרבעטער־באַ־וועגונג. מען האָט אים גוט געקענט אין יענער צייט אין דער אַמעריקאַנער יידישער אַרבעטער־גאַס. אַ פלאַמיקער רעדנער, אַ לאָגישער קאָפּ, אַ מענטש מיט אַ גוטן וויץ, ריין, ערלעך, טריי, אַ גוטער חבר... — וואָס קען מען נאָך מער פון אַ מענטשן פאַרלאַנגען?

ער האָט זיך פאַרזינדיקט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ער איז געווען קעגן מלחמה, קעגן בלוט־פאַרגיסונג. האָט ער אויף די „קאַרנערס" פון ניו־יאָרק אַגיטירט קעגן מלחמה. דאָס אַמעריקאַנער געריכט האָט אים דעמאָלט פאַראורטיילט אויף 20 יאָר. אַנטלאָפן פון די טור־מעס פון רוסלאַנד און אַריינגעפאַלן אין אַ טורמע אין דער פרייער אַמע־ריקע. פאַרוואָס? — ער האָט קיינעם נישט באַגנבעט, באַגזלט, קיינעם נישט דערמאָרדעט, קיין שלעכטס נישט געטאָן. ער האָט נאָר גערעדט קעגן מלחמה. מלחמה — האָט ער געטענהט — איז אַן אימפּעריאַליסטישע, אַ קאַפּיטאַליסטישע זאַך. ווער עס זאָל נישט זיגן, וועלכער צד עס זאָל נישט זיין דער געווינער, וועט אַלץ זיין שלעכט פאַרן אַרבעטער־קלאַס. מיר קע־נען אַט די קלאַסישע אַנטי־מלחמה רייד פון יענער ווייטער־ווייטער צייט.

דעמאָלט איז נאָך נישט געווען באָלשעוויזם אין רוסלאַנד. ס'איז גע־ווען בלויז רעוואָלוציע — קערענסקי־רעוואָלוציע, פּויערים־רעוואָלוציע, סאָציאַליסטישע איבערקערעניש. אים, דעם חבר אייבראַמס, האָט געצויגן צו דער אַלטער היים, צוריק קיין אומאַן, צוריק קיין מינסק, צוריק קיין פּעטערבורג און מאָסקווע. די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אים דערלויבט. אַנשטאָט זיצן 20 יאָר אין טורמע, דעפּאָרטירט צו ווערן אין רוסלאַנד, וואָס איז דעמאָלט, לויט אייבראַמסעס איבערצייגונג, געווען אַ לאַנד, וואָס גייט ווערן ניי, פריי און גערעכט. מען האָט אים אַרויסגעלאָזן פון טורמע און דעפּאָרטירט קיין רוסלאַנד מיט דעם אָנזאָג: אין אַמעריקע טאָר ער זיך נישט באַווייזן.

איז אַוועק אייבראַמס קיין רוסלאַנד. אים איז אָבער באַשערט געווען זייער שנעל זיך אויסצוניכטערן פון זיינע אילוזיעס. נאָך אַ קורצער צייט אין רוסלאַנד האָט ער דערשפּירט, דערקענט די נייע קאָמוניסטישע רעוואָ־

לוציע, איר ברוטאַליטעט. ס׳איז די צייט ווען די מאַטראָסן מאַכן דעם אויפשטאַנד קעגן לענינען און לעניניזם אין קראָנשטאַט. ער איז געלאָפן קיין אָדעס, ווו אויך דאָרטן האָט מען זיך געבונטעוועט קעגן דיקטאַטור און גוואַלד. די „רעוואָלוציאָנערע" רוסלאַנד איז געוואָרן ערגער פאַר אייבראַמסן ווי די 20 יאָר טורמע אין אַמעריקע. דאַרף מען לויפן.

און עס לויפט, חבר אייבראַמס מיט זיין פרוי מערי, פון רוסלאַנד. וווּהין? אַמעריקע איז פאַרמאַכט. אין אייראָפּע האָט ער נישט וואָס צו טאָן. וואַנדערט ער איבער אייראָפּעאישע שטעט און, אין 1927, באַזעצט ער זיך אין מעקסיקע. מעקסיקע האָט אים געדאַרפט. דאָרטן איז ער געוואָרן אַ צענטראַלע פיגור. ער איז דער גרינדער פון אַ יידישער וואָכנשריפט, דער בויער פון יידישע קולטור־געזעלשאַפטן. עס קומט פאַשיזם אין אייראָפּע, עס קומט די שפּאַנישע מלחמה, און אייבראַמס שטייט אין דער שפּיץ פון אַנטי־פאַשיסטישן קאָמיטעט אין מעקסיקע.

איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען, זיך צונויפגעחברט אין יאָר 1937, ווען איך בין געווען אין מעקסיקע אין שליחות פון די יידישע שולן פון פוילן. ער איז דעמאָלט געוואָרן איינער פון מיינע נאָענטסטע און אינטימסטע פריינט. ער האָט זיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמפּיין פאַר די יידישע שולן. מיר האָבן פאַרבראַכט לאַנגע שעהען, טעג און נעכט, צוזאַמען. ס׳איז געווען אַ פאַרגעניגן צו זיצן מיט אייבראַמסן, שמועסן מיט אים וועגן וועלטזאַכן, וועגן פרייהייט און שקלאַפעריי, וועגן סאָציאַליזם און אַנאַרכיזם, וועגן דעמאָקראַטיע און דיקטאַטור. יאָ, דער עיקר, איז אייבראַמס געוואָרן אין יענער צייט אַ מוטיקער קעמפער קעגן קאָמוניזם אין מעקסיקע. דער יידישער ישוב דאָרטן איז אין אַ געוויסער מאָס פאַרפעסטעט געוואָרן מיט קאָמוניזם. מען האָט זיי געזען און געהערט, די קאָמוניסטן, אויף יעדער פאַרזאַמלונג, אויף יעדן צוזאַמענקום.

אייבראַמס איז געווען אַ גלענצנדער רעדנער, אַ טיכטיקער פאַרזיצער און אומדערשראָקן, אומבויגזאַם האָט ער געפירט דעם קאַמף. איך דערמאָן זיך אונזערע פאַרזאַמלונגען צוזאַמען מיט אים אין מעקסיקע. פריינט און פיינד, אָנהענגער און קעגנער, סאָציאַליסטן און קאָמוניסטן — עס רוישט, עס שטורעמט דער זאַל. אייבראַמס רעדט. ער איז אַ העלד פון רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, ער איז אַ העלד פון אָדעסער פאָרט, ער איז געווען מוטיק אויף די ניו־יאָרקער גאַסן, געקעמפט פאַר זיינע איבערצייגונגען קעגן מלחמה. איז ער געוויס מוטיק אויף די טריבונעס אין מעקסיקע, אין קאַמף פאַר פרייהייט.

און עס קומט מיר אין זכרון אַ זעלטענע באַגעגעניש, וואָס איך האָב מיט אים געהאַט. דאָס איז געווען ביים טיש פון לעוו טראָצקי אין מעקסיקע. אייבראַמס איז געווען גוט באַקאַנט מיט טראָצקין, אַ היימישער מענטש

ביי אים אין הויז. ווען איך בין געווען אין מעקסיקע, בין איך געווען פאַר־אינטערעסירט צו זען זיך מיט טראָצקין, כאַפּן מיט אים אַ שמועס וועגן וועלט־ענינים. עס איז געווען זייער קאָמפּליצירט אַריינצוקומען אין טראָצקיס הויז. וועכטער האָבן אים געהיט. טראָצקי האָט גוט געוווסט, אַז עס לויערט איבער אים סטאַלין. מוז מען זיין פאַרזיכטיק.

דאָס זענען געווען מערקווירדיקע דריי־פיר שעה ביי טראָצקיס טיש. „זעט ער נישט אויס" — האָט געזאָגט צו מיר אייבראַמס — „ווי אַ ווילנער מורה הוראה, אַ ווילנער רב, אַ ווילנער דיין, וואָס פסקנט שאלות מיט שאַרפקייט, מיט חריפות, מיט האַרבקייט?". טראָצקי האָט גערעדט פּראָסטע רייד, אַזעלכע ווי מען רעדט ביי סאָלדאַטן אין קאַזאַרמע, וועגן זיינע געוועזענע חברים, וועגן סטאַליבען און מאָלאָטאָוון, וועגן זינאָוויעוון און קאַמענעוון. זיין צונג איז געווען ווי אַ גאַל־מעסער. זיינע פּראָסטע רייד האָט ער אָבער אויסגעמישט מיט אַ סך שאַרפזין, גלענצנדן גבוי פון רוסישן זאַץ.

האָט אים דעמאָלט ביים טיש אייבראַמס געזאָגט: „חבר טראָצקי, איך בין מסכים מיט אייך נאָר אויף פּופציק פּראָצענט. איך בין מסכים מיט דעם, וואָס איר זאָגט וועגן אייערע געוועזענע חברים, ווען איר פאַרדאַמט זיי. אָבער דאָ שטעל איך אַ פּונקט. איך בין נישט מסכים מיט דעם, אַז ווען איר וואָלט געווען אויף סטאַלינס אָרט, וואָלט איר בעסער געווען. דיקטאַטור האָט איר לאָגיק. איר וואָלט אפשר נאָך ערגער געווען".

זאָגן אַזעלכע רייד צו טראָצקין, דעם שאַרפן פּאָלעמיקער, איינגעגלויבט אין זיין אמת, וואָס זיצט ביי זיין טיש מיט אַ רעוואָלווער ביי זיין רעכטער האַנט, האָט מען געדאַרפט קאָנען. אייבראַמס האָט עס געקאָנט, און ער איז געבליבן ווייטער אַ גוטער פריינט פון טראָצקין.

מעקסיקע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ פּלאַץ פאַר יידישער קולטור־אַרבעט. אייבראַמס שטעלט זיך אין דער שפּיץ פון דער קולטור־אַרבעט. אייבראַמס איז טעטיק אין יעדן וויכטיקן הילף־קאַמפּיין. פון מאָל צו מאָל, לעצטנס גאַנץ זעלטן, פלעג איך באַקומען פון אים אַ בריוול, אַ ברודער־גרוס. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ער געקומען אין ניו־יאָרק ראַטעווען זיין געזונט, ראַטעווען זיין לעבן אין אַ ניו־יאָרקער שפּיטאָל. נישט אַזוי איינפאַך איז געווען זיין אַריינקומען אין אַמעריקע — ער האָט דאָך געזיבדיקט אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, ער איז געווען פאַר־משפּט אויף 20 יאָר טורמע. אָבער, אַ שווער קראַנקן, — האָט מען אים דאָך דערלויבט אַריינצוקומען.

דער ניו־יאָרקער שפּיטאָל האָט אים נישט געהאָלפן און אָפּגעשיקט צוריק אין מעקסיקע. איצט איז ער געשטאָרבן. עס איז אַוועק אַן אינטע־

רעסאַנטע, וויכטיקע, פאַרבנרייכע געשטאַלט. די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג האָט פאַרלאָרן איינעם פון אירע געטרייסטע זין.

(„פּאַרוויס״, מעקסיקע, 15־טן יולי, 1953)

כוליאַן גאָרקין

אייבראַמס - דער פולקאָמער מענטש

ווען איך פאַרטראַכט זיך וועגן די באמת גוטע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין מיין לעבן, איז איינע פון די ערשטע געשטאַלטן, וואָס טויכן אויף אין מיין זכרון, — די געשטאַלט פון דזשעק אייבראַמס.

ס׳זענען דאָ מענטשן, וואָס זענען נאַטירלעך גוט, פּונקט אַזוי ווי מ׳איז ווייסהויטיק אָדער שוואַרץ. אייבראַמס איז געווען פון דער נאַטור אויס גוט; ער איז עס, אָבער, אויך געווען באַוווסטזיניק, פון אינטעלעקטועלן און אידעאָלאָגישן שטאַנדפּונקט. ער איז באמת געווען אַ מוסטער פון מענטשלעכער גוטסקייט. איך גלויב, אַז אין דער איצטיקער צייט איז עס דאָס בעסטע, וואָס קען געזאָגט ווערן וועגן אַ מענטשן.

אייבראַמס איז געווען דער ערשטער חבר לדעה, וואָס איך האָב באַגעגנט, ווען איך בין אין מאַי 1940 אָנגעקומען קיין מעקסיקע. שוין ביי אונזער ערשטן געשפּרעך האָב איך געפילט, אַז צווישן אונז וועט זיך פאַרבינדן אַ פריינטשאַפט אויפן גאַנצן לעבן. ער איז געווען איינער פון מיינע ערשטע אַרויסהעלפער, ווען דער מאָסקווער „קרעמל״ האָט קעגן מיר פאַרפירט אַ פּראָצעס אין מיין אייגענעם לאַנד — שפּאַניע; אַ פּראָצעס, וואָס האָט מיר שיעור נישט געקאָסט מיין לעבן. ווען איך האָב אים געדאַנקט, האָט ער בלויז אַ ברידערלעכן שמייכל געטאָן. איך דערמאָן זיך אויך, אַז מיט זיין נאַטירלעכער איינפאַכקייט האָט ער מיר פאָרגעשלאָגן אַ שרייבטיש צו העלפן מיר אויסצומעבלירן מיין באַשיידענע וווינונג פון אַ פּליט.

אַן אַנדערש מאָל האָב איך געהאַט שוועריקייטן מיט מיין הויז־ווירט. אַזוי שנעל ווי אייבראַמס — איך ווייס נישט דורך וועמען — האָט זיך וועגן דעם דערוווסט, איז ער צו אים אַוועק און אים באַצאָלט דאָס גאַנצע דירה־געלט, וואָס איך בין געווען שולדיק. מיינע קעגנער האָבן געהאַלטן אין איין פאַרשפּרייטן קלאַנגען, אַז איך האָב בעת דעם בירגער־קריג געהאַט אַרויסגעשמוגלט פון שפּאַניע מערערע מיליאָנען; אייבראַמס איז מיט זיין האַנדלונג, אויף אַ שטילן אָבער ווירקזאַמען אופן, געווען גערעכט צו מיר. ווען איך בין מיט עטלעכע יאָר שפּעטער געווען אין שטאַנד אים אָפּצוגעבן דעם חוב, האָט ער דאָס געלט גלייך איבערגעגעבן דעם „אינטערנאַציאָנאַלן קאָמיטעט צו העלפן די קרבנות פון פאַשיזם״.

וואָס פאַר אַ טיפע באַפרידיקונג ער פלעגט פילן, ווען ער האָט גע־קאָנט העלפן אַ חבר! קיינער פון די, וואָס האָבן זיך צו אים געווענדט, איז פון אים נישט אַוועקגעגאַנגען מיט ליידיקע הענט. איך גלויב נישט, אַז ס׳איז אין זיין לעבן געווען איין איינציקער טאָג, וואָס ער זאָל נישט האָבן געטאָן עפּעס אויפן געביט פון מענטשלעכער הילף און סאָלידאַריטעט. געבן, העלפן, — דאָס איז געווען אייבראַמסעס לוקסוס, זיין גייסטיקע רייכ־קייט, זיין „שוואַכקייט". איז דען מעגלעך געווען, אַז אַזאַ מענטש זאָל נישט שטאַרבן אָרעם? ער איז אָבער נישט געווען פון די, וואָס גלויבן אין אַ באַלוינונג נאָכן טויט. זיין גוטסקייט, וואָס איז נישט געווען פאַרבונדן מיט קיין שום באַגריף פון קאָמפּענסאַציע ווען עס איז, איז דעריבער געווען פון דעם אייגלסטן און דערהויבנסטן מין.

ווי אָפט פלעגן מיר ביידע מיט ווייטיק קאָמענטירן דאָס פעלן פון מענטשלעכער סאָלידאַריטעט, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אונזער איצטיקער צייט. זענען דאָך געווען צייטן, ווען די מענטשהייט האָט זיך מאָביליזירט לטובת דרייפוסן, פערערן, סאַקקאָ און וואַנזעטי. אָבער ווען די נאַציס האָבן דורכגעפירט זייער שוידערלעכע שחיטה איבער זעקס מי־ליאָן יידן, איז נישט געווען ווער עס זאָל אויפרודערן און מאָביליזירן דאָס געוויסן פון דער מענטשהייט. און וואָס איז וועגן דער וועלטס שטילשווייגן קעגנאיבער די סאָוויעטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן? די טאָטאַליטאַרישע מלוכות, נישט גענוג וואָס זיי האַלטן אין איין אומברענגען מענטשלעכע לעבנס און פאַרניכטן קולטור־ווערטן, צעשטערן זיי עפּעס, וואָס איז נאָך טייערער: דאָס מענטשלעכע געוויסן און דאָס מאָראַלישע באַוווּסטזיין.

אין אַזאַ צייט פון קריזיס פון מענטשלעכע ווערטן איז די עקזיסטענץ פון אַ דזשעק אייבראַמס ממש אַ וווּנדער. זיין לעבן, פון זיינע פריסטע יאָרן ביז צו זיין טויט, איז געווען אַ נאָכאַנאַנדיקער אַקט פון סאָלידאַריטעט מיט זיינע מיט־מענטשן אין אַ העכערן זין: יעדער גערעכטער קאַמף האָט אין אים געפונען אַ פאָנען־טרעגער, יעדע חברשע האַנט, וואָס פלעגט זיך צו אים אויסשטרעקן, פלעגט אין אים געפינען אַ וואַרעם האַרץ און אַ ברי־דערלעכע הילף.

אין מעקסיקע איז מיר אויסגעקומען צו אַרבעטן צוזאַמען מיט אייב־ראַמסן אין דעם „אינטערנאַציאָנאַלן הילפס־קאָמיטעט פאַר די קרבנות פון פאַשיזם". דער דאָזיקער קאָמיטעט איז געווען צוזאַמענגעשטעלט דורך אַקטיוויסטן פון פאַרשידענע פּאָליטישע טענדענצן און ס׳זענען אין אים געווען טעטיק מענטשן פון פאַרשידענע פעלקער. מיר האָבן איינשטימיק אויסגעוויילט אייבראַמסן אַלס פאָרזיצער. איז דען אימעצער אַנדערש גע־ווען פּאַסיק פאַר אָט דעם וויכטיקן און שווערן אַמט, ווען דאָרט איז געווען אייבראַמס? קיינער איז נישט געווען אַזוי באַרעכטיקט צו דעם, ווי ער, און קיינער האָט אויך נישט באַזעסן זיין מאָראַלישע אויטאָריטעט. ער האָט אין

אַ פּולערער מאָס, ווי ווער עס איז פון די קאָמיטעט־מיטגלידער, מיט זיך פאַרקערפּערט די אידייע און דאָס באַוווסטזיין פון אוניווערסאַלער פאַרברידערונג און סאָלידאַריטעט. אין דעם גליקלעכן ווינקעלע פון אַזיל־רעכט, וואָס מעקסיקע האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אין די טראַגישע יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט אונזער קאָמיטעט אַ סך אויפגעטאָן, הויפּטזעכלעך לטובת פּליטים פון שפּאַניע, וואָס זענען געווען אַלט און קראַנק. אַ סך פון זיי, וואָס לעבן נאָך, האָבן עס צו פאַרדאַנקען אייבראַמסן. ער איז עס געווען דער, וואָס פלעגט זיי, בעת זייערע טעגלעכע באַזוכן, אַריינגעבן פרישן מוט און ברענגען נייע האָפענונג. ער פלעגט זיי ווידמען אַ סך פון זיין צייט און זיינע בעסטע כוחות. עפּעס פאָטערלעכעס איז געווען אין זיין באַציאונג צו זיי, און פון די טיפסטע קוואַלן פון זיין האַרץ האָט געשטראָמט צו זיי אומענדלעכע גוטסקייט. קיינמאָל איז פאַר אים נישט אַנטשטאַנען די פראַגע וועגן דער פאָלקס־אָנגעהעריקייט פון דעם מענטשן, וואָס האָט זיך גענויטיקט אין הילף. אַליין אַ ייד, האָט זיין האַרץ געבלוטיקט צוליב די אָפּגרונט־טיפע ליידן פון זיין פאָלק; ער האָט אָבער קיין איין מאָמענט נישט באַגרענעצט זיין צער בלויז מיט דער יידישער טראַגעדיע, ווייל אייבראַמס האָט געהערט צו אַלע „דערנידעריקטע און פאַרשטויסענע" און זיין אידעלער גייסט האָט אַרומגענומען די גאַנצע וועלט, וואָס וואַרט אויף אויסלייזונג. איך האָב אין מיין גאַנץ לעבן נישט באַגעגנט אַזאַ באמת אוניווערסאַלן מענטשן, ווי אייבראַמס איז געווען.

נאָך דרייסיק יאָר מיליטאַנטישן לעבן אין אַ סך לענדער בין איך געוואָרן היפּשלעך סקעפּטיש קעגנאיבער אַזוי גערופענע גרויסע מענטשן, וואָס זענען באַוווסט ווי אַזעלכע אַ דאַנק זייער גרויסן וויסן אָדער צוליב געוויסע ספּעציפישע באַדינגונגען און פּאַסירונגען פון זייער לעבן, וואָס האָבן זיי פאַרשאַפט אָט דעם רום. דאַקעגן פאַרנייג איך זיך אין מיין גייסט פאַר באמת גרויסע מענטשן, דאָס הייסט פאַר אַזעלכע, וואָס יושר און גערעכטיקייט איז דער לייט־מאָטיוו פון זייער לעבן און די טרייב־קראַפט פון זייער טאַט.

אין אָט דעם זין איז דזשעק אייבראַמס געווען די פאַרקערפּערונג פון אַ לעבנס־באַגריף און זיין נאָמען סימבאָליזירט מיט זיך אַן אידייע און אַ פאָן, וואָס פלאַטערט אין די הענט פון פרייהייט־קעמפער. זיין עקזיסטענץ איז געווען אַ נאָכאַנאַנדיקע באַשטעטיקונג פון דעם געדאַנק, אַז אמתע העלדישקייט באַשטייט אין לעבן — זיין טריי צו זיך אַליין און ביז צום סוף באַנעמען די הייליקייט פון לעבן און די קיינמאָל נישט קלענער ווערנדיקע ווichtיקייט עס נישט צו פאַרשווענכן.

ווי איינער פון אָט די העלדן וועט אייבראַמס לעבן אין מיין זכרון.

פאַריז, אָקטאָבער, 1953.

פון שפּאַניש: **סאַלאָמאָן קאַהאַן.**

ש. צפת

אַ שטורעמער, אַ קעמפער

דער טויט, אַן־און־פאַר־זיך, איז גרויזאַם און שוידערלעך, אָבער נאָך גרויזאַמער און שוידערלעכער איז דער טויט געווען צו אונזער טייערן לאַנג־יאָריקן פריינט י. אייבראַמס. ער האָט זיך אויף אים פאַרנומען שוין מיט עטלעכע יאָר צוריק. איך געדענק עס, אָט אַזוי ווי איצט וואָלט עס געשען, ווען דער ערשטער נאָגל פון דעם מענטשלעכן גרעסטן שונא — קאַנסער — האָט זיך פאַרשעפּעט ביי אייבראַמסן אין האַלדז. ער איז דאַן געשטאַנען אויף דער בינע און גערעדט. ער האָט זיך פאַרהאַקט, און ווייטער נישט געקאָנט רעדן.

דאָס איז געווען דער שרעקלעכער אָנהייב.

און נאָך דעם איז אַוועק אַ ביטערער קאַמף, אַ שווערער געראַנגל צווישן אייבראַמסן, דעם אייביקן קעמפער, און דער גרויזאַמער קראַנקהייט און טויט. י. אייבראַמס, פון דער נאַטור אויס מוטיק, ענערגיש און קעמפע־ריש, האָט זיך נישט פאַרלוירן, ער האָט געקעמפט מיט אַלע זיינע פיזישע און גייסטיקע כוחות. ביז די לעצטע וואָכן פון זיין לעבן, ווען ער האָט שוין פאַרלוירן דאָס סאַמע שענסטע, וואָס גאָט האָט אים געשענקט: דאָס לשון, האָט ער נאָך געהאַט האָפענונג: ער וועט זיך לערנען רעדן מיטן בויך; פאַראַן אַזאַ שול אין די שטאַטן, האָט ער אונז אַמאָל אויפגעקלערט. אין דעם פאַר־לעצטן טאָג פון זיין לעבן, ווען איך בין צוזאַמען מיט ח׳ ב. אַקס געווען ביי אים, האָט ער דער קראַנקן־שוועסטער געבעטן דאָס שפּיגעלע. ער האָט געוואָלט זיך זען דאָס לעצטע מאָל. צי האָט ער געזאָרגט פאַר זיין אויסערלעכן אויסזען? און אפשר טאַקע ביידע זאַכן צוזאַמען...

דער גרויזאַמער טויט האָט סוף כל סוף באַזיגט דעם עסטעטיש־שיינעם און דעם עטיש־ריינעם י. אייבראַמסן.

* * *

ער איז נישט געשטאָרבן רייך, ער האָט אָבער צוזאַמען מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין — מערי, געהאַט אַ רייך לעבן, אַ לעבן מיט אינהאַלט, מיט קאַמף, מיט פולן באַוווסטזיין פאַר וואָס ער לעבט און פאַר וואָס ער קעמפט. עס איז נישט דאָס רייכע לעבן, וואָס ברענגט זיסע וואַרעמקייט, פיזישע צופרידנקייט און מאַטעריעלן גליק. ניין, אין דעם זין האָט ער גראָד געהאַט אַ ביטער לעבן, אַ לעבן פון וואַנדערן, פון וואָגל און פון נע־ונד. אַרויסגעטריבן פון אַמעריקע פאַר אַנטי־מלחמה־טעטיקייט נאָך בעתן ערשטן וועלט־קריג; אַנטלאָפן פון סאָוויעט־רוסלאַנד צוליב דער דיקטאַטור און טעראָר דאָרט. און אויך אַפילו דאָ, אין מעקסיקע, נישט שטענדיק גע־

פונען רו און צופרידנקייט, באַזונדערס אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. ווען עס איז אים אַלץ געגאַנגען מיט דער פוטער אַראָפּ. טראָץ דעם אַלע־מען איז ער געווען אַ רייכער מענטש, רייך אין אינהאַלט, אין גייסט, אין גלויבן.

אַן אינטערעסאַנטע און שיינע פּערזענלעכקייט איז געווען דער חבר י. אייבראַמס.

עס איז געווען מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק, ווען איך בין דאָס ערשטע מאָל געקומען אויף אַ זיצונג פון סאָציאַליסטן, ראַדיקאַלן, און איך האָב פאַר זיך געזען אַ שיין־אויסזעעדיקן מאַן, מיט אַ פולער קוטשמע האָר, פאַרקאַמט אויף הינטן, מיט אַ גרויסן, ברייטן קראַוואַט. ער איז גע־שטאַנען, גערעדט און געשטורעמט. איך געדענק שוין נישט אַקוראַט, קעגן וואָס אייבראַמס האָט געשטורעמט, אָבער אַזוי איז ער מיר שוין געבליבן אין זכרון: אייבראַמס שטורעמט, אייבראַמס פּראָטעסטירט, אייבראַמס קעמפט. אַזוי איז ער געבוירן געוואָרן: אַ שטורעמער, אַ קעמפער. ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט שלום מאַכן מיט די עוולות. צי ער האָט געדאַרפט קעמפן קעגן אַ מעכטיקער רעגירונג און דערפאַר אָפּזיצן פערטהאַלבן יאָר אין תפיסה, צי ער האָט געדאַרפט קעמפן קעגן אַ מאַכט פון שטאָל, און בלוט און אייזן, קעגן דער סטאַלין־מאַכט, צי דאָס איז געווען אַ קאַמף קעגן פאַראייניקטע קאַמפּיין, ווען אים האָט זיך געדוכט, אַז מען גייט אימעצן באַוואלהען, — אומעטום און שטענדיק איז אייבראַמס געשטאַנען אין פאָ־דערגרונט פון קאַמף.

און ווי געוויינלעך, האָט אַזאַ מענטש זיך אָנגעשלאָגן אָן די אייזער־נע ווענט פוןווירקלעכן לעבן, וואָס האָט פאַרשטייט זיך, שטענדיק אויס־געזען אַ סך אַנדערש, ווי אייבראַמס האָט עס געוואָלט און זיך עס פאָרגע־שטעלט. ער האָט זיך אָנגעשלאָגן אָן טרויעריקער און קאַלטער ווירקלעכ־קייט. ער האָט געהאַט אַ סך, אַ סך מאָמענטן פון אַנטוישונג, פון אומצו־פרידנקייט. ער האָט זיך אָבער קיין מאָל נישט אָפּגעשראָקן, זיך נישט אָפּ־גערוט; ער האָט זיך פאַרשאַפט פריינט און פיינט און וייטער געקעמפט.

איך וואָלט געזאָגט, אַז ער איז געווען דער דאָן־קיכאָט דאָ, אויף אונ־זער יידישער גאַס אין מעקסיקע. ער האָט געקעמפט קעגן ווינט־מילן אין דעם טרויעריקן רעאַלן לעבן, און ער איז באַזיגט געוואָרן. צו שטאַרק און צו ריזן־פעסט איז געווען דאָס רעאַלע און דער גייסטיק־ריינער דאָן־קיכאָט איז געפאַלן.

מיט אייבראַמסן איז אַוועק אַ שטיק יידישע געשיכטע פון אַ יונגן יידישן ישוב, ווי מעקסיקע; נישט די געשיכטע פון דעם עקאָנאָמישן אַרויפגעאַרבעטן יידן, נאָר די געשיכטע פון דעם קולטור־יידן, דעם ייד וואָס האָט געבויט קולטור־געזעלשאַפטן, געגרינדעט צייטונגען, אַרויסגע־

געבן זשורנאַלן, געמאַכט קולטור־אונטערנעמונגען; די געשיכטע פון דעם מאָדערנעם און וועלטלעכן יידישן מענטש, וואָס האָט געגלויבט און גלויבט נאָך אין ערלעכער און ריינער געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט.

ווער געדענקט נישט, ווי אייבראַמס האָט ממש געקיניגט אויף די רע־פעראַטן, לעקציעס, ליטעראַרישע און געזעלשאַפטלעכע משפטים. אייב־ראַמס איז שטענדיק געווען דער פאַרטיידיקער אויף די דאָזיקע משפטים. אָט פאַרטיידיקט ער באַנטשע שווייגן און אָט פאַרטיידיקט ער גאָר דעם דאָקטאָר (אין אַ באַרימטער דערציילונג), וואָס שיסט זיין קאַנסער־קראַנקן פאַציענט כדי צו קאָנען דערגיין דעם סוד פון אָט דער פאַרניכטנדיקער קראַנקהייט, אָט ווי ער וואָלט געהאַט אַ בייז פאָרגעפיל, אַז דאָס וועט זיין די קראַנקהייט, וואָס וועט אים באַזיגן.

אייבראַמס איז געווען געשטימט אינטערנאַציאָנאַליסטיש, איך האָב מורא צו נוצן דאָס וואָרט קאָסמאָפּאָליטיש, ווייל דאָס איז געוואָרן אַ מין זידל־וואָרט ביי זיין גרעסטן שונא, ביים סטאַליניזם, אָבער ער האָט שטענ־דיק געלעבט און געשאַפן צווישן יידן און אין יידישן לעבן. טיף אינעווייניק, אין דער ערלעכקייט פון זיין נשמה, איז ער געווען אַ ייד, אַ יידישער רעוואָלוציאָנער, און ער האָט געוויטיקט פאַר די יידישע צרות און ליידן.

ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אַליין געלערנט. אין די רייפע יאָרן פון זיין לעבן האָט ער זיך אָנגעהויבן לערנען יידיש, באַזונדערס יידיש שרייבן.

איך האָב געהאַט דעם כבוד צו זיין זיין לערער אויף יידיש. עס האָט מיר קיין סך צייט און מי נישט גענומען. אין אַ וועלכע פאָר מאָנאַטן האָט אייבראַמס געשריבן אויף יידיש אַרטיקלען.

דאָס יידישע מעקסיקע האָט פאַרלוירן אַ פעאיקן און ערלעכן קולטור־מענטש. מיר, זיינע נאָענטע און פריינט, האָבן פאַרלוירן, אַ טרייען חבר, אַן אמת גלויביקן סאָציאַליסט און רעוואָלוציאָנער.

זיין אָנדענק וועט אונז שטענדיק זיין ליב און טייער און וועקן ביי אונז רעספּעקט.

(„פאָרויס״, מעקסיקע, 1־טן יולי, 1953)

דר. ישעיהו אוסטרי־דן

ווי אַ העלד פון אַ געשיכטלעכן ראָמאַן

אין ערשטן דור פון אימיגראַנטן אין מעקסיקע איז י. אייבראַמס גע־וועזן איינע פון די צענטראַלע פיגורן. ער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן געלייגט ווינקל־שטיינער פאַר דער אַנטוויקלונג פון מעקסיקאַנער יידנ־טום. ווען ער איז אַוועק פון אונז נאָך אַ שווערער קרענק און ליידן, ווערט מיט אים אָפּגעשלאָסן אַ שטיק געשיכטע פון יידישן ישוב דאָהי. מיר פאַרמאַכן אַ סדרה בראשית אין אונזער לעבן.

אייבראַמס איז געווען אַ פערזענלעכקייט. ווער עס האָט זיך דערנענ־טערט צו אים, אויף דעם האָט ער איבערגעלאָזן אַ ספּעציפישן איינדרוק. זיין איז געווען עפּעס אַן אַנדערשקייט אין אים, וואָלט איך געזאָגט. ער איז געווען עפּעס אַן אַנדער מענטש, אַ שענערער מענטש. אייבראַמס איז גע־שטאַנען אַזוי ווי אַ העלד פון אַ געשיכטלעכן ראָמאַן. ער האָט געטראָגן אויף זיינע פּלייצעס דאָס, וואָס נישט יעדער איינער דערלויבט זיך צו נעמען אויף זיך, ווען ער גייט אַרויס אין וועג פון לעבן.

דער איינדרוק, וואָס אייבראַמס ע"ה האָט איבערגעלאָזן אויף זיינע שמועסער, פלעגט ווערן טיפער און איינדרוקספולער פון מאָל צו מאָל. וואָס מער מען האָט אים געטראָפן, אַלץ מער האָט זיך געוואָלט ווייטער מיט אים טרעפן און שמועסן.

אייבראַמס איז געווען איינער פון די, וועלכע זענען אַרויס צו דער גרויסער וועלט מיט פלאַם־פייער אין האַרצן. איך בין זיכער, אַז קעגנער פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווען זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אייב־ראַמסן, האָבן געמוזט באַקומען אַ געפיל פון דרך־ארץ פאַר זיין טיפער אמונה אין בעסערן מאָרגן פון דעם מענטשן, טראָץ דעם וואָס אַליין זענען זיי גאָר ווייט געשטאַנען פון סאָציאַל־ רעוואָלוציאָנערע אידייען.

דאָס לעבן האָט אָבער אייבראַמסן נישט געשאָנקען קיין עובר־לסוחר־דיקע געזעלשאַפטלעכע מטבעות. די רוסישע רעוואָלוציע, וועגן וועלכער ער האָט געטרוימט, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט, איז נישט געוואָרן זיין רעוואָלוציע. די ציוניסטישע באַוועגונג, וואָס האָט אויסגעקעמפט דעם ניי־עם גאולה־גאַנג אין דער היינטיקער בלוטיקער תקופה, איז אויך נישט גע־וועזן זיין באַוועגונג. און טראָץ דעם, האָבן ציוניסטן און, פאַר גאָר אַ לאַנ־גער צייט, אויך סאָציאַליסטישע אידייאישע קעגנער, געהאַט אַ באַציאונג פון אַכטונג פאַר דער פערזאָן פון אייבראַמסן.

ווייל דאָס איז עס — דער טיפער אינהאַלט פון העכערן מענטשן און

פון אמתן טרעגער פון אמונה און יושר און צדק; מען פאַרנייגט אים נישט און מען פאַראַכט אים נישט.

עס איז מיר פערזענלעך געווען זייער אַ גרויסער שאָד, וואָס אונזערע וועגן זענען זיך אַזוי צעגאַנגען ביז אויפהערן רעדן איינער מיטן צווייטן. און ניט געקוקט דערויף איז אייבראַמס געבליבן פאַר מיר איינע פון די שענסטע פיגורן, מיט וועלכע איך האָב זיך געטראָפן אין מיין לעבן. איר לייענט אַמאָל, אַ בוך, אַ שילדערונג פון אַן אויסערגעוויינלעכן מענטש, מיט אויסערגעוויינלעכע אויפטועז, אָריגינעלע געדאַנקען, אַן אייגנאַרטיקן אופן פון לעבן, און איר טראַכט זיך: „עט, ווייס איך וואָס, נאָר אין ראָמאַ־נען געשעען אַזעלכע גליקן; אין לעבן מאַכט זיך נישט, מיר זאָלן אָנטרעפן אויף אונזער וועג אַזאַ מענטש".

אָבער דער ראָמאַן־העלד האָט באַקומען פלייש און בלוט פאַר מיר אַ דאַנק דער באַגעגעניש מיט אייבראַמסן, — אַ באַגעגעניש, וועלכע האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר יאָר. איך פלעג זיך אָפט מיט אים טרעפן צוליב דרוק־אַנגעלעגנהייטן און אַזוי אַרום פאַרבראַכט מיט אים לאַנגע שעהן.

גלייך נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת־ישראל האָט אייבראַמס צו מיר אַ זאָג געטאָן: „איר האָט מיר קאַליע געמאַכט די מערכה. ביז איצט בין איך געווען אַן אָריגינעלער ייד פון אַן אָריגינעל פאָלק. נישט געהאַט קיין רעגירונג, נישט קיין אַרמיי, נישט קיין פּאָליציי און נישט קיין מלוכה־געזעצן. זעט, וואָס איר האָט פון מיר געמאַכט: אויס אָריגינעלער ייד."

עס איז געווען אַזוי פיל אינערלעכע איבערצייגונג אין אָט דער איראָ־ניע, אַז איך האָב פאַר אַ מינוט אַ טראַכט געגעבן: עס ליגט דאָך אין דעם אַ שטיק סאָציאַלער אמת. איך וואָלט היינט צוגעגעבן און געזאָגט: אַ שטיק אייבראַמסיש־אַנאַרכיסטישער אמת.

ער איז אַוועק פלוצים, טראָץ דעם וואָס מיר האָבן אַלע געוווּסט וועגן זיין שווערן געזונט־מצב. זאָלן די דאָזיקע ווערטער זיין אַ ביישטייער צו דער שיינער פערזענלעכקייט, צו דעם שיינעם מענטש און גוטן ייד, וואָס אייב־ראַמס ז"ל איז געווען; אַ טרייסט פאַר זיין פאַראיינזאַמטער פרוי און פאַר זיינע חברים און די אַלע, וועלכע האָבן זיך געטראָפן מיט אייבראַמסן אין זייער לעבנס־וועג.

אייבראַמסן קומט אַן אָנדענק־צייכן. זיין זכרון דאַרף ביי אונז פאַר־אייביקט ווערן, אויף וויפל בכלל מיר קענען עפּעס טאָן פאַר דער „אייבי־קייט" פון טייערע אַוועקגעגאַנגענע. דער ישוב האָט פון אייבראַמסן גע־לערנט. דער בנין פונעם ישוב האָט פון אייבראַמסן באַקומען זייער פיל ציגל. איך בין איבערצייגט, אַז קיינער פון די, מיט וועלכע אייבראַמס האָט געקעמפט און זיי באַקעמפט, האָט אין האַרצן נישט געטראָגן קיין שנאה אויף אים. ניין, אייבראַמסן האָט מען נישט געקענט ווערן אַ שונא. דאַרף

דעריבער דער צענטראַל־קאָמיטעט, צוזאַמען מיטן קולטור־צענטער, אויס־אַרבעטן אַ פּראָיעקט, ווי אַזוי צו באַערן דעם אָנדענק פון י. אייבראַמס.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין סך אייבראַמסעס!

(„די שטימע״, מעקסיקע, 17־טן יוני, 1953)

שריפטן פון יעקב אייבראמס

אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן

1. אָן אַ קינדהייט

די מוטער געשטאָרבן — אַ שטיפמאַמע געקומען

מיין קינדהייט האָט זיך געענדיקט, נאָך איידער עס האָבן זיך פאַרענ־דיקט די ערשטע פינף יאָר פון מיין לעבן. מיין מוטער איז געשטאָרבן זייער יונג. נאָך ביז היינט צו טאָג איז מיר פאַרבליבן אַ געוויינהייט, וואָס איך האָב באַקומען אונטערן איינדרוק פון איר טויט. יעדן אָוונט, בעת איך לייג זיך אין בעט, דריי איך זיך אויס מיטן פנים צו דער וואַנט, אין דער זעלבער פּאָזע ווי מיין מוטער האָט עס געטאָן, איידער זי איז געשטאָרבן. זי האָט מיך דעמאָלט צוגערופן צו זיך, געגעבן מיר אַ קוש, זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער וואַנט און איז אויסגעגאַנגען. פון דעם טאָג אָן בין איך געוואָרן אַ דערוואַקסענער. אַלע מיינע פריילעכע קינדער־יאָרן זענען פאַרשווונדן און איך האָב שוין מער נישט געוווּסט פון קיין קינדהייט.

ווען מיין מוטער איז געשטאָרבן, האָבן מיר געוווינט אין דער שטאָט אָדעס. מיין פאָטער איז געבליבן מיט מיר און מיט מיין שוועסטער, וואָס איז געווען מיט פיר יאָר עלטער פון מיר. אַ געוויסע צייט האָט זי ביי מיר פאַרנומען דעם אָרט פון מיין מוטער.

מיין פאָטערס עלטערן האָבן צו יענער צייט געוווינט אין דער אוקראַי־ניש־יידישער שטאָט אומאַן, קיעווער גובערניע. האָט ער ליקווידירט זיין ביסל אייגנטום, וואָס האָט קיין סך נישט באַטראָפן, און מיר זענען אַלע אַריבערגעפאָרן צו זיינע עלטערן אין אומאַן.

מיין שוועסטער האָט שוין צו יענער צייט פאַרשטאַנען אַליז, וואָס ס'קומט פאָר. איך האָב נאָך דעמאָלט וועגן קיין שום זאַך קיין אַנונג נישט געהאַט. געשטאָרבן די מאַמע, — פאַר מיר איז עס געווען: נישטאָ די מאַ־מע, נאָר זי וועט באַלד צוריקקומען. אָבער ווען מיין טאַטע האָט אונז אין אַ פּאָר חדשים אַרום אַוועקגעפירט אין אַ נייער שטוב און אונז פאָרגע־שטעלט אַ „נייע מאַמע", האָב איך זיך ערשט דאַן צעוויינט און געשריען, אַז איך וויל די מאַמע.

מיין שוועסטער האָט זיך אָפּגעזאָגט זי צו רופן מאַמע. וואָס מען האָט מיט איר נישט געטאָן, — זי איז געבליבן ביי אירס. מיך האָט מען איינ־געבראָכן און פון צייט צו צייט האָב איך געזאָגט: מאַמע. דערהויפּט — ווען איך האָב געוואָלט עסן.

ווי דאָס רוב שטיפמאַמעס איז אויך מיינע געווען זייער אַ שלעכטע. דערהויפּט צו אונז, ווייל זי איז געווען פאַרביטערט, וואָס זי האָט יונגער־הייט געדאַרפט ווערן אַ מוטער פון צוויי קינדער, און נאָך מיט דעם נאָמען שטיפמוטער. און אויב ס׳איז ערגעץ געווען אַ ביטערע שטיפמוטער, איז דאָס אויסגעפאַלן אויף מיין דאַליע. זיבן לאַנגע יאָר האָב איך פון דער פרוי, מיט דער מיטהילף פון מיין פאָטער, געליטן דעם טעם פון גיהנום, אויב ער איז אַזוי, ווי מען מאָלט אים. מיין שוועסטער איז נאָך באַהאַנדלט געוואָרן ווי נישט איז. די טענה אירע איז געווען, אַז אַ מיידל דאַרף מען אָפּהיטן, אָבער אַ יינגל — „ברעכט ער דעם קאָפּ!" דאָס איז געווען אַ פּראַזע פון אירן אַ ברודער, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ יידּ אַ לערנער. זיבן לאַנגע יאָר נישט דערעסן, געשלאָפן אויף אַ זאַק אין דורכגאַנג צווישן איין שטוב און דער צווייטער. און ווו אַ לאָך האָט מען פאַרשטאָפּט מיט יאַנקעלען. דאָס הייסט — מיט מיר.

אין די זיבן יאָר האָט די שטיפמוטער געבוירן פינף קינדער, דריי מייד־לעך און צוויי יינגלעך. פון דעם ערשטן קינד ביז דעם פינפטן בין איך גע־ווען די ניאַנקע. סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט, וואָס מען האָט נאָר עפּעס גע־דאַרפט פאַר אַ קינד, האָב איך געדאַרפט צושטעלן. אַרומלויפן אין גאַס צווישן קינדער — דאָס האָט מען ביי מיר צוגענומען. יעדער שריט, וואָס איך האָב געמאַכט, איז געווען אַ געגנבעטער, באַגלייט מיט קינדערשע ליגנס אין מיין נישט אויספּאַלגן די געזעצן, וואָס די שטיפמאַמע האָט פאַר מיר צו־געשריבן. מיין פאָטער, וואָס זיינע געשעפטן זענען געווען צעוואָרפן איבער גאַנץ רוסלאַנד, איז זייער ווייניק געווען אין דער היים, אויסער די צוויי, דריי אָדער פיר מאָל אַ יאָר, וואָס ער פלעגט קומען אויף אַ פּאָר וואָכן. און ערשט דעמאָלט בין איך געווען דער גאַנצער אומגליק. מיין פאָטער פלעגט מיך אומברחמנותדיק שלאָגן, ווי צופרידנשטעלנדיק דערמיט זיין צווייטע ווייב.

אַלע קינדער האָט מיין פאָטער געקליידט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ יידן אַ באַלעבאָס. נאָר איך פלעג גיין אין די אָפּגעריסענע אָנצוגלעך און אויסגע־דרייטע שטיוול אונטער דער טענה, אַז איך בין אַ טייוול, נישט קיין קינד, אַז פאַר מיר דאַרף מען נייען פון אייזן און ס׳וועט זיך נאָך אַלץ אויף מיר נישט האַלטן. איך האָב דערפון שטאַרק געליטן. אין דער געגנט, ווו מיר האָבן געוווינט, זענען געווען פאַרמעגלעכע פאַמיליעס און אַלע קינדער האָבן געהאַט שיינע קליידער. איך בין שטענדיק געווען אָנגעטאָן ווי דעם סטאַראָזשס (הויף־וועכטער) קינדער פון הויף. מיט יעדן יאָר האָב איך עס געפילט מערער. איך האָב אַלץ געטאָן כדי זיך צו פאַרדינען עפּעס, אַזוי

אַז מען זאָל זיך אויף מיר אויך אומקוקן. איך האָב זיך אָבער נישט געקאָנט דערשלאָגן קיין ביסעלע סימפּאַטיע ביי מיינע נייע טאַטע־מאַמע.

ביי וועמען איך האָב זיך יאָ דערשלאָגן אַ געוויסע אויפמערקזאַמקייט, זענען עס געווען די קינדער פון דער געגנט. די צרות פון הויז, דאָס זיין אויסגעשטעלט צו הונגער און קעלט, דאָס כאַפּן אָפט קלעפּ, — דאָס אַלץ האָט מיך שטאַרק פאַרהאַרטעוועט. איך האָב פאַר קיין זאַך קיין מורא נישט געהאַט. איך בין געווען דער בעסטער גליטשער אויפן אייז, געקענט רייטן אויף אַ פערד, בין געווען אַ גוטער שווימער און געקענט שפּאַנען פון איין בוים אויפן צווייטן און אַראָפּטרייסלען די פרוכט. נישט מורא געהאַט פאַר הינט. מיט איין וואָרט, ביי די קינדער בין איך געווען דער אמתער העלד.

אָבער מיין העלדישקייט האָט מיר גאַנץ אָפט פאַרשאַפט גרויסע צרות. די קינדער פון דער געגנט, וואָס האָבן ליב געהאַט מיט מיר אַרומצוקריכן, האָבן אָפטמאָל פאַרפעלט צו גיין אין שול, און בעת זיי פלעגן דורכפאַלן, האָבן זיי געוואָרפן די שולד אויף מיר. די מאַמע פון אַזאַ קינד איז געווען געקומען צו לויפן צו מיין שטיפמאַמען מיט אַ גוואַלד: פאַרוואָס בינדט איר נישט איער תכשיט, דעם אַטאַמאַן, דעם שייגעץ?! נאָך אַזאַ גוואַלד פון אַ מוטער פלעגט מיין שוועסטער תיכף לויפן מיר אָנזאָגן און איך בין שוין דעמאָלט אַהיים נישט געגאַנגען.

מיין מקום־מקלט איז אין אַזאַ פאַל געווען מיין מומע אסתר. אַליין אַן אביונטע אין זיבן פאַלעס, איז זי אָבער געווען זייער אַ גוטע. צו איר בין איך געלאָפן נאָך הילף. לאַנג האָב איך אָבער ביי איר נישט געקאָנט זיין, ווייל יעדער שטיקל ברויט, וואָס זי האָט מיר געגעבן, האָט זי געדאַרפט אָפּרייסן פון אירע דריי קינדער, וואָס האָבן קיינמאָל נישט געגעסן צו דער זעט. מיין פעטער איז דעמאָלט געווען אַוועקגעפאָרן קיין ענגלאַנד. זי איז אַליין געבליבן די שפּייזערין פון אירע דריי קליינע קינדער און איר חיונה האָט זי געצויגן פון אויפנייען פאַר עמעצן אַ קליידל. דערפאַר פלעג איך נאָך אַזאַ פאַרציע פון אויסבאַהאַלטן זיך נישט קומען גלייך אַהיים. פרייער פלעג איך זיך אַריינכאַפּן אין הויז, ווען די שטיפמאַמע איז נישט געווען, און מאַכן „שוואַרץ־שבת" אין קיך. כ'פלעג אַרויסנעמען די פיש, אויב ס'איז געווען פרייטיק, די פריש־געבאַקענע חלה און עס אַוועקטראָגן צו דער מומען.

די מומע, זייער אַ גוטע און קלוגע פרוי, פלעגט מיך שטאַרק מוסרן פאַר טאָן אַזעלכע זאַכן. איך בין געווען זייער צופרידן צו הערן, ווי זי פלעגט מיך מוטערלעך שטראָפן. ס'איז געווען אַזוי געשמאַק זיך צוצוהערן צו אירע רייד, אַז מען טאָר נישט זיין שלעכט און אַז ס'איז נישט גוט, וואָס איך טו שלעכטע זאַכן. צום סוף פלעגן מיר אַלע מאַכן אַ גרויסן סעודה. די מומע האָט פון דעם, וואָס איך האָב געבראַכט, געוויינטלעך גאַרנישט פאַרזוכט, אָבער מיר קליינוואַרג האָבן געריבן אויף ביידע באַקן. אין מיינע יאָרן צווישן פינף און צוועלף האָב זיך אַזעלכע עפּיזאָדן נישט ווייניק מאָל איבער־

געחזרט. און מיט יעדן יאָר איז מיר געוואָרן שווערער דאָס לעבן אין הויז פון מיין טאַטן.

ווען איך בין אַלט געוואָרן צען יאָר, האָט זיך ערשט דעמאָלט מיין טאַטע אַרומגעזען, אַז מען דאַרף מיך אַוועקגעבן אין אַ שול. די שטיפמאַמע האָט נישט געוואָלט איינגיין דערויף, — ווער וועט צאָלן פאַרן לערנען? אָבער דאָ האָט זיך מיין טאַטע איינגעשטעלט און האָט מיך געשיקט אין דער „גאָראָדסקאָיע אוטשילישטשע" (רוסישע שטאָטישע עלמענטאַר־שול). דאָרט האָט זיך פאַר מיר געעפנט אַ נייער גיהנום: אַ בחור פון צען יאָר צווישן קינדער פון זעקס אין זיבן די עלטסטע. אָבער דערפאַר וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זיין צווישן קליינע קינדער און כ'האָב זיך געוואָלט וואָס גיכער אַרויסרייסן צו אַ עלטערער גרופע, האָב איך געלערנט מיט דעם זעלבן ברען, מיט וועלכן איך האָב געפירט מיין גאַסן־לעבן. אין דעם ערשטן יאָר האָב איך זיך אַרויפגעאַרבעט צום דריטן קלאַס. מיינע „אָטמיעטקעס" (באַוויזצייכנס) זענען געווען די בעסטע, אָבער ווען איך האָב פאַרן ערשטן האַלב יאָר פון דריטן קלאַס געבראַכט פירן און פינפן, האָט מיין שטיפמאַמע אויסגעשריען: „שויך, אָט האָסטו דיר אַ נייעם „אוטשאַני", געגנוג! וואָס שטייט דאָרט, אַז ער קען לייענען און שרייבן? — דאַרף מען אים אַוועקגעבן פאַר אַ „פריקאַזטשיק". מיין טאַטע האָט זיך אַפילו געפרוווט וועהרן, אָבער ווען די מיוחסעס האָט זיך איינגעשפאַרט, האָט גאָרנישט געהאָלפן. און טאַקע באַלד נאָך פסח האָט מען מיר אַוועקגעגעבן אויף דריי יאָר אין אַ שניט־קראָם צו איינעם פּראָים יאַמפּאָלסקי, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען, אַז פון אים קומט מען אַרויס אַ מענטש.

אַ פּריקאַזטשיק אין אַ שניט־קראָם

איך בין נאָך נישט אַלט געווען קיין צוועלף יאָר, ווען איך בין שוין געווען אַ שיק־יינגל אין אַ שניט־קראָם. אייגנטלעך, בין איך נישט געווען אין קראָם, מען האָט מיך מער געהאַלטן אין הויז. פּראָים יאַמפּאָלסקי איז געווען אַ ייד אַ נגיד מיט אַ גרויסער ווירטשאַפט, אַ פאַיעטאָן מיט פערד, בהמות, — אַלץ זאַכן, צו וואָס אַ יינגל קען צוניץ קומען.

פאַר מיר האָט די אַרבעט צוזאַמען מיטן „קוטשער" (פערד־אָנטרייבער), מיטן „סטאָראָזש" און מיט דער יידישער קעכין, וואָס איז דאָרט געווען, געעפנט אַ נייע וועלט. ערשטנס, דער פאַרגעניגן פון העלפן איינשפאַנען די פערד, פאַרמישן עסן פאַר די קי, באַשפּריצן מיט וואַסער דעם גאָרטן און צווייטנס — עסן. קיין עסן האָט דאָרט נישט געפעלט. דערהויפּט פאַר מיר. די קעכין האָט ביי יעדן מאָל, ווען זי האָט מיר געגעבן אַ טעלער עסן, געשאָלטן מיט טויטע קללות מיין שטיפמאַמע און אַ פאַר פון די זעלביקע ברכות אויך נישט געזשאַלעוועט מיין טאַטן און דערביי צוגעלייגט מיר נאָך אַ שטיקל פלייש: „עס! זאָלן זיי זיך דאָרטן ווערגן. עס!" און עסן האָב איך

דאָך געקענט נאָך פון פריער, אָבער זייענדיק דאָרטן האָב איך זיך נאָך בעסער אויסגעלערנט די מלאָכה. אַזוי אַז פאַר די פאָר חדשים, וואָס איך בין דאָרט געווען, בין איך אויסגעוואָקסן שיעור נישט נאָך אַ מאָל אַזוי גרויס. כ׳בין מיט אַ מאָל אויפגעריכט געוואָרן.

מיין שוועסטער אָבער, וואָס איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל, פלעגט ליידן פון די פאַרגעניגנס, וואָס איך האָב פלוצלונג באַקומען. מיין שוועסטער איז שוין צו יענער צייט געווען אַנגעשלאָסן אָן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. זי פלעגט מיר אַלע מאָל זאָגן: „טאַקע היינט ביסטו נישט הונגעריק, מען גיט דיר עסן, מען וועט אָבער עפּעס דאַרפן טאָן, אַז דו זאָלסט נישט פאַרבלייבן קיין משרת ביים אָפּגעגעסענעם גביר”. אירע טענות און איר אומצופרידנקייט האָב איך נישט פאַרשטאַנען. כ׳האָב דאָס אָבער געפילט. כ׳האָב זייער ליב געהאַט מיין שוועסטער; זי האָט זיך פאַר מיר שטענדיק אָנגענומען מיט אַזוי פיל ליבע, אַז איך האָב געפילט, אַז זי איז גערעכט, אַז דאָס רייניקן די פערד און מישן עמערס עסן פאַר די קי, איז פאַר מיר נישט קיין תכלית. און דאָך איז מיר געווען גוט; איך בין כאָטש נישט הונגעריק.

און דאָ האָט פלוצלונג פּאַסירט אַן אומגליק. דער באַלעבאָס האָט מיר געשיקט קויפן „פּאַלאָווע” פאַר די בהמות. צו יענער צייט האָט עס געקאָסט צוואַנציק קאָפּיקעס אַ זאַק. וויפל צו קויפן האָט ער מיר נישט געזאָגט. ער האָט מיר נאָר אָנגעזאָגט, אַז איך זאָל זיך דינגען און נישט צאָלן מער ווי צוואַנציק קאָפּיקעס. ביי דער ערשטער פור פּאַלאָווע ,צו וועלכער איך בין צוגעגאַנגען, האָט דער פויער געבעטן דעם געהעריקן פּרייז. אָבער אַזוי ווי איך האָב אַמאָל געהערט, אַז בעת מען קויפט אַ סך, קאָסט ביליקער, בין איך באַלד געוואָרן אַ סוחר און האָב געפרעגט, וויפל ער וואָלט געוואָלט, ווען איך קויף ביי אים דעם גאַנצן וואָגן מיט די זעק פּאַלאָווע. דער פויער האָט מסכים געווען צו לאָזן מיט עטלעכע קאָפּיקעס ביליקער, און איך האָב אים געהייסן פאָרן מיט די פּאַלאָווע. פרעגט ביי מיר דער גוי, צי איך האָב זעק. איך האָב נישט געוווסט וואָס דערויף צו זאָגן, נאָר אַזוי ווי איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב געמאַכט גאָר אַ גוט געשעפט, האָב איך דעם פויער אָנגעוויזן אַן אָרט ווו אויסצושיטן די גאַנצע פּאַלאָווע.

פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט און מיט מיין גרויסן אויפטו, בין איך אַריינגעקראָכן אין וואָגן און געפירט דעם פויער צו דער קלייט, מען זאָל אים באַצאָלן. כ׳בין אָראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן אַ גליקלעכער, אַ פאַרסאָפּעטער און האָב געזאָגט דעם באַלעבאָס, אַז כ׳האָב געצאָלט ביליקער ווי צוואַנציק קאָפּיקעס.

— גאַנץ פיין, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט, אָבער פאַרוואָס האָט אים די קעכין נישט באַצאָלט?

— ווייל זי האָט נישט געהאַט קיין געלט, עס באַטרעפט עטלעכע רובל, כ'האָב געקויפט אַ סך! אַז מען קויפט אַ סך, קאָסט ביליקער...

וואָס ס'איז ווייטער געווען, ווייס איך נישט. כ'בין געשטאַנען אין דרויסן פון קלייט און ס'איז מיר געראָנען בלוט פון דער נאָז און איך האָב געהערט, ווי דער פויער האָט געשריען, מען זאָל אים באַצאָלן.

אָט אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט מיין ערשטע שטעלע אַלס פּריקאַזטשיק אין יאַמפּאָלסקיס שניט־קראָם. פון דעם ברוך־הבא, וואָס איך האָב באַקומען פון מיין באַלעבאָס, איז געווען קלאָר, אַז ווען אומקערן זיך צוריק צו דער אַרבעט קען קיין רייד נישט זיין. כ'בין לאַנג געשטאַנען און געוויינט און געווישט דאָס פּנים פון די טרערן און פון דעם בלוט פון דער נאָז.

ס'איז נאָך געווען פרי. אַהיים גיין האָב איך נישט געקענט: פאַרוויינט, דאָס גאַנצע פּנים פאַרשמירט מיט בלוט און אין דער היים — וועט מען מיך דאָך תיכף נעמען אויף אַ פאַרהער און איך וועל נאָך קריגן צוגעלייגט אַ חלק. ביסלעכווייז בין איך אַוועק פון דער רייע שניט־קראָמען און זיך געלאָזט גיין באַרג אַראָפּ צום טייך. איך בין אַרויף אויפן בריק, זיך אַריבער־געבויגן איבער דער פאַרענטשע און ווידער אָנגעהויבן וויינען. דאָס איז גע־ווען אַ געוויין, פון וועלכן כ'האָב זיך נישט געקאָנט צוריקהאַלטן. כ'האָב קיינמאָל אַזוי נישט געוויינט. ווען מיין טאַטע פלעגט מיך שלאָגן מיטן רימען ביז בלוט, פלעג איך בשעת מעשה נאָר שרייען און באַלד נאָך דעם פלעג איך אַרויס אין גאַס און פאַרגעסן, אַז כ'האָב אַ טאַטן און אַז ער האָט מיך געשלאָגן. אָבער דאָס מאָל איז געווען אַנדערש. נישט פאַרשטייענדיק אַפילו, ווי אַזוי דאָס איז געשען, האָב איך געפילט, אַז כ'האָב מיט אַ מאָל אַלץ פאַר־לוירן. כ'וועל ווידער דאַרפן אָנקומען צו דער שטיפמאַמען כדי צו שטילן דעם הונגער און כ'וועל אַפילו נישט הערן ווי מען שילט זי, ווי דאָס פלעגט טאָן פראַים יאַמפּאָלסקיס קעכין.

איך בין אַראָפּ צום טייך. תחילת האָב איך געקלערט זיך אָפּצובאָדן. אָבער כ'בין געשטאַנען, געקוקט אויפן וואַסער און דער חשק צו באָדן זיך איז פון מיר אַוועק. איך האָב אַרויפגעשטעלט אַ פוס אויף אַ שטיין, וואָס פּויערטעס וואַשן אויף דעם גרעט, האָב זיך אַראָפּגעבויגן, אָנגענומען וואַ־סער אין די הענט, אָפּגעוואַשן אַ ביסל דעם פּנים און זיך געלאָזט מיטן וועג אַהיים.

דאָס קאַלטע פרישע וואַסער פון טייך האָט מיך אָפּגעפרישט און אויך געענדערט מיין שטימונג. פון מינוט צו מינוט האָב איך אָנגעהויבן גיין שנעלער. ווען איך בין אַרויף אויף דער הויפּט־גאַס, קרעשטשאַטיק, האָב איך אָנגעהויבן גיין לאַנגזאַמער, אַרומקוקנדיק זיך, צי מיין טאַטע איז דאָרט נישטאָ, ווייל דאָס איז געווען דאָס אָרט, וווּ ער פלעגט אָפט שטיין אין אַ רעדל מיט אַנדערע ליידיקגייער פון שטאָט.

צוקומענדיק צו אונזער הויז, בין איך געבליבן שטיין. כ׳האָב געוואָרט, טאָמער וועט אַרויסגיין מיין שוועסטער. הגם איך האָב געוווּסט, אַז פאַר מיטאָג גייט זי נישט אַרויס אין גאַס, בין איך אָבער פאָרט געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ נס. לאַנג בין איך נישט געשטאַנען. כ׳האָב זיך אַנידערגעזעצט אין פּאַרק אין שאָטן און בין פעסט אַנטשלאָפן געוואָרן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די זון געווען גאַנץ הויך. לויט דער זון האָב איך געוווּסט, אַז ס׳איז שוין נאָך אַלעמען, אַז מיין טאַטע איז שוין אין דער היים און ער שלאָפט שוין נאָכן מיטאָג, ווי זיין שטייגער איז. איצט איז די בעסטע צייט אַריינצוגיין אין הויף און אַרויסצורופן די שוועסטער. אָבער איידער איך בין אַריבער די שוועל פון הויף, איז מיין שוועסטער אָנגעקומען און זי איז געבליבן שטיין אַ פאַרשטיינערטע. נאָך איידער איך האָב אויסגערעדט אַ וואָרט, האָב איך זיך ווידער צעוויינט.

מיין שוועסטער מאַניע

זי האָט מיר געשטעלט פראַגן און איך האָב געהאַלטן אין איין וויינען. און אַזוי דורך טרערן האָב איך איר דערציילט, וואָס עס האָט היינט מיט מיר געטראָפן. מיין שוועסטער איז געווען דער איינציקער מענטש, פון וועמען איך האָב קיין זאַך קיינמאָל נישט פאַרלייקנט, ווי ביטער דער אמת איז נישט געווען. זי האָט מיך אַרומגענומען מיט אירע ביידע הענט, צוגעדריקט צו איר האַרץ און אָנגעפאַנגען מוסרן, פאַרוואָס איך וויין: „שאַ, שעם זיך, ביסט דאָך שוין אַ גרויסער ייִנגל און ווידער איז עס דאָך גאָרנישט דיין טבע. הער אויף וויינען". אָבער וואָס מער זי האָט מיך געמוסרט, אַלץ מער האָב איך געכליפּעט. ענדלעך האָט זי געזאָגט: „קום אַוועק פון דאַנען. די שטיפמאַמע וועט באַלד אַרויסגיין און וועט אויפוועקן דעם טאַטן, וועלן מיר ביידע האָבן..."

דאָס דערמאָנען מיר דעם טאַטן און שטיפמאַמע האָט אָפּגעשטעלט מיינע טרערן. מיר זענען אַוועק אין אַ הינטערשטן געסל, זיך ביידע אַוועקגעזעצט און געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרווישן מיין פאַרברעכן און דאָס קריגן פּעטש פון באַלעבאָס. סוף כל סוף האָט מיין שוועסטער צו מיר געזאָגט:

— הער, יאַנקעלע, איך האָב נישט געוואָלט, דו זאָלסט ווערן אַ פּריקאָזטשיק, נאָר דער טאַטע דיינער שעמט זיך מיט אַ בעל־מלאכה, איז זאָל ער זיך שעמען. איך האָב אַ גוטן באַקאַנטן, וואָס אַרבעט ביי אַזרעליאַנטן אין דער איינבינדעריי. איך וועל אים אַרויסרופן און בעטן, ער זאָל איבעררעדן מיט זיין באַלעבאָס, אַז דו זאָלסט קענען אָנקומען צו אים און זיך לערנען פאַר אַן איינבינדער.

אַזוי רעדנדיק זענען מיר אַוועק צו אַזרעליאַנטן. מיין שוועסטער איז אַהין אַריין און איך בין געבליבן שטיין אין דרויסן. נאָך אַ לאַנגן וואַרטן

האָט מען מיך אַרייגגערופן אין דער אייגבינדעריי. דער באַלעבאָס האָט מיך באַטראַכט, אַקוראַט ווי ער וואָלט מיך באַדאַרפט קויפן. דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז איך בין נאָך, אמת, אַ קליין יינגל, נאָר איך זע אויס צו זיין אַ ווייסער־חברהניק, און ער מיינט, אַז איך וועל זיך אויסלערנען. ער האָט זיך אויך געפרעגט, צי איך קען לייענען, און געזאָגט, אַז פון נאָך שבת, דאָס הייסט, זונטיק, זעקס אַזייגער אינדערפרי, קען איך קומען זיך לערנען זיין אַן איינבינדער.

מיין שוועסטער איז שוין דעמאָלט געווען אַ גאַנצער מענטש. זי האָט עפּעס גערעדט מיט איר באַקאַנטן, וועגן אַזעלכע זאַכן, וואָס כ׳האָב נישט פאַרשטאַנען. ס׳הייסט, אַ ביסל האָב איך שוין יאָ פאַרשטאַנען. כ׳האָב גע־ווּסט, אַז מיין שוועסטער באַגעגנט זיך מיט דרוקער, מיט איינבינדער, אויך מיט סטודענטן, אַז זי קומט אַהיים שפּעט און אַז זיי טוען עפּעס, וואָס איז געפערלעך. אָבער געגנוי, וואָס מיין שוועסטער טוט, האָב איך נישט גע־ווּסט. כ׳האָב אָבער געווּסט, אַז אַלע האַלטן פון איר שטאַרק, אַז זי איז נישט ווי אַנדערע מיידלעך, אַז זי איז זייער אַ גוטע און אויך אַ קלוגע. ווען דער טאַטע פלעגט ווערן אין כעס אויף איר, פלעגט ער שרייען: „דיר גע־פעלט דאָך נישט דער קייסער, ווילסט דאָך פאַרנעמען דעם קייסערס אָרט, האָסט דאָך אַפילו צעריסן דעם קייסערס בילד, וווּ ער שטייט מיט זיין גאַנ־צער פאַמיליע. געדענק", — פלעגט ער איר סטראַשען — „וועסט נאָך אַמאָל פאַרפוילט ווערן אין אָסטראָג!" געווינטלעך פלעגט מיין שוועסטער אים גאָרנישט ענטפערן. און אַז זי האָט אים שוין יאָ געענטפערט אַמאָל, האָט זי אים געזאָגט, אַז אים איז ליבער אַ פאָגראָמשטשיק, איידער אַזאַ איינער, וואָס איז נישט פאַרליבט אין זיין מאַלינאָווסקין (איינער פון זיינע קריסטלעכע שותפים).

גייענדיק אויף צוריק, האָט זי מיט מיר איינגעטענהט, אַז קיינער דאַרף נישט וויסן, אַז איך אַרבעט שוין נישט ביי יאַמפּאָלסקין. נאָר טאָמער וועט מען זיך דערוויסן, וועט מען דעמאָלט זען. זונטיק וועל איך גיין אַרבעטן און דער באַקאַנטער אירער, יאַדע, וועט שוין אַכטונג געבן, אַז מען זאָל מיר לערנען די אַרבעט. „אָבער ווער אַ ביסל שטילער", — האָט זי מיר געבעטן, — קאָמאַנדעווע נישט אַרום אַזוי פיל. זעסט דאָך, ביסט אַליין, קיינער קימערט זיך נישט וועגן דיר. איך קען דיר נישט העלפן. ווען איך וואָלט געקענט עפּעס פאַרדינען, וואָלט איך דיך צוגענומען פון שטוב".

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, ווען מיין שוועסטער האָט פון מיר פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל ווערן אַ גרויסער, אויפהערן צו קאָמאַנדעווען, צו שטיפן. איך האָב דערפילט, אַז מיין שוועסטער וויל עפּעס מאַכן פון מיר, און איך האָב געטראַכט, אַז זי האָט אויך קיינעם נישט און אַז איך דאַרף גאָר טראַכטן צו קענען איר מיט עפּעס העלפן.

איך לערן זיך ווערן אַן איינבינדער

איך בין געוואָרן אַן איינבינדער. דאָס הייסט, איך בין אַוועק צו דער אַרבעט. די איינבינדעריי איז געווען אַ גרויסע. ס'איז דאָרט געמאַכט געוואָרן די גאַנצע אַרבעט פאַר דעם סעמינאַר, פאַר דער אַגראָנאָם־שול און אויך פאַר אַלע גרויסע לייט פון שטאָט, וואָס פלעגן אַהין שיקן איינבינדן אַזוינע אויסגאַבעס, ווי „בילאָיע", „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ" און אַנדערע ביכער, וואָס זענען אַריינגעקומען אין שטאָט. צו דער אַרבעט האָב איך זיך צוגעכאַפּט מיט גרויס חשק. צום אומגליק האָב איך אָבער געהאַט ווייניק מעגלעכקייט צו אַרבעטן. מען האָט מיך מער אַרומגעשיקט מיט פעקלעך ווי געהאַלטן ביי דער אַרבעט. די איינציקע שעהן, וואָס איך פלעג אַרויסהעלפן ביים טיש, זענען געווען די שעהן פון זעקס ביז אַרום ניין אין דער פרי. אַזוי איז אויך געווען פאַרנאַכט, פון זעקס ביז כמעט ניין אַזייגער אין אָוונט. דאָך האָב איך אין ד י שעהן אַ סך געכאַפּט פון דער אַרבעט, זיך שנעל אויסגעלערנט נייען ביכער, אָפּקלעפּן טאָוולען אאַ"וו.

אַלץ וואָלט שוין געווען גוט. כ'האָב ליב געהאַט די ייִנגלעך דאָרט, די אַרבעטער, דערהויפּט מיין שוועסטערס באַקאַנטן, יאָדען. ער פלעגט יעדן ייִנגל באַהאַנדלען ווי אַ דערוואַקסענעם אַרבעטער, און טאָמער האָט דער באַלעבאָס געגעבן אַ ייִנגל אַ פּאַטש, איז עס געווען דער גרעסטער סקאַנדאַל. יאָדע פלעגט אים זאָגן, אַז אויב ער וועט זיך נישט אָפּגעווינען פון פּאַטשן, וועט ער לאַנג נישט זיין קיין איינבינדער. מיר, אַלע ייִנגלעך, האָבן געוווּסט, אַז דער באַלעבאָס האָט מורא פאַר יאָדען. און אַזוי ווי יאָדע איז געווען דער גוטער באַקאַנטער פון מיין שוועסטער, האָב איך זיך שוין אויך געפילט ווי אַ שטיקל תּקיף.

דאַרף זיך מאַכן, אַז מען זאָל מיך שיקן נאָך אַן עמער וואַסער. נעם איך דעם עמער און זע, אַז אויפן דעק איז נאָך דאָ אַ ביסל וואַסער, און דערביי זע איך אויך, ווי צוויי מיידלעך גייען דורך. פאַרגלוסט זיך מיר אויסגיסן דאָס ביסל וואַסער אויף די מיידלעך. ווען כ'האָב זיך אומגעקערט מיטן עמער וואַסער, זענען די מיידלעך געשטאַנען און געטענהט, אַז פון דאַנען האָט מען זיי אָפּגעגאָסן. דערזעענדיק מיך מיט דעם וואַסער, האָט איינע פון די מיידלעך געזאָגט, אַז איך בין עס אָט דער חברה־מאַן, וואָס האָט עס געטאָן. יאָדע איז צו מיר צוגעגאַנגען און געפרעגט, צי ס'איז אמת. פּונקט אַזוי ווי פון מיין שוועסטער, אַזוי האָב איך אויך פון יאָדען קיין זאַך נישט געקאָנט פאַרלייקענען. יאָדע האָט דאַן גענומען רעדן מיט די מיידלעך, בעטן זיי, זיי זאָלן מיר מוחל זיין. אָבער נישט די מיידלעך האָט מען געדאַרפט איבערצייגן אין מיין אומשולד, נאָר דעם באַלעבאָס. די מיידלעך זענען שוין געווען אַרויס פון דער איינבינדעריי און ער האָט זיך נאָך אַלץ געהאַלטן ביי זיינס. „וואָן פון דאַנען! וואָן פון דאַנען!" — האָט

ער געהאַלטן אין איין שרייען. און אין דער צייט, ווען יאָדע האָט געהאַלטן אין איינטענהנען מיט אים, האָב איך גענומען מיין היטל מיטן רעקל און בין אַוועק פון דער איינבינדעריי.

דערציילן די געשיכטע מאַניען, מיין שוועסטער, איז מיר געווען זייער שווער. ערשט דאָ נישט לאַנג האָט זי מיט מיר איינגעטענהט, אַז איך דאַרף ווערן אַנדערש, אַז איך בין שוין אַ גרויסער בחור, און דאָ האָב איך גאָר אָפּגעטאָן אַזאַ שטיקל אַרבעט, אָפּגעגאָסן צוויי מיידלעך מיט וואַסער. כ׳האָב געשטעלט יאָדען אין אַזאַ לאַגע, אַז ער האָט זיך גערדאַרפט קריגן מיטן באַלעבאָס און דערצו נאָך נישט געוואַרט ביז צום סוף, טאָמער וואָלט איך פאָרט געקאָנט בלייבן אַרבעטן אין דער איינבינדעריי.

ניין, אַהיים האָב איך נישט געקענט גיין. איצט בין איך געבליבן איבגאַנצן אַליין. נישט מיין שוועסטער און נישט יאָדע, וואָס איז ביז איצט געווען מיין טרייער פאַרטיידיקער, — זיי וועלן מיר איצט אויך נישט שענקען. וואָלט איך נישט געווען הונגעריק, וואָלט איך אַוועק אויף דער סאָפּיאַיווקע, אַהין אין דעם גרויסן פּאַרק, ווו איך קען יעדעס ווינקעלע. דאָרט וואָלט איך אַפילו געקענט נעכטיקן. דעם סאָפּיאַיווקער גאָרטן האָב איך שטאַרק ליב געהאַט. נישט איין מאָל האָב איך דאָרט גענעכטיקט, דערהויפּט אין די נעכט פון שבת אויף זונטיק, און דאָרט בלייבן אויך זונטיק אַזוי לאַנג, ביז מיין מאָגן פלעגט אויסהאַלטן.

דער צאַריצינער סאָד אין אומאַן

דער פּאַרק האָט זיך גערופן צאַריצינער סאָד. דאָס איז נישט געווען קיין פּאַרק, נאָר אַ גרויסער קולטיווירטער וואַלד, מיט וווּנדערבאַרע אַלייעס, שיין געפלאַסטערטע וועגן, פאָנטאַנען, אַ גרויס און אַ קליין טייכל, מיט אַ, פון גאָט אַליין באַשאַפענעם, וואַסערפאַל. דער גאַנצער סאָד איז געווען איינגעטונקען אין בלומען און אַ גרויסער טייל פון אים — אין פרוכטן. צו די פרוכטן איז נישט געווען לייכט צוצוקומען. זיי זענען געווען אונטער דער אויפזיכט פון אַכט הונדערט סטודענטן אַגראָנאָמען און געהיט פון אַ סך באַדינער און פון אָן אַ שיעור בייזע הינט.

דער גאָרטן האָט מיך שטענדיק גערייצט. נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען, מיט וועלכע ער איז געווען אַרומגערינגלט, האָב איך תמיד געפונען אַ וועג זיך אַהין אַריינצוקריגן און אָנרייסן די בעסטע עפּל, באַרן, ווײַנשל און אַלע אַנדערע פרוכטן. ווען ס׳איז געווען אַמשווערסטן אָפּצונאַרן, זענען עס געווען די הינט. איך האָב צו זיי געפונען אַ פאָרטל. איך בין קיינמאָל נישט געקראָכן איבערן פּאַרקאַן. ערגעץ אין אַ ווינקל אונטערן פּאַרקאַן פלעג איך אויסגראָבן אַ לאָך, בלייבן דאָרט ליגן און שמאָטשקען מיט דער צונג. איך פלעג אַזוי אַרום רופן די הינט און אָפּט

פלעגן זיי קומען, אַמאָל איינער אַמאָל צוויי. ווען זיי פלעגן מיך זען ליגנ־דיק און שמאַטשקענדיק מיט דער צונג, פלעגן זיי אָנהייבן דרייען מיט די ווידלען, אַרויסשטעקן די ציגנער שוין מעשה גוטע ברידער. איך פלעג זיי נעמען גלעטן, זיך שפּילן מיט זיי, אַלץ ליגנדיק אויסגעצויגן אויפֿן גראָז. און אַזוי, שפּילנדיק זיך מיט זיי אַ געוויסע צייט, פלעג איך זיך לאָזן צו די ביימער. נישט איין מאָל, ווען איך האָב זיך גענומען רייסן פּרוכטן, האָט מיך אַ הונט פֿאַרראַטן און גענומען בורטשען. ווי איינער זאָגט: אַלץ יאָ, אָבער נישט גנבענען. נאָר אויב שוין איין מאָל געוואָרן אַ גוטער ברו־דער, איז נישט שווער געווען מיט אים דורכצוקומען און אָנפילן דאָס העמד מיט פּרוכטן.

דאָס שווערסטע, וואָס איך האָב געהאַט מיט די הינטישע חברים, איז געווען דאָס אַרויסקריכן פון גאָרטן. זיי האָבן נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, פאַרוואָס איך קריך אַרויס דורך אַ לאָך. דאָס איז דאָך עפּעס אַ מלאָכה פֿאַר זיי, נישט פֿאַר מיר. און ביי יעדן פֿאַל, ווען כ'האָב געפּרוווט אַרויסקריכן, האָבן זיי געמאַכט אַ גוואַלד. איך האָב עס שוין געוווסט און האָב זיך אויס־געלערנט באַשווינדלען מיינע פיר־פיסיקע חברים. איך פלעג זיך אָנהייבן שפּילן מיט זיי, וואַרפנדיק זיי אַ גרויסן עפּעל אָדער אַן אַנדער פּרוכט, און ווען זיי פלעגן אַוועקלויפן כאַפּן, פלעג איך אויף גיך אַרויס פון מיין קאַנורע.

דעם גרעסטן פאַרגעניגן פון גיין אין דעם צאַריצינער סאָד פלעג איך האָבן שבת נאָך מיטאָג. דאָס איז געווען די צייט, ווען קיין יידן האָט מען אַהין נישט אַריינגעלאָזט. שבת, פון נאָך מיטאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט, האָט דאָרט געשפּילט מוזיק; אַזוי אויך זונטיק. ד י צוויי טעג האָבן יידן געמעגט גיין נאָר אין דער פאָדערשטער אַלייע און זייער ווייניק יידן זענען טאַקע אַהין געגאַנגען אין די טעג, ווען מען האָט נישט אַריינגעלאָזט. ביים הויפּט־אַריינגאַנג זענען געשטאַנען אַ פּאָר פּאָליציאַנטן און אויך אַ וואַך פון סטודענטן. זיי פלעגן פרעגן: „זשיד"? און נישט אַריינלאָזן.

מיר וואָלט געווען נישט שווער דורכצוגיין דעם דאָזיקן עקזאַמען. ערשטנס האָב איך געהאַט אַ סך חברים שקאָצים, וואָס איך האָב געקענט גיין מיט זיי, און, צווייטנס, האָב איך געקאָנט נישט זאָגן, אַז איך בין אַ ייד. אָבער לייקענען, אַז איך בין אַ ייד, האָב איך בשום אופן נישט געוואָלט און דערפאַר האָב איך נישט געוואָלט גיין אונטער זייער שמירה. איך פלעג אָבער גיין אַליין און אַריין אין גאָרטן אונטער דער נאָז פון דער פּאָליציי. אַמאָל פלעג איך אַוועקגיין עטלעכע וויאָרסט, ביז איך פלעג אַריבערגיין. אַמאָל, ווען מיינע קליידער זענען געווען אין אָרדענונג, פלעג איך, פייפנ־דיק און מאַכנדיק אַ טומל, זיך דורכרייסן צוזאַמען מיטן עולם. אַזוי אַרום בין איך אין צאַריצינער סאָד געגאַנגען, ווען איך האָב געוואָלט, און טאַקע ווען מען האָט קיין יידן נישט אַריינגעלאָזט. נישט איין מאָל האָט געטראָפן, אַז מען האָט מיר אָנגעדרייט אַן אויער. אָבער דאָס האָט געווינטלעך גע־

טראָפּן, בעת איך האָב זיך נישט געוואָלט אָפּשטעלן, ווען מען האָט מיך גע־רופן, און זיך געלאָזט לויפן. ווען מען האָט מיך געכאַפּט, מיט דער הילף פון אַ דורכגייער, פלעג איך כאַפּן דעם ריכטיקן פּסק.

אָט אין דעם גאָרטן, וואָס איך האָב געקענט ווי מיינע צען פינגער, בין איך עס אַוועק, ווען איך האָב פאַרלאָזן די איינבינדעריי. אָבער דאָס מאָל בין איך נישט געגאַנגען מיט דער זעלביקער פרייד, מיט וועלכער איך פלעג שטענדיק אַהין גיין: פייפנדיק, שפּרינגענדיק אויף איין פוס, איבער־יאָגנדיק אַלעמען אין גאַס, רייסנדיק ריטלעך פון דיביימער און שמייסנ־דיק מיט זיי אין דער לופטן. ניין, דאָס מאָל האָב איך אויפן וועג צום גאָרטן געשלעפּט די פיס. דאָס האַרץ האָט ביי מיר געוויינט. עס האָט מיך נישט געאַרט, וואָס איך וועל נישט ווערן קיין איינבינדער, און אַפילו נישט, וואָס יאָדע וועט זיין אויף מיר ברוגז. וואָס עס האָט מיר ווי געטאָן, — דאָס זענען געווען דיליידן פון מיין שוועסטער. זי האָט מיר געזאָגט אַז ס'איז שוין צייט צו ווערן אַ מענטש, דאָס מיינט: אַ גרויסער, און איך האָב גע־כאַפּט און אָפּגעגאָסן מיידלעך מיט וואַסער. מיט דעם געדאַנק בין איך צוגעקומען צו דער פאָדערשטער אַלייע פון גאָרטן.

מער ווי ביז דער ערשטער באַנק בין איך נישט דערגאַנגען און האָב זיך אַוועקגעזעצט אָפּרוען. איך האָב געפילט, אַז באַלד וועל איך זיך צע־וויינען. די טרערן האָבן מיך געשטיקט. אָבער דאָס מאָל האָב איך בלויז געוויינט אין זיך. דאָס איז דאָך שוין געווען די צווייטע איבערלעבונג מיי־נע אין משך פון צוויי חדשים. איצט האָב איך שוין נישט געוויינט אויפן קול.

די ערשטע באַנק איז געשטאַנען ביי אַן אויסגעטראָטענער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט צו דער „דובינקע" און צום טיפן וואַלד, וועלכער איז געווען אַרום דעם צאַריצינער סאָד. אַלע מאָל איז דורכגעגאַנגען אַן אַנדער פויער, אַ פויערטע, איז מיר עפּעס אויסגעקומען, אַז איך בין נישט אַליין. אויף דעם באַנק בין איך געזעסן ביז שפּעט. די זון איז שוין כמעט געווען פאַרגאַנגען. גיין טיפער אין גאָרטן נאָך פרוכט האָב איך מורא געהאַט, עפּעס אַ שרעק האָט מיך מיט אַ מאָל אַרומגענומען. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל, וואָס עס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ שרעק. נאָר עס קען זיין, אַז דאָס איז מער געווען די ווייטקייט און די אומבאַשטימטקייט ווי שרעק. איך בין געבליבן זיצן אויף מיין אָרט. ס'איז שוין כמעט געווען פינצטער, די ברייטע אַלייע איז נאָר עטוואָס געווען באַלויכטן פון די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן דורך די ביימער. מיט יעדער מינוט איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. די קילע וואַלד־לופט האָט, וואָס ווייטער, אַלץ מער דורכגענומען מיינע ביינער. איך האָב אָנגעהויבן פילן אַ לייכטן ציי־טער איבערן גאַנצן קערפּער. דערצו האָט, אַפּנים, דאָס נישט עסן אַ גאַנצן טאָג נאָך מער פאַרשטאַרקט די ווירקונג פון דער אָנקומענדיקער נאַכט.

איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט. כ'וואָלט שוין געגאַנגען אַהיים, איז

שוין אָבער געווען צו שפּעט צו גיין איבערן וועג אין אַ מיטנוואָכעדיקער נאַכט. שבת און זונטיק איז די לאַנגע גאַס, וואָס האָט געפירט צום שטעטל, געווען באַלעבאַט, אָבער אַ גאַנצע וואָך האָט מען דאָרט נישט געזען קיין לעבעדיקן נפש. אַלע הויפן זענען געווען פאַרשלאָסן און די גאַנצע גאַס האָט אויסגעזען ווי אַ בית־עולם מיט רייכע מצבות פון ביידע זייטן גאַס. די גאַס איז געווען אַ שווערער באַרג־אַרויף, און איך האָב געפילט, אַז אַזוי מיד, ווי איך בין געווען פון דעם נישט עסן אַ גאַנצן טאָג און פון דער פריי־שער לופט, וואָס איך האָב איינגעזאַפּט, וועל איך ווייט נישט פאַרגיין. איך האָב אָנגעהויבן שטאַרק וויינען. כ'האָב זיך אַליין דערשראָקן פאַר מיין געוויין. כ'האָב נאָך קיין מאָל נישט געוויינט אַזוי אויפן קול ווי דאָס מאָל. כ'האָב געווישט מיטן אַרבל די טרערן, וואָס האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן, און זיך געלאָזט גיין איבער דער סטעזשקע, וואָס האָט געפירט אין וואַלד אַריין.

מיסטעריעס אויף דער „דובינקע"

לעבן וואַלד, ביי דער זייט, איז געלעגן אויסגעשפּרייט אַ גרויסע גרינע לאָנקע מיט הויכן גראָז. נישט איין טאָג און נאַכט איז אָט די גרינע לאָנ־קע געווען מיין געלעגער. דאָס אָרט האָט מען גערופן די „דובינקע". אויף אָט דער „דובינקע" פלעגן זומער־צייט געפּראַוועט ווערן גאַנצע יום־טובים. זי איז געווען ווייך און אַפילו ביינאַכט וואַרעם. די „דובינקע" איז געווען פריי, נישט פאַרשטעלט מיט ביימער. די זון האָט איר אַ גאַנצן טאָג באַ־גאָסן מיט אירע שטראַלן און דערפאַר טאַקע איז זי געווען וואַרעם אויך ביינאַכט. צו אָט דער „דובניקע" האָב איך זיך איצט געלאָזט גיין כדי זיך אָנצוּוואַרעמען און טאַקע איבערשלאָפן די נאַכט.

ביי די ערשטע פאַר טריט, וואָס איך האָב געמאַכט איבער דער שמאָ־לער סטעזשקע, האָב איך דערהערט, ווי מען רופט מיין נאָמען. „ווהין גייס־טו?" האָט אימעצער געפרעגט פון צווישן די ביימער אַרויס. די שטימע איז געווען אַ באַקאַנטע, אָבער נישט אַזאַ, וואָס מען הערט אָפט. איך בין גע־בליבן שטיין, האָב זיך אַרומגעקוקט און עפּעס אַזוי ווי אַ שרעק האָט מיך אַרומגענומען. די שטימע האָט ווייטער גערעדט: „דאָס בין איך, פאַלעס־קי". און טאַקע באַלד האָב איך אונטער אַביימל אויף אַ שטיין דערזען פאַלעסקין. דאָס איז געווען אַ יינגל מיט אַ יאָר פיר עלטער פון מיר, אַ גימנאַזיסט, אַ זון פון פאַרמעגלעכע עלטערן. קיין פאָטער איז אין דער דאָזיקער פאַמיליע נישט געווען, אָבער די מוטער האָט באַקומען גענוג געלט צו דערציען אירע פיר קינדער, צוויי יינגלעך און צוויי מיידלעך. די פאַמיליע האָט געוווינט אין דעם זעלבן הויף, ווו מיר האָבן געוווינט, און מיין שוועסטער פלעגט צו זיי אַריינקומען. מיין שטיפמאַמע איז געווען נישט צופרידן, וואָס מיין שוועסטער איז אַזוי פאַני־בראַט מיט זיי. אָבער

מיין טאַטע, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ גרויסן אַריסטאָקראַט און האָט אין גאַס גערעדט נאָר רוסיש אָדער פויליש, — ער איז גראָד יאָ געווען צופרידן. נאָך אַלעמען, איז עס געווען פאַר אים אַ כבוד.

קיינער האָט נישט געוווּסט, ווו עס געפינט זיך פּאַלעסקי, דער פאָטער פון די פיר קינדער, צי ער איז געשטאָרבן אָדער ס'איז עפּעס געשען מיט אים און ער איז פאַרשיקט געוואָרן. וואָס מען האָט יאָ געוווּסט, איז — אַז ער איז געווען אַ באַוווּסטער אַדוואָקאַט אין דער שטאָט קיעוו, אַ רייכער מענטש, נאָר עפּעס אַן אומגליק האָט געטראָפן און די פאַמיליע האָט זיך איבערגעצויגן קיין אומאַן און דאָ האָט די מוטער דערצויגן די פיר קינדער. אין דער היים זענען געווען נאָך צוויי מיידלעך און אַ יינגל. דער עלטערער זון איז געווען אַ סטודענט אין אָדעס, אין כערסאָנסקי אוניווערסיטעט, נאָר מען האָט געזאָגט, אַז ער איז נישט בעסער פאַרן טאַטן; עפּעס דאַכט זיך, אַז ער איז גאָר אין סיביר...

אין אַלגעמיין איז די פאַמיליע פּאַלעסקי אין הויף געווען אַ מיסטעריע. די פרוי פּאַלעסקי האָט מיט די ווייבער פון הויף זיך נישט געחברט און אויך די קינדער האָבן זיך געהאַלטן פון דער ווייטן פון די איבעריקע קינדער. די איינציקע, וואָס האָט נושא־חן געווען ביי דער שטילער פאַמיליע, איז געווען מיין שוועסטער מאַניע. ס'איז שוין דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז זי האָט מער פאַרבראַכט ביי די פּאַלעסקיס ווי אין שטוב.

מיין שטיפמאַמע פלעגט ממש פּלאַצן פון פאַרדרוס. „וואָס האָבן זיי דערזען אין מלכהן," — פלעגט זי שרייען, — „וואָס זיי באַציען זיך אַזוי צו איר? מיט קיינעם רעדט מען נישט, מען קומט אָפּ מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט איר מאַכט מען אַ גאַנצן צימעס. מען גיט זיך אָן איר נישט קיין ריר..." פאַר מיר איז אָט דאָס קאָכן זיך פון דער שטיפמאַמע געווען אַ גאַנצער יום־טוב. איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, אָבער ווען איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל האָבן אַ ביסל פאַרדרוס, פלעג איך אַריינלויפן מיט אַ גייס, אַז מאַניע איז אָט ערשט אַוועק מיט דער מאַדאַם פּאַלעסקי. אָט די גייס איז געווען געענוג, אַז ווען אַ קינד זאָל זיך איר בעת מעשה אונטערדרייען אונטער דער האַנט, זאָל זי פון אים אויסרייסן שטיקער פלייש קנייפּנדיק, און צו מיר פלעגט זי שרייען, אַז איך זאָל זיך מער נישט דערוועגן אַ שמעק צו טאָן צו דער מאַדאַמס טיר.

מיין טאַטן האָט עס גראָד אימפּאָנירט. פאַרקערט, ער פלעגט זיך גאָר גרויסן דערמיט און באַרימען זיך פאַר מענטשן, אַז זיין טאָכטער איז די גאַנצע פירערין פון הויז ביי די פּאַלעסקיס, ביי דעם גרעסטן אַדוואָקאַט פון קיעוו. אין דער שטיל אָבער פלעגט ער רעדן צו מיין שוועסטער, אַז זי וועט נאָך אַמאָל אַריינפאַלן אין אַן אומגליק צוליב זיי, אַז זי וועט האָבן דעם זעלבן סוף וואָס דער אַדוואָקאַט מיט זיין זון.

— הער אויס, מאַניע, פלעגט ער זאָגן צו איר, טו ווי דו ווילסט, ביסט שוין אַ גרויסע מיידל און שכל האָסטו, און רעדן רעדסטו ווי אַ גרויסע. איך וועל זיך פאַר דיר דעם פנים נישט שוואַרצן. איך האָב טאַקע דעם פּריסטאַוו און אַפילו דעם איספּראַווניק ביי מיר אין קעשענע. זיי לעבן פון מיר און נישט איך פון זיי; אָבער מיט אַזעלכע זאַכן וועל איך צו זיי נישט לויפן. וואָס לאַכסטו, וואָס? — פלעגט ער זיך צעשרייען, בעת די שוועסטער פלעגט אַ שמייכל טאָן. דאַרפסט שוין נישט מיין הילף אויך? האָסט נישט קיין מורא? כ'האָב שוין דאָס געהערט. אָבער ווען מען וועט דיך אין אַ שיינעם טאָג אַריינוואַרפן אין חד־גדיא, וועסטו אַנדערש קרייען. אַזאַ געשפּרעך פלעגט זיך אָפט ענדיקן דערמיט, וואָס די שטיפמאַמע פלעגט אָנקומען און מיין שוועסטער פלעגט זאָגן: „שאַ, זאָל זיין גענוג, דיין ווייב גייט שוין".

איצט איז דער זון פון דער מאַדאַם פּאַלעסקי געזעסן אַנטקעגן מיר אויף אַ שטיין, אונטער אַ בזמל, און געהאַלטן אין האַנט אַ צווייגל. נישט קוקנדיק אויף מיר, האָט ער געפרעגט, וווהין איך גיי. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך גיי צו דער „דובינקע". אויף דער פראַגע, וואָס איך וועל דאָרט טאָן, האָב איך אים געענטפערט: גאָרנישט. דערנאָך האָב איך אים געזאָגט, אַז ס'איז מיר געוואָרן קיל, און אַזוי ווי דאָרטן איז דאָס גראָז שטענדיק וואַרעם, וויל עס וואַרעמט זיך אָן פון דער זון, גיי איך זיך דאָרט אָנוואַרעמען. „איז פאַרוואָס גייסטו נישט אַהיים?" — האָט ער געפרעגט. „וויל איך קען נישט", — האָב איך געענטפערט. „שוין ווידער עפּעס מיט דער שטיפמאַמע?" וועגן דער שטיפמאַמע האָט דער גאַנצער הויף געוווסט, אַז מיר לעבן ווי קעץ אין אַ זאַק. „ניין, דאָס מאָל נישט". און איך האָב אים אין קורצן דערציילט, וואָס עס האָט געטראָפן.

— טאָ זעץ זיך דאָ לעבן מיר, וועלן מיר באַלד ביידע גיין צו דער „דובינקע". און שפּעטער וועסטו גיין צוזאַמען מיט מיר אַהיים און וועסט שוין ביי אונז שלאָפן.

ס'איז מיר עפּעס געוואָרן אַזוי ווי ענג. איך מיט פּאַלעסקין, מיט דעם גימנאַזיסט, שלאָפן ביי אים? ער איז דאָך אַ סך עלטער פון מיר, גייט אַזוי שיין אָנגעטאָן, שטענדיק אַזוי פאַרפּוצט... ביי אים שלאָפן? ניין, האָב איך געטראַכט. מיין שוועסטער איז טאַקע דאָרטן אַ שטענדיקע איינגייערין, אָבער זי איז אַ סך עלטער פון מיר און גאָר עפּעס אַנדערש. נישט ווי איך.

— ניין, פּאַלעסקי, האָב איך געזאָגט. איך וועל אַליין גיין אויף דער „דובינקע" און שפּעטער וועל איך אַליין קומען אַהיים.

נאָך איידער ער האָט מיר באַוויזן עפּעס צו ענטפערן, איז עמיצער פאַרבייגעגאַנגען, האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו אים און איז געגאַנגען ווייטער. אָבער דער אופן, ווי אַזוי דער פאַרבייגייער האָט אַ פרעג געטאָן

און ווי פּאָלעסקי האָט אים געענטפערט, איז מיר עפּעס אויסגעקומען מאָד־נע און איך האָב זיך אָנגעהויבן שרעקן.

— זיץ דאָ אַזוי, ווי איך זאָג דיר, האָב איך דערהערט פּאָלעסקיס שטימע. — קענסט איצט אַליין נישט גיין אויף דער „דובינקע״, מיר וועלן גיין צוזאַמען.

ס׳איז געווען ווי אַ באַפעל און איך בין געבליבן זיצן. דערנאָך האָט ער געזאָגט צו מיר:

— נאַ דיר פינף קאָפּיקעס, דאָרט ביים טויער שטייט שטענדיק אַ פויערטע מיט בייגל, אויב זי שטייט נאָך, קויף פינף בייגל און מיר וועלן ביידע עסן.

איך האָב קיין וואָרט נישט געענטפערט און בין אַוועק צום טויער. איך האָב זייער גוט געקענט דעם טויער. דאָרט זענען שטענדיק געווען מענטשן. דאָרט איז אויך געווען אַן אָרט אויף אָנצוטרינקען פערד פאַר די דורכפאָרנדיקע פויערים און באַלעגאָלעס. ביי דעם טויער זענען טאַקע תמיד געשטאַנען פאַרקויפערינס ביז שפּעט אין דער נאַכט, וועלנדיק לייזן אַ פּאָר גראָשן. איך בין געווען זיכער, אַז איך וועל נאָך עפּעס קריגן, אויב נישט קיין בייגל, איז עפּעס אַנדערש, פאַר די פינף קאָפּיקעס.

צום טויער בין איך ממש געפלויגן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך געווען צוריק שוין מיט בייגל. די בייגל זענען געווען אָנגעצויגן אויף אַ שטעקל און אַזוי האָט איך זיי דערלאַנג פּאָלעסקין. ער האָט אַ קוק גע־טאָן אויף מיר: „פּאַרוואָס עסטו נישט די בייגל,״ איך האָב אַראָפּגעצויגן אַ בייגל און גענומען קייען, און ווי הונגעריק איך בין נישט געווען, האָט מיר דאָס שטיקל בייגל געוואָרגן. „איך וועל האָבן איין בייגל גענוג, האָב איך געזאָגט, נאַט אייך די איבעריקע״. „ניין, האָט ער זיך אָנגערופן, איך וועל נעמען איינעם און דו לייג די איבעריקע אַריין אין קעשענע״. מער האָב איך גאָרנישט גערעדט. עס האָבן מיר אָנגעהויבן שטיקן טרערן. איך האָב שוין נישט געוווסט, וואָס איך קיי. דערווייל אָבער האָב איך ווידער געזען, ווי עמיצער קומט אונטער, פרעגט עפּעס און גייט ווייטער. און יע־דעס מאָל, ווען אַ מענטש איז אונטערגעקומען, האָט ער עפּעס אַ פרעג גע־טאָן ביי פּאָלעסקין, יענער האָט עפּעס אַ זאָג געטאָן צו אים און דער פרע־גער איז געגאַנגען ווייטער. די טרערן האָבן עפּעס אַזוי ווי פון זיך אַליין זיך אויסגעטריקנט, אין האַלדז איז מיר געוואָרן פרייער און איך האָב גע־נומען שלינגען איין בייגל נאָכן צווייטן.

די פאַרבייגייער האָבן אָנגעהויבן קומען אָפטער און אָפטער און זיי זענען געווען פאַרשידענע. איינקע פשוטע, וואָס איך פלעג אַפילו טרעפן אין גאַס, סאַדאָווניקעס פון דער סאָפּיאיווקע, טאַקע פון צאַריצינער סאָד,

אָבער אויך גימנאַזיסטן. מיין שרעק איז פלוצלונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ נייגעריקייט און אין פריילעכקייט. וואָס איך האָב שטאַרק געוואָלט כאַפּן, איז — וואָס די מענטשן פרעגן און וואָס ער ענטפערט. אָבער דאָס איז געווען אוממעגלעך. עפּעס פלעגט מען אַ פרעג טאָן מיט אַ זייט מויל און ער פלעגט ענטפערן מיט אַ שעפּטש מיט די ליפּן צו דער ערד און דער פרעגער איז געגאַנגען ווייטער.

ביסלעכוויז איז געוואָרן שטאַרק פינצטער. די פּנימער פון די אָנקו־מענדיקע איז שוין דעמאָלט נישט מעגלעך געווען צו זען. איך האָב זיך איינגענורעט אין זיך און געזעסן און געוואַרט, ווען דאָס וועט זיך ענדיקן. איך האָב שוין מער נישט פּרובירט פאַרשטיין, וואָס דאָ קומט פאָר. די בייגל האָבן געשטילט מיין הונגער און ס'איז מיר געוואָרן וואַרעמער. איך בין געוואָרן גלייכגילטיק צו דער גאַנצער געשיכטע פון דעם גאַנצן טאָג צרות, און נישט זייענדיק מער אַליין, האָב איך דערפילט עפּעס אַ זיכער־קייט. איך האָב אָנגעפאַנגען דרעמלען. זיצנדיק אויפן האַרטן שטיין לעבן מיין אומגעריכטן פאַרטיידיקער.

פלוצלונג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון מיינע חלומות, איך האָב דער־הערט די שטים פון מיין שוועסטער. צו מיר האָט זי גאָרנישט גערעדט, גאָרנישט געפרעגט, זי האָט אַלץ אויסגעפרעגט ביי פּאַלעסקין. איך האָב נישט געוואַגט זיך אָנצורופן מיט קיין וואָרט. איך האָב נאָר געזען, אַז זי איז געשטאַנען מיט יוסף דעם שלאָסער. איך האָב אים גוט געקענט. ער פלעגט קומען צו אונזער הויף און וואַרטן אויף איר, און מיין שטיפמאַמע פלעגט זאָגן: „דער שוואַרצער קאָטער וואַרט שוין אויף איר, דער היכער שלאָסער", און דאָס באַגלייטן מיט אַ פּאָר צענדליק קללות.

ווען זיי זענען אַוועק מיט דעם זעלבן וועג ווי די אַנדערע פרעגער, האָב איך זיך אויפגעהויבן און געוואָלט גיין. „וואָס גייסטו טאָן," — האָט פּאַלעסקי געפרעגט. „איך וויל גיין אַהיים", האָב איך געזאָגט. „דו וועסט גיין מיט מיר!" — האָט ער געענטפערט און האָט מיר צום ערשטן מאָל געשענקט אַ בליק. מיר זענען אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַלד. באַלד האָט עמיצער געפרעגט: „ווער איז עס?" „מאַניעס ברודער", האָט ער גע־ענטפערט.

איך האָב דערפילט, אַז איך בין נישט אַליין

בעת מיר זענען אַריין טיפער אין וואַלד, איז שוין געווען פינצטער. אויף דער „דובינקע" האָב איך, אַזוי ווי דורך אַ נעפּל, דערזען אַ סך מענטשן. זיי זענען געזעסן אויפן גראָז — ווער אָנגעלענט אָן אַ בוים, ווער פלייצע צו פלייצע און ווער אויסגעבויגן, אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן. מען האָט נישט גערעדט, נאָר ווען נישט ווען האָט זיך געהערט אַ שעפּטשען,

וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיטן שאָרכן פון די בלעטער, וועלכע האָבן זיך באַוועגט פון לייכטן זומער־ווינטל.

עס האָט מיך אַרומגענומען אַ שרעקנדיקע פרייד. כ׳האָב זיך אויף אַ מאָמענט דערמאָנט אָן מיין שטיפמאַמען, אָן מיין שיינעם טאַטן, וואָס ברענגט מיר די ביינער כדי צופרידנצושטעלן זיין ווייב, וואָס מיין געוויין איז אָפט־מאָל געווען די בעסטע מתנה פאַר איר, און אַז איך פלעג איר צעשטערן דעם דאַזיקן פאַרגעניגן דערמיט, וואָס איך פלעג שווייגן, ווען דער טאַטע פלעגט מיך שלאָגן, — פלעגט זי זאָגן: „דאָס וואַקסט אַ מערדער, מען שלאָגט אים און ער שווייגט; ווער ווייס, וואָס עס וועט פון אים אַרויסקו־מען?״... און אַנטקעגן דעם האָט דאָ אַלץ אויסגעזען ווי אַ חלום. אַזוי פיל מענטשן ביינאַכט אין וואַלד. פאַרשידענע מענטשן. גימנאַזיסטן, סטודענטן, אַרבעטער. און יוסף דער שלאָסער שטייט אין דער מיט און רעדט צו אַלע־מען. די ווערטער האָב איך פאַרשטאַנען, אָבער וואָס ער האָט געוואָלט, האָב איך נישט געוווּסט. ער האָט דערמאָנט, אַז צוליבן ערשטן מאַי געפי־נען זיך אַ סך אין טורמע, די ייִנגערע זיצן אין אַרעסט, אַז נאָך מער וועט מען אַוועקשיקן קיין קיעוו, און נאָך, און נאָך. גערעדט האָט ער נישט הויך, אָבער מיט כעס. ער האָט אָפטמאָל געשריען אין דער שטיל, צו יעדערן מיט אַן אַנדער טענה, געמאָנט אַז יעדערער זאָל זיך חברן מיט יעדערן. די אַלע זאַכן זענען מיר געפעלן געוואָרן, הגם איך האָב נישט געוווּסט פאַרוואָס. מאָמענטנווייז האָב איך געפילט, אַז יוסף האָט אויך פיינט מיין טאַטן און מיין שטיפמאַמע, און אַז טאַקע דערפאַר קען זי אים נישט אָנקוקן און זי רופט אים „דער שוואַרצער קאַטער״. אָט ווען איך בין אַזוי גרויס ווי ער און קען אַזוי שרייען און האָב אַזעלכע גרויסע הענט ווי ער, וואָלט איך שוין געוויזן, וואָס איך קען.

איך האָב מיט אַ מאָל דערפילט, אַז איך האָב מער נישט קיין מורא. נישט פאַר מיין טאַטן און נישט פאַר מיין שטיפמאַמען. און טאָמער טרעפט עפּעס מיט מיר. וועל איך דערציילן פאַלעסקין אָדער טאַקע יוספן, דעם שלאָגער, זיי וועלן זיך פאַר מיר אָננעמען. און אַנדערש קען דאָך עס נישט זיין, האָב איך געטראַכט, מענטשן, וואָס נעמען זיך אָן פאַר אַנדערע, מוזן זיך דאָך אָננעמען פאַר מיר אויך. פון דעם געדאַנק איז מיר אַזוי פריילעך געוואָרן, אַז כ׳האָב געוואָלט עפּעס אויסשרייען אָדער אָנהייבן פייפן, וואָס איך האָב, אגב, זייער גוט געקענט. ווען איך זיך נישט לעבן פאַלעסקין און ווען ער האַלט נישט די גאַנצע צייט זיין האַנט אויף מיין אַקסל, וואָלט איך זיכער עפּעס אָפּגעטאָן.

פון דעם אָוונט אָן איז אין מיר פאָרגעקומען אַן ענדערונג. איך האָב דערפילט, אַז איך בין נישט אַליין. אָט די אַלע מענטשן, וואָס איך האָב דעמאָלט געזען ווי שאָטנס צווישן די ביימער, וואָס איך וואָלט נישט דער־

קענט, ווען איך טרעף זיך מיט זיי, — אַט די אַלע מענטשן, האָב איך גע־פילט, — זענען מיר נישט קיין פרעמדע.

לאַנגע טעג האָט זיך מיר געבאַמבלט אין קאָפּ יענער אָוונט. דערהויפּט ווען אַהיימגייענדיק האָט מיר פּאַלעסקי עטלעכע מאָל פאַרזאָגט, אַז איך זאָל זיך פאַר קיינעם נישט אויסרעדן, ווו איך בין געווען. אַפילו נישט פאַר מיין שוועסטער. „אַפילו נישט פאַר מיין שוועסטער.״ — האָב איך זיך געוווּנדערט: „וואָס הייסט, זי איז דאָך אַליין אויך געווען און האָט מיך גע־זען!״ „דאָס מאַכט נישט אויס, אָבער וועגן אַזעלכע זאַכן רעדט מען נישט אַפילו מיט די, וואָס זענען אַליין געווען און האָבן דיך געזען״. „און טאָ־מער וועט מיר מיין שוועסטער פרעגן?״ — „איז מאַכט מען זיך נישט וויסנדיק״.

איך האָב, וואָס אַן אמת, נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס, אָבער דער שפּיל איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. עס האָט זיך מיר גראָד יאָ געוואָלט, אַז די ייִנגלעך, מיט וועלכע איך חבר זיך, זאָלן ביי מיר פרעגן און איך זאָל זיי נישט וועלן זאָגן. אָבער ווי אַזוי מען מאַכט עס, אַז איך זאָל זיי נישט דערציילן און זיי זאָלן דאָך וויסן, — דערצו האָב איך, פאַרשטייט זיך, קיין עצה נישט געקענט געפינען.

מיט אַ טרערנדיקן מאָגן

אַ פּאָר טעג נאָך דער געשיכטע בין איך נישט געקומען אַהיים. איך בין געווען זיכער, אַז אויב מען וועט מיך אַפילו דערמאָנען דאָרטן, וועט אָבער וועגן גיין מיך זוכן נישט זיין קיין רייד. די איינציקע, וועמען איך וועל פעלן, איז מיין שוועסטער. נאָר אַזוי ווי זי האָט מיך געזען מיט פּאַ־לעסקין און אַזוי ווי בכלל איז דאָס נישט קומען אַהיים געווען ביי מיר אַ געוויינטלעכע זאַך, וועט זי מיך שוין ערגעץ טרעפן, ווי ס׳האָט שוין נישט איין מאָל פּאַסירט. איך האָב געוואָלט, אַז זי זאָל זיך פון יאָדען דערוויסן, אַז איך אַרבעט שוין נישט אין דער איינבינדעריי, ווייל דעמאָלט וועט מיר זיין גרינגער מיט איר וועגן דעם צו רעדן.

די פּאָר טעג, וואָס איך בין נישט געווען אין דער היים, האָב איך פאַר־בראַכט ביי מיין פעטער פישל. דאָס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן, אַ שווערער אַרבעטער, אַ קאָוואַל. פאַרדינט האָט ער זייער ווייניק און האָט געהאַט אַ פולע שטוב מיט קינדער. ער איז פון דער נאַטור גע־ווען אַ מענטש זייער אַ גוטער. וועגן אים פלעגט מען זאָגן, אַז מען קען אים אַפילו קריכן אויפן קאָפּ, בעת ער איז פאַרטיפט אין זיינע ביכלעך. מיין טאַטע האָט פון אים שטענדיק געלאַכט און פלעגט אים רופן: „מיין ברודער דער פילאָזאָף״. ווען איך פלעג קומען צום פעטער פישל, בין איך שטענדיק געווען אַן אַנגעלייגטער גאַסט. דאָס שטיקל ברויט, וואָס איך

האָב דאָרט אויפגעגעסן, האָט טאַקע עמיצן אויסגעפעלט, אָבער מען האָט עס מיר נישט געזשאַלעוועט. מיין מומע, אַ פשוטע יידענע, וואָס האָט שטענדיק געוויינט און געווישט די נאָז מיטן פאַרטעך, פלעגט זאָגן: בע־סער נישט געבאָרן ווערן, איידער צו בלייבן אָן אַ מאַמען. און נאָך אָט די רייד פלעג איך שטענדיק קריגן דעם בעסטן חלק און נאָך אַ צוליג דערצו: „און זאָל זי דאָרט דערוואָרגן ווערן!" דאָס האָט זי געמיינט מיין שטיפמאַמען. במילא פלעג איך שוין ביי זיי עסן מיט אַ צוויי־פאַכן אַפעטיט.

אין דער שטאָט אומאַן איז דער גאַנצער שפּאַציר געווען אויפן קרעש־טשאַטיק. דאָס איז געווען אַ לאַנגע גאַס אין דעם אייבערשטן טייל פון דער שטאָט. ס'האָט זיך גערופן: די נייע שטאָט. פון ביידע זייטן גאַס האָבן זיך געצויגן צוויי רייען קליינע קלייטן פון דעם רייכערן סאָרט. דער גרויסער אַפטייק האָט זיך געפונען פון איין זייט און פון דער צווייטער זייט, ווו דער גאַנ־צער שפּאַציר איז אָנגעגאַנגען, זענען געווען צוויי בעקערייען. איינע, אַ ביליקע, האָט מען גערופן: „דער גרעק"; דאָרט האָט מען געקראָגן בייגל, אַ גרויסן פירקאַנטיקן ווייסן ברויט פאַר זעקס קאָפּיקעס (מען האָט עס טאַקע גערופן „אַ גרעק") און אַ ביליקע „פּיראָזשנע" (אַ קוכן), וואָס מען האָט באַקומען צוויי פאַר פינף קאָפּיקעס. דערפאַר האָט זיך אויפן צווייטן עק גאַס, וואָס האָט שוין געגרייכט ביז אַנטקעגן דעם שטאָט־טעאַטער, גע־פונען אַ פראַנצויזישע בעקעריי, די „פראַנצוזסקאַיאַ פּיעקאַרניאַ", ווי מען האָט זי גערופן. דאָרט איז שוין געווען צו קריגן פון דעם בעסטן, אָבער טייער. דאָס איז געווען פאַר אָפיצערן, רייכע לייט, אַריסטאָקראַטן, אַפילו פאַראָרעמטע. מען האָט טאַקע געהאַט וויניקער, אָבער מען האָט געקויפט אין דער פראַנצויזישער בעקעריי.

אָט צווישן די צוויי בעקערייען איז געלעגן די גאַס קרעשטשאַטיק, ווו עס איז פאַרגעקומען דער גאַנצער שפּאַציר. אַפילו מיר יינגלעך, וואָס מען האָט אונז גערופן: „די באָסיאַקלעך" (קליינע טרעמפּס), פלעגן אויך אַרומ־לויפן איבערן קרעשטשאַטיק און אָנטאָן צרות, ווען סאיז נאָר געלונגען.

שבת פאַרנאַכט בין איך אַרויפגעקומען אויף דער גאַס, אָבער נישט ווי אַלע מאָל. דאָס מאָל האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט ביים פענצטער פון „גרעק" און געזוכט אויסצומיידן מיינע חברים, מיט וועלכע איך פלעג זיך שטענדיק אַרומשלעפּן. דאָס מאָל האָב איך געוואָלט זיין אַליין און טרעפן מיין שוועסטער און — אָדער איך וועל איר דערציילן, אָדער זי וועט ביי מיר איבערפרעגן דאָס, וואָס זי ווייס שוין.

געשטאַנען בין איך ביים פענצטער, ווייל די גאַס איז געווינטלעך גע־ווען כמעט פינצטער; פון דעם איינציקן שטאָט־לאָמפּ, וואָס איז געהאַנגען אין מיטן גאַס, איז געווען שווער עמיצן צו דערקענען. די גאַנצע ליכט איז טאַקע געפאַלן פון די צוויי פענצטער פון די בעקערייען. איך בין געשטאַ־נען אַזוי לאַנג, ביז די געבעקסן האָבן אָנגעהויבן רעדן צו מיין מאָגן. אָבער

מיין מאָגן איז שוין געווען גוט טרעניִרט. ער האָט געוווּסט, אַז צו פיל קען ער פון מיר נישט פאַרלאַנגען. דאָך איז מיר געוואָרן, וואָס אַמאָל, שווערער צו שטיין און שמעקן דעם ריח פון די געבעקסן, וואָס דער „גרעק" פלעגט ספּעציעל צוגרייטן אויף שבת־צו־נאַכט פאַר די שפּאַצירנדיקע.

אומזיסט בין איך נישט געשטאַנען. שוין טאַקע אַ ביסל שפּעטלעך, אָבער מיין שוועסטער איז אָנגעקומען מיט יוסף דעם שלאָסער. איך האָב זיך געגעבן אַ ציִ צו זיי און זיי האָבן מיך שוין אַפּריער באַמערקט און זענען באַלד צוגעקומען צו מיר.

— זעסט, אָט איז ער! — האָט מיין שוועסטער געזאָגט צו יוספן. איך האָב אָבער ליבלעך געקוקט אויף יוספן; פון יענעם אויפדערנאַכט, וואָס איך האָב אים געהערט רעדן אין וואַלד, הגם איך האָב אים נישט פאַר־שטאַנען, איז ער מיר דאָך עפּעס געוואָרן מאָדנע נאָענט. כ'האָב דערפילט צו אים אַ מוראדיקן דרך־ארץ, עפּעס גאַרנישט ווי פריער. אַ נייער יוסף.
— וואָס שטייסטו דאָ, גאַרנישט איינער? — האָט זיך מיין שוועסטער איצט געווענדט צו מיר.

— כ'האָב דיך געוואָלט זען, שטיי איך דאָ, — האָב איך איר געענט־פערט, אַלץ קוקנדיק אויף יוספן.

— קומסט אפשר היינט אַהיים?

— וואָס הייסט אפשר, דער טאַטע איז אין דער היים?

— ניין, דער טאַטע איז אַוועקגעפאָרן.

— איז מיינסטו, אַז איך זאָל גיין אַהיים?

— יאָ, קום אַהיים. איך וועל דאָרט באַלד אויך זיין. איך דאַרף דיך עפּעס פרעגן.

זאָגנדיק די דאָזיקע ווערטער, האָט מיין שוועסטער געקוקט אויף יוספן, און ביידע האָבן געשמייכלט. איך האָב געפילט, אַז נישט בלויז זי. נאָר אויך ער וויים, וואָס זי האָט ביי מיר צו פרעגן. און אַז עפּעס געפעלט זיי פון דער מעשה, ווי אַזוי איך האָב פאַרלוירן מיינע באַלעבאַטים.

פון קרעשטשאַטיק ביז צו מיין טאַטנס הויז איז געווען אינגאַנצן אַ פּאָר גאַסן, דאָך בין איך נישט געגאַנגען, נאָר געפלויגן. כ'האָב מורא גע־האַט, טאָמער וועט מיין שוועסטער קומען פריער פאַר מיר. ווען איך האָב געעפנט די טיר פון טויער, האָב איך געטראָפן די שיקסע, וואָס האָט ביי אונז געאַרבעט. כ'האָב זיך פון איר דערוווּסט, אַז קיינער איז נישטאָ אין דער היים און אַז די „מאַמשעכע", די שטיפמאַמע — הייסט עס, איז ביי אַ שכנה. דערהערנדיק וועגן אַזאַ גליק, בין איך אַריינגעלאָפן אין הויז ווי אַ פאַרסמטער און שנעל געמאַכט אַ רעוויזיע אין קיך. וואָס כ'האָב נאָר

געקענט, האָב איך געשטופּט אין די קעשענעס. כ'האָב זיך נישט איינגע־שטעלט צו עסן אין קיך, ווייל — טאָמער קומט אָן מיין שטיפמאַמע, איז אויס מיט מיין סעודה. ווען איך בין געווען אָנגעלאָדן מיט געגוג פּראָווי־זיע, וואָס דאָס מערסטע איז באַשטאַנען פון ברויט, געגוג פאַר דריי ייִנגלעך אַזעלכע ווי איך, בין איך אַרויס פון טויער, זיך געזעצט אויף אַ באַנק, וואָס איז געשטאַנען לעבן פאַרקאַן, און די שטימונג איז ביי מיר געווען שוין גאָר אַן אַנדערע.

מיין שוועסטער איז געקומען שפּעטער. ווען זי איז צוגעקומען, בין איך נאָך אַלץ געזעסן אויף דער באַנק פון דער זייט טויער. זי האָט מיך געפרעגט, צי איך בין נאָך נישט געווען אין הויז. איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין שוין געווען און אַז די שטיפמאַמע האָט מיך נישט געזען. איך האָב געכאַפּט אין קיך וואָס צו עסן און האָב עס טאַקע דאָ אויפגעגעסן.

— הער אויס, יאַקוב, — האָט די שוועסטער אָנגעהויבן רעדן צו מיר מיט אַן ערנסטן טאָן, — כ'האָב דיר שוין געזאָגט, דו ביסט אַ גרויסער בחור און אין הויז איז פאַר דיר נישטאָ קיין אָרט. דו מוזט זיך לערנען אַן אַרבעט, כדי דו זאָלסט מיט דער צייט קענען פאַרדינען און האָבן אַן אָרט וווּ צו עסן און צו שלאָפן. דעם טאַטן דיינעם אָרט נישט, וואָס פון דיר וועט ווערן. און די שטיפמאַמע ווייסטו דאָך... מוזטו ווערן סטאָטעטשנער, ערנסטער.

— מאַניע, האָב איך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער זי האָט מיך איבער־געשלאָגן:

— איך ווייס אַלץ. כ'האָב צו דיר גאָרנישט. דערביי האָט זי מיך אַרומגענומען און אָנגעפאַנגען וויינען: — הער אויס, יאַנקעלע, מיך אַרט נישט, וואָס מען זאָגט וועגן דיר. כ'ווייס, אַז ס'איז אַלץ מעשיות. אָבער איך וויל, אַז דו זאָלסט אויפהערן לעבן ווי אַ הונט אויף דער גאַס. זע, טו עפּעס... — זי האָט נישט פאַרענדיקט דעם זאַץ און ווייטער גערעדט: — זאָל דיין טאַטע קומען אַהיים. מאָרגן וועלן מיר שוין עפּעס טאָן. איך האָב גערעדט מיט זעליקן און סאַמואילן. זיי ווילן דיך אַריינגעמען צו צייטלינגען אין טיפּאָגראַפיע. דאָרט וועסטו זיך לערנען זיין אַ דרוקער און אויף ביינאַכט וועסט צעשיקן דעם „אומאַנסקי ליסטאָק", מען וועט דיר דערפאַר צאָלן זעקס רובל אַ חודש און דו וועסט שוין נישט דאַרפן הונגערן.

איך פאַרדין זעקס רובל אַ חודש!

די נאַכט האָב איך זיך געקייקלט אויף מיין שטענדיקן געלעגער ביי דער טיר אויף עפּעס אַ שמאַטע און נישט געקענט איינשלאָפן. דער געדאַנק, אַז איך וועל פאַרדינען זעקס רובל אַ חודש, צוואַנציק קאָפּיקעס אַ טאָג, האָט מיר נישט געלאָזט שלאָפן. איך האָב קוים דערלעבט דעם פרימאָרגן,

מען זאָל מיר שוין אַוועקפירן אין דער דרוקעריי. דערהויפּט איז עס גע־וועזן טאַקע די דרוקעריי, די „טיפּאָגראַפיע", וואָס איך האָב שוין פאַר דעם געקענט שׂעהעגוווייז אָפּשטיין ביי אירע פענצטער און קוקן, ווי די מאַשין דרייט זיך און ווי מען לייגט אַריין אין איר די פּאַפּירן. דאָס איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מיך געהאַלטן צוגעשמידט צום אָרט. און דאָ וועל איך אַליין שטיין ביי דער מאַשין און לייגן פּאַפּירן...

איך האָב קוים דערלעבט די מינוט, מיין שוועסטער זאָל מיך שוין פירן צו צייטלינען אין דער דרוקעריי. ענדלעך איז מיין שוועסטער פאַר־טיק געוואָרן. זי האָט באַטראַכט מיין הילוך און האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער זאָגט: ס'האָט געמעגט זיין בעסער. קיין חידוש נישט! די שוואַרצע רובאַשקע האָט געגלאַנצט, די שטיוול זענען געווען אויסגעדרייט און אַזוי צרהדיק האָבן אויך אויסגעזען אַלע איבעריקע זאַכן. דאָס זענען געווען די קליידער, וואָס איך האָב געטראָגן סיי יום־טוב און סיי אין דער וואָכן. זייער אמתן קאָליר איז שוין לאַנג נישט געווען צו דערקענען.

— יאַקוב, — האָט די שוועסטער צו מיר געזאָגט, — פאַרקעם זיך אַ ביסל. דאַרפסט וויסן, אַז דער „גאַספּאַדין" צייטלין האָט ליב מען זאָל גיין אָנגעטאָן קאָרעקט.

איך האָב נאָך אַ מאָל איינגענעצט די האָר און זיך גענומען קעמען, אָבער וואָס כ'האָב נישט געטאָן, האָבן זיי זיך בשום אופן נישט געוואָלט אַוועקלייגן. זיי זענען אַלץ געבליבן שטיין דיבאָם ווי ביי אַ „יאָזש" (שטעכלקע). — שוין! — האָב איך ענדלעך געזאָגט מאַניען און מיר זע־נען אַרויס פון שטוב.

די דרוקעריי איז געווען נישט וויים און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זע־נען מיר דאָרט געווען. זעליק, וואָס האָט געדאַרפט רעדן מיטן באַלעבאָס, מיט דעם הער צייטלין, האָט געוואַרט ביי דער טיר. ווען מיר זענען אָנ־געקומען, האָט ער אונז געזאָגט, אַז ער האָט שוין מיט אים גערעדט און ס'וועט זיין גוט. מיר זענען אַריין אין קאַנטאָר. דער באַלעבאָס איז גע־זעסן ביי אַ ברייטן טיש, מיט אַ סך פּאַפּירן צעוואָרפן איבערן גאַנצן טיש. צוליב מיין שוועסטער האָט ער זיך אויפגעשטעלט, האָט איר דערלאַנגט די האַנט און האָט זי, אָנווייזנדיק אויף אַ שטול, געבעטן, זי זאָל זיך זעצן. דער הער צייטלין איז געווען הויך, מיט ברייטע פּלייצעס, גרוי, אָבער מיט אַ געדיכטער קאָפּ האָר, וואָס איז געווען איינגאַנצן צעשויבערט. ער האָט געטראָגן גראָבע קליידער, און ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוווסט, איז ער געווען אַ קורצזיכטיקער.

איך האָב זיך דערפילט גוט טאַקע צוליב זיינע האָר, וואָס זענען גע־ווען אַזוי צעשויבערט. מיר האָט שוין מער נישט געאַרט, וואָס איך קען

מיינע האָר נישט פּאַרקעמען גלאַט, ווי מיין שוועסטער האָט מיר געהייסן; דער הער צייטלין קען עס אויך נישט.

אין די קורצע יאָרן מיינע, אין וועלכע כ'האָב שוין געהאַט אַזוי פיל געלעבט, איז אין מיר אויסגעוואַקסן אַ דרייסטקייט אַזאַ, אַז איך האָב קיין מורא נישט געהאַט פאַר גרעסערע און שטאַרקערע. און בעת ציטלין האָט מיך צוגערופן, בין איך גלייך צו אים צוגעגאַנגען, האָב אים דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט הויך אויפן קול: „זדראַסטוויטע" (שלום עליכים!). ער האָט אָנגענומען מיין האַנט און מיט דער צווייטער האַנט זיינער מיר געגעבן אַ קניפּ אין באַק. לאַנג האָב איך געפילט דעם פריינטלעכן קניפּ פון דעם הער ציטלין.

ער איז געווען אַ ליטווישער ייד און זיך גערעכנט אין שטאָט פאַר איינעם פון די גרעסטע רוסיש־קענער, אָבער מיט יידן האָט ער נאָר גע־רעדט יידיש. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען אַ פרעמדער זאָל זיך ווענדן צו מיר אויף יידיש. מיין יידיש האָט געהאַט אין זיך מער רוסישע ווערטער ווי יידישע. איך האָב אויף זיינע פראַגעס געענטפערט אויף רוסיש.

— זעסטו, האָט ער צו מיר געזאָגט, איך האָב ליב, אַז מען רעדט יידיש. אַז דו וועסט לאַנג אַרבעטן ביי מיר, וועסטו רעדן בעסער יידיש, ווי דו רעדסט איצט.

אין דער מינוט איז מיר אויסגעקומען, אַז דער הער ציטלין איז גאָר מיין טאַטע. ער רעדט מיט מיר ווי מיט אַ גלייכן, האָט מיר געגעבן אַ קניפּ אין באַק און ער האָט אַפילו אַן אינטערעס אין דעם, ווי אַזוי איך רעד.

— איך האָב גענוג לערנייִנגלעך אין דער דרוקעריי, — האָט זיך הער ציטלין אָנגערופן, — מערסטנס ייִנגלעך פון עלטערן, וואָס נייטיקן זיך נישט אין זייערע פאַרדינסטן. זיי שטייען און לערנען זיך. איך דאַרף אָבער האָבן אַ ייִנגל, וואָס מען זאָל אים קענען אומעטום שיקן און אויך אויף ביי־נאַכט צו קלעפּן די אַדרעסן אויף דער ציטונג.

מיין שוועסטער האָט אים געזאָגט, אַז זי ווייס שוין אַלץ און אַז איך בויטיק זיך יאָ און וועל טאָן אַלץ און אַז טאַקע די זעקס רובל פאַר די נעכט מיינט פאַר מיר זייער אַ סך. ער האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט, אַפּנים צו מאַכן קירצער דעם שמועס, האָט מיר אַ גלעט געטאָן איבערן קאָפּ און זיך געווענדט צו זעליקן, וואָס איז געשטאַנען ביים געשפּרעך: „נעם אים אַריין און זאָג אים, וואָס ער האָט צו טאָן".

נישט איך און נישט מיין שוועסטער האָבן זיך נישט געריכט, אַז איך וועל באַלד בלייבן אין דער דרוקעריי. זענען מיר אַרויס פון שטוב נישט געגעסן. מיין שוועסטער האָט אַפילו געוואָלט זאָגן, אַז מיר וועלן קומען

שפּעטער, אָבער איך בין געווען אַזוי גליקלעך, אַז איך האָב איר געגעבן אַ צייכן מיט דער האַנט אויף ניין.

אין צייטלינס דרוקעריי

צייטלינס דרוקעריי איז געווען די גרעסטע אין שטאָט. אַחוץ דער טעגלעכער צייטונג „אומאַנסקי ליסטאָק", האָבן זיך דאָרט געדרוקט אויך אַלע אַפישן פון טעאַטער און פון צירק און די גאַנצע דרוק־אַרבעט פאַר די צוקער־זאַוואָדן פון דער געגנט. צוליב דער צייטונג אַליין זענען געווען באַשעפטיקט אַ סך האַנט־זעצער, מעטראַנפּאַזשן, דרוקער און נאָך אַנדערע אַרוימהעלפער. אויסער דעם פּערסאָנאַל דרוקער, זענען נאָך געווען קאָרעקטאָרן פון דער צייטונג און קאָרעספּאָנדענטן פון אַ פּאָר שטעט. טאָג און נאַכט האָט אין דער דרוקעריי געקאָכט ווי אין אַ בינשטאָק. צייטלין אַליין איז נישט געווען קיין דרוקער; זיינער אַ קרוב איז געווען דער דרוקער. אָבער דער הער צייטלין האָט ליב געהאַט דעם טומל פון דער דרוקעריי און די מענטשן, וואָס האָבן זיך געפּאָרעט אַרום איר. אַליין איז ער געווען אַ ציגעלאָזענער, אַ גוטער פון דער נאַטור, איז אים יעדערער געקראָכן אויפן קאָפּ. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק גיכער פון אַ לערער אָדער אַ דאָקטאָר, נישט פון קיין אייגנטימער פון אַ געשעפט, און נאָך אַזאַ, וווּ עס דרייען זיך דורך אַזוי פיל מענטשן אַ טאָג.

פאַר מיר האָט זיך געעפנט אַ נייע וועלט. קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט. פון צייט צו צייט האָט מען מיך געשיקט אַ גאַנג און דערנאָך האָב איך געטאָן, וואָס מען האָט מיר געהייסן. כ'האָב געדאַרפט וואַשן די מאַשינען, אויסבלאָזן די קעסטלעך פון די שריפט, און צוועלף ביינאַכט, ווען די צייטונג איז אַרויס פון דרוק, פלעג איך קלעפּן באַנדעראָלן און אַדרעסן אויף די באַנדעראָלן. דאָס פלעגט ביי מיר דויערן פון פינף ביז זעקס שעה. זעקס אינדערפרי פלעג איך מיט אַ דראָשקע אַוועקפירן די צייטונגען צו דער באַן און אַ טייל צו דער פּאָסט.

אין דער דרוקעריי בין איך געווען כמעט טאָג און נאַכט. בייטאָג בין איך געווען אַ לערנייגל און פאַר דעם האָט מען מיר נישט געצאָלט. נאָך אַ צען־צוועלף שעה אַרבעט האָב איך געמעגט גיין אַהיים און קומען צוריק צוועלף ביינאַכט צו דער עקספּעדיציע פון דער צייטונג. פון אַכט אָוונט ביז צוועלף האָב איך געהאַט פרייע צייט. כ'האָב געקענט גיין אַהיים זיך אויסרוען. אָבער מיין ליבע צו דער היים איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך פלעג בעסער אַרויפקריכן אויפן טיש, וווּ איך פלעג מאַכן די עקספּעדיציע, און שלאָפן, ביז מען פלעגט מיך אויפוועקן פּאַקן די צייטונג. אַזוי ווי די צייטונג פלעגט זיך פינף מאָל אין דער וואָך פאַרשפּעטיקן און אָנשטאָט צוועלף ביינאַכט פלעגט זי פאַרטיק ווערן דריי פאַרטאָג, פלעג איך זיך טאַקע גאַנץ גוט אויסשלאָפן. אויסער דעם, האָב איך אַזוי ליב באַקומען

די דרוקעריי מיט אַלע מענטשן, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, אַז כ'האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין פון איר.

קודם כל האָב איך פון ערשטן טאָג אָן מער נישט געוווּסט פון נישט דערעסן. איך בין דאָך געווען דער, וואָס פלעגט פאַר אַלעמען גיין אַ גאַנג. איז אַז איינעם האָט זיך עפּעס פאַרגלוסט, פלעגט ער מיך שיקן עס קויפן, און יעדערער וואָס האָט מיך געשיקט, האָט מיך געווינטלעך גענומען פאַר אַ שותף צום בייס. דער עיקר האָב איך געלעבט אַ טאָג מיט דעם הויפּט־זעצער. ער איז נישט געווען קיין אומאַנער, מען האָט אים געהאַט אַראָפּ־געבראַכט פון קיעוו. אַבראַמאָוו האָט מען אים, דוכט זיך גערופן. ער איז געווען דער בעסט־באַצאָלטער זעצער. ער האָט פאַרדינט פופציק רובל אַ חודש און אַזאַ סומע איז אין אומאַן געווען גענוג פאַר אַ משפּחה פון צען מענטשן. ער איז אָבער געווען אַזוי געבויט, אַז ער אַליין האָט געקאָנט אויפעסן פאַר צען. ער איז געווען אומגעהויער גרויס און דיק. ער פלעגט מיך כסדר אַרומשיקן קויפן עסן, און יעדעס מאָל, ווען איך פלעג אים ברענגען זיינע באַליבטע ווורשט, זויערע אוגערקעס און שוואַרץ־ברויט, דאָס צעשניידן און אים עס דערלאַנגען אויף אַ פּאַפּיר, פלעגט ער מיר גלייך צוטיילן אַ חלק און זאָגן: „קושאַי!" (עס!). מיט דער צייט האָב איך זיך אַזוי צוגעווינט צו זיין אַ שותף צו זיינע מאָלצייטן, אַז כ'האָב אים פאַרשפּאָרט דאָס זאָגן „קושאַי", כ'פלעג זיך אַליין נעמען אַ חלק און עסן גלייך מיט אים.

דערפאַר איז אָבער פון דער צווייטער זייט געווען איינער, וואָס צוליב אים האָט איך שיעור נישט פאַרלוירן די אַרבעט. דאָס איז געווען דער נאַכט־קאָרעספּאָנדענט בערנשטיין. אָט דער בערנשטיין האָט געהאַט אַ טבע, אַז ווי נאָר ער פלעגט זיך אָפּפאַרטיקן מיט זיין אַרבעט, פלעגט ער אַריינקומען אין דער דרוקעריי, אַראָפּשטופּן מיך פון טיש, ווו איך בין געשלאָפן, און זיך אַליין אויף אים אויסציען. מיר פלעגט דעמאָלט אויס־קומען צו בלייבן ליגן אויפן דיל. אַ פּאָר מאָל האָט איך פּראָטעסטירט און דער נאַכט־זעצער האָט אים אַפילו געזידלט דערפאַר, ס'האָט אָבער גאָר־נישט געהאָלפן. ער איז געווען ביי זיך אַ יחסן, ווייל ער איז געווען אַ קרוב פון דעם אַדוואָקאַט וויניצקי, וואָס האָט פינאַנסירט די צייטונג. כ'האָב שטאַרק געליטן פון זיין האַנדלונג און צוביסלעך האָט זיך ביי מיר אָנגע־קליבן אַ סך פאַרביטערונג קעגן אים. ווען איך פלעג ליגן פאַרטיפט אין בעסטן שלאָף, נאָך אַ טאָג פון אַרומלויפן, רייניקן די מאַשינעס, קערן די דרוקעריי און נאָך אַזעלכע אַרבעטן, פלעגט ער פּלוצלונג אַראָפּקומען, געבן מיר אַ קלאַפּ, אויפוועקן מיך און פאַרנעמען מיין אָרט.

די אַלע שטיפערישע איינפאַלן, וואָס איך האָב פאַרמאָגט גענוג און מיט זייער הילף נישט איינעם אָנגעטאָן צרות, דערהויפּט מיין שטיפמאַמע, האָב איך איצט, זינט כ'האָב געאַרבעט אין דער צייטלין־דרוקעריי, מער

נישט באַנוצט. כ׳האָב זיך שטאַרק געצוימט. אָבער די האַנדלונג פון דעם נאַכט־קאָרעספּאָנדענט בערנשטיין האָט צוריק אויפגעוועקט אין מיר דעם פאַרלאַנג אָפּצוטאָן אים אַ שפּיצל. איך האָב צוזאַמענגענומען עטלעכע צענדליק שפּילקעס און אַריינגעשלאָגן זיי אין דער מיט פון טיש. מיט אַ צווענגל האָב איך אָפּגעביסן די קעפּלעך, אַזוי אַז די שפּילקעס זענען גע־בליבן גאַנץ שאַרף. אַליין האָב איך זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן ביים ברעג טיש. ווי שטענדיק, האָט זיך אויך אין דער נאַכט איבערגעחזרט דאָס אַראָפּ־טרייבן מיך פון טיש. כ׳האָב נאָך אָבער נישט באַוויזן איינצוקאָרטשען זיך אויפן דיל, ווי דער בערנשטיין האָט אַרויסגעלאָזן אַ ווילדן געשריי, אַזוי אַז דער גוי, וואָס האָט געדרייט די גרויסע ראָד פון דער מאַשין, איז גע־בליבן שטיין אַ צעשראָקענער און צוזאַמען מיט אים האָט זיך די מאַשין אָפּגעשטעלט.

אַלע זענען זיך צוזאַמענגעלאָפן און בערנשטיין האָט געשריען, אַז נאָד־לען זענען אים אַריין אין זייט און אומעטום. געלער, דער קאָרעקטאָר פון דער צייטונג, אַ ייד אַ לץ, וואָס האָט דעם בערנשטיינען אויך נישט ליב געהאַט, איז צוגעגאַנגען צו אים און אים אָנגעשראָקן, אַז מיט אַזעלכע זאַכן שפּילט מען זיך נישט, אַז אויב די נאָדלען וועלן אָנהייבן אַרומצוגיין אין זיין לייב, איז ער אַ פּאַרטיקער. בערנשטיין איז אַרויסגעלאָפן ווי אַן אונטערגעשאָסענער. אין אַ שעה אַרום האָט ער זיך אומגעקערט אַ באַרויִק־טער. ער איז געווען ביי אַ דאָקטאָר און יענער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זיך נאָר אַ ביסל צעשטאָכן. ווען ער איז אַוועק, האָב איך גענומען פאַרדרייבן די שפּורן פון די שפּילקעס. דער דרוקער פון דער מאַשין האָט עס באַמערקט און ער האָט אויף מאָרגן אַלעמען דערציילט, וואָס איך האָב בערנשטיינען אָפּגעטאָן.

די גאַנצע דרוקעריי האָט געלאַכט. יעדער האָט מיר געזאָגט „מאָלאָ־דיעץ״. אָבער איך האָב געפילט, אַז די זאַך וועט מיר גלאַט נישט אָפּגיין. און כך־הוה: מען האָט עס אים דערציילט. איז — לכתחילה האָט ער זיך געכאַפּט צו מיר שלאָגן. נאָר דאָס איז אים נישט געלונגען, מען האָט זיך פאַר מיר איינגעשטעלט. האָט ער פאַרלאַנגט פון דעם הער צייטלין, אַז ער זאָל מיך אַרויסטרייבן פון דער דרוקעריי. צייטלין האָט אויסגעהערט מיין טענה, האָט מיך שטאַרק געמוסרט פאַר טאָן אַזאַ זאַך: „האָסט דאָך געקענט אומגליקלעך מאַכן אַ מענטשן!״ — האָט ער געזאָגט, — „אָבער געדענק, מער זאָלסטו זיך נישט דערוועגן אַזוינס צו טאָן.״ דערפאַר אָבער האָט ער בערנשטיינען, אַזוי האָב איך געהערט פון עלטערע, גוט אויסגעזידלט און פאַרזאָגט, אַז ער זאָל מיר לאָזן צורו, נישט צוקומען נאָענט צו מיין טיש און אַז גערעכט בין איך געווען, נישט ער.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, וואָס עמיצער האָט מיר געגעבן גערעכט און דער באַלעבאָס צייטלין איז צוליב דעם אויסגע־

וואקסן אין מיינע אויגן, ווי ער וואָלט געווען אַ גאָט. צו דער דרוקעריי האָב איך זיך דרייפאַך צוגעבונדן. די דרוקעריי האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון מיין מוטער, צייטלין איז געוואָרן מיין פאָטער און איך, ווי אַ פאַרליבטער אין זיי ביידע, האָב אָפּגעהיט יעדע זאַך, וואָס האָט געהערט צו דער דרוקעריי.

צו ביסלעך האָב איך זיך באַקענט מיט די אַלע, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט. די, וואָס האָבן געאַרבעט ביינאַכט, האָבן זיך אויפגעהערט פאַר מיר צו היטן. נאָך דעם, ווי זיי האָבן פאַרענדיקט די צייטונג, האָבן זיי אָפטמאָל געמאַכט אַ זאַץ, אַריינגענומען עס אין מאַשין און אָפּגעדרוקט. דערנאָך האָט זיך יעדערער פון זיי איינגעטיילט מיט די פּעקלעך און עס אַוועקגעטראָגן. ביי מיין גאַנצער איבערגעגעבנקייט צו דער דרוקעריי האָב איך עס צייטלינען נישט דערציילט. נישט דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געוואָלט דערציילן, נאָר ווייל איך האָב מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט זאָגן, אַז ז יי זענען גערעכט, נישט איך.

דאָס ערשטע אומלעגאַלע בלעטל

וואָס איך האָב יאָ געוואָלט, איז, — כאַפּן אַ בלעטל און זען, וואָס מען דרוקט און וואָס עטלעכע מענטשן טראָגן אַוועק אין קליינע פּעקלעך. דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, ווייל אַזוי שנעל ווי זיי פלעגן פאַרטיק ווערן מיטן דרוקן, פלעגן זיי אַלץ צעוואַרפן, אַפילו פון מאַשין־צילינדער אַראָפּרייסן, וואָס עס האָט זיך אָפּגעדרוקט. און אַלע ווינקעלעך דורכגענישטערט, ס'זאָל, חלילה, גאָרנישט בלייבן. איין מאָל האָב איך זיך איינגעשטעלט און ביי סאַמואילן דעם איינבינדער געבעטן, ער זאָל מיר געבן אַ בלעטל. ער האָט מיר אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויפן אַקסל און געזאָגט, אַז אויב מאַלינאָווסקי דער פּריסטאַוו וועט עס ביי מיר געפינען, וועט ער מאַכן פון מיר אַ תל.

סאַמואיל האָט דערביי געקוקט אויף מיר און געשמייכלט. — נו, איצט ווילסטו נאָך אַלץ האָבן אַ בלעטל? — האָט ער געפרעגט. — יאָ, האָב איך געענטפערט. — כ'האָב נישט קיין מורא פאַרן פּריסטאַוו מאַלינאָווסקי.

וועגן דעם פּריסטאַוו מאַלינאָווסקי האָב איך אַ סך געהערט. אָבער וואָס פאַר אַ שלעכטס כ'האָב זיך פון אים נישט אָנגעהערט, האָב איך זיך אַלץ נישט געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער זאָל זיין ערגער פון מיין שטיפמאַמע. איך האָב אויך געהערט וועגן אים פון מיין טאַטן. מיין טאַטע איז דאָך גאָר געווען אַ גוטער ברודער מיט אים, געהאַט מיט אים געשעפטן. אַזוי אַז וויפל סאַמואיל האָט מיך נישט געשראָקן מיט מאַלינאָווסקין, האָט עס מיר נישט געאַרט און כ'האָב אַלץ געבעטן אַ בלעטל.

ווען כ׳האָב באַקומען דאָס בלעטל, איז מיר מיט אַ מאָל איינגעפאַלן, אַז ס׳וואָלט געווען גוט, אַז מיין שטיפמאַמע זאָל זען דאָס בלעטל. איך בין געווען זיכער, אַז ווען זי וואָלט עס איבערגעלייענט, וואָלט זי געשטאָרבן פאַר שרעק. און נישט אַזוי פון דעם, וואָס מען שרייבט דאָרטן, נאָר דער־פון, וואָס איך וואָלט איר זאָגן, אַז דער פּריסטאַוו מאַכט דערפאַר אַ תל. אָבער ווי אַזוי מאַכט מען, אַז זי זאָל עס זען? כ׳האָב דאָך צוגעזאָגט, אַז כ׳וועל עס קיינעם נישט ווייזן, נאָר נאָכן איבערלייענען עס אַוועקוואַרפן אין גאַס, כדי אַן אַנדער מענטש זאָל עס קענען לייענען. פונדעסטוועגן האָב איך זיך פון דעם פאַרגעניגן איבערצושרעקן מיטן בלעטל די שטיפ־מאַמע נישט געקאָנט צוריקהאַלטן. ווי נאָר איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, בין איך געלאָפן אַהיים.

ווען איך בין אַריין אין הויז, איז מיין טאַטע געזעסן און געשריבן, און זי האָט זיך אַרומגעדרייט אַרום שטוב און געוואָלדעוועט אויף די קינ־דער. מיין אַריינקומען האָבן זיי אַפילו נישט באַמערקט. דערפאַר האָבן זיך אָבער דערפרייט מיט מיר די קינדער. דאָס קליינוואַרג, וואָס האָט זיך גע־האַלטן אין מיטן אָנטאָן, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן צו מיר — ווער מיט אַ שיכל, ווער אַ האַלב־נאַקעטער און יעדערער האָט עפּעס ביי מיר געבעטן. די שטיפמאַמע האָט דערזען די חתונה אַרום מיר און זי איז אַרויס מיט לשון: „זע נאָר, ווער ס׳איז דאָ? סקאָצל קומט. דער רוח האָט אים אָנגע־טראָגן. זע נאָר, ווי זיי פרייען זיך עס מיט אים, ווי מיט אַ זויערן עפּל. שוין אָפּגעאַרבעט אַזוי פרי? האָסט נישט געקענט קומען אַ ביסל שפּע־טער? ווער דאַרף דיך דאָ אינגאַנצן האָבן. ער מיינט נאָך אַלץ, אַז ער פעלט דאָ עמיצן.״

די אויפנאַמע, וואָס זי האָט מיר געמאַכט, האָט מיין שוועסטער זייער פאַרדראָסן און זי האָט זיך אַריינגעמישט. ס׳איז געוואָרן אַ קריגעריי צווישן זייביידן. מיין טאַטע האָט אַוועקגעלייגט דאָס שרייבן און געזאָגט צו מיין שוועסטער, אַז ס׳איז נישט איר עסק, אַז זי זאָל מיר געבן אַ גלאָז טיי און לאָזן מיר גיין, פון וואַנען איך בין געקומען. „איך האָב גענוג צרות אין שטוב אָן אים״ — האָט ער געזאָגט.

שטענדיק ביי אַזוינע סצענעס פלעגט מיר פאַרקלעמען ביים האַרץ און עס פלעגט זיך אויסלאָזן מיט וויינען און מיט אַוועקגיין פון שטוב. דאָס מאָל האָט עס מיר נישט אָנגעהויבן צו אַרן. פאַרקערט, ס׳האָט מיר גאָר הנאה געטאָן. ס׳האָט מיר בלויז פאַרדראָסן, וואָס מיין שוועסטער האָט זיך אַריינגעמישט אין מיטן. איך האָב אַרויסגענומען דאָס בלעטל פון קע־שענע און אָנגעהויבן לייענען. מיין טאַטע האָט געפרעגט ביי מיר, וואָס איך האַלט דאָרט אין דער האַנט. אָבער אָנשטאָט אים צו ענטפערן, האָב איך עס צוריק אַריינגעלייגט אין קעשענע. „וואָס איז עס?״ — האָט מיין טאַטע איבערגעפרעגט. „גאָרנישט״ — איז געקומען דער ענטפער. „זאָלסט

מיר שוין זאָגן, וואָס דו האָסט דאָרט, אַנישט וועל איך דיר אָראָפּדרייען דעם קאָפּ!" ביי די ווערטער איז אונטערגעקומען די שטיפמאַמע. „אַראָפּ־דרייען אים דעם קאָפּ האָסטו שוין לאַנג געדאַרפט" — האָט זי צוגעלייגט. איצט האָב איך ווידער אַרויסגענומען דאָס בלעטל, זיך אַוועקגעשטעלט ביי דער טיר אויף צו קענען אַנטלויפן און געזאָגט צו מיין טאַטן: „יעסט אָט דאָס בלעטל? ווען דער פּריסטאַוו מאַלינאָווסקי וואָלט עס דאָ געפונען, וואָלט ער געמאַכט אַ סוף צו דיין ווייב!" אויסגעשריען די פּאָר ווערטער, בין איך שנעל אַרויס פון שטוב. ווען איך בין שוין געווען ביים טויער, איז מיין טאַטע געשטאַנען פון דער זייט טיר און מיר געדראָט, אַז ער וועט זיך נאָך מיט מיר אָפּרעכענען. מיין שוועסטער איז אויך אַרויס פון שטוב און זי האָט שטאַרק געלאַכט. ס'האָט איר הנאה געטאָן, וואָס איך האָב ענד־לעך אָפּן רעוואָלטירט קעגן טאַטנס ווייב פאַרן טאַטן אין די אויגן.

מער בין איך צו מיין טאַטן אין הויז נישט געקומען. נישט דערפאַר וייל כ'האָב מורא געהאַט, נאָר דערפאַר ווייל כ'האָב זיך געפילט זעלבסט־שטענדיק און זיך מער נישט געבייטיקט אין זיי. אין עטלעכע חדשים אַרום האָט מיך מיין טאַטע איינמאָל געטראָפן אין גאַס. ער האָט מיך אָפּגע־שטעלט, האָט מיר צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן, געגעבן מיר געלט, איך זאָל זיך קויפן אַ פּאָר נייע שטיוול, נאָר איך זאָל מער נישט קומען אַהיים. איך האָב אים גאָרנישט צוגעזאָגט.

מען טרייבט מיך אַרויס פון דער דרוקעריי און איך ווייס נישט פאַרוואָס

אין צייטלינס דרוקעריי וואָלט איך געווען אָפּגעאַרבעט יאָרן, ביז איך וואָלט געוואָרן אַ גוטער דרוקער. נאָך אַלעמען איז דאָס געווען דאָס ערש־טע אָרט, ווו איך האָב באַקומען פריינט און חברים. מאָיסיי צייטלין איז געווען אַ ברילּיאַנטענער מענטש. ווען ער פלעגט אַפילו אַמאָל אַנשרייען אויף מיר, איז דאָס אויך געמאַכט געוואָרן נאָר לפנים־וועגן און דערנאָך פלעגט ער ביי מיר פרעגן, צי איך ווייל טאַקע ווערן אַ דרוקער און דער־ביי געבן מיר אַ פּאָר עקסטרע קאָפּיקעס, וואָס ס'פלעגט זיין גענוג אויף אַ פּאָר טעג עסן. אָבער אויסגעוויקלט האָט זיך באַלד גאַנץ אַנדערש, ווי עס האָט אויסגעזען צום אָנהייב.

אין משך פון די עטלעכע חדשים, וואָס איך האָב געאַרבעט אין דער דרוקעריי, בין איך געוואָרן אַ גוטער ברודער מיט אַלעמען. דער צוטרוי צו מיר איז געווען אַ פולשטענדיקער. מען האָט זיך מער נישט געהיט פאַר מיר מיט די בלעטלעך, וואָס מען פלעגט דרוקן ביינאַכט. פאַרקערט, ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז מען האָט מיר אַליין ביינאַכט געהייסן אויסזעצן אַ

בלעטל. און אַזוי בין איך צוביסלעך, נאָך נישט ווילסנדיק געזוי, וואָס דאָס איז, געוואָרן אַ מיטהעלפער אין דער אונטערעַרדישער דרוק־אַרבעט.

אַזוי ווי אומאַן איז געווען דער צענטער, וואָס האָט געהאַט צו באַדינען אַ סך אַרומיקע שטעטלעך מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור, איז באַשלאָסן געוואָרן צו עפענען פאַר דעם צוועק אַן אייגענע אומלעגאַלע דרוקערײַ. פון אַלע דרוקערייען אין שטאָט האָט מען שטילערהייט גענומען שריפט און אַנדערע זאַכן, וואָס מען האָט געדאַרפט האָבן פאַר אַזאַ אונטערנעמונג. פון צייטלינס דרוקערײַ, אַזוי ווי זי איז געווען די גרעסטע, איז באַשלאָסן געוואָרן אַרויסצונעמען די באָסטאַנקע, — אַזאַ קליינע דרוק־מאַשין, וואָס איז פונקט גוט געווען פאַר דעם צוועק.

די קליינע דרוק־מאַשין האָט מען אַרויסגענומען בײַנאַכט. מאָיסיי צייטלין, וואָס איז אַליין מיט דער גאַנצער נשמה געווען פאַר דער אונטערעַרדישער באַוועגונג, איז דאָך געווען געצוווּנגען צו לאָזן וויסן דער זשאַנדאַרמעריע וועגן דער בײַנאַכטיקער גנבה. עס איז דעמאָלט געווען אַ פאַראָרדענונג פון דער מאַכט, אַז אויב פון אַ דרוקערײַ ווערט פאַרפאַלן עפּעס, וואָס קען דינען דער אונטעררעדישער באַוועגונג, מוז דער דרוקער גלייך וועגן דעם מעלדן. אויב נישט, האָט אים געדראָט די געפאַר נישט נאָר אַרעסטירט צו ווערן, נאָר אויך צו פאַרלירן זיין פאַרמעגן. האָט צייטלין געמוזט מעלדן דער זשאַנדאַרמעריע וועגן דער אַרויסגעגנבעטער באָסטאַנקע און אַלע אין דער דרוקערײַ האָבן געגעבן דערצו זייער הסכם. אָבער איידער ער האָט וועגן דעם געמאָלדן, האָט מען באַשלאָסן מיך אַוועקצושיקן פון דער אַרבעט. אַזוי ווי איך האָב דאָך שטענדיק געאַרבעט בײַנאַכט, האָט מען מורא געהאַט, אַז אויב איך זאָל זיין ביי דער אַרבעט, בעת די זשאַנדאַרן וועלן קומען מאַכן אַן אויספאָרשונג, קאָן איך זיך נאָך דערשרעקן און זיי אַלץ דערציילן. און אויב איך זאָל שווייגן, וועט מען מיר אין דער פּאָליציי אַזוי שלאָגן, אַז מען וועט מיר אונטערהאַקן די לונגען און איך וועל אַפילו נישט האָבן, ווער עס זאָל זיך פאַר מיר אָננעמען. דערפאַר — האָבן אַלע אין דער שטיל אָפּגעמאַכט, — דאַרף מען מיך אַוועקשיקן, נאָך איידער די זשאַנדאַרמעריע וועט קומען.

וועגן דעם פּלאַן האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט. אָבער צייטלין האָט מיך אַריינגערופן, האָט אָנגעהויבן שרייען אויף מיר, זיך צוגעטשעפּעט פאַר עפּעס אַ קלייניקייט און מיר אַזוי געזידלט, וואָס כ'האָב נאָך קיינמאָל פון אים אַזוינס נישט געהערט. ס'איז גאָרנישט געווען אין זיין נאַטור. צום סוף האָט ער געזאָגט, אַז מיין פוס זאָל זיך מער דאָ נישט געפינען. עס קומט מיר זעקס רובל פאַר אַ חודש, גיט ער מיר צען און — אַרויס פון דאַנען, טאַקע שוין!

אַ לאַנגע צייט האָב איך נישט געוווּסט, פאַרוואָס צייטלין האָט מיך

אַרויסגעטריבן פון דער אַרבעט. איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ צעמישטער. מיין שוועסטער, זעליק און סאַמואיל זענען עס געווען די, וואָס האָבן מיך געטרייסט, אַז מען וועט זען פאַר מיר אַרבעט אין אַן אַנדער דרוקעריי. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַז איך קען שוין אַרבעטן און דאַרף זיך נישט נעמען צום האַרצן. אָבער מיר האָט נישט אַזוי פאַרדראָסן, וואָס איך קען נישט אַרבעטן ביי ציטלינען אין דער דרוקעריי, נאָר וואָס ציטלין איז אין כעס אויף מיר. איך האָב אים באמת ליב געהאַט און מאַיסיי ציטלין האָט מיר געפעלט. כ׳האָב געהאַלטן אין איין טענהן, אַז מען האָט אויף מיר עפּעס אָנגערעדט, והאָ ראיה: אַט בין איך געשטאַנען ביי דער דרוקעריי און זיך געגריסט צו אים, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט אויף מיר.

דערווייל בין איך געבליבן אויף דער גאַס. די ערשטע פּאָר טעג בין איך געשלאָפן ביי מיין פעטער פישל. אים האָב איך טאַקע אויך אָוועקגע־געבן די צען רובל און ער פלעגט מיר יעדן טאָג געבן עטלעכע קאָפּיקעס אויף אויסצוקומען. ס׳איז מיר געווען גוואַלדיק אומעטיק און שרעקלעך שווער צו זיין אַליין. ס׳האָבן מיר שוין געפעלט די פריינט מיינע און חברים. אונטער דער צייט האָט מען אַרעסטירט סאַמואילן און נאָך אַ פּאָר פון דער דרוקעריי. און ווען איך פלעג פרעגן ביי זעליקן, ווען מען וועט מיך שויז פירן אין אַ צווייטער דרוקעריי, איז זיין ענטפער געווען, אַז אַט באַלד.

איינמאָל האָט מיר זעליק געזאָגט, אַז מען האָט באַפרייט די אַרעס־טירטע און אַז מען וועט מיך באַלד שיקן אין אַ דרוקעריי, צו טאַראַדאַשן. ייטער אַזוי ווי דערווייל האָב איך נישט ווו צו זיין, וועט מען מיך אָוועק־פירן צו איינעם פּאַלאָוונאַ, זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס האָט אַ פריייען־צימער; קיינער וווינט נישט אין דעם צימער, מער נישט פון צייט צו צייט קומט אהין אַ מענטש אויף אַ פּאָר טעג, דערפאַר שטייט דאָרטן אַ ליידיקע בעט. איך קען זיך אהין אַריינציען, אָבער מיט איין תנאי: איך טאָר קיינעם נישט זאָגן, ווו איך וווין, אַפילו נישט מיין שוועסטער.

אין משך פון דער צייט, וואָס איך האָב געאַרבעט ביי ציטלינען אין דער דרוקעריי, האָב איך זיך אָנגעזען מיט אַזוי פיל נישט פאַרשטענדלע־כע זאַכן, אַז כ׳האָב זיך אויסגעלערנט נישט צו פרעגן קיין קשיות. מען האָט מיר טאַקע גאָרנישט דערציילט, אָבער צוביסלעך האָט צו מיר אָנ־געהויבן צו קומען באַוווסטזיין. איך האָב דערפילט, אַז אַט די אַלע געשעע־נישן: דאָס וואָס ציטלין האָט מיך אַרויסגעטריבן, דער אַרעסט פון די אַר־בעטער, שפּעטער זייער באַפרייאונג און דאָס, וואָס איך וועל באַקומען אַר־בעט, ווייל זיי זענען באַפרייט, — אַז דאָס אַלץ איז עפּעס אַזוי ווי פאַר־בונדן צווישן זיך, אַז דאָס איז איינס און דאָס זעלבע. איך בין אין איין יאָר אַזוי ווי עלטער געוואָרן אויף צען. איך האָב באַקומען מוט, האָב אויפגעהערט וויינען, ווען ס׳איז מיר געווען שווער. פאַרקערט, אין שווע־רע טעג בין איך אָפטמאָל אַפילו פריילעכער געוואָרן, איך האָב פּלוצלונג

דערזען, אַז איך בין נישט אַליין. און וואָס כ'האָב נישט דערזען, האָב איך דערהערט. כ'האָב איצט געוווסט, אַז מיט אַזעלכע היים־צרות ווי מיינע איז פול יעדער ווינקל. איך האָב זיך שוין מער נישט געפילט איינזאַם. אַלע מיינע נייע באַקאַנטע, האָב איך דערפילט, זענען מיינע ברידער און זיי האָבן דעם זעלבן אינטערעס, וואָס מיין שוועסטער האָט צו מיר.

2. מיין ערשטע פאַרבינדונג מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג

פּאַלאָווינאַ

פּאַלאָווינאַ, צו וועמען איך האָב זיך אַריינגעצויגן, איז געווען אַ יונגער מענטש פון אַ יאָר צוואַנציק. ער איז געווען איינער פון די יידישע סטו־דענטן, וואָס צוליב דער פּראָצענט־נאָרמע האָבן זיי נישט געקאָנט אַנקו־מען אין אוניווערסיטעט. ער האָט געלערנט זעלבסטשטענדיק, איז געווען אַן עקסטערן און יעדן יאָר איז ער געגאַנגען צום עקזאַמען. דאָס איז גע־ווען דערלויבט, און די קלאַסן, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט, זענען אים פאַר־רעכנט געוואָרן אויפן פאַקולטעט, אויף וועלכן ער האָט זיך געלערנט. פּאַ־לאָווינאַ איז געווען זיין צונאָמען. דאָס האָט מען אים אַזוי גענומען רופן, זינט מען האָט געהאַט אַרעסטירט זיין „צוויטע העלפט", זיין געטרייען חבר, מיט וועלכן ער האָט געוווינט צוזאַמען, און ער איז געבליבן אַליין („פּאַלאָווינאַ" מיינט אויף רוסיש אַ העלפט). זיין ריכטיקן נאָמען האָט, דוכט זיך, קיינער נישט געוווּסט. אָט דעם פּאַלאָווינאַ האָבן אַלע שטאַרק ליב געהאַט פאַר זיין איבערגעגעבנקייט צו זיינע חברים און צו דער זאַך, וואָס ער האָט געדינט. איך האָב עס פאַרשטאַנען פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס איך האָב זיך באַקענט מיט פּאַלאָווינאַן. איך האָב אין אים דערפילט אַן איבערגעגעבענעם פריינד. פון דער ערשטער מינוט אָן האָט ער ביי מיר אַלץ געוווּסט און געזאָרגט, אַז ס'זאָל מיר גאָרנישט פעלן, זינט איך בין געוואָרן זיינער אַ שכן.

פּאַלאָווינאַ אַליין האָט אין דער דירה נישט געוווינט. ער פלעגט בלויז פון צייט צו צייט קומען אַהין. דאָס פלעגט געשען, ווען עמיצער פלעגט קומען צופאָרן. וווינענדיק דאָרטן, האָב איך זיך ביסלעכווייז דערוווּסט, אַז דאָס איז געווען די „יאַוואָטשנע קוואַרטיר" אָדער די „יאַווקע", ווי מען האָט עס דעמאָלט גערופן, פאַרן גאַנצן אומאַנער אויעזד (דיסטריקט). ווען עמיצער איז געקומען קיין אומאַן, איז דאָס ערשטע, וואָס ער האָט געהאַט צו טאָן, איז געווען: קומען אויף אָט דער קוואַרטיר, און איך בין עס גע־

ווען דער, וואָס פלעגט געבן צו וויסן וועגן דעם פּאַלאָווינאַן. און דעמאָלט פלעגן שוין געמאַכט ווערן די נייטיקע פאַרבינדונגען.

קיין לאַנגע צייט פלעגן די געקומענע, דאָס רוב פון קיעוו, נישט פאַר־ברענגען. סיידן עמיצער איז צוגעשיקט געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט אויף איינצושטעלן אַ געוויסע אַרבעט. אָט די דירה האָט מיר מיט דער צייט געגעבן אַ מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיט אַ סך מענטשן. מענטשן מיט פאַרשידענע בליקן אויפן לעבן. עס זענען געווען צווישן זיי אַרבעטער, סטודענטן, ענערגישע, אַנטשלאָסענע און אַלץ אַזעלכע, וואָס אָפּזייענדיק מיט זיי אַ פּאָר טעג, האָב איך זיי ליב באַקומען. די אַלע, מיט וועלכע איך פלעג קומען אין באַרירונג, האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מיר. עס קען זיין, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס איך בין נאָך געווען זייער יונג, נאָך נישט קיין גאַנצע פערצן יאָר, און שוין ביי אַזאַ זאַך, ווי צו טאָן די פאַרבינדונג־אַרבעט פאַר דעם צענטער.

פאַניע די שוואַרצע

פון צווישן די געקומענע איז געווען איינע, וואָס האָט מיר געגעבן דעם ערשטן אונטעררריכט אין סאָציאַליזם. דאָס איז געווען אַ פרוי, וועלכע מיר האָבן אַלע געקענט אונטערן נאָמען פאַניע די שוואַרצע. זי איז טאַקע גע־ווען אַ שוואַרצע, און אויסער איר שוואַרצקייט האָט די פרוי נישט געהאַט קיין איין אבר פון קיין פרוי, — אַ מאַן אין פולן זין פון וואָרט. ברייטע פּלייצעס, גרויסע הענט, אַ קאָפּ פון אַ לייב און גערעדט האָט זי מיט אַ באַסאָווער שטימע. ווען זי איז געגאַנגען מיט עמיצן, האָט איר יענער גע־מוזט נאָכלויפן; מיטמאַכן איז געווען אוממעגלעך. פון פאַך איז זי געווען אַ לערערין, נישט נאָר פאַר דער באַוועגונג, נאָר טאַקע אַ שול־לערערין. פאַניע די שוואַרצע איז שוין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אָבער אויסגעקוקט האָט זי אַ סך יינגער. איר אויפגאַבע איז געווען אָוועקצושטעלן די אונטערערדישע דרוקעריי אויף אַ געהעריקן אופן. ביז וואַנען זי האָט זיך געשאַפן די נויטיקע פאַרבינדונגען מיט די מענטשן, וואָס האָבן דאַרט געדאַרפט אַרבעטן, האָט זי געוווינט אויף דער „יאַוואָטשנער קוואַרטיר".

אין די ערשטע פּאָר טעג איז מיר געווען זייער שווער. ס'איז מיר געווען נישט באַקוועם צו זיין צוזאַמען מיט איר. איך פלעג אָדער קומען זייער פרי און זיך גלייך לייגן שלאָפן, אָדער גאָר שפּעט, ווען זי איז שוין געשלאָפן. פאַניע די שוואַרצע, וואָס איז געווען אַ מיידל מיט גרויס דער־פאַרונג, האָט פאַרשטאַנען, אַז איך פיל זיך מעשה מאַן און מיר איז נישט באַקוועם צו שלאָפן מיט אַ מיידל אין איין צימער. זי האָט אָנגעפאַנגען אויסנוצן די פרימאָרגנס, איידער זי פלעגט אַוועקגיין, כדי צו פאַרפירן מיט מיר געשפּרעכן. און ווי באַרעדעוודיק איך בין נישט געווען תמיד, ווי

גערן איך האָב נישט געהאַט צו דערציילן דאָס ביטערע בלעטל פון מיין געשיכטע, — מיט איר בין איך געווען קאַרג אויף אַ וואָרט. עפּעס האָב איך נישט געוואָלט, אַז זי זאָל וויסן וועגן דעם גאַנצן גאַנג פון מיין לעבן, וואָס איז געווען צעמענטירט מיט הונגער־ליידן און באַליידיקונגען. ווען זי וועט אַלץ וויסן, האָב איך געטראַכט, וועט זי פאַרשטיין, פאַרוואָס איך בין אויף דער קוואַרטיר. זי וועט וויסן, אַז די בויט האָט מיר אַהער געבראַכט, און דאָס האָב איך נישט געוואָלט. כ'האָב שוין איצט נישט געפילט, אַז איך בין אויף דער קוואַרטיר, ווייל איך דאַרף אַן אָרט צום שלאָפן. כ'וואָלט שוין איצט אָט דאָס אָרט נישט פאַרביטן אויף דער בעסטער וווינונג. אָבער דאָס וועט זי דאָך מיר נישט גלויבן. דערפאַר האָב איך אויסגעמיטן מיט איר צו רעדן און געוואָלט וואָס ווייניקער דערציילן.

אָבער דאָס אַלץ וואָס, איך האָב נישט געוואָלט דערציילן, האָט שוין פאַניע געוווסט פון אַנדערע. זי האָט זיך נאָר געמאַכט נישט וויסנדיק. פון צייט צו צייט בלויז פלעגט זי ביי מיר עפּעס אַ פרעג טאָן און איך פלעג זיך אַרויסדרייען פון אַן ענטפער. פלעגט זי אַנטשוויגן ווערן און מער נישט פרעגן. אַ שמייכל טאָן און אָנהייבן רעדן וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער דאָס אַנדערשס — דאָס איז שוין געווען וועגן זאַכן, וואָס האָבן מיך שטאַרק אינטערעסירט.

אַלס לערערין האָט זי אין מיר געפונען אַ רויען מאַטעריאַל, צו וועלכן זי האָט באַקומען אַ גרויסן אינטערעס און געשטרעבט אים צו אַנטוויקלען. ביסלעכווייז האָם איך אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, וואָס איך בין און וואָס איך טו דאָ. דערנאָך: פאַרוואָס מענטשן ווערן אַרעסטירט, פאַרוואָס מען דרוקט בלעטלעך. איך האָב זיך דערוווסט, וואָס עס איז אַזוינס רוסלאַנד און וואָס רוסלאַנד האָט געדאַרפט זיין, און ווער ס'איז שולדיק אין דעם, וואָס רוסלאַנד איז נישט דאָס, וואָס זי האָט באַדאַרפט זיין. אָפטמאָל האָט זי מיר געגעבן גאַנצע לעקציעס פון רוסישער געשיכטע מיט אויפקלערונגען, ווי אַזוי עס לעבן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן אין רוסלאַנד, און פאַרוואָס יידן ווערן פאַרפאָלגט. זי האָט מיר געלערנט, אַז מענטשן מיט נשמות דאַרפן עפּעס טאָן קעגן דעם און אַז מיר זענען עס די מענטשן. איך האָב זיך ביסלעכווייז דערפילט ווי איינער פון די מענטשן, וואָס האָבן נשמות, און אַז שלעכט איז נישט בלויז מיר, נאָר אַז אין גאַנץ רוסלאַנד איז שלעכט, און ווען עס וועט ווערן גוט אין רוסלאַנד, וועט אַזעלכע ווי מיר אויך זיין גוט. שטיפמאַמעס און שלעכטע טאַטעס — דאָס איז גאָרנישט. פאַניע די שוואַרצע פלעגט אָפט זאָגן, אַז אַלע קינדער וועלן האָבן גוטע לערער און אַלץ, איז וואָס זיי גייטיקן זיך, ווען אין רוסלאַנד וועט זיין גוט, און וואָס פאַר אַ ראָלע וועט דעמאָלט קענען שפּילן אַ שלעכטער טאַטע אָדער אַ שטיפמאַמע?

פאַניען האָב איך שטאַרק געגלויבט. אַז זי האָט מיר געשילדערט, ווי עס וועט זיין, בעת רוסלאַנד וועט ווערן אַזאַ, ווי עס ווילן די סאָציאַליסטן

אָדער, ווי זי האָט זיי גערופן, די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, בין איך געווען זיכער, אַז אַזוי וועט עס טאַקע זיין. איך בין צו איר שטאַרק צוגעבונדן געוואָרן. כ'האָב זי שוין מער נישט אויסגעמיטן. פאַרקערט, שעהן לאַנג פלעג איך וואַרטן, אַז זי זאָל קומען און מיר עפּעס דערציילן אָדער מיט מיר עפּעס לערנען. אָפט פלעגט איך ביי איר פרעגן זאַכן, וואָס איך האָב ניט פאַרשטאַנען פון די בראָשורן, וואָס זי פלעגט מיר לאָזן צום לייענען. פאַניע האָט איצט אין מיין לעבן פאַרנומען אַן אָרט פון אַ מוטער און אַ לערערין; און אַזוי האָט מען זי טאַקע גערופן אין דער גרופּע — יאַנקע־לעס מאַמע. איך בין מיט דעם געווען שטאַרק צופרידן.

איך בין געוואָרן דער גאַנצער אַרויסהעלפער אין דער אַרבעט, צוליב וועלכער פאַניע איז געקומען קיין אומאַן. מיר האָבן אָנגעהויבן איינשטעלן אַן אונטערערדישע דרוקעריי, און גראַדע אויף דער גאַס, ווו עס האָט זיך געפונען די „זשאַנדאַרמסקע אופּראַוולעניע", — אויף דער באָוואָליפקע. דאָרט האָט מען אויפגעזוכט אַ דירה און צוביסלעך צונויפגעבראַכט די מכשירים פון אַלע ווינקעלעך אויף דעם איין אָרט. פאַניע האָט געוואָלט נאָר אויף דער דאָזיקער גאַס, ווייל זי האָט געגעבן „אוראָקן" (לעקציעס) די קינדער פון דעם איספּראַווניק, וואָס האָט געוווינט אויף דער־אַ גאַס; אַזוי אַרום — האָט פאַניע געהאַלטן — וועט נישט פאַלן אויף איר קיין חשד, אויב זי וועט זיך אָפט באַווייזן אויף דער באָוואָליפקע.

איך בין געוואָרן דער אָפיציעלער זעצער פון דער דרוקעריי און דאָס האָט מיך שוין אויך געמאַכט פאַרן באַלעבאָס פון דער דירה. איך בין באַזאָרגט געוואָרן מיט עסן און מיין פּראָבלעם איז אַזוי אַרום געווען געלייזט. איך האָב זיך געפילט גאַנץ גליקלעך אין מיין נייער פּאָזיציע.

פאַניע די שוואַרצע איז נישט געווען צופרידן מיט דעם. זי האָט גע־האַלטן, אַז איך פאַרליר צו יונג מיין זעלבסטשטענדיקייט. און איין מאָל האָט זי זיך צו מיר געווענדט: „הער אויס, יאַנקעלע, ס'איז טאַקע גוט, וואָס דו גיסט זיך אָפּ מיט דער געהיימער דירה און מיט דער דרוקעריי. אָבער פאַר דיר אַליין איז עס נישט קיין געהעריקער אויסוועג. דו וואָלסט בעסער געדאַרפט זיך גלייך שטעלן אַרבעטן אין אַ דרוקעריי און ווערן אַ דרוקער. דאָס אַלץ, וואָס דו טוסט אין דער געהיימער דרוקעריי, דאַרפסטו טאָן אין דיין פרייער צייט". אַזוי האָט זי לאַנג מיט מיר גערעדט וועגן דער נייטי־קייט צו האָבן אַ פאַך אין האַנט און צו זיין אַ גאַנצער מענטש.

פאַר דער קורצער צייט, וואָס איך בין געווען מיט פאַניען, האָט זי מיך איינגאַנצן באַהערשט. אירס אַ וואָרט איז פאַר מיר געווען הייליק. און איך האָב איך דערפילט דעם פריינט אָדער די שוועסטער, וואָס וויל פאַר מיר נאָר גוטס. זי האָט בלויז געדאַרפט באַפעלן און איך האָב געפאָלגט. און טאַקע אין דער זעלבער וואָך בין איך אַוועק אַרבעטן צו טאָראָדאָשן אין

דער דרוקעריי. צוגעהאָלפן דערצו האָבן מיר די חברים פון צייטלינגס דרוקעריי.

ביי טאָראָדאָשן אין דרוקעריי

פון דעם ערשטן טאָג אָן, וואָס איך בין אַריין אַהין אַרבעטן, האָב איך ערשט אויף אַן אמת אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם גרויסן ווערט פון מיין פריערדיקן באַלעבאָס, דעם דרוקער צייטלין, ווען איך האָב מיט יעדן טאָג ליבער באַקומען. איצט האָב איך, אייגנטלעך, געהאַט צוויי באַלעבאַטים, ווייל טאָראָדאָש האָט געהאַט אַ שותף, איינעם פערלמאַן. טאָראָדאָש איז געווען מער אין גאַס ווי אין דער דרוקעריי, דערפאַר האָט מען אים מער געקענט און די דרוקעריי איז געגאַנגען אויף זיין נאָמען. די צוויי מענטשן טאָראָדאָש און פערלמאַן האָבן זיך גערעכנט פאַר די אָממערסטן אויסגעפּוצטע יונגע מענטשן אין שטאָט. זיי האָבן זיך געקליידט לויט דער לעצטער מאָדע. שיך און אָנצוגן פלעגן זיי באַקומען פון אויסלאַנד. אַלנפאַלס, אַזוי האָט מען גערעדט אין שטאָט.

פערלמאַן איז טאַקע געווען זייער אַ שיינער. ער איז געווען יונג, מיט צוויי רויטע באַקן ווי ביי אַ יונג מיידל און זיינע פאַרדרייטע וואָנצעס האָבן געגרייכט ביז די נאָזלעכער. ער איז געווען דער מאַשיניסט אין דער דרוקעריי און געשמט פאַר דעם בעסטן פאַכמאַן אין שטאָט. טאָראָדאָש איז פיזיש געווען אַ דורכשניטלעכער מענטש. דערפאַר אָבער האָט ער זיך געוואָרפן אין די אויגן דערמיט, וואָס ער האָט ראַזירט אויך די וואָנצעס. אין יענער צייט האָט מען געוווסט, אַז אָן וואָנצעס גייען נאָר אַקטיאָרן; זיי קענען נישט טראָגן קיין וואָנצעס, ווייל זיי דאַרפן זיך גרימירן. און דערפאַר טאַקע, וואָס ער האָט נישט געטראָגן קיין וואָנצעס, האָט מען טאָראָדאָשן גערופן אַקטיאָר. ער איז מיט דעם טיטל געווען זייער צופרידן און האָט טאַקע געהאַט אַ גרויסע באַקאַנטשאַפט צווישן די אַקטיאָרן, וואָס פלעגן קומען אויף גאַסטראָלן אין שטאָט. דערפאַר טאַקע פלעגט אויך די גאַנצע דרוק־אַרבעט פאַר די טעאַטערס געמאַכט ווערן אין דער דרוקעריי.

איך האָב ביי טאָראָדאָשן אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר דעם זעלבן געהאַלט, ווי ביי צייטלינען, — פאַר זעקס רובל אַ חודש. איך האָב אָבער געדאַרפט אַרבעטן בלויז ביי טאָג. און טאָמער איז אַמאָל אויסגעקומען צוליב די טעאַטער־אַפישן צו אַרבעטן שפּעטער, האָב איך דערפאַר באַקומען עטלעכע קאָפּיקעס מער באַצאָלט. די אַפישן פלעגן זיך דרוקן אין צוויי טיילן, ווייל ס׳זענען נישט געווען קיין גרויסע בויגנס פּאַפּיר. מיין אַרבעט איז טאַקע געווען צוזאַמענקלעפּן די צוויי האַלבע אַפישן, נאָך דעם ווי מען האָט זיי אָפּגעדרוקט, כדי ס׳זאָל זיך באַקומען די גרויס, וואָס מען האָט געדאַרפט.

די טאָראָדאָש־דרוקעריי איז געווען אַ מוסטער פון ריינקייט. די ריינקייט איז געגאַנגען צוזאַמען מיט דער דיסציפּלין פון די צוויי שותפים. ביידע

זענען געווען גרויס און ברייט. דער דיל האָט געבלישטשעט, נישט ווייני־קער ווי די מאַשינען און די שרייב־טישן, וואָס זענען געשטאַנען אין קאַנ־טאָר. דערפאַר איז אָבער אויך דער רעזשים געווען צוגעשניטן לויט דער פאָרם פון דער גאַנצער פירונג. טאָמער איז עמיצער אַריינגעקומען מיט אַ פאָר מינוט שפּעטער אָדער געדעדט אַ וואָרט אין דער צייט פון דער אַר־בעט, פלעגן ביידע באַלעבאַטים ווערן אויפגעקאָכטע. זיי אַליין פלעגן זיך אויך פירן אַזוי, — זיי פלעגן תמיד קומען אין איין און דער זעלבער שעה און אין דער דרוקעריי צו קיינעם קיין וואָרט נישט אויסרעדן, סיידן וועגן דער אַרבעט. אַזוי איז אָט די דרוקעריי געווען דער היפּוך פון דער צייט־לין־דרוקעריי. דאָרט האָט געהערשט אַ פולשטענדיקע אַנאַרכיע און יעדע־רער פלעגט קומען און אַוועקגיין, ווען ער האָט געוואָלט.

די ערשטע פאָר וואָכן איז מיר געווען נישט לייכט. כ׳האָב באַין אופן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס טאָר מען נישט רעדן איינער צום צווייטן אָדער אויסרייכערן אַ פּאַפּיראָס אין מיטן דער אַרבעט. ביסלעכווייז אָבער, נאָך דעם ווי מען האָט מיר אַ פּאָר מאָל געוואָרנט, אַז מען וועט מיך אַרויס־וואַרפן, בין איך אַריין אין שפּאַן. איך האָב זיך אָנגעפּאַנגען פילן, אַז איך האָב עפּעס אַ וואָרט. דאָס, וואָס איך האָב געדאַרפט קומען און אַוועקגיין מיט אַלעמען גלייך און האָב געדאַרפט אַרבעטן די זעלבע צוועלף שעה, מיט צוויי שעה איבעררייס, האָט געשאַפן ביי מיר דאָס געפיל, אַז איך פאַרנעם דעם זעלבן אָרט, וואָס אַלע. אויסער דעם, האָב איך זיך אין דער דאָזיקער שטאַרק דיסציפּלינירטער דרוקעריי אַ סך צוגעלערנט. איך האָב אָנגעהויבן ווערן אַ גוטער אויפלייגער אויף דער דרוק־מאַשין.

די אַפּישן וואָס איך פלעג קלעפּן יעדע וואָך, פלעג איך דערנאָך אַליין דאַרפן אַוועקטראָגן אין טעאַטער. פון אָנהייב האָב איך נישט געהאַט קיין גרויסן חשק דאָס צו טאָן. כ׳האָב אַפילו פּרובירט פּראָטעסטירן קעגן דעם. אָבער אַזוי ווי ביי טאָראָדאָשן האָבן פּראָטעסטן פאַרנומען אַ גאַנץ קליינעם אָרט, איז מיר אויסגעקומען איין מאָל אָדער אַפילו צוויי מאָל אַ וואָך זיי אָפּצוטראָגן אין טעאַטער. און אַזוי האָבן די אַפּישן מיך געבראַכט צו דער טיר פון אַ סאָרט לעבן, וואָס פאַר קינדער פון מיינע יאָרן איז עס געווען פרעמד. די אַפּישן האָבן געבראַכט דערצו, אַז איך האָב נישט נאָר געקענט גיין אין טעאַטער, ווען איך האָב געוואָלט, נאָר אויך דערפירט צו די קע־מערלעך, ווו די אַרטיסטן, צירק־פּאַיאַצן, אַקראָבאַטן פלעגן זיך איבערטאָן און ווו איך האָב די געלעגנהייט צו דערקענען זייערע אַלע אינטריגעס, מיאוסע ליבעס און פאַרראַטן. דאָרט האָב איך זיך אויך באַקענט מיט דעם ביטול, מיט וועלכן די אַלע אַקטיאָרשטשיקעס האָבן געקוקט אויפן טעאַ־טער־גייער.

טעאַטער־שיכרות

איך בין געוואָרן אַ גאַנצער תושב אין טעאַטער, אויף אַזוי ווייט, אַז

נישט בלויז איך אַליין האָב געקענט פריי אַריינגיין, נאָר איך האָב נאָך געקענט עמיצן אַריינבעמען מיט זיך. איך בין דערגאַנגען ווי אַזוי צו עפע־נען די הינטערשטע טיר, וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין פאַל פון אַ שריפה. פלעג אָפּרעדן מיט מיינע חברים, זיי זאָלן אַהין צוקומען, און כ׳פלעג זיי דורך דאָרטן אַריינלאָזן אין טעאַטער. דער טעאַטער האָט אָנגעהויבן אָפּנע־מען מיין גאַנצע פרייע צייט. אויף דער „יאַוואַטשנער קוואַרטיר״ פלעג איך קומען זייער שפּעט, כ׳פלעג אָפּטמאָל פאַרנאַכלעסיקן אויסצוזעצן די בלעט־לעך, וואָס מען פלעגט פאַר מיר איבערלאָזן, כ׳האָב צוגעזאָגט און נישט געהאַלטן קיין וואָרט. איך בין אינגאַנצן אָנגעטרונקען געוואָרן מיט דער לופט, מיט דעם טומל און מיט די זידלערייען פון דעם הינטערקוליסן־לעבן. ביסלעכווייז בין איך געוואָרן דער שיק־ייִנגל ביי די אַקטיאָרן. וווהין זיי האָבן מיך נישט געשיקט, אַהין בין איך געלאָפן. כ׳וואָלט פאַר זיי גע־גאַנגען אין פייער.

פאַניע די שוואַרצע פלעגט אָפט אויף דער נאַכט נישט גיין שלאָפן און וואַרטן, ביז איך פלעג קומען פון טעאַטער. יעדעס מאָל פלעגט זי פאַרפירן מיט מיר אַ שמועס וועגן מיין פאַרטרונקען ווערן צווישן די אַקטיאָרן. איך פלעג צוהערן און שווייגן און אַמאָל אַפילו צוזאָגן אַז איך וועל מער אַהין נישט גיין. אין דער מינוט, וואָס איך האָב צוגעזאָגט, האָב איך באמת גע־גלויבט, אַז מער נישט. און מיט דעם באַשלוס פלעג איך גיין שלאָפן; מער גיי איך נישט אין טעאַטער. אויף מאָרגן דעם גאַנצן טאָג ביי דער אַרבעט איז מיין געדאַנק געווען פאַרנומען מיט יאָ אָדער נישט גיין אין טעאַטער. און ביז איך בין אַרויס פון דער טיר פון דער דרוקעריי, איז געווען דער באַ־שלוס — ניין! אָבער ווען כ׳האָב זיך געדאַרפט פאַרנעמען אויפן וועג צו דער קוואַרטיר, האָב איך זיך פאַרקערעוועט און בין אַוועק אין טעאַטער.

פאַניע האָט איצט אָנגענומען מיט מיר אַן אַנדער טאַקטיק. זי האָט אויפגעהערט מיט מיר צו רעדן. נישט בלויז וועגן טעאַטער, וואָס מאַכט פון מיר אַ תל, נאָר בכלל. פון דעם, וואָס זי האָט אויפגעהערט צו פרעגן ביי מיר וועגן טעאַטער, בין איך געווען שטאַרק צופרידן. אָבער דאָס, וואָס זי האָט נישט גערעדט צו מיר וועגן קיין אַנדער זאַך אויך, האָט מיך שטאַרק געקרענקט. טאָמער האָט זי שוין אַרויסגערעדט אַ וואָרט, איז עס געווען אַזוי פרעמד, אַז ס׳האָט געקלונגען ווי אַן אַנדייט, אַז אייגנטלעך, האָב איך שוין מער נישט וואָס צו טאָן אויף דער קוואַרטיר.

דערווייל איז סוף זומער אָנגעקומען די רוסישע טרופּע „טאַרסקי און דאָגמאַראָווא״. שוין מיט אַ צייט פריער האָט מען גערעדט וועגן די גרוי־סע טעאַטער־קינסטלער, וואָס קלייבן זיך קיין אומאַן. און ווי גרויס עס איז נישט געווען מיין באַגער צוריק צו געווינען פאַניעס חברשאַפט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט נישט גיין אין טעאַטער, האָב איך גראַד איצט גאָר־נישט געקאָנט טאָן דערצו. ווען עס קומען אַזעלכע גרויסע אַקטיאָרן, זאָל

איך אויפהערן צו גיין אין טעאַטער — דאָס האָב איך ביי זיך נישט גע־קאָנט פועלן.

די טאַרסקי־טרופּע איז באמת געווען עפּעס אַנדערש, ווי די, וואָס איך האָב ביז איצט געזען. גאָר אַנדערע מענטשן פלעגן קומען הינטער די קו־ליסן. יעדע נאַכט זענען געקומען סטודענטן, לערער און מערסטנטייל פלעגן זיי פאַרברענגען מיטן אַרטיסט כאַרלאַמאָוו. אויך מיט דער פּאַטשינאַ. טאַרס־קי, וואָס איז געווען דער רעזשיסאָר און דער באַלעבאָס פון דער טרופּע, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין שיינקייט סיי הינטער די קוליסן און סיי אויף דער סצענע. ער איז געווען הויך געוואַקסן, מיט ברייטע פּלייצעס, אַ העל געזיכט און אַ שוואַרצע קוטשמע האָר. ער האָט אויך געטראָגן אַ פּאָר קליינע זייער דין־געשווירענע וואָנצעס, וואָס דאָס איז געווען אַן אויסנאַם צווישן אַקטיאָרן. אַ שטים האָט ער געהאַט אַזאַ, וואָס האָט צוגעצויגן יע־דערנס אויער. דערפאַר אָבער האָט ער באַנוצט אַ שפּראַך, וואָס מען האָט געקאָנט הערן נאָר פון אַ פּורמאַן אויף דער גאַס. ער האָט זיך נישט זשע־נירט צו באַנוצן מיט זיין שפּראַך אַפילו אין דער אַנוועזנהייט פון פרויען. אָבער קיינער האָט זיך גראָד אויף אים נישט באַליידיקט. פאַרקערט, די דאַמען און די סטודענטקעס האָבן געקלעפּט צו אים מער ווי צו אַלע איבע־ריקע. אַזוי ווי כאַרלאַמאָוו האָט געהאַט אַרום זיך די אינטעליגענץ פון שטאָט, אַזוי האָט טאַרסקי געהאַט דעם פרויען־עלעמענט.

נאָך אַ פּאָר וואָכן שפּילן איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז מען גייט אויפפירן די פּיעסע „מיאַטיעזשניק". פון דעם טאָג אָן איז דער טעאַטער געוואָרן אַ בינשטאָק. הינטער די קוליסן איז נישט מעגלעך געווען אַריינצוגיין. אַלץ האָט גערעדט און געטומלט אַרום דער נייער פּיעסע. די פּיעסע „מיאַטיעזש־ניק" האָט געדאַרפט פאָרשטעלן אַ גרויסן רעוואָלוציאָנער, ערגעץ אין אויס־לאַנד, וואָס בונטעוועט דאָס פאָלק, ווערט פאַראורטיילט צום טויט, און איי־דער מען הענגט אים, ווערט ער באַגנעדיקט. אַפריער זענען געווען שווע־ריקייטן מיטן קריגן די דערלויבעניש אויפצופירן די פּיעסע. סוף כל סוף האָט מען די דערלויבעניש באַקומען און איבער די פיר הויפּט־גאַסן זענען אויסגעהאַנגען געוואָרן די אַפישן וועגן דער פאָרשטעלונג „מיאַטיעזשניק".

אויך אין ד ע ם טומל האָב איך זיך אַלעמען געפּלאָנטערט אונטער די פיס. ווו מען האָט מיך נישט פאַרזייט, בין איך געוואַקסן. צו אַלץ האָב איך זיך צוגעהערט און אַלץ געוווסט. כ'האָב שטענדיק אַלעמען געקוקט אין די אויגן, אפשר וועט מען מיך ערגעץ שיקן אַ גאַנג אָדער עפּעס בעטן דער־לאַנגען, אַלץ איינס וואָס, אַבי איך זאָל פילן, אַז איך בין אויך איינער פון דעם אַרומיקן טומל. דערצו נאָך האָב איך פאַרמאָגט אין זיך אַ סך דרייסט־קייט און פלעג זיך אָפּטמאָל אָנרופן מיט אַ וואָרט, וואָס האָט געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע און געצוווּנגען זיי זיך אויף מיר אומ־צוקוקן.

כאַרלאַמאָוו, דער שטערן פון דער טרופּע, האָט מיך באַלד באַמערקט. ער פלעגט מיר אָפּט שיקן אַ גאַנג און אַמאָל אָנדרייען מיך פאַרן אויער, און איך האָב ממש אויפגעלעבט, ווען ער האָט מיך געמאַכט פאַר זיין דינער. און איין מאָל האָט פּאַסירט אַזאַ געשיכטע.

אין דער לעצטער סצענע פון דער פּיעסע „מיאַטיעזשניק" ווערט דער רעוואָלוציאָנער באַגנעדיקט, ווען ער שטייט שוין אויפן עשאַפאָט צום אויפהענגען. אַ קליין יינגל, און דאָס איז טאַקע אַ זון פון דעם, וואָס מען גייט הענגען, לויפט אַריין מיט אַ צונויפגעוויקלטן פּאַפּיר און שרייט אויס: „דו ביסט פריי!" האָט מען אָנגעהויבן שלעפּן יינגלעך פאַר דער „גרויסער" ראָלע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַרויפלויפן אויף דער בינע און אויסשרייען: „דו ביסט פריי!". אַלע יינגלעך, וואָס מען האָט צונויפגעבראַכט אין טעאַ־טער, זענען געווען אין אוניפאָרמען — ווער פון דער „גאָראָדסקאָיע אוטשי־לישטשע", ווער פון אַן אַנדער שול, יונגע גימנאַזיסטלעך, אַלץ אַזעלכע געלערנטע. אָבער ווען זיי האָבן געדאַרפט אַריינלויפן און אויסשרייען, פלעגן זיי זיך דערשרעקן. איז ווער געלאָפן, האָט ער פאַרגעסן אויסצושרייען, האָט אַן אַנדערער אויסגעשריען, איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט. און באַ־דאַרפט האָט מען אויסשרייען לויפנדיק.

איך פלעג ביי דער סצענע שטענדיק זיין און זיך וואַרפן אין די אויגן כאַרלאַמאָוון. איך האָב געפילט, אַז איך וואָלט דאָס געמאַכט גוט, אָבער זאָגן דאָס אים, האָב איך נישט געוואַגט. ערשטנס — מיין הילוך און צווייטנס — אפשר דאַרף מען טאַקע אַ סטודענט צו אַזאַ זאַך?

אָבער איין מאָל, ביי אַזאַ פּראָבע, האָט כאַרלאַמאָוו פּלוצלונג אַ פרעג געטאָן ביי מיר: „דו וואָלסט עס געקענט מאַכן?". און איידער ער האָט עס נאָך אַרויסגערעדט, בין איך געגעבן אַ לויף אַריין און האָב אויסגעשריען די פּאָר ווערטער. אַלע זענען מסכים געווען אויף מיין קאַנדידאַטור. מען האָט מיר געהייסן אַ פּאָר מאָל איבערחזרן און ס'איז געבליבן, אַז איך בין עס דער, וואָס וועל עס מאַכן גוט.

איך האָב זיך איצט געפונען אין אַ נייער ראָלע: איך ווער אַן אַרטיסט. אַזוי האָב איך געפילט און אויך אַלעמען דערציילט, אַז אין „מיאַטיעזשניק" וועל איך אויך שפּילן. אַ סך אייגענע יינגלעך האָב איך צוגעזאָגט צו עפענען די הינטערשטע טיר פון דער גאַליאָרקע, כדי זיי זאָלן קענען קומען זען, ווי איך וועל שפּילן.

צוליב מיין נייער פּאָזיציע האָב איך אינגאַנצן אויפגעהערט צו גיין אויף דער קוואַרטיר. עפּעס האָב איך זיך אי געשעמט, אי מורא געהאַט, און די עטלעכע טעג פאַרן שפּילן פון דער פּיעסע בין איך געגאַנגען שלאָפן צו מיין פעטער פישל. דאָרט האָב איך געקאָנט דערציילן אַלע נסים פון טעאַ־טער און נישט פאַרגעסן, פאַרשטייט זיך, וועגן דער ראָל, וואָס איך וועל

שפּילן אין „מיאַטיעזשניק”. די ראָל איז מיר נישט אַרויס פון קאָפּ סיי אין שטוב, סיי ביי דער אַרבעט. די פּאָר ווערטער „דו ביסט פריי!” האָבן מיך אויף אַ מינוט נישט פאַרלאָזן. מיין אומגעדולד איז מיט יעדער שעה אין מיר געוואַקסן. אויף דעם אָוונט, ווען איך האָב באַדאַרפט שפּילן, האָב איך געוואַרט מיט אַ ציטערדיקן אָטעם.

אַ צוויי־דריי טעג, אידער די פאָרשטעלונג האָט געדאַרפט פאָרקומען, בין איך פון דער אַרבעט פריער געגאַנגען צום פעטער עפּעס איבערבייסן. מיין פעטער איז געווען פון די קליינע גבירים און מיט אַזוי פיל קינדער זענען די וועטשערעס געמאַכט געוואָרן, פון וואָס עס האָט זיך געלאָזט. אין אָוונט, ווען איך בין אַריבער די שוועל פון מיין פעטערס דירה, האָב איך געפונען דאָס גאַנצע הויזגעזינד אין אַ פריילעכער שטימונג. אין אַ ווינקל אויף אַ קעסטל איז געשטאַנען דער בלעכענער סאַמאָוואַר און זיך גע־קאָכט, ווי ער וואָלט אָנטיילגענומען אין דער שמחה. אויפן טיש איז גע־שטאַנען אַ גרויסע שיסל מיט ציבעלעס און הערינג, מער ציבעלעס ווי הע־רינג, און באַגאָסן מיט אַ סך עסיק. יעדערער איז געזעסן מיט אַ שטיק ברויט אין דער האַנט און פון אויבן האָט געגרוט אַ שטיק הערינג. מען האָט געגעסן די ציבעלעס און געלעקט דעם הערינג.

דאָס קליינוואַרג האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס שמחה. מען האָט זיך צוזאַמענגערוקט אויף דער לאַנגער הילצערנער באַנק, געמאַכט פּאַר מיר אַן אָרט און איך בין געוואָרן אַ שותף צו די ציבעלעס און אַ מיטלעקער צום הערינג. די ציבעלעס מיט עסיק איז געווען אַ מאכל, וואָס האָט מיך שטענ־דיק צופרידנגעשטעלט. איך האָב פאַרגעסן דעם חשבון און בין אַוועק אין אַ גאַלאָפּ, פּונקט ווי מען וואָלט געצאָלט אַ פּרעמיע פאַר עסן ציבעלעס. די מומע האָט אַלעמאָל אַריינגעשניטן אַ נייע בלויע ציבעלע, געווישט די טרערן פון די אויגן, וואָס די ציבעלעס האָבן ביי איר אַרויסגערופן, און גלייכציי־טיק אויך געדאַנקט גאָט, וואָס ציבעלעס זענען נישט טייער.

נאָך דעם ווי איך האָב פאַרטרונקען דעם מאָלצייט מיט אַ פּאָר הייסע גלעזער טיי, בין איך אַוועק אין טעאַטער. כ'האָב געוויינטלעך קיינמאָל נישט פאַרשפּעטיקט. אָבער דאָס מאָל בין איך גאָר געקומען דער ערשטער. דער וועכטער האָט מיך שוין לאַנג געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם מענטשן און היינט איז דאָך געווען גאָר נישט שייך: ער האָט דאָך געוווסט, אַז איך וועל היינט שפּילן אויף דער רעפּעטיציע. כ'האָב עס אים אַליין דערציילט.

ביסלעכוויז האָבן אָנגעהויבן קומען מענטשן, ס'איז געוואָרן טומלדיק, מורא האָבנדיק, אַז מען וועט זיך אָן מיר פאַרגעסן, האָב איך זיך אַוועקגע־שטעלט האַרט ביי כאַרלאַמאָווס טיר און געקוקט יעדן פאַרבייגייער אין פּנים אַריין.

און אָט איז געקומען כאַרלאַמאָוו. ער איז אַריין אינעווייניק און האָט

מיך אַ רוף געטאָן. איך בין האַסטיק אַריין נאָך אים. ער האָט מיר דער־לאַנגט אַ מטבע און געהייסן אים קויפן פּאַפּיראָסן. ווען איך האָב אים דער־לאַנגט די פּאַפּיראָסן, איז ער געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ שמאָלער קאַנאַ־פּע, וואָס איז געשטאַנען אין צימער. ער האָט זיך אויפגעזעצט, מיך צוגע־רופן צו זיך און אָנגעהויבן אויספרעגן, ווער איך בין. אַ פּאָר סעקונדעס האָב איך געשוויגן, נישט געוווסט וואָס צו זאָגן. „רעד, וואָס שווייגסטו?" — האָט ער זיך אַזוי ווי געוווּנדערט. איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן רעדן צו אים. ער האָט זיך תיכף אַ רוק געטאָן אויף הינטן און אַ כאַפּ גע־טאָן מיט דער האַנט די נאָז. „מיט ציבעלעס זיך אָנגעפרעסן!" — האָט ער מיט כעס אַ געשריי געטאָן, — „אַרויס פון דאַנען! פּאַשאָל וואָן!"

ווי אַן אונטערגעשאָסענער בין איך אַרויסגעלאָפן אין גאַס. פּאַרן אַרייַנ־גאַנג פון טעאַטער בין איך געבליבן שטיין. טרערן האָבן מיך געשטיקט. כ'האָב זיך צעוויינט אויפן קול, — אַ זאַך, וואָס כ'האָב שוין לאַנג נישט געטאָן. מיטן אַרבל פון דער שוואַרצער בלוזע האָב איך געווישט די טרערן און געכליפּעט. נאָר געוויינט האָב איך נישט בלויז דערפאַר, וואָס מען האָט מיך אַרויסגעטריבן, — און אפשר האָט מען מיך גאַרנישט אַרויסגעטריבן, נאָר גלאַט אָנגעשריען אויף מיר. כ'האָב געוויינט, ווייל כ'האָב זיך פּלוצ־לונג דערמאָנט, אַז צוליבן טעאַטער האָב איך פאַרלוירן מיין בעסטן פריינד, פּאַניע די שוואַרצע.

3. אָדעס

דאָס האַרץ האָט געוויינט און דאָס פּנים האָט געלאַכט

אָדעס איז געווען די שטאָט וואָס יעדער יונגטלעכער פֿון אונדזער געגנט האָט וועגן איר געטרוימט. יעדערער האָט געהאַט עפּעס צו דערציילן פֿון אָדעס. דערצו האָט ער נישט געדאַרפֿט האָבן געווען דאָרטן, ס'איז געווען גענוג, אַז ער זאָל נאָר האָבן עפּעס געהערט פֿון אַן אַנדערן; ער האָט דעמאָלט פֿריי געלאָזט אַרבעטן זיין פֿאַנטאַזיע און ס'האָט זיך באַקומען אַ וואונדערבאַרע מעשה, פּונקט ווי ער וואָלט דאָרט אַליין געווען.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב געהערט ריידן וועגן אָדעס, האָב איך געפֿילט עפּעס אַזוי ווי אַ מין ציטער. מיט מיר איז אָדעס געווען אַ שטיק מחותן. כ'האָב אין דער שטאָט געהאַט אַ גרויסן חלק. אויסער דעם, וואָס איך בין דאָרט געבוירן געוואָרן, האָב איך דאָך דאָרט צו פֿיר יאָר פֿאַרלוירן מיין מוטער. אָדעס האָב איך כמעט נישט געדענקט. דאָך האָב איך געפֿילט און גערעדט, אַז אָדעס איז מיין שטאָט, אַז איך וועל נאָך פֿאָרן אַהין און דאָרט לעבן.

צו אָדעס בין איך געווען פּאַטריאָטיש. טאָמער האָט עמעצער געזאָגט עפּעס שלעכטס וועגן אָדעס אָדער באַהויפּט אַז זי איז נישט אַזוי שיין, ווי מען דערציילט, האָב איך זי פֿאַרטיידיקט ממש מיט ציין און נעגל און דערוויזן, אַז ס'איז די שענסטע שטאָט אין רוסלאַנד. פּונקט ווי איך וואָלט טאַקע געקענט רוסלאַנד און געדענקט, ווי עס זעט אויס אָדעס. זינט איך האָב דערפֿילט אַ ביסל זעלבשטענדיקייט אין זיך, איז אָדעס געוואָרן מיין טרוים און מיין געדאַנק איז כסדר פֿאַרנומען געווען מיטן טראַכטן, ווי אַזוי איך וועל קומען אין דער שטאָט פֿון וואונדער.

איצט איז געקומען די צייט. סיי ווי סיי האָב איך געהאַט איבערגעריסן מיט די, וואָס האָבן אין מיר אַריינגעגעבן דעם געפֿיל פֿון מוט און זעלבשטענדיקייט און אויך איינגליבע. און טאַקע אָט די איינגליבע, וואָס זיי האָבן אויפֿגעוועקט אין מיר, האָט מיר נישט דערלויבט צו קומען צו זיי און זאָגן עפּעס אין מיין פֿאַרטיידיקונג. איך מוז אַוועקפֿאָרן, — האָב איך באַשלאָסן. אָבער מיט וואָס פֿאָרט מען? פֿון אומאַן ביז אָדעס האָט אַ בילעט געדאַרפֿט קאָסטן פֿיר רובל מיט זעכציק קאָפּיקעס. אַזאַ קאָפּי־

טאָל האָב איך, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרמאָגט. כ'האָב בכלל גאָרנישט געהאַט. איין איינציקער מענטש איז געווען, צו וועמען איך האָב זיך געקאָנט ווענדן, — א מענטש, מיט וועמען איך האָב זיך שטענדיק געקענט טיילן, וועלכער האָט מיך שטענדיק פאַרשטאַנען; דאָס איז געווען מיין שוועסטער מאַניע. איך האָב באַשלאָסן, אַז איר וועל איך דערציילן וועגן אַלץ, וואָס ס'האָט מיט מיר געטראָפן אין טעאַטער, און אויך וועגן מיין באַשלוס צו פאָרן קיין אָדעס.

ווען איך בין געקומען צו מיין טאַטן אין הויז, זיינען שוין אַלע געשלאָפן. איך האָב זיך שטילערהייט, ווי שטענדיק, אַריינגעגנבעט אין פּאַדערשטוב, האָב עפּעס אויסגעזופּט אויף וואָס זיך אַוועקצולייגן און בין שנעל איינגעשלאָפן. די ערשטע, וואָס האָט מיך דערזען, איז געווען די שטיפמאַמע. פון אירע קולות האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. „ער איז שוין ווידער דאָ!" — האָט זי גוואַלדעוועט „די מציאה האָט זיך אומגעקערט! ער האָט זיך שוין ווידער אַריינגעצויגן, דיין תכשיטל!" איך בין שוין געוויינט געווען צו אירע טענות און זידלערייען און מיר האָט נישט געאַרט, ווען איך פלעג קריגן אַזאַ ברוך־הבא.

מיין שוועסטער איז אַריין אין פאָדעשטוב און מיר געבעטן, איך זאָל דער שטיפמאַמע נישט ענטפערן. זי האָט געוואָלט וויסן, פאַרוואָס איך האָב ווידער געמוזט קומען אַהיים, וואָס עס איז מיט מיר געשען. איך האָב איר נישט געקענט ענטפערן: די טרערן האָבן מיך אָנגעהויבן ווערגן. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געקענט פון זיך אַרויסברענגען, איז געווען, אַז איך פאָר קיין אָדעס. „קיין אָדעס? מיט וואָס?" — „איך ווייס נישט", — האָב איך געענטפערט. — „דו וועסט מיר מוזן העלפן. און אויב נישט, וועל איך גיין צופוס אָדער פאָרן אויפן דאַך פון אַ וואַגאָן".

דערווייל האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון צווייטן צימער. דאָס האָט די שטיפמאַמע גערופן מיין שוועסטער. „וואו ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן?" — האָט זי געשריען, „האָסט זיך דערפרייט מיט דער מציאה? וועסט אים נאָך געבן זען, אַזעלכע בריליאַנטן ווערן נישט פאַרפאַלן. קום אַריין אין שטוב, איך דאַרף דיך האָבן!" מאַניע האָט אַ מאַך געטאָן צו מיר מיט דער האַנט, איך זאָל נישט אַוועקגיין. זי וועט נאָך מיט מיר ריידן. דערווייל האָט זיך דאָס קליינוואַרג דערוואוסט, אַז איך בין דאָ, און זיי האָבן אין גאַנצן פאַרגעסן אָן די קניפּן, וואָס זייער „ליבע" מאַמע גיט זיי, ווען זיי קלעפּן צו מיר. זיי זיינען אַריינגעלאָפן אין פאָדערשטוב און האָבן זיך מיט מיר מחיה געווען. ביז איך האָב זיי קוים אַרויסגעפּטרט, זיי זאָלן זיך גיין וואַשן און עסן, ווייל די מאַמע וועט שרייען און אפשר זיי נאָך שלאָגן אויך.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען קיינער איז שוין אין שטוב נישט געווען, האָט מיין שוועסטער מיך אָנגעהויבן אויספרעגן און זיך עצהן מיט

מיר און מיט זיך אַליין, ווי אַזוי איך זאָל זיך דערשלאָגן קיין אָדעס. זי האָט מיר נישט אָפּגערעדט, פאַרקערט: זי האָט מיט מיר איינגעשטימט און געזאָגט, אַז אפשר וועט טאַקע זיין בעסער און אַז מיט דער צייט וועט זי אויך קומען צו מיר קיין אָדעס. די פראַגע איז נאָר: מיט וואָס? איר קאַפּיטאַל איז באַשטאַנען פון אַ רובל מיט צוואַנציק קאָפּיקעס; וואו צו קריגן מער האָט זי נישט געוואוסט. ביים טאַטן בעטן האָט זי נישט גע־וואָלט. „קענסט דאָך דיין טאַטן" — האָט זי געזאָגט. „ווייסט דאָך, אַלץ איז ביי אים קאַפּויער". איך האָב איר דעמאָלט געזאָגט, אַז ס'וועט זיין פאַר מיר גענוג, אַז אין גאַנצן דאַרף איך האָבן ניין און צוואַנציק קאָ־פּיקעס ביז צו דער ערשטער סטאַנציע כרעסטינאָווקע און פון דאָרטן וועל איך פאָרן ווי אַ סך פאָרן: אונטער דער באַנק. כ'האָב זיך אַזוי פיל גע־האָט אָנגעהערט וועגן פאָרן אונטער דער באַנק, אַז איך האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך וואָלט שוין געפאָרן און איך האָב קיין מורא נישט געהאַט דערפאַר. מיין שוועסטער האָט מיך אַרומגענומען און געוויינט. זי האָט געוואוסט, אַז איך האָב פאַר קיין זאַך נישט קיין מורא, זי האָט אָבער זיך געשראָקן און דערפאַר האָט זי מיך אַזוי געהאַלדזט און געוויינט. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז זיי וועט צוגרייטן פאַר מיר, וואָס עס וועט זיך נאָר לאָזן, און אַז מאָרגן, פרייטיק, פאָר איך אַוועק און קיינער טאָר פון דעם נישט וויסן, ביז איך וועל איר שרייבן פון אָדעס. און וואָס זי וועט פאַר מיר האָבן, זאָלן זי מיר ברענגען צום וואָקזאַל; דאָרט וועל איך וואַרטן אויף איר.

פונקט צו דער צייט, וואָס מיר האָבן אָפּגערעדט, איז מיין שוועס־טער געקומען מיט אַ פּעקעלע אין האַנט. אָבער זי איז שוין איצט גע־ווען גאָר אַן אַנדערע. זי האָט מיך באַגעגנט מיט אַ שמייכל, דערנאָך מיט מיר גערעדט מיט איר געוויינטלעכן געלעכטער, מיר צוגעגעבן מוט און עטלעכע מאָל איבערגעחזרט, אַז זי איז זיכער, אַז איך וועל נישט פאַר־לוירן גיין. „אָט האָסטו דאָס געלט און דאָ אין פּעקל אַ ביסל וועש, אַ האַנטעך, אַ בולקע און עטלעכע פּלעצלעך. כ'האָב עס גענומען פון די, וואָס די שטיפמאַמע באַקט געוויינטלעך פאַר זיך און האַלט עס אַלע־מאָל באַהאַלטן; גראַד היינט האָט זי געלאָזט אָפן די שאַפע און איך האָב אַרויסגענומען פאַר דיר. וויפל ס'האָט זיך נאָר געלאָזט".

מיט אונטערגעהאַקטע פיס האָב איך זיך אַ לאָז געטאָן צו דער קאַסע קויפן אַ בילעט, אויסצובייטן דעם רובל. דערוויל איז ביי מיר געוואָרן אַ פולע קעשענע מיט קליינגעלט. ס'האָט מיר אויסגעפעלט אָרט אַריינצולייגן דעם בילעט. איך האָב נאָר מורא געהאַט, אַז איך וועל נישט וויסן, וואו ער ליגט. און שטייענדיק אַזוי און ריידנדיק מיט מיין שוועסטער, האָב איך כסדר גערוקט די האַנט אין קעשענע און געטאַפּט דאָס קליינע גרינע שטיקל טאַקטור.

„פיערווי זוואָנאָק!" ערשטער קלונג, האָט אויסגעשריען דער אַלטער

קאָנדוקטאָר, אויסרעכענענדיק די סטאַנציעס, וואוהין די באַן גייט. מיר האָבן זיך פעסט אַרומגענומען און אונדזער פרייַלעכקייט איז ווידער פאַר־שוואונדן. מיר האָבן ביטער געוויינט און וואָלטן אפשר אַ לעבן לאַנג אַזוי געשטאַנען, ווען דער זעלבער קול וואָלט נישט אויסגערופן: „ווטאָראַי זוואָנאָק!" — דער צווייטער קלונג, הייסט עס. מער ווארטן האָט מען נישט געקענט. מיר האָבן זיך צעקושט און איך בין אַרויף אויפן וואַגאָן. איך בין געבליבן שטיין אויף דער וואַגאָן־פּלאַטפאָרמע. מאַניע האָט גע־ווישט די אויגן, געגעבן מיר צייכנס, איך זאָל זיין פאָרזיכטיק, און גע־לאַכט. דאָס האַרץ האָט געוויינט און דאָס פּנים האָט געלאַכט. מיר זיינען אַזוי געוועזן פאַרטאָן מיט זיך, אַז דעם דריטן קלונג האָבן מיר שוין נישט געהערט, נאָר דער טרייסל פון די וואַגאָנעס און דער אָפּקלאַנג פון די אייזערנע טעלערס צווישן זיי האָט אונדז אויפגעוועקט און דערמאָנט, אַז דער פּלאַן אַוועקצופאָרן איז רעאַליזירט געוואָרן.

אונטער דער באַנק

די פערציק מינוט, וואָס דער באַן איז געגאַנגען ביז כרעסטינאָווקע, בין איך אפילו נישט אַריין אין וואַגאָן. אַזוי בין איך געבליבן שטיין אויף דער פּלאַטפאָרמע, פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען. דער קאָנדוקטאָר האָט מיך אויפגעוועקט, פאָדערנדיק דעם בילעט.

פון די אַלע זאַכן, וואָס מען האָט זיך אָנדערציילט וועגן אָדעס, איז מיר נישט איינמאָל אויסגעקומען צו הערן, ווי אַזוי מען פאָרט אָן אַ באַן־בילעט, ד. ה. ווי אַזוי מען פאָרט מיטן קאָנדוקטאָר אָדער ווי אַזוי מען פאָרט אין גאַנצן אָן געלט — אונטער דער באַנק. איך האָב שוין אויך געוואוסט, אַז די, וואָס פאָרן אונטער דער באַנק, דאַרפן אַכטונג געבן, אַז דער קאָנדוקטאָר זאָל נישט באַמערקן, ווען מען כאַפּט זיך אַרויף, כדי ער זאָל דערנאָך נישט זוכן דעם פאַרלאָרענעם פּאַסאַזשיר. די אַלע מע־שׂיות האָבן זיך מיר געשפּאַרט אין קאָפּ די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געשטאַנען אויף דער פּלאַטפאָרמע. און באַלד ווי די באַן איז אָנגעקומען קיין כריסטינאָווקע, איז נויטיק געווען זיך צו דערוויסן, וועלכע באַן עס גייט קיין וואַפּניאַרקע, ווייל פון דער סטאַנציע זעצט מען זיך שוין איי־בער אין באַן, וואָס גייט קיין אָדעס. ס'האָט לאַנג נישט גענומען און איך האָב געהערט, ווי דער קאָנדוקטאָר ווייזט אָן די באַן, וואָס גייט קיין וואַפּניאַרקע. נאָך איידער דער קאָנדוקטאָר האָט זיך אַ דריי געטאָן, בין איך שוין געווען אויף דער פּלאַטפאָרמע און בין שוין פאַרשטעלט גע־ווען פון די צוויי פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן זיך ביי אים עפּעס געפרעגט.

דער וואַגאָן איז נאָך געווען האַלב ליידיק. איך בין געבליבן שטיין אין דער מיט, נישט וויסנדיק וואָס צו טאָן. אוודאי האָב איך געוואוסט אַז איך דאַרף זיך שוין אַרונטערלייגן אונטער דער באַנק. אָבער ווי אַזוי

מאַכט מען עס, אַז מען זאָל נישט דערזען? איך האָב אָנגעהויבן שפּאַנען הין און צוריק, אַרונטערקוקנדיק אונטער די בענק אָבער נישט וואַגנדיק איינצובייגן די קני, מען זאָל מיך שוין נישט כאַפּן. אונטער איינער פון די בענק, וואָס איז געווען אין מיטן וואַגאָן, האָב איך באַשלאָסן אַרונטערצוקריכן. איך האָב זיך אַ ביסל אַראָפּגעזעצט און דאָך נישט געוואַגט. אַן אַלטער פּויער, וואָס דאָס פּאָרן אונטערן דער באַנק איז פּאַר אים, אַפּנים, נישט געווען פרעמד, האָט אַ זאָג געטאָן צו מיר: „שרעק זיך נישט, קריך אַריין אויף גיך!” וואָס ער האָט נאָך צו מיר גערעדט, האָב איך שוין נישט געהערט, ווייל איך בין שוין געלעגן ווייט פאַררוקט אונטער דער באַנק.

ביז די באַן האָט אָנגעהויבן פאָרן, האָט זיך די צייט געצויגן אין דער אומענדלעכקייט. מיד בין איך געווען און כמעט אַ גאַנצן טאָג נישט געגעסן. דאָס ברויט מיט די פּלעצלעך זיינען מיר אין גאַנצן אַרויס פון זינען צוליב דער אויפרעגונג פון דער רייזע, און ליגנדיק אַזוי, בין איך פאַרוויגט געוואָרן אין אַ טיפן שלאָף. וויפל איך בין אַזוי געשלאָפן, האָב איך נישט געוואוסט. נאָר ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, האָב איך געהערט דאָס כראָפּען פון דעם פּויער און דאָס סקריפּען פון דער טיר, דורך וועלכער מענטשן זיינען אַריין און אַרויס. איך האָב זיך באַמיט מער נישט צו שלאָפן. כ׳האָב געוואוסט, אַז די באַן קיין וואַפּניאַרקע קומט אָן פאַרטאָג; איך האָב אָבער געפילט, אַז איך בין לאַנג געשלאָפן און אַז איך בין שטאַרק הונגעריק.

כ׳האָב זיך צוביסלעך אָנגעהויבן באַוועגן כדי צוצוקומען צום פּעקעלע. וואו ס׳זיינען געווען די פּאָר קיכלעך. ליגנדיק אַזוי אויף דער פּלייצע, האָב איך זיי אָנגעהויבן גריזשען. אָבער די טרוקענע קיכלעך האָב איך, ליגנדיק אויף דער פּלייצע, לאַנג נישט געקאָנט עסן; זיי זיינען מיר געבליבן שטעקן אין האַלדז און איך בין גיך זאַט געוואָרן. די צייט ביז וואַפּניאַרקע האָט זיך פאַר מיר געצויגן אָן אַן ענד. מיין אומגעדולד און דאָס נישט וויסן, וואו איך געפין זיך, האָט נאָך פאַרלענגערט די צייט. די פּעקלעך, וואָס זיינען געלעגן צווישן די בענק, זיינען, פון איין זייט, געווען גוט פאַר מיר, ווייל זיי האָבן מיך פאַרשטעלט, אָבער פון דער צווייטער זייט האָבן זיי נישט צוגעלאָזט קיין ליכט און איך האָב נישט געקאָנט וויסן, ווען עס וועט אָנקומען דער נייער טאָג. איך האָב אָנגעשטרענגט די אויערן ווי אַ הונט, וואָס הערט דאָס אָנקומען פון אַ פרעמדן, כדי נישט צו פאַרהערן, ווען מען וועט שרייען: „וואַפּניאַרקע”. אָבער מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט אַ קול. דאָס האָט גערעדט צו מיר דער אַלטער פּויער, וואָס איז, ווייזט אויס, אויך געפאָרן קיין וואַפּניאַרקע. „ווילעזאַי, קריך אַרויס!” — האָט ער געזאָגט. „קענסט שוין פאָרן זיצנדיק אויף דער באַנק, ער האָט שוין צוגענומען די בילעטן”.

איך האָב פאַרזיכטיק אַרויסגערוקט דעם קאָפּ און ביסלעכווייז אַרויס־

געשלעפּט מיין קערפּער. איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ ברעג פון באַנק. די אומזיכערקייט האָט מיך נישט געלאָזט זעצן זיך באַקוועם. ביז צו דער סטאַנציע זיינען פאַרבליבן געציילטע מינוטן און דער קאָנדוקטאָר איז שוין מער נישט אַריינגעקומען אין וואַגאָן.

דאָס איבערזעצן זיך אין דער באַן, וואָס איז געפאָרן קיין אָדעס, איז שוין צוגעגאַנגען אַ סך גרינגער. ווען איך בין אָנגעקומען צום וואָקזאַל אין וואַפּניאַרקע, איז נאָך דאָרט די באַן קיין אָדעס נישט געווען. איך האָב דעריבער באַוויזן זיך אַריינצוכאַפּן אין אַ וואַגאָן צוזאַמען מיט די ערשטע פּאַסאַזשירן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך מיר שוין געהאַט מיין אונטערבאַנק־קופּע, און אונטערלייגנדיק מיין פּעקעלע צו־קאָפּנס, בין איך מיר געלעגן ווי אַ גראַף. איך האָב אָנגעשפּיצט די אויערן צו הערן, וואָס עס קומט פאָר אין וואַגאָן. איך האָב געהערט, ווי מענטשן האָבן זיך געקריגט צווישן זיך, געשריען מען זאָל זיי נישט אַרויפלייגן די פּעקלעך אויפן קאָפּ, און איך האָב זיך געקלערט, אַז מיר איז בעסער פאַר זיי. אָבער פּלוצלונג איז מיר ענג געוואָרן און איך האָב דערפילט, ווי עמעצער שאַרט מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט עפּעס געזוכט. איך האָב זיך באַמיט זיך אַריינרוקן טיפער און איך האָב דערפילט די באַרירונג פון דער זוכנדיקער האַנט. מיין האַרץ איז מיר שטיין געבליבן, אָבער די האַנט איז שנעל אַראָפּגענומען געוואָרן. דאַן האָב איך דערהערט אַ שעפּטשען פון ליפּן: „שאַ, שרעק זיך נישט!‟ איך האָב נישט קיין ריר געטאָן מיט קיין אבר.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָב איך געהערט, אַז מען קריכט אונטער דער באַנק. אַזאַ איינער ווי איך, הייסט עס. ס'איז מיר געוואָרן לייכטער. און עס וועט מיר זיין פריילעכער אויך. מען זאָל מיך נאָר נישט כאַפּן. ווער עס איז געווען מיין מיטפאָרער, האָב איך נישט געקענט זען. פּונקט איבער מיין קאָפּ איז געזעסן אַ פרוי, וואָס דאָס קלייד אירס האָט פאַרנומען אַ האַלבע באַנק, און דאָס איז, אייגנטלעך, געווען צו מיין שוץ. די ברעגעס אָבער פון קלייד זיינען געווען אַזוי פאַרשמירט, אַזוי אָנגעפילט מיט די ריחות פון מאַרק און פון פיש, אַז ס'האָט מיך געאיבלט.

די באַן פון וואַפּניאַרקע קיין אָדעס איז דעמאָלט געגאַנגען פון עלף ביז צוועלף שעה. איך בין געווען זייער דענערווירט, ביז איך בין דער־פאָרן צו וואַפּניאַרקע, אָבער אין וואַפּניאַרקע האָב איך זיך אָנגעטרונקען מיט טיי, האָב פאַרביסן מיט די קיכלעך און האָב זיך דאָ געפילט אַ סך רואיקער ווי אונטער מיין ערשטער באַנק. איך בין אָפּגעשלאָפן כמעט די גאַנצע רייזע ביז אָדעס.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין די יידענע מיטן פיש־ריח נישט געווען. אַנשטאָט איר קלייד, וואָס האָט מיר פאַרשטעלט די שיין, האָבן מיר גאָר איצט געבלישטשעט פאַר די אויגן אַ פּאָר שטיוול,

וואָס האָבן נישט גערוט קיין איין מינוט. דערפאַר איז אָבער צוריק געווען ליכטיק און מיין בליק האָט דערגרייכט ביז אונטער דער צווייטער באַנק, וואו מיין מיטפאָדער איז געלעגן מיט אָפענע אויגן און געקוקט אויף זיין אייגענער סטעליע פון דער באַנק. וואָס איז געווען איבער זיין פּנים. איך בין געוואָרן רואיק. נישטאָ וואָס זיך צו איילן. איך וועל טאָן דאָס, וואָס ער וועט טאָן. ווען איך וועל זען, אַז ער איז פאַרטיק צום אַרויסגיין, וועל איך אויך גיין. ס'האָט זיך אָבער אָנגעהויבן אַן אַנדער צרה, וואָס האָט מיך נישט געלאָזט ליגן. דאָס זיינען געווען די עטלעכע גלעזער טיי, וואָס איך האָב אויסגעטרונקען אויפן וואָקזאַל אין וואָפניאַרקע. איך האָב געפילט, אַז מיין בויך איז געוואָרן ווי אַ שטיק גלאָז, און איך האָב זיך נישט געקענט קיין ריר טאָן. איך האָב געפילט, אַז ווען איך זאָל מאַכן איין נישט פאָרזיכטיקע באַוועגונג, קען איך פּלאַצן. איך האָב אָבער אויסגעהאַלטן און בין סוף כּל סוף דערפאָרן.

איך בלאָנדזשע איבער די גאַסן און ווער ווידער אַן איינבינדער

ביים אַרויסגיין פון וואַגאָן איז געווען אַ שרעקלעכע שטופעניש. יעדער איינער האָט געוואָלט זיין דער ערשטער. און הגם איך בין געווען זייער אַ רירעוודיקער און האָב זיך, דוכט זיך, געקאָנט אַריבערטראָגן אי־בער קעפּ, בין איך דאָס מאָל געבליבן צונויפגעדריקט צווישן עולם און בין מיט אים מיטגעשלעפּט געוואָרן. מיין פיזישער צושטאַנד איז געווען אַזאַ, אַז איך האָב זיך אין גאַנצן געדרייט אין דרייען. אָבער נאָכן דורכגיין דעם וואָקזאַל בין איך געקומען צו זיך. איך בין אַרויס אין גאַס. דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך. צוזאַמען מיטן שטראָם מענטשן בין איך צוגעקומען צום שליאַך, וואָס האָט געפירט צו פאַרשיידענע גאַסן. איך בין געבליבן שטיין, נישט וויסנדיק וואו זיך צו ווענדן. איך האָב־אפילו געהאַט אַן אַדרעס צו איינעם נאָסקע, אַ פּאַפּיר־קלעפּער, און געוואוסט, אַז געפינען קאָן מען אים אין שענק „צאַרסקאָיע סעלאָ", אויף דער גאַס „באָלשאַיאַ אַרנאַאוטסקאַיאַ", אָבער ביי וועמען פרעגט מען, ווי צו גיין אַהין? די מענטשן איילן זיך אַלע אַזוי, און אַזוי פיל מענטשן אויף איין גאַס האָב איך נאָך קיין מאָל נישט געזען.

איך בין געבליבן שטיין. פון דעם פּעקעלע, וואָס מיין שוועסטער האָט מיר מיטגעגעבן אין וועג, האָב איך געקניפּט שטיקלעך בולקע און איך האָב אויך געגעסן פון די קאַרשן, וואָס איך האָב געקויפט פאַר אַ פּאָר קאָפּיקעס אויפן וואָקזאַל! די ערשטע פרוכטן פון זומער. אָבער וואוהין צו גיין האָב איך נאָך אַלץ נישט געוואוסט. אַז איך האָב אויפגעגעסן די בולקע איז מיין פּעקל קלענער געוואָרן. איך האָב אים אַריינגעשטופּט אונ־

טער דער פּאַכוועֶ און האָב זיך פאַרנומען אין דער ערשטער גאַס, וואָס די אויפשריפט האָט זיך געלייענט „רעשישעווסקי".

איך האָב געשפּאַנט זייער לאַנגזאַם און האָב נישט געפילט קיין שום פרייד, וואָס איך בין שוין ענדלעך אין דער שטאָט אָדעס, וואָס אַזוי פיל יונגע יינגלעך טרוימען וועגן איר. איך האָב, פאַרקערט עפּעס אַזוי ווי חרטה געהאַט, וואָס איך בין נישט געבליבן אין דער שטאָט, וואו אַלע קענען מיך און וואו איך קען אַלעמען. ווען ס'וואָלט נישט געווען פאַר־בונדן מיט אַזוי פיל שוועריקייטן, וואָלט איך גלייך געלאָפן צוריק. מיין האַרץ האָט שטילערהייט געוויינט. די אויגן אָבער האָב איך מיט גרויס אָנשטרענגונג געהאַלטן טרוקן. איך האָב זיך געזאָגט, אַז דאָ דאַרף איך בלייבן. ביי יעדן נייעם געשעפט, וואָס איך האָב דערזען, האָב איך זיך אָפּגעשטעלט און אַריינגעקוקט אינעווייניק, ווי איך וואָלט עפּעס דאָרט גע־זוכט.

מיט דער גאַס בין איך געגאַנגען אַזוי לאַנג, ביז איך בין צוגעקו־מען צו אַ צווייטער גאַס, וואָס האָט די איבערגעשניטן, און זי האָט זיך גערופן „באָלשאיא ארנאוטסקאיא". אין דער מינוט האָב איך דערפילט, ווי איך וואָלט געפונען אַן אוצר. איך האָב אַ פּאָר צענדליק מאָל איבער־געלייענט די אויפשריפט. ביי קיינעם נישט געפרעגט און דאָך געטראָפן. איצט ווייס איך נאָר נישט, צי מען דאַרף גיין אַרויף צי אַראָפּ כדי צו געפינען דעם שענק, וואָס רופט זיך „צאַרסקאָיע סיעלאָ". פרעגן זיך ביי עמעצן וואַג איך נישט. אַ געפיל פון מורא, וואָס איך האָב קיין מאָל ביז דעם נישט געהאַט, האָט מיך אַרומגעקומען. איך בין אַזוי געשטאַנען און זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן. קעגנאיבער האָב איך דערזען אַ גרויסע שילד מיט אַן אויפשריפט „פּערעפּליאָטנאיאַ" און מיט קלענערע אתיות דער נאָמען פון אייגנטימער — קאָפּעלמאַן. איך בין לאַנגזאַם אַריבער די גאַס. די טיר פון דער איינבינדעריי איז געווען אָפן. איך האָב זיך צו־געררוקט צו דער טיר און בין געבליבן שטיין אויף דער שוועל. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט, און האָב מיט אַ מאָל דערפילט אַ מאָדנע קנאה צו זיי, כ'האָב ממש געשלונגען מיט די אויגן זייער יעדע באַוועגונג.

אַן אויסגעמאַטערטער פון דער רייזע און פון די אַלע איבערלעבונגען האָב איך זיך, אפנים, נישט געקאָנט מער האַלטן אויף די פיס. איך האָב אַליין נישט געוואוסט, ווי אַזוי דאָס איז געשען, אָבער כ'האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער שוועל און בין דאָרט געבליבן זיצן. אפשר בין איך אפילו אַנטדרעמלט געוואָרן. כ'האָב זיך אָבער באַלד אַ כאַפּ געטאָן און דערזען, ווי עס שטייט לעבן מיר אַ ייד. ער האָט געפרעגט, פאַר וואָס איך זיץ דאָ און צי איך וואַרט דאָ אויף עמעצן. איך האָב נישט געוואוסט וואָס אים צו ענטפערן. איצט איז שוין דער ייד געוואָרן אַ ביסל שטרענ־

גער. „גיי פון דאַנען", האָט ער געזאָגט, „ווערסט דאָ גאָרנישט כאַפּן!" איך האָב זיך אויפגעהויבן, אָבער בין נישט אַוועקגעגאַנגען. ער איז געשטאַנען און געוואַרט און מיר ווידער דערמאָנט, אַז איך דאַרף גיין פון דאַנען.

— אפשר וועט איר מיר געבן עפּעס צו טאָן, האָב איך געזאָגט. איך בין נישט קיין אָדעסער... — מיין בקשה און מיין שטילער געוויין זיינען אַרויסגעשוואומען דורך מיינע אויגן.

דער ייד האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, ער איז אָבער באַלד ווידער צוגעגאַנגען און שוין רואיקער געפרעגט, פון וואַנען איך קום. ווען ער האָט געהערט, אַז פון אומאַן, האָט ער געזאָגט, אַז דאָ זיינען דאָ אַ סך אומאַנער, און געפרעגט, וועמען פון זיי איך קען דאָ.

— איך ווייס נישט, — האָב איך אים געענטפערט. — איך בין ערשט היינט געקומען. דעם איינציקן מענטשן, וואָס איך קען, איז נאָסקע דער לאַנגער.

דער ייד איז געשטאַנען, האָט אויף מיר געקוקט און מיר געלאָזט ריידן. ער האָט מיך שוין מער נישט פאַרדעכטיקט, אַז איך וויל עפּעס אַ כאַפּ טאָן, און ער האָט זיך צוגעהערט צו מיין געשיכטע. און באַלד האָט שוין דער ייד געוואוסט נישט נאָר, אַז איך בין פון אומאַן, נאָר אַז איך האָב אַ שטיפמאַמע און אַז קיין אָדעס בין איך געקומען צופאַרן אונטער דער באַנק. פּונקט אַזוי ווי איך האָב פריער מורא געהאַט צו פרעגן עפּעס ביי עמעצן אויף דער גאַס, אַזוי בין איך איצט אַרויס מיט לשון און האָב גערעדט אָן אַן אָפּהאַלט.

— נו, גוט, — האָט דער ייד געזאָגט, — קום אַריין. איך וועל זען, וואָס דו קענסט טאָן. — ער האָט מיך צוגעפירט צו אַ יונגן בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. — סיאָמקע, האָט ער צו אים געזאָגט, נאַ דיר אַן אַרויסהעלפער. ער איז נישט קיין היגער, פון אומאַן, ער זאָגט, אַז ער קען אַרבעטן. מער פון אַ טויטן מסתמא קען ער. אָבער ער זעט מיר אויס צו זיין אַ וואוילער ייִנגל און נישט קיין שעמעוודיקער. זע, וואָס ער קען עפּעס טאָן ביי דיר.

דער יונגער בחור מיטן נאָמען סיאָמקע איז געווען זיין זון. און פון דער ערשטער מינוט, וואָס ער האָט מיך צו אים צוגעפירט, האָב איך דערפילט, אַז ער איז איינער אָט פון יענע, ווי זעליק, סאַמואיל, טאַקע פון די זעלביקע, וואָס איך פלעג מיט זיי אַרבעטן אין דער אונטערערדישער דרוקעריי. איך בין געבליבן שטיין ביי זיין טיש. ער האָט מיר דערווייל גאָרנישט געהייסן טאָן. ער האָט מיר נאָר געפרעגט, ווי איך הייס, ביי וואָס איך האָב געאַרבעט און צי איך האָב שוין געגעסן. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט זיינע אַלע פראַגעס, האָט ער מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי היינט איז פרייטיק און זיין טאַטע איז אַ פרומער, וועל איך שוין היינט

נישט אַרבעטן, איך וועל אָנהויבן זונטיק. אין דער צייט, ווען ער האָט מיר געשטעלט די פראַגעס, האָב איך דערפילט צו אים עפּעס אַ מאָדנע נאָענטקייט.

— גוט, האָב איך געזאָגט, אָבער וואו וועל איך שלאָפן ביז זונטיק?

— וואָס הייסט וואו, טאַקע ביי אונדז, דאָ אין דער אייגנבינדעריי. דאָ שלאָפט נאָך אַ יינגל, וואָס אַרבעט ביי אונדז מיט עסן, וועסטו שלאָפן מיט אים.

אָט דער סיאָמע, דער זון פון באַלעבאָס, איז געווען דער גאַנצער קענער אין דער אייגנבינדעריי און אַלץ איז געטאָן געוואָרן לויט זיינע אָנ־ווייזונגען. זונטיק אין דער פרי, ווען אַלע זיינען זיך צונויפגעקומען צו דער אַרבעט, האָט ער צוגערופן איינעם פון די עלטערע אַרבעטער, און ווייזנדיק אויף מיר, האָט ער אים געזאָגט, אַז אָט האָט ער אַ יינגל, וואָס זעט אויס צו וועלן אַרבעטן, כאָטש ער ווייס נישט, צי איך קען עפּעס.

אַלץ, וואָס איך האָב פאַרמאַגט, האָב איך געטראָגן אויף זיך. איך האָב דערפאַר געציטערט זיך נישט צו פאַרשמירן מיט דעם קליי, וואָס מען האָט מיר געגעבן אויף צוצוקלעפּן דאָס פּאַפּיר צו די איינבונדן פון די ביכער. אָבער שמירנדיק אַ לענגערע צייט מיטן קליי איבער פּאַפּיר, האָבן זיך מיר איינגעשמירט אויך די פינגער פון די הענט און דאָס האָט מיר געשטערט ביים דערלאַנגען די פּאַפּירן צום מייסטער. פאַרגעסנדיק אין גאַנצן אָן מיין איינציקן רייכטום, האָב איך אַ וויש געטאָן די פינגער אָן מיין העמדל, וואָס איך האָב שוין געטראָגן זייער אַ לאַנגע צייט, אַזוי אַז ס'האָט זיך שוין קוים געהאַלטן אויף מיר, איצט, צוליב מיין האַס־טיקן ווישן האָט זיך די שוואַכע סחורה אַ צי געטאָן און איך האָב צעריסן דאָס העמדל פּונקט אין דער מיט. איך האָב מיט אַ מאָל פאַרגעסן, וואָס איך האָב צו טאָן. איך האָב מיטביידע הענט פאַרשטעלט דאָס צעריסענע העמדל און אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן אַזוי שווער. די פרעמדע מענטשן אַרום מיר, די אָפּגעריסנקייט פון די אַלע, וואָס האָבן מיר פונדעסטוועגן תמיד מיט עפּעס געהאָלפן, און דאָ נאָך דאָס לעצטע העמדל, וואָס איך האָב פאַרלוירן, — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט מיך אַזוי צעבראָכן, אַז איך האָב רחמנות געקראָגן אויף זיך אַליין און כ'האָב זיך פונאַנדערגעוויינט.

סיאָמע איז צוגעגאַנגען צו מיר און האָט מיך געפרעגט, פאַר וואָס איך וויין. איך האָב אים געוויזן דאָס צעריסן העמדל. „נישט געזאָרגט! — האָט ער מיך געטרייסט, — „וועסט האָבן אַ העמדל". און טאַקע נאָך דעם זעלבן פאַרנאַכט האָט ער מיר צוגעטראָגן אַ ניי טונקל־רויט העמדל. ער האָט זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר און האָט מיך גענומען אויספרעגן, וואָס איך האָב געטאָן אין אומאַן און פאַרוואָס איך בין אַוועק פון דער שטאָט. זיין אויספרעגן איז געווען אַזוי ברידערלעך, אַז איך האָב אים אין קורצן אַלץ דערציילט. נישט פאַרפעלנדיק אפילו צו דערציילן פון

מיין גאָר פריערדיקער אַרבעט אַלס דרוקער און אפילו וועגן דער אונטערערדישער דרוקעריי אין שטאָט. לאַנג זיינען מיר געזעסן און גערעדט. איך בין נישט געווען קאַרג אויף קיין ענטפער. זיין יעדע פראַגע האָב איך פאַרענטפערט מיט אַ גאַנצער געשיכטע פון מיין יונגן לעבן. אין אָוונט האָט סיאָמע מיך מיטגענומען אין שטאָט, האָט לאַנג מיט מיר שפּאַצירט און צוגעזאָגט, אַז ער וועט זען מיך צו באַקענען מיט אייניקע דרוקער, כדי איך זאָל קענען אַריין אַרבעטן אין אַ דרוקעריי און מיט דער צייט האָבן אין אָדעס מער חברים, ווי איך האָב געהאַט אין אומאַן.

אין דער בוכבינדעריי האָב איך אָפּגעאַרבעט מער ווי אַ חודש צייט. פאַר דער צייט האָב איך זיך באַקענט מיט אַ סך יוגנטלעכע און דאָס האָט מיך דערפירט נענטער צו דעם לעבן, נאָך וועלכן כ׳האָב אַזוי געבענקט. פון צווישן די נייע באַקאַנטע האָב איך זיך שטאַרק צוזאַמענגעלעבט מיט איינעם שערפּאָוואָצקי. ער האָט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט ביי די יונגע סאָציאַל־דעמאָקראַטן מענשעוויקעס. איך האָב זיך מיט זיי באַקענט און מיין לעבן איז ביסלעכווייז געוואָרן פריידיקער.

ווידער אַ דרוקער און צוריק צו דער באַוועגונג

שערפּאָוואָצקי איז געווען אַ דרוקער. ער האָט געאַרבעט אין דער גרעסטער דרוקעריי, ביי לעווינסאָנען. אַהין האָט ער מיך אמת געבראַכט צו דער אַרבעט. מיין געהאַלט איז באַשטימט געוואָרן אויף צוועלף רובל אַ חודש. די צוועלף רובל האָבן מיך אין גאַנצן געשטעלט אויף די פיס. איך בין איצט אויף אַן אמת געווען זעלבשטענדיק. טאַקע ביי דעם זעלבן שערפּאָוואָצקין אין שטוב האָב איך געקראָגן אַן אָרט צום שלאָפן און עסן פאַר זעקס רובל אַ חודש. פון דעם איבעריקן געלט האָב איך געהאַט אויף אַלע נויטיקע זאַכן און נאָך מער, ווי איך האָב געקאָנט אויסגעבן.

מיין זעלבשטענדיקייט האָט געוועקט אין מיר נייעם מוט און האָט געבראַכט דערצו, אַז כ׳האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן גיין אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען און אינטערעסירן זיך מיט דעם, וואָס איך האָב שוין פריער געטאָן. אין די פרייטיקדיקע אָוונטן האָט דער עלטערער שערפּאָוואָצקי, אַ סטודענט אַן עקסטערן, מיט אונדז גערעדט וועגן סאָציאַליזם און זיין באַדייטונג. ער האָט געהערט צו יענעם מין סאָציאַליסטן, וואָס האָבן פאַר זיך אין גאַנצן נישט געלעבט. צוויי זאַכן האָט ער געהאַט אין לעבן: גרייטן זיך אַליין פאַר דער נייער וועלט און גרייטן יעדן איינעם, וואָס ער האָט באַגעגנט, צום סאָציאַליזם, וועגן וועלכן ער איז געווען זיכער, אַז ער שטייט שוין אויף דער שוועל.

יאַקאָוו שערפּאָוואָצקי האָט אויסער אונדז געהאַט נאָך יוגנטלעכע, וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט. און די אַלע, וועמעס דערציער ער איז געווען, האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון אַלע איבעריקע פאַרגעניגנס, ווייל

לויט זיין מיינונג איז דאָס נישט אָפּזאָגן זיך — געווען אַ פֿאַרברעכן. ער איז געווען אַ מענטש פֿון אַ הויכער מאָראַל און זיין מאָראַל האָט ער אויך אַרויפגעצויגן אויף אונדז. ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן קוקן אויף יאַקאָוו שערפּאָוואַצקין ווי אויף אַ הייליקן און זיין וואָרט איז גע־וואָרן פֿאַר מיר אַ געזעץ. ער, פֿון זיין זייט, האָט געקראָגן צו מיר צוטרוי און ער האָט מיך געפֿירט אומעטום, וואו איך האָב, לויט זיין איינזען, געקאָנט ברענגען נוצן.

אין משך פֿון אַ פּאָר חדשים האָט מיין לעבן אין אָדעס אָנגעהויבן באַקומען אַ נייעם ווערט. איך בין טאַקע נישט געשטאַנען אין דעם גע־פֿערלעכסטן טייל פֿון דער אונטערערדישער אַרבעט ווי אין אומאַן, מען האָט מיר אָבער זייער אָפּט אָנגעטרויט זאַכן, וואָס אויב מען וואָלט דורכ־געפֿאַלן פֿאַר זיי, וואָלט מען געקענט באַשטראָפֿט ווערן מיט עטלעכע יאָר טורמע. יעדעס ניי בלעטל, וואָס איז דערשינען, האָב איך געדאַרפֿט פֿאַר־שפּרייטן אין אַ באַשטימטן ראַיאָן. כ'האָב אויך געדאַרפֿט קומען צו מיין יוגנט־גרופּע און אָפּגעבן באַריכטן פֿון דער אַרבעט, וואָס כ'האָב געטאָן, און אויך דערציילן זיי, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט פֿאַר דער צייט. דאָס האָט, אגב, געדאַרפֿט טאָן יעדער יוגנטלעכער.

דער אויפשטאַנד אויף דער קריגס־שיף „פּאָטיאָמקין"

אין חודש יולי 1904 איז אויף דער קריגס־שיף „פּאָטיאָמקין" אויס־געבראָכן אַן אויפשטאַנד. אַ מאַטראָס האָט פּראָטעסטירט פֿאַר זיין קאָ־מענדאַנט, למאַי מען גיט ווערעמדיקע שפּייז, און דער קאָמענדאַנט האָט אים דערפֿאַר דערלאַנגט אַ פּאַטש. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשלעג און דער מאַטראָס איז געטויט געוואָרן. דעמאָלט איז עס אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. די מאַטראָסן האָבן אַרעסטירט די אָפֿיצירן און זיי זיינען געוואָרן די באַלעבאַטים פֿון דער שיף. די שטאָטישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן תיכף אָנגעהויבן באַטראַכטן די פֿראַגע ווי אַזוי אויסצו־נוצן די געשעעניש פֿאַר גרעסערע רעוואָלוציאָנערע מעשים. פֿאַרשטייער פֿון אַלע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן געשיקט זייערע דעלעגאַציעס, וועלכע האָבן צוגעגעבן מוט די מאַטראָסן, האָבן זיי פֿאַרזיכערט, אַז די שטאָט שליסט זיך אָן אַן זייער קאַמף און איז גרייט צו געבן אַלץ, וואָס די מאַטראָסן וועלן דאַרפֿן. דערווייל האָט די שטאָט אָנגעהויבן מאַכן צוגרייטונגען צו דער לוויה פֿון געהרגעטן מאַטראָס. די פּאָליציי האָט נישט געוואוסט ווי צו האַנדלען אין דעם פֿאַל און די שטאָט איז איבערגעגעבן געוואָרן אין רשות פֿון דער אָרטיקער מיליטערישער מאַכט. דער גע־נעראַל פֿון אָדעסער מיליטערישן גאַרניזאָן האָט פֿון אָנפאַנג נישט געוואָלט גאָר הערן פֿון דעם, אַז דער מאַטראָס זאָל באַערדיקט ווערן מיט כבוד, אָבער די מאַטראָסן האָבן אים געגעבן עטלעכע שעה צייט אויף די באַ־טראַכטן און אָננעמען זייער פֿאָדערונג, אַ נישט וועלן זיי אַטאַקירן אָדעס

האָבן זיי געוואָרנט. און ווי אַ באַווייז, אַז זיי מיינען וואָס זיי זאָגן, האָבן זיי אַריינגעשאָסן אַ קאַנאָן־קויל אין אָדעסער „סאָבאָר" (פּראַוואָס־לאַוונע קאַטעדראַלע). דער גאַרניזאָן־גענעראַל האָט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער האָט געהאַט מיליטער, זיך נישט געקאָנט שטעלן קעגן דער שיף „פּאָטיאָמקין", וואָס איז געווען איינע פון די גרעסטע און פון די אַמ־שטאַרקסטן באַוואָפנטע שיפן, וואָס האָבן געדאַרפט אָפּגיין אין די יאַפּאַ־נעזער וואַסערן. דער גאַרניזאָן־גענעראַל האָט פאַרלוירן דעם קאָפּ און דער־לויבט מאַכן די צוגרייטונגען צו דער לוויה.

אין משך פון איין טאָג צייט איז די גאַנצע שטאָט געווען איינגעוויקלט אין טרויער־פענער. אויף יעדער גאַסן־לאַמטערנע איז אַרויפגעצויגן גע־וואָרן אַ שוואַרצער און ווייסער באַנד און די לאַמטערנע האָט געברענט. אין טאָג פון דער לוויה האָט קיינער נישט געאַרבעט. קאָמיסיעס פון סטו־דענטן פון בערסאָנער אוניווערסיטעט, צוזאַמען מיט אַרבעטער, זיינען געגאַנגען פון איין געשעפט צום צווייטן און געצוואונגען אים צו פאַר־מאַכן. פון באַריינגמין ביז צום בית־עולם זיינען די גאַסן געווען פאַרפּלייצט פון מיליטער. אין דעם איבעריקן טייל שטאָט האָבן שפּאַצירט מיליטערי־שע פּאַטרולן. ביי יעדן פּאָליציי־אָפיצער זיינען געשטאַנען סאָלדאַטן אונ־טער דער ביקס. די שטאָט איז געווען צעטיילט צווישן דער מיליטערישער מאַכט און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די גאַסן זיינען געווען פאַר־פּלייצט מיט צוגעהעריקע צו ביידע צדדים גלייך אויף גלייך. אַזוי ווי די מיליטער־באַאַמטע אַזוי זיינען אויך די מיטגלידער פון רעוואָלוציאָנערע קאָמיסיעס אַרומגעגאַנגען מיט לענטעס אויף דער רעכטער האַנט און גע־האָלפן האַלטן אָרדענונג ביי דער לוויה.

אין מיטן טאָג איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן דער אָרון מיטן דער־מאָרדעטן סאָלדאַט. טויזנטער מענטשן האָבן זיך ספּאָנטאַן פאַראייניקט און די ערשטע רייען, וואָס זיינען געגאַנגען אין געשלאָסענע אָרעמס, יע־דערער באַוואָפנט, גרייט אויפצונעמען אַ קאַמף, אויב ס'וועט נייטיק זיין. דעם גאַנצן וועג ביז צום בית־עולם האָבן אַלע געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער. די פּראָצעסיע האָט זיך געצויגן זייער לאַנגזאַם און אַלעמאָל האָבן זיך אַנדערע געביטן מיט די הענט ביים שווערן שווארצן קאַסטן, וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ רויטער פאָן און רויטע בלומען.

אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די גאַסן, זיינען געשטאַנען מיט בלויזע קעפּ. די פּאָליציי האָט זיך אין גאַנצן פאַרלוירן. דער אָדעסער פּאָ־ליצמייסטער האָט אַלץ איבערגעלאָזט פאַר דער מיליטערישער מאַכט און דאָס מיליטער האָט געוואַרט אויף פאַראָרדענונגען, נישט וואַגנדיק דער־וויילן עפּעס צו טאָן און שרעקנדיק זיך פאַר דעם אָנהויב פון אַ בירגער־קריג אין דער צייט, ווען דאָס לאַנד פירט מלחמה. פאַקטיש איז אין טאָג פון דער לוויה די שטאָט געווען אין די הענט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. די לופט איז געווען פול מיט פולווער. יעדע מינוט האָט מען

דערזואָרט דאָס ערגסטע. מען האָט זיך אָבער נישט געשראָקן. די זיכערקייט פון די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער לוויה, האָט פאַרטריבן די מוראָ.

צום בית־עולם איז מען אָנגעקומען שוין שפּעט נאָך מיטאָג. יעדע־רער פון די מאַרשירנדיקע האָט געפיבערט נישט אויסן צו בלייבן פון דער צווייטער זייט טויער. טויזנטער און טויזנטער האָבן פאַרנומען דאָס גאַנ־צע פעלד, אָבער פילפאַך מער האָבן געמוזט גיין צוריק, ווייל ס'איז שוין דאָרט מער קיין אָרט נישט געווען. דער אויסגעגראָבענער קבר איז גע־ווען אַרומגערינגלט מיט אַ שטאַרקער געשלאָסענער גוואַרדיע. נישט גע־קוקט אויף דער גרויסער מאַסע, איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען וואָלט געהערט, ווי אַ פליג וואָלט אַריבערגעפלויגן. אַלץ האָט זיך געפירט מיט אַ סדר. איין רעדנער נאָכן אַנדערן, פאַרשטייער פון אַלע ריכטונגען פון סאָציאַליסטישן געדאַנק, האָבן געוואָרנט די צאַרישע זעלבסטהערשונג, אַז דער אָנהייב פון סוף איז שוין נישט ווייט. ווען מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם אָרון אין קבר, איז שוין געווען גאַנץ טונקל. די פאָדערשטע רייען האָבן אָנגעהויבן זינגען דעם רעוואָלוציאָנערן טרויער־מאַרש. דער גאַנצער עולם האָט אונטערגעכאַפּט די טענער און ס'האָט זיך עפּעס אַזוי ווי דייט־לעך געהערט, ווי עס קרעכצן זיילן פון צאַריזם.

דערווײַלע אָבער, האָט זיך די פּאָליציי אָנגענומען מיט מוט. האָט אַרומגערינגלט דאָס פעלד און געוואַרט פון דרויסן אויף די וואָס האָבן אויפן בית־עולם געזעדט און גערופן צו רעוואָלוציע. דער סאָציאַליסטי־שער עולם האָט זיך דעריבער פאַרהאַלטן לענגער אויפן בית־עולם; מען האָט געוואַרט, ביז ס'איז געוואָרן גאָר פינצטער, כדי די פּאָליציי זאָל לכל הפחות נישט קענען אַרויסכאַפּן די אָנפירנדיקע כוחות. אָבער וויפל מען האָט זיך נישט געגרייט, אַז די פּאָליציי זאָל קענען וואָס ווייניקער שאָדן ברענגען, איז איר דאָך געלונגען צו מאַכן אַ געפערלעכן פּאָגראָם און אַרייננצוכאַפּן אין אירע לאַפּעס אייניקע פון די רעדנער און אָרגאַניזאַטאָרן פון דער פּאָליטישער דעמאָנסטראַציע.

דער פּאָגראָם

די שטימונג פון דער לוויה האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך אויפן צווייטן טאָג; כמעט קיינער פון די אָנטיילנעמער פון דער לוויה איז אויך אין דעם טאָג נישט געגאַנגען צו דער אַרבעט. מען האָט געשפּירט, אַז עפּעס טוט זיך אין דער שטיל. די אונטערערדישע רוסלאַנד איז נישט גע־שלאָפן. מען האָט געטאָן אַלץ כדי אויסצוניצן די געהויבענע שטימונג פון די ברייטע מאַסן אויף צו געבן אַ ווידערשטאַנד דער רעאַקציע. מען האָט געפילט, אַז אויך זי גרייט זיך צו אַ פּאַרמעסט. און טאַקע באַלד, גאַנץ פרי נאָך, האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג איבער דער שטאָט, אַז די שוואַר־

צע מאה גרייט זיך צו מאַכן אַ פּאָגראָם און אַז די כוליגאַנעס זאַמלען זיך אונטער דער שוץ פון דער פּאָליציי אויפן באַרענטין.

דער אָדעסער באַרענטין האָט זיך געצויגן אויף טויזנטער מעטער ביים ברעג פון ים. צו די ברעגן זיינען אָנגעקומען אין די הונדערטער כוליגאַנעס און זיך געגרייט צו מאַכן דעם פּאָגראָם. דאָס ווייטערדיקע האָט שוין געזאָלט טאָן די פּאָליציי מיטן אויסרייד, אַז זי דאַרף מאַכן אָרדענונג אין שטאָט. אָבער די שטימונג פון דער גרויסער דעמאָנסטראַציע האָט אויף אַזוי פיל געהויבן דעם מוט, אַז קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן אַנטלויפן און אויסזוכן זיך אַ זיכערן ווינקל ,נאָר, פאַרקערט, מען האָט געשטראָמט צום פּאָרט, וואו עס האָבן זיך געהאַט פאַרזאַמלט די כוליגאַנעס.

אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אויסגעבילדעט געוואָרן פון די סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן, האָבן איצט נישט געפעלט קיין פּאָרשטייער פון אַלע איבעריקע ריכטונגען, וועלכע זיינען אַלע געווען גרייט זיך צו באַטייליקן אין דעם אייזערנעם רינג, וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום דעם גאַנצן באַרענטין. מען האָט געוואַרט אויף די כוליגאַנעס כדי צו פאַרפירן מיט זיי אַ קאַמף, נאָך איידער זיי שפּרייטן זיך אויס איבער דער שטאָט צו פּאָגראָמירן די באַפעלקערונג.

פּלוצלונג האָט מען אָנגעהויבן שרייען, אַז דער באַרענטין ברענט. און טאַקע אין דער זעלבער מינוט איז דער באַרענטין איינגעוויקלט געוואָרן אין פלאַמען. די ברענענדיקע פייער־צונגען האָבן געשאָסן וואָס אַ מאָל העכער, אַזוי אַז ס'האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די פלאַמען וואָלטן זיך צונויפגעגאָסן מיט דער זון. אָדער גאָר, אַז די זון איז עס די, וואָס וואַרפט ברענענדיקע שטיקער און מאַכט דאָס פייער שטאַרקער און מעכטיקער מיט יעדער מינוט. די כוליגאַנעס, וועלכע האָבן זיך געפונען ביים פּאָרט, זיינען איצט געווען אַרומגערינגלט פון איין זייט מיטן ים און פון דער אַנדערער זייט מיט די פלאַמען פייער, וואָס מיט יעדער מינוט איז פאַר זיי שווערער געוואָרן זיך דורכצורייסן דורך זיי. אַלץ איז געווען גוט אויסגערעכנט. מען האָט אָנגעהויבן די שריפה מיט אונטערצינדן פעסלעך נאַפט און דאַן האָט מען זיי געיאָגט צו יענע ווינקלען, וואו ס'זיינען געלעגן מאַטעריאַלן, וואָס האָבן זיך געקענט אָנצינדן אפילו פון אַ שוועבעלע.

צווישן די כוליגאַנעס האָט אויסגעבראָכן אַ מהומה. ווי ווילדע האָבן זיי אָנגעהויבן לויפן, דורכברעכנדיק זיך אַ וועג דורכן פייער. אָבער די, וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער וואַך צו באַגעגענען די פּאָגראָמשטשיקעס, האָבן געטאָן, וואָס זיי האָבן געקענט. מען האָט זיי באַגעגנט ווער מיט אַ מעסער, ווער מיט אַ נאַהאַיקע, און אויך רעוואָלווערן זיינען באַנוצט געוואָרן קעגן זיי. די ידיעה, אַז אַ געפערלעכער געשלעג האָט אויסגעבראָכן ביים באַרענטין, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער דער שטאָט אַזוי גיך ווי די שריפה איבערן באַרענטין. אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן צום אָרט פון

געשלעג. אין טויזנטער איז מען געלאָפן כדי צו קומען צו הילף און אַ סוף צו מאַכן צו די אָרגאַניזירטע כוליגאַנעס.

די מיליטער־אָפּטיילונגען, וואָס זיינען געשטאַנען אין אָדעס, זיינען מערסטנס געווען נישט קיין רוסן, נאָר קאַלמיקן. דאָס איז געווען די פּאָ־ ליטיק פון צאַרישן רוסלאַנד: זיי האָבן שטענדיק באַזעצט די שטעט אָדער מיט קאָזאַקן אָדער מיט סאָלדאַטן פון פרעמדע פעלקער; צו די טאַטערן האָבן זיי געשיקט רוסן און צווישן די רוסן האָבן זיי אַוועקגעשטעלט טאַ־ טערישע סאָלדאַטן. דאָס האָט זיי לייכטער געמאַכט אָנצורייצן די סאָל־ דאַטן אויף דער באַפעלקערונג, און יענע האָבן געשלאָגן מערדערליך, ווען ס'איז געווען דער באַפעל צו שלאָגן.

אויך דער גאַרניזאָן, וואָס איז געשטאַנען אין אָדעס, האָט באַקומען אַ פאַראָרדענונג צו שלאָגן יעדערן, וועמען מען וועט נאָר טרעפן אויף די גאַסן, אין אַ קורצער צייט אָפּראַמען די גאַסן פון מענטשן און דערנאָך גיין צום באַרענטין און מאַכן אַ סוף מיט די אָרגאַניזירטע מחנות, וואָס געפינען זיך דאָרטן. קאָזאַקן און דראַגונער האָבן זיך גענומען אויספירן דעם באַפעל. שעהן נאָכאַנאַנד האָט זיך אין די גאַסן געגאָסן בלוט. ווי ווילדע חיות זיינען זיי געלאָפן אויף די פערד און געשניטן רעכטס און לינקס, וועמען זיי האָבן נאָר געטראָפן אויף זייער וועג. דער ווילדער גאַ־ לאָפּ פון די קאָזאַקן האָט געשאַפן אין שטאָט אַ מוראַדיקע מהומה. די טויערן פון די הויפן זיינען פאַרהאַקט געוואָרן און צענדליקער מענטשן זיינען געצוואונגען געווען צו בלייבן אויף דער גאַס אונטערן סווישטש פון די קאָזאַקישע און דראַגונערשע נאַהאַיקעס.

אָבער די אָרגאַניזירטע זעלבסטשוץ איז געבליבן אין איר פולער רו־ איקייט. די פּאַניק האָט די זעלבסטשוץ־קעמפער נישט פאַרטריבן פון די גאַסן, נאָר, פאַרקערט, זיי האָבן זיך אַלץ נענטער געדרוקט צום באַרענטין כדי צו דערשטיקן דעם פרוּוו פון אַ פּאָגראָם. וואָס איז געווען אָרגאַ־ ניזירט דורכן גראַדאָנאַטשאַלניק (מעיאָר) כדי צו קאָנען אַרויפוואַרפן אויף די יידן די שולד פאַר די אומרוען אין שטאָט.

מיר, יונגטלעכע, וואָס אונדזער אויפגאַבע איז געווען מיטצוהעלפן דער זעלבסטשוץ, האָבן די שווערלעכע לאַגע נישט גענומען ערנסט. אָן שום שרעק, מיט דער גאַנצער איבערגעגעבנקייט, האָט יעדערער געטאָן, וואָס ס'איז אים נאָר איינגעפאַלן, אַנטקעגנשטעלנדיק זיך די באַוואָפנטע קאָזאַקן. אונדזער וואָפן זיינען געווען די ציגל, וואָס זיינען געווען אַרומגעלייגט אַרום די ביימער. יונגע חברה — האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסרייסן די ציגל און דערביי שרייען: „לעבן זאָל דער שטאָט־באַלעבאָס, וואָס האָט זיי פאַר אונדז צוגעגרייט!"

אויף דער באַריקאַדע

די בירזשע — דאָס איז געווען אַ זאַמל־פּונקט. יעדע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט איר בירזשע. אויף דער בירזשע פּלעגט מען זיך טרעפן, דער־ווּיסן זיך אַלע נייסן און אויך באַקומען אָנווייזונגען, וואָס מען האָט צו טאָן. די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע בירזשע האָט זיך געפונען אויף דער גאַס „באָלשאַיאַ אַרנאַוטסקאַיאַ" און דערביי אויף דער אוספּענסקאַיאַ. ביים סאַמע סוף איז די צווייטע גאַס איז געווען אַ מילך־געשעפט, וואָס מען האָט אים געקענט אונטער דעם נאָמען „בונדישע מאַלאַטשנע".

איך בין געווען אַ מיטגליד פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער יוגנט און בין אָפט געקומען אויף דער בירזשע. איך פלעג קומען צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע יוגנטלעכע פון דער זעלבער גרופּע, כדי עפּעס צו הערן און אויך צו באַקומען די געהעריקע אָנווייזונגען. אין דעם טאָג פון פּאָ־גראָם, זיינען מיר אַ פּאָר מאָל געקומען אויף דער בירזשע. מיר האָבן קיינעם נישט געטראָפן פון די, וואָס מיר האָבן געקענט. פאַרנאַכט צו, ווען די קאָזאַקן זיינען געוואָרן ווילד, האָבן מיר, אַ גרופּע יוגנטלעכע, זיך געפונען אויף דער בירזשע. מיר האָבן אַליין נישט באַמערקט ווי אַזוי, נאָר פּלוצלונג איז דער פּלאַץ געוואָרן פאַרבאַריקאַדירט. קאַרעטעס, וואָס זיינען געלאָפן איבער דער אוספּענסקאַיאַ, זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן, מען האָט זיי איבערגעקערט און פאַרשטעלט מיט זיי די גאַנצע ברייט פון דער גאַס. דערנאָך האָט יעדערער גענומען טראָגן, וואָס ער האָט נאָר געקענט. מען האָט זיך מיט כוח אַריינגעריסן אין עטלעכע הויפן, אַרויסגעשלעפּט פון דאָרט, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און דערמיט פאַרלייגט די גאַס.

מיר האָבן אָנגעפאַנגען טראָגן די ציגל, וואָס האָבן אונדז געזאָלט דינען פאַר וואָפן. די, וואָס האָבן די ערשטע אָנגעהויבן בויען די באַרי־קאַדע, האָבן אויך געהאַט שיס־געווער, דאָס הייסט, רעוואָלווערן, אָבער, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען עס געווען זייער ווייניק.

ס'האָט אָנגעהויבן צופאַלן די נאַכט. צענדליקער האָבן אַרומגערינגלט די באַריקאַדע. אַלע זיינען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ חשק צום קאַמף. מען האָט זיך געוואָלט אָפּרעכענען מיט די קאָזאַקן פאַר דער בלוטיקער שחיטה, וואָס זיי האָבן געמאַכט אין משך פון טאָג. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט פון דער ווייטן דעם גאַלאָפּ פון די קאָזאַקישע פערד און די ווילדע געשרייען פון די קאָזאַקן. אַלע אויף דער באַריקאַדע האָבן אָנגע־הויבן זינגען די מאַרסעליעזע. דער געזאַנג פון דער מאַרסעליעזע האָט געשאַפן אַ שטאָלענעם מוט. און איידער די קאָזאַקן האָבן זיך דערנענ־טערט, האָבן מיר, יונגוואַרג, אָנגעהויבן שיסן אויף זיי מיט די ציגל, וואָס מיר האָבן געהאַט אָנגעגרייט אויף דער באַריקאַדע.

אין דעם ערשטן מאָמענט האָבן די קאָזאַקן גאָרנישט געטאָן. זיי זיי־

נען געבליבן שטיין מיט די פערד אויף א דיסטאַנץ, וואו די שטיינער האָבן צו זיי נישט געקאָנט גרייכן. דערנאָך האָבן זיי א פּאָר מאָל אויסגעשאָסן אין דער לופטן. די דאָזיקע שיסעריי אין דער לופטן האָט פאַרטריבן א סך פון דער באַריקאַדע, ס'איז אָבער נאָך געבליבן א גענוגנדיקע צאָל אויף אויפצונעמען דעם קאַמף, ווען עס וואָלט געווען מיט וואָס; די פּאָר קעמפער מיט זייערע רעוואָלווערן האָבן קיין באַדייטונג נישט געהאַט. אָבער אַוועקלויפן האָבן די פאַרבליבענע נאָך די ערשטע שאָסן אויך נישט געוואָלט. ס'האָט געברענט דער דראַנג נקמה צו נעמען פאַרן בלוטיקן טאָג. ס'האָט זיך ווידער דערהערט א שיסעריי אין דער לופט און באַלד נאָכדעם האָבן די קאָזאַקן זיך א לאָז געטאָן מיט זייערע פערד אויפן עולם הינטער דער באַריקאַדע. א פּאָר שאָסן האָבן זיך דערהערט פון דער זייט פון דער באַריקאַדע און וואָס ס'איז ווייטער געווען געדענק איך נישט איך וויים נאָר, אַז ווען איך בין געקומען צום באַוואוסטזיין, האָב איך זיך געפונען אין דער בונדישער „מאַלאַטשנע". פון דער לינקער באַק האָט מיר געפלאָסן בלוט, א פּאָר ציינער פון דער זעלבער זייט זיינען געווען אויסגעהאַקט און כ'האָב אויך געהאַט א לאָך אין קאָפּ. דיביידע „מתנות" האָב איך באַקומען פון א קאָזאַקישער נאַהאַיקע.

ווי איך האָב זיך שפּעטער דערוואוסט, האָב איך מיין געראַטעוועט לעבן געהאַט צו פאַרדאַנקען איינער א מיידל א בונדאָווקע. זי האָט א פּאָר מאָל אויסגעשאָסן אויפן קאָזאַק און אין דער זעלבער צייט האָט זי, מיט דער הילף פון נאָך עמעצן, מיך אריינגענומען אין דער „מאַלאַטשנע" און מיר געגעבן די ערשטע הילף. שפּעט ביינאַכט האָט זי מיך געבראַכט אין יידישן שפּיטאָל, וואָס איז געווען אויפן ראָג האָספּיטאַלנע. אין דעם זעלבן שפּיטאָל האָט מען געבראַכט נאָך א סך פאַרוואונדעטע און נישט נאָר האָט מען אונדז דאָרט געראַטעוועט, נאָר מען האָט אונדז אויך אויסבאַהאַלטן און מען האָט יעדערן ארויסגעלאָזן, נאָך איידער די פּאָליציי האָט געקענט אַרויפליינען אויף אים א האַנט. דאָס אַלץ האָבן מיר געהאַט צו פאַרדאַנקען דעם איבערגעגעבענעם פריינט פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, דעם דאָקטאָר זילבערבערג. ער האָט געהאַט צוליב דעם גענוג אומאָנגענעמלעכקייטן, א סך שוועריקייטן, דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן פון איינשטעלן זיין אייגענעם וואוילשטאַנד, פאַרטיידיקנדיק די, וואָס זיינען געשטאַנען אין געראַכטן קאַמף.

מאָיסיי ציטלין

נאָכן אָפּליגן א פּאָר וואָכן, ווען איך בין שוין כמעט געווען געזונט, בין איך אַרויס פון שפּיטאָל. א פּאָר פון מיינע יונגטלעכע חברים זיינען געקומען מיך אָפּנעמען און זיי האָבן מיך אַוועקגעפירט אַהיים. אָבער דאָס איז שוין געווען א נייע דירה ביי איינעם א דרוקער מאָיסיי ציטלין, וואָס האָט אויך געאַרבעט ביי לעווינסאָנען אין דער דרוקעריי.

מיין פרעסטיזש איז איצט געווען שטאַרק געהויבן. די באַציאונג צו מיר איז שוין איצט נישט געווען ווי צו אַזאַ איינעם, וואָס מען ווייס נישט, וואָס עס וועט מיט אים זיין ביי דער ערשטער שוועריקייט. פאַר־קערט, איך בין שוין געווען דורכגעגאַנגען די ערשטע פייער־פּראָבע און דאָס האָט גערעדט פאַר זיך אליין.

די דירה, וואו איך בין איצט געווען אן איינוואוינער, האָט זיך גע־פונען אויף בעזימיאַני פּערעאולאָק (אַ קוואַר־געסל). דאָס איז געווען אַ ביאַליסטאָקער יידישע שטוב. דער באַלעבאָס פון שטוב איז געווען אן על־טערער ייד. אָבער ווען ס'איז געקומען צו רייד וועגן דער געשאַפענער לאַגע, פלעגט דער ייד זאָגן, אַז ווען ער וואָלט געווען אין אונדזערע יאָרן, וואָלט ער געטאָן דאָס זעלבע. „איך וואָלט איצט אויך מיטגעגאַנגען מיט אייך", פלעגט ער זאָגן. „אָבער גיי טו עפּעס, אַז מען האָט אַ ווייב מיט קינדער, זאָלן געזונט זיין. איצט מוז איך עס שוין לאָזן פאַר אייך" שטאַרק פרום איז דער ייד אויך נישט געווען. אין ביאַליסטאָק איז ער אפשר גע־ווען פרום. אָבער דאָ, אין אָדעס, וואו דער גרעסטער טייל יידן האָט בכלל נישט געהאַט קיין טבע צו פיל צו דרייען אַ קאָפּ דער רבונו של עולם און גאָט האָט באמת אין אָדעס געוואוסט פון אַ לעבן, איז מיין באַלעבאָס מיטגעגאַנגען אין שפּאַן מיט אַלעמען גלייך און האָט שטאַרק באַדויערט, וואָס ער איז נישט אביסל יינגער.

מאָיסיי צייטלין, דער, וואָס איך האָב מיט אים איצט געטיילט דעם צימער, האָט געהערט צו דער ריכטונג פון דער רוסישער סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע, וואָס האָט זיך גערופן באָלשעוויקעס. אין יענע יאָרן זיינען מענטשן פון פאַרשיידענע ריכטונגען נישט געווען קיין פּערזענלעכע שונאים און באָלשעוויקעס און מענשעוויקעס האָבן פּערזענלעך געלעבט ווי גוטע חברים. מען פלעגט נאָר דיסקוטירן וועגן די אונטערשיידן צווישן די צוויי ריכ־טונגען אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג. ביז מיין באַקאַנ־שאַפט מיט מאָיסייען האָב איך וועגן די דאָזיקע אונטערשיידן נישט גע־וואוסט און נאָך אַ לאַנגע צייט נאָך דעם האָב איך נישט געקאָנט אין זיי זיך פונאַנדערקלייבן. מאָיסיי האָט געאַרבעט, אַז איך זאָל ווערן אַ מיט־גליד אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער האָט געהערט. מיר האָבן די אונטערשיידן נישט אויסגעזוצן צו זיין זייער וויכטיק. מיך האָבן מער אינטערעסירט מיינע חברים, מיט וועלכע איך פלעג זיך יעדן טאָג באַגעגענען, זיך טרעפן מיט זיי אויף דער בירזשע און גיין מיט זיי צו־זאַמען אויף אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען.

פון מאָיסייען האָב איך אַ סך געלערנט. פון אים איך האָב זיך דער־וואוסט, פון וואַנען עס שטאַמען די אונטערשיידן צווישן די באָלשעווי־קעס און מענשעוויקעס, ווער עס זיינען געווען זייערע באַשאַפער, ווער עס איז פּלעכאַנאָוו, אַקסעלראָד, לענין. מאָיסיי האָט מיר דערקלערט, אַז די באָלשעוויקעס זיינען די פאַרטרעטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג און אַז

איך געהער צו דער ריכטונג, וואָס שטעלט פאַר מיט זיך די אינטעליגענץ, ביי וועלכע די אַרבעטער־פראַגע פאַרנעמט נישט קיין גרויסן אָרט. און ווען איך פלעג קומען צו מיין גרופּע, בין איך תמיד געווען פול מיט מאַיסיים אַרגומענטן. דער פירער פון אונדזער גרופּע, יאַרע, איז גראָד געווען צופרידן פון מיינע פראַגעס און ער פלעגט מיר געבן אויף זיי זיינע געשולטע ענטפערס. — — — — — — — — — — — — — — — —

(די קאָנטינואיטעט פון אייבראַמס אויטאָביאָגראַפישער דערציילונג ווערט דאָ, ליידער, איבערגעריסן. דער ווייטערדיקער פראַגמענט פירט אונדז אַריין אין אַ נייעם אָרט און אין אַ שפּעטערדיקער צייט.—רעד.)

4. צוריק אין אומאַן

צו נײַנצן יאָר אַ בחור מיט פּאַרטיי־סטאַזש

אין דריי יאָר אַרום האָב איך זיך צוריק אומגעקערט קיין אומאַן. די דריי יאָר האָבן זיך שווער אָפּגערופן אויף דער קליינער שטאָט. די פּאָגראָמען און די שווערע רעאַקציע האָבן אַרויפגעלייגט אויף איר זייער שטעמפּל. די יידיש־רוסישע אינטעליגענץ האָט זיך ערשט אָנגעהויבן אויסצושוכבן פון דער אַנטוישונג אין דער אַרבעטער־רעוואָלוציע פון 1905.

די אומאַנער טורמע און דער „אַרעסטאַני דאָם" (אַרעסט־הויז) זיינען געווען איבערגעפּאַקט. פון די אָנפירנדיקע כוחות זיינען זייער ווייניק געווען אויף דער פריי. די שטימונג צווישן די איבערגעבליבענע אויף דער פריי איז געווען אַזאַ, אַז זיי זיינען אַרומגעגאַנגען און נישט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט זיך. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן פאַרגעזעצט, איז געווען דאָס אונטערהאַלטן די פאַרבינדונגען מיט די אַרעסטירטע, שיקנדיק זיי שפּייז און אַלע אַנדערע זאַכן, וואָס מען האָט צוגעלאָזט אין טורמע.

פאַרקערט, צווישן די אַרעסטירטע, איז די שטימונג געווען אַ מונטערע. מיטן אויסנאַם פון צוויי: גערעוויץ און ווינאָקור. זיי האָבן געקראָגן אַ שטראָף פון צוואַנציק יאָר קאַטאָרגע און זיי האָבן געהאַלטן אין איין שרייבן בריוו, אַז דער גאַנצער קאַמף איז אַ נוצלאָזער. עס איז געווען אַ פאַרצווייפלט שרייבן. ביז אין איינעם אַ טאָג האָבן זיי זיך ביידע פאַרמסטט, איבערלאָזנדיק אַ בריוו, אַז זיי האָבן באַשלאָסן דאָס צו טאָן, ווייל זיי האָבן מער נישט פאַר וואָס צו לעבן.

צו יענער צייט בין איך געווען אַ בחור פון נײַנצן יאָר מיט אַ סטאַזש פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן טוער אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. פון אָדעס בין איך געקומען מיט אַ פּאַרטיי־בילעט פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי און מיט איר פולן צוטרוי.

אין אָדעס האָבן מיר זיך געפילט אַנדערש ווי אין אומאַן. די אָדעסער אינטעליגענץ האָט טאַקע אויך געלעבט אין דער אַנטוישטער שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אין גאַנץ רוסלאַנד. אָבער דאָך איז געווען אַן אונטערשייד צווישן דעם גרויסן אַרבעטער־צענטער אָדעס און

דער קליינער שטאָט אומאַן, וואָס האָט כמעט קיין אַרבעטער נישט געהאַט אין אומאַן איז די גאַנצע אַרבעט געלעגן אין די הענט פון דער אינטע־ליגענץ, איז די שטימונג דאָרט געווען אַ ביטערע.

אין דעם טייל, פון דער באַוועגונג, צו וועלכן איך האָב געהערט, זיינען אין דער ערשטער רייע געווען פאַרטראָטן די דרוקער־אַרבעטער. זייער צאָל איז געווען אַרום זיבעציק, אַכציק. פון זיי זיינען אַ סך נישט געווען אַרעסטירט. אויך זיינען אין דעם טייל געווען פאַרטראָטן די אַרבע־טער פון דער אייזנציקער „אייזן־גיסעריי", וואָס האָט זיך דעמאָלט געפונען אין אומאַן. קיין גרויסע אַרבעט איז אין אונדזער אָפּטיילונג נישט גע־טאָן געוואָרן, ווייל עס האָבן געפעלט די טוער, וואָס האָבן פאַרמאָגט דעם כוח־הדבור און די שאַרפע רעוואָלוציאָנערע פען. דערפאַר אָבער פלעגן אָפּטמאָל פון דער טורמע איבערגעשיקט ווערן אינסטרוקציעס און געשרי־בענע בלעטלעך, וועלכע מען האָט באַדאַרפט דרוקן און צעטיילן. אַזוי ווי איך האָב געהאַט פּראַקטיק אין דער אַרבעט אין אונטערערדישע דרוקע־רייען, האָב איך פאָרגעלייגט, אַז עס זאָל גלייך צוזאַמענגעשטעלט ווערן אַ דרוקעריי. דערביי האָב איך אַליין צוגעזאָגט אַרויסצובאַקומען אַ קאַסטן שריפט פון אַ דרוקעריי, אויב דאָס זאָל נייטיק זיין.

אונדזער גרופּע האָט דאַן באַשלאָסן, אַז די קאָמיסיע, וואָס וועט זיך אָפּגעבן מיט דער דרוקעריי, זאָל באַשטיין פון דריי חברים, אַז מיר דריי זאָלן שאַפן אַלץ, וואָס ס'איז נייטיק פאַר דער אונטערנעמונג און אַז טאַקע נאָר מיר דריי זאָלן וויסן, וואו די דרוקעריי געפינט זיך, און מיר אַליין זאָלן מאַכן די גאַנצע אַרבעט.

מיר מאַכן אַן אומלעגאַלע דרוקעריי

די דרוקעריי טאַראַדאַש האָט זיך אין יענער צייט גערעכנט פאַר דער גרעסטער אין שטאָט; זי האָט פאַרמאָגט אַ סך טעקסט־שריפט, ווייל זי האָט אַמאָל געדרוקט אַ טעגלעכע צייטונג. איצט איז די שריפט מער נישט באַנוצט געוואָרן. האָבן מיר, די דריי, באַשלאָסן אויסצולאָזן דאָס האַרץ צו אָט די שריפט. ווידער — איז עס אויך געווען באַקוועם דורכצופירן, ווייל איינער פון אונדז דריי, זילויך, האָט געאַרבעט אין דער דרוקעריי. אויך איז אין דער דרוקעריי געווען אַ צווייטער אַריינגאַנג, וואו מען האָט געקענט לאָזן אָפן אַ טיר און אַרויסטראָגן די נייטיקע שריפט.

דער פּלאַן איז אויסגעאַרבעט געוואָרן און ס'איז באַשטימט געוואָרן אַ נאַכט, ווען מען זאָל דעם פּלאַן פאַרווירקלעכן. זילויך האָט גענומען אויף זיך אָנצוצייכענען די פיר קאַסטנס, וואָס מיר דאַרפן, און לאָזן אָפן די טיר. אין אַ פּאָר וואָכן צייט איז דורכגעפירט געוואָרן דאָס שטיקל אַרבעט און מיר זיינען רייך געוואָרן מיט דריי פולע קאַסטנס שריפט, דרוק־פאַרב און אַלע קלייניקייטן, אין וועלכע מיר האָבן זיך גענייטיקט.

אין דער שלאָסאַרניע פון דער תלמוד־תורה האָט מען אונדז געמאַכט דעם נייטיקן צילינדער און אין משך פון אַ חודש צייט האָבן מיר געהאַט פאַר־טיק אַ דרוקעריי.

אין דער צייט, וואָס מיר האָבן זיך געגרייט אַרויסצולאָזן די ערש־טע בלעטלעך, איז געווען אַלץ שטיל. טאַראַדאַש האָט זיך נישט געכאַפּט, אַז מען האָט אים באַגנבעט, ווייל ער האָט אין זיין דרוקעריי געהאַט שריפט און מאַטעריאַל אַנדערע, און די דרוקער־אַרבעטער, וואָס האָבן יאָ באַמערקט די גנבה, האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ס'איז די אַרבעט פון דער פּאַרטיי, און די זאַך איז פאַרשוויגן געוואָרן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זיך די שטאָט אומאָן אויפגעכאַפּט אַ פאַרפלייצטע מיט בלעטלעך, — אַ זאַך, וואָס מען האָט שוין דאָרט לאַנג נישט געזען. די „זשאַנדאַרמסקע פּראַוולעניע" האָט זיך גלייך אַ וואָרף געטאָן צו די דרוקערייען אויסצוגעפינען, וואו די בלעטלעך זיינען גע־דרוקט געוואָרן. זיי האָבן גערופן די אייגנטימער פון אַלע דרוקערייען, און געפרעגט די זיי דערקענען די שריפט פון דער פּראָקלאַמאַציע. אַלע ווי איינער האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז זייער שריפט. אפילו די וואָס האָבן קיין שריפט פון דעם סאָרט נישט געהאַט, האָבן אויך געזאָגט, אַז זיי האָבן. אויך אויף דער צווייטער פראַגע פון דער זשאַנדאַרמעריע: ווע־מען עס פעלט שריפט? האָבן אַלע דערקלערט, אַז עס פעלט זיי נישט.

ווען טאַראַדאַש, ביי וועמען מען האָט די שריפט אַרויסגעגנבעט, וואָלט עס געוואוסט, וואָלט ער זיכער גלייך געמאָלדן וועגן דעם. אין דער זשאַנ־דאַרמעריע. ער האָט עס אָבער נישט געוואוסט; ער איז געווען זיכער, אַז ס'איז נישט זיין שריפט, און ער האָט זיך געהאַלטן גלייך מיט די אַנדערע דרוקערס. ווען ער איז אָבער געקומען אין דער דרוקעריי, האָט ער גלייך גענומען איבערקוקן, וואָס ער פאַרמאָגט, און דעמאָלט האָט ער דערזען דעם חורבן. טאַראַדאַש איז געווען אַ ייד פון זייער אַ שמאָלן פאַר־נעם. זיין גאַנץ לעבן איז באַשטאַנען אין ווערן רייך און לעבן אַ גוטן טאָג, אַלץ, אויסער דעם, איז געווען משוגעת. ער האָט תיכף אָפּ־געשטעלט די אַרבעט, צוזאַמענגערופן אַלע אַרבעטער און געמאָלדן, אַז אויב מען וועט אים אין משך פון אַ פּאָר טעג נישט אומקערן די קאַסטנס שריפט, וועט ער אַלעמען איבערגעבן צו דער פּאָליציי.

זילויך, וועלכער האָט אָנטייל גענומען אין אַרויסנעמען די שריפט, איז צוגעגאַנגען נאָענט צו טאַראַדאַשן און, מיטן ווייז־פינגער גלייך צו זיין ברוסט, אים פאַרזיכערט, אַז אויב ער וויל זיין אַן אייגנטימער פון אַ דרוקעריי, זאָל ער נישט וואַגן דאָס צו טאָן. און צו די אַרבעטער האָט ער זיך געווענדעט און געזאָגט: ער מיינט זיך מיט אונדז צו שפּילן דער־מיט, וואָס ער וועט ווערן אַ שותף צום זשאַנדאַרמסקי פּאָלקאָווניק, איז אַלס ענטפער דערויף וועלן מיר דערווייל פאַרלאָזן די אַרבעט און זאָל ער זיך שפּילן.

חברה האָבן אָנגעהויבן אָנטאָן די רעקלעך כדי צו פאַרלאָזן די אַר־בעט. אין דרוקעריי איז געוואָרן אַ טומל. טאַראַדאַש האָט זיך גענומען בעטן, מען זאָל פאַרגעסן וואָס ער האָט געזאָגט. פאַרקערט, ער אַליין שטימט אויך איין מיט דעם, וואָס מען טוט, נאָר ער האָט מורא. ער איז געלאָפן פון איינעם צום צווייטן, פאַרזיכערט, אַז דאָס האָט גערעדט אין אים דער כעס, ווייל, נאָך אַלעמען, דריי קאַסטנס שריפט קאָסט אַ סך געלט. און טאַקע טאָמער דערציילט עמעצער אָדער טאָמער דערקענט מען די שריפט? מען האָט זיך דורכגעשריען און ס'איז געוואָרן רואיק. יעדע־רער איז געבליבן אויף זיין אָרט און מען האָט אים פאַרזיכערט, אַז טאָ־מער וועט עפּעס פּאַסירן, וועלן זיי, די אַרבעטער, דאָס נעמען אויף זיך און אים וועט גאָרנישט געשען.

די „זשאַנדאַרמסקע פּראַוולעניע" האָט נישט גערוט. מען האָט יעדן טאָג אַרעסטירט אַן אַנדער דרוקער. מען האָט געגראָבן די ערד. דער „אַרעסטני דאָם" איז געווען געפּאַקט. די גרעסטע צאָל דרוקערייען האָבן כמעט נישט געאַרבעט. די פינף, זעקס באַלעבאַטים פון די דרוקערייען זיי־נען געלאָפן צום פּאָלקאָווניק, געבעטן מען זאָל באַפרייען די אַרבעטער, ווייל זיי ווערן רואינירט.

אַ קורצער אַרעסט און אַ באַגעגעניש מיטן טאַטן

אין איינעם אַ פאַרנאַכט שטיי איך אַזוי לעבן דעם גרעקס בעקריי; קומט צו צו מיר אַ פּאָליציאַנט און זאָגט מיר, אַז דער פּריסטאַוו (פּאָלי־ציי־אָפיצער) דאַרף מיך האָבן. מיט די ווערטער נעמט ער מיך אָן פאַר דער האַנט אַזוי גאַנץ פעסט, גיט אַ פייף, באַלד וואַקסט אויס אַ צווייטער און מען פירט מיך אַוועק אין פּאָליציי.

די פּאָליציי איז געווען אַנטקעגן בולוואַר אין אַ גרויסן הויף. פון איין זייט זיינען געווען די פייערלעשער, פון דער צווייטער זייט איז געווען די קאַמער, וואו מען האָט געהאַלטן די ציטווייליקע אַרעסטירטע, וואָס אירע קליינע פענצטערלעך זיינען אַרויסגעקומען צום בולוואַר. דאָס איז געווען אַ גרויסער צימער מיט אָנגעקלאַפּטע ברעטער אין דער גאַנצער לענג און ברייט פון איין וואַנט — אַ צוקאָפּנס פאַר די אַרעסטירטע. אין אַ ווינקל איז געשטאַנען אַ גרויסער עמער פאַר מענטשלעכע באַדערפענישן, וואָס האָט זיך גערופן „פּאַראַשאַ". דער הילצערנער דיל איז געווען צעפוילט און די שטיקער שמוץ האָבן עדות געזאָגט, אַז זינט מען האָט דעם פּלאַץ אויסגעבויט, האָט מען נאָך דעם דיל נישט געוואַשן. די ווענט זיינען גע־ווען פון איין ברעג ביזן אַנדערן באַשריבן און צוגעפּוצט מיט רויטע פלעקן פון די צעקוועטשטע וואַנצן.

ווען מען האָט מיך אַריינגעוואָרפן אין קאַמער, איז שוין דער פּריס־טאַוו נישט געווען אין „אוטשאַסטאָק". (פּאָליציי־באַצירק), און איך האָב

געדאַרפט זיין איבער נאַכט דעם פריסטאַווס גאַסט אָן דעם וויסן פון באַ־לעבאָס.

די קאַמער איז געווען געפּאַקט. די לאַנגע נאַרע איז געווען באַלייגט מיט גנבים און שיכורים. די לופט איז געווען געדיכט פון ריח פון בי־ליקער מאַכאָרקע, געוויקלט אין ציַיטונג־פּאַפּיר צום רייכערן.

אויפגענומען האָבן מיך אַלע ווי אַ גוטן גאַסט. מען האָט זיך אויפ־געזעצט כדי צו מאַכן מיר אָן אויפנאַמע. יעדערער האָט עפּעס געזאָגט אויף מיין חשבון. אָבער וואָס עס האָט אַלעמען אינטערעסירט, איז געווען — צי איך האָב פּאַפּיראָסן. ער האָט נישט קיין פּאַפּיראָסן? — אַ פּאָר מאָל אין דער מאַמען אַריין. אויך מיר אַ גנב, אַז אפילו קיין פּאַפּיראָסן האָט ער נישט.

דער מין ברוך־הבא איז שוין פאַר מיר קיין נייס נישט געווען. איך האָב עס שוין געהערט אין אָדעס, יעליסאַוועטגראַד, זשיטאָמיר, אַזוי אַז איבערגעראַשט בין איך נישט געוואָרן. איך האָב געוואוסט, אַז אָדער מען דאַרף שווייגן, אָדער מען דאַרף נוצן די זעלבע שפּראַך, אפילו אויב מען זאָל דערפאַר כאַפּן אַ זעץ און מוזן ענטפערן מיט דעם זעלבן.

איינער אַן עלטערער גוי, וואָס איז שוין, ווי עס האָט אויסגעוויזן, נישט איין מאָל געזעסן, און אין פאַרשיידענע טורמעס, — אַ סטאַראָס־טע, אַ פאָרשטייער פון די אַרעסטירטע צו דער נאַטשאַלסטווע, — האָט זיך אויפגעזעצט, מיך באַטראַכט און מיט אַ פאָטערלעכן בליק זיך צו מיר געווענדט: „וואָס, אַ פּאָליטישער?״ „יאָ!״ — „נו, טאָ זוך זיך אָפּ אַ ווינקל און לייג זיך, ס׳וועט שוין זיין גוט״. מיט דעם האָט זיך דער אינ־צידענט געענדיקט. כ׳בין אָבער אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן. נישט אַזוי צוליב די הוילע ברעטער, אויף וועלכע איך בין געלעגן, — דערצו בין איך שוין געווען געוויינט; עס האָט מיך אָבער געמאַטערט דער געדאַנק, טאָ־מער האָט מען געכאַפּט די דרוקעריי און באַלד וועט מען ברענגען די אַנ־דערע צוויי.

פאַרשיידענע תירוצים האָב איך געפּלאַנט אין קאָפּ אין פאַל מען וועט מיך פרעגן וועגן דער דרוקעריי. איך האָב געוואוסט, אַז אויב מען האָט מיך גענומען פאַר דער דרוקעריי, וועט עס מיר אַזוי גרינג נישט אָפּגיין און איך מוז זיך ריכטן אויף אַלץ. אַזוי האָב איך אַ גאַנצע נאַכט זיך געשטעלט פראַגעס און זיך אַליין געגעבן ענטפערס דערויף.

איידער ס׳האָט אָנגעהויבן טאָגן, זיינען שוין אַלע געשמאַק געשלאָפן. די לופט אין קאַמער איז געווען נישט אַריבערצוטראָגן, דאָס איז געקומען פון דעם עמער, וואָס אַלע האָבן ביינאַכט גענוצט. איך האָב זיך מיט אַלע כוחות אַרויפגעדראַפּעט אויפן פענצטער, וואָס איז געווען ברייט ווי די גאַנצע וואַנט. קיין שויבן הינטער די קראַטעס זיינען שוין לאַנג נישט

געווען. איך האָב זיך מיט די הענט איינגעשטשעמעט אין די קראַטעס און דאָס פּנים אַריינגעקוועטשט צווישן דעם אייזן. דער קילער פרימאָרגן־ווינטל האָט מיך אָפּגעפרישט.

זיצנדיק אַזוי אויפן פענצטער, האָב איך ערשט פון דאַסניי אָנגעהויבן איבערחזרן אין געדאַנק די ענטפערס אויף די פראַגעס, וואָס איך האָב זיך דערוויילז אַליין געשטעלט. דאָס פרישע ווינטל האָט מיך אָנגעפאַנגען איינצושלעפערן. איך האָב געפירט אַ קאַמף מיטן שלאָף, איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן פון פענצטער. כדי דאָס זאָל נישט פּאַסירן, האָב איך שטיל אָנגעהויבן אויספייפן אַ לידל. אַזוי ווי אין דרויסן איז נאָך געווען פרי און די שטילקייט האָט קיינער נישט געשטערט, האָט איטלעכער פון די געציילטע פאַרבייגייער אויפגעהויבן די אויגן צו זען, ווער עס איז דער פרימאָרגן־פויגל, וואָס פייפט די מעלאָדיעס.

די צייט האָט זיך גערוקט. ביסלעכווייז האָבן די שלאָפנדיקע אָנגעהויבן אויפשטיין און זידלען מיך, פאַרוואָס איך זיץ אויפן פענצטער און פאַרשטעל דאָס ביסל לופט און ליכט. די קאַמער איז געוואָרן לעבעדיק. אייניקע האָבן געקלאַפּט אין טיר, אַז מען זאָל עפענען אַרויסצוטראָגן די פּאַראַשע. אַנדערע, אַז מען זאָל געבן „קיפּיאַטאָק" (הייס וואַסער). יעדער איינער האָט דערציילט, וואָס ס'האָט זיך אים געחלומט, באַגלייטנדיק יעדע פּאָר ווערטער מיט אַ מיאוס זידל־וואָרט. דער אַלטער האָט אויסגעטאָן דאָס העמד און גענומען זוכן יענע באַשעפעניש, וואָס האָט אים געביטן אַממערסטן. אַנדערע האָבן אים מקנא געווען, וואָס ער האָט אַזוי פיל געפונען, און האָבן נאָכגעטאָן זיין ביישפּיל.

פון יענער זייט טיר האָט זיך דערהערט אַ טומל און דאָס קלינגען פון שליסלען, באַגלייט מיט דעם זאָגן אין דער מאַמען אַריין. די טיר האָט זיך געעפנט און צוויי פּאָליציאַנטן זיינען אַריין אין קאַמער אַריין. די ערשטע צוויי אַרעסטירטע, וואָס זיינען געשטאַנען ביי דער טיר, האָט מען מכבד געווען מיט דעם כבוד אַרויסצוטראָגן די פּאַראַשע. דערנאָך האָבן זיי אָנגעוויזן אויף אַנדערע צוויי, וואָס זאָלן גיין נעמען דעם „קי־פּיאַטאָק". ביי דעם „קיפּיאַטאָק" איז געשטאַנען נאָך אַ פּאָליציאַנט אָפּ־צוהיטן די אַנדערע צוויי. די פּאָר מינוט פון דער פּראָצעדור איז די טיר געשטאַנען אָפן, און דאָס, וואָס מען האָט אַרויסגעטראָגן די פּאַראַשע, האָט אַ ביסל געענדערט די לופט אין קאַמער. אָבער די אַרעסטירטע האָבן געמאַכט אַ גוואַלד, מען זאָל צומאַכן די טיר, ווייל ס'איז קאַלט.

די זון איז שוין געשטאַנען גאַנץ הויך אין הימל, ווען מען האָט מיך גערופן צום פּריסטאַוו. צוויי פּאָליציאַנטן האָבן מיך געפירט איבער דעם גרויסן הויף. אַריינגייענדיק אין דער קאַנצעלאַריע, האָב איך ביים פּריסטאַווס טיש דערזען מיין טאַטן, זיצנדיק, און איידער דער פּריסטאַוו האָט נאָך געפרעגט ביי מיר אַ וואָרט, איז מיין טאַטע אָנגעפאַלן אויף מיר מיט אַ שפּראַך, וואָס האָט זיכער געפּאַסט פאַרן פּריסטאַוו.

מיין טאַטע איז מיטן פּריסטאַוו געווען אַ גוטער ברודער. ער האָט פון מיין טאַטן געהאַט דריי מאָל אַזוי פיל ווי פון דעם פּאָסטן, וואָס ער האָט פאַרנומען. און דערפאַר האָט די ערשטע פראַגעס מיר געשטעלט מיין טאַטע, נישט דער פּריסטאַוו. ווען איך האָב מיין טאַטן געזאָגט, אַז איך ווייס נישט, פאַר וואָס מען האָט מיך אַרעסטירט, האָט ער מיר ווידער גענומען זידלען, און ווענדנדיק זיך צום פּריסטאַוו, האָט ער אים פאַר־זיכערט, אַז ער וועט מיך שוין נעמען אין די הענט און אַז ער קען זיך פאַרלאָזן אויף אים.

דער פּריסטאַוו, מאַלינאָווסקי, אַ גרויסער כאַבאַרניק, האָט פאַרשטאַ־נען, אַז ער וועט שוין דערפאַר קריגן אין דער האַנט אַריין, האָט ער זיך געווענדט צו מיר גאַנצן העפלעך און מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך שעצן גליקלעך, וואָס איך האָב אַזאַ טאַטן, און אַז איך זאָל אויף ווייטער נישט האָבן צו טאָן מיט דער „,קראַמאָלע". (די פּאָליטישע פאַררעטער). איך בין געשטאַנען און געשוויגן, ביי זיך געטראַכט וועגן דעם גליק צו האָבן אַזאַ טאַטן און אים געוואונטשן צו האָבן אַזאַ מזל. דער פּריסטאַוו האָט פאַרזיכערט מיין טאַטן, אַז ס'איז גוט, וואָס דער שעף פון דער זשאַנדאַר־מעריע ווייס נאָך נישט פון מיין ענין, אַ נישט וואָלט ער מיך נישט גע־קענט באַפרייען.

אַרויסגייענדיק פון הויף, האָב איך געפרעגט מיין טאַטן, פון וואַנען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך בין אַרעסטירט. „דאָס דאַרפסטו נאָך וויסן?" — האָט מיין טאַטע געענטפערט — „יידן האָבן מיר איבערגעגעבן, אַז מיין זון זיצט אויפן פענצטער פון „אומשאַסטאָק" און פייפט". און ער איז אַרויס מיט לשון:

— מיינסט אפשר, אַז איך בין דיך געקומען אַרויסנעמען צוליב דיר? פון מיינעטוועגן האָסטו דאָרט געקענט פאַרפוילט ווערן. אָבער מיר שטייט נישט אָן, אַז איך זאָל דיך לאָזן זיצן און מען זאָל זאָגן אין שטאָט, אַז איסומער לאָזט זיין זון זיצן. דער גרויסער מאַכער קען פאַר זיין אייגענעם זון גאָרנישט טאָן. הער אויס, איך גיב דיר אַן עצה, פּאַק איין דיינע זאַכן און פאָר צוריק, פון וואַנען דו ביסט געקומען. טאָמער נעמט מען דיך ווידער, וועל איך דיך מער נישט קומען אַרויסנעמען. איך דאַרף נישט, אַז דער חזיר מאַלינאָווסקי זאָל ביי מיר נעמען כאַבאַר און מיר טאָן טו־בות.

נאָך דעם ווי איך האָב אויסגעהערט די גאַנצע נאָטאַציע, האָב איך מיין טאַטן פאַרזיכערט, אַז איך האָב אים די טובה נישט געבעטן און אַז איך האָב אים נאָך נישט געשיקט. און דאָס, וואָס עס שטייט אים נישט אָן, וואָס איך בין אַרעסטירט געוואָרן, און וואָס מען וועט זאָגן, אַז ער, דער מאַכער, קען פאַר מיר גאָרנישט טאָן, איז זאָל ער זיין זיכער, אַז ס'וועט נאָך קומען אַ טאָג, ווען איך וועל זיך „אַוועקזעצן" און ער וועט גאָרנישט קענען טאָן און ס'וועט אים מעגן אָנשטיין.

מיין טאַטע איז געוואָרן אין כעס, האָט אויסגעשפּיגן, זיך אָפּגעדרייט
פון מיר און איז מיט שנעל טריט אַוועק. איך האָב זיך געלאָזט גיין
מיט מיין וועג.

י. אייבראַמס'עס פאָטער

פינף יאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד
(טיפער גלויבן און ביטערע אַנטוישונג)

ביי דער גרענעץ

די שיף „עסטאָניע" איז צוגעקומען צו די ברעגן פון ליבאַווע דעם 4 דעצעמבער 1921.

אונדזער קליינע גרופּע פון פינף אַרויסגעשיקטע פון די פאַראייניקטע שטאַטן קיין רוסלאַנד האָט זיך געהאַלטן צוזאַמען אין אַ ווינקל פון שיף, גרייט צו באַטרעטן פעסטן באָדן נאָך דער זייער שטורעמדיקער רייזע. אַלע אַנדערע פּאַסאַזשירן האָט מען שוין לאַנג אַראָפּגעלאָזט; אונדז האָבן די באַאַמטע געמאָלדן, אַז מען וועט אונדז לאָזן לאַנדן נאָר דאַן, ווען דער סאָוועטישער קאָנסול וועט גאַראַנטירן, אַז מען וועט אונדז אַריינלאָזן קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

לויטן טאָן, מיט וועלכן מען האָט אונדז דאָס דערקלערט, איז שוין געווען איבעריק צו שטעלן פראַגעס. מען האָט אונדז דערווייל פאַרבאָטן אַרויסצוגיין אויפן דעק ביז אַלץ וועט מיט אונדז זיין אין אָרדנונג.

די פּאָר שעה, וואָס מיר זענען געזעסן און געוואַרט אויפן סאָוועטישן קאָנסול, האָבן זיך געצויגן ווי שווערע, לאַנגע נעכט. פראַגן, ווען ער וועט קומען, איז נישט געווען ביי וועמען, ווייל דער שומר, וואָס מען האָט לעבן אונדז אַוועקגעשטעלט, האָט געהאַט אַ באַפעל מיט אונדז נישט צו רעדן. איך האָב דאָך געפּרוּווט רעדן צו אים, אָבער ער האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר בעטנדיקע אויגן, ווי איינער זאָגט: מאַך מיר נישט קיין שוועריקייטן, איך טאָר גאָרנישט זאָגן.

ענדלעך איז געקומען דער קאָנסול. אין זייער אַ שטילן און פּאַרזיכטיקן טאָן האָט ער אונדזער גרופּע דערקלערט אַז די סאָוועטישע פאַרשטייער קומט אוים אויסצושטיין געבערענטע צרות. דאַרפן מיר דעריבער זיין זייער פאָרזיכטיק, זיך נישט אַרויסבאַפּן מיט קיין וואָרט וועגן דעם וואוהין מיר פאָרן, און אַזוי שנעל ווי מיר גייען אַראָפּ, זאָלן מיר נעמען דעם צוג קיין ריגע. ער האָט אונדז דערלאַנגט פינף באַן־בילעטן ביז ריגע און אַ פּאַרטיקן רעקאָמענדאַציע־בריוו צום סאָוועטישן אַמבאַסאַדאָר אין

דער הויפּטשטאָט פון לעטלאַנד. ער האָט זיך מיט אונדז פריינדלעך גע־זעגנט און איז אַראָפּ פון שיף.

א פּאָר מינוט שפּעטער זענען געקומען די עסטלענדישע באַאַמטע, איבערגעקוקט דעם האַנט־באַגאַזש און אונדז מיטגעטיילט, אַז דער צוג גייט אָפּ קיין ריגע אין א פּאָר שעה אַרום, און כדי אויסצומיידן שווע־ריקייטן זאָלן מיר נעמען דעם ערשטן צוג און פאַרלאָזן ליבאַווע.

מיר זענען אָנגעקומען קיין ריגע פאַרטאָג. עס איז נאָך געווען פינצ־טער. דער וואָקזאַל — שוואַך באַלויכטן און פּאַסאַזשירן האָבן זיך אַרומגע־דרייט גאַנץ ווייניק. עס איז אויסגעוואַקסן אַן אָפיציר און גאַנץ העפלעך אונדז געמאָלדן, אַז מיר דאַרפן פאַרפאָרן אין דעם האָטעל, וואָס ער ווייזט אונדז אָן. מיר האָבן אים, נאַטירלעך, געפאָלגט און 15 מינוט שפּעטער זיינען מיר שוין געווען אין האָטעל. מיר האָבן זיך נישט געלייגט שלאָפן, נאָר זיך געזעצט אַרומרעדן אונדזער ווייטערדיקע רייזע, ווייל מיר דער־נענטערן זיך דאָך באַלד צו אונדזער ציל. עס איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז איך זאָל נעמען אויף זיך צו באַזאָרגן, אַלץ פאַר דער ווייטערער רייזע ביזן אַריבערגיין די גרענעץ.

מיר האָבן קוים דערלעבט דאָס אָנקומען פון פולן טאָג. דער שוואַך באַהייצטער האָטעל האָט אונדז אַלעמען איבערגעלאָזט בלויע פון קעלט. מיר האָבן זיך צורעכט געמאַכט, זיינען אַרויס אויף דער גאַס א ביסל זיך צו דערוואַרעמען. אונדזערע לייכטע אַמעריקאַנער קליידער געזען נישט געווען צוגעפּאַסט צו שיצן אונדז פון די פרעסט, אין וועלכע ריגע איז געווען איינגעוויקלט. מיר זענען אַריין אין ערשטן בעסטן רעסטאָראַן, וואָס אונדזערע אויגן זענען אויף אים געפאַלן, ווייל מיר זענען געווען האַלב דערפרוירענע.

א פּאָר גלאָז טיי, וואָס מיר האָבן אויסגעליידיקט, האָבן אונדז אָפּגע־פרישט און דערוואַרעמט; מיר זענען געוואָרן מוטיקער, געזעסן א לענגע־רע ווײַלע און דאַן אַוועק צוריק אין האָטעל. מיר האָבן קוים דערשלעפּט ביז דער שעה, ווען מען קען גיין אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט. א זייגער צען בין איך, ווי דער פאָרשטייער פון דער גרופּע, אַוועק זיך אינ־פאָרמירן וועגן אונדזער ווייטערדיקער רייזע.

אין דער סאָוועטישער געזאַנדשאַפט האָט מען מיר גלייך אויפגענו־מען. אַוסטרין, דער געזאַנדטער, האָט געגומען פון מיין האַנט דעם בריוו פון ליבאַווער קאָנסול, אים נישט איבערגעלייענט און דערקלערט, אַז ער ווייסט אַלץ, ווער מיר זענען, פון וואַנען און וואוהין מיר פאָרן. ער האָט מיך געהייסן קומען נאָך מיטאָג, וועט ער אונדז לאָזן וויסן, ווי אַזוי מיר וועלן פאָרן ווייטער. ער האָט אויך איבערגעחזרט דאָס זעלבע, וואָס דער קאָנסול אין ליבאַווע: פּאַרזיכטיק, נישט אַרויסכאַפּן זיך מיט קיין וואָרט, כדי מען זאָל נישט האָבן מיט וואָס זיך צו טשעפּען צו אונדז.

נאָך מיטאָג זענען מיר אַלע געגאַנגען צוזאַמען נאָכן ענטפער. דער געפיל, אַז מען איז נישט אַליין, אַז ס׳איז דאָ, ווער עס זאָל געבן א פריינט־

לעבע עצה בעת אזא רייזע, מאַכט לייכטער און גיט צו מוט. דערצו האָט דער באַוואוסטזיין, אַז נישט מער ווי אין אַ פּאָר טעג וועלן מיר זיין אין דעם לאַנד פון אונדזערע האָפענונגען, אין דער פרייער סאָוועט־רוסלאַנד, — געשאַפן אַ געהויבענע שטימונג. אַזוי אַז די בייסנדיקע קעלט האָט זיך פאַר אונדז מאָמענטווייז פאַרוואַנדלט אין אַ פרילינג־ווינטל.

דער סאָוועטישער פאָרשטייער האָט מיר געמאָלדן ביים צווייטן באַזוך, אַז אַלץ איז באַזאָרגט און אַז אַ דירעקטע באַן פון ריגע קיין מאָסקווע גייט אָפּ אין דריי טעג אַרום. איך האָב אים שנעל געדאַנקט און בין אַרויס פון זיין ביוראָ מיט לייכטע טריט און אין איין אָטעם דערציילט מיינע חברים. וועלכע האָבן געוואַרט אין קאָרידאָר, וועגן דעם גליק, וואָס איז געשען, אַז מיר וועלן פאָרן דירעקט קיין מאָסקווע און אין אַ סאָוועטישער באַן.

ווען מיר האָבן נאָך דעם זיך געזעצט אין רעסטאָראַן צו מיטאָג, איז דאָס עסן געווען עפּעס געשמאַקער ווי געוויינלעך. דער אַפּעטיט איז געווען שטאַרק און ס'האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז אין מיין לעבן האָט איך קיין מאָל נאָך אַזוי געשמאַק נישט געגעסן און אַז מיר ציען די אויפמערקזאַמקייט פון אַלעמען אין רעסטאָראַן מיט אונדזער אַפּעטיט.

מיר זענען אַרויס פון רעסטאָראַן די לעצטע. די טעג זענען געווען קורצע און אין דרויסן האָט זיך שוין געטרייסלט די שוואַכע ליכט אין די לאַמטערנעס. נאָך אַ קורצן שפּאַציר האָבן מיר איינגעהאַנדלט אַ פּאָר נאַשערייען אויף נאַכט־עסן און זיינען אַוועק אין האָטעל. אין דעם גרויסן צימער, וואָס מיר האָבן זאַלבע פינפט פאַרנומען, האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אַרום טיש, און פלענער זענען געפלויגן, ווי געדאַנקען, וואָס קריגן נישט קיין אָפּהאַלט ביי איבערגעטרוימטע מענטשן.

פּלוצלונג — אַ שטאַרקער קלאַפּ אין טיר. דער זעלבער אָפיציר, וואָס האָט אויפן ריגער וואָקזאַל אונדז געגעבן דעם אַדרעס אין האָטעל, איז אַריין, זיך טיף פאַרנויגט און אין קורצע ווערטער געמאָלדן, אַז מאָרגן עלף אַ זייגער ביינאַכט גייט אַ באַן צו דער רוסישער גרענעץ און אַז מיר זאָלן אומבאַדינגט זיין גרייט צו פאַרלאָזן ריגע אין דער אָנגעוויזענער שטונדע. אויב נישט, האָט ער פאַרענדיקט, וועט ער זיין געצוואונגען אונטער אַ קאָנוואָי אונדז אָפּפירן צו דער גרענעץ. ער האָט מיליטעריש זיך אויסגעדרייט און פאַרלאָזן אונדזער צימער.

די גאַנצע נאַכט זענען מיר שוין נישט געשלאָפן. יעדערער, אויף זיין אופן, האָט זיך געחקרנט און אויסגעטייטשט, וואָס אַזוינס ס'האָט דאָ געטראָפן.

אויף מאָרגן בין איך אין איין אָטעם אַוועק צום סאָוועטישן פאָרשטייער זיך דערוויסן, וואָס אַזוינס ס'האָט פּאַסירט. ער האָט מיך אויפגענומען און אויף זיין געזיכט איז געווען צו לייענען דער ענטפער: מיר קענען נישט טאָן פאַר אייך מערער ווי דאָס, וואָס מיר האָבן געטאָן.

— איר ווייסט וואָס, חבר, — האָט ער מיר געזאָגט פאַרן אַוועקגיין

— פּרובירט אַליין צוגיין צו דעם אינערן־דעפּאַרטאַמענט און דערקלערט זיי אייער לאַגע, אפשר וועט אייך געלינגען צו פּועלן, אַז איר זאָלט פאָרן מיטן צוג, וואָס גייט דירעקט, ווי איך האָב אייך אָנגעוויזן. און מאָטער וועט גאָרנישט אַרויסקומען פון אייער אינטערווענץ — קומט גלייך צו מיר צוריק און איך וועל אייך באַזאָרגן מיט בילעטן און מיט אַנדערע זאַכן, וואָס איר דאַרפט אויפן וועג.

איך האָב אַריינגעשטעקט דעם אַדרעס פון אינערן־דעפּאַרטאַמענט אין קעשענע און אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין דאָרט געשטאַנען און געוואַרט, מען זאָל מיך אויפנעמען. נאָך צוויי שעה פון מיין אומגעדולדיקן דרייען זיך הין און צוריק איז אַרויסגעקומען אַ פאַרשלאָפענער באַאַמטער און מיט אַ שטימע פון אַ געקוילעטן דערקלערט: „אָטקאַזאַלי“, מען האָט אָנטזאַגט; הייסט, עלף ביינאַכט, מוזן מיר אָפּפאָרן מיט דער באַן, וואָס גייט צו דער סאָוועטישער גרענעץ.

אויף צוריקוועגס צום האָטעל בין איך אַריין צום סאָוועטישן קאָנסול. ער האָט מיר געגעבן די פּאַספּאָרטן אונדזערע און פינף בילעטן און מיר האָבן זיך אומעטיק געזעגנט. איך בין געגאַנגען צו די חברים מיט דער טרויעריקער בשורה „אָטקאַזאַלי“. פאַרפאַלן, מיר האָבן געמוזט פאָרן, ווי מען האָט אונדז געהייסן.

צו דער באַן זענען מיר אַוועק מיט דריי שעה פריער, כדי צו באַזאָרגן די אַלע זאַכן, וואָס ווער־עס־האָט־געהאַט־גאָט־אין־האַרצן האָט אָנגעלאָדן אויפן שיף אין ניו־יאָרקער האַפן אויף אונדזערע נעמען. אַ חוץ קליינע פּעקלעך פּאַר פריינט האָבן מיר געהאַט זעקס און צוואַנציק גרויסע קאַסטנס און איין קאַסטן מיט צוויי טוץ שרייב־מאַשינקעס, וואָס דאָס האָט מען פון ניו־יאָרק מיט אונדז געשיקט פאַרן קאָמיסאַריאַט פון אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן אין מאָסקווע. דער באַגאַזש האָט כמעט אויפגעגעסן די פּאָר דאָלאַר, וואָס מיר האָבן אַלע פינף פאַרמאָגט.

אַלע קאַסטנס האָבן זיך געפונען אויף דער פּלאַטפאָרמע פון דער באַן־סטאַציע. נאָר דער באַן־נאַטשאַלניק האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז היות ווי דער אינספּעקטאָר, וואָס דאַרף עס רעווידירן, איז נישט געקומען, מוזן מיר פאָרן מיט ליידיקן און די זאַכן וועלן אָנקומען צו דער גרענעץ מיט אַ צווייטער באַן. איך האָב אָנגעהויבן רעדן מיט אים, טענהן: סטייטש, ווי קענען מיר איבערלאָזן די זאַכן? — אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזן רעדן; „נעלזיאַ!“ (מען טאָר נישט!) און פאַרטיק. אָן די זאַכן ווילט זיך דאָך אָבער נישט פאָרן — האָב איך, אַזוי רעדנדיק מיט אים, אַרויסגעצויגן פון קעשענע אַ פּאַפּירל פון פינף הונדערט לאַט און, רוקנדיק עס אים אין האַנט, ווייטער אַרגומענטירט, אַז אָן די זאַכן קענען מיר דאָך נישט פאָרן. דער אַרגומענט האָט געווירקט, ווי נאָר דער באַנקנאָט איז געלעגן ביים באַן־נאַטשאַלניק אין האַנט (און דאָס איז דאָרט אין יענער צייט געווען אַ היפּשע סומע), און ער האָט אָנגעהויבן צו זידלען דעם נישט אָנוועזנ־

דיקן אינספּעקטאָר, וואָס דערפילט נישט זיינע פליכטן, מיט די ערגסטע ווערטער, אַז אַ קאָזאַק האָט פון זיי געקענט רויט ווערן.

אַ פּאָר מינוט שפּעטער איז אויסגעוואַקסן אַ יונגערמאַן מיט אַ בערשטל, אַן עמערל קראַכמאַל, מיט צעטעלעך און גענומען קלעפּן אויף די קאַסטנס. דאָס האָט געקאָסט נאָך פּופציק לאַט און אַ קורצע ווײַלע שפּעטער איז שוין אונדזער באַגאַזש געווען אין דעם פּראַכט־וואַגאָן פון דער באַן, מיט וועלכער מיר זענען שפּעטער אָפּגעפאָרן.

ווען מיר זענען אַרויס פון באַן אויף דער גרענעץ־סטאַציע זאָלאָבי, איז דער זעלבער אָפיציר פון ריגע, וואָס האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר מוזן גלייך פון דאָרט אָפּפאָרן, — אויך אַרויס פון אַ צווייטן וואַגאָן. אויף דער פּלאַטפאָרם האָט ער זיך מיט אונדז העפלעך באַגריסט און גע־הייסן וואַרטן. אַ האַלבע שעה שפּעטער האָט ער אונדז געהייסן אַריינגיין אין דעם קליינעם שמוציקן וואָקזאַל און אונדזערע זאַכן, וואָס זענען שוין דערווייל געלעגן אויף דער פּלאַטפאָרמע, האָט ער אויך געהייסן אַריינ־שלעפּן אין וואָקזאַל. אַרום אונדז און די זאַכן האָט ער אַוועקגעשטעלט דריי סאָלדאַטן מיט אָנגעשפּיצטע באַגנעטן אויף די ביקסן. דאַן האָט ער אונדז געמאָלדן, אַז דאָ דאַרפן מיר וואַרטן, ביז עס וועט קומען אַ סאָ־וועטישער פאָרשטייער פון יענער זייט גרענעץ און אונדז אַריבערנעמען אַהין. ער האָט גערעדט שטרענג, שוין נישט מיט דעם זעלבן טאָן ווי אין ריגע, און ווי איינער, וואָס וויל לאָזן פילן זיין מאַכט. דאַן איז ער אָן אַ זיי געזונט פאַרשוואונדן.

מיר זענען געשטאַנען מיט אונדזערע פּעק און מיט די דריי סאָלדאַטן און געוואַרט. שטונדן לויפן און מיר זען קיינעם נישט אָנקומען. איך גיב אַ פרעג ביי איינעם פון דער וואַך, צי מיר קענען גיין טרינקען אַ גלעזל טיי ביים בופעט פון וואָקזאַל — דרייט ער מיטן קאָפּ אויף ניין, מען טאָר נישט.

מיר האָבן פונאַנדערגעפּאַקט אַ קליינע וואַליזקע, אַרויסגעשלעפּט פון איר אַ ביסל פּאַפּיראָסן, אַ פּאָר קעסטלעך מיט אַמעריקאַנער נאַשערייען, וואָס חברים האָבן אונדז מיטגעגעבן אויפן וועג, — און איך באַמערק, אַז ביי די סאָלדאַטן זענען ווייכער געוואָרן די געזיכטער עס איז אַוועק פון זיי די שטרענגע מינע און זייערע אויגן האָבן כסדר געשאָסן אַהין, פון וואַנען מיר האָבן אַלע ווײַלע אַרויסגענומען די נאַשערייען. איינע פון אונדזערע חברטעס האָט אָנגעהויבן מכבד זיין די סאָלדאַטן מיט פּאַפּי־ראָסן און זיסקייטן — און זיי זענען געוואָרן גאָר אַנדערע מענטשן, זיי האָבן באַקומען לשון. אין אַ האַלבער שעה אַרום זענען מיר שוין געווען פרייע מענטשן און זיך געקענט באַוועגן אויפן וואָקזאַל און איבער דער פּלאַטפאָרמע.

די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן. די סאָלדאַטן זענען געביטן געוואָרן אויף אַן אַנדער וואַך און ס'האָט אונדז ווידער געקאָסט אַ ביסל פּראָ־וויאַנט צו קויפן ביי זיי באַוועגונגס־פרייהייט.

מיט אַ מאָל האָבן די סאָלדאַטן זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס. אַן אָפיציר, אין דער באַגלייטונג פון אַ ציווילן, זענען צוגעקומען און דער ערשטער האָט אויף רוסיש געזאָגט צום אַנדערן: „אָט האָסטו דיינע געסט".

דער אָפיציר מיט די סאָלדאַטן זענען אַוועק. דער ציווילער מאַן איז געווען דער פּאָליטישער גרענעץ־קאָמיסאַר פון סאָוועט רוסלאַנד. ער האָט פאַר אונדז גאַראַנטירט, האָט ער אונדז דערקלערט, און געפּועלט, אַז מען זאָל אונדז לאָזן פריי וואַרטן. ער וועט נאָר אַ פּאָר זאַכן דערליידיקן און אין אַ שעה אַרום וועט ער אונדז אין אַ צוג אַריבערפירן איבער דער גרענעץ.

עס איז אַוועק איין שעה און נאָך אַ שעה און דער קאָמיסאַר איז ווי אין דער ערד אַריין. אויפן וואָקזאַל איז שוין נישט געווען קיין לעבעדיקער מענטש; אַ קליין נאַפט־לעמפּל האָט געצאַנקט אין מיטן פון פאַרחושכטן וואַרט־זאַל; מיר האָבן שוין אָנגעהויבן צו בענקען נאָך דער יאָך פון די דריי סאָלדאַטן, וועלכע האָבן אונדז אַ גאַנצן טאָג געהיט און אויף דערנאַכט אונדז פאַרלאָזן.

פון אַ גאַנצן טאָג אָנפּרירן זיך אויף דעם קליינעם וואָקזאַל איז אונדז באַפאַלן אַ שווערע מידקייט; יעדערער האָט זיך אָנגעשפּאַרט וואו עס איז, אָן אַ פּעקל, אויף אַ קאַסטן, און מען האָט זיך געזוכט אָפּרוען אין אַ נערוועזן דרימל. יעדער שאָרך, יעדער טראָט האָט אויפגעריסן די אויגן, וועלכע האָבן אַליין פון זיך באַלד צוריק זיך פאַרמאַכט, זוכנדיק רו. פון צייט צו צייט האָבן מיר זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער וועגן דעם קאָמיסאַר, וואָס האָט אונדז געדאַרפט אַריבערפירן איבער דער גרענעץ קיין רוסלאַנד.

ענדלעך האָבן מיר דערהערט פעסטע טריט. די טיר פון וואָקזאַל האָט אַ שווערן סקריפּע געטאָן און אַ זאַווערוכע האָט זיך אַריינגעריסן נאָך די צוויי מענער, וואָס זענען אַריין אין וואָקזאַל. איינער פון זיי איז געווען אונדזער קאָמיסאַר און מיט אים איז מיטגעגאַנגען אַ צווייטער, אָנגעטאָן אין לעדערנע הויזן און אין אַ רעקל, אין גאַנצן איינגעשמירט אין בוימל און סאַזשע. דאָס איז געווען דער באַן־מאַשיניסט.

דער קאָמיסאַר, וואָס זיין פּנים האָט אויפן ערשטן אָנבליק געמאַכט דעם איינדרוק פון דורכגעפרוירנקייט, — אַזוי רויט איז ער געווען, — איז געווען גוט פאַרשניאָשקעט. דאָס האָט מען באַלד געזען נאָך די ערשטע פּאָר ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגערעדט.

— נו, קומט, מיר פאָרן שוין, ווייל אַרום דריי אַזייגער מוזן מיר זיין אַריבער איבער דער גרענעץ.

דערהערט דאָס פון קאָמיסאַרס מויל, האָבן מיר זיך אַ הויב געטאָן פון די ערטער. מיר האָבן אים געפרעגט, ווער עס וועט אונדז העלפן אַרויפליגן די געפּעק מיט די זאַכן אין וואַגאָן.

— וואָס פאַר אַ זאַכן — האָט ער אַ ברום געטאָן, — אויף דעם

איז איצט קיין צייט נישטאָ. די זאַכן וועלן נאָכקומען מאָרגן מיט דעם רעגולערן צוג.

האָב איך אים גענומען דערקלערן, אַז אָן די זאַכן קענען מיר נישט פאָרן; אַז מיר וועלן די פעק דאָ נישט לאָזן און מיר מוזן זיי מיטנעמען אין זעלבן צוג, ווייל מיר דאַרפן עס פּערזענלעך צושטעלן צו די, פאַר וועמען מיר פירן עס, און מיר זענען דערפאַר פאַראַנטוואָרטלעך.

מיין קאַטעגאָרישער פאַרלאַנג האָט דעם קאָמיסאַר געמאַכט בייז און ער האָט מיט אַ געענדערטן טאָן און מיט דער פּאָזע פון אַ גרויסן אויטאָריטעט זיך צעשריען, אַז ער רעדט נישט קיין צוויי מאָל און זיין וואָרט איז אַ באַפעל, ווי באַלד ער הייסט פאָרן אָן די זאַכן — איז נעפאָרן זאָל זיין.

הערט אויס, חבר, האָב איך זיך צו אים געווענדט, — עס קען זיין, אַז ס'איז אַזוי, אייער וואָרט איז טאַקע אַ געזעץ, אָבער פאַר אונדז קען עס נישט גילטן, אפילו מיר זאָלן דאָ דאַרפן בלייבן און די לאַטווישע רעגירונג זאָל אונדז אַרעסטירן. איר זעט, זאָג איך צו אים, אָט דעם גרויסן, שווער געבויטן קאַסטן, — דאָ ליגט סאָוועטישע אייגנטום; דאָ זענען פאַראַנען שרייב־ מאַשינקעס, וואָס מיר פירן פאָרן „נאַרקאָמינדיעל", פאַר דעם קאָמיסאַריאַט פון אויסערלעכע ענינים. מיר דאַרפן עס איבערגעבן אין מאָסקווע צום חבר גרעגאָרי וויינשטיין. מיר מוזן די זאַכן פּערזענלעך צושטעלן.

דערהערט דאָס, האָט מיין קאָמיסאַר זיך איבערגעביטן; ער האָט גאָר באַקומען אַן אַנדער אויסזען און איז מיטאַמאָל ווי ניכטער געוואָרן. ער האָט זיך אַ דריי אויס געטאָן צום מאַשיניסט און געזאָגט:

— מיר מוזן שוין אַ זוך טאָן, וועט עס זאָל די זאַכן אַריינטראָגן אין וואַגאָן, אָבער שוין.

איך האָב פאַרגעלייגט דעם קאָמיסאַר, אַז מיר, דריי מענער, וועלן העלפן און זאַלבע פינפט וועלן מיר עס מאַכן; די צוויי פרויען וועלן דערווייל היטן די זאַכן. ער האָט אָבער זיך אָפּגעזאָגט פון אונדזער הילף און דערקלערט, אַז אַזוי ווי מיר זענען דאָך מיד וועט ער שוין אַליין זען איינצואָרדענען, אַז די זאַכן זאָלן אַרויפגעשלעפּט ווערן אין וואַגאָן.

ער איז אַוועק און אין אַ פופצן מינוט אַרום געקומען מיט עטלעכע באַן־טרעגער, וועלכע האָבן אונדזער געפעק אויסער די קליינינקייטן, וואָס מיר האָבן געטראָגן אַליין, אַריינגעטראָגן אין וואַגאָן. ווען עס איז געקומען צום גרויסן קאַסטן מיט די שרייב־מאַשינקעס, וואָס האָבן אונדז געראַטעוועט, איז אונדזער קאָמיסאַר געוואָרן אַ גאַנצער גענעראַל. ער האָט קיין אויג פון קאַסטן נישט אַראָפּגעלאָזט, געהאַלטן אין איין געבן עצות, ווי בעסער דאָס צו טראָגן, און יעדע מינוט געשריען: — פאָרזיכטיק, פאָרזיכטיק, חברים!

עס איז שוין געווען טיף אין דער נאַכט, ווען מיר האָבן דערהערט דעם ערשטן פייף פון לאָקאָמאָטיוו. דער גאַנצער צוג איז באַשטאַנען פון

דעם לאָקאָמאָטיוו מיט 2 וואַגאָנען, אויף וועלכע ס'איז מיט קרייד געשריבן אָנגעשריבן: 48 מענטשן, אָדער 16 פערד. דאָס האָט געמיינט, אַז אַזאַ צאָל באַשעפענישן קען מען דאָ פירן.

אין איין וואַגאָן האָט מען אַריינגעפּאַקט אונדזערע זאַכן און אין צווייטן האָבן מיר פאַרנומען דעם אָרט פון די 16 פערד. דער אייגנטלעכער נאָמען פון אַזאַ וואַגאָן איז געווען: טיעפּלושקע, ס'האָט נאָר געפעלט, אַז עס זאָל אין אים זיין... וואַרעם. אין מיטן וואַגאָן איז געשטאַנען אַן אייזערן אויוועלע און אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ האָבן זיך געוואַלגערט דערין. אויף דער וואַנט איז געהאַנגען אַ קליין קעראָסין־לעמפּל, וואָס דאָס גלעזל זיינס האָט עדות געזאָגט, אַז זינט דעם פאַלן פון קערענסקין האָט מען דאָס נאָך נישט ריין געמאַכט.

מיר האָבן זיך אויסגעזעצט אויף אַ לאַנגער באַנק און אונטער דעם אַקאָמפּאַנימענט פון דער געקלאַפּעריי פון די שווערע רעדער אָנגעהויבן איינצושלאָפן.

דער ערשטער קלאַפּ איבער'ן קאָפּ

די וואַגאָנען האָבן זיך אַ שטאַרקן טרייסל געטאָן, אָנגעקלאַפּט איינער אין צווייטן. דער לאָקאָמאָטיוו האָט אַ שטאַרקן פייף געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט. ערגעץ פון דער ווייטן האָט זיך געזען אַ שוואַכער שיין פון אַ הויכן גאַס־לאָמפּ. מיר האָבן זיך אַלע צוגעשטופּט צום קליינעם פענצטערל, אָבער מער ווי דעם אָפּשיין פון דעם גאַס־לאָמפּ האָבן מיר נישט געזען.

עס האָט זיך אויפגערוקט די טיר און דער קאָמיסאַר, מיט אַ לאָמטערנע אין האַנט, איז אַריינגעקומען. אים האָט באַגלייט איינער אין מיליטערישע קליידער — נאָך פון דער צארישער ירושה. זיי האָבן אונדז העפלעך באַגריסט און געמאָלדן, אַז מיר געפינען זיך שוין אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע און אַז מיר דאַרפן ווייזן דעם מיליטערמאַן די פּאַספּאָרטן.

איך האָב אים דערלאַנגט דאָס גאַנצע פּעקל פּאַספּאָרטן פון אַלע פינף פון אונדזער גרופּע — ער האָט זיי דורכגעקוקט, צוגעשטימט צו זייער אויטענטישקייט און דער צוג איז ווידער אַוועק זיין וועג. מיר האָבן נאָך נישט אָפּגעפאָרן קיין פופצן מינוט, האָט זיך ווידער איבערגעחזרט דאָס זעלבע, דער צוג איז געבליבן שטיין, מיר האָבן געוויזן די פּאַספּאָרטן, — נאָר דאָ האָט מען אונדז געמאָלדן, אַז מיר געפינען זיך אויף דער ערשטער סאָוועטישער סטאַנציע. אויב מיר ווילן, קענען מיר אַרויסגיין און זיין אויף דער סטאַציע, ביז מען וועט איבערקוקן די זאַכן. נאָר אויב מיר ווילן בלייבן אין וואַגאָן — איז אויך רעכט. צום צווייטן וואַגאָן האָט מען אַוועקגעשטעלט אַ רויט־אַרמייער, ער זאָל היטן די זאַכן.

מיר האָבן באַשלאָסן אַרויסצוגיין אויף דער סטאַנציע, כאַפּן דעם

ערשטן קוק אויפֿן לאַנד פֿון אַזוי פֿיל האָפֿענונגען. מיר זענען אַריין אין וואַקזאַל. אַלץ אַרום איז געווען שמוציק, שוואַרץ. אויף די דילן זענען געווען אויסגעלייגט שלאָפֿנדיקע מענטשן, צוזאַמענגעקאַרטשעטע, כראָפּענדיקע. נישט געקוקט אויף דער שטאַרקער קעלט, — דערצו איז די סטאַנציע געווען שלעכט באַהייצט, — איז די לופֿט געווען אַזאַ שטיקענדיקע, אַז מיר האָבן גיך געענדערט אונדזער באַשלוס און זיך אומגעקערט צו אונדזער וואַגאָן.

איידער מיר האָבן זיך צוריק אַרויפֿגעכאַפּט אין וואַגאָן, האָב איך געכאַפּט אַ פּאָר ווערטער מיט דעם רויט־אַרמייער און אים פֿאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס. ער האָט זיך אַנטזאָגט עס צו נעמען אין דער צייט, ווען ער שטייט אויף וואַך. איך האָב אים שנעל אַריינגעוואָרפֿן אין קעשענע פֿון מאַנטל אַ פּאָר פּאַפּיראָסן. ער האָט נישט פּראָטעסטירט און איך בין געווען צופֿרידן דערפֿון.

מיר זענען אַלע געזעסן אין וואַגאָן און געוואַרט. עס איז געוואָרן פֿאַרמאַכט. עמעצער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער ברייטער רויטער טיר, אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ און אונדז פֿאַרגעלייגט, אַז אויב מיר ווילן איבערנעכטיקן אין שטעטל, וואָס איז נישט ווייט פֿון דאַנען, קענען מיר גיין מיט אים און דאָרט וועלן מיר זיך אויסרוען.

מיר האָבן אים געדאַנקט און זיך אָפּגעזאָגט. דער מענטש האָט דערפֿילט, אַז מיר האָבן נישט קיין צוטרוי צו אים און דערפֿאַר נעמען מיר נישט אָן זיין פֿאָרשלאָג, ער האָט אונדז דאַן פֿאָרגעלייגט, אַז אויב מיר ווילן, קענען מיר זיך לייגן שלאָפֿן אין דער פּאַטרול־קאַזאַרמע ביי דער סטאַנציע, וואו ער איז טאַקע אויך איינגעקוואַרטירט. מיר האָבן אים ווידער געדאַנקט און זיך אַנטשולדיקט, וואָס מיר מוזן זיך. אָפּזאָגן פֿון זיין גאַסטפֿריינטלעכקייט. ער האָט אונדז געוואונטשן אַ גוטע נאַכט און איז אוועק.

מיר האָבן זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט אויף די בענק, איינגעהויקערט אין אונדזערע לייכטע אַמעריקאַנער קליידער, און פֿון מידקייט איינגעשלאָפֿן.

ביים אַרונטערנעמען די זאַכן פֿון באַן האָט דער באַאַמטער באַפֿוילן, אַז די גרויסע קאַסטנס זאָל מען נישט טראָגן אין וואָקזאַל אַריין, ווייל ערשטנס איז דאָרט נישטאָ קיין פּלאַץ און צווייטנס וועט באַלד קומען דער חבר פּאָלאַנסקי און וועט רעווידירן די זאַכן. אונדז האָט ער געמאָלדן, אַז עלף אַזייגער וועלן מיר מיטן צוג אָפּפֿאָרן קיין מאָסקווע.

מיר זענען געשטאַנען אַרום די זאַכן און געוואַרט. אַז עס זאָל שוין קומען דער „באָלד". די קעלט איז געווען אַ שניידנדיקע, זיכער אַ דרייסיק גראַד, און מיר האָבן לאַנג נישט אויסגעהאַלטן צו שטיין אויפֿן פֿראָסט. האָבן מיר זיך איינגעטיילט אַזוי, אַז יעדערער פֿון אונדז זאָל שטיין פֿופֿצן מינוט אין דרויסן ביי די זאַכן, בעת די אַנדערע וועלן זיין אינעם וואָקזאַל.

דער „באַלד" האָט געדויערט פון 7 אַ זייגער ביז 12. דער צוג איז שוין נעהאַט אָפּגעפאָרן און דער חבר פּאַלאַנסקי, האָט מען אונדז דער־קלערט, איז פאַרנומען. אויף זיין אָרט זענען געקומען צוויי יונגע גרענעץ־וועכטער און זיי האָבן זיך גענומען דורכפירן די רעוויזיע. אַ חוץ אונדז איז געווען נאָך איין פּאַסאַזשיר, וואָס איז פון ליטע געפאָרן קיין מאָסק־ווע, אַ פרוי. אַזוי ווי זי האָט געהאַט נאָר איין פּעקל, האָבן זיי פריער זיך גענומען צו איר. צווישן די ווערטלאָזע שמאַטעס, וואָס זי האָט גע־פירט זיינען געווען צוויי פּאָר קינדערשע קאַלאָשן. דער יונגער קאָמיסאַר האָט איר דערקלערט, אַז איין פּאָר וועט צוגענומען ווערן אין סקלאַד פון רעגירונגס־ווירטשאַפט, ווייל צוויי פּאָר קאַלאָשן טאָר איין פּערזאָן נישט אריינפירן. אַלע טענות פון דער פרוי האָבן נישט געהאָלפן, ווייל דער קאָמיסאַר האָט געהאַלטן, אַז די רעוואָלוציע איז שוין מיד פון דער ספּע־קולאַציע. ער האָט נישט געגלויבט, אַז זי פירט עס פאַר אירע צוויי קינ־דער. און ווען איך האָב אים באַמערקט, אַז די קאַלאָשן זענען דאָך פון באַזונדערע מאָסן, האָט ער מיר געהייסן זיך נישט מישן אין רעגירונגס־אַנגעלעגנהייטן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיר וועלן האָבן די אמתע שוועריקייטן.

ווען די רעוויזאָרן האָבן זיך גענומען צו אונדזערע זאַכן האָב איך באַשלאָסן צו נעמען אַ פעסטע שטעלונג צו די יונגע באַאַמטע.

— חברים, האָב איך זיך אָנגערופן, איר האָט בדעה דאָס אַלץ אוי־בערקוקן דאָ אין דרויסן אויפן פראָסט? לאָמיר עס אריינגעמען אינעוווי־ניק. און אַזוי רעדנדיק האָב איך זיי דערקלערט, ווער מיר זענען, אַז מיר פאָרן פון אַמעריקע קיין רוסלאַנד, וואוהין עס רופט אונדז אונדזער גלויבן; אַז מיר פירן נישט קיין ספּעקולאַציע און אַז די זאַכן אין די קאַסטנס זיינען פאַר דער סאָוועטישער מאַכט.

דער הויפּט פון די צוויי איז געווען אַ יידישער בחור: אויף זיין פּנים איז געלעגן די גאַנצע אומבאַהאָלפנקייט און גראָבקייט פון אַ קליינשטעטל־דיקן פערד־יונג און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַ קנאַפּער בקי אין די רעגולאַציעס ביי דער גרענעץ. איך האָב אים געפרעגט, צי ער האָט מיט וואָס צו פאַרשרייבן דאָס דורכגעקוקטע אין זיינע דאָקומענטן, און ער האָט טאַקע נישט געהאַט. האָב איך אַרויסגענומען אַ „פאָונטיין־פען", וואָס איך האָב געפירט פון אַמעריקע, און דאָס אים דערלאַנגט.

— „נעם", האָב איך צו אים געזאָגט, „וועסטו האָבן אַן אָנדענקונג פון אַ חבר". ער האָט זיך מיט מיר נישט געדונגען און אריינגעשטעקט די פען אין קעשענע. איך האָב דאָ געטראָפן אויף זיין שוואַכן פּונקט און ער האָט מיר געזאָגט אויף יידיש, — וואָס ער האָט גערעדט לייכטער ווי רוסיש, — אַז אויב מיר האָבן עפּעס זיסע זאַכן, זאָלן מיר עס געבן דעם ערל, דער חבר זיינעם, און ס'וועט זיין אין אָרדענונג.

וועלנדיק שוין דערזען אַמאָל אַ סוף צו דער אַרומשלעפּעניש, האָבן

מיר דעם יונגן רוס געגעבן אַ קעסטל ראַזשינקעס: איידער מיר האָבן זיך נאָך אומגעקוקט, איז ער דערמיט פאַרשוואונדן.

— איר זעט שוין — האָט זיך אָפּגערופן דער הויפּט־רעוויזאָר — דאָס איז ביי אַ „בייסטרוק״ (אַ ממזר) אַ נאַשעריי. ער האָט שנעל אָפּגע־צייכנט אונדזערע קאַסטנס, געמאַכט אַ ווייסן צלם און די רעוויזיע איז געווען דורכגעפירט.

מיר האָבן אים געפרעגט, ווען עס גייט אָפּ די באַן, און זיך דער־וואוסט, אַז מאָרגן 12 אַזייגער. וואָס זשע טוט מען דערווייל אין די 24 שטונדן? מיר ווילן דאָך נישט שטיין אויפן פראָסט. האָט אונדז דער קאָ־מיסאַר געגעבן אַ סקלאַד ביים וואַקזאַל צום פאַרשליסן די זאַכן, מיר האָבן באַצאָלט פאַרן אריינטראָגן און מען האָט אונדז צוגעזאָגט, אַז דאָ וועט מען עס גוט אָפּהיטן. אונדז האָט ער מיטגענומען אין שטעטל, נישט וויט, און אַריינגעפירט אין שטאָטישן קלוב.

דער קלוב איז באַשטאַנען פון דריי צימערן; אין יעדן איז געווען אַ טיש מיט בענקלעך. פאַרהעלטעניסמעסיק ריין. דער פאַרוואַלטער פון קלוב האָט אונדז געמאַכט טיי, שוואַרצע ברויט מיט צוקער האָבן מיר איינגע־האַנדלט אויפן וואַקזאַל נאָך — און געבליבן אין קלוב וואַרטן אויפן מאָרגנדיקן צוג.

אַ גאַנצן טאָג איז אין קלוב קיינער נישט געקומען, נאָר פאַרנאַכט זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַ ביסל יוגנטלעכע, און מיר האָבן געהאַט די ערשטע געלעגנהייט צו זען און הערן דעם ריטם פונם נייעם לעבן. איינער פון די אַרטיקע פּאַרטיי־טוער האָט פאַר די פאַרזאַמלטע גערעדט וועגן דל אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן, און ווען ער האָט געענדיקט, האָט זיך צעשאַלט איבערן קלוב דער געזאַנג פון „אינטערנאַציאָנאַל״, וואָס אַלע האָבן געזונגען מיט גרויס התפּעלות, אָבער דאָך אָן יענעם פלאַקער, וועלכן איך האָב געדענקט פון פאַר דער רעוואָלוציע. אין דעם מאָמענט האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַ כאָר זינגט אָן איינגעשטודירט ליד.

מען האָט אונדז אָפּגעגעבן איין צימער פון קלוב צום איבערנעכטיקן. דער וועכטער פון קלוב האָט אַריינגעטראָגן שטרוי און מיר האָבן גאַנץ געשמאַק איבערגעשלאָפן די נאַכט.

זיבן אינדערפרי זענען מיר שוין געווען פאַרטיק צום 12 אַזייגערדיקן צוג. איך בין אַוועק צום אָרט, וואו אונדזערע זאַכן האָבן זיך געפונען, ווי דאָס האַרץ וואָלט מיר געזאָגט, אַז עפּעס וועט נאָך אַזוי גלאַט נישט גיין; איך בין געוואויר געוואָר, אַז אָן אַ באַפעל פון סטאַנציע־קאָמיסאַר קען מען אונדז די זאַכן נישט אַרויסגעבן.

איך האָב קיין סך נישט געטראַכט און בין אַוועק זוכן דעם קאָמי־סאַר איז זיין וואוינונג. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ס׳איז נאָך פרי, ער שלאָפט. אַזוי בין איך אַ גאַנצן פרימאָרגן געגאַנגען צום קאָמיסאַר און ער איז נאָך אַלץ געשלאָפן. דער זייגער איז שוין געווען 11 און אין אַ שעה אַרום דאַרף אָפּגיין דער צוג. בין איך געוואָרן נערוועז, און פאַרלירנדיק

דאָס געדולד, האָב איך זיך דערוועגט צו שטערן זיין שלאָף און האָב פעסט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אַ מינוט פינף האָבן מיר געהערט דורך דער הילצערנער טיר, וואָס איז געווען באַקלאַפּט מיט שטרוי. ענדלעך איז ער אַרויס צו מיר און האָט נאָך געהאַלטן אין פאַרציען דעם פּאַסעק איבער דעם לעדערנעם רעקל.

איך האָב אים דערקלערט, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אָבער ער האָט מיר געענטפערט רואיק:

— ניטשעוואָ, סיווי וועט איר שוין היינט נישט קענען פאָרן קיין מאָסקווע.

— וואָס הייסט — האָב איך זיך צו אים געווענדט, — מיר מוזן פאָרן, חבר, איך וויל שיקן אַ טעלעגראַמע קיין מאָסקווע.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזען, אַז איך מיין עס ערנסט, האָט ער געענטפערט:

— נו, גוט. באַלד וועט אַלץ זיין דערליידיקט.

ווען מיר זיינען שוין געזעסן אין באַן, האָט אונדז דער באַגלייטער, וואָס מען האָט מיט אונדז מיטגעשיקט, געלאָזט וויסן, אַז מיר פאָרן נישט קיין מאָסקווע, נאָר אין קאַראַנטין פון וועליקאַלוקאַ. מיר זענען געוואָרן דערשטוינט: — וואָס הייסט?

— איך וויים גאָרנישט — האָט אונדז דער באַגלייטער געענטפערט. אַזוי האָט דער קאָמיסאַר פאַראָרדנט. און זייט וויסן, חברים, אַז ער איז דער קאָמיסאַר פון דער סטאַנציע, דער הויפּט־מאַכט־האָבער פון שטעטל און דער פאָרזיצער פון דער טשעקאַ.

אונדזער באַגלייטער האָט געהאַלטן אין איין באַטאָנען, אַז דער קאָמיסאַר איז דער הויפּט פון דער „טשעקאַ". איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט ער אונדז געשיקט אין וועליקאַלוקאַ נאָך דערפאַר, וואָס איך בין נישט געווען גענוג אונטערטעניק צו אַזאַ „גרויסן" מענטש. ווי ער איז.

די פאָר שעה אין באַן איז מיין גאַנצער געדאַנק געווען פאַרנומען מיט דער „טשעקאַ". איך האָב זיך דערמאָנט, ווי אַזוי איך האָב די „טשעקאַ" פאַרטיידיקט איבעראַל אין דיסקוסיעס, ווי איך פלעג פּראָטעס־טירן, ווען קעגנער האָבן געזוכט צו דיסקרעדיטירן די רוסישע רעוואָלו־ציע דורך אָנווייזן אויף די שלעכטע האַנדלונגען פון דער „טשעקאַ". איך פלעג דאַן באַשטיין, אַז אין רוסלאַנד מוז מען אַזוי האַנדלען מיט די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן. און אַט בין איך פּערזענלעך געקומען אין קאָנ־טאַקט מיט דער „טשעקאַ", פאַר מיין נישט גוטן אויפפירן זיך ווערן מיר באַשטראָפט צו פאָרן אין קאַראַנטין, אין אַ לאַגער, וואו מען וועט אונ־טערזוכן אונדזער פּאָליטישע כשרות.

טויזנטער געדאַנקען זענען פאַרבייגעפלויגן אין מוח ביי מיר. עס זיינען אַרויפגעשוואומען די לאַנגע מאָנאַטן און יאָרן, וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין דער אַטלאַנטע־טורמע אין די פאַראייניקטע שטאַטן, שטרע־

בנדיק צו דער צייט, ווען די מאַכט וועט איבערגענומען ווערן דורכן אַר־בעטער־קלאַס. און אַט ווער איך באַשטראָפט פון אַ פירער פון דער סאָ־וועטישער אַרבעטער־רעגירונג פאַר דער העזה צו פאַרלאַנגען אַ מענטש־לעכע באַהאַנדלונג.

מיר איז געוואָרן שווער אויפן הארצן, פיל שווערער ווי דאַן, ווען ריכטער קלייטין האָט אין גיך יאָרק מיך פאַראורטיילט צו 20 יאָר געפענ־געניש. ווען איך האָב דאַן אויסגעהערט דעם אורטייל, האָב איך זיך גע־ווילט און געזאָגט צום ריכטער, אַז ער וועט דאַרפן אָפּזיצן פאַר מיר דעם טערמין, אויב ער וועט וועלן האַלטן וואָרט. איך האָב געגלויבט, אַז אָט קומט די צייט, ווען די גאַנצע וועלט וועט האָבן אַ סאָוועטישע אָר־דענונג און די ריכטער וועלן דאַרפן פאַרענדיקן די טערמינען, אויף וועל־כע זיי פאַראורטיילן אונדז איצט.

די בייזוויליקע האַנדלונג פון דעם הויפּט פון דער „טשעקאַ" האָט פאַראורזאַכט דעם ערשטן ריס אין מיין טיפן גלויבן. אָט די קלייניקייט פון שיקן אונדז אין קאַראַנטין האָט שווער געדריקט אויף מיין געמיט. איך האָב געפילט אַז טרערן שטיקן מיך.

איך האָב נישט מורא געהאַט פאַרן קאַראַנטין. איך האָב קיינמאָל נישט מורא געהאַט פאַר קיין שטראָף, נישט אין דער יוגנט אין צאַרישן רוסלאַנד און נישט אין אַמעריקע בעת די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע קאַמפן, אין וועלכע איך האָב אָנטייל גענומען. יעדע שטראָף האָט אין יענע יאָרן אַרויס גערופן נאָך אַ שטאַרקערן געפיל און דראַנג צום קאַמף מיטן שונא, וואָס וויל אונדז פאַרניכטן און וועלכן מיר וועלן סוף כל סוף באַזיגן.

אָבער פאַרוואָס איז מיר איצט אַזוי שווער? פאַרוואָס ווילט זיך מיר אַזש וויינען, און וויינען שטיל, אַז מיינע חברים זאָלן נישט הערן, אַז זיי זאָלן נישט טיילן מיט מיר די שווערע געדאַנקען? דאָס איז געווען נישט צוליב דער אומבאַקוועמלעכקייט, נאָר צוליב דעם געפיל, אַז מיין גלויבן, מיינע טרוימען, מיין זיכערקייט אין דעם קאַמף און אין דער בעסערער וועלט, צו וועלכער דער קאַמף פירט, האָט זיך אַ טרייסל גע־טאָן, און דאָס איז געווען נישט קיין קלאָרע צעטרייסלונג, נאָר אַ זאָרג פולע אומרואיקייט. צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן האָבן ערנסטע צוויפ־לען זיך אַריינגעכאַפּט אין מיין מוח, וואו זיי האָבן ביז איצט קיין פּלאַץ נישט געהאַט. איך האָב זיך געשטאַרקט נישט צו מאַכן שלום מיט דעם געדאַנק, געזוכט אים צו פאַרטרייבן פון זיך מיט פאַרשידענע אויסריידן.

דער צוג איז צוגעקומען צו דער סטאַנציע וועליקאָלוקאַ. אַ גרויסער וואָקזאַל. די וואַנט האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ אַרום זענען פאָרגעקו־מען שיסערייען בעת דעם בירגער־קריג און רעוואָלוציע. מיר זענען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע. אין און אַרום וואָקזאַל האָט געקאָכט ווי אין אַ בינשטאָק. די מענטשן, וואָס זענען געלעגן אָדער געזעסן אויפן געפעק, האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן צוג מיט געשרייען און זידלערייען. אַ

געוויינעריי פון קינדער האָט געריסן דאָס האַרץ, איינער איז געקראָכן אי־בערן אַנדערן. מען האָט זיך געריסן אין די וואַגאָנעס פון אַלע זייטן. די באַן־אָנגעשטעלטע האָבן אויסגעלאָדן אונדזער באַגאַזש, אים אָפּגעפירט צום וואָקזאַל־סקלאַד און באַלד זענען מיר שוין געווען אויפן וועג צו אונדזער צייטווייליקער היים, וואוהין דער הויפּט פון דער גרענעץ־טשעקאַ האָט אונדז פאַרשיקט. נאָך אַ דריי־פערטל שעה טאַפּטשען אין טיפע שנייען און קריכן איבער גליטשיקע בריקלעך אויף די אייזנבאַן־וועגן זענען מיר אָנגעקומען צום קאַראַנטין, וואָס איז געווען באַשטימט, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, פאַר „בעזשענצעס" (פליכטלינגע) און פאַר צווייפלהאַפטע פּערזאָנען.

דער קאַראַנטין האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַ גרויסן הילצערנעם באַראַק, אַרומגענומען מיט שטעכיקן דראָט. פון דרויסן האָבן זיך אַרומ־געדרייט עטלעכע רויט־אַרמייער מיט ביקסן. ביים טויער האָט אונדזער באַגלייטער געזאָגט צום וואַך־מאַן, אַז ער פירט אַמעריקאַנער.

פון דער קליינער בודקע, וואָס האָט נאָך געהאַט אויף זיך די קאָלירן שוואַרץ און ווייס אין קרומע פּאַסן, ווי אין די צאַרישע צייטן, איז אַרויס־געקומען אַן אָפיציר, צוגענומען אונדזערע פּאַספּאָרטן פון באַגלייטער, גע־קוקט, געזוכט, און נישט קענענדיק איבערלייענען (די דאָקומענטן זענען געווען געשריבן אין ענגליש), האָט ער קוים פעסטגעשטעלט די נעמען. ער האָט גענומען אויסרופן שטרענג יעדערן באַזונדער און נאָכן אָפּרופן זיך האָט ער מיט רוגזה באַגלייט יעדערן מיט נישט קיין אַנשטענדיקע אויס־דרוקן, הייסנדיק דורכגיין דורך דער דראַטענער טיר.

איך בין געווען דער דריטער אויסגערופן צו ווערן און נאָך זיין אַרויסשיטן די גראָבע רייד בין איך געבליבן שטיין. מיין רוסיש איז נאָך געווען נישט שלעכט, האָב איך אים אַ פרעג געטאָן מיט אַן אויפגערעג־טער שטימע, פילנדיק נאָך די צעטומלטקייט פון דער שטימונג אין די עטלעכע שעה פון דער רייזע צום קאַראַנטין:

— וואָס שרייסטו? פאַרוואָס באַהאַנדלסטו מענטשן מיט אַזאַ שפּראַך און באַנעמסט זיך אַזוי חוצפּהדיק אין דער צייט, וואָס דו ווייסט נישט, ווער זיי זענען, און קענסט אפילו נישט איבערלייענען די דאָקומענטן? אַ ביסל אַנשטענדיקער, חבר, די רעוואָלוציע האָט אונדז געלערנט, אַז מען זאָל זיין אַנשטענדיק מיט מענטשן ווי ווייט מעגלעך.

מיין אָפיציר, וואָס פאַר אים איז געווען אַ נייס, אַז אַן אַמעריקאַ־נער זאָל רעדן רוסיש, איז געבליבן שטיין אַ געפּלעפטער און ער האָט פאַרלאָרן דעם לשון. ער האָט שוין מער קיין נעמען נישט אויסגערופן און געהייסן אונדזער גאַנצער גרופּע אַריינגיין צוזאַמען אינעווייניק. ער האָט זיך געשטעלט פאָרויס און גאַנץ שטיל געבעטן, אַז מיר זאָלן אים נאָכגיין.

מיר זענען אַריין אין דעם גרויסן הילצערנעם באַראַק. נישט געקוקט אויף דער קעלט, האָט אונדז פאַרכאַפּט דער אָטעם פון דער שווערער לופט, וואָס האָט אָנגעפילט דעם פּלאַץ צוליב דער געדיכטקייט פון מענטשן,

וואָס זענען דאָרט געווען אַנגעפּאַקט און וועלכע האָבן זיך וואָכן לאַנג נישט געבאָדן און אַפּילו די פּנימער נישט געוואַשן.

עטלעכע מינוט זענען מיר געשטאַנען אין אַ ווינקל פון באַראַק און נישט געוואוסט פון וואַנען אָנצוהויבן דעם נייעם, אומדערוואַרטן עפּי־זאָד פון אונדזער האָפענונגספולער רייזע. די טיר האָט זיך געעפנט און ס'איז אַריינגעקומען דער זעלביקער אָפיציר. ער האָט באַפוילן, אַז מען זאָל זיך אַביסל צוזאַמענרוקן און מאַכן פּלאַץ פאַר אונדז.

אָן ווערטער האָט מען זיך גענומען רוקן אויף דער הילצערנער נאַרע, וואו מיר האָבן זיך צוגעשפּאַרט. פאַרן אַרויסגיין האָט דער אָפיציר צו מיר געזאָגט, אַז באַלד וועט ער פאַרטיק ווערן מיט זיין אַרבעט. ער וויל, אַז איך זאָל אים פאַרטייטשן אויף רוסיש, וואָס עס שרייבט זיך אין אונדזערע דאָקומענטן.

„אַמעריקאַנער בורזשויען"

די דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן געהאַט, זענען נישט געווען קיין אָפּי־ציעלע רעגירונגס־פּאַפּירן. קיינער פון אונדז איז נישט געווען קיין אַמע־ריקאַנער בירגער און פון אונדזערע אַלטע רוסישע פּאַספּאָרטן איז שוין לאַנג קיין זכר נישט געבליבן. מיר זענען געפאָרן אויף דאָקומענטן, וואָס זענען אויסגעאַרבעט געוואָרן פון דעם אַדוואָקאַט טשאַרלס רעכט, וועלכער האָט אין יענער צייט געשפּילט אין אַמעריקע די ראָלע פון אַ פאָרשטייער פאַר סאָוועט־רוסלאַנד.

נאָך דעם ווי איך האָב דעם מיליטערישן קאָמיסאַר פון קאַראַנטין דערקלערט, אַז מיר האָבן אַזעלכע דאָקומענטן, ווייל מיר זענען אין די פאַראייניקטע שטאַטן געווען פּאָליטישע אַרעסטירטע, — האָט ער זיך ערנסט אַנטשולדיקט פאַר דער לייכטזיניקער אויפנאַמע, וואָס מיר האָבן געקראָגן, און אויך פאַרענטפערט דעם טשעקיסט ביי דער גרענעץ, וועל־כער האָט אונדז געשיקט קיין וועליקאָלוקאַ.

מיר האָבן זיך צערעדט וועגן פאַרשיידענע זאַכן. דער קאָמיסאַר האָט זיך גראַד אַרויסגעוויזן פאַר אַ מענטשן מיט אַ שטיקל פאַרגאַנגענהייט און מיט אַ געוויסער פּאָליטישער רייפקייט. וועגן אַמעריקע האָט ער ביי אונדז אויסגעפרעגט וואָס מער און אַלץ האָט אים אינטערעסירט. פון דער רוסישער רעוואָלוציע איז ער געווען באַגייסטערט און פיל מאָל האָט ער אין געשפּרעך אונטערגעשטראָכן: לאָמיר נאָר פאַרטיק ווערן מיט די ווייסע עלעמענטן און ליקווידירן די רעשטלעך פון דער רוסישער בורזשואזער שלאַנג — וועלן מיר זיין רייכער און גליקלעכער ווי די אַמעריקאַנער.

ער האָט גערעדט מיט אַזויפיל גלויבן און איבערצייגונג, אַז איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז זיין פריערדיקע פרעכע באַנעמונג איז טאַקע אַ רעזולטאַט פון דעם אומצוטרוי און מורא פאַר פאַררעטער. איך האָב אים שוין דאָס פריערדיקע מוחל געווען, בפרט נאָך ווען ער האָט

אונדז געזאָגט, אַז 4 אַזייגער צומאָרגנס גייט אָפּ אַ צוג קיין מאָסקווע, און ער האָט אונדז פאַרזיכערט, אַז אַלץ וועט זיין צוגעגרייט, אַז מיר זאָלן קענען אָפּפאָרן אין אַ ספּעציעלן וואַגאָן און מיט אַ ספּעציעלן מענטשן, וואָס וועט אונדז צושטעלן צום קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים.

אין באַראַק איז געווען קאַלט — אַ שרעק. דאָס אייזערנע אויוועלע, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן, האָט נאָר געוואַרעמט אַ פּאָר טריט אַרום, אַ ביסל ווייטער האָט מען געקענט אָפּפרירן די אברים. מיר האָבן ווי נישט איז איינגעאָרדנט אונדזערע חברטעס אויף דער נאַרע, צוגעדעקט זיי מיט שטאַמעס און מיט אַ פּאָר צעריסענע זעלנערישע מאַנטלען, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, און מיר זענען געזעסן ביי דער זייט און געפּרוּווט כאַפּן אַ דרימל. די קעלט האָט אונדז געטריבן צום אויוון, אָבער אפילו שטייענדיק ביים אויוון איז געווען קאַלטלעך און מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט מיט קיין אויג נישט צוגעמאַכט און גערעדט וועגן דעם, וואָס מיר האָבן געהערט פון דעם קאָמיסאַר. זיינע רייד האָבן געהאַט אַ ווירקונג אויף אַזוי פיל, אַז מיר זאָלן נישט אַריינפאַלן אין קיין פאַרצווייפלונג.

די נאַכט האָט זיך געצויגן ווי אַן אייביקייט. דאָס אומגעדולד האָט מיר אַ פּאָר מאָל אַרויסגעפירט אין גרויסן, פּראָוויזאָרישן הויף. אויף דער וואַך איז געשטאַנען אַ יונגער רויט־אַרמייער, אַ גוטמוטיקער פּויער, וואָס האָט פון קיין שום זאַך נישט געוואוסט און האָט פּונקט אַזוי געקענט זיין אַ ווייס־אַרמייער. איך האָב אים מכבד געווען מיט אַ פּאָר פּאַפּיראָסן און מיר האָבן אַרומגעשפּאַצירט אונטער דעם שיין פון דער לבנה, וועלכע האָט געלייכטן אויסערגעוויינטלעך, זיך אָפּשפּיגלענדיק און דעם ווייסן שניי, וואָס האָט צוגעדעקט אַלץ אַרום.

אַזוי שנעל ווי ס'איז געוואָרן ליכטיק, האָבן מיר זיך גענומען גרייט אין וועג. נישט קוקנדיק אויף דער שטאַרקער קעלט, האָבן מיר אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די זאַכן, געבראַכט וואַסער, זיך געוואַשן און ראַזירט. די האָר זענען באַדעקט געוואָרן מיט אייז, איידער, זיי האָבן זיך אויסגעטריקנט. אונדזערע צייטווייליקע שכנים אין קאַראַנטין האָבן אונדז באַטראַכט ווי משוגעים פאַרן וואַשן זיך אין אַזאַ קעלט. איינער האָט זיך אָנגערופן, אַז מיר זענען אַמעריקאַנער בורזשויען, וואָס וואַשן זיך און פּוצן זיך. אַ יונגער, פעסט געבויטער קריסט האָט אונדז געבעטן, מיר זאָלן אים שענקען אַ שטיקל זייף מיט אַ ראַזיר־מעסערל, ער ווייס, אַז פון אומריינקייט קומען אַלע קראַנקהייטן, און פאַר קעלט האָט ער קיין מורא נישט, נאָר עס איז נישטאָ קיין זייף. מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אָט די קלייניקייטן און ער איז געווען גליקלעך.

אַרום איינס אַזייגער זענען מיר שוין געווען אויפן וועליקאַלוקער וואָקזאַל. די גאַנצע פּלאַטפאָרמע איז געווען פול מיט מענטשן און געפּעק. דער צוג איז שוין געווען אויף דער סטאַנציע, נאָר אַריינגיין האָט מען נישט געטאָרט פריער ווי אַ האַלבע שעה פאַרן אָפּגיין פון צוג. דער עולם,

וואָס איז געווען פילפאַך גרעסער, ווי עס קענען אין באַן אַרײנגײן איז דעריבער געשטאַנען צוגעקלעפּט צו די וואַגאָנעס, כדי זיך קענען וואָס פריער אַרײנכאַפּן, ווען די טירן וועלן זיך עפענען.

מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן, ווער עס זאָל אונדז העלפן אַרײנטראָגן אין וואַגאָן דעם גרויסן פּרעמדן באַגאַזש. וואָס מיר האָבן געפירט און צוליב וועלכן מיר האָבן געהאַט אַזויפיל צרות אויפן וועג. אָבער די באַן־טרעגער אויפן וואָקזאַל האָבן אונדז דערקלערט, אַז די אַמעריקאַנער בורזשויען זענען נישט קראַנק אַליין דאָס צו טאָן. איך האָב זיך געווענדט צום הויפּט־באַאַמטן פון דער סטאַנציע, אַז ער זאָל מיר געבן אַ פּאָר ווענגעלעך און מיר וועלן דאָס טאָן אַליין. דער מאַן, וואָס איז דורכן קאָמיסאַר געשיקט געוואָרן אונדז צו באַגלייטן, האָט אָװעקגערופן דעם נאַטשאַלניק, אים אײַנגערוימט אַ סוד אין אויער, און יענער האָט אונדז געגעבן די נויטיקע ווענגעלעך. מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט און אַרײנגעשלעפּט די פּעק און קאַסטנס אין דעם אָנגעוויזענעם וואַגאָן.

ווען אַלץ איז שוין געווען פאַרטיק, זענען צו אונדז צוגעקומען אַ פּאָר פון די באַן־טרעגער, זיך אַנטשולדיקט, וואָס זיי האָבן אונדז נישט באַדינט, מײנענדיק, אַז מיר זענען אַמעריקאַנער בורזשויען; אָבער איצט, אַז זיי ווייסן, אַז מיר זענען נישט אַזעלכע, ווילן זיי נישט פאַרלירן דאָס טרינק־געלט, און זיי בעטן, אַז מיר זאָלן זיי עפּעס געבן. איך האָב זיי געזאָגט, אַז עמיצער האָט זיי אונטערגעפירט, אַז מיר זענען טאַקע בורזשויען און קײן טרינק־געלט פאַר גאָרנישט טאָן קען מען בײַ בורזשויען נישט קריגן. דעם ענטפער, וואָס איך האָב פאַר מײַן איראָנישער באַמערקונג באַקומען איז בעסער אויסצולאָזן פון די פאַרצײכענונגען.

פאַרן אָפּגײן פון צוג איז אַרויסגעקומען דער „נאַטשאַלניק" (הויפּט־באַאַמטער) פון דער באַן־סטאַנציע און מיט אַ באַהאַלטענעם שמײכל אונדז געזאָגט, אַז מיר דאַרפן נישט שטײן אין דער רײ — פאַר אונדז איז דאָ אַ באַזונדער וואַגאָן, און אויב מיר ווילן, קענען מיר שוין אַרײנגײן. מיר האָבן אים, נאַטירלעך, גלײך געפאָלגט און זיך געלאָזט צום וואַגאָן.

דער רויט־אַרמײער, וואָס איז געשטאַנען אויפן טרעפּל פון וואַגאָן, האָט זיך אַרום אונדז גענומען פאַרען. ער האָט געשריגן צום עולם „אָט־באַדיטיע", מאַכט אַ וועג, און מען האָט פאַר אונדז געמאַכט אַ דורכגאַנג. מיר, פינף פערזאָן, מיט אונדזער באַגלײטער זײַנען אַרײן אַלײן אין וואַגאָן.

דער וואַגאָן איז געווען אַן אַלטער, אַ טייל פענצטער זענען געווען פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך, אָבער אינעווייניק איז געווען פאַרהעלטעניס־מעסיק ריין. אַרום וואַגאָן זענען געשטאַנען פיל מענטשן און יעדערער האָט זיך געבעטן, מען זאָל אים אַרײנלאָזן. אונדזער באַגלײטער און דער רויט־אַרמײער האָבן זיי אַלעמען געענטפערט:

— ניעלזיאַ, אַמעריקאַנצי יעדוט. (מען טאָר נישט, עס פאָרן אַמעריקאַנער).

ביז צו דער ערשטער סטאַנציע זענען מיר געפאָרן גאַנץ באַקוועם. אונדזער באַגלייטער, אַ יונגער מענטש, האָט די גאַנצע צייט געזונגען רו־סישע ראָמאַנסן און מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט צו פאַרפירן מיט אים אַ געשפּרעך וועגן דעם נייעם שטייגער־לעבן אין רוסלאַנד. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ער זינגט מיט אַ כיון, כדי נישט אַריינצו־לאָזן זיך אין געשפּרעכן.

מיר זענען אָנגעקומען צו אַ צווייטער סטאַנציע און דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ לענגערער צייט. די שטופּעניש פון מאַסן פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אויפן צוג, איז געווען אַן אומגעווייגלעכע. דער איינ־ציקער וואַגאָן, צו וועלכן מען האָט קיינעם פון די פּאַסאַזשירן נישט צו־געלאָזן, איז געווען אונדזערער, דער „אַמעריקאַנער וואַגאָן". מיר האָבן אין דעם געזען אַ שטאַרקע עוולה און זיך געפילט שולדיק, ווי מיר וואָלטן באַגאַנגען די אומגערעכטיקייט. מיר זענען געפאָרן, שוין מיטן באַגלייטער, זעקס מענטשן אין אַ גאַנצן וואַגאָן און דאָ וואַלגערן זיך אויף דער פּלאַטפאָרמע אין שניי בייטאָג און ביינאַכט הונדערטער מענטשן.

איך האָב אָנגעהויבן פאַרהאַנדלען מיט אונדזער באַגלייטער, אַז ער זאָל אַריינלאָזן פּאַסאַזשירן אין אונדזער וואַגאָן אויך. פון אָנפאַנג האָט ער נישט געוואָלט, דערנאָך האָט ער מסכים געווען, זאָגנדיק: „מילא, אַז איר ווילט, זאָל זיין אַזוי, אָבער שפּעטער וועט איר חרטה האָבן".

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז שוין אין אונדזער וואַגאָן נישט געווען קיין אָרט וואו אַ שפּילקע אַריינצוּוואַרפן. מיר האָבן זיך צוזאַמענגערוקט אין איין פּלאַץ צווישן צוויי בענק און אַזוי זענען מיר שוין אָפּגעפאָרן די פופצן שעה, וואָס עס האָט געדויערט, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין מאָסקווע.

אין מאָסקווער „צעדאָם"

אונדזער צוג איז ענדלעך אָנגעקומען צום געצילטן פּונקט, צו מאָסק־ווע. מיר זענען געווען גוט אויפגעלייגט און פול מיט דערוואַרטונג. עס איז געווען 11 אין דער פרי דעם 10 דעצעמבער. דער פרימאָרגן איז גע־ווען אַ ווינטערדיקער, אָבער אַ שיינער. די זון האָט באַשטראַלט דעם ווייס־קלאָרן שניי און פון די דעכער האָט געקאַפּעט, עס איז געווען אַ מילדער וועטער. פון די חברים, צו וועלכע איך האָב נאָך פון וועליקאַלוקאַ גע־שיקט אַ טעלעגראַמע, איז קיינער אונדז נישט געקומען אָפּוואַרטן, ווייל די טעלעגראַמע, ווי מיר האָבן זיך שפּעטער דערוואוסט, האָט מען צו־געשטעלט ערשט זעקס טעג נאָך אונדזער קומען קיין מאָסקווע.

פון וואָקזאַל ביז דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים, וואו מיר האָבן זיך געדאַרפט לויט די רעקאָמענדאַציעס ווענדן, איז נישט מער ווי אַ האַלבע שעה גאַנג, האָט מען אונדז געזאָגט. נאָך אַזאַ רייזע האָבן מיר באַשטימט צו מאַכן אַ שפּאַציר און דערווייל זען אַ שטיקל מאָסקווע.

דער באַגלייטער האָט מסכים געווען און ער איז מיט אונדז מיטגעגאַנגען ביזן קאָמיסאַריאַט. דאָ האָט ער זיך געזעגנט מיט אונדז און איז אוועק. מיר זענען געבליבן וואַרטן אויפן חבר גריגאָרי ווײַנשטײן, וועלכן איך האָב גוט געקענט פֿון ניו־יאָרק, וואו ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פֿון דער באָלשעוויסטישער צײַטונג „נאָווי מיר" (נייע וועלט).

ווײַנשטײן האָט דאַן שוין פֿאַרנומען אַ הויכן פּאָסטן אין דעם אויסערן־קאָמיסאַריאַט. ער איז געווען אַן אַלטער באָלשעוויק און אַ מענטש מיט אַ רעוואָלוציאָנערן סטאַזש. זײַן אמת אין מאָסקווע האָט אים שוין מער נישט דערלויבט צו זײַן דער באַהעמיער, פֿאַר וועלכן מיר האָבן אים געקענט אין ניו־יאָרק, וואו ער פֿלעגט זיצן אין רעסטאָראַן „זינדאַרעסט" און זיך חבריש קיבעצן מיט אַלעמען. דער באָלשעוויזם אין ניו־יאָרק האָט אין יענע יאָרן געהאַט די זעלבע באַדײַטונג ווי אַלע אַנדערע איזמען און מיר פֿלעגן זיך נישט פֿילן קיינער גרעסער אָדער קלענער אין די אויפֿטואונגען פֿאַר דער אַלגעמיינער זאַך. ווײַנשטײן איז געווען אַ גוטער חבר און פֿרײַנט צו אַלעמען און אַפֿילו צו די, וואָס האָבן באַלאַנגט צו אַן אַנדערע שאַטירונג פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

נאָך אַ לענגערער צײַט וואַרטן אין קאָרידאָר האָט מען אונדז אַרײַנגערופֿן צו גריגאָרי ווײַנשטײנען אין קאַבינעט. דאָס מעבל אינעווייניק און די אײַנאָרדענונג איז געווען ווי אין די אַמאָליקע רוסישע קאַנצעלאַריעס, און דער ערשטער אײַנדרוק איז געווען, אַז מען דאַרף האָבן דרך־ארץ פֿאַר אַ גרויסן באַאַמטן. ווײַנשטײן האָט אונדז אויפֿגענומען מאָדנע קאַלט. ער איז געבליבן זיצן אויפֿן פּלאַץ זײַנעם, ווען איך האָב אים באַגריסט, און איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט די געלעגנהייט צו מאַכן עס דורך אַ האַנט־דרוק. איך האָב אויפֿן ערשטן בליק פֿאַרלוירן דאָס לשון און מער נישט גערעדט. אונדזערע דאָקומענטן זענען געלעגן פֿאַר אים אויפֿן טיש, ער האָט געהאַלטן אָנגעבויגן דעם קאָפּ איבער זיי און, נישט אויפֿהויבנדיק די אויגן, האָט ער געפֿרעגט, ווי עס איז אונדז געגאַנגען די רייזע. ער האָט עס געפֿרעגט זייער שאַבלאָן־מעסיק און מײַן ענטפֿער האָט געהאַט דעם זעלבן טעם. מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונדזער ערשטע באַגעגעניש נאָך אַ צײַט פֿון פֿינף יאָר, ווען מיר האָבן זיך געזען אין ניו־יאָרק, בעת אַ גרופּע מיליטערישע מאַטראָסן זענען אָנגעפֿאַלן אויף דער רעדאַקציע פֿון זײַן צײַטונג און איך האָב מיט דער הילף פֿון דער אינדוסטריעלער אָרגאַניזאַציע איי־דאַבליו־דאַבליו אָפּגעראַטעוועט די דרוקערײַ זייערע.

— איר ווייסט, חברים, — האָט ווײַנשטײן געזאָגט אָפֿיציעל, — ביז איך וועט זיך קענען דאָ אײַנאָרדענען, וועט מען אײַך געבן דערווײַל אַ פּלאַץ אין „צעדאָם" (צענטראַלע הויז פֿאַר עמיגראַנטן).

איך האָב דערויף אין גאַנצן נישט געענטפֿערט, ווײַל נאָכן טאָן האָב איך דערפֿילט אַז צווישן אונדז און דער אָפֿיציעלער ביוראָקראַטיע איז אַ תהום. מיר האָבן נאָך אונטערגעוואַרט אַ פּאָר מינוט אין קאַבינעט, אָבער

שוין נישט נאָנט פון דעם ברייטן רעגירונגס־שרייב־טיש און מיר האָבן מער מיטן חבר ווײנשטײן גאָרנישט גערעדט. איך האָב דאָ, צוריקקומענ־דיק פון אַמעריקע אין דער „פרייער רוסלאַנד", צום ערשטן מאָל דערפילט דעם טעם פון אַ פשוטן עמיגראַנט, וואָס איז נישט מער ווי אַ פעקל מיט אַן אָנגעהאָנגענעם צעטל אויפן פאַלטאָ־קנעפּל און וועלכער וואַרט אויף דעם רייזע־אַגענט, אַז ער זאָל אים פירן ווייטער לויט דעם אָנגעוויזענעם מאַרשרוט.

דער „צעדאָם" פונם קאָמיסאַריאַט איז געווען היפּשלעך ווייט. פון דער רייזע אַ גאַנצע נאַכט און אַ האַלבן טאָג און פון אונדזער שפּאַציר פון באַן זענען מיר שוין געווען מיד און אין מויל האָבן מיר די גאַנצע צייט אויך גאָרנישט געהאַט. מיר האָבן קוים געשלעפּט די פיס, ביז מיר זענען אָנגעקומען צו אונדזער ווינאַרט. אין דער נייער סאָוועטישער וואוי־נונג האָט מען אונדז מכבד געווען מיט אַ ביסל קאַרטאָפל־זופּ און אַ פּאָר שטיקלעך זאַמדיקן ברויט. אַלץ אַרום איז געווען אָרעם און אָפּגעלאָזן. דער צימער, וואָס מען האָט אונדז געגעבן, האָט געהאַט דריי בעטן, אַ טישל און איין בענקל. די בעטגעוואַנט איז געווען שמוציק און די שוואַר־צע ליילעכער האָבן עדות געזאָגט וועגן די פיל געסט, וואָס זענען דורכ־געגאַנגען דורך דעם צימער, זינט דער „צעדאָם" איז געשאַפן געוואָרן. נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, זענען מיר די ערשטע נאַכט געשלאָפן ווי געהרגעטע.

אין דער פרי האָט מען אונדז גערופן אין קאַנצעלאַריע, צוגענומען ביי אונדז די אומאָפיציעלע דאָקומענטן און יעדן איינעם אַרויסגעגעבן אַ ביכל, וואָס האָט פאַרנומען דעם פּלאַץ פון אַ פּאַספּאָרט און האָט דעם באַזיצער פאַרזיכערט מיט רעכט אויף אַרבעט.

מיר זענען אַריין אין עס־צימער, אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלעזער טיי, צוגעביסן פונם זעלבן ברויט, וואָס נעכטן, און זיך געלאָזט גיין אין גאַס זען, וואו מיר זענען דאָ אין דער וועלט. אָבער דער מאַן, וואָס איז גע־שטאַנען ביים אַרויסגאַנג פון „צעדאָם", האָט אונדז געלאָזט וויסן, אַז מיר קענען נאָך נישט גיין אין גאַס, ביז אַ פאָרשטייער פון דער „טשעקאַ" וועט נישט איבערקוקן דעם באַגאַזש אונדזערן, וואָס מען האָט ערשט גע־בראַכט פון דער סטאַנציע. דער פאָרשטייער וועט דאָ זיין פּונקט 11 אַזיי־גער און מיר זאָלן אַזוי גוט זיין וואַרטן די צוויי שעה. אויף דער פראַגע, וואו דער באַגאַזש ליגט, האָט מען אונדז געענטפערט, אַז אין קעלער, אָבער מיר קענען אַהין נישט אַראָפּגיין, ביז דער באַאַמטער וועט נישט קומען דורכפירן די רעוויזיע און געבן זיין הסכם דערויף.

איך האָב פּרובירט בעטן, מען זאָל איינעם פון אונדז לאָזן אַרויס־גיין אין שטאָט, ווייל מיר האָבן אַדרעסן צו חברים פון אַמעריקע און מיר ווילן זיי מיטטיילן וועגן אונדזער אָנקומען. דער ענטפער איז געווען אין אַ פריינטלעכן טאָן, אָבער אַ נעגאַטיווער אין אינהאַלט. עס איז אַזאַ פאַר־

אָרדענונג פאַר אַלע עמיגראַנטן און מיר וועלן דאָך נישט וועלן, אַז מען זאָל מאַכן מיט אונדז אַן אויסנאַם — האָט מען אונדז געזאָגט.

מיר האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן די עוולה פון האַלטן אונדז „אַרעסטירט", פונקט ווי מיר וואָלטן געווען קאָנטראַבאַנדיסטן, האָבן מיר פּראָטעסטירט, געטענהט, אָבער עס האָט גאָרנישט געהאָלפן. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין צימער און זיך געזעצט וואַרטן אויף דער שעה, ווען עס וועט קומען דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, מיט יעדער מי־נוט, וואָס מיר האָבן געוואַרט, איז פאַר אונדז קלאָרער געוואָרן, אַז די מענטשן, וואָס האָבן אין אַמעריקע קריטיקירט די פירונג פון סאָוועט־רוסלאַנד, זיינען נישט געווען אינגאַנצן אומגערעכט. אונדזער חבר ליפּ־מאַן, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ באָלשעוויק און מיטגעפירט מיט זיך אַ דאָקומענט, וואָס באַשטעטיקט זיין פּאָליטישע כשרות, איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך געשעמט זיך אָפּצורופן מיט אַ וואָרט, ווען מיר האָבן זיך דורכגעשמועסט וועגן די צוימען וואָס מען באַגעגנט אויף יעדן טריט און שריט.

איך האָב זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעוויינט פון די לאַנגיאָריקע טור־מע־שפּאַצירן אין דער אַמעריקאַנער תפיסה — האָב איך דאָ אויך נערוועז אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק איבערן צימער, פון צייט צו צייט אָפּ־געזוכט אַ גוט וואָרט, אפשר אַ באַרעכטיקונג — אָבער די אַנדערע חברים האָבן עס אָפּגעשלאָגן מיט פאַרביטערונג.

די טיר האָט זיך געעפנט און אין אונדזער צימער האָט זיך באַוויזן דער אויפזעער פון „צעדאָם" צוזאַמען מיטן פאָרשטייער פון „טשעקאַ" און אַן אַ גוט מאָרגן איז ער צוגעטראָטן צו שטעלן אונדז די ערשטע פּרע־לימינאַרע פראַגעס וועגן דעם קומען אונדזערן קיין סאָוועט־רוסלאַנד.

איידער דער פּאָליטישער קאָמיסאַר איז אַראָפּ מיט אונדז אין קע־לער איבערצוקוקן אונדזערע זאַכן, האָבן מיר געהאַט אַ קורצן, אָבער גאַנץ שאַרפן אויסטויש פון ווערטער. ער האָט אונדז אַ פרעג געטאָן, וויפל גאָלד מיר פירן. אויף דעם האָב איך אים געענטפערט מיט אַ פראַגע: צי איז ער אַ פּאָליטישער קאָמיסאַר אָדער אַ קרימינעלער? איז דער קאָמיסאַר גע־וואָרן אין כעס און עס איז פאָרגעקומען צווישן אונדז דער פאָלגנדיקער דיאַלאָג:

ער: איך דאַרף אייך, אייגנטלעך, נישט זאָגן, ווער איך בין, נאָר איך וויל, איר זאָלט וויסן, אַז איך בין דער פאַרטרעטער פונם פאָרזיצער פון דער „קרא" אָפּטיילונג ביי דער „טשעקאַ", וועלכע קעמפט מיט דער אויס־לענדישער קאָנטר־רעוואָלוציע. מיר דאַרפט איר ענטפערן, נישט שטעלן קיין פראַגע.

איך: יאָ, איר זייט גערעכט, אָבער נאָר ווען די פראַגעס וועלן זיך באַציען צו אונדז. איר פרעגט מיך אָבער אַזוי, ווי איך וואָלט געווען אַ ספּעקולאַנט פון אַמעריקע, מוז איך אייך ענטפערן מיט פראַגעס.

ער: אַלע אַמעריקאַנער זיינען אַלץ איינס.

איך: דענקט איר, חבר קאָמיסאַר, אַז די אַמעריקאַנער זענען אַן אייניק פאָלק? אַז אין אַמעריקע איז נישטאָ קיין קלאַסן־צעטיילונג? מיר קומען גלייך פון אַמעריקאַנער טורמעס נאָך יאָרן זיצן דאָרט צוליבן קאַמף פאַר דער סאָוועטן־מאַכט און האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט קיין גאָלד.

ער: די מעשיות האָבן מיר שוין געהערט. מיר וועלן אייך האָבן אויפן אויג און דאַן וועלן מיר וויסן, ווער איר זייט און מיט וואָס איר שמעקט.

מיט די לעצטע ווערטער זענען מיר אַראָפּ אין קעלער און מען האָט זיך גענומען צו דער רעוויזיע. דער ערשטער קאַסטן, וואָס מען האָט געעפנט, האָט אַנטהאַלטן קאָנסערווירטע פּראָדוקטן. דער קאָמיסאַר האָט אויפגעבראָכן אַ בלעכענע פּושקע און אַ זאָג געטאָן: „נישט קיין שלעכטע זאַכן, בורזשואַזע געוויינהייטן, מורא געהאַט, איר וועט שטאַרבן פאַר הונגער ביי אונדז". מיר האָבן אים גאָרנישט געענטפערט און מען האָט זיך גענומען צום צווייטן קאַסטן. דאָ זענען געווען אַ ביסל יידישע און ענגלישע ביכער. ער האָט אַ מיש געטאָן איין בוך, אַ צווייטן און געפרעגט: „רוסישע ביכער האָט איר דאָ אויך?" מיר האָבן אים פאַרזיכערט, אַז נישט, און — „אויב איר גלויבט נישט, טאָ קוקט".

דער דריטער קאַסטן — דאָס איז געווען יענער פּעקל באַגאַזש, וואָס האָט אונדז געראַטעוועט ביי יעדער סיטואַציע, זינט מיר זענען אַריבער די גרענעץ. דער קאָמיסאַר האָט געפרעגט, וואָס מיר פירן אין דעם גרויסן קאַסטן, און איך האָב אים געענטפערט, אַז דער שליסל איז ביי מיר, אָבער עפענען קען איך עס נישט, ווייל מען האָט אונדז געהייסן דאָס איבערגעבן דעם קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע אָנגעלעגנהייטן. „אויב איר ווילט, האָב איך געזאָגט צום קאָמיסאַר, ווענדט זיך דאָרט צו די חברים ווינשטיין אָדער קאַנטאַראָוויטש, פאַר וועמען דאָס איז באַשטימט, און מיט זייער דערלויבעניש וועל איך עפענען דעם קאַסטן.

זיין בליק האָט אָנגעפאַנגען וואַנדערן. איך האָב נישט געוואוסט, אויף וועמען ער קוקט, נאָר דערפילט, אַז ער טראַכט איצט, צי די אַלע נאַרישע פראַגעס וועלן אים נישט אַרויסגיין באַקאַם.

ער איז צוגעגאַנגען צו מיר, חבריש מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין אַקסל און מאָדנע מילד אַ פרעג געטאָן: „איר האָט שוין, חברים, אייערע אַרבעטס־ביכלעך?"

מיר האָבן זיי אים באַוויזן. ער האָט זיי אויף גיך אָפּגעשטעמפּלט, אונטערגעשריבן אַ פּאַפּיר, אַז דער באַגאַזש איז פריי, און, אַרויסגייענדיק פון קעלער, זיך אָנגערופן: „איר וועט דאָ זיין, חברים, אַ שטיקל צייט, וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס מיר דערקענען נישט צייטנווייז, ווער ס'איז אַן אייגענער און ווער — אַ פרעמדער".

אין רוסלאַנד פילט מען נישט נאָר מען פאָלגט

וווען מיר זענען אַרויס אויף דער וואַס, איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג. מיר זענען אַלע געשטאַנען ביי דער טיר פון „צעדאָם" און נישט

געוואוסט וואָס צו טאָן, וואו מען הייבט אָן צו גיין. דאָס איז געווען די ערשטע מינוט נאָך פיל יאָרן, וואָס מיר האָבן זיך געקענט פריי באַוועגן, אָן שומרים און באַגלייטער. פון טורמע האָט מען אונדז אין אמעריקע געפירט אונטער אַ וואַך צום „טרערן־אינזל", דערנאָך מיט אַ קליין שיפל צו דער שיף, „עסטאָניע", די גאַנצע רייזע האָט מען אונדז באַוואכט. און אַט איז היינט דעצעמבער דער 10־טער פון 1921 און מיר זענען פריי, אָן אַ וואַך און אָן באַגלייטער, מיר קענען גיין, וואו מיר ווילן.

אונדז האָט אַרומגענומען אַ מאָדנער געפיל. עס איז אָנגעקומען אונדזערע אַ חברטע, עטל, וואָס האָט זיך דערוואוסט, אַז מיר זענען דאָ. זי איז געקומען זוכן איר חבר ליפּמאַן, מיט וועלכן זי איז געווען פיר יאָר צעשיידט. זי האָט איר געליבטן מענטשן אַרומגעכאַפּט, געגלעט דעם קאָפּ. מיר האָבן זיך אַלע דערפרייט מיט עטלען, וועלכע איז שוין געווען אין רוסלאַנד מער ווי אַ יאָר צייט. מיר האָט זיך געוואָלט לויפן און טאַנצן פאַר פרייד, וואָס איך בין פריי. עס האָט זיך געוואָלט לאַכן און וויינען, דאָס האַרץ איז געוואָרן איבערגעפולט און איך האָב נישט געוואוסט, וואָס עס קומט פאָר מיט מיר.

מיר האָבן זיך אַלע צוריק אומגעקערט אין צימער. עטל האָט אונדז באַגלייט. מען האָט פיל גערעדט, געלאַכט, דערציילט פון אַמעריקע, פון דער רייזע, איינער דעם אַנדערן איבערגעשלאָגן און אַזוי פאַרבראַכט אין הייטערקייט מער ווי אַ שעה צייט. עטל איז בעתן געשפּרעך געווען די רואיקסטע פון אַלעמען, און דאָס האָט מיך געוווּנדערט. איך האָב זי געקענט פון ניו־יאָרק ווי אַ זאַרגלאָזע, לוסטיקע מיידל, וואָס האָט מיט איר ריידן און פרייַלעכקייט אַרויסגערופן שטענדיק געלעכטער, — און דאָ ווערן אירע ווערטער באַגלייט מיט אַ זיפץ און זי האַלט זיך מיט אַזאַ קאַלטער רואיקייט, וואָס פּאַסט פאַר אַ דיפּלאָמאַט, וועלכער זוכט אַריינצינאָרן זיין קעגנער אין זאַק אַריין.

איידער מיר זענען אַרויס פון הויז, האָט עטל טעלעפאָניש זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אונדזערע חברים פון ניו־יאָרק. בערנאַרד, פערקוס א. א., מיט וועלכע מיר האָבן צוזאַמען געאַרבעט. זיי זענען גלייך נאָך דער רעוואָלוציע אַוועק קיין רוסלאַנד, וואוהין מיר זענען צוליב דער תפיסה־שטראָף געקומען ערשט איצט.

פון די טעלעפאָן־געשפּרעכן זענען מיר געוואויר געוואָרן, אַז די חברים ווילן זיך צוזאַמענקומען ביי עטלען אין הויז ערשט ניין אַזייגער אין אָוונט, ווייל זיי זענען מיד, האָט זי געזאָגט. זי האָט אונדז אויך געגעבן אָנצוהערן, אַז זי האָט אַ סך סיגאַרעטן, ווייל זי האָט היינט געקריגן דעם פּאַיאָק, — אָבער מער גאָרנישט. זי האָט מיר געראָטן, אַז איך זאָל זיך זען מיט ביאַנקאָן, ווייל ער קען צושטעלן גוטע זאַכן.

ביאַנקאָ איז געווען מיינער אַ חבר פון ניו־יאָרק. אַ געבוירענער אין מילאַן, איטאַליע, ביי רוסישע עלטערן, האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דעם אידעאַליזם פון אַ גוטמוטיקן רוס און דעם טעמפּעראַמענט פון אַ איטאַ־

ליענער. אין אַמעריקע איז ער פון דער ערשטער מינוט אָן געווען אַ שאַר־פער קעגנער פון דער פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור און איך בין מיט אים געוואָרן דערפאַר פּאָליטישע שונאים.

— וואָס טוט דאָ ביאַנקאָ? — האָב איך מיט פאַרוואונדערונג גע־פרעגט עטלען; — ער איז אויף דער פריי, און קען צושטעלן גוטע זאַכן? וואָס מיינט עס?

עטל האָט אַ שמייכל געטאָן:

— זעסט דזשעק, דאָ וועט איר קענען זיין די בעסטע חברים. ער איז איצט אַ הייסער פּאַרטיידיקער פון דער סאָוועטן־סיסטעם און היט אָפּ שטרענג די באָלשעוויסטישע ליניע; ער איז אַ קאָמיסאַר, און נאָך אויף וואָס פאַר אַ אמט? — אין אַ מיליטערישן פּראָוויאַנט־סקלאַד. זיין איינ־פלוס איז גרויס, און אַז ער וועט זיך דערוויסן, אַז דו ביסט דאָ, וועט ער פאַר דיר אַלץ טאָן און ער וועט ברענגען צושלעפּן דעם גאַנצן סקלאַד מיט פּראָוויאַנט. ווען מיר רייסן זיך איין מיט אים אין אַ דיסקוסיע — האָט מיר עטל ווייטער דערציילט — דערמאָנט ער דיך און ער זאָגט, אַז דו האָסט געהאַט אַ ווייטן בליק אויף דער רוסישער רעוואָלוציע, אַ וויי־טערן ווי מיר אַלע. אָבער מיר זענען היינט נישט אין ניו־יאָרק און מיר דיסקוטירן ווייניק, מיר פאַרשווייגן אָפטמאָל מער, ווי אונדזער דענקען דערלויבט.

— האָסט אַ טעות, חברטע, — האָב איך איר געענטפערט: — איך רעכן, אַז ביאַנקאָ וועט זיך אין מיר אַנטוישן. עפּער פיל איך, אַז מיר האָבן זיך געביטן מיט די מיינונגען, מיטן אופן פון אויפפאַסן זאַכן, און מיר וועלן ווידער אפשר זיין שונאים. זינט מיר האָבן בעטראַטן דעם באָדן פונם לאַנד, נאָך וועלכן איך האָב אַזויפיל געבענקט און געטרוימט און פאַר וועלכן איך האָב געליטן, — האָב איך דערפילט, אַז עפּעס האָט זיך אָפּגעריסן. אפשר בין איך נישט גערעכט, אָבער אַזוי פיל איך.

— אין רוסלאַנד פילט מען נישט, נאָר מען פאָלגט! — האָט מיר עטל שטיל און מיט באַטאָנונג אַ זאָג געטאָן.

מיר האָבן זיך נישט געקענט דערוואָרטן אויף ניין אַזייגער און זיי־נען מיט אַנדערהאַלבן שעה פריער אַוועק צום חבר פּערקום אין וואוינונג. פּערקום האָט געהאַט אַ פּאָסטן אַלס פאַרוואַלטער פון דעם קאָאָפּעראַטיוו פון קאָמאינטערן, וואָס האָט באַדינט אַלע האָטעלן, וועלכע דער קאָמאינ־טערן האָט געהאַט אונטער זיין רשות, ווי אויך די בעסטע פּריוואַטע וואוי־נונגען פאַר די דעלעגאַטן פון פרעמדע לענדער. אין איינער אַזאַ דירה האָט פּערקום געוואוינט. דאָרט זענען געווען שיינע, ליכטיקע צימערן, מיט אַ קיך, מיט צענטראַלער באַהייצונג און בכלל מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן פון אַ רייכער הויז.

אין אַ גרויסן צימער איז געשטאַנען אַ געדעקטער טיש אין דער פאָרם פון אַ „ד.". דער טיש אַליין האָט אונדז באַלד ביים אריינגיין גע־מאַכט פילן, אַז מיר זענען אָנגעלייגטע געסט. חברטע דאָרע, די באַלע־

באַסטע פון הויז, אַ קליינגעוויקסיקע און פעסטגעבויטע מיידל, מיט אַ ברוינעם געזיכט, איז אונדז אַנטקעגנגעקומען. זי איז שוין געווען אין רוסלאַנד מער ווי אַ יאָר צייט, זייענדיק פון די ערשטע 147, וואָס מען האָט אַרויסגעשיקט פון אַמעריקע נאָך דער רעוואָלוציע קיין רוסלאַנד. מיר האָבן זי געקענט פאַר אַ גוטער פון דער נאַטור, אָבער זי האָט זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַן אומצופרידענער מינע אויף איר פּנים. דערזען אונדז, האָט זי זיך זייער דערפרייט און נישט געוואוסט מיט וועמען זיך פריער אַרומצוכאַפּן. נאָך אַ פּאָר מינוט פון האַרציקן באַגריסן זיך האָט זי אונדז געזאָגט, אַז מיר האָבן איר איבערגעראַשט מיטן קומען צו פרי און זי האָט נאָך אַ סך צו טאָן אויף צו־צוגרייטן דעם אָוונט־ברויט. אונדזערע חברטעס מערי און מאַלי האָבן איר פאַרגעלייגט צו העלפן, אָבער זי האָט זיך אָפּגעזאָגט זיי צו באַמיען. מען האָט זיך ווידער צעקושט און דאָרא איז אַוועק טאָן איר אַרבעט.

נאָך די לאַנגע טעג פון שווערער רייזע אין די קעלטן, פון נישט דערעסן און פון זאָרג האָבן מיר זיך דאָ דערפילט באַקוועם אין דער וואַרעמער, ריינער הויז. מיר האָבן לעבהאַפט זיך געטיילט מיט די ערשטע איינדרוקן פון דעם גרויסן פאַרלאָזענעם דאָרף, מיט די קרומע גאַסן און גליטשיקע, שלעכט ברוקירטע טראָטואַרן, וואָס מאַסקווע האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט. מיר האָבן אַלץ פאַרענטפערט מיטן זעלבן אַרגומענט: פיר יאָר קריג און דריי יאָר רעוואָלוציע.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקומען אונדזערע אַלטע חברים, דער ערשטער איז געווען דער חבר פערקוס וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן ביים אַריינקומען מיט אַ קאַלטער רואיקייט. זיין פעסטע פיגור האָט אויסגעקוקט נאָך מעכטיקער צוליב די פּעקלעך, וואָס ער האָט געטראָגן. ער האָט אונדז אַלעמען פעסט געדריקט די הענט און געזאָגט: „ווער איז גערעכט געווען? אַלע זענט איר געקומען אהער".

פערקוס האָט זיך אין אונדזערע קרייזן אין ניו־יאָרק גערעכנט פאַרן בעסטן רעדנער און ער האָט פאַרמאָגט אַ פייערדיקע פּראָפּאַגאַנדיסטישע פּען. ער איז געווען אַ פּשוטער סטאָלער אַרבעטער, אָבער אויך אַ קענער פון געשיכטע און אַ ספּעץ איבער דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, אַזוי אַז פיל פון אונדזערע אינטעליגענטן אין ניו־יאָרק האָבן זיך מיט אים נישט געקענט פאַרמעסטן.

צוביסלעך זענען זיך צוזאַמענגעקומען אַלע אונדזערע חברים און יעדערער פון זיי האָבן געטראָגן אַ פּעקל אונטער דער פּאַכע. דאָס האָט יעדערער פון זיי, ווי איך האָב זיך דערנאָך דערוואוסט, מיטגעבראַכט זיין „פּאַיאָק" און נאָך דעם אַ גאַנצע וואָך אַרומגעלאָפן זוכן וואו צו שטילן דעם הונגער.

אויפן טיש איז געווען פון אַלעם גוטן יענעם אָוונט, אפילו קאַוויאַר און ווייַן. פערקוס האָט זיך צעוואַרעמט, און זאָגנדיק אַ פּאָר ווערטער, האָט ער אונדז אַלעמען געקרוינט מיטן נאָמען „נאַשאַ סעמיאַ" (אונדזער

פאַמיליע). אַזוי האָבן מיר זיך טאַקע גערופן אַ לאַנגע צייט, פאַרבליבן אַלע פאַמיליאַר, געפרייט זיך און געליטן ווי איין גרויסע פאַמיליע, וואָס יעדער נעמט זי אָן מיט אירע חסרונות ווי מיט אירע מעלות.

דער אָוונט איז פאַר אונדז געווען אַ היסטאָרישער. מען איז אַרויס פון די גרענעצן פון דער מאָסקווער צענזור, און אפילו די, וואָס האָבן געהערט צו דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, האָבן אַרויסגעזאָגט גאַנץ אָפּי־קורסישע געדאַנקען. דער איינציקער, וואָס האָט זיך געהאַלטן שטרענג ביי דער ליניע, איז געווען ביאַנקאַ, וועלכע האָט אין ניו־יאָרק די גאַנצע צייט זיך געהאַלטן ביי פּונקט אַ פאַרקערטער מיינונג.

די נאַכט איז אַוועק ווי אַ שיינער חלום. ווען אין די פענצטער האָט שוין געשלאָגן דער בלויער פרימאָרגן, האָט פערקוס אויפגעעפנט אַ ניי פלעשענע און אָנגעהויבן מיט אַ נייעם נוסח. ער האָט זיך עפּעס דערמאָנט נאָך אַ פאַקט און מען האָט געמוזט דערביי ווידער נעמען אביסל משקה. און דערמאָנט האָט ער זיך אָט וואָס:

ווען מען האָט אונדז אַרויסגעפירט אין ניו־יאָרק פון געריכט נאָכן פאַראורטיילן צו 20 יאָר טורמע, איז פערקוס צוגעקומען צו דעם פאַטרול־וואָגן, אין וועלכן מיר זענען געזעסן, און האָט אונדז געטרייסט מיט די ווערטער: „זייט נישט פאַרצווייפלט, חברים. די רוסישע רעוואָלוציע טראָגט אין זיך וועלט־פּרוכטן. עס וועט לאַנג נישט נעמען און דער זעלבער כוח וועט עפענען די טויערן פון אייער טורמע. עס וועט אפשר אויסקומען צו מאַכן זיג־זאַגן ביזן זיג פון אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט. אָבער דער זיג איז נאָענט — איר וועט דעם אַרויסגעטראָגענעם אורטייל נישט דאַרפן אויסזיצן".

ער האָט זיך עס איצט דערמאָנט און איבערגערעדט אויף אַ בילד־לעכן אופן. האָבן מיר געמוזט מאַכן אַ לחיים פאַר זיין טרעפן דעם ערשטן טייל און אויך פאַרן צווייטן טייל, אַז מען זאָל בשלום דורכמאַכן די זיגזאַגן און עס זאָל מקוים ווערן זיין פולע נבואה. פערקוס האָט פאַר־ענדיקט זיינע רייד, זיך ווענדנדיק צום חבר ביאַנקאַ.

— ווי זאָגסטו, ביאַנקאַ? מיר זענען אין סאָוועט־רוסלאַנד און דאָ איז שווייגן זייער געזונט פאַר דער רעוואָלוציע, וועט עס פאַר אונדז אויך זיין געזונט?

עס איז שוין געווען גוט שפּעט, ווען אַלע חברים זענען אַוועק. די גוטע חברטע דאָראַ האָט זיך גענומען ברענגען אין אָרדענונג דעם צי־מער, דער קאָפּ איז מיר געווען שווער פון אַ גאַנצער נאַכט רעדן, טרינ־קען און פאַרברענגען אין אַזאַ פריידיקער חברשער סביבה. איך האָב זיך געפילט היימיש, ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס; כ'בין אַריין אין קיך, אָנגעצונדן דעם פּרימוס און אויף אָן עכט רוסישן אופן, מיט אַ קליין שטיקל צו־קער אונטער דער צונג, אויסגעטרונקען אַ פּאָר גלאָז טיי.

קאָמאינטערן־לייט זוכן צו קאָמפּראָמיטירן דעבסן

די אַמעריקאַנער פאָרשטייער אין קאָמאינטערן זענען דאַן געווען איז־רעאַל עמטער און קאַר. זיי זענען געווען די דעלעגאַטן פון אַמעריקע צום דריטן־אינטערנאַציאָנאַל און אויך די ספּעצן איבער דער אַמעריקאַנער באַוועגונג. ווען איינער איז געקומען פון אַמעריקע אַלס טוריסט אָדער אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט, האָט ער זיך געדאַרפט מיט זיי דורכרעדן און אָנשרייבן אַ ראַפּאָרט וועגן זיין באַציאונג צו דער סאָוועטן־מאַכט און וועגן זיינע פּלענער אין סאָוועטן־רוסלאַנד.

פּערקוס, וועלכער האָט געאַרבעט אין קאָמאינטערן און וועלכן מען האָט געקענט ווי מיינעם אַ חבר פון ניו־יאָרק, האָט מען געלאָזט וויסן, אַז איך זאָל מאָרגן אויף דער נאַכט זיך מעלדן אין האָטעל „לוקס"; דער חבר קאַר וויל זיך מיט מיר דורכרעדן. פּערקוס האָט דאָס מיר, פאַרשטייט זיך, איבערגעגעבן און צו דער באַשטימטער צייט בין איך אַוועק אין האָטעל „לוקס".

ווען איך בין אַריין אין קאַבינעט צום חבר קאַר, האָב איך אים גע־טראָפן נישט אַליין, ווי איך האָב זיך גערינכט. אַ חוץ אים זענען געזעסן אין צימער נאָך צוויי מענער, אַנגעטאָן אין לעדערנע אַנצוגן, און ביי אַ מישל איז געזעסן אַ מיידל, קענטיק — אַ ביוראַליסטקע, איבער אַ בלאַק פּאַפּיר. דער צימער איז געווען האַלב באַלויכטן. קאַר איז אויפגעשטאַנען, ווען איך בין אַריינגעקומען, און האָט מיר פאָרגעשטעלט פאַר די אַנדע־רע חברים.

נאָכן דורכרעדן זיך אַ פּאָר מינוט איז די אַטמאָספערע געוואָרן אַ פריינדלעכע. קאַר, אַז אַמעריקאַנער, נישט קיין ייד, האָט גערעדט בלויז ענגליש. עמטער האָט אויך גערעדט ענגליש, די אַנדערע מענער און דאָס מיידל האָבן פאַרשטאַנען, וואָס מען רעדט, אָבער רעדן איז זיי געווען שווער.

דאָס איז געווען די צייט (סוף 1921), ווען דער קורס פון די באָל־שעוויקעס איז געווען צו פאַרניכטן מיט אַלע מיטלען, כשרע און נישט כשרע, יעדע פּאָליטישע פּאַרטיי און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג פון אַן אַנ־דער ריכטונג אין רוסלאַנד. ווען עמעצער האָט דעמאָלט געוואָלט ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, אפילו ער איז ביז דאַן געווען אַן אומפּאַר־טייאישער, פלעגט מען אים אונטעררוקן אונטערצושרייבן אַ טעקסט מיט אַזאַ אינהאַלט: „איך טרעט אַרויס פון דער און דער פּאַרטיי, ווייל איך בין געקומען צום שלוס, אַז זי האָט מיך און דעם אַרבעטער־קלאַס פאַר־פירט און פאַרראַטן דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט. די איינציקע פּאַרטיי פון טאַט איז די באָלשעוויסטישע, אירע פירער, לענין און טראָצקי זיינען די עכטסטע און אמת פּראָלעטאַרישע פירער, און זייער ליניע איז די איינ־ציקע, וואָס וועט ברענגען די וועלט־רעוואָלוציע".

אַזוי ווי איך האָב פון דעם געוואוסט, האָב איך דעריבער נישט גע־

האָט בדעה צו ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי. און דער פּאָליטישער געשפּרעך צווישן קאַרן און מיר האָט זיך טאַקע פון דעם אָנגעהויבן.

קאַר האָט געוואוסט, אַז אין אַמעריקע האָב איך געפירט אַ גרויסן קאַמף מיט מיינע חברים און האָב היים פּאַרטיידיקט די סאָוועטן־מאַכט. איז אַוועק אַ סדרה וועגן פאַנאַטיקער און פאַררעטער אין דער אַנאַרכיס־טישער באַוועגונג. עטלס פּראַזע, אַז אין רוסלאַנד פילט מען נישט, נאָר מען פאָלגט, — האָט זיך מיר גוט איינגעקריצט אין זכרון. איך האָב דער־פילט, אַז איך מוז זיין פאָרזיכטיק דאָ, אין דעם גליקלעכן לאַנד.

די ערשטע פּערזאָן, וואָס קאַר האָט געוואָלט קאָמפּראָמיטירן, איז געווען עמאַ גאָלדמאַן, די וועלט־באַרימטע אַנאַרכיסטקע און רעוואָלוציאָ־נערקע. ער האָט געוואוסט, אַז איך בין געווען טעטיק צוזאַמען מיט איר אין איין באַוועגונג לאַנגע יאָרן, האָט ער געהאַט אַ גרויסן אינטערעס צו הערן פון מיר ווערטער פון פאַראורטיילונג קעגן איר. עס האָט זיך אָנ־געהויבן צווישן אונדז אַ געפעכט פון אַטאַקירן איר און פאַרטיידיקן. ער האָט זי אַטאַקירט מיט אומפאַרשעמקייט און חוצפה, פאַרוואַרפנדיק עמאַ גאָלדמאַן, אַז זי האָט געלעבט פון דער באַוועגונג, אַז זי איז אַ עגאָאיס־טקע, זי האָט בורזשואַזע נייגונגען, אאז"וו.

איך האָב זייער פאָרזיכטיק זי פאַרטיידיקט. ווער עס האָט געקענט אָט די שטורמישע פרוי, האָט געוואוסט, אַז זי האָט געלעבט פון דער פען, אַז זי האָט קיינמאָל נישט אויסגענוצט די באַוועגונג. איך האָב אים צוגעגעבן וועגן דעם פונקט עגאָאיזם, ווייל לייקענען מענטשלעכן עגאָ־איזם איז אַקוראַט ווי זאָגן, אַז אַ מענטש קען זיין אָן הענט און פיס און פירן אַ פיזישן קאַמף. דערהויפּט איז ביי אַ גרויסן מענטשן דער עגאָאיזם אַנטוויקלט אָפט נאָך זיין גרויסקייט און מיט דער ראָלע וואָס ער שפּילט אין דער באַוועגונג אָדער געזעלשאַפט.

וואָס שייך די בורזשואַזע נייגונגען, וואָס קאַר האָט פאַרגעוואָרפן עמאַ גאָלדמאַן, האָט ער מיר דערמיט געגעבן אַ כשרן טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל און איך האָב געהאַט אַ געלעגנהייט אים אַריינצוזאָגן און ער זאָל דאָס מוזן אַראָפּשלינגען.

— יאָ, חבר קאַר, — האָב איך געזאָגט, — אין דעם זין איז אפשר עמאַ נישט געווען פריי, ווייל זי איז אַ גרויסע אינטעליגענטקע און, ווי אונדזער גאַנצע אינטעליגענץ, איז זי אויך געווען אָנגעשטעקט מיט אַזעל־כע נייגונגען. אָבער דער באַוועגונג איז זי טריי און איז זיך מקריב פאַר איר.

קאַר אַליין האָט געהערט דער הויכער אינטעליגענץ אין דער באַוועַ־גונג — און נאָך מיין צווידייטיקן אַרגומענט איז די טעמע עמאַ גאָלד־מאַן אַראָפּגענומען געוואָרן פון טיש.

פאַר וואָס איך האָב מורא געהאַט, רעדנדיק ווייטער וועגן פאַרשיי־דענע מענטשן, וואָס מיר האָבן ביידע געקענט, איז געווען, אַז ער זאָל נישט פאַרפירן קיין שמועס וועגן אַלעקסאַנדער בערקמאַן. דער לעצטער איז

געוועזן מיין לערער און איך בין געוועזן זיינער אַ גרויסער פאַרערער. איך האָב אין אים געשעצט זיין חריפות און געלערזאַמקייט, און זיין ליבע צום מענטשן. בערקמאַן איז געוועזן אין אונדזער באַוועגונג אַן איבערמענטש. פּערצן יאָר איז ער געזעסן אין געפענגעניש פאַר זיין אידעאַל און איז אַרויסגעקומען נאָך מיט מער פאַרהאַרטעוועטקייט און גלויבן אין אידעאַל. ער איז שטענדיק געוועזן גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר זיינע מיטמענטשן. ער האָט נישט געוואוסט פון קיין מורא אין קאַמף פאַר גערעכטיקייט. ער האָט קיינמאָל אויף אַ מענטשן קיין שלעכט וואָרט נישט געזאָגט, אפילו אויף זיינע פאַרביסנסטע שונאים, און ער איז שטענדיק גרייט געוועזן אוועקצוגעבן יענעם דאָס לעצטע שטיקל ברויט וואָס ער האָט צוגעגרייט פאַר זיך.

איך האָב געפילט, אַז רעדנדיק וועגן בערקמאַנען וועל איך נישט אויסהאַלטן דעם עקזאַמען ביי דעם פאָרשטייער פון קאָמאינטערן, דעם פאַרטרעטער פון דער אָרדענונג, וואָס דאַרף ברענגען אַ וועלט אַ נייע, אַ פרייע, וואו יעדערער זאָל זיין באַרעכטיקט צו האָבן זיין מיינונג, אפילו ווען מען טראַכט, אַז ער איז נישט גערעכט.

קאַר איז געוועזן אַ גענוג געשליפענער פּאָליטישן, האָט ער דעם שמועס פאַרפירט אויף אַן אַנדער וועג און איז אַריבער צום קעגנערישן לאַגער, גענומען רעדן וועגן די „האַלבע מאַרקסיסטן, די מענשעוויקעס און סאָציאַל־פאַררעטער", מיט וועמען איך בין געזעסן צוזאַמען אין דער תפיסה פון אַטלאַנטאַ, דזשאָרדזשיאַ.

אַממייסטן האָט ער זיך נאָכגעפרעגט אויפן באַרימטן פירער און לערער פון דער אַמעריקאַנער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי — י. וו. דעבס, וועלכער איז געזעסן אין דער זעלבער תפיסה פאַר זיין דעמאָלטדיקער קלאָרער און פעסטער שטעלונג קעגן מלחמות. איך האָב דערפילט, צו וואָס קאַר צילט מיט זיין פראַגע, און עס איז מיר אַדורך אַ ציטער, הערנ־דיק זי. דעבס איז אין אַמעריקע געוועזן באַליבט און געערט נישט נאָר פון זיין פּאַרטיי, נאָר איז געוועזן דער געוויסן פון גאַנצן אַמעריקאַנער פאָלק.

פון יאָר 1919, ווען די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָט זיך געשפּאַלטן און איין טייל האָט זיך פאַרוואַנדלט אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע, האָבן די באָלשעוויקעס געאַרבעט מעשים צו געווינען אַט דעם קרישטאָלענעם מאַן אויף זייער זייט. ווייל געווינען דעבסן האָט גע־מיינט צו געווינען דעם סאָציאַליסטישן און דעם גאַנצן פּראָגרעסיוון כוח פון אַמעריקע פאַר די צוועקן פון דער נייער באַוועגונג. דעבס ווידער איז געוועזן פון דעם סאָרט מענטשן, וואָס האָט זיך געלאָזט מיטרייסן פון שטי־מונגען, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ אומבאַגרענעצטע פאַראַנטוואָרטלעכ־קייט פאַר זיינע חברים און, איבער אַלץ, אַ טיפן ערלעכן גלויבן אין סאָ־ציאַליסטישן אידעאַל. דער אָפּגעשפּאַלטענער טייל פון דער סאָציאַליסטי־שער פּאַרטיי האָט ביי דעבסן קיין סימפּאַטיע און צוטרוי נישט געוואונען.

דערצו האָט אים אָפּגעשטויסן דער לאָזונג, וואָס איז דאַן געלאָזט געוואָרן אין גאַנג, — דער ציל הייליקט די מיטלען. און ער האָט סתם פיינט געהאַט פּאָליטישע טריקס. דעם לאָזונג אַז אַלע מיאוסקייטן זענען כשר אבי צו דערגרייכן דעם ציל, האָט דעבס פיינט געהאַט ווי אַ פרומער ייד האָט פיינט חזיר. דערפאַר האָט די אָפיציעלע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נישט געהאַט קיין שוועריקייטן איינצוהאַלטן דעבסן אין אירע רייען. די קאָמוניסטן זענען אויף אים געווען דערפאַר ביטער אין כעס.

דאָס האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן דעם ערלעכן און גרויסן אַרבעטער־פירער און טיפן דענקען אַרויסצוקומען עפנטלעך מיט דער פאַרטיידיקונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. זיינע אַרויסטריטן זענען טאַקע געווען פון גרויסן מאָראַלישן ווערט און די קאָמוניסטן האָבן געהאָפט, אַז דעבס וועט נאָך מיט דער צייט ווערן זייערער אַן אָנהענגער.

אַמעריקע איז אַריין אין קריג און דעבס האָט זיך, צוזאַמען מיט נאָך חברים זיינע, געשטעלט שאַרף קעגן דעם קריג. די דעמאָקראַטיקע אַמעריקאַנער רעגירונג האָט זיין אַגיטאַציע געהאַלטן פאַר צו געפערלעך, און פאַר איינער פון זיינע גלענצנדע רעדעס האָט מען אים, דעם אַמעריקאַנער זשאַן זשאָרעס, דעם גרויסן טריבון, וואָס האָט געשטורעמט קעגן בלוט־פאַרגיסונגען, — פאַראורטיילט און געשיקט אין טורמע אויף צען יאָר. יודזשין וו. דעבס איז אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער אַטלאַנטאַ־טורמע, און עס האָט זיך גראָד אַזוי געמאַכט, אַז איך, צוזאַמען מיט איניקע חברים, האָב געדאַרפט אָפּזיצן אַ טערמין פון 20 יאָר אין דער זעלבער טורמע און פאַר דעם זעלבן פאַרברעכן: אַגיטאַציע קעגן קריג.

אַזוי ווי קאַר האָט געוואוסט, אַז איך בין געזעסן אין איין טורמע מיט דעבסן, האָט ער געוואָלט ביי מיר אַרויסקריגן פונם טורמע־לעבן עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל דעם באַרימטן אַרבעטער־פירער קאָמפּראָמיטירן; עפּעס אַזעלכעס, פון וואָס מען זאָל קענען דרינגען, אַז די פּאָליטישע אַרעסטירטע האָבן נישט געקענט פאַרטראָגן דעבסן צוליב זיינע נישט־סאָציאַליסטישע באַנעמונגען, אַז פערזענלעך האָט ער זיך באַצויגן שלעכט צו די חברים אין טורמע, אַז ער איז אַן אַנטיפּאַטישער און שלעכטער טיפּ. אין דער ריכטונג האָט ער געצילט מיט אַלע זיינע פראַגעס.

קאַר האָט נאָך געוואָלט אַרויסקריגן פון מיר עפּעס קאָמפּראָמיטירנדיקס קעגן יודזשין דעבסן צוליב אַן אַנדער טעם אויך. אין 1920, בעת די אַמעריקאַנער פּרעזידענט־וואַלן האָט די אַמעריקאַנער קאָמוניסטישע פּאַרטיי געוואָלט, אַז דעבס זאָל לויפן אויף איר צעטל אַלס קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. דער קאָמוניסטישער פירער בען גיטלאָוו און נאָך איניקע זענען געפאָרן דעבסן באַזוכן אין אַטלאַנטאַ־טורמע און געזוכט אים צו איבערצייגן, אַז די קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז די איינציקע אַרבעטער־פּאַרטיי.

דעבס איז געווען אַ מענטש מיט אַ גרויסער, גוטער נשמה, עס האָט אים געפעלט די האַרטקייט פון אַ פּאַרטיי־פּאָליטיקער און ער האָט נישט

געקענט מבייש זיין מענטשן, בפרט נאָך אַזוינע, וואָס דערקלערן זיך גרייט מקריב צו זיין פאַר זיין קלאַס. האָט ער זיי מיט אַ האַלבן מויל עפּעס צוגעזאָגט. גלייך נאָך דעם זיינען אָבער געקומען צו דעבסן די סאָציאַ־ליסטישע פירער. מיט מאָריס הילקוויט בראש. זיי האָבן אים אויפגעוויזן מיט פאַקטן, אַז איז סאָוועט־רוסלאַנד געפינען זיך צענדליקער טויזנטער סאָציאַליסטן אין תפיסות און אַז אין רוסלאַנד איז גאָר קיין פרייהייט נישטאָ. דאַמאָלט האָט דעבס עפנטלעך, דורך אַן אַרטיקל אין דער פּרעסע, זיך אָנטזאָגט צו האָבן צו טאָן מיט דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, און ער האָט דערקלערט, אַז ער בלייבט, ווי שטענדיק, דער קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט פון דער אָפיציעלער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי.

קאַר האָט דאָן געוואוסט, וואָס פאַר אַ שטרייט עס איז פאָרגעקומען אַרום דעבסן, און ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים זאָגן עפּעס קאָמ־פּראָמיטירנדיקס וועגן דעבסן אויך אין דעם פאַל. ער האָט מיך געהאַלטן אין איין פרעגן, וואָס דעבס האָט אונדז געזאָגט וועגן דעם פּאָליטישן קאַמף, וואָס איז דעמאָלט אָנגעגאַנגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ער האָט מיר געוואָלט אַריינלייגן אין מויל אַזעלכע ווערטער, ווי: אַז דעבס האָט געזוכט זיין פרייהייט. דערפאַר האָט ער אַזוי געהאַנדלט; אַז מען האָט אים צוגעזאָגט אַ בעסערע צוקונפט נאָך דער באַפרייאונג; אַז ער איז רעליגיעז, אאַ"זוו.

קאַר האָט געשטעלט די פראַגן אַזוי, אַז אין זיי אַליין איז געלעגן דער ענטפער אויף זיי, און ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל עס באַשטעטי־קן. איך האָב באין אופן אַזעלכע זאַכן נישט געקענט צוגעבן און האָב זיך געקלערט: זאָל זיין וואָס עס מוז. איך וועל דעם גרויסן אידעאַליסט און מענטשן־פריינד נישט העלפן באַשמוצן.

איך האָב געזאָגט קאַרן, אַז דעבס האָט נישט געזאָרגט וועגן זיין פרייהייט, ווייל ווען מען האָט אים געוואָלט שיקן אויף אַ פאַרם ביי דער טורמע, האָט ער זיך דערפון אָנטזאָגט און צוגעגעבן דערביי, אַז ער וועט אַהין גיין אַרבעטן נאָר, אויב אַלע פּאָליטישע אַרעסטירטע, 14 אין צאָל, וועלן געשיקט ווערן אויף דעם זעלבן פאַרם. דעם קלאַנג, אַז דעבס איז רעליגיעז, האָב איך אָפּגעלייקנט, ווייל איך האָב גראָד וועגן דעם עפּעס געוואוסט. דער גלח פון טורמע האָט אַמאָל געהאַט געמאַכט אַ דערקלע־רונג פאַר אַ זשורנאַליסט, אַז דער איינציקער קריסט אין טורמע איז דעבס. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס דעבס האָט גערעדט אין שמועסן מיט סימפּאַטיע וועגן קריסטוסן, אָבער נישט אַלס אַ „גאָט", נאָר אַלס מענטשן פון זיין צייט, וואָס האָט פאַר זיין קאַמף באַצאָלט מיטן לעבן. אַ פאַקט איז געווען, אַז דעבס פלעגט זונטיק נישט גיין אין דער טורמע־קירך און ער האָט נאָך אָנגעפירט אַ קאַמף, אַז מען זאָל אַלע אַרעסטיר־טע באַפרייען פון גיין אין קירך, כאָטש מען האָט אים דערפאַר געדראָט מיטן אָפּנעמען ביי אים די באַגרענעצטע טורמע־רעכט.

דער ווערטער־שטרייט וועגן דעם צווישן מיר, קאַר און די איבערי־

קע, וואָס האָבן זיך פון צייט צו צייט אַריינגעמישט איז געווען אַ ביי־טערער. ווען עס איז אָבער געקומען צו דער פראַגע, וואָס דעבס האָט אונדז געזאָגט וועגן זיין אַרויסטרעטן קעגן דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי פון אַמעריקע, האָב איך זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ תירוץ, ווייסנדיק, אַז קאַר וועט עס מוזן אָננעמען פאַר גוט; איך האָב דערקלערט, אַז גראָד אין יענער צייט בין איך געווען אין איזאָלאַציע דריי מאָנאַטן פאַר דער אונטערערדישער פּאַסט, וואָס איך האָב געפירט אין טורמע; און ווען איך בין אַרויס פון דער איזאָלאַציע, האָב איך שוין נישט געהאַט קיין רעכט אויף שפּאַציר, אַזוי אַז מיר איז שוין נישט אויסגעקומען מיט דעבסן צו באַגעגענען זיך אָדער הערן, וואָס ער האָט געהאַט צו זאָגן וועגן דעם ענין.

קאַר האָט געזען, אַז ער וועט פון מיר נישט אַרויסקריגן, וואָס ער וויל, האָט ער נאָך געפּרואווט מיט אַ דירעקטער פראַגע צו מיר פּערזענלעך:

— וואָס דענקט איר וועגן אַזאַ האַנדלונג?

— איך, — האָב איך געענטפערט — מיט מיר איז עפּעס אַנדערש. איך גלייב שטאַרק אין די אויפטואונגען פון דער סאָוועטן־מאַכט. איך האַלט אַז די טאַקטיק פון דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג איז אַ ריכטיקע און פירט צו דער אַלגעמיינער וועלט־באַפרייאונג (איך האָב טאַקע צו יענער צייט אין דעם געגלויבט). און איך, אַלס נישט קיין מאַרקסיסט, ווייסנדיק וואָס פאַר אַ גרויסע אויפגאַבע די סאָוועטן האָבן פאַר זיך, וואָלט נישט געהאַנדלט אַזוי ווי דעבס, ווען איך בין אויף זיין אָרט.

מיינע „חברים" פון האָטעל „לוקס" האָבן זיך איבערגעקוקט, אָבער קיין מאַטעריאַל איז דאָס נישט געווען. דאָס מיידל מיט דעם בלאָק פּאַפּיר אין דער האַנט איז, נעבעך, געזעסן אָן אַ שטיקל אַרבעט. קאַר האָט אַרי־בערגעפירט דעם געשפּרעך אויף דער פאַר מיר געוואונטשענער טעמע, וואָס איך דענק דאָ צו טאָן, און מיר האָבן גענומען רעדן וועגן אַ באַ־שעפטיקונג אין מאָסקווע.

„אַן אומפּאַרטייאישער אויף אַ סאָוועטישער פּאָדקלאַדקע"

אין האָטעל „לוקס" איז געווען אַ גרויסער רעסטאָראַן, וואָס האָט אַמאָל אין מאָסקווע געשמט מיט זיינע מאכלים. דער רעסטאָראַן איז אין האָטעל געבליבן אויך נאָך דער רעוואָלוציע, נאָר אָן דעם אַמאָליקן נאָ־מען. אָבער פאַר דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט איז נאָך דער רעסטאָראַן אַלץ געווען אַ לוקסוס, דאָרט האָט מען באַדינט די דעלעגאַטן פון קאָמאינ־טערן. אַ זייטיקער האָט דאָרט אויך געקענט עסן אַ מיטאָג, אויב ער האָט נאָר געקענט נאָכקומען די געפעפערטע פּרייזן, וואָס מען האָט דאָרט פאַר־לאַנגט.

קאַר, דער אַמעריקאַנער פאָרשטייער אין קאָמאינטערן, וואָס האָט מיט

מיר געפירט דעם פאַרהער שמועס, איז געווען אַן אינטעליגענטער מענטש. אַזוי שנעל ווי ער האָט זיך אויסגעטאָן פון די אָפיציעלע קליידער פון קאָמאַינטערן, האָט ער אויפגעהערט צו זיין אַן אויספאָרשער און איז געוואָרן אַ ליבלעכער מענטש, וואָס אינטערעסירט זיך מיט אַ פריינט און באַקאַנטן און איז אים גרייט צו העלפן. ווי נאָר מיר האָבן אויפגעהערט רעדן אָפיציעל און די זייטיקע, צוזאַמען מיטן ביוראָ־מיידל, האָבן זיך אויפגעהויבן אַוועקצוגיין, האָט קאַר מיר פאַרגעשלאָגן אַריינצוגיין מיט אים אין רעסטאָראַן אויף אַ גלעזל טיי. מיר זיינען זיך פאַרזעסן גאַנץ שפּעט. פונם גלעזל טיי איז מען אַריבער צו אַ גאַנצער וועטשערע און מיר האָבן פריינדלעך געשמועסט. קאַר האָט געזוכט מיך צו איבערצייגן, אַז די מעטאָדן זענען נישט אַזוי וויכטיק און אַז יעדערער דאַרף צוטראָגן זיין חלק צו דער אַנטוויקלונג און זיכערונג פון דער סאָוועטישער רעוואָלוציע, וואָס איז די איינציקע לייזונג פאַר אַלע אימפּעריאַליסטיש־קאַפּיטאַליסטישע פּראָבלעמען. זיינע אַרגומענטן זענען געווען אויפריכטיקע, ווי פון איינעם, וואָס איז איבערגעצייגט אין זיינע אמתן. קאַר האָט פריינדלעך אויסגעהערט מיינע אויסזעצונג קעגן געוויסע פירונגען און זיי פאַרענטפערט, זאָגנדיק מיר, אַז ער זעט אַז איך רעד נישט ווי קיין קעגנער פון דער רעוואָלוציע גופא, און אַז ער שעצט עס זייער.

איך האָב אין דער רעוואָלוציע געגלויבט פונקט ווי ער. איך האָב נאָר געהאַלטן, אַז זי טאָר נישט מאָנאָפּאָליזירט ווערן פון איין פאַרטיי. פאַרקערט די רוסישע רעוואָלוציע דאַרף זיין אַלעמענס, ווייל זי דאַרף אַלעמען באַפרייען. דאָ האָט מיר קאַר געוואָלט איבערצייגן, אַז אַזוי שנעל ווי די רעוואָלוציע ווערט אַלעמענס, איז זי קיינעמס נישט. „וואַרפט אַוועק די סענטימענטן, ח׳ אייבראַמס , טאָמער זיצן דאָרט עטלעכע אַרבעטער און סאָציאַליסטן אין טורמע”. דערביי האָט ער זיך פאַררופן אויף לענינס אַ פראַזע, אַז נישט אַלע, וואָס אַרבעטן, זענען אַרבעטער; אַז אַרבעטער זענען די, וואָס פאַרשטייען די אַרבעטער־זאַך.

„איר האָט די זעלבע געלעגנהייט” וואָס אַנדערע אין סאָוועט־רוסלאַנד, — איז ער אַריבער רעדן וועגן מיר פערזענלעך. „קוקט זיך נישט צו צו דעם, וואָס די רעוואָלוציע איז געצוואונגען אַרויסצורייסן אירע שונאים מיטן וואָרצל, קוקט בעסער אויף איר גרויסער היסטאָרישער אויפגאַבע. איר וועט דאָ זיין אַ ביסל לענגער, זיך באַקענען מיט די שוועריקייטן וועט איר זאָגן דאָס זעלבע, וואָס מיר, אויב אפילו איר וועט נישט ווערן קיין פאַרטיי־מיטגליד. מיר דאַרפן האָבן גוטע טוער, און אָפטמאָל קומט אונדז אויס גראַד פאַרטיי־מיטגלידער צו צוימען פאַר זייערע טאַטן”. ער האָט מיר דערביי דערציילט אַלס ביישפּיל איניקע פאַלן פון דער טעטיקייט פון מיין איטאַליעניש־רוסישן חבר ביאַנקאָ, אַז עס איז מיר אַזש קאַלט געוואָרן (ער איז שוין געווען אַ באַאַמטער אין „טשעקאַ”).

מיר האָבן גענומען רעדן וועגן מיין אַרבעט אין רוסלאַנד. איך האָב אים דערציילט, אַז מיין פאַך איז דרוקעריי, אָבער דער מין פעלט נישט

אין רוסלאַנד. איך האָב דעריבער אַ פּלאַן צו אַרבעטן אויף אַן אַנדער געביט, ביי אַ פאַך, וואָס איך האָב זיך אויסגעלערנט אין דער אַטלאַנטאַ־טורמע און וואָס איך קען גרינדלעך. איך וואָלט וועלן, מען זאָל מיר געבן די געלעגנהייט אַוועקצושטעלן אין מאָסקווע אַ פּאָר גרויסע מעכאַנישע וועשערייען. ביי אונדז אין טורמע, אין אַטלאַנטאַ, האָט מען די 4,000 אַרעסטאַנטן געהאַלטן ריין און צו דעם צוועק איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ גרויסע וועשעריי, וואָס האָט געאַרבעט לויטן לעצטן וואָרט פון דער טעכניק; איך בין דאָרט געווען דער פאַרוואַלטער.

קאַרן איז די אידייע געפעלן געוואָרן. „ביי אונדז אין רוסלאַנד, האָט ער מיר דערקלערט, — איז דאָס היינט צו טאָג זייער אַן אַנגעוויטיקטע פּראָבלעם. מען דאַרף טאַקע טאָן עפּעס אויפן געביט פון היגיענע, און איך מיין, אַז אויב איר זאָלט קענען זיך נעמען דערצו, און טאַקע מיט אַמעריקאַנער שוואונג, וועט איר האָבן געטאָן דאָס בעסטע. לאָמיר אויף־הערן צו דיסקוטירן, טרעפט זיך מיט מיר מאָרגן און מיר וועלן אַרומ־רעדן ווי די זאַך צו פאַרווירקלעכן, באַקומען די נויטיקע מאַשינען אאַז״וו.

אויף מאָרגן האָט קאַר מיט מיר שוין אַרומגערעדט די איינצלהייטן פון דער געפּלאַנטער גרינדונג פון אַ גרויסער כעמישער וועשעריי. דערביי האָט ער מיר מיט שטאָלץ דערקלערט, אַז אין זיין נאָמען באַריכט, וואָס ער שרייבט צו דער אַמעריקאַנער פּאַרטיי, וועט ער זיי מיטטיילן, ווי אַזוי די אַרויסגעשיקטע רעוואָלוציאָנערן פון די אַמעריקאַנער טורמעס וואַרפן זיך אַריין מיט לייב און לעבן אין דער סאָוועטישער ווירטשאַפט. איך האָב נישט געהאַט דאַקעגן.

קאַר האָט אָנגעשריבן אַ בריוו צו דער ווירטשאַפטס־פאַרוואַלטערין פון קאָמאינטערן (איך דערמאָן זיך נישט איר נאָמען) און איר רעקאָ־מענדירט מיר צו העלפן דורכפירן דעם פּלאַן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז איך וועל אַרבעטן אין דער טעכנישער אָפּטיילונג פון קאָמינטערן, „און אַזוי ווי דאָס איז דאָך דער שטאַב פון דער אַלוועלטלעכער רעוואָלוציע, האָט ערצוגעגעבן מיט אַ שמייכל, דאַרפן מיר וויסן, וועך עס שטעקט וואוהין אַריין אַ פוס״. ביים געזעגענען זיך האָט קאַר צו מיר געזאָגט: נו, חבר, איך גלויב, אַז איר וועט מיך נישט פאַרשעמען און איר וועט מאַכן אַ גוטן דזשאָב״.

אין אַ שעה אַרום בין איך שוין געווען אין קאָמיסאַריאַט פון טעכ־נישער איינאָרדענונג ביים קאָמאינטערן. עס איז מיר נישט אָנגעקומען לייכט אַריינצוקומען צו דער פירערין פון דער אָפּטיילונג. איך האָב דאָרט אָי־בערגעגעבן מיין בריוו, און ערשט נאָך אַ פּאָר שעה דורכמאַכן שפּאַצירן איבער פאַרשיידענע ביוראָקראַטישע קאַנצעלאַריעס בין איך אָנגעקומען צו דער פאַרוואַלטערין.

די פרוי, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט, איז געזעסן ביי אַ גרויסן שרייבטיש, אויב וועלכן עס זענען געווען צעשפּרייט און אָנגעוואָרפן דאָ־קומענטן, פּאַפּירן און פּאַפּירלעך. אַז מען האָט געדאַרפט זיין אַ גענים צו

וויסן, וואָס עס טוט זיך אויפן טיש אַליין. איך האָב באַמערקט, אַז מיין בריוו איז געלעגן פאַר איר אַן אָפענער ביי מיין אריינקומען. זי האָט זיך אויפגעשטעלט, מיר דערלאַנגט די האַנט און מיט אַ מענלעכער שטים זיך באַגריסט מיט מיר גאַנץ ברייטלעך. זי איז געווען אַ פרוי פון אַ יאָר פערציק, פעסט געבויט, מענעריש צוגעשוירן און פון מיטעלן וואוקס. זי האָט גערעדט זיכער, מיט אַ הויכער שטימע, און מען האָט געפילט אַז זי באַהערשט איר אַמט. אויספרעגנדיק וועגן דעם פּלאַן, האָט זי אַלע ווילע זיך אָפּגעטראָגן צום טעלעפאָן אין אַ דערבייאיקן צימערל. ווייזט אויס, אַז דער בריוו איז נישט געווען געננג, און זי האָט אין פארשיידענע ערטער זיך נאָכגעפרעגט ווי צו האַנדלען. זי האָט מסתמא אויך גערעדט צו קאָרן, וואָס האָט געשריבן דעם בריוו. די פיר יאָר רעוואָלוציע האָבן אויסגעלערנט מענטשן זיין באַרזיכטיק.

די פאַרוואַלטערין האָט מיך פאַרשאַטן מיט אַ ים רייד. זי האָט געפרעגט און אַליין געענטפערט און זעלטן איז מיר געקומען צו זאָגן איר אַ פּאָר ווערטער. מיט גרינגשעצונג האָט זי גענומען רעדן וועגן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג, וועלכע זי האָט נאָר געקענט פון דעם וואָס נישט גאַנץ פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן האָבן איר דערציילט, און ווען איך האָב איר געפּרואווט דערקלערן, אַז עס איז יאָ דאָ אַ וואַקסנדיקע באַוועגונג אין אַמעריקע, האָט זי פעסט אַ ברום געטאָן: „דאָס איז אייער אומגליק, וואָס איר האָט זיך דערצויגן אויף אַ קאַפּיטאַליסטישער דעמאָקראַטיע, און ווען איר קומט צו אונדז, האָבן מיר נאָר צרות פון אייך. איך וויל האָפן, אַז איר וועט זיך צולערנען און פאַרגעסן אָן דער איבער געגעסנקייט”.

נאָך דעם ווי זי האָט געהאַלטן, אַז זי האָט מיך שוין געננג אינסטרואירט, האָט זי זיך אויפגעשטעלט. איך האָב געזען, אַז איר פיגור און געשטעל איז אין האַרמאָניע מיט איר שטים און פעסטער איבערצייגונג. דאַן האָט זי מיר געזאָגט: „גוט, מיר וועלן אייך געבן אַלץ, וואָס איר דאַרפט, פאַר דער נייער אונטערנעמונג. נאָר אַזוי ווי עס איז געבליבן אַ צען טעג צו ניי־יאָר, וועט איר זיך דערווייל אויסרוען פון דער רייזע, נאָך דעם וועט איר זיך נעמען איינאָרדענען די זאַך”.

זי האָט אַריינגערופן איינעם פון די סעקרעטאַרן, כדי אים צו זאָגן, אין וואָס איך נייטיק זיך. עס איז אַריינגעקומען אַ שלאַנקער מאַן, אַ קריםטום־טיפּ. זיין פּנים איז געווען באַפּוצט מיט אַ שיין בערדל און די מילדע אויסדרוקן אויף זיין געזיכט האָבן צוגעצויגן צו זיך. די גאַנצע נשמה־ברייטקייט פון אַ רוסישן אינטעליגענט איז אויף אים געווען קאַנטיק. זי האָט זיך צו אים אָנגערופן: „דאָ האָט איר איינעם פון אייערע מענטשן”. און זי האָט אים געגעבן אַ פאַרשריבענעם פּאַפּיר מיט אָנווייזונגען.

— וואָס הייסט פון מיינע מענטשן? — האָט דער סעקרעטאַר אַ פרעג געטאָן?

— אַן אומפּאַרטייאישער אויף אַ סאָוועטישער פּאָדקלאַדקע (אונ־טערשלאַג) — האָט זי אים געענטפערט.

די פּראָזע איז מיר געפעלן געוואָרן. און עס האָט מיר אויך הנאה געטאָן, וואָס קאָר האָט פאַרשטאַנען מיך גוט צו רעקאָמענדירן.

אין די פּאָר מינוט וואָס מיר זענען געשטאַנען נאָך אין צימער פון דער פּאַרוואַלטערין פון קאָמאינטערן, האָט דער סעקרעטאַר כמעט אויף מיר נישט געקוקט. ער האָט מיר אפילו זיין נאָמען נישט געזאָגט און נישט דערלאַנגט די האַנט, ווען זי האָט מיך פאַרגעשטעלט און איך האָב אָנגערופן מיין נאָמען. אַ פּנים, עס האָט אים נישט געלוינט דאָס צו טאָן אין דער אָנוועזנהייט פון זיין באַלעבאָסטע. ווי נאָר אָבער איך בין אויף זיין איינלאַדונג אַריין מיט אים אין זיין ביוראָ־צימער, האָט זיך די שטי־מונג געענדערט. ער האָט מיך זייער פריינדלעך אויפגענומען, דערציילט, ווער ער איז, און זיך גענומען נאָכפרעגן וועגן אַמעריקע, ער האָט גע־וואָלט וויסן, צי ס'איז טאַקע אמת, אַז זינט נאָך דעם קריג גייען אין אַמע־ריקע מענטשן אויס פון הונגער, אַז מען אַרבעט דאָרט 10־12 שעה אַ טאָג פאַר אַ שטיקל טרוקן ברויט און אַז אַלע וואַרטן דאָרט אויף דער וועלט־רעוואָלוציע.

פון אָנהויב האָב איך נישט געוואוסט ווי צו רעדן מיט אים, ווייל זיין ראָלע איז מיר נישט געווען קלאָר. אָבער זיין פּנים האָט מיך נישט אָפּגענאַרט און מיר האָבן זיך אויף לאַנג צערעדט וועגן אַמעריקע. ער האָט מיר עטלעכע מאָל איבערגעשלאָגן און געזאָגט, אַז ער וואָלט זייער געוואָלט זען דאָס לאַנד, פון וועלכן די באַריכטן זענען אַזוי ווידער־שפּרעכנדיק.

מיין נייער באַקאַנטער איז געווען אַלעקסאַנדער אוטין. פון פאַך איז ער געווען אַ אינזשיניער. ביז דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע איז ער געווען אַן עסעראָוועץ (מיטגליד פון דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן רעוואָלו־ציאָנערן) און נאָך דעם, ווען זיין פּאַרטיי איז צוגלייך מיט אַנדערע אָפּ־געווישט געוואָרן, איז ער געוואָרן אַן „אומפּאַרטייאישער אויף אַ סאָווע־טישער פּאַדקלאַדקע", ווי מען האָט אַזעלכע גערופן.

רעדנדיק מיט אוטינען האָט זיך אין מיר דערוועקט די אַלטע פאַר־געגענגענהייט, פון ביים סוף פון די נייציקער יאָרן, ווען מיר, די יוגנט־לעכע פלעגן זייער שטאַרק רעספּעקטירן די עסערן, וועגן זייער רעוואָלו־ציאָנערע מעשים, וועגן דער שרעק, וואָס זיי האָבן אָנגעוואָרפן אויף די צאַרישע הערשער. איך האָב זיך דערמאָנט, מיט וואָס פאַר אַ ברען מיר פלעגן זינגען די עסערישע רעוואָלוציאָנערע לידער. און דאָ זיצט פאַר מיר איינער פון יענער באַוועגונג, וואָס איצט, ביים אָנהויב פון דער רעוואָ־לוציע, איז ער נאָר אַ דינער פון דעם זיגערישן צד, וועלכער האָט אים געצוואונגען זיך אונטערנייען אַ „סאָוועטישע פּאָדקלאַדקע".

אַלעקסאַנדער אוטין האָט גערעדט שיין, מיט צויבער, און איך האָב זיך דערפילט אָפּגעפרישט פון דעם שמועס, אַזוי ווי מען קומט אַרויס

פון אַ שטיקנדיקן אָרט און מען דערפילט דאָס גלעטן פון אַ פרילינג־ווינטל. איך בין מיט אים געוואָרן פון דאַן אָן באַפריינדעט און אונדזער פריינדשאַפט האָט אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. מיר זענען געוואָרן נאָענטע חברים. ווען ער פלעגט מיר זאָגן: „חבר", פלעגט ער אָפט אונטער־שטרייכן, שמייכלענדיק: „חבר, נישט אין שלעכטן זינען, ווי מען פאַר־שטייט עס היינט".

לויטן באַפעל פון דער פאַרוואַלטערין האָט ער מיר גענומען אַרויס־געבן מיינע דאָקומענטן און צעטלען. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אַ שופ־לאַד עטלעכע בלאַנקען מיט אַ פאַרטיק געדרוקטן קאָפּ פון קאָמאַינטערן און ער האָט זיי גענומען אויספילן. איינעם פאַר אַ פּאַיאָק, אַ צווייטן — אויף רעכט צו עסן מיטאָג אין האָטעל „לוקס". דערביי האָט ער מיר באַמערקט', אַז איך האָב מסתמא שטאַרק נושא־חן געווען, ווייל עסן מיטאָג אין „לוקס" איז דערלויבט נאָר דעלעגאַטן צום קאָמאַינטערן אָדער איינגענע מיטאַרבעטער, און דאָס נאָר אויב זיי זענען קאָמוניסטן. אַ דריטן פּאַפּירל האָט ער מיר געגעבן צו שטעלן זיך צום מיליטער. אויף מיין פראַגע, צי ער מיינט טאַקע ערנסט, אַז איך דאַרף נאָך ווערן אַ סאָלדאַט איצט, ביי מיינע 37 יאָר, — האָט ער מיר דערקלערט, אַז דאָס איז נאָר, כדי די מיליטערישע מאַכט זאָל וויסן פון מיר. צום סוף האָט ער מיר געגעבן נאָך אַ פּאַפּיר, וואָס האָט געדאַרפט שטיצן אַלע פריערדיקע, אַז איך בין אַ מיטאַרבעטער פון קאָמינטערן אין דער טעכנישער אָפּטיילונג.

אַז איך בין שוין געווען באַוואָפנט מיט די אַלע פּאַפּירענע מכשי־רים, האָבן מיר זיך זייער פריינדלעך געזעגנט און זיך פאַרשפּראָכן צו זען אָפטער און נאָך רעדן וועגן אַמעריקע. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַמעריקע ליגט אוטינען אין קאָפּ נישט פון היינט און אַז זען אַמעריקע איז זיין טרוים. צי דאָס איז געווען צוליב פּאָליטישע טעמים, צי צוליב אַנדערע זאַכן, איז מיר געווען שווער צו וויסן. נאָר אַמעריקע האָט אים מיט עפּעס געצויגן. דאַן אָבער האָט אוטין אויף מיר, דער עיקר, געמאַכט אַן איינדרוק מיט זיין ערנסטן צוגאַנג צו זאַכן און דעם פיינעם, אינטע־ליגענטן אופן, מיט וועלכן ער האָט זיי אויפגענומען.

פון דער געביידע פון קאָמאַינטערן, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער מעכאַוואַיאַ גאַס, ביז צום „צעדאָם" איז געווען אין גאַנצן עטלעכע מי־נוט גאַנג. דער טאָג איז געווען אַ שיינער, פון יענע טעג אין מיטן ווינ־טער, ווען עס פאַלט דער פראָסט, די זון שיינט און פון די דעכער הענ־גען אַראָפּ שיינע קריסטאַלן און וואַרפן בריליאַנטענע טראָפּנס צו דער ערד. אין אַזאַ טאָג לויפן נישט די מענטשן, נאָר מען שפּאַצירט, מען רוט זיך אָפּ אַביסל פון די שטאַרקע מאָסקווער פרעסט.

איך בין אַרויס אויפן גאַס אַ באַפליגלטער. מיינע רעיונות זענען געווען פאַרנומען מיט די בוי־פּלענער פון דער אונטערנעמונג, מיט די איינדרוק פון די פאַרשיידענע מענטשן, וואָס איך האָב באַגעגנט אין די ערשטע עטלעכע טעג, און איך האָב גישט באַמערקט, אַז איך בין אַוועק

ווייטער וואו איך האָב געדאַרפֿט גיין, און אַז איך האָב איבערהויפּט נישט געוואוסט, וואו איך בין. די שטאָט האָב איך דאַן נאָך נישט געקענט און בלאָנדזשענדיק האָב איך זיך געלאָזט זוכן די גאַס פון „צעדאָם". די פאַר־בייגייער, וואָס איך האָב אָפּגעשטעלט פרעגן דעם וועג צום „צעדאָם", האָבן מיך צוערשט אָפּגעמאָסטן פון אויבן ביז אַראָפּ און דאַן שפּאַסיק געענטפערט: צוויי גאַסן פאָרויס, דריי אויף צוריק און דאַן רעכטס. די מענטשן האָבן גערעדט מיטן מאָסקווער אויסגעצויגענעם אַקצענט, און ווען איך בין אַוועק, האָבן זיי מיר נאָכגעקוקט און זיך געחידושט אויף מיין בגד פון אַזאַ גוטן אויסלענדישן שטאָף. ווען איך בין געקומען אין „צע־דאָם", איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג.

מיין גלויבן קרישלט זיך

ווען איך בין אַריינגעקומען אַ פּאַרשפּעטיקטער, האָב איך געטראָפן מיינע חברים מיט פאַרזאָרגטע פּנימער. אונדזערע חברטעס, וועלכע זענען סתם נישט געווען באַגייסטערט פון סאָוועט־רוסלאַנד, האָבן פאַר דער צייט אויסגערעכנט אויפן ערגסטן. איך האָב די שולד אַרויפגעלייגט אויף מיין פּעקל דאָקומענטן, וואָס ס'האָט געדויערט אויסצומאַכן, און מיר האָבן זיך גענומען טיילן מיט די דערפאַרונגען.

אונדזער חבר ליפמאַן איז געווען אַן איבערגליקלעכער. ער האָט זיך געמאָלדן אַלס קאָמוניסט, האָט אים די פאַרטיי אַוועקגעשיקט צום באַ־רימטן פּרעאָבראַזשענסקי, וואָס איז שוין איצט אויף יענער וועלט. פּרע־אָבראַזשענסקי האָט אים חבריש אויפגענומען און האָט אים באַשטימט אַן עקזאַמען אויף אַגראָנאָם. אַזוי ווי ער האָט נישט געקענט קיין רוסיש, האָט מען אים געזאָגט, אַז מען וועט אים געבן דעם עקזאַמען אין ענגליש.

— חבר אייבראַמס, — רופט ער זיך אָפּ צו מיר, — וואו אין דער וועלט קענסטו דאָס דערגרייכן? מען האָט מיר שוין באַשטימט אַ סטיפּענ־דיע פון 40 רובל אַ חודש. איצט וועל איך קענען רואיק לערנען און ענדיקן אַלס אַגראָנאָם. איך וועל נישט דאַרפן, ווי אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמע־ריקע, אַרבעטן אַ גאַנצן טאָג אין פאַבריק ביי פעלצן און דערנאָך אַ מידער מיט פאַרמאַכטע אויגן זיצן אין אוניווערסיטעט און אָפּטמאָל אין מיטן די לעקציעס צופאַלן מיטן שטערן צום באַנק. דזשעק, די רעוואָלוציע איז אונד־זערע!

ער האָט זיך צערעדט מיט אַזוי פיל באַגייסטערונג, אַז ס'וואָלט געווען אַ פאַרברעכן אים זאָגן עפּעס אַנדערש און צונעמען ביי אים די האָפע־נונגספולע געפילן. ליפמאַן איז געווען מיין אינטימער חבר און איך האָב אים צוגעגעבן מוט און באַרעכטיקונג, בפרט אַז אין די גרויסע מעגלעכ־קייטן פאַר יעדערן אין סאָוועט רוסלאַנד האָב איך דאַן נישט געצווייפלט.

די איבעריקע פון אונדזער גרופּע האָבן נאָך קיין באַשטימטעס וואָס

צו טאָן נישט געהאַט און זיי האָבן דערוויל געדאַרפט לעבן אויפן פּאַיאָק פון דער צענטראַלע אין אימיגראַנטן הויז.

די צען טעג, וואָס איך האָב געקראָגן אַלס וואַקאַציע ביז ניי־יאָר, איידער איך האָב נאָך אָנגעהויבן אַרבעטן, זענען געווען פּאַר מיר אַ גרויס געווינס. מיט מיין דאָקומענט פון אַ מיטאַרבעטער אין קאָמאינטערן האָב איך אומעטום געקענט צוקומען און איך האָב געזען אַ סך זאַכן און באַ־זוכט פיל אינטערעסאַנטע פּלעצער און צוזאַמענקונפטן.

ביים סוף 1921 איז געווען דער אָנהויב פון „נעפּ" (נייע עקאָנאָמי־שע פּאָליטיק), און מען האָט געזען ממש מיט די אויגן, ווי דער עקאָנאָ־מישער לעבן צעבליט זיך. יעדן טאָג האָט מען אין די גאַסן געזען נייע קליינע געשעפטלעך, וואָס האָבן זיך געעפנט איבער נאַכט. 90 פּראָצענט פון די געשעפטן זענען געווען פּריוואַטע, מער נישט וואו נישט וואו אַ קאָאָפּעראַטיוו; דערביי האָט מען אין די קאָאָפּעראַטיוון זעלטן געקריגן עפּעס צו קויפן. לעבן די שפּייז־קראָמען זענען געשטאַנען צענדליקער מענטשן און איבערגעחזרט די נעמען פון די זאַכן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין פענצטער. אויף דער טווערסקאַיאַ, אין אַ רעסטאָראַן, וואָס האָט אַמאָל געהאַט אַ שם אין מאָסקווע מיט זיינע געשמאַקע קני־שעס און קאַפע, האָבן זיך אין איין טאָג באַוויזן אויסגעשטעלט אין פענצטער עטלעכע טעלער מיט קנישעס. ווי האַלב־ווילדע זענען די הונ־געריקע מענטשן געשטאַנען, געלייענט די צעטעלעך אונטער די קנישעס און זיך אָנטציקט: — זעסט, מיט לעבער, מיט קעז און אויך מיט קרויט! דאָס האָט עדות געזאָגט וועגן הונגער אין די יאָרן פון קריגס־קאָמו־ניזם. און דאָ האָבן זיך גענומען עפענען קאַפע־הייזער, מען האָט אָנגע־הייבן קריגן פריי צום קויפן געשמאַקע מיטאָגן מיט פלייש. עס האָבן זיך באַוויזן שפּייזן. וואָס מען האָט יאָרן נישט פאַרזוכט — ס'איז געווען אַן אמתע יום־טוב שטימונג.

אַזוי ווי עס איז געווען קריסטמעס־צייט, האָט די אַנטי־רעליגיעזע פּראָ־פּאַגאַנדע אָנגענומען אַ מאַסן־כאַראַקטער. דער זשורנאַל „בעזבאָזשניק" האָט געפירט אַ שטאַרקע אַגיטאַציע קעגן קלויסטער און די גלחים. כדי צו מאַכן די פּראָפּאַגאַנדע ווירקזאַמער האָט די סאָוועטישע מאַכט דאַן געגרינדעט מיט דער הילף פון אייניקע גלחים אַ נייע „לעבעדיקע קירך". מען האָט אָרגאַניזירט די יוגנט און עס זענען פאָרגעקומען פיל מאַניפעסט־טאַציעס קעגן דער אַלטער קירך. אין איינער אַזאַ פּראָצעסיע האָט מען געטראָגן אַ שוואַרצע טרונע, אינעווייניק איז געלעגן אַ גלח און דער עולם האָט הוזקנדיק געזונגען דעם ניגון פון „האָספּאָדי פּאָמיליוי", ווי ביי אַ לויה, דאָס הייסט, מען גייט באַגראָבן דעם קלער. אַ צווייטע גרופּע, ווי־דער, האָט אויף אַ שליטן געפירט אַ גלח פון דער „לעבעדיקער קירך", אַ קאָוועטישן גלח, אַ לעבעדיקן און פריילעכן, און מען האָט געזונגען פאָלקס־לידער. מען האָט געטראָגן פיל פּלאַקאַטן מיט אַנטי־רעליגיעזע לאָזונגען. איז געווען געשריבן, אויף געוויסע פּלאַקאַטן אַז דעם אמת רעליגיעזן

מענטש פאַרפאָלגט מען נישט, נאָר בלויז די דינער פון קאַפּיטאַליזם און קלער. אויף איין פּלאַקאַט איז געווען אויפגעשריבן. אַז דער מעטראָפּאָ־ליט טיכאָן זיצט פאַרשפּאַרט, נישט ווייל ער איז אַ גלח, נאָר ווייל ער האָט פאַרראַטן סאָוועט־רוסלאַנד צום שונא.

אין דער זעלבער צייט איז דערשינען אַ דעקרעט פון דער סאָוועטן־מאַכט, אַז אַלע געשעפטן דאַרפן זיין אָפן אין די טעג פון די רעליגיעזע יום־טובים. דער דעקרעט איז מאָטיווירט געוואָרן דערמיט, וואָס נישט די גאַנצע באַפעלקערונג איז רעליגיעז און די נישט־רעליגיעזע דאַרפן נישט ליידן צוליב די רעליגיעזע. דער דעקרעט האָט די, וואָס ווילן האַלטן פאַרמאַכט זייערע געשעפטן אין די קריסטמעס־טעג, געדראָט מיט פאַרלירן דאָס רעכט צוריקצועפענען די געשעפטן. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אין טאָג פון קריסטוס־געבורט זענען נאָר די קאָאָפּעראַטיוון געווען אָפן און אַלע פּריוואַטע געשעפטן זענען געווען געשלאָסן. די מאַכט איז געווען גע־צוואונגען נישט אויסצופירן איר דראָאונג, ווייל מען וואָלט געדאַרפט באַ־שטראָפן האַלב מאָסקווע און צוריק איינפירן דעם קריגס־קאָמוניזם.

אין דער נאַכט פון יום־טוב זענען די מאָסקווער גאַסן געווען זייער באַלעבט. די קלויסטערס, מיט וועלכע מאָסקווע איז פול, זיינען געווען גע־פּאַקט מיט גלויביקע. אפילו אויף דער טווערסקאַיאַ, וואו די סאָוועטישע באַאַמטע פאַרברענגען, איז אויך געווען דאָס זעלבע פיינלעכע בילד: דער רעליגיעזער פּראַוואָסלאַוונער ציטער האָט באַהערשט אַלץ אַרום, און ס׳איז נישט קאַנטיק געווען, אַז עס איז שוין פיר יאָר נאָך דער רעוואָלוציע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן אָפּצושאַפן קאַפּיטאַליזם און רעליגיע. איך האָב זיך געפילט אָפּגענאַרט אין נאָך אַ האָפענונג. איך האָב נישט געקענט באַנעמען דעם ריס צווישן דער פּראָפּאַגאַנדע און דער ווירקלעכקייט. מוז מען דען אין אויסלאַנד פאַרשפּרייטן אַזעלכע פאַלשע געדאַנקען וועגן לעבן אין רוסלאַנד? צו וואָס שפּייזן די וועלט מיט ליגנס? פאַרלאַנגט דען עמע־צער, אַז די נייע אָרדענונג זאָל אויפטאָן וואונדער אין אַ קורצער צייט? ווייסן מיר דען נישט, אַז עס מוז נעמען לאַנגע יאָרן, ביז מען בויט אי־בער דעם אַלטן שטייגער אויף אַ נייעם, ביז מען דערציט אַ פאָלק און מען שאַפט אָפּ איינגעוואָרצלטע איבלען?

ווען איך בין נאָך געזעסן אין טורמע, אין אַמעריקע, האָט זיך אָלגין געהאַט צוריקגעקערט פון אַ רייזע אין סאָוועט־רוסלאַנד. ער האָט דאַן פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל וועגן דעם, ווי אַזוי די רעוואָלוציע האָט אָפּגעשאַפט פּראָסטיטוציע. דער אַרטיקל איז אין אַמעריקע אין אונדזערע קרייזן שטאַרק דעבאַטירט געוואָרן. פילע האָבן נישט געגלויבט, אַז אָט דעם געזעלשאַפטלעכן איבל זאָל מען קענען אַזוי שנעל אָפּשאַפן, און נאָך אונטער אומשטענדן פון אַ בירגער־קריג. איך, פאַרקערט האָב אָלגינען געגלויבט יעדן וואָרט זיינעם — אַזוי בלינד פאַרליבט בין איך געווען אין דער רוסישער רעוואָלוציע.

צו מיין גרויסע אַנטוישונג האָב איך אין רוסלאַנד באַגעגנט אַ גאַנץ

אַנדער בילד ווי דאָס, וואָס אַלגין האָט געמאָלן. אויף דער הויפּט־גאַס פון מאָסקווע, אין פראָנט פון האָטעל „לוקס", וואו ס'האָט געקאָכט מיט דעלעגאַטן פון דער גאַנצער אינטערנאַציאָנאַלער באַוועגונג, האָב איך געזען פונקט דאָס פאַרקערטע:

יונגע מיידלעך, שלעכט געקליידעט, מיט גיריקע אויגן, האָבן געשפּאַצירט הין און צוריק, אָפּגעשטעלט יעדן פאַרבייגייער, וואָס האָט זיי אויסגעזען צו האָבן די מעגלעכקייט צו שטילן אויף אַ קורצער ווייַלע זייער הונגער און קעלט. זיי פלעגן אונטערטאַנצענדיק אַוועקגיין מיט די אָפיצירן פון דער רויטער אַרמיי, וועלכע פלעגן קומען מיט קליינע פּעקלעך אין די הענט, וואָס האָבן אַנטהאַלטן אַביסל שפּייז, — און דאָס איז געווען דער פּרייז, וואָס זיי האָבן געצאָלט פאַר שטילן זייער סעקסועלן הונגער.

אָט דער קאָנטראַסט צווישן רייד אוןווירקלעכקייט האָט אַרויסגערופן אַ שווער געמיט. עס האָט זיך געמישט אין קאָפּ דאָס אַלץ, וואָס מען האָט אין די פאָר יאָר געלייענט וועגן די וואונדער פון דער רעוואָלוציע, און דער פריערדיקער גלויבן אין דעם האָט זיך אונטערגעשניטן. איך האָב פאַרלוירן דעם אָנהאַלט אין פיל זאַכן, וואָס איך האָב אין זיי ביז דעם געגלויבט אַבסטראַקט, וואָס נענטער איך האָב זיך באַקענט מיטן רעאַלן לעבן, אַלץ מער האָב איך געפילט, ווי מיין טיפער גלויבן אין דער רעוואָלוציע קרישלט זיך און ברעכט זיך. אויסער דעם, וואָס אויף די פּנימער פון כמעט אַלע מענטשן איז געלעגן דער טיפער צייכן פון הונגער און וואָס מען איז אַרומגעגאַנגען אָפּגעריסענע, האָב איך נישט באַמערקט קיין אונטערשייד אין דער סיסטעם, אין דער אָרדענונג גופא. איך האָב נאָך גוט געדענקט רוסלאַנד פון מיינע יוגנט־יאָרן און אומעטום באַגעגנט די זעלבע מנהגים.

אַן אויסנאַם איז בלויז געווען די שפּראַך, וואָס מען האָט באַנוצט. דאָס געזאָגטע און געשריבענע וואָרט איז געווען געווענדט צום אַרבעטנדיקן פאָלקס און די צוזאָגן וועגן זיין צוקונפטיקן גליק זענען געווען גוואַלדיקע; מען האָט זיך מיט דעם געקוויקט, האָפנדיק אויף אַ בעסערער צייט און אַ גרינגערן לעבן, וואָס וועלן באַלד קומען.

ביוראָקראַטישקייט און פאַוואָריטיזם.— יעזשאָוו

דעם זעקסטן יאַנואַר, אין דעם טאָג, וואָס מען האָט מיר באַשטימט צו קומען קריגן די פולמאַכט פאַר מיין אַרבעט, בין איך באַלד פרי אַוועק אין דער ביוראָ פון חבר אוטין. איך האָב ביי זיך באַשטימט, אַז דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געזען אין די צוויי וואָכן, דאַרף נישט שטערן פאַר מיר זיך אַריינצוואַרפן אין דער אַרבעט און דורך דעם פאַרגעסן אָן די שווערע איינדרוקן פון דעם לעבן אין דעם לאַנד, וואָס הערט נישט אויף צוצוזאָגן אַזוי פיל גוטס און גליק פאַרן רוסישן פאָלק און פאַר דער גאָרער וועלט.

חבר אוטין האָט מיך אַריינגעפירט צום טעכנישן הויפּט־דירעקטאָר פון קאָמאינטערן. דעם אמת האָט דאָן פאַרנומען יעזשאָוו, און ער האָט מיר עס געדאַרפט איבערגעבן די נויטיקע מכשירים צו דער אַרבעט, וואָס איז פאַר מיר באַשטימט געוואָרן לויט דער רעקאָמענדאַציע פון אַמעריקאַנער דעלעגאַט קאַר. יעזשאָוו איז געווען אַ מיטלוואוקסיקער מענטש, אַ יונגער נאָך, מיט ברייטע פּלייצעס, און זיין פּנים, כאָטש עס איז געווען גלאַטלעך און אַ ביסל ווייבעריש, האָט אויסגעדריקט אַנטשלאָסנקייט. נאָך אַ פאַר מינוט רעדן האָט ער מיר איבערגעגעבן אַ בריוול צום פאַרוואַלטער, ח' קיוועלעוויטש, וועלכער וועט מיר שוין געבן אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן און העלפן אוועקצושטעלן די וועשעריי. ער האָט מיר דערביי באַטאָנט, אַז איידער איך גיי זען קיוועלעוויטשן, זאָל איך זיך זען מיטן ח' קאָוואַליאָוו, וועלכער וועט זיין דער פּאָליטישער קאָמיסאַר פון דער אונטערנעמונג. „פון אים", האָט ער מיר געזאָגט, „וועט איר דאַרפן שטענדיק האָבן אַ הסכם אויף יעדער זאַך, וואָס איר וועט האָבן נייטיק צו אייער אַרבעט".

מיין ריכטיקער באַלעבאָס איז, אַלזאָ, געווען דער חבר קאָוואַליאָוו. געווען איז עס אַ מענטש, אַן אויסנאַם פון אַלע פריערדיקע, וואָס איך האָב דאָ באַגעגנט. קאָוואַל, ווי איך האָב אים שפּעטער פאַרקירצט גערופן, איז געווען זייער אַ גוטמוטיקער מענטש. ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט ליב געהאַט דעם ביטערן טראָפּן און פלעגט זיך אָפּט איינשיכורן, וואָלט מען אים געקענט באַצייכענען פאַר אַ מוסטער פון אויפריכטיקייט. דאָס שיכורן האָט אים אָפּט קעגן זיין ווילן דערפירט צו אומאָנשטענדיקע טאַטן, אויף וועלכע ער פלעגט נאָך דעם זייער חרטה האָבן.

געהאַט האָט ער, קאָוואַל, אַן אויסערקעווייגלעך שטאַרקע פיגור, אַ פיזישער דיז, מיט אַ קאָפּ פון אַ לייב, ברייטע פּלייצעס און אַ מאָנגאָליש געזיכט. נאָך אַ פאַר מינוט פון אונדזער באַגעגעניש, אַז ער האָט זיך באַקענט מיט מיין ענין, איז ער גלייך אַריבער מיט מיר אויף דו און איך האָב אים אויך געענטפערט מיטן זעלבן. אַליין איז ער געווען פון קליינוויז אַן אַ מאַטראָס. זיין גאַנצער פּאָליטישער באַגאַזש איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט געדינט דער רעוואָלוציאָנער באַוועגונג אין די צאַרישע צייטן ווי אַ קוריער פאַר אונטערערדישע פאַרבינדונגען.

קאָוואַל האָט מיך מיט צופרידנקייט אויפגענומען ווי אַ מיטאַרבעטער. „מיר וועלן אַרבעטן צוזאַמען גוט" — האָט ער מיר געזאָגט. „איך קען אַמעריקע און בין דאָרט אַ סך מאָל געווען. איך בין אַ ביטרער קאָמיסאַר, אָבער איר, די אַמעריקאַנער ווייסט מער פון אונדז. דו וועסט טאָן, וואָס מען דאַרף, און איך וועל שוין אונטערשרייבן; נאָר וויז וואָס דו קענסט און לאָמיר עס מאַכן גוט".

אַזוי רעדנדיק צו מיר, האָט ער פון אונטער אַ קעסטעלע אַרויסגעשלעפּט אַ פלעשל. אים האָט דער מין נישט געפעלט, כאָטש עס איז דאַן געווען פאַרבאָטן די פאַבריקאַציע פון בראָנפן. קאָוואַל האָט געוואוסט, וואו מען קריגט

„סאַמאָגאָנקע״ (היימיש געטריבענער שנאַפּס). ער האָט מיר אויך דערלאַנגט אַ גלעזל און זיך אָנגערופן: „נו, ברודער, כאַפּ אַ טרונק, וועסט זיך דער־וואַרעמען און איך וועל מיט דיר צוזאַמען צופאָרן צו דעם כיטרען פאַר־וואַלטער קיוועלעוויטש״. און דאָ האָב איך אים געמוזט אַרויסהעלפן, ווייל עס איז אים געווען שווער אַרויסצורייִדן דעם נאָמען. ווי צוויי אַלטע באַ־קאַנטע זענען מיר אַוועק צו קיוועלעוויטשן.

קיוועלעוויטש איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָרן. די שטריכן פון זיין פּנים האָבן אויסגעדריקט אינטעליגענץ און יידישע חכמה. ער איז אויך געווען אַ „אומפּאַרטייאישער אויף אַ סאָוועטישער פּאָדקלאַדקע״. ביז דער רעוואָלוציע איז ער געווען אַ פּראָמינענטער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ מענשעוויק, און ער האָט ביי די באָלשעוויקעס דערפאַר קיין איבעריקן צו־טרוי נישט גענאָסן. אַזוי ווי ער איז אָבער געווען אַ גוטער געשעפט־פירער און דערצו אַ גאָר ערלעכער מענטש, האָט מען אים געדאַרפט האָבן, און אַז מען דאַרף, איז נישטאָ קיין תירוץ. ער האָט זיך אויף זיין פּאָסטן אַלס פאַרוואַלטער פון קאָמאינטערן אויסגעצייכנט און דערפאַר האָט מען אים געאַכט.

ח. קיוועלעוויטש האָט אויסגעהערט מיין ענין און אין קורצן מיר אַי־בערגעגעבן, וואָס איך האָב צו טאָן. דערביי האָט ער מיר פאַרטרויט, אַז איך זאָל שטאַרק אַכטונג געבן אויף מיין קאָמיסאַר, ווייל ער קען פאַרטרינ־קען מערער, ווי די אונטערנעמונג וועט קענען אויסאַרבעטן.

אויף איינער פון די מאָסקווער געסלעך, נישט ווייט פון דער ווינ־דאָווסקי, איז געשטאַנען אַ געביידע פון אַן אַלטער פאַבריק. די צאַרישע פּאַטריאָטן האָבן בעת אַנטי־דייטשער קריגס־דעמאָנסטראַציע די פאַבריק חרוב געמאַכט, ווייל זי האָט געהערט צו אַ דייטש. דאָס איז געווען אַ גרוי־סע גלאָז־פאַבריק, און ווען די רוסן האָבן געכאַפּט קלעפּ פון די דייטשן אויפן פראָנט, האָבן זיי געשלאָגן די דייטשן... אין מאָסקווע.

קיוועלעוויטש האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די הויז פון דער פאַבריק זאָלן מיר ברענגען אין אָרדענונג; מאַכן דאָרט איין צימער־וואוינונגען פאַר מיר און פאַרן קאָמיסאַר, דאַן צוטרעטן איינאָרדענען די מעכאַנישע וועב־שעריי. דער פּלאַץ, האָט ער מיר פאַרזיכערט, איז זייער גרויס און מען וועט דאָרט אויך קענען מאַכן אַ שוסטעריי, צו וואָס עס זענען פאַראַן שוין מעכאַניזירטע מאַשינען. אין הויז זענען דאָרט דאָ פיל צעבראָכענע מעבל, בענקלעך און מען דאַרף זיך נעמען דאָס צו רעכט מאַכן.

אויף מיין פאָרשלאַג האָט קאָוואַל גענומען אַ דראָשקע און מיר זע־נען גלייך געפאָרן צום פּלאַץ פון דער פאַבריק, וואו די צאַרישע רוסן האָבן נקמה גענומען פון די דייטשן. ווען מיר זענען צוגעקומען צום אָרט, האָבן מיר פאַרן טויער געטראָפן שטיין אַ רויטן־אַרמייער אויף דער וואַך. דער סאָלדאַט האָט דאָרט געהאַט אַ קליין שטיבל און האָט זיך דאָרט געפונען מיטן צוועק צו היטן דאָס סאָוועטישע אייגנטום, וואָס איז פאַרבליבן אין דער צעשטערטער פאַבריק. דער סאָלדאַט איז, אייגנטלעך, געווען אַ וועכ־

טער אין מיליטערישע קליידער מיט אַ ביקס און ער פּלעגט זיך שטעלן אויף דער וואַך ביי דער טיר, ווען ער האָט געפּילט, אַז עמעצער דערנעג־טערט זיך.

די פאַבריקס־געביידע איז אַריבער אין אונדזער רשות און איך האָב זיך גענומען איינאָרדענען די אונטערנעמונג. ווען איך האָב זיך דורכגע־רעדט מיט דעם מיר אָנגעוויזענעם אינזשעניער ווערשאַגין וועגן דעם, וואָס מען דאַרף מאַכן, האָט ער אויף מיר אויסגעשטעלט אַ פּאָר אויגן: „און וואו וועט איר נעמען מאַטעריאַל? וואו וועט איר עס קריגן?" איך האָב אים געענטפערט, אַז איך דענק אַלץ צו קריגן, ווען נישט וואָלט מען מיר נישט איבערגעגעבן אַזאַ אַרבעט.

איך האָב זיך דערוויייל געווענדט צו דער אַרבעטס־בירזשע און מען האָט מיר געשיקט אַ פּאָר צענדליק שוואַרץ־אַרבעטער. מיר האָבן אָנגעהויבן ברענגען אין אָרדענונג דעם פאַבריקס־הויף און דער אינזשעניער ווער־שאַגין האָט זיך גענומען צוזאַמענשטעלן אַ ליסטע פון די מאַטעריאַלן, וואָס איך דאַרף איינהאַנדלען. די סומע געלט אויף צו קויפן די מאַטעריאַלן האָט אונדז געדאַרפט געבן די ווירטשאַפטס־ביוראָ.

עס האָט זיך אָנגעפאַנגען יענער גיהנום פון אַרומלויפעניש און זו־כעניש. דאָ האָבן געפעלט לאָפּעטעס און מען האָט עס נישט געקענט קריגן; דאָ האָט מען געדאַרפט וואַרטן אויף וועגענער אַוועקצונעמען די ברוך, וואָס מען האָט אָפּגערייניקט; דערנאָך סמעטעס, צי זאָל מען דאָס יאָ מאַכן אָדער נישט, צי קען מען זיך באַגיין מיט פינף פעסלעך טשוועקעס אַנ־שטאָט צוועלף, צי יאָ ברענגען אָדער נישט ברענגען די מאַשינען פאַר דער מעכאַנישער שוסטעריי אאז"וו.

יעדער זאַך האָב איך געדאַרפט האָבן צענדליקער פּאַפּירלעך פון פאַר־שוודענע אַמטן און קאָמיסאַרן. ביים טיר פון יעדן קאָמיסאַר פלעגט אויס־קומען אָפּצושטיין לאַנגע שעהן, און אָפטמאָל איז מען אַוועק מיט נישט דערוואַרטן זיך.

דעם טאָג, ווען איך פלעג טראָגן מיין עלעגאַנטן, אָבער נישט גענוג וואַרעמען אַמעריקאַנער מאַנטל, פלעגט דער, וואָס שטייט ביים טיר, אַריינ־לאָזן מיך צוערשט. אָבער אין די קאַלטע טעג, ווען דער יאַנואַר־פראָסט אין מאָסקווע איז געווען שטאַרק, פלעג איך אָנטאָן אַ פּאָר שטיוול מיט אַ רוסישן פעלצל; אין אַזאַ טאָג פלעג איך אָפּשטיין ביי די טירן און אַוועק־גיין אַהיים אָן דערליידיקן עפּעס. איך האָב בלית־ברירה געמוזט טראָגן מיין בורשוואַזן, דינעם פאַלטאָ אין די גרעסטע פרעסט.

דריי און אַ האַלב ביטערע מאָנאַטן האָב איך אָפּגעאַרבעט אַזוי, לויפנ־דיק פון איין אַמט אין אַ צווייטן און איינקויפנדיק מאַטעריאַלן אין די קאָאָפּעראַטיוון, און צום ערשטן מאַי איז ענדלעך די אויפגאַבע געווען דערגרייכט. אַלץ איז געווען פאַרטיק און מען האָט זיך געקענט שטעלן צו דער אַרבעט.

די טעכנישע לייטונג פון קאָמאינטערן האָט מיר געגעבן אַ באַלוינונג

פון 100 רובל אין גאָלד פאַר דער אָרגאַניזירונג און אַ קאָמפּלימענט, אַז איך דין דער רעוואָלוציע ווי אַ געטרייער סאָלדאַט. אין דער פּראַקטיק און פירונג פון יענער צייט האָט עס געהייסן, אַז די אַרבעט איז שנעל און עפעקטיוו דורכגעפירט געוואָרן.

די ערשטע פּאָר מאָנאַטן בין איך אינגאַנצן איינגעשלונגען געוואָרן פון דער אַרבעט. די שוסטעריי, אין דערזעלבער פאַבריק־געביידע, איז איי־בערגעגעבן געוואָרן צו אַ געקומענעם קאָמוניסט פון ענגלאַנד און די מע־כאַנישע וועשעריי און אַ סטאָלעריי, וואָס מיר האָבן איינגעאָרדנט, זיינען געווען אונטער מיין אויפזיכט. אין יענער צייט איז דער שווערסטער טייל פון דער אַרבעט געווען דאָס באַזאָרגן, אַז די אַרבעטער זאָלן האָבן וואָס צו עסן. דאָס געלט, וואָס מען האָט באַקומען אַלס געהאַלט, איז פון היינט אויף מאָרגן געוואָרן ווערטלאָז, און די הויפּט פּראָבלעם איז געווען זיך צו באַוואָרענען מיט פּראָדוקטן.

אין דער געביידע פון די פאַבריקן איז געווען איינגעאָרדנט אַ קאָ־לעקטיווע קיך. אַ דאַנק מיין באַקאַנטשאַפט מיט חברים פון אַמעריקע, וואָס זענען געווען פאַרוואַלטערס אין פאַרשיידענע אַמטן, האָב איך גיכער ווי אַנדערע באַקומען פּראָדוקטן פאַר דער קיך און זי האָט דעריבער געאַר־בעט בעסער ווי די אַנדערע פאַבריקס־אָפּטיילונגען.

עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט און איך האָב געהאַט די ערש־טע דערפאַרונג, וואָס האָט אַזוי פיל שאָדן געבראַכט דער נייער אָרדענונג: דאָס איז געווען דער פאַוואָריטיזם, דאָס אַוועקזעצן אייגענע מענטשן אויף גוטע שטעלעס, און דאָס האָט מיך געבראַכט צו מיין ערשטן צוזאַמענ־שטויס מיט מיין הויפּט־פּאָליטישן קאָמיסאַר און טעכנישן אויפזעער, יע־זשאָוו, וועלכער איז אין יאָר 1937 געוואָרן דער הויפּט פון דער געפּעאו נאָך דער דערשיסונג פון יאַגאָדאַ. אין יענער צייט איז יעזשאָוו נאָך נישט געווען קיין גרויסער מאַכער, אָבער עס זעט אויס, אַז אויף אַ פּאַסקודניאַק האָט ער זיך שוין דאַן געשניטן.

אין די פאַבריקן זענען געווען דעמאָלט מער ביוראָליסטן אין די קאַנ־טאָרן ווי אַרבעטער אין די פאַבריקן. ביי אונדז האָבן מיר איינגעפירט אַ אַנדער, מער ראַציאָנעלע, סיסטעם און אויף עטלעכע און פערציק אַרבע־טער איז געווען נאָר איין ביוראָליסט און ער אַליין האָט געפירט די קאַנ־טאָר. דעם אַמט האָט געהאַלטן אַ יונגער ייִדישער בחור מיטן נאָמען ביי־ער און האָט זיין אַרבעט גוט דערפילט. ער פלעגט אויך העלפן אַראָפּנע־מען פעקלעך, ווען מען האָט געבראַכט אַ שווערן וואָגן וועש. חבר אוטין און אַנדערע אין קאָמאַנטערן פלעגן מיר שטענדיק זאָגן, אַז לאַנג וועט דאָס נישט אָנהאַלטן, ווייל פון אַנדערע אונטערנעמונגען קומען באַריכטן, אַז זיי דאַרפן האָבן צענדליקער אָנגעשטעלטע, כאָטש קיינער טוט גאָר־נישט. איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס און קיין איבעריקע מענטשן נישט אָנגעשטעלט.

איין מאָל קומט צו מיר אַ יונג מיידעל פון אַ יאָר 16־17 מיט אַ

קוויטעלע פון יעזשאָוון, וואָס בעט, אַז מען זאָל איר געבן אַרבעט. דאָס מיידל, אַ פאַרשמירטע מיט ביליקער קאָסמעטיק, האָט אויסגעזען ווי אַ קאַבאַרעט־טענצערין, אָבער נישט ווי אַן אַרבעטערין אין אַ וועשעריי. אויף דער פראַגע, צי זי וועט קענען אַרבעטן ביים וואַשן וועש, כאָטש די אַרבעט ווערט געטאָן מיט מאַשינען, האָט זי מיר ענטפערן נישט געקענט. זי האָט פון אָנהויב געפרואווט מיט חנדלען, האָט מיר אָנגעגעבן אין נדן, וואָס זי איז אַ יידישע טאָכטער, און דערנאָך האָט זי, שוין אין אַן ערנסטן טאָן, געלאָזט וויסן, אַז דער חבר יעזשאָוו האָט איר פאַרזיכערט, אַז זי וועט דאָ קריגן אַ פאָסטן אַלס קאַסירשע. ווען איך האָב איך געזאָגט, אַז מיר האָבן דאָ נישט קיין קאַסע, האָט זי געשיקט געענטפערט, אַז זי מיינט צו פירן דעם קאַסע־בוך.

מיר האָבן נישט געהאַט אַזאַ אַמט און צוזאַמען מיט דעם חבר בייער פלעגן מיר אַלע נייטיקע זאַכן דערלידיקן און דעם גרעסטן טייל פון טאָג זיך נאָך אָפגעבן מיט שוואַרץ־אַרבעט. דאָס מיידל איז אַוועק אָן אַ זייגעזונט. אין אַ פאָר שעה אַרום האָט מיר יעזשאָוו געשיקט רופן און געלאָזט וויסן, אַז איך פיר זיך נישט אויף קאָרעקט צו אים אַלס העכערן נאַטשאַלניק. איך בין באַשטאַנען אויף מיינס און אים געפרואווט אויפקלערן, אַז אַנדערש וועט די אונטערנעמונג ליידן.

פון דאַן אָן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שיטן צרות אויף אונדז. וואו נאָר יעזשאָוו האָט געקענט, האָט ער אונדז סאַבאָטירט אין דער אַרבעט. קאָוואַליעוו, אונדזער פאָליטישער קאָמיסאַר, איז געווען מאַכטלאָז, און ווען איך פלעג פון אים פאַרלאַנגען עפּעס צו טאָן, פלעגט ער מיר זאָגן: „האָסט געדאַרפט אַריינעמען די יעזשאָוו־באַבע". איך האָב זיך געקלאָגט פאַר אוטינען און ער האָט עס איבערגעגעבן צו דער פאַרוואַלטערין פון קאָמאַינטערן. זי האָט מיר געגעבן גערעכט, אָבער זי האָט גאָרנישט געקענט טאָן קעגן די שפּיצלעך פון יעזשאָוון.

עס האָט זיך גענומען אָנרוקן דער ווינטער און מען האָט געדאַרפט אָנגרייטן האָלץ פאַר דער פאַבריקס־געביידע; מיר האָבן געדאַרפט האָבן אַ 200 סאַזשען האָלץ, אָבער יעזשאָוו האָט שוין געזאָרגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן קיין האָלץ נישט באַקומען. דערווייל, דרייענדיק זיך ביי אַזאַ אומרייַנער אַרבעט, ווייל מיט יעדן וואָגן וועש פלעג זיך אַרויסשיטן צוויי וואָגנס לייז, האָב איך זיך אָנגעשטעקט מיט טיפוס און זיך אַוועקגעלייגט.

מיר האָבן נישט געהאַט קיין שום מיטלען און געוואוינט אין אַ קליינעם צימער, וואָס איז באַשטאַנען פון איין בעטל, אַ טיש און צוויי בענקלעך. די אַכצן טעג, וואָס איך בין געלעגן אין בעט, איז מיין חברטע מערי גישלאָפן זיצנדיק אויפן טישל. די חברים אונדזערע פון דער „פאַמיליע" האָבן געזען צו באַזאָרגן דאָקטוירים און אַנדערע נויטיקע זאַכן. מיין חבר ליפּמאַן איז געווען פשוט מיין רעטער. ער האָט אַוועקגעוואָרפן דאָס לערנען, איז די גאַנצע צייט פון דער קראַנקהייט נישט אָפּגעטראָטן פון מיין בעט און האָט מיר פיל געהאָלפן.

אין דער זעלבער צייט האָט יעזשאָוו נישט פאַרגעסן, אַז איך האָב אים באַוואָלט, און אין אַ געוויסן טאָג, ווען איך בין נאָך קוים אַרומגע־גאַנגען, האָט ער פאַראָרדנט, אַז איך זאָל פאַרלאָזן דעם צימער אין דער געביידע פון קאָמאַינטערן; ער האָט נאָך אָנגעזאָגט דער וואַך, אַז מען זאָל מיך נישט לאָזן נעמען קיין האָלץ צו באַהייצן דעם צימער פאַר דער צייט, וואָס איך וועל זיך נאָך דאָרט געפינען.

איינער פון די פירער פון קאָמאַינטערן איז דאַן געווען פּיאַטניצקי. ביי אים האָט געאַרבעט אַ יונגער מאָסקווער קאַצאַפּ, פּעגאַנאָוו. דער בחור האָט שטאַרק מקנא געווען די אַמעריקאַנער, איבערהויפּט די יידן, וואָס קומען פון אַמעריקע. דאָס איז עפּעס אַ באַזונדער פאָלק — פלעגט ער זאָגן. ער איז געקומען צו מיר אויף באַזוכן אַ פּאָר מאָל בעת מיין קראַנק־הייט און מיר האָבן זיך באַפריינדעט. ווען יעזשאָוו האָט אַרויסגעגעבן די גזרה קעגן מיר, האָב איך אים דערציילט וועגן מיין לאַגע. קריגן דאַן אַ צימער איז געווען פון די גאָר שווערע זאַכן.

אָבער פּעגאַנאָוו איז געווען אַ מענטש מיט אַ ברייט רוסיש האַרץ. ער האָט מיר קיין זאַך נישט געזאָגט, נאָר איז אַוועק צו פּיאַטניצקין און אים דערציילט די גאַנצע געשיכטע. מיין לאַגע האָט זיך באַלד געענדערט צום בעסערן. צום ערשטן האָט מען מיר פאַרבעסערט דעם פּאַיאָק: איך האָב באַקומען גוטן פּוטער, בוימל, פליייש — אַ קראַנקן־ראַציאָן. מען האָט מיר אויך אַריינגעשיקט אין מיין צימער אַן אויוועלע.

איך האָב אָבער באַשלאָסן מער נישט צו אַרבעטן אונטער דער אויפ־זיכט פון דעם נפש, פון יעזשאָוון. רעזיגנירן פון פּאָסטן איז נישט געווען קיין לייכטע זאַך. דאָך, ווי נאָר איך בין געזונט געוואָרן, האָב איך זיך דורכגערעדט מיט די לייטער פון טעכנישן אָפּטייל פון קאָמאַינטערן און זיי איבערצייגט, אַז די פרוי קאַפּיטאַנאָוואַ, וואָס אַרבעט אין פאַבריק, קען מיר פאַרטרעטן. זי האָט ווירקלעך באַהערשט דעם גאַנג פון דער אונטער־נעמונג, געהערנדיק צו יענעם טיפּ שילערינס, וואָס לערנען זיך אויס און קענען בעסער ווי די לערער זייערע.

בעת די באַלעבאָסטע פון קאָמאַינטערן האָט מיר אונטערגעשריבן מיינע באַפרייאונגס־פּאַפּירן, האָט זי מיר געזאָגט, אַז איר איז אויסגע־קומען צו רעדן מיט ח׳ קאַנטאָראָוויטש פון „נאַרקאָמאַינדעל״ (פאָלקס־קאָמיסאַריאַט פאַר אויסערלעכע ענינים) וועגן מיין וויכטיקער אַרבעט און ער וויל פאַר דער „ביוראָבין״־ביורא, וואָס באַדינט די פרעמדע, איינאָר־דענען אַזאַ מעכאַנישע וועשעריי. זי האָט מיר געראָטן, איך זאָל זיך מיט אים דורכריידן, און דעם זעלבן טאָג בין איך ביי אים געווען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אויך געווען אין אַמעריקע, און מיר זענען גלייך צוגעטראָטן צו דער אַרבעט.

קאַנטאָראָוויטש איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 35, פון נידעריקן וואוקס און פעסט געבויט. ער האָט געהאַט שיינע שטריכן, איז געווען פיין געקליידט און האָט באַזעסן עלעגאַנטע מאַניערן. זיין לעבן היפּשע

יאָרן אין אַמעריקע האָט אים צוגעגעבן פיל דינאַמישקייט און ער איז געווען זייער אַ פּינקטלעכער. דערפאַר האָט ער זיך אויסגעצייכנט אויף זיין אַמט. ער האָט אויסגעזען ווי אַן אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן און זיין אָנגעהעריקייט צום סאָציאַליזם איז געווען נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז דאַן געוואָרן אַזוי נויטיק ווי אַ פּאַספּאָרט. ער האָט באַזעסן אַקאַדעמישע בילדונג, געקענט עטלעכע שפּראַכן און איז געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר זיין אַמט אין „נאַרקאָמאינדיעל".

דער „נאַרקאָמאינדיעל" האָט געאַרבעט בעסער ווי אַלע אַנדערע קאָמיסאַריאַטן, ווייל דאָרט פלעגן אַלע מאָל קומען נייע מענטשן, פאָרשטייער פון דער פּרעסע, פון פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען און אָפיציעלע רעגירונגס־אינסטיטוציעס. מען האָט ביים קאָמיסאַריאַט געגרינדעט אַ ספּעציעלן דעפּאַרטאַמענט, דעם „ביוראָבין", וואָס האָט געהאַט אונטער זיין אויפזיכט די בעסטע האָטעלן און רעסטאָראַנען, די שענסטע הייזער, וועלכע מען האָט גענדאַרפט אָפּגעבן פאַר די רעגירונגס־באַאַמטע און אויסלענדישע געסט. די אָנגעשטעלטע אין „ביוראָבין" האָט מען גוט איבערגעקליבן, כדי זיי זאָלן קענען צופרידנשטעלן די געסט, וועלכע קומען האַנדלען מיט די סאָוועטן.

קאָנטאָראָוויטש איז געווען דער הויפּט פון אַלע אָפּטיילונגען פון „נאַרקאָמאינדיעל" און איז געווען אויך דער פאַרוואַלטער פון אויסערן־קאָמיסאַריאַט גופא. דערצו האָט אים נאָך צוגעשפּילט דאָס, וואָס דאַן איז אַרויס לעניגס דעקרעט אָפּצושאַפן די פּאָליטישע קאָמיסאַרן אין דער ווירטשאַפט און אינדוסטריע, יעדער פאַרוואַלטער זאָל זיין דער באַלעבאָס, און מיט דעם גרונט־קאַפּיטאַל, וואָס מען גיט אַן אונטערנעמונג, מוז זי געפירט ווערן צו אַ דערפאָלג. דער דעקרעט האָט אויך אָנגעוויזן, אַז מען דאַרף אויף אַלע געביטן צוציען אומפּאַרטייאישע מענטשן. די סאָוועטן אין די פאַבריקן זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן, די אַרבעטער האָבן זיך נישט געטאָרט מער מישן אין דער געשעפטס־פירונג און אַלץ איז אַריבער צו די פאַרוואַלטערס.

האָבנדיק דורכן לענין־דעקרעט, אַזוי צו זאָגן, פרייע הענט, האָט קאָנטאָראָוויטש מיך באַלד געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט זיין טעכנישן מיטאַרבעטער, ל. א. פּאָליאַק, פון פאַך אַן אינזשיניער און מיר האָבן זייער שנעל, גאָרנישט לויטן שטייגער פון די דעמאָלטיקע פירונגען, געמאַכט אַ סמעטע און פעסטגעשטעלט, אַז אויף איינאָרדענען די אונטערנעמונג גוט און גרויס דאַרף מען האָבן 30 טויזנט רובל אין גאָלד. דאָס געלט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין דער סאָוועטישער באַנק צו מיין דיספּאָזיציע אַלס פאַרוואַלטער און איך האָב זיך באַלד גענומען איינאָרדענען אַ נייע מעכאַנישע וועשעריי.

מען האָט מיר אויך באַשטימט אַ וואוינונג אין איינער פון די הייזער פון „ביוראָבין", וואו ס'האָט זיך געפונען די אַמבאַסאַדע פון דער

מאַנגאַלישער רעגירונג. אין דעם זכות איז דאָס שוין געווען אַ שיינע וואוינונג מיט צענטראַלער באַהייצונג, וואַנע און אאז"וו.

גאָר אין אַ קורצער צייט האָט די נייע מעכאַנישע וועשעריי געאַר־בעט אין פולן גאַנג און האָט זוכה געווען געלויבט צו ווערן פאַר איר גוטן דינסט. די וועש, וואָס מען פלעגט אהער ברענגען, איז געווען פון אַן אַנדער סאָרט, ווייל די וועשעריי האָט באַדינט די האָטעלן און אויסלענ־דישע געסט. די אַרבעט איז געווען פיל לייכטער און איך אַליין האָב שוין מיין לעבן אין דעם אַריינגעלייגט פיל ווייניקער ווי אין דער וועשעריי פון קאָמאַינטערן. אַרבעט איז געווען אַ סך, אָבער מיר האָבן געאַרבעט אין צוויי טורנעס און געהאַט גענוג צייט פאַר זיך.

איך האָב זיך גענומען מער אינטערעסירן מיטן פּאָליטישן לעבן פון לאַנד; מיין קרייז באַקאַנטע און חברים איז מיט יעדן טאָג געוואָרן גרע־סער. איך האָב זיך באַלד אויסגעלערנט די סאָוועטישע קונסט פון וואָס מער הערן און וואָס ווייניקער ריידן. איך האָב אויפגעכאַפּט אַלע נייע סאָוועטישע וויצן, וואָס האָבן אַ סך אַרויסגעהאָלפן אין איינעמס טעטי־קייט. מיט וויצן האָט דאַן דער סאָוועטישער מענטש געלעבט און זיך געקוויקט. אַז איר זייט ערגעץ אַריין עפּעס דערליידיקן, און דער באַאַמ־טער, אַ גרויסער צי קליינער, האָט געוואוסט, אַז איר קענט דערציילן וויצן, זייט איר געווען אַן אָנגעלייגטער גאַסט. און וויצן זענען אַרומגעגאַנגען אויפן חשבון פון דער רעוואָלוציע און אירע פירער אין די טויזנטער.

צווישן גוט און שלעכט.

אין אָקטאָבער חודש איז אין מאָסקווע פאָרגעקומען דער פינפטער צוזאַמענפאָר פון קאָמאַינטערן. איך בין שוין געווען אויסגעבונדן אין פאַרשיידענע קרייזן און עס איז מיר געווען לייכט צו קריגן אַן אַריינ־גאַנגס־בילעט צום צוזאַמענפאָר. דאָס איז פאַר מיר געווען אַ גרויסע אי־בערלעבונג און מיט האַרץ־קלאַפּעניש בין איך געגאַנגען בייוואוינען די באַראַטונג פון דעם „וועלט־שטאַב פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע".

דער צוזאַמענפאָר איז פאָרגעקומען אין קרעמל, אין די זאַלן פון איוואַן דעם גרויזאַמען; לעניו איז דאַן געהאַט אויפגעשטאַנען פון אַ שווע־רער קראַנקייט און די דאָקטוירים האָבן אים געהאַט פאַרבאָטן בייצו־וואוינען דעם צוזאַמענפאָר, ער האָט אָבער געקעמפט מיט זיינע דאָקטוי־רים און זיי האָבן אים לסוף דערלויבט צו קומען האַלטן אַ רעדע פון נישט מער ווי צען מינוט.

איך בין געקומען אין זאַל פון די ערשטע. דער זאַל איז געווען אַ גרויסער און רייכער; די ווענט הויכע, ווייסע, פון גלאַטן מאַרמאָר, און אויף זיי זענען געווען אויסגעקריצט די נעמען פון די מעכטיקע מיליטער־ליים פון די צאַרישע צייטן. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געשטאַנען אַ לאַנ־גער טיש, באַדעקט מיט שווערע רויטע טיש־טעכער, און אויף דער וואַנט

איבער דער פּלאַטפאָרמע איז געהאַנגען אַ פּלאַקאַט מיט די אויפשריפטן פון די לענדער, פון וועלכע עס זענען געווען פּאַרטראַטן דעלעגאַציעס, אין מיטן האָט אויפן רויטן גרונט זיך געצייכנט אַ ריזיקער רוימישער 5, וואָס האָט באַדייט, אַז דאָס איז דער פינפטער קאָנגרעס פון קאָמאינטערן.

אין זאַל זענען געווען מענטשן פון אַלע וועלט־טיילן און ביים פּרע־זידיום־טיש האָבן זיך אויסגעזעצט די הויפּט־פירער פון קאָמאינטערן. אין דער מיט איז געזעסן זינאָוויעוו — דער פּאָרזיצער פון קאָמאינטערן. אַרום אים האָבן זיך געפונען קאַמעניעוו, בוכאַרין, טראָצקי, ריקאָוו, ראַדעק, קאַלינין און פיל אַנדערע באָלשעוויסטישע פירער. סטאַלין איז נאָך דאַן געווען ווייט פון דער מאַכט און ער האָט זיך ביי דעם גרויסן טיש נישט געפונען.

די ערשטע זיצונג איז אַוועקגעגאַנגען מיט באַריכטן, וועלכע זענען אויפן שטעל גוטגעהייסן געוואָרן. אויף אַ צווייטער זיצונג האָט מען גע־קליבן קאָמיסיעס. אויסער די רוסישע דעלעגאַטן האָבן די הויפּט־ראָלע געשפּילט דייטשן, פראַנצויזן און טשעכן. דאַן האָט מען די זיצונגען אָפּ־געלייגט אויף דריי טעג, ביז די קאָמיסיעס וועלן צוגיירטן זייערע מאַ־טעריאַלן פאַר ווייטערדיקער אַרבעט.

איך האָב מיט אומגעדולד געוואַרט אויף די פייערדיקע רעדעס און פּאַרשלאָגן פון די קאָמיסיעס, וואָס וועלן קומען פון שטאַב פון דער וועלט־רעוואָלוציע. צו מיין אַנטוישונג האָט זיך אויף די ווייטערדיקע זיצונגען איבער געחזרט דאָס זעלביקע ווי אויף דער ערשטער. ראַדעק האָט גע־לייענט די פּאָרשלאָגן אויף דייטש און די איבערזעצער האָבן עס איבער־זעצט אויף עטלעכע שפּראַכן. די דעלעגאַטן האָבן קיין דיסקוסיע נישט געפירט און אַלץ איינשטימיק גוטגעהייסן. דאַן האָבן די דעלעגאַטן דער־ציילט די וואונדער, וואָס די באַוועגונג מאַכט אין זייערע לענדער, און נאָך יעדער רעדע האָט אַן אָרקעסטער געשפּילט דעם „אינטערנאַציאָנאַל". אַן קיין שום אַטראַקציעס און ספּעציעלע אַרויסטריטן האָט דער צוזאַמענ־פאָר זיך געשלאָסן.

פון מיין גאַנצן טרוים און דערוואַרטונג ביי׳צוזיין אַ צוזאַמענפאָר פון דריטן־אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אויסגעלאָזט אַ ביטערע אַנטוישונג. מיר איז אויסגעקומען צו זיין ביי אַ צוזאַמענפאָר פון אַלע פּאַראיינען אין ניו־יאָרק, וואו 99 פּראָצענט פון די דעלעגאַטן זענען געווען קאָנסערוואַ־טיוון. דאָס איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי טאָם מוני, דער באַרימטער אַרבעטער־מאַרטירער, איז פאַראורטיילט געוואָרן דורכן אַמעריקאַנער גע־ריכט. דער באַוואוסטער אַדוואָקאַט קאָקראַן, וועלכער איז געווען מונים פּאַרטיידיקער, האָט אָפּגעגעבן זיין באַריכט. די דעלעגאַטן האָבן דריי טעג געפירט הייסע דעבאַטן, רעזאָלוציעס זענען צעגלידערט געוואָרן און מען האָט געזוכט וועגן זיי אויסצובעסערן. און דאָ ווערט דער שטאַב פון דער וועלט־רעוואָלוציע, וואָס דאַרף באַשליסט דעם גורל פון דער וועלט, די קערפּערשאַפט, וואָס נעמט זיך אונטער צו ברענגען ד ע ם וועלט־

סאָציאַליזם, צוזאַמענגעשטעלט פֿון אַ סטאַדע שאָף, אָן ווילן און אָן זעלבסטרעספּעקט. צו אַלעם, וואָס מען זאָגט פֿון דער טריבונע, ווערט צוגעבאַמקעט און אַלץ זעט אויס ווי אַ ביליקע מאַסן־סצענע אין אַ טעאַטער: אַ פּאָר אַקטיאָרן שפּילן און די מאַסע סטאַטיסטן זיצט ביי טישן און באַמקעט צו אַלץ צו.

מיר איז אויסגעקומען צו רעדן וועגן דעם מיט פֿריינט און חברים, סיי פּאַרטיי־מיטגלידער, סיי „אומפּאַרטייאישע". זייער מיינונג איז דאָס רוב געווען, אַז די רעוואָלוציע קען נישט געמאַכט ווערן מיט קיין דיסקוסיעס. ווער ווייס, וואָס פֿאַר אַ מענטשן עס זענען די דעלעגאַטן און צי מען קען זיך אויף זיי פֿאַרלאָזן מיט אַזעלכע וויכטיקע פֿראַגעס. מען קען נישט אַנווענדן, קיין דעמאָקראַטיע, בעת רוסלאַנד שטייט פֿאַר הונדערטער געפֿאַרן. אַזוי שנעל ווי די געפֿאַרן וועלן אַריבער, וועט מען ווערן דעמאָקראַטיש. דערווייל מוז זיך פֿירן, ווי עס פֿירט זיך. און איך פֿלעג דערביי טראַכטן: ווער ווייס, אפשר זיינען זיי גערעכט?

עס האָט זיך דערנענטערט דער יאָרטאָג פֿון דער רעוואָלוציע, דער זיבעטער נאָוועמבער. מאָסקווע האָט זיך אָנגעפֿאַנגען גרייטן צו דער פּייערונג פֿון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. די שטאָט האָט זיך געפּוצט ווי אַ רייכע כלה צו דער חתונה. אַלע קבֿרים פֿון די העלדן פֿון דער רעוואָלוציע הינטער דער וואַנט פֿון קרעמל זענען באַדעקט געוואָרן מיט נייע בלומען. די פֿייערלעשער האָבן געפּוצט מיט גרינס און פֿאָנען די געבײַדעס פֿון דער סאָוועטישער הויפּט־שטאָט. באַזונדערס רייך זענען פֿאַרפּוצט געוואָרן די אָפֿיציעלע געבײַדעס, ווי דער „דאָם סאָיוזאָוו" (די הויז פֿון די טרעיד יוניאָנס), דער מאָסקווער סאָוועט א"א. אויפֿן רויטן־פּלאַץ איז נישט געבליבן קיין אייןווינקל, וואָס זאָל נישט זיין באַפּוצט לכבֿוד דעם יום־טובֿ פֿון דער רעוואָלוציע. אַרום און אַרום זענען געהאַנגען בלומען־קייטן, פּלאַקאַטן, רויטע פֿאָנען און לאָזונגען.

מיין איינטריטס־קאַרטע צום פֿינפֿטן קאָמאינטערן־צוזאַמענפֿאָר האָט מיר אויך געהאָלפֿן צו קריגן אַ קאַרטע פֿאַר דעם טאָג פֿון 7 נאָוועמבער און איך האָב זיך געמעגט געפֿינען צווישן די צאָלרייכע דעלעגאַציעס פֿון לאַנד און אויסלאַנד. אויף דעם טאָג פֿלעגט דער רויטער־פּלאַץ ווערן אָפּגעשלאָסן פֿאַרן עולם און נאָר די אָפּטיילונגען פֿון דער רויטער אַרמיי און די געסט פֿלעגן הערן די פֿייערדיקע רעדעס פֿון די פֿירער פֿון דער געקענט אַנטייל נעמען אין דעם צענטראַלן פּאַראַד.

אין נאָוועמבער איז שוין אין מאָסקווע היפּש קאַלט. די טעג זענען נאָך שיינע און טיילווייז זוניקע, אָבער גאַנץ געשמאַקע פֿרעסטלעך נעמען שוין אַרום די מאָסקווער לופֿט. דער זיבעטער נאָוועמבער, וועגן וועלכן עס רעדט זיך דאָ, איז געווען אַ קאַלטלעכער, אָבער שיינער טאָג. צו דער באַשטימטער שעה אינדערפֿרי איז שוין אויפֿן רויטן־פּלאַץ אַלץ געווען אין פֿולן גלאַנץ. דער מאָסקווער גאַרניזאָן פֿון דער רויטער אַרמיי איז געשטאַנען אין פֿולער באַוואָפֿענונג און אין גאַלאַ־מונדירן. אַלע צוגעריי־

טע פּלעצער אַרום דעם פּלאַץ, וואו ס׳האָט זיך געפונען די טריבונע פאַרן ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן, זענען געווען פאַרנומען דורך פאָרשטייער פון די רעגירונגען און דעלעגאַטן, געסט און פּרעסע־פאָרטרעטער פון אַלע עקן וועלט. ווען אַלץ איז געווען פאַרטיק, האָט מען מיט אומגעדולד גע־וואַרט אויפן אָנקום פון קריגס־קאָמיסאַר. צו יענער צייט האָט דעם אַמט פאַרנומען טראָצקי.

זעלטן ווען האָב איך זיך געפונען אין אַזאַ געהויבענער שטימונג ווי אין יענעם טאָג. איך האָב פון דער נאָענטער טריבונע, וואו איך בין געשטאַנען צווישן אַנדערע געסט, געשלונגען מיט די אויגן די אויסדער־ווײילטע פערזענלעכקייטן, און אַ הייטערער געפיל האָט מיך אַרומגענומען פון דער שיינער פּאַנאָראַמע אויפן רויטן־פּלאַץ, וואו עס איז נאָך מיט אַ קורצער צייט צוריק געווען דאָס אָרט פון די צאַרישע הערשער. איצט שטייען דאָ די פירער פון דער רעוואָלוציע, דעלעגאַטן פון רעוואָלוציאָ־נערע באַוועגונגען, אַ רויטע אַרמיי...

דאָס האַרץ האָט געטאַנצט פאַר פרייד. דאָס אַלץ, וואָס איך זע, איז אונדזערס, אייגנס, יעדער סאָלדאַט, כאָטש ער קומט, ווי אַמאָל, פון די פּויערים און אַרבעטער־רייען, איז אָבער איצט אַ זעלנער ביי זיך אַליין, ביי זיין אייגענער מאַכט פון אַרבעטער און פּויערים, פאַר וועלכער ער איז גרייט אָפּצוגעבן זיין לעבן.

אַזוי קוקנדיק אויף דער פייערונג מיט שטראַלנדיקע אויגן האָב איך געזען דאָס גרויסע און שיינע פון דער רעוואָלוציע, און צוביסלעך אָנגע־הויבן צו פאַרגעסן און געוואָלט אפילו פאַרגעבן דעם ערשטן שרייענ־דיקן פאַרברעכן פון יענער שטורמישער רעוואָלוציע־צייט, דעם פּראָצעס פון די עסערן (סאָציאַליסטן רעוואָלוציאָנערן).

אין געדאַנק האָט מען עס געקענט אפשר פאַרגעבן, בפרט אין פייער־לעכע מאָמענטן, אָבער פאַרגעסן האָט זיך עס פאָרט נישט געלאָזט. און גראַד דאָ, זיצנדיק אויפן רויטן פּלאַץ, האָב איך זיך דערמאָנט אָן דעם פּראָצעס פון די עסערן, וואָס מיר איז באַשערט געווען בייצואוווינען אין דעם גרויסן זאַל פון דעם „דאָם סאָיוזאָוו". אויף יענעם פּראָצעס, — דעם ערשטן, וואָס די נייע רעוואָלוציאָנערע מאַכט האָט זיך דערוועגט צו מאַכן קעגן אַ רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי פון רוסלאַנד, — זענען געמשפּט געוואָרן גאַנץ מיט זיינע חברים. דאַן האָט נאָך געלעבט לענין און מען האָט צוגעלאָזן אַ פאָרשטייער פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם צו פאַר־טיידיקן די באַשולדיקטע. די דאָזיקע ראָלע האָט אויף זיך גענומען וואַנ־דערוועלדע, דער באַרימטער בעלגישער סאָציאַליסטישער פירער. ער איז אין מיטן פּראָצעס געווען געשטוואונגען אויפצוגעבן די פאַרטיידיקונג, ווייל קרילענקאָ, דער אָנקלאָגער מצד דער רעגירונג, האָט איינגעשטודירט מיט אַ גרופּע יונגע פּאַרטיי־מיטגלידער, אַז זיי זאָלן שטערן וואַנדערוועלדען בעת זיין רעדע. קרילענקאָ האָט די שטערער גענומען אונטער זיין שוץ, זאָגנ־

דיק. אַז דאָס קומט דורך זיי צום אויסדרוק דער צאָרן פון די רוסישע אַרבעטער קעגן די, וואָס האָבן געוואָלט פאַרראַטן די רעוואָלוציע.

איין מאָל, ווען מען האָט וואַנדערוועלדען געשטערט רעדן, האָט קרי־לענקאָ צוגעגעבן. אַז קומענדיקע וואָך וועט דער פּאַרטיידיקער דאָ זען צענדליקער טויזנטער אַרבעטער מאַרשירן איבער די גאַסן, פאַרלאַנגענדיק דעם טויט פון די באַשולדיקטע עסערן.

וואַנדערוועלדע, מיט זיין קלוגן קאָפּ און שאַרפן פּאָלעמישן כוח, האָט דאַן געענטפערט קרילענקאָן, אַז ער איז גרייט צו פאַרבלייבן וויפל צייט עס איז נויטיק, נאָר מיט איין באַדינג, אַז די סאָוועטן־רעגירונג זאָל אים איבערגעבן די מאַכט אויף אַ פּאָר טעג, וועט ער דעם באַשולדיקער באַווייזן נאָך אַ גרעסערע דעמאָנסטראַציע, אויף וועלכער די מאַסן וועלן פאַרלאַנגען די קעפּ פון די איצטיקע רעגירער.

דער גרויסער עולם פון אַריבער טויזנט מענטשן, וואָס האָט זיך צו־געהערט צום גאַנג פון פּראָצעס, האָט אויסגעבראָכן מיט אַזאַ געלעכטער, אַז די ריכטער האָבן קוים מיט צרות באַרואיקט דעם לאַכנדיקן עולם, וועלכער איז נישט געווען קיין צופעליקער, ווייל יעדערער פון זיי האָט געהאַט אַ דערלויבעניש פון זיינע העכערע בייצוזיין דעם פּראָצעס. דער הילכיקער געלעכטער האָט באַוויזן, אַז דאָס רוסישע פאָלק איז נישט דאָס, וואָס די קרילענקאָס פּרובירן פון דעם צו מאַכן.

* * *

אַזוי זיצנדיק פאַרטיפט אין מיינע מחשבות, האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל. איך דריי זיך אום און אַקוראַט הינטער מיר זיצט אַלעקסאַנדער טראַכטענבערג, אַ באַקאַנטער פון ניו־יאָרק, וועלכן איך האָב דאָרט געקענט אַלס גאָר רעכטן מענשעוויק. ער איז געווען אַזאַ „רעכטער", אַז בעת איך בין צו אים אַמאָל געקומען ווענגן העלפן אונדז אין די פאַר־שיידענע פּראָצעסן, וואָס האָבן זיך צעשפּרייט איבערן לאַנד נאָך אַמע־ריקעס אַריין אין קריג, האָט ער געזידלט די באַשולדיקטע פאַר זייער שטע־לונג קעגן קריג. אויף מיר איז ער געווען באַזונדערס אין כעס, למאי איך האָב בעת מיין פּראָצעס פאַרטיידיקט אַ רעגירונג פון „פּאַרכאַפּער און באַנדיטן", ווייל ער, טראַכטענבערג, האָט דאַן געהאַלטן, אַז די לינקע באָלשעוויסטישע רעגירונג וועט פאַרניכטן די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. און דאָ טרעף איך אים עטלעכע יאָר שפּעטער אויפן רויטן פּלאַץ.

פלוצלונג איז איבערן רויטן פּלאַץ דורכגעלאָפן אַ שטראָם און איז אַדורך דורך אין אַלעמעס לייבער. אַלע געזיכטער האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער זייט פון דעם קלויסטער וואַסילי בלאַזשעניג; טראָצקי איז פון יענער ריכטונג אָנקומען אויף אַ פערד. ווי אַן אָדלער איז ער אַראָפּגע־שפּרונגען פון זיין פערד, אַרויפקומענדיק אויפן רויטן פּלאַץ, און מיט פעסטע טריט, מיט דער האַנט ביים היטל, באַגריסנדיק מיליטעריש, האָט

ער אין באַגלייטונג פון זיין שטאַב דורכגעמאַרשירט אין פראָנט פון די פאָדערשטע רייען פון די רויט־אַרמייער.

די באַגייסטערונג אויפן רויטן־פּלאַץ מיטן דערשיינען פון טראָצקין איז געווען אַן אומבאַשרייבלעכע. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער אָפיציע־לער טייל פון דער פייערונג. איין רעדנער נאָכן צווייטן איז אויפגעטראָטן אויף דער ספּעציעלער טריבונע. מען האָט גערעדט אין פאַרשיידענע שפּראַכן וועגן די אויפטוען פון דער רעוואָלוציע. טראָצקי האָט גערעדט דער לעצ־טער. זיין לייבן־שטימע האָט זיך צעדונערט און מען האָט געקענט הערן דעם מינדעסטן שאָרך אויפן רויטן־פּלאַץ. ער האָט זיך געווענדט צו די רויט־אַרמייער און זיי געזאָגט, אַז אַ קאָלאָסאַלע אַרבעט שטייט זיי פאָר; זיי טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז זיי זענען נישט בלויז אַ רוסישע, נאָר אַן אינטערנאַציאָנאַלע רויטע אַרמיי, און ווען עס וועט ערגעץ געשען אַן אומ־גערעכטיקייט, וועלן זיי דאַרפן נעמען די ביקס אין דער האַנט און קומען צו הילף די אומבאַהאָלפענע און באַוועלטע.

אין מיטן זיין רעדע האָט ער זיך געגעבן שנעל אַ דריי אויס, האָט אויפגעהויבן די רעכטע האַנט צו דער זון, געמאַכט אַ קורצע פּאַוזע, און דאַן מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שטים און מיט זיין באַרימטער רעדנער־קונסט אין געטאָקטע זאַצן געשיקט דורך דער זון אַ קללה דעם קאַפּיטאַליזם.

אַ כוואַליע פון אַפּלאָדיסמענטן און אַ שטורמישער הורא־געשריי פון די רויטע סאָלדאַטן האָט אָנגעהאַלטן לאַנגע מינוטן נאָך דער רעדע. ביי פיל מענטשן אויף די טריבונעס האָבן טרערן געפינקלט אין די אויגן פון באַגייסטערונג.

נאַטירלעך האָט ביי יעדערן אַזאַ אימפּאָזאַנטער אַקט אַרויסגערופן אַ האָפענונגספולע שטימונג. איך האָב זיך דערמאָנט אָן דער פראַזע פון מאַקסים גאָרקי, וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם גרויסן רוסישן שרייבער לעוו טאָלסטאָי: „אַזוי לאַנג ווי דער מענטש לעבט, בין איך נישט קיין יתום אויף דער ערד”. ווערנדיק אָנגעצונדן פון דער רעוואָלוציאָנערער צערעמאָניע, האָב איך מיר געזאָגט: „אַזוי לאַנג ווי די רוסישע רעוואָלו־ציע לעבט, איז די וועלט מער נישט הפקר”. איך האָב געיאָגט פון זיך די ספקות און געקלערט, אַז מיט אַלע אירע חסרונות מוז די רעוואָלוציע אָקטאָבער־רעוואָלוציע. פאַרן ברייטן עולם זענען געווען אָרגאַניזירט פילע פייערונגען אין אַנדערע טיילן פון שטאָט, ווייל נישט אַלע האָבן דאָך פאַרטיידיקט ווערן.

געפּעאו און נעפּ

דער ווינטער פון 1922 איז אין מאָסקווע געווען זייער אַ לעבהאַפּ־טער. דער „וואַציק” (אַלרוסלענדער צענטראַלער אויספיר־קאָמיטעט) האָט געלאָזט וויסן, אַז די „טשעקאַ” ווערט אָפּגעשאַפט און דאָס האָט ביי אַלע־

מען אַרויסגערופן אַ גפיל פון פרייד. אויף איר אָרט איז געשאַפן געוואָרן אַ נייע געהיים־פּאָליציי, די „געפּעאו", און מען האָט געמאָלדן, אַז אירע פונקציעס וועלן זיין שטאַרק באַגרענעצטע. קיין שום אַדמיניסטראַטיווע אַרעסטן וועלן נישט פּאָרקומען. יעדערער, וואָס ווערט אַרעסטירט און מען שטעלט איז נישט צו אין משך פון דריי טעג קיין באַווייזן פון זיין שולד, מוז באַפרייט ווערן, און אויב עס זענען דאָ באַווייזן, מוז יענער עפנטלעך געמשפּט ווערן און באַקומען פולע רעכט זיך צו פּאַרטיידיקן; די מלוכה מוז אים געבן אַן אַדוואָקאַט.

פון דעם דעקרעט האָט דער עולם אויפגעלעבט. די ערשטע וואָכן איז מען אַרומגעגאַנגען מיט שיינע חלומות, אָבער גיך האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פאַראָרדענונגען פון „וציק" בליבן אויפן פּאַפּיר און די נייע פּאָליטישע פּאָליציי טוט די זעלבע זאַכן ווי די אַלטע. מען האָט געוואוסט אין מאָסקווע, אַז יעדן פרייטיק ווערן ערגעץ אין דער פינצטער אויסגעפירט טויט־אורטיילן, און קיינער ווייסט נישט, וואו די אַרעסטירטע קומען אַהין. אָבער פאַר פּאָליטישע מענטשן איז יאָ געוואָרן גרינגער. די הויפּט־אַרבעט פון דער „געפּעאו" איז געווען זיך אָפּצוגעבן מיט די „נעפּ"־לייט, וואָס זייער צאָל האָט זיך געמערט מיט יעדן טאָג.

אַזוי ווי מיט אַ כישוף־שטעקעלע האָבן זיך געעפנט אומעטום נייע געשעפטן, עסנוואַרג איז געוואָרן שפּאָט־ביליק און אויף די מאָסקווער הויפּט־גאַסן זענען אויסגעוואַקסן קאָלאָניאַל־געשעפטן, וואָס אַזעלכע האָב איך נישט געזען אין ניו־יאָרק. מען האָט אַלץ באַקומען צו קויפן און פאַר פיל ביליקערע פּרייזן ווי פאַרן „נעפּ". שפּייז, קליידער, לוקסוס־אַרטיקלען, פּוטערזאַכן, שיך, באַפּוצט מיט זילבער און גאָלד קווייטן, קאָסמעטישע אַרטיקלען, אויסלענדישע מאַנופאַקטור — אַלץ האָט איר באַקומען אין די נייע געשעפטן, וואָס האָבן מיט זייער פּראַכט זיך נישט געהאַט וואָס צו שעמען קעגן דער פינפטער עוועניו און בראָדוויי אין ניו־יאָרק.

עס איז אויך דערלויבט געוואָרן אַן אָפענע בערזע פאַר וואַלוטע און זי האָט זיך געפונען ביי דער געביידע פון „פּראָמבאַנק". מען האָט דאָרט אויפן גאַס געביטן וואַלוטע, דאָלאַרן אויף טשערוואָנצעס, טשערוואָנצעס אויף סאָוועטישע „זנאַקעס", אויף סחורה־אָנווייזונגען א. א. וו. דער טשערוואָניעץ איז געוואָרן אַ סטאַבילע וואַלוטע און איז געגאַנגען 2 פאַר 1 דאָלאַר. און פון די סאָוועטישע „זנאַקעס", וועלכע האָבן מיט יעדן טאָג פאַרלוירן זייער ווערט, האָט אַממערסטן געליטן דער אַרבעטער; ביז שבת איז זיין וואָכנטלעכער געהאַלט שוין ווערט געווען אַ העלפט.

די „געפּעאו" האָט דאַן הויפּטזעכלעך זיך פאַרנומען מיט די עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס פון לאַנד און מיט די נעפּלייט. די פאַרוואַלטערס פון די פאַבריקן האָבן נאָך מער ספּעקולירט ווי די נעפּ־לייט. זיי פלעגן אַרויסקריגן אַ פּאָר טעג דאָס געלט, דאַן קויפן אויף דער בערזע פאַר דעם געלט צוויי מאָל אַזויפיל „זנאַקעס" און פאַרדינען אַ העלפט. אַזוי

ווי די „געפּעאו" איז דאָך נישט באַשטאַנען פון קיין הייליקע, האָבן פילע געפּ־לייט, פון איין זייט, און די פּאַרוואַלטערס, פון דער אַנדערער זייט, זיך געדרייט אַרום די געפּעאוניקעס און זיי האָבן צוזאַמען געמאַכט געשעפט גאַנץ געשמאַק.

מאָסקווע האָט זיך געגרייט צום ניי־יאָר־יום־טוב און אַלע טאָג זענען דערשינען אַנדערע דעקרעטן און פאַראָרדענונגען. לונאַטשאַרסקי, דער בילדונגס־קאָמיסאַר, האָט אַרויסגעגעבן אַ דעקרעט, אַז אַלע סטודענטן ווערן באַפרייט פון זייערע לימודים אויפן גאַנצן חודש דעצעמבער, כדי זיי זאָלן קענען פאָרן אויף יום־טוב אין זייערע דערפער צו די עלטערן. דזערזשינסקי, וועלכער איז געווען נישט נאָר דער הויפט פון דער „געפּעאו", נאָר אויך קאָמיסאַר פון די אייזנבאַנען, האָט דעקרעטירט 30 פּראָצענט ביליקער באַן־בילעטן. דער יום־טוב האָט זיך אַלזאָ געפילט אין די טיפסטע ווינקעלעך פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, כאָטש ער איז גאָר געווען פאַרבונדן ׳מיטן טאָג פון קריסטוס־געבורט.

ביי אונדז אין דער וועשעריי זענען מיר געווען פאַרוואָרפן מיט אַרבעט און אַלע אונדזערע קליענטן, וואָס האָבן געבראַכט פון די האָטעלן אָדער רעסטאָראַנען וועש, האָבן פאַרלאַנגט, אַז עס זאָל זיין פאַרטיק אויפן 24 דעצעמבער, ערב קריסטמעס. עס איז געווען אוממעגלעך, אַז מיר זאָלן דורך נאָרמאַלער אַרבעט קענען דערפילן די באַשטעלונגען. און צווישן די קליענטן זענען געווען אַלץ הויכגעשטעלטע מענטשן און אָפיציעלע אינסטיטוציעס. בין איך געפאַלן אויף אַן המצאה ווי אַזוי דאָס צו אַראַנזשירן און צופרידנשטעלן דעם עולם. איך האָב צונויפגערופן דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פון דער וועשעריי און האָב זיי געמאַכט אַ פּראָפּאָזיציע: אַזוי ווי עס זיינען דאָ נאָך דריי וואָכן צום ערשטן יאַנואַר, זאָלן מיר פאַרטיק מאַכן די אַרבעט שנעל, דורך איבערשעהן און פאַרגרעסערטער אינטענסיווקייט, ביזן 24־טן און דאַן וועלן מיר שליסן אויף 8 טעג די וועשעריי, באַקומענדיק באַצאָלט פאַר דער צייט. די אַרבעטער איז דער פאָרשלאַג זייער געפעלן געוואָרן און די אַרבעט איז אַוועק מיט אַזאַ טעמפּאָ, אַז דעם 22־טן איז שוין נישט געווען קיין פאַדעם צו דער אַרבעט.

איך בין דעם טאָג אַרויף צו מיין אויבער־פאַרוואַלטער און אים דערציילט, וואָס מיר האָבן געמאַכט. ער איז געווען אַנטציקט פון דעם פּלאַן. ער האָט מיר אַרויסגעגעבן די נויטיקע סומע צו באַצאָלן דעם געהאַלט און די צופרידנקייט פון די אַרבעטער איז געווען אין לשער. מיר האָבן אויך צופרידנגעשטעלט אַלע קליענטן און צו דער צייט אַרויסגעגעבן די אַרבעט פאַרטיק. עס איז מיר נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס זאָל קענען דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר אַן אָנקלאַגע קעגן מיר אין דער צוקונפט, אָבער דערווייל האָט מען אין דער גאַנצער טעכנישער אָפּטיילונג גערעדט פון דעם איינפאַל פון דעם אַמעריקאַנער צו מאַכן אַלץ פאַרטיק צו דער צייט, יעדערער זאָל באַקומען, וואָס אים קומט, און די אַרבעטער זאָלן האָבן גאַנצע אַכט טעג רו.

מײן נאַאיװקײט

אין די זעלביקע טעג איז פאָרגעקומען דער צוזאַמענפאָר פון דעם „נארפיט״. דאָס איז געװען אַ פאַרקירצונג פון „נאַראָדנאַיע פּיטאַניע״, די אָרגאַניזאַציע, װאָס האָט אָנגעפירט מיט די פאָלקסקיכן. אַזױ װי דער טעכ־נישער אָפּטײל פון „ביוראָבין״ איז געװען אַ מיטגליד פון „נארפיט״, איז אױף מיר אױסגעפאַלן צו זײן אַ דעלעגאַט צום צוזאַמענפאָר. אַזױ װי איך בין געװען אַן אומפּאַרטײאישער און מען האָט אַזעלכע געהאַלטן פאַר אַ נױטװענדיקײט בײ די צוזאַמענפאָרן, בין איך געװען אַ דעלעגאַט.

אױפן צוזאַמענפאָר איז געװען אַ גרױסע צאָל דעלעגאַטן, אָבער מען האָט צװישן זיך כמעט װי נישט גערעדט. אַ פאָרשטײער פון דער צענ־טראַלער קערפּערשאַפט פון די סאָװעטישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראײנען האָט אָפּגעגעבן אַ באַריכט און דערקלערט, אַז אַזױ װי דער סאָװעטן־פאַרבאַנד איז שױן געגנוג שטאַרק, װעלן די פאַראײנען פון נײעם יאָר אָן פירן זײער אַרבעט זעלבסטשטענדיק און נישט זײן אָפּהענגיק פון דער רעגירונג און פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטײ. עס װאַקסן די עקאָנאָמישע אינסטיטו־ציעס, סײ פון דער רעגירונג און סײ פּריװאַטע, און דער אַרבעטער דאַרף נעמען זײן גורל אין די אײגענע הענט און פאַרטײדיקן זײנע געװאָונענע פּאָזיציעס מיט אַלע מיטלען. אַזױ רעדנדיק האָט ער געמאָלדן, אַז הײנט גײט אַרײן אין לעבן װעגן דעם אַ נײער דעקרעט, אַ דעקרעט װעגן דער זעלבסטשטענדיקײט פון די פאַראײנען, אָבער און דאָ האָט ער גענומען באַגלײטן זײנע אױספירן מיט „אַבערס״.

„אָבער אַזױ װי מיר זענען נאָך נישט אינגאַנצן פרײ פון די װײסע, װעט מוזן בײ יעדן פאַראײן זײן אַ קעמערל פון דער פּאַרטײ״; אָבער אַזױ װי די מענשעװיקעס און עסערן זענען נאָך נישט אין גאַנצן פאַר־ניכטעט, װעט בײ יעדן פאַראײן מוזן זײן אַ פאָרשטײער פון דער רעגי־רונג אאז״װ. ביז ער איז פאַרטיק געװאָרן מיט אַלע „אָבערס״, האָט זיך אַרױסגעװיזן, אַז אַלץ בלײבט װי פריער און די פאַראײנען װערן מיט גאָרנישט זעלבשטענדיק. די דעלעגאַטן האָבן זיך איבערגעקוקט און שטיל צוגעשמײכלט.

פון פּרעזידיום האָט מען דערקלערט, אַז אײדער מען טרעט צו װײלן אַ נײע פאַרװאַלטונג פון „נארפיט״ אױף זעקס מאָנאַטן, קען, װער עס װיל, עפּעס פרעגן אָדער נעמען אַ װאָרט. איך האָב זיך גאָר פאַרגעסן, װאו איך געפין זיך, און אױסגערופן: „איך בעט אַ װאָרט!״

דער גאַנצער עולם דעלעגאַטן האָט זיך אַ דרײ געטאָן אין מײן ריכ־טונג און פון פּרעזידיום האָבן אױגן ממש געשאָסן גלײך צו מיר. אין זאַל איז געװאָרן שטיל װי אין אַ קבר, און די פינף מינוט, װאָס איך האָב גערעדט, האָט מען געקענט הערן, װי די הערצער קלאַפּן בײ די צוהערער אין זאַל. נישט חלילה, צוליב מײן שײנעם רעדן, נאָר צוליב דער געװאַגטקײט פון אײנעם צו נעמען אַ װאָרט.

אויף אַ גאַנץ נאַאיוון אויפן האָב איך אויסגענוצט די 5 מינוט צו זאָגן, אַז עס איז נישט נייטיק „איבערצוגיסן פון פוסטן אין ליידיקן", מאַכן דעקרעטן און מיט אַ פּאָר „אָבערס" זיי צונישט מאַכן. עס וואָלט געווען בעסער צו דערקלערן, אַז ווען די צייט וועט קומען, וועלן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען זיין זעלבשטענדיקע. דערווייל קען דאָס נישט זיין. כל־זמן די פאַרוואַלטערס דאַרפן ביים אויסצאָלן די געלטער פון די רעגירונגס־קאַסעס אָראָפּנעמען דעם אָפּצאָל פאַרן פאַראיין, ווייס נישט דער אַרבעטער צייטנווייז, ווער עס איז זיין פאַרשטייער און אפילו וואו זיין פאַראיין געפינט זיך. פאַרענדיקט האָב איך מיט דער באַמערקונג, אַז איידער זיך אָפּגעבן מיט אַזעלכע אומנויטיקע מאַנעווערס וואָלט געווען פיל בעסער צו פאַרשטאַרקן די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער וועגן דער נויטיקייט פון זיין אָרגאַניזירט אין די סאָוועטן, וואָס די פאַראיינען זענען זייער באַזע, כדי זיי זאָלן וויסן דעם ווערט און די קראַפט פון אָרגאַניזירטקייט.

איידער איך האָב נאָך פאַרענדיקט, האָב איך געפילט, אַז איך האָב אַריינגערוקט אַ פוס אין קאַלטן. דער פאַרשטייער, וואָס איז געווען אַ געשיקטער פון די הויכע פענצטער צום צוזאַמענפאָר, האָט זיך אַרויפגעוואָרפן אויף מיר און געגומען שרייען: „מיר קענען אייך, די מענשעווי־קעס און עסערן, און וויסן אייער מיין!" האָב איך זיך אָנגערופן אויפן קול, אַז ער מאַכט אַ טעות, אַז איך בין גאָר אַן אַנאַרכיסט. אויף וואָס ער האָט מיט נאָך מער פוריע געענטפערט: „איז נאָך ערגער!" מיר איז שוין קיין אַנדער זאַך נישט געבליבן ווי צו שווייגן.

מען האָט גלייך דורכגעפירט די אָפּשטימונג פאַר 24 מענטשן, וועלכע מיר האָבן נישט געקענט און די נעמען נישט געהערט, און זיי זענען דורכגעגאַנגען איינשטימיק. שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז אַלע זענען זיי געווען פאַרטיי־מיטגלידער. מען האָט זיך געגומען פונאַנדערגיין. ביים קומען צום צוזאַמענפאָר האָט מיך קיינער נישט געקענט און איך האָב קיינעם נישט געקענט, אָבער אַרויסגייענדיק האָבן כמעט אַלע דעלעגאַטן מיר געזוכט צו זאָגן אַ גוטן־טאָג אָדער כאָטש אַ שאָקל טאָן מיטן קאָפּ. איך האָב געפילט נישט אַזוי פריגלדיק מיט מיין אויפטו, אָבער וואָס איך האָב דאָ שלעכטס געטאָן, האָב איך נישט געוואוסט און זיך נישט געקענט דערקלערן. גייענדיק האָב איך נאָך אַמאָל דורכגעטראַכט מיינע ריידן אין געדאַנק און בין געקומען צום שלוס, אַז איך האָב פאַרטיידיקט די אינטערעסן פון די סאָוועטן. טאָ וואָס זשע האָט דער פאַרשטייער זיך אַזוי געצאָרנט?

אויף דער נאַכט איז, ווי שטענדיק, זיך צוזאַמענגעקומען אונדזער „סעמיא", דער פאַמיליען־קרייז, ווי מיר האָבן זיך גערופן, און איך האָב זיי דערציילט, וואָס עס איז געשען אויפן צוזאַמענפאָר. אייניקע האָבן אויסגעדריקט די מיינונג, אַז ס'איז גאָרנישט נאָר פשוט עס דאַרפן רעדן די, וואָס דאָס קעמערל באַשטימט זיי. „גלאַט רעדן איז ביי אונדז ניש־

טאַ" — האָט געזאָגט דער חבר קאָסטיאַ, אונדזוערער אַ גוטער חבר און אַ פּאַרטיי־מיטגליד. ער איז געווען אַ הויכער באַאַמטער און ער האָט מיך געטרייסט, זעענדיק, אַז איך בין נישט אויפגעלייגט פון דער גאַנצער מעשה. „מען ווייסט, ווער דו ביסט, און ס'וועט דיר גאָרנישט זיין", האָט ער מיר פאַרזיכערט, — „און טאָמער יאָ, וועלן מיר צולייגן אַ האַנט און זען דאָס צו פאַרווישן".

די נאַכט האָב איך קיין רו, נישט געהאַט. איך האָב זיך נישט גע־קענט געפינען קיין אָרט צוליב די דראָאונגען פון דעם פאַרשטייער, און איך האָב זיך געטראַכט: נאָך אַלעמען בין איך דאָך אין אָרדענונג. איך אַרבעט מיט לייב און לעבן און בין נישט ווייניקער געטריי דער מאַכט, ווי די פּאַרטיי־קאָמוניסטן; אי — וואָס, איך בין נישט אין דער פּאַרטיי? טאָ וואָס האָב איך דאָ חוטא־בעגל געווען?

עס זענען אַוועק עטלעכע טעג. די יום־טוב נעכט פון קריסטוס גע־בורט ביז אַריבער ניי־יאָר זענען געווען זייער פרייליכע אין מאָסקווע און איך האָב צוביסלעך גענומען פאַרגעסן אָן דער גאַנצער מעשה.

ווען דאָס געוויסן איז נאָך וואַך געווען

די טעג און נעכט פון דעם ניי־יאָר יום־טוב זענען אַריבער ווי אַ שיינע לעגענדע. עס זענען פאַרווישט געוואָרן אַלע אונטערשיידן צווישן מענטשן. גאַנץ מאָסקווע, רעליגיעזע און נישט רעליגיעזע, האָט זיך גע־פרייט און געהוליעט, נאָר די פרייד איז געווען נישט מיטן געבורטסטאָג פון קריסטוס, נאָך מיט דער ניי־געבוירענער רוסלאַנד.

דאָס ערשטע מאָל נאָך 5 יאָר האָבן זיך באַוויזן די אַמאָליקע טיפּן שלימזלען. אין די האַלאַבלעס האָבן געפינקלט לאַמטערנדלעך, די פערד באַדעקט, באַפּוצט מיט שיינע געוואַנטן און באַצירט מיט גלעקלעך. לאַבנ־דיקע פאַרלעך האָבן מיט זייער געלעכטער מיטגעקלונגען און פאַרהילכט די גאַסן. דער ווייסער שניי האָט געבלענדט, די קאַלטע ווינטער־לופט האָט זיך ווי אָנגעוואַרעמט פון דעם הייסן אָטעם פון די מענטשן אַרום.

איך האָב זיך אין דער נאַכט פון 31טן דעצעמבער אַרומגעשלעפּט לאַנגע שעהן און באַטראַכט דעם וואונדער אַרום. אין אַלע קאַפעען און רעס־טאָראַנען האָט געשפּרודלט מיט לעבן און פרייד. די מענטשן זענען דאָך גוט, און ווי גוט זיי פילן זיך, ווען מען איז פריי און יום־טובדיק. אפילו די געפּעאו־מענטשן, וואָס ביים דערמאָנען זייער נאָמען, פלעגט ביי די קינ־דער דער מוטערס מילך פאַרטריקנט ווערן אויף די ליפּן, זענען געוואָרן אַנדערש. אויך זיי זענען געזעסן ביי טישלעך מיט משקה און זיך צוגע־וואונטשן מיט מענטשן, וועלכע זיי וועלן אפשר מאָרגן באַהאַנדלען ווי אַ שונאים. אָבער היינט איז יום־טוב, און קיינער שרעקט זיך נישט פאַר קיי־נעם. אַלע געפינען זיך אונטערן צודעק פון גליק און די אונטערשיידן זיי־נען פאַרשוואונדן.

איך בין אין יענער נאַכט, אויף אַ שפּעטער שעה, געווען פאַרבעטן אין דער פּריוואַטער וואוינונג פון דעם מיטגליד פון „וציק" — קאַגאַניצקי. ער אַליין האָט געהאַט זייער אַ רייכע רעוואָלוציאָנערע פאַרגאַנגענהייט און איז געווען אַ העלד פון „אָקטאָבער" און פון בירגער־קריג. עס האָט גע־הייסן, אַז אים אינטערעסירט ווייניק דער נייער יום־טוב, נאָר אַזוי ווי מאָרגן איז אַ פרייער טאָג, דאַרף מען זיך צונויפקומען ביי אַ גלעזל בראַנפן און אַ ביסל פּלוידערן.

ביים טיש, וואָס איז געווען געגרייט ביי קאַגאַניצקין, האָט מען גע־קענט זען דעם אונטערשייד צווישן סאָוועטישע באַאַמטע, אָפּהענגיק פון דעם פּאָסטן, וואָס זיי פאַרנעמען. זיין פּאָסטן איז געווען גאָר אַ געהויבע־נער. נאָך אַ פּאָר שעה עסן, טרינקען און זיך לאָזן וואוילגיין האָט קאַגאַ־ניצקי אַליין פאָרגעשלאָגן צו דערציילן עפּיזאָדן פון זיינע איבערלעבונגען אין דער רעוואָלוציע, אָבער יעדערער האָט געמוזט געבן זיין וואָרט, אַז ער וועט עפנטלעך דערפון נישט רעדן, ביז דאָס, וואָס ער וועט דערציילן וועט נישט זיין אָפּגעדרוקט, וואָס עס דאַרף געשען אין גיכן.

ער האָט געמאַכט אַ קורצע הקדמה, זאָגנדיק, אַז ער וויל דערציילן וועגן איין וויכטיקן עפּיזאָד, וואָס הגם ער האַלט עס פאַר אַ גרויסן דינסט צו דער רעוואָלוציע, ראַנגלען זיך דאָך איז אים מאָדנע געפילן אַרום דעם, וויל ער דעריבער וועגן דעם זיך אָראָפּרעדן פון האַרצן. אַלע אַרום זענען מיר געבליבן זיצן ווי סטאַטועס, אָן שום באַוועגונג, און קיין קלאַנג פון מויל נישט אַרויסגעלאָזן. קאַגאַניצקי האָט דערציילט:

„דאָס איז געווען אין 18־טן יאָר, ווען די צאַרשע פאַמיליע איז גע־בראַכט געוואָרן קיין יעקאַטערינבורג. איך בין דאָרט געשטאַנען מיט אַן אָפּטיילונג רויטע אַרמייער. איין טאָג קומט צו מיר אין שטאַב אַ יונגער קאָמאַנדיר מיט נאָמען בעלאָבראָדאָוו און מעלדט, אַז אַזוי, ווי אויפן וואָק־זאַל, אין אַ פאַרמאַכטן וואַגאָן, געפינט זיך די ראָמאַנאָוו־פאַמיליע, בעט ער, אַז מיר זאָלן גלייך אויסזוכן אַ וואוינונג פאַר זיי, און דערביי גיט ער מיר איבער דעם באַפעל פון ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן.

„איך און בעלאָבראַדאָוו, וועלכער איז אויך געבליבן צו דעם צוועק, האָבן געמוזט זאָרגן דערפאַר, אַז די וואַך אַרום דער הויז אין יעקאַטערינ־בורג, וואו מיר האָבן די ראָמאַנאָווס אַוועקגעפירט, זאָל זיין פון אויס־געפּרואווטע רעוואָלוציאָנערן. די פילע יאָרן פון דער צאַרישער דינאַס־טיע האָבן ביים פאָלק געשאַפן אַ געטלעכן באַגריף אַרום „דעם צאַר באַ־טיושקאַ", און מען האָט געקענט מורא האָבן, פאַר אַן אַנטירעוואָלוציאָ־נערן אַקט. דערצו האָט זיך דאָן קאָלטשאַק געפונען מיט זיינע באַנדעס אין סיביר, האָבן מיר מורא געהאַט, אַז זיי זאָלן נישט באַפאַלן יעקאַ־טערינבורג און וועלן באַפרייען דעם צאַר און זיין פאַמיליע.

„ביי מיר צווישן די רויט־גוואַרדייער, האָט זיך געפונען אַ גרופּע קראָנ־שטאַטער מאַטראָסן. — פון יענע, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אָקטאָבער־אויפשטאַנד; צווישן זיי איז אויך געווען זשעלעזניאַקאָוו, —

איינער פון די, וואָס זענען די ערשטע אַריין אין צאַרישן ווינטער־פּאַלאַץ אין פּעטראָגראַד. האָבן מיר די גרופּע באַשטימט אין דער וואך און איך מיט בעלאָבראָדאָוון האָבן גענומען אויף זיך די פאַראַנטוואָרטלעכקייט.

„די ערשטע צייט זענען מיר כמעט נישט געשלאָפן קיין נעכט. מיר האָבן געוואוסט, אַז דער ראַט פון די פאָלקס־קאָמיסאַרן פאַרהאַנדלט מיט דער ענגלישער רעגירונג וועגן אַרויסגעבן די פאַמיליע צו ענגלאַנד פאַר אַ גרויסן פּרייז. מיר האָבן נאָר נישט געוואוסט צי זיי מיינען עס ערנסט, צי נישט. דאָס איז מיר נאָך היינט שווער צו זאָגן. מיר זענען געווען דאַן אַרומגערינגלט מיט שונאים פון אַלע זייטן און די פאַרהאַנד־לונגען זענען געווען נייטיק.

„די טעג און וואָכן האָבן זיך געצויגן. קאָלטשאַק האָט זיך דערנענ־טערט צו אונדזערע פּאָזיציעס. מיר האָבן געהאַט פאַרנאַכלעסיקט דעם פראָנט צוליב דער שטענדיקער מורא, טאָמער טרעפט עפּעס מיט דעם צאַר און דאָס וועט שטערן די הויכפּאָליטישע פאַרהאַנדלונגען. די לאַגע איז געוואָרן ערנסט ביז גאָר. פון אינעווייניק האָט זיך געגרייט אַ פאַר־שווערונג. פּויערים פלעגן קומען פון גאַנצן אַרום קיין יעקאַטערינבורג און פון ווייטן שטיין אויף די קני און בעטן פאַר די נשמות פון די ראָ־מאַנאָווס. ווי געהיים מיר האָבן דאָס נישט געהאַלטן, האָט מען אין דער גאַנצער געגנט זיך דערוואוסט, אַז דער צאַר מיט זיין פאַמיליע זיינען דאָ אונטער אַרעסט און עס האָט געקענט פּאַסירן, אַז מען זאָל אונדז באַפאַלן, כדי זיי צו באַפרייען.

„מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל באַראַטן מיטן צענטער. מען פלעגט אונדז ענטפערן נישט גערן און געבן אינסטרוקציעס צו היטן זיי. אויף דעו לעצטער אָנפראַגע האָט מען אונדז אין גאַנצן נישט געענטפערט, און מיר האָבן דאָס אָנגענומען, אַז מען לאָזט עס איבער צו אונדז. מיט אונדז איז געווען וואָיקאָוו, פון יעקאַטערינבורגער סאָוועט, און מיר האָבן זיך באַראַטן וואָס צו טאָן. ווייל יעדן טאָג האָט געדראָט די געפאַר סיי פון קאָלטשאַקס אַרמיי, סיי פון אַן איבערפאַל. האָבן מיר באַשלאָסן די זעלבע נאַכט פון זיי פּטור צו ווערן און אַז מיר אַליין זאָלן דעם אורטייל אויס־פירן.

„ווען דער באַשלוס איז געפאַלן, איז געשען אַ מאָדנע זאַך. מיר האָבן אַלע דאָס לעצטע יאָר געקעמפט אויף פילן שלאַכט־פעלדער און די ביקס פון האַנט נישט אַרויס געלאָזט. נאָר אַז ס'איז געקומען אויסצופירן אַ טויט־אורטייל אַלס רעזולטאַט פון טרוקענער לאָגיק, זענען מיר אַלע גע־בליבן זיצן שטום און עס איז אויסגעקומען, אַז מיר זענען נישט גרייט — נישט פיזיש, נישט מאָראַליש האָס צו טאָן.

„אין דעם מאָמענט האָב איך גענוצט מיין אויטאָריטעט אַלס קאָמ־מאַנדיר און געזאָגט צו זשעלעזניאַקן, ווי מיר פלעגן אים רופן, אַז ער וועט דאַרפן אויספירן דעם באַפעל. ער האָט זיך נישט אָפּגעזאָגט, ווייל אַזעלכע זאַכן טוען זיך לייכטער אויפן באַפעל ווי פרייוויליק. מיר האָבן

איך געדאַרפט באַשליסן וואָס צו טאָן מיטן פּראָפעסאָר באַטקין, אַן אַל־טער מאַן ביי 70 יאָר, וואָס איז געווען אַ גרויסער מעדיקער און איז גע־ווען אַ לאַנגע צייט דער דאָקטאָר פון דער ראָמאַנאָוו־פאַמיליע. מיר האָבן באַשלאָסן אים אָפּצושיקן קיין מאָסקווע, נאָך דעם ווי די עקזעקוציע וועט זיין אויסגעפירט.

„שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר געמאָלדן דער גאַנצער פאַמיליע פונם צאַר, אַז זיי זאָלן זיך מאַכן גרייט, ווייל מען דאַרף זיי אַוועקפירן אין אַן אַנדער אָרט. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַטאַליע. זיי האָבן אויף אונדזערע פּנימער אַרויסגעלייענט די דערנענטערונג פון זייער סוף און נישט געוואָלט גיין. מיט גוואַלד האָט מען זיי אַראָפּגעפירט אין קעלער פון הויז. דער איינציקער, וואָס איז געגאַנגען פרייוויליק און רואיק, איז גע־ווען פּראָפ' באַטקין, וועלכער האָט זיך אָנטזאָגט פון אונדזער טובה און אונדז געלאָזט וויסן, אַז ער וויל נישט פאָרן קיין מאָסקווע; ער האָט זיי אַלע יאָרן געדינט — האָט ער אונדז קורץ געזאָגט — און וויל צוזאַמען מיט זיי שטאַרבן.

„זשעלעזניאַק האָט מיט אַ גרופּע טרייע זעלנער דורכגעפירט די עק־זעקוציע. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער אַרויסגעקומען פון קעלער, מיט איבערגעקערטע אויגן ווי אַ צעמישטער, האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אָן די עלנבויגנס און געברעוועט ווי אַ פאַר־וואונדעטע חיה. מיר האָבן אים געפּרואווט באַרואיקן און ער האָט גע־שריען: „ביז וואַנען וועלן מיר אַזוי אָנגיין? די רעוואָלוציע מאַכט פון אונדז הענקערס, — זאָל זיין הייליקע הענקערס, אָבער הענקערס. ניין, מער וועל איך עס נישט טאָן, איך קען נישט מער. טויטן שוצלאָזע מענטשן — ניין, איך קען נישט מער!״

„אין אַ קורצער צייט אַרום — האָט קאַגאַניצקי ווייטער דערציילט — האָט זשעלעזניאַק איבערגעריסן מיט דער פּאַרטיי. ער איז אַוועק אויף אוקראַינע, זיך אָנגעשלאָסן צו באַנדעס און איז געשטעלט געוואָרן אויי־סערן געזעץ. ער איז געפאַלן פון אַ קויל פון די ווייסע, קעגן וועלכע ער האָט געקעמפט. איך קען אים נישט פאַרגעסן, — האָט קאַגאַניצקי פאַר־ענדיקט זיין דערציילונג, — ווען מען וועט שרייבן די געשיכטע, וועט ער זיכער באַשמוצט ווערן. ער איז אָבער געווען אַ מענטש פון פאָלק, אַ פאָלקס־העלד מיט אַ גרויסער נשמה. לאָמיר אויסטרינקען פאַר זיין אָנדענק!״.

ער האָט דער ערשטער אויפגעהויבן אַ פולע גלאָז „וואָדקאַ״ און, ווי אַ דאַרשטיקער, זי אויסגעטרונגען. אַלע אַרום האָבן אויך געטרונקען, אָבער אָן ווילן.

דער יחיד איז גאָרנישט

דעם צווייטן יאַנואַר, 1923, ביז איך געקומען צו דער אַרבעט, ווי געוויינטלעך, מיט אַ האַלבער שעה פריער. דאָס מאָל האָב איך שוין גע־

טראָפן פיל פון די חברים וואַרטנדיק. די שטימונג איז ביי אַלעמען גע־וועז זייער אַ פריילעכע און מען האָט מיך באַגעגנט מיט אַ „גוט מאָרגן" — בעסער ווי די גאַנצע צייט פון אונדזער געמיינזאַמער אַרבעט.

אַזוי ווי איך פלעג טאָן יעדעס מאָל, בין איך אַראָפּ אין קעלער רע־ווידירן די קעסלען און זען, צי זיי זענען אין אָרדענונג. דאָרט האָט גע־אַרבעט איינער זאַבאָליעוו, וואָס האָט געהאַט די אויפזיכט איבער די האַלב־שניידער און די קעסלען. ער איז געווען אַן אויסגעדינטער סאָל־דאַט און שטענדיק געהאַט עפּעס צו דערציילן פון דער אַרמיי. זיין טרוים איז געווען צו ווערן אַ מיליטערישער קאָמיסאַר. קומט ער צו צו מיר, קוקט זיך אַרום, צי קיינער הערט נישט, און מיט אַ שטילער שטימע, וואָס איז גאָר נישט געווען זיין געוואוינהייט, זאָגט ער מיר: „איר ווייסט, חבר יאַקאָב לעאָנטיעוויטש, מען קלייבט זיך אייך אַנצוקלאָגן". „ווער"? — האָב איך אים פאַרוואונדערט געפרעגט. „אָט דאָרט, דער טייוול ווייסט, — זאָגט ער. — איך האָב אייך דאָס נישט געטאָרט זאָגן, נאָר אַזוי ווי איך ווייס, אַז איר זייט אומשולדיק, זאָג איך אייך, אַז אין „מעסטקאָם" (אָרטיקער קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי) קלייבט מען זיך אייך אָנצוקלאָגן. איך בעט אייך, זאָגט נישט קיינעם וועגן דעם, וואָס איך דערצייל אייך". איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז עמעצער האָט זיך פאַרלייגט אויף מיר און בין געווען גרייט צו אַלץ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום קריג איך באַלד אינדערפרי אַ טעלעפאָנאָ־גראַמע, איך זאָל גלייך קומען אין „מעסטקאָם". איך בין באַלד אַוועק אַהין, און אַריינקומענדיק אין קאַנצעלאַריע, זאָגט מיר דער סעקרעטאַר, אַז קעגן מיר זענען דאָ דריי אָנקלאַגעס. שטעל איך אויס אַ פּאָר פאַר־וואונדערטע אויגן: גאַנצע דריי?

— יאָ, איר ווערט באַשולדיקט אין שטערן דער פּראָפעסיאָנעלער באַ־וועגונג, אין איגנאָרירן באַוואוסטזיניק דעם געזעץ פון מאָסקווער סאָוועט און אויך, אַז איר האָט אַ רעליגיעזן צוגאַנג צו די אַרבעטער. איר דאַרפט דעריבער צושטעלן אַ שריפטלעכע דערקלערונג אין סעקרעטאַריאַט פון „מעסטקאָם" אין פאַרלויף פון דריי טעג.

איך האָב דערקלערט דעם סעקרעטאַר, אַז די באַשולדיקונגען זענען אַ מין חוזק פון מיר, און אויב ער פאַרלאַנגט אַ שריפטלעכע דערקלע־רונג, ווייל איך האָבן אַ שריפטלעכע אָנקלאַגע. עס איז מיר קלאָר געוואָרן, אַז עס האַנדלט זיך וועגן מיין אַרויסטריט מיט די עטלעכע ווערטער אויפן צוזאַמענפאָר פון „נאַרפּיט".

ווייסנדיק, אַז גוט קען מען דאָ נישט אָפּשניידן, בין איך אַוועק צו ח' קאָנטאַראָוויטש און אים דערציילט די געשיכטע. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן צו זיין דערביי, ווען מען וועט אויפהייבן אַן אָפיציעלע אָנקלאַגע קעגן מיר. איך האָב אויך געהאַט אַ גוטן חבר, אַ פּאַרטיי־פירער קאַטליאַר, וועל־כער איז געווען דאַן אַ מיטגליד אין דער קאָנטראָל־קאָמיסיע. ער איז גע־ווען זיכער אין מיין אומשולד און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט

מיט דער חברה פון „מעסטקאָם" לערנען דרך־ארץ. אויך דער פאָרשטייער פון דער „געפּעאו" און „נארקאמינדיעל", באַגאַפּאַלסקי, וועלכער האָט אַ־מאָל מיט מיר געאַרבעט אין אַמעריקע אין דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג, האָט פאַרשפּראָכן מיך צו שיצן קעגן די אומזיסטע אָנקלאַגעס. אָבער מיינע נאָנטע חברים זענען געווען שטאַרק באַזאָרגט, ווייל מיר האָבן גע־וואוסט, אז מען קען פון אַזאַ באַשולדיקונג אין בעסטן פאַל אָפּשניידן מיט פאַרשיקט ווערן אויף 3 יאָר קיין סיביר, און צי מען קומט פון דאָרט צוריק, איז אַ גרויסע פראַגע.

עס זענען פאַריבער די דריי טעג און עס איז געווען שטיל. דערווייל האָט אונדזער פאַבריק באַקומען אַ בריוו פון דער ספּעציעלער אַרבעטער און פּויערים־קאָמיסיע, וואָס האָט רעווידירט דעם גאַנג פון די אונטער־נעמונגען, אַז זי האָט אַלץ געפונען ביי אונדז אין בעסטער אָרדענונג, סיי טעכניש, סיי היגיעניש און סיי פינאַנסיעל. אינם בריוו איז מיין פאַר־וואַלטעריי געלויבט געוואָרן און דאָס האָט פאַר מיר אין אַזאַ שווערער מינוט געמיינט גאָר אַ סך.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען מיך ווידער גערופן אין „מעסט־קאָם". דאָס מאָל איז געווען דער גאַנצער צוזאַמענשטעל פון „מעסטקאָם" און עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרהער. דער פאָרזיצער פון דער זיצונג איז: געווען אַ מיטגליד פון מאָסקווער סאָוועט, חבר בערענשטיין, אַ פּלימע־ניק פון לעאָן טראָצקי. עס זענען אויך געקומען קאַנטאַראָוויטש, באַגאַ־פּאַלסקי פון דער „געפּעאו" און קאָטליאַר, וועלכע איך האָב פריער דער־מאָנט.

איך האָב זיך געשאַפן מוט, אַלעמען ברייט און דרייסט באַגריסט, און זענענדיק די דריי פריינט, האָב איך זיך געפילט זיכערער. דער סעקרעטאַר האָט איבערגעלייענט די דרייפאַכע אָנקלאַגע קעגן מיר: 1) רעליגיעזער צו־גאַנג — איך האָב אויף דעם יום־טוב פון קריסטום־געבורט פריי געלאָזן די אַרבעטער מיט אַ וואָך פריער; 2) ביים צוזאַמענפּאָר פון „נאַרפּיט" בין איך אַרויסגעטראָטן קעגן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען און אָרגאַ־נעזירן זייער פּרעסטיזש; 3) בעת דער מאָסקווער סאָוועט האָט פאַר־אָרדנט, אַז צוליבן יום־טוב זאָלן די פאַבריקן נישט געשלאָסן ווערן, האָב איך פאַרמאַכט די אונטערנעמונג אויף מער ווי אַ וואָך. אין קאָנטר־רע־וואָלוציע, וואָס קען זיך ענדיקן מיט אַ וויזיט צו דער „געפּעאו." האָב איך בלויז אָפּגעענטפערט אויף די באַשולדיקונגען.

אין דעם ערשטן פּונקט פון דער אָנקלאַגע האָב איך זיך פאַררופן אויף לונאַטשאַרסקין און דזערזשינסקין. דער ערשטער האָט אַ חודש פאַר ניי־יאָר באַפרייט די סטודענטן און דער צווייטער האָט זיי געגעבן פרייע מעגלעכקייט צו פאָרן מיט די באַנען. און אויב זיי, אַלס הויפּט־קאָמי־סאַרן, האָבן אַזוי געהאַנדלט, דאַרף מען דאָך אַנדערע אויך נישט באַשול־דיקן.

ווען נישט פאָלגן דעם דעקרעט פון סאָוועט האָב איך זיך געווענדט

צום אָנווענדיקן פאַרשטייער פון מאָסקווער סאָוועט מיט אַ פראַגע: צי מיינט ער, אַז אַ וועשעריי איז אַ פאַבריק אָדער אַ זאַוואָד? נאָך מיין מיינונג איז דאָס נישט מער ווי אַן אונטערנעמונג, וואָס באַדינט, אָבער זי פּראָדוצירט נישט. אין די אינטערעס פון דער אונטערנעמונג איז געווען צו זאָרגן, אַז אַלע אַנשטאַלטן, וואָס זענען אונטער דער אויפזיכט פון „ביוראָבין", זאָלן פּינקטלעך באַדינט ווערן, אַז אַלע האָטעלן און רעסטאָראַנען זאָלן האָבן ריינע וועש, — און ווען איך טו נישט אַזוי, ווי מיר האָבן עס געמאַכט מיט דער איינשטימיקייט און צופרידנקייט פון די אַרבעטער, וואָלט אונדז נאָך געבליבן אַרבעט אויפן צווייטן יאָר.

הערנדיק מיין פאַרענטפערונג, האָט דער פאַרשטייער פון סאָוועט געמאַכט אַ דערקלערונג, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען דעם זין פון דעקרעט, אָבער ער גיט צו, אַז די האַנדלונג איז אין דעם פאַל געווען אַ „פּאָזאיסטווענע", דאָס הייסט געהאַנדלט ווי אַ באַלעבאָס, וואָס פאַרשטייט די אינטערעסן פון זיין אונטערנעמונג.

מיט דער דריטער אָנקלאַגע וועגן שטערן דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג איז מיר געגאַנגען אַ ביסל שווערער. נאָר אַזוי ווי די ערשטע צוויי זענען געווען זייער אָן־גרונטיקע, איז שוין די דריטע אויך געווען מעגלעך אומצווואַרפן. איך האָב דערקלערט, אַז אַלס אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסט האָב איך זייער ווייניק אינטערעס אין דעם פּאָליטישן קאַמף און אַז מיך אינטערעסירט מער די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג. איך בין אפשר אומגערעכט מיט מיין קריטיק, אָבער איך בין נישט לאַנג אין לאַנד, און לויט מיינע באַאָבאַכטונגען איז די באַזע אין די פאַראיינען אַן אומגעזונטע. איך האָב זיך פאַררופן אויפן ביישפּיל פון אונדזער אונטערנעמונג, וואו די עטלעכע צענדליק אַרבעטער ווייסן נישט פון פאַראיין און זיינע אויפגאַבן, און מיר, אַלס זייער פאַרשטייער און פאַרוואַלטער גלייכציטיק, קומט אויס אָראַפּצונעמען זייער אָפּצאָל פון געהאַלט און אָוועקטראָגן אין פאַראיין. עס וואָלט געווען פיל בעסער, ווען זיי קומען אַליין אין באַרירונג מיט זייער פאַראיין און האָבן פליכטן צו אים. אפשר איז עס נישט ריכטיק, האָב איך צוגעגעבן, אָבער געזאָגט האָב איך עס אויף אַ צוזאַמענפאָר, וו עס זיצן פאַרשטייער צו באַטראַכטן די פירונג פון זייערע אָרגאַניזאַציעס, דעריבער קען עס נישט אויסגעטייטשט ווערן, אַז איך האָב געוואָלט אַרונטעררייסן דעם פּרעסטיזש פון דער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג.

נאָך דעם ווי איך האָב פאַרענדיקט, האָב איך באַמערקט, ווי דער פאָרזיצער מיט די בייזיצער קוקן זיך איבער, און לויט די אויסדרוקן איז מיר געווען קלאָר, אַז זיי געפינען נישט פאַר וואָס מיך צו באַשטראָפן. און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך דער פאַרשטייער פון מאָסקווער סאָוועט געווענדט צו מיר מיט פאָלגנדע ווערטער.

איר קענט זיך אומקערן צו דער אַרבעט, חבר, נאָר איך וויל אייך באַמערקן, אַז איר זאָלט געדענקען, אַז מיר לעבן אין אַ לאַנד פון קאַ־

לעקטיוון לעבן; אין יעדער האַנדלונג מוזט איר זיך באַראַטן מיטן „מעסט־קאָם". ביי אונדז, אין סאָוועטנלאַנד, האָט ער מיך ווייטער געמוסרט, קען נישט הערשן קיין צעפּאַרנקייט; עס איז אַנטי־סאָציאַליסטיש צו טאָן זאַכן אָן זיך באַראַטן מיט די אינסטאַנצן, וואָס זענען דערויף געשאַפן. דאָ איז נישט די קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע, ד אָ ס לאַנד פון אינדיווי־דואַליזם און עקאָנאָמישן דעספּאָטיזם. די רעדער פון אונדזער לעבן ווערן באַוואויגן דורך דער קאָלעקטיווער קראַפט. דער קאָלעקטיוו איז דער באַ־לעבאָס און דער יחיד איז זיין דינער — האָט ער פאַרענדיקט.

איך האָב אויסגעהערט די מוסר־רייד, וואָס האָבן געטראָגן דעם כאַ־ראַקטער פון אויסשייגעצן און לאָזן וויסן, אַז דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר אַנדערע אידייען; אַז וויסן — ווייס אַלץ די פּאַרטיי, אָבער נישט דער יחיד. איך האָב אים באַדאַנקט פאַר דער באַמערקונג און זאָגנדיק שטיל אַ גוטן טאָג, פאַרלאָזט דעם זאַל פון דער זיצונג.

די שטימונג איז ביי מיר געווען אַ דערשלאָגענע. דער פאַרהער און נאָכמער די נישט אויפריכטיקע רייד פון סאָוועט־פאַרשטייער האָבן אויף מיר געמאַכט אַ דערדריקנדיקן איינדרוק. איך האָב דערפילט, אַז מען וויל פון יעדן מאַכן אַ ראָבאָט, אַ ווילנסלאָזע און דענקונגסלאָזע באַשעפעניש.

דער אימפּראָוויזירטער געריכט איבער מיר, וואָס איז געווען געניט מיט תכריכים־שטעך, האָט מיך אויסגעניכטערט פון מיין אַמאָליקן פאַר־טיידיקן אַלע האַנדלונגען אין דעם סאָוועטישן לאַנד. עס איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז די, וואָס האָבן צוגעגרייט די אָנקלאַגע, האָבן אין דעם אַליין נישט געגלויבט; אַז דאָס איז נאָר געווען אַ מיטל, וועלכן מען האָט אָנגעווענדעט קעגן פילע, צו צעברעכן יעדן איינעם, וואָס ווייזט אַרויס אַן אייגענע פאַרשטענדעניש פאַר זאַכן און דריקט אויס אַ געדאַנק, לויט ווי זיין געוויסן דיקטירט אים.

מען האָט עס אין נייעם רוסלאַנד דאַן שוין נישט פאַרטראָגן. דער־לאָזונג איז געווען, אַז דער איינצלנער איז גאָרנישט, אַלץ איז דער קאָ־לעקטיוו. דאָס האָט געמוזט פירן דערצו, אַז מענטשן האָבן פאַרלוירן זייער איך און זיינען געוואָרן שקלאַפן פון צוגעשריבענע פאָרמולעס.

פאַר אַ מענטשן מיט אַ פרייער נאַטור איז געווען שווער שלום צו מאַכן מיט דעם, און עס איז ביי מיר רייף געוואָרן דער געדאַנק, אַז מען וועט דאַרפן אַמאָל פאַרלאָזן דאָס לאַנד פון די האָפענונגען. דערווייל אָבער מוז מען ווערן איינער פון אַלע און מיטגיין מיטן שטראָם, ביז מען וועט זיך קענען אַמאָל אַריבערכאַפּן אויף דער צווייטער זייט גרענעץ.

אַרומטראַכנדיק זיך מיט אַזעלכע מחשבות, בין איך דעם צווייטן האַלבן טאָג שוין צו דער אַרבעט נישט געגאַנגען. מיינע חברים האָב איך וועגן דער גאַנצער געשיכטע נישט דערציילט, און טיילנדיק זיך מיטן איבערגעלעבטן מיט מיין נאָנטסטער חברטע, זענען מיר געקומען צום שלום, אַז דאָס בעסטע וואָלט געווען צו קריגן באַשעפטיקונג אויסער אַ סאָוועטישער אינסטיטוציע. זייענדיק אומאָפּהענגיק פון מלוכה־פליכטן,

האָב איך זיך געטראַכט, וועט עס אויך זיין לייכטער אַרויסצופאָרן, ווען די צייט דערצו וועט קומען.

מען וואַרפט אונדז אַרויס פון דער דירה

אין מאָסקווע האָט עקזיסטירט אַ גרופּע אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן אונ־טערן נאָמען „גאָלאָס טרודאַ". די גרופּע האָט זיך געהאַט געגרינדעט נאָך אין ניו־יאָרק און דאָרט אַרויסגעגעבן אַ וועכנטלעכע צייטונג אונטערן זעלבן נאָמען אין רוסיש. דאָרט האָבן זיי געפירט אַ פאַרצווייגטע טע־טיקייט צווישן די רוסישע אַרבעטער, און נאָך דער רעוואָלוציע זענען די אַקטיוויסטע פון דער גרופּע אַוועק קיין רוסלאַנד, מיטנעמענדיק מיט זיך די מאַשינען. אין פּעטראָגראַד, ווי די הויפּט־שטאָט פון רוסלאַנד האָט דאַן געהייסן, האָבן זיי אונטער דער אָנפירונג פון ביל שאַטאָוו אַנטוויקלט אַ שטאַרקע טעטיקייט און גענומען אַרויסגעבן דעם „גאָלאָס טרודאַ" טעגלעך.

עס איז געווען אין סאַמע ברען פון דער רעוואָלוציע. ביל שאַטאָוו און די גאַנצע גרופּע האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט דער גאַנצער ענערגיע אין דער באַוועגונג און זענען פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער רעוואָלוציע. ביל שאַ־טאָוו איז געווען אַ מאַן פול מיט ענערגיע. ער איז געוואָרן אַ מיליטערי־שער קאָמאַנדיר און אָנגעפירט דעם קריג קעגן די ווייסע מיט פיל מסירת־נפש. די גאַנצע גרופּע „גאָלאָס טרודאַ" איז געווען אויף די פאָדערשטע קאָמפּס־פּאָזיציעס, די דרוקעריי איז זיך צעפאַלן און דער פּעטראָגראַדער סאָוועט האָט צוגענומען די לינאָטיפּן.

שפּעטער האָבן די מיטגלידער פון דער גרופּע, שוין נישט קיין אַמע־ריקאַנער, געפירט זייער אַרבעט אין מאָסקווע. זיי האָבן געהאַט אַ צוזאָג פון סאָוועט, אַז מען וועט זיי העלפן, ווייל בעת דער לויה פון אַנאַרכיס־טישן טעאָרעטיקער פּיאָטר אַלעקסעיעוויטש קראָפּאָטקין האָט קאַמעניעוו אין זיין רעדע ביים אָפענעם קבר דערקלערט אין נאָמען פון סאָוועט, אַז אַלע ווערק פון קראָפּאָטקינען און אויך פון מיכאיל באַקונינען וועלן אָפּגעדרוקט ווערן.

ווען איך בין געקומען קיין מאָסקווע, בין איך געוואָרן אַ מיטגליד פון דער גרופּע און אין דער פרייער צייט פלעג איך מיטהעלפן אין דעם „גאָ־לאָס־טרודאַ", וואָס האָט געהאַט אַ ביכער־געשעפט.

ווען די גרופּע האָט באַשלאָסן ברענגען די מאַשינען פון לענינגראַד און אָנהויבן אַליין צו דרוקן די ביכער, וואָס מיר, האָבן געהאַט אין פּראָיעקט, האָב איך גענומען אויף זיך די טעכנישע איינשטעלונג פון אַט דער אונ־טערנעמונג. איינציקע פאָרשטייער פון דער גרופּע האָט מען באַשטימט זיך צו זען מיט קאַמענעוון און קאַלינינען און קריגן דורך זיי די דערלויבע־ניש פאַר דער דרוקעריי שטיצנדיק זיך אויף דעם, וואָס זי ווערט געגרינ־דעט פאַר דעם צוועק, וואָס קאַמענעוו האָט צוגעזאָגט ביים קבר פון קראָ־

פאַטקינען. נאָך דער ווענדונג צו זיי האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז מען מוז זיך פריער ווענדן צו דער „געפּעאו" און „גופּליט". אויב דאָרט וועט מען אַנטזאָגן וועלן זיי עס נעמען אין זייערע הענט.

נאַטירלעך זענען אוועק לאַנגע וואָכן און חדשים אַרום דער פראַגע פון דער דערלויבעניש. נישט מען האָט דערלויבט און נישט מען האָט אַנט־זאָגט. איך האָב דערווייל געאַרבעט אין „ביוראָבין". מען האָט מיר מער נישט געמאַכט קיין שוועריקייטן און די וועשעריי האָט געאַרבעט זייער גוט.

אין מיטן מאַי פון 1923 האָבן מיר באַקומען אַ מיטטיילונג פון מאָסק־ווער סאָוועט, אַז מיר קענען עפענען די דרוקעריי אָן דער דערלויבעניש פון דער „געפּעאו". די לעצטע האָט געזאָגט, אַז זי האָט לחלוטין נישט קעגן דעם נאָר קיין אָפיציעלע דערלויבעניש וויל זי נישט געבן. ווילן מיר, זאָלן מיר אַרבעטן.

מיר האָבן גלייך זיך גענומען מאַכן אַלע צוגרייטונגען. איך האָב אָנגעהויבן זוכן אַ וועג ווי זיך צו באַפרייען פון מיין פּאָסטן; איך האָב גערעדט מיטן פּאַרוואַלטער פון קאָמאינטערן און אים אויפגעוויזן, אַז אין דער וועשעריי איז שוין אַלץ אַזוי איינגעאָרדנט, אַז איך האָב כמעט נישט וואָס צו טאָן; האָב איך אים געבעטן, אַז ער זאָל מיך פריי לאָזן פון דער אַרבעט.

אַזוי שנעל ווי מיר האָבן געקראָגן די דערלויבעניש, האָבן מיר זיך גענומען איינאָרדענען די דרוקעריי. שאַפן מיטלען פאַר דעם צוועק האָט זיך אַרויסגעוויזן לייכטער, ווי מיר האָבן גערעכנט. מיר האָבן אומעטום געהאַט מענטשן, וואָס האָבן סימפּאַטיזירט מיט אונדז, און מען האָט אונדז גערן אַרויסגעהאָלפן. איינער פון אונדזערע חברים איז געווען דער די־רעקטאָר אין פּראָם־באַנק — האָט ער אונדז אויסגעליען אַ סומע געלט מיטן תנאי, אַז ווי נאָר די דרוקעריי וועט אַוועקגיין, זאָלן מיר אים דאָס אָפּגעבן מיט אַרבעט, אין וואָס די אינסטיטוציע האָט זיך זייער געני־טיקט.

איך האָב זיך אָבער נישט געקענט באַפרייען פון מיין אַרבעט. די דרוקעריי איז שוין געווען איינגעשטעלט, מען האָט שוין געאַרבעט, נאָר דער פּאַרוואַלטער פון „ביוראָבין", לי, האָט געטענהט, אַז אין רוסלאַנד וואַרפט מען נישט אַוועק קיין אַרבעט אַליין. אויב איך וועל דאָס יאָ טאָן, האָט ער מיר געזאָגט, טאָ זאָל איך וויסן, אַז איך וועל פאַרלירן מיין וואוינונג. דאָס איז אין יענער צייט ביים מאַנגל אין וואוינונגען געווען די גרעסטע שטראָף.

די חברים פון „גאָלאָס טרודאַ" האָבן צו מיר געהאַט פּרעטענזיעס. איך פלעג קומען יעדן טאָג און העלפן אין דער אַרבעט, אָבער דאָס איז נישט געווען גענוג. זיי זענען קיין דרוקער נישט געווען, האָבן זיי מיך געמוזט האָבן, און זייער פאַרלאַנג איז געווען, אַז איך זאָל וואַרפן די אַר־בעט אין דער וועשעריי פאַר יעדן פּרייז.

דעם 15 מאַי האָב איך פרוויילליק פאַרלאָזן מיין פּאָסטן און האָב

צוויי וואָכן נישט געאַרבעט. אין דער דרוקעריי האָב איך דערווייל אויך נישט געאַרבעט, כּדי נישט צו ציען אויף זיך קיין שולד. לי האָט מיך געשיקט רופן און געוואָרנט, אָבער איך האָב זיך געהאַלטן ביי מיינס. איך האָב אים אָנגעוויזן, אַז פאַר די צוויי וואָכן פון מיין אָפּוועזנהייט איז אַלץ אין בעסטער אָרדענונג און ס'וועט גאָרנישט שאַטן, אַז איך וועל אַריבערגיין אין דער דרוקעריי. ער האָט מיר אויסגעצאָלט פאַר די צוויי וואָכן מיין געהאַלט און מיר געהייסן זוכן באַצייטנס אַ וואוין־פּלאַץ, ווייל אין אַ פּאָר טעג אַרום וועט מען מיך אַרויסשטעלן פון צימער.

אַזוי איז טאַקע אויך געשען. מיט עטלעכע טעג שפּעטער זענען גע־קומען צוויי מיליציאָנערן מיט אַ באַפעל אונדז אַרויסצוזעצן פונם צי־מער, און איידער מיר האָבן זיך נאָך באַוויזן אַרומצוקוקן זענען שוין אונדזערע זאַכן געלעגן אין קאָרידאָר. איך האָב כּמעט נישט רעאַגירט אויף דער בייזוויליקער האַנדלונג, אָבער מיין חברטע מערי האָט עס שטאַרק אויפגערעגט און זי האָט אויף אַ קול געזאָגט צו די עקזעקוטאָרן, אַז אַפילו אין די צאַרישע צייטן זענען זשאַנדאַרמען געווען העפלעכער אין באַהאַנדלען מענטשן. זיי האָבן זיך אַ ביסל פאַרלוירן און פאַרענטפערט, אַז זיי זענען נישט שולדיק און אַז זיי מוזן אויספירן דעם באַפעל און אונדז אַרויסוואַרפן פון דער דירה.

אין אַ ווינקל פון קאָרידאָר האָבן מיר צוזאַמענגערוקט אונדזער ביסל שמאַטעס און גענומען טראַכטן וואָס צו טאָן. דאָ איז געווען נאָך אַ קרבן מיט אונדז, — איינער, וואָס איז אַליין געווען דער קאָמענדאַנט פון דער הויז, און פאַר אַ ענלעכן פאַרברעכן האָט מען אים אויך אַרויס־געשטעלט פון דער וואוינונג. ער איז געווען מיט אַ פאַמיליע, מיט אַ קליין קינד, און צעשראָקן פונם טומל, האָט דאָס קינד ביינאַכט באַקומען היץ. מיר האָבן אַ גאַנצע נאַכט נישט צוגעמאַכט מיט קיין אויג און געהאַט גרוים מיטלייד מיטן קינד, וואָס האָט געשריען און געקרעכצט. אָן אונד־זער צרה האָבן מיר פאַרגעסן און אינדערפרי בין איך אַוועק אין די אַמטן פועלן אַ וואוינונג פאַר דער פאַמיליע שאַט און זייער קראַנק קינד. וואו איך האָב נישט אָנגעשפּאַרט, האָט מיר קיין זאַך נישט געהאָלפן. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך קען רעדן נאָר פאַר זיך און דאַרף זיך נישט מישן אין פרעמדע אָנגעלעגנהייטן. דער צער פונם קינד האָט מיר אָבער נישט געלאָזט זיך באַרויקן, בין איך אַוועק צו קאָנטראָרעוואָלוציע און נאָך לאַנגע רייד ביי אים געפּועלט. אַז מען זאָל זיי צוטיילן אַ וואוינונג. אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען פאַמיליע שאַט אַוועקגעפירט אין אַן אַלט הויז, אַ חורבה, און אַזוי ווי ער איז געווען אַ עלעקטראָטעכניקער און אַ גוטער בוי־מייסטער, האָט ער מיט האַרעוואַניע געבראַכט אין אָרדענונג די אַלטע, נאַסע ווענט און דעם דיל און האָט זיך ווי נישט איז איינ־געאָרדנט מיט זיין פרוי און קינד.

מיר האָבן נאָך אַ קורצע צייט „געוואוינט" אין קאָרידאָר און דער־נאָך געפּועלט ביים הויז־קאָמענדאַנט, ער זאָל אַכטונג געבן אויף אונד־

זערע פּעקלעך, און אַליין האָבן מיר זיך אַריינגעצויגן אין דעם צימער פון אונדזער חבר פּערקוס. זיי איז געווען ענג אָן אונדז אויך, אָבער מען האָט זיך געמוזט געבן אַן עצה. און טאַמער איז דאָס געווען ווייניק, איז גראָד אין יענער צייט געקומען צו אונדז פון די שטאָטן מיינע אַ קוזינע מיט איר מאַן אַלס טוריסטן. ער איז געווען פון די פּילע, וואָס האָבן פון ווייטן שטאַרק פאַרטיידיקט די סאָוועטן־סיסטעם, און קומענדיק אַהער, האָבן זיי קיין אַנדער אָרט וואו צו זיין נישט געקענט געפינען אין מאָסקווע, ווי נאָר ביי אונדז. מיר האָבן זיי אַריינגענומען צו פּערקוסן אין צימער און ביינאַכט האָט דאָרט אויסגעזען ווי אין אַ קאַזאַרמע. אין אַ קליינעם צימערל, וואָס האָט געדינט פאַר אַ קיך, עס־צימער און שלאָף־צימער צו־זאַמען זענען מיר געשלאָפן זאַלבע זעקסט און יעדער ווינקל איז פול געווען מיט העמד און פיס.

„נו, חבר, האָב איך געזאָגט צו מיין קוזין, ווען דו וועסט קומען צוריק קיין ניו־יאָרק, וועסטו באַטש אָפּגעבן אַ גרוס פון דעם, ווי מען לעבט דאָ?" ער האָט מיר קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז ער וועט דאָס פאַר קיין פאַל נישט טאָן, ווייל דאָס איז נישט וויכטיק, וויכטיק איז נאָר די זאַך, די אידייען. עס איז אים געווען גוט צו רעדן אַזוי; ווייל ער האָט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום געדאַרפט פאָרן צוריק קיין אַמעריקע. איך האָב אים גאַנץ גוט פאַרשטאַנען און געטראַכט, אַז ווייל איז צו די גלויבי־קע, וואָס אפילו שלעכטס ווערט ביי זיי פאַרוואַנדלט אין גוטס.

אַזוי זענען געלאָפן טעג און וואָכן. קריגן אַ וואוינונג איז געווען אוממעגלעך; קומענדיק פון דער אַרבעט, פלעגן מיר זיצן אין קאָרידאָר אויף די זאַכן און טראַכטן שווערע מחשבות. איין מאָל, בעת מיר זיינען אַזוי געזעסן אין קאָרידאָר, איז אָנגעקומען אונדזערער אַ שכן פלאַרענס־קי. אַן אַמאָליקער פאַלקאָווניק פון דער צאַרישער אַרמיי, וועלכער האָט איצט פאַרנומען דעם אַמט פון צערעמאָניע־מייסטער אין אויסערן־קאָמי־סאַריאַט. ער האָט אין דערזעלבער הויז געהאַט אַ וואוינונג פון 3 צימערן מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, און מיין צימער, וואָס איז געווען ביי זיין וואוינונג, האָט מען אים אָפּגעגעבן.

פלאַרענסקי איז געווען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן, עלעגאַנט געקליי־דעט, מיט מיליטערישן שיק, און האָט זיך געפּאַסט פאַר זיין אַמט. איך האָב זיך מיט אים געקענט שוין פון פריער, און ווען ער איז אַריין אין קאָרידאָר, האָב איך אים געפרעגט, צי עס איז רעכט אַזוי, אַז ער זאָל באַקומען אַ פּערטן צימער אויפן רעכענונג פון צוויי מענטשן, וואָס וואַל־גערן זיך אין קאָרידאָר וואָכן לאַנג. צוואָס איך האָב עס אים געזאָגט, האָב איך אַליין נישט געוואוסט, נאָר ווען עס איז ביטער אויפן האַרצן, רעדט זיך עס.

דער צערעמאָניע־מייסטער האָט אויסגעהערט מיין פראַגע און מיט דער גאַנצער העפלעכקייט, שטייענדיק צוגערוקט די פיס אויפן מיליטער־רישן שטייגער, האָט ער זיך אָנגעבויגן און מיר געענטפערט: „חבר, אין

מאָסקווע איז ענג, — פאָרט מען אַרויס אויפֿן דאָרף, דאָרט איז דאָ וווּ צו וווינען". אַז איך האָב אים דערקלערט, אַז אין דאָרף וועל איך דאָך נישט קענען פאַרדינען, האָט ער אַ זאָג געטאָן: „צום לעבן פאַרדינען — דאָס מ'ז יעדערער פאַרזיך אַליין זאָרגן". ער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ קלאַפּ געטאָן מיט די שפּאָרן און אַוועק אין זיין גערוימער דירה, נישט וועלנדיק, ווייזט אויס, ווייטער הערן אַזעלכע רייד.

מיר איז געווען אוממיגלעך זיך צו נעמען צו דער אַרבעט, ווייל גאַנצע טעג האָב איך זיך אַרומגעשלעפּט פון איין אַמט אין צווייטן זוכן אַ פּאַפּירל, מיט וועלכן מען זאָל קענען באַקומען אַ צימער. איינער אַ באַקאַנטער האָט מיר געראַטן, איך זאָל זיך גיין קלאָגן צום פּראָקוראָר, וועט מען מיך צוריק אַריינזעצן אין מיין צימער אָדער הייסן געבן אַן אַנדערן. איך האָב געפאָלגט און בין אַוועק צום פּראָקוראָר פון מאָסקווער סאָוועטישן געריכט, דערציילט אים די גאַנצע געשיכטע און ער האָט מיט מיר איינגעשטימט, אַז מען האָט מיך פון צימער נישט געטאָרט אַרויסוואַרפן. האָב איך אויסגעפילט אַ בויגן, באַצאָלט צוויי רובל פאַר מאַרקעס, ווי עס האָט זיך געפאָדערט, און אַוועק מיטן צוזאָג, אַז אין אַ וואָך אַרום וועט די זאַך זיין דערליידיקט.

נאָך דער וואָך האָט מיר דער פּראָקוראָר געמאָלדן, אַז איך דאַרף זיך ווענדן צום וואוינונגס־אַמט, וואוהין ער האָט איבערגעשיקט מיין ביטע. און דאָרט וועט מען עס באַזאָרגן. ווען איך בין צוגעקומען צו דעם אַמט, איז דאָרט די רייע פון מענטשן געווען אַזוי גרויס און לאַנג, אַז ווען מען זאָל דערליידיקן צען מענטשן אַ שעה, וואָלט איך געקענט צוקומען אין אַ פּאָר וואָכן אַרום. איך האָב זיך געפּרואווט שטעלן אין דער רייע און געקלערט האָב איך, אַז עס איז אַ חלום צו קריגן אַ וואוינונג דורך דעם וואוינונגס־אַמט. מאַכט זיך און עס גייט פאַרביי מיינער אַ באַקאַנטער פון ניו־יאָרק, ניקאָלאַי הורוויטש, אַ זון פון יצחק־אייזיק הורוויטש, וועלכער האָט פאַרנומען דאָן אַ הויכן אַמט אין דער „געפּעאו". מיר האָבן זיך באַגריסט ווי אַלטע באַקאַנטע, זיך פונאַנדערגערעדט און ער האָט זיך אָנגעבאָטן מיר צו העלפן אין מיינע באַמיאונגען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום בין איך שוין געווען אין ביוראָ פון וואוינונגס־אַמט.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז אין ביוראָ אין געווען נאָר איין מיידל און דער נאַטשאַלניק איז אינגאַנצן נישט געווען. דאָס מיידל האָט מיר דערקלערט, אַז איך וועל דאַרפן וואַרטן, ווייל ער איז אויף אַ זיצונג, דערווייל וועט זי אויסזוכן מיין ביטע. אין אַ קנאַפּער שעה אַרום איז געקומען דער נאַטשאַלניק, אַ יונגער מענטש מיט געקרויזטע האָר. רוסיש האָט ער גערעדט מיט אַ ליטווישן אַקצענט און ער האָט מיך גענומען אויספרעגן, ווענן וואָס עס האַנדלט זיך. איך האָב אים דערקלערט און ער האָט גענומען שטודירן די פּאַפּירן מיינע און דערביי געמאַכט אַ מינע פון אַ גרויסער „שישקע". ער האָט זיך אינפאָרמירט וועגן גאַנצן ענין, איז אַוועק רעדן דורכן טעלעפאָן מיט מיין פריערדיקן „באַלעבאָס" און

נאָך לאַנגע פּראָצעדורן האָט ער מיר דערקלערט, אַז ער קען פאַר מיר גאָרנישט טאָן. ער האָט דערביי אונטערגעשטראָכן, אַז טאָן קען ער אַ סך, נאָר פאַר מיר נישט.

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער קען פאַר מיר גאָרנישט טאָן, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער איז עס מיר נישט מחויב צו דערציילן. אָבער באַלד האָט ער צוגעגעבן: „איר דאַרפט אַליין וויסן, אַז אייער אָנגעהע־ריקייט צו אַ באַוועגונג, וואָס מיר באַטראַכטן ווי אַ פיינטלעכע, איז גע־נוג, אַז איר זאָלט נישט קומען צו אונדז נאָך קיין הילף".

איך האָב אים געענטפערט, אַז דאָס איז אפשר זיין פּערזענלעכע מיינונג, ווייל, ווי מיר איז באַקאַנט, האָבן די מענטשן פון אונדזער באַ־וועגונג נישט ווייניק צוגעטראָגן צו דער רעוואָלוציע און געליטן פריער און ליידן איצט פאַר איר אין אויסלאַנד זייער פיל.

— טאָ אויב אַזוי, חבר, זאָגט ער צו מיר, פאַרוואָס געהערט איר נישט צו דער פּאַרטיי? דאָס וואָלט פון אייך באַזייטיקט אַלע שוועריקייטן.

געהערט, אַז ער רעדט אָפענע דבורים, האָב איך אים דערקלערט. אַז מיר האַלטן נישט, אַז מען קען דינען די רעוואָלוציע, נאָר זייענדיק אין דער פּאַרטיי, וואָס מען דאַרף, איז פאַרשטיין די אויפגאַבן פון דער רעוואָלוציע און איר דינען טריי. אַ מיטגליד־ביכל פון דער פּאַרטיי איז נאָך ווייט נישט קיין דיפּלאָם אויף רעוואָלוציאָנערן פאַרשטאַנד.

מיין דערקלערונג האָט דעם פירער פון וואוינונגס־אַמט אַרויסגע־פירט פון די כלים און ער האָט שטרענג אַ זאָג געטאָן: „אויב איר ווילט נישט קריגן קיין אומזיסטע וואוינונג אויף אַלעם גרייטן, זאָלט איר זיך בעסער באַצייטנס אָפּזאָגן פון די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע מיינונגען. איר קענט גיין. מיר האָבן נישט קיין צייט אויסצוהערן די שילער פון דער קאַפּיטאַליסטישער גלייכהייט און אַנאַרכיסטישער פרייהייט". ער האָט זיך אויפגעהויבן פון זיין שטול און מיך פּשוט אַרויסגעבעטן פון זיין ביוראָ.

נאָך דער באַגעגעניש מיט דער אָפיציעלער מאַכט, וואָס דאַרף זיך אָפּגעבן מיט שאַפן דירות פאַר די היימלאָזע, האָב איך שוין מער קיין הילף ביי זיי נישט געזוכט. דאָס איינציקע, וואָס עס איז מיר געבליבן צו טאָן, איז געווען שאַפן זיך עטלעכע הונדערט רובל (טשערוואָנצעס); פאַר געלט האָט מען אַ צימער געקענט קריגן אָן אונטערשייד, צי מען געהערט צו דער פּאַרטיי אָדער נישט. איך האָב געוואוסט, אַז אויף קרעמ־ליאָווסקע ווערט איבערגעבויט אַ הויז און דאָרט קען מען קריגן אַ פּלאַץ אין קאָרידאָר צו בויען אַ צימער. בין איך אַוועק אַהין און דער פאַר־וואַלטער פון דער קרעמליאָווסקע קאָמונע האָט איבערגעלייענט מיינע רע־קאָמענדאַציעס און געהייסן ברענגען 300 רובל.

איך האָב צונויפגעזאַמלט די פאַר מיר גרויסע סומע און איך האָב געקריגן אַ צימער פון 12 קוואַדראַטנע אַרשין — לויט דעם געזעצלעך פעסטגעשטעלטן וואוינונגס־רוים פאַר צוויי פּערזאָן.

נאָך קאַרגע זעקס וואָכן וואַלגערן זיך אין קאָרידאָר איז דאָס קריגן

אַן אייגענעם ווינקל ווירקלעך געווען אַ יום־טוב. אונדזערע חברים האָבן זיך מיט אונדז געפרייט ווי אויף אַ אָרעמער חתונה.

אָבער די איבערלעבונגען פון די זעקס וואָכן, דאָס וואַלגערן זיך אין קאָרידאָר, דער געיעג נאָך אַ צימער, דאָס אָנקוקן און פילן, ווי מען וואַרפט זיך מיט מענטשן ווי מיט אַ שטיקל אומנוצלעך מעבל, דאָס נישט האָבן זיך צו ווענדן, דאָס הערן פון יעדן שמאָל־קעפּיקן ביור־ראָליסט סטראַשונקעס און דאָס באַטיטלט ווערן פאַר דער מינדסטער קליי־ניקייט אַלס קאָנטר־רעוואָלוציאָנער — האָט מיך געפירט צום געדאַנק, אַז מען דאַרף דערווייל אויסזוכן דאָס בעסטע פון דעם ערגסטן, און לסוף וועט מען מסתמא מוזן זוכן אַ געלעגנהייט אַרויסצוקריכן פון דעם טורמע־לעבן, וואָס די ביוראָקראַטיע שאַפט אין לאַנד.

מיט אַן אַמעריקאַנער פּרעסע־קאָמיסיע אין ניזשני נאָווגאָראָד

צוליב פּאַרזיכטיקייט האָב איך נאָך אַלץ נישט געקענט זיך נעמען צו דער אַרבעט אין דער דרוקעריי „גאָלאָס טרודאַ”. דער צושטאַנד איז דאָרט געווען אַ טרויעריקער. דער צייטווייליקער פּאַרוואַלטער, גראַסימטש־שוק, איז נישט געווען קיין פאַכמאַן, און נישט געקוקט אויף זיין איבער־געגעבנקייט, האָט ער נישט געקענט קאָנטראָלירן די אונטערנעמונג.

גראַסימטשוק האָט צו מיר געהאַט פּרעטענזיעס און פאַרלאַנגט, אַז איך זאָל קומען צו דער אַרבעט. ער האָט אָבער אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען מיר שאַטן ברענגען, ווייל די דאַמאָלדיקע באַדינגונגען האָט ער געקענט בעסער ווי איך. ער איז געווען אַ פּעטראָגראַדער רוס, אַ טע־טיקער רעוואָלוציאָנער, וואָס האָט יאָרנלאַנג מיטן פּולעמיאָט אין האַנט געקעמפט פאַר דער רעוואָלוציע. ער האָט געפילט אַ ביטערן האַס צו דער „געפּעאו” און אירע מעטאָדן, און זייענדיק אַ מאַן, וואָס האָט נישט געוואוסט פון קיין מורא, פלעגט ער זיך מיט יעדן געפּעאו־אַגענט דורכ־זידלען אין דער באַקאַנטער רוסישער פאָלקס־שפּראַך.

ענדלעך האָט אונדזער גרופּע אין מאָסקווע באַשלאָסן איבערצוואַרטן דעם זומער, און דאַן מיך צוציען צו דער אַרבעט. וועט מען וועט דאַן מיר נישט קענען מער פאָרוואַרפן, אַז איך האָב אוזורפּירט אַ פּאָסטן קעגן דעם ווילן פון דער מאַכט. נאָר ביז דעמאָלט האָב איך גענומען אויף זיך אַריינצוקומען פון צייט צו צייט און מיטהעלפן אין דער דרוקעריי.

דערווייל איז געווען שווערלעך אויסצוקומען די עטלעכע מאָנאַטן אָן אַרבעט און איך האָב געזוכט וואָס צו טאָן. איך פלעג אָפט אַריינקו־מען אין אויסערן־קאָמיסאַריאַט, וואו איך האָב געהאַט פיל פריינט און באַקאַנטע, און אויך האָב איך מיט דעם באַוויזן, אַז איך אַרבעט אין ערגעץ נישט. אין אַ געוויסן טאָג, אַריינקומענדיק אין קאַנצעלאַריע פון

„ביוראָבין", האָט מיך דער פאַרוואַלטער, לי, אויפגענומען מיט אַ ברייטן גוט־מאָרגן און געפרעגט צי איך וואָלט געווען אַ בעלן מיטצופאָרן מיט אַן אַמעריקאַנער פרעסע־קאָמיסיע, וואָס געפינט זיך דאָ, קיין ניזשני־נאָווגאָראָד אַלס איבערזעצער. „איר וועט קריגן גוט באַצאָלט דערפאַר" — האָט ער אונטערגעשטראָכן.

איך האָב זיך אָן דעם פאָרשלאַג אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט, ערשטנס די רייזע אַן און פאַר זיך איז דאָך אינטערעסאַנט. צווייטנס — וועל איך טאַקע פאַרדינען אויך און דריטנס — זיך באַקענען מיט אַ וויכטיקער רוסישער שטאָט, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען מיט אירע גרויסע מערק און יאַרידן.

די פרעסע־קאָמיסיע איז באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן פּאָול בלענד־שאַרד, דער שפּעטערדיקער קאָמישיאָנער פון דער שטאָט ניו־יאָרק אין לאַגוואַרדיאַס אַדמיניסטראַציע, זיין פרוי, וואָס איז אויך געווען אַ קאָ־רעספּאָנדענטין און די דריטע איז געווען אַ פאָרשטייערין פון דער „אַמאַל־געמעיטעד יוניאָן" (שניידער) אין אַמעריקע. לי האָט זיך גלייך פאַרבונדן מיטן פאַרוואַלטער פון האָטעל סאַוואָי, וואו די דריי זענען איינגעשטאַ־נען, און האָט אים געזאָגט, אַז ער שיקט מיך אַהין צו דער קאָמיסיע, מיט וועלכער איך דאַרף זיך פאַרשטענדיקן וועגן דער רייזע קיין ניזשני־נאָווגאָראָד.

ווען איך בין אַריין אין קאַנצעלאַריע פון האָטעל, האָב איך אויסער דעם פאַרוואַלטער געטראָפן נאָך אַ מאַן, וואָס זיין פּנים האָט גלייך פאַר־ראַטן, ווער ער איז. איידער נאָך דער פאַרוואַלטער האָט מיר געהייסן זיך זעצן, האָט דער פאָרשטייער פון דער „געפּעאו" מיך שוין געפרעגט, פון וואַנען איך קען די קאָמיסיע. איך האָב אים רואיק געענטפערט, אַז איך קען זיי נישט און ווייס נאָך נישט, ווער זיי זענען, — ווי דער אמת איז געווען. „אויב אַזוי, האָט ער ווייטער געפרעגט, וואָס פאַר אַן אינטערעס האָט איר צו פאָרן מיט פרעמדע מענטשן?" האָב איך, זייענ־דיק שוין געוויינט, ווי יעדער סאָוועטישער מענטש, צו ווערן נאָכגעפאָרשט אויף יעדן טריט, געענטפערט, אַז דער אינטערעס מיינער איז נישט מער ווי דאָס, וואָס איך וועל פאַרדינען אַלס איבערזעצער, ווי עס האָט מיר פאָרגעשלאָגן דער חבר לי, וועלכער ווייס, אַז איך באַזיץ די ענגלישע שפּראַך.

האָט זיך אָנגעהויבן אַ פרעגעניש, פון וואַנען איך קען ענגליש, און אַז אויב איך קום פון אַמעריקע, ווי קען איך עס נישט אַזעלכע וויכטי־קע מענטשן, וואָס מען שיקט אין אַ קאָמיסיע, אאז"וו. און וועלנדיק זיך איבערצייגן, צי איך קען טאַקע ענגליש, האָט דער חברהמאַן אין אַ צע־קאַליעטשעטן ענגליש זיך געווענדט צו מיר מיט פראַגן, וואָס מיר איז געווען שווער צו פאַרשטיין. האָב איך אָן אים נקמה גענומען דורך דעם, וואָס איך האָב גענומען רעדן שנעל אויף ענגליש. מיין בחור איז באַלד צוריק אַריבער אויף רוסיש. נאָך דער געניטע לאַנגער פאָרשונג האָט ער

אָפּן דערקלערט, אַז די אורזאַך פון דעם איז דאָס, וואָס אויב איינער קען די פרעמדע, דאַרף מען אים צו זיי נישט צולאָזן, ווייל צוליב באַקאַנטשאַפט און צוטרוי קען מען נאָך עפּעס דערציילן, וואָס עס לוינט זיך נישט.

דערנאָך האָט שוין דער פאַרוואַלטער פון האָטעל מיך אַריינגעפירט צום הויפּט פון דער קאָמיסיע און מיך פאָרגעשטעלט, אַז איך וועל זיי באַגלייטן קיין ניזשני־נאַווגאַראַד.

בלענדשאַרד איז געווען פון די אַמעריקאַנער טיפּן, וואָס ווערן שנעל גוטע ברידער און לעבן זיך איין מיט מענטשן. ער איז געווען אַ פּעאיקער קאָרעספּאָנדענט און האָט פאַרן טיוול אַליין קיין מורא נישט געהאַט .מיר האָבן זיך לייכט צוזאַמענגערעדט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז אַ סאָציאַליסט און אַז מיר האָבן געמיינזאַמע באַקאַנטע. ווען מיין פריערדיקער אויספאָרשער וואָלט עס געוואוסט, וואָלט איך שוין פאַר זיי קיין איבערזעצער און מיטפאָרער נישט געטאָרט זיין. בלענדשאַרד האָט מיר דערקלערט, אַז ער וואָלט בעסער געפאָרן אַליין אָן באַגלייטער, נאָר צו מיר האָט ער צוטרוי, ווייל ער געדענקט נאָך גוט די געשיכטע פון מיין פּראָצעס אין אַמעריקע. האָבן מיר זיך גיך באַפריינדעט און דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר שוין געגעסן צוזאַמען. איך האָב פאַרזוכט דעם טעם, פונעם עסן, וואָס מער גיט אַן אַמעריקאַנער, וואָס ברענגט אַ פּאָר דאָלאַר און פאַר וועלכן מען דאַרף מאַכן דעם איינדרוק, אַז דאָ רינט מילך און האָניק.

דעם צווייטן טאָג זענען מיר אַלע אַוועק צו דער באַן אָפּצופאָרן קיין ניזשני. עס איז געווען 9 ביינאַכט. געפאָרן זענען מיר אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן וואַגאָן. די פאַרטיילונג פון די וואַגאָנען איז נישט געווען ווי אַמאָל: ערשטע, צווייטע און דריטע קלאַס, נאָר ווייכע און האַרטע, און דעם ערשטן וואַגאָן האָט מען גערופן אינטערנאַציאָנאַלער. אין וואַגאָן זענען, חוץ אונדז, געווען נאָך אַ צוויי דריי מענטשן, צווישן זיי אַ ייִד און אַן אַרמענער. די איינריכטונג איז געווען אַ גאַנץ מאָדערנע, ציכטיק. איידער דער צוג האָט גערירט פון אָרט, איז אַריינגעקומען אַ יונגער מענטש, פיין געקליידט, לויטן אויסזען אַן אַנגלאָ־זאַקס. ער איז אָבער געווען אַ רוס און אַ באַאַמטער. די קליינע וואַליזקע, וואָס ער האָט געטראָגן, האָט ער אַרויפגעלייגט אויף דער פּאָליצע און אַליין זיך געזעצט קעגנאיבער, אויסציִענדיק די פיס אויף דער אַנדערע באַנק. ער האָט אַרויסגענומען אַ ביכל פון קעשענע און אין דעם אַריינגעקוקט.

די באַן האָט גענומען פאָרן און יעדערער פון אונדז איז געווען פאַרנומען מיט זיך. קיינער האָט נישט באַמערקט, ווי עמעצער האָט דורכן פענצטער אַריינגערוקט אַ קרומען דראָט, פאַרטשעפּעט די וואַליזקע און זי אַרויסגעצויגן. אָבער דער אייגנטימער האָט עס גראַד אין לעצטן אויגנבליק יאָ באַמערקט און ער האָט בליץ־שנעל זיך אַרויסגעכאַפּט פון קופּע און גענומען נאָכלויפן דעם, וואָס האָט אַרויסגעשלעפּט די וואַליזקע.

דער חברה־מאַן איז אָבער אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן. עס איז געוואָרן אַ טומל, עמעצער האָט אַ שלעפּ געטאָן דעם טאָרמאָז און דער צוג איז געבליבן שטיין. מיר זענען אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן מיר געזען, ווי מען פירט דעם חתן־בחור מיט דער וואַליזקע מיט אַזאַ צעהרגעטן געזיכט, אַז עס האָט אויסגעקוקט ווי אַ שטיק בלוטיקע פלייש און נישט קיין פּנים.

מיר זענען צוריק אַרײַן אין וואַגאָן און אַלעמען האָט פאַרדראָסן פאַר דעם אַקט פון דער „לינטש־גערעכטיקייט". קיינער האָט אָבער נישט געוואוסט, מיט וועמען מען האָט צו טאָן, און דעריבער האָבן אַלע געשוויגן. דער איינציקער, וואָס האָט נישט געקענט פאַרטראָגן דעם פאַרברעכן, אַזוי צו שלאָגן אַ יינגל, איז געווען פּאָול בלענשאַרד. ער האָט אין ענגליש פּראָטעסטירט קעגן דער אוממענטשלעכער האַנדלונג. דער מאַן, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן צוממיתן דעם יינגל, האָט, אויך אין ענגליש, שאַרף געענטפערט און עס איז צווישן זיי אויסגעבראָכן אַ קריגערײַ. איך האָב זיך אַרײַנגעמישט און, דערוויסנדיק זיך, אַז דער מאַן פון דער וואַליזקע איז אַ רעגירונגס־קוריער האָב איך אים דערקלערט, אַז בלענשאַרד איז אַ מיטגליד פון אַן אויסלענדישער פּרעסע־קאָמיסיע, אַז ער קומט פון אַמעריקע און ז"וו. דערהערט דאָס, איז ער פון אַגרעסיוועקייט אַריבער צו פאַרטיידיקן זיך, אַז ווען ער פאַרלירט די וואַליזקע, וואו עס זענען דאָ וויכטיקע דאָקומענטן, וואָלט ער פּערזענלעך פיל געליטן. ער האָט מיך געבעטן צו זען, אַז די קאָרעספּאָנדענטן זאָלן דערפון קיין קאַשע נישט פאַרקאָכן. „די אַמעריקאַנער פאַרשטייען דאָס נישט, אָבער דו, ווי אַן אונזעריקער, ווייסט דאָך, וואָס דאָס באַדײַט", האָט ער מיר געזאָגט.

דער קוריער האָט נאָך דעם פאַרלאָזן אונדזער וואַגאָן, און די אַנדערע פּאַסאַזשירן זענען געווען צופרידן, וואָס ער האָט פון בלענשאַרדן באַקומען אַזאַ גאָב. איך האָב בלענשאַרדן דאַן דערציילט, וואָס פאַר אַ מיסיע דער מענטש האָט, אַז עס וואָלט אים אויסגעקומען, פאַרלירנדיק די וואַליזקע, זיך אַרײַנשיסן אַ קויל אין קאָפּ און אַז דערפאַר דאַרף מען אים נישט פאַרדענקען. דערבײַ האָב איך אים שוין אויך געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער זאָל מיך אויך נישט שטעלן אין קיין שלעכטער לאַגע און וועגן דעם אַ וואָרט נישט שרײַבן, ווײַל דאָס וועט מיר אויך ברענגען שאַדן. בלענשאַרד האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „אַז־אַך־און־וויי וואו מיר האַלטן מיט סאָציאַליזם".

אונדזערע שכנים אין וואַגאָן האָבן פון די אַמעריקאַנער נישט אַראָפּגענומען די אויגן. איך האָב געפילט, אַז זיי חלשן עפּעס בײַ מיר צו פרעגן, זיי האָבן אָבער מורא געהאַט. צווישן זיך האָבן זיי גערעדט, אַז דאָס מוזן זײַן גרויסע אַמעריקאַנער לײַט. דער ייִד אין אונדזער קופּע האָט צוגעוואָרפן אַ באַמערקונג, אַז הלוואי קומען עטלעכע צענדליק טויזנט אַמעריקאַנער, כּדי אונדזער באַאַמטע זאָלן ווערן מענטשלעכער צו די רו־

סישע מאָסן. דערביי האָט ער זייטיק געכאַפּט אַ קוק אויף מיר, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז איך בין אַ „געפּעאו"־אַגענט, וואָס קען אים נאָך פֿאַרהאַלטן. איך האָב ביי דער באַמערקונג אַ שמייכל געטאָן און דערפילט, אַז דעם יידן איז לייכטער געוואָרן אויפֿן האַרצן.

דער צוג איז אַריינגעקומען קיין ניזשני־נאָווגאָראָד אויף מאָרגן אינדערפֿרי. אויף דער פּלאַטפאָרמע איז געווען פֿאַרזאַמלט אַ קאָמיסיע פֿון דער אָרטיקער פּרעסע צו באַגעגענען די אַמעריקאַנער געסט. צווישן דעם גאַנצן עולם איז אונדז געווען לייכט אויסצוטיילן, ווייל אין די זאַכן, וואָס די אַמעריקאַנער האָבן געטראָגן (אויך איך האָב נאָך געהאַט מיינע בגדים פֿון אַמעריקע אויף זיך), האָבן מיר אויסגעקוקט ווי מיליאָנערן צווישן בעטלער. מען האָט אונדז גלייך אַרומגערינגלט און אויפֿגענומען. אין דער אויפֿנאַם־קאָמיסיע איז אויך געווען איינער אַ מאַן מיט נאָמען מינקין, וועלכער איז אַמאָל געווען אין אַמעריקע און האָט גערעדט ענגליש. ער איז איצט געווען אַ הויפּט־אַגענט פֿון דער „געפּעאו" און זאָל האָבן פֿרייער געאַרבעט אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער. דערוויסנדיק זיך, אַז די אַמעריקאַנער קומען מיט אַן איבערזעצער פֿון מאָסקווע, האָט ער זיך צוריקגעצויגן, איבערלאָזנדיק די אַרבעט פֿון איבערזעצן צו מיר.

מען האָט אונדז אָפּגעפֿירט אין שענסטן האָטעל, וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען סאָוועטישער האָטעל. בלענשאַרד, זייענדיק אַליין אַ דורכגעטריבענער צייטונגס־מאַן, האָט באַלד, ווי מיר זענען אַריבער דעם שוועל פֿון האָטעל, מיר געזאָגט, אַז מען וועט דאָך געוויס קומען נאָך אַן אינטערוויו פֿאַר דער פּרעסע, טאָ זאָל איך זאָגן, אַז היינט וועלן די אַמעריקאַנער קיינעם נישט אויפֿנעמען, ווייל מיר זענען פֿאַרמאַטערט פֿון וועג און ווילן זיך אויסרוען. אַזוי איז טאַקע געווען. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז געקומען אַ פֿאַרטרעטער פֿון דער ניזשני־נאָווגאָראָדער „פּראַוודאַ" רעדן מיטן הויפּט פֿון דער פּרעסע־קאָמיסיע און מיט די געסט פֿון אַמעריקע. האָב איך אים דערקלערט, אַז זיי רוען איצט אָפּ און מען קען זיי דערווייל נישט זען.

אָבער דער מיטאַרבעטער פֿון דער „פּראַוודאַ" איז זייער צוגעשטאַנען און איך בין אַוועק צו בלענשאַרדן אין צימער אים דאָס זאָגן. אָבער סיי ער און סיי די אַנדערע קאָרעספּאָנדענטן האָבן אָנגעגעבן דורך מיר פֿאַרשידענע תירוצים און זיך אַרויסגעדרייט פֿון אַן אינטערוויו פֿאַר דער פּרעסע.

דאָך איז אויפֿן צווייטן טאָג געווען אָפּגעדרוקט אין דער אָרטיקער „פּראַוודאַ" אַ געשפּרעך מיט די אַמעריקאַנער, אין וועלכן דער שרייבער האָט דערציילט, אַז די באַגייסטערונג פֿון די אַמעריקאַנער קאָרעספּאָנדענטן פֿאַר רוסלאַנד איז אומבאַשרייבלעך...

אַרום פֿיר אַזייגער דעם זעלבן טאָג איז געקומען אַ שטאַפֿעט פֿון פּרעזידענט פֿון יאַרלעכן באַזאַר, מאַלישעוו, מיט אַן איינלאַדונג פֿאַר דער קאָמיסיע צו באַזוכן דעם באַזאַר. זענען מיר באַלד אַוועק זען דעם באַ־

זאַר, וואָס איז געווען וועלט־באַרימט פון לאַנגע יאָרן נאָך אונטער די ראָמאַנאָווס. די גאַס, וואָס האָט געפירט צום באַזאַר, איז געווען שטאַרק באַוואַכט פון מיליציאַנטן, וועלכע האָבן דערוואַרט אונדזער אָנקומען. אַלע האָבן זיי אונדז מיליטעריש באַגריסט, זיך אויסגעצויגן ווי סטרונעס, ווען מיר זענען פאַרבייגעגאַנגען, זיי האָבן געמיינט, אַז קיין גרעסערער כבוד ווי אָפּגעבן „טשעסט" מיליטעריש קען גאָרנישט זיין, און האָבן זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז אויף ראַדיקאַלע זשורנאַליסטן פון אַמעריקע מאַכט עס אַ שלעכטן איינדרוק. בלאַנשאַרד האָט מיר באַמערקט, אַז ווי ער זעט, איז רוסלאַנד נאָך אַלץ איין גרויסע קאַזאַרמע.

מאַלישעוו איז געווען אַ טיפּישער גרויס־רוסישער „קאַצאַפּ", מיט אַ לאַנגער רויטער באָרד, געשאָרן אויפן עכט רוסישן שטייגער, פון זיינע רויטע באַקן האָט געשפּריצט מיט בלוט. ער האָט די קאָמיסיע אויפגענומען שמייכלענדיק און שטאַרק צופרידן, וואָס אַמעריקאַנער קומען צו אים זען דעם באַזאַר. מיר האָבן זיך געזעצט און דורך מיין פאַרמיטלונג אַלס איבערזעצער האָט מען אָנגעהויבן שמועסן.

בלאַנשאַרדס פרוי איז געווען זייער אַ שיינע, מיט אַ ליכטיקן, זינגענדיקן פּנים, און מאַלישעוו איז, זעט אויס, געווען אַנטציקט פון דער פיינער „באַרינ‍יע" (פריצטע). ער האָט נישט פאַרפעלט צו קוקן איר גיריק גלייך אין פּנים אַריין, מיר האָבן גערעדט וועגן באַזאַר און וועגן רוסלאַנד, און ער האָט די אויגן פון איר נישט אַראָפּגענומען. זי האָט מיר געבעטן. איך זאָל מאַלישעוון זאָגן, אַז ער מוז האָבן קראַנקע אויגן, ווייל זיי שטייען אויף איין פּלאַץ און באַוועגן זיך נישט... איך האָב זיך אָבער נישט וויסנדיק געמאַכט און די באַמערקונג אירע נישט איבערגעזעצט.

ביים סוף פון געשפּרעך האָט אונדז מאַלישעוו, וועלכער האָט אויף די פּאָליטישע פראַגן נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן, דערקלערט, אַז אויף 8 אָוונט איז פאַר דער קאָמיסיע צוגעגרייט אַ באַנקעט אין הויפּט־פּאַוויליאָן פון באַזאַר און עס וועלן זיין פאַרטראָטן פילע געסט, דער סאָוועט פון שטאָט א. א. וו. האָבן מיר זיך געזעגנט און אַוועק זיך צוגרייטן צו דער אָוונט־אויפנאַמע.

ווען מיר זענען אַריינגעקומען אין זאַל, זענען שוין אַלע געסט, צווישן וועלכע ס'איז געווען די סמעטענע פון דער פּאַרטיי, געווען פאַרזאַמלט. מינקין איז אויך געווען און ער איז געזעסן ביים הויפּט־טיש, וואו עס זענען געווען צוגעגרייט די פּלעצער פאַר דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע.

ווי מיר האָבן זיך נאָר באַוויזן, האָט מען אונדז אויפגענומען מיטן „אינטערנאַציאָנאַל", געשפּילט פון אָרקעסטער און פייערלעך געזונגען דורך אַלע פאַרזאַמלטע, מיט ערנסטע געזיכטער און עקסטאַז. מיר זענען אויך געבליבן שטיין שטייף און מיטגעזונגען און איך האָב געפילט, אַז אויף די געסט האָט עס געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק.

מען האָט די קאָמיסיע פאָרגעשטעלט אַלס אַמעריקאַנער פריינט פון

דער רעוואָלוציע פאַר אַלע הויכע געסט. נאָך אַ האַלבער שעה פון היי־מישע באַגריסונגען און האַנטדריקונגען האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש, וועלכער איז געווען געגרייט מיט אַזאַ פּראַכט, אַז אפילו אין דער רייַ־כער אַמעריקע וואָלט מען עס באַטראַכט פאַר אויסבערענגעריי. מען האָט געשטעלט די פיינסטע מאכלים און ווייַן, שנאַפּס און שאַמפּאַניער איז געווען געגרייט ווי אויף אַ קעניגלעכער אויפנאַמע. עס איז גיך געוואָרן פריילעך און אָנגענעם. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט און דער עולם האָט לוסטיק געזונגען. אויף דער בינע האָבן זיך באַוויזן אַ פּאָר צענדליק מיידלעך אין ציגיינערשע קליידער, מיט פייקלען אין די הענט, און אויף אַן עכט רוסישן שטייגער האָבן זיי געטאַנצט און פאַרצויגן אַלטע ראָמאַנסן. עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן און זען, ווי געשיקט זיי טאַנצן.

אַלע, און געוויס אויך די אַמעריקאַנער האָבן זיך אַוועקגעטראָגן מיט דער שטימונג. מען האָט געטרונקען און זיך געלאָזט וואוילגיין, ווי נאָר רוסישע מענטשן קענען. עס איז אָבער אויך געווען צו באַמערקן, ווער עס איז באַשטימט געוואָרן צו געבן פאַר די געסט די גייסטיקע שפּייז, ווייל יענע האָבן נישט געטרונקען. די אַמעריקאַנער האָבן אויך כמעט נישט געטרונקען, אָבער זיי האָבן פון אַלץ גרויס הנאה געהאַט.

מינקין איז געזעסן און מיט זיינע שאַרפע אויגן אָבסערווירט אַלץ, וואָס ס'איז פאָרגעקומען. דאַן האָב איך זיין האַלטונג נישט פאַרשטאַנען. מיט יאָרן שפּעטער, ווען איך האָב אים באַגעגנט פּלוצלונג אין מעק־סיקע, איז עס מיר שוין געווען קלאָר.

אין גאַנג פון דער שמחה האָט מען צום טיש צוגעטראָגן פאַרשיי־דענע מתנות, פיינע זאַכן פון קוסטאַרנער אויסאַרבעטונג, באַיאַרסקע לעפל, פּושקעלעך פאַר סיגאַרעטן און אַז"וו. אָבער יעדעס מאָל זענען די מתנות גיך פאַרשוואונדן פון טיש. צי די געסט, וואָס זיי האָט מען דער עיקר געמיינט, איז גאָרנישט אָנגעקומען.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די רעדעס און באַגריסונגען. נאָך יעדער רעדע פון אַ פאָרשטייער פון סאָוועט האָב איך געהאַט די אויפגאַבע זי איבערצוזעצן אין ענגליש און דער עולם האָט סיי די רעדנער און סיי מיר אַפּלאָדירט. עס איז געקומען די רייע פאַר מאַלישעוון. דעם פאָרזיצער פון ניזשני־נאָווגאָראָדער באַזאַר. דער פּשוטער „קאַצאַפּ" האָט אַוועקגע־לייגט אַ רעדע, וואָס האָט זיך געקלעפּט ווי אַן אַרבעט צום וואַנט. ער האָט די גאַנצע צייט זיך צוגעטשעפּעט צום „קאָמאַינטערן" און געסטראַ־שעט אים מיט אַלע שרעקן: דער קאָמאַינטערן וועט פון אַלעמען מאַכן אַ סוף, דער קאָמאַינטערן איז אַ... אאַז"וו.

צווישן די פאַרזאַמלטע האָט מינקין מער ווי אַלע געברענט ווי אַ פייער צוליב דעם אידיאָטיזם. די אַמעריקאַנער קאָמיסיע האָט זיך איבערגעקוקט און נישט פאַרשטאַנען, וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. רוסיש האָבן זיי נישט געקענט. אָבער זיי האָבן געהערט, ווי ער האָט מיט בייזקייט אַלע ווײלע

איבערגעחזרט דאָס וואָרט „קאָמאינטערן", וואָס איז דאָך געווען אַ אינ־טערנאַציאָנאַלער טערמין.

איך האָב געמאַכט אייניקע פאַרצייכענונגען פון דער רעדע און האָב ביי זיך באַשלאָסן, אַז ביים איבערזעצן וועל איך מאַלישעווס רייד נישט איבערגעבן, און אַזוי ווי ער האָט דאָך געהאַלטן אין איין שרייען „קאָמאינ־טערן", וועל איך נוצן דאָס וואָרט אָפט, נאָר מיט אַן אַנדער אויסטייט־שונג. מינקין איז אַרומגעלאָפן איבערן זאַל און נישט געוואוסט, וואָס מען טוט דאָ. דערווייל האָב איך זיך אויפגעשטעלט צו מאַכן די איבערזעצונג.

אין מיין וואָרט האָבן איך אין גאַנצן געהאַלטן אַן אַנדער רעדע, געזאָגט דער קאָמיסיע, אַז זי זאָל איבערגעבן דורך דער פרעסע, אַז די אויפגאַבע פון קאָמאינטערן איז די צוגרייטונג פון אַ נייער אָרדענונג, אַז דער קאָמאינטערן וועט ווייזן דער וועלט, ווי גרויס עס איז די פעאיקייט פון דעם אַרבעטער, ווען ער קריגט די אינדוסטריע אין זיינע הענט, און ווי דער פּראָלעטאַריאַט, מיט דער הילף פון דער פּאָליטישער מאַכט, איז פעאיק צו בויען אַ בעסערע אָרדענונג, ווי דער קאַפּיטאַליזם; אַז דער קאָמאינטערן איז אַ גייסטיקער אַפּאַראַט צו אינסטרואירן די מענטשהייט, אַז מען דאַרף פאַרן קאָמאינטערן נישט מורא האָבן און נישט צוהערן זיך, וואָס די שונאים פאַרשרייען אים פאַר אַ צעשטערערישן אָרגאַניזם.

ווען איך האָב פאַרענדיקט, האָט זיך צו מיר צוגעזעצט מינקין. זיין פּנים האָט געשטראַלט און ער האָט מיר געפרעגט, צי איך בין אַ פּאַרטיי־מיטגליד. ווען ער האָט געהערט, אַז נישט, האָט ער אויסגעדריקט זיין באַדויערונג. נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זיין — האָט ער צו מיר געזאָגט, — ח' אייבראַמס, איר האָט גראַטעוועט די לאַגע, איר האָט מיט אייער וואָרט אויך גראַטעוועט מאַלישעווון. „איך וועל שוין דאָסמאָל אים דורכ־לאָזן און אייער רעדע פאַרשרייבן אויף זיין חשבון".

ווען מינקין האָט מאַלישעווון איבערגעגעבן, וואָס איך האָב געטאָן פאַר אים, האָט ער פון באַגייסטערונג זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט, ווייל ער האָט געוואוסט, וואָס מינקין וואָלט אים געקענט טאָן. „ווען איך וועל פאָרן קיין אַמעריקע, האָט מאַלישעוו צו מיר געזאָגט, וועל איך אייך נע־מען אַלס איבערזעצער".

פון דעם, וואָס איך האָב גראַטעוועט די לאַגע מיט מיין איבערזע־צונג, האָבן מיר געהאַט גרויס נוצן; די אַרטיקע מאַכט און די „געפּעאו" פון ניזשני־נאָוואָגראָד האָבן שוין געהאַט צוטרוי און די איבעריקע צייט האָבן מיר זיך שוין געקענט באַוועגן פריי.

איין מאָל, פאָרנדיק אויף דער וואָלגע אין אַ יאַכטע, וואָס דער סאָ־וועט האָט געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע, רופט זיך אָן בלענשאַרד: „שוין גענוג צייט פאַרבראַכט מיר מיט זיך; עס וואָלט צייט געווען, מיר זאָלן זען, וואָס עס קומט ווירקלעך פאָר אין רוסלאַנד. די באַנקעטן, צי־גיינער־כאָרן און יאַכטעס איז נישט דאָס, וואָס מיך אינטערעסירט דאָ". פאָרנדיק, האָבן מיר פון ווייטן דערזען אַ דאָרף אויף אַ באַרג איבער־

דער וואָלגע. מיר האָבן געבעטן דעם פירער פון שיפל, ער זאָל אונדז פירן אין יענער ריכטונג, און מיר זענען אוועק אין דאָרף.

די ערשטע פאָר מינוט האָט דער אָרעמער רוסישער דאָרף געמאַכט דעם איינדרוק ווי אַ פאַרלאָזענער, קיינעם האָט מען נישט געזען אויפן שליאַך, אויך נישט ביי די קליינע שטיבלעך, וועלכע האָבן געהאַט שטרויענע דעכלעך. מיר האָבן געשפּאַצירט הין און צוריק, זוכנדיק מיט וועמען אַ וואָרט אויסצורעדן. צוביסלעך האָבן די איינוואוינער, באַמערקנדיק אונדז דורך די קליינע קוואַדראַטנע פענצטערלעך, זיך אַרויסגעשטעלט פאַר די שטיבלעך און אָנגעקוקט די געהויבענע געסט, וואָס דרייען זיך אַרום אין דאָרף. פּויערים און פּויערטעס מיט קליינע קינדערלעך, אָנגעטאָן אין קורצע ברודיקע העמדלעך, וואָס האָבן קוים צוגעדעקט די גופימלעך, האָבן אונדז פאַרוואונדערט אָנגעקוקט.

ביי איינעם פון די שטיבלעך האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אַן אַלטע פּויערטע, מיט אַ פּנים פול מיט קנייטשן, האָט אונדז גוטמוטיק באַגריסט. מיר האָבן געפרעגט, צי מען קען ביי איר קריגן אַ ביסל וואַסער צו טרינקען, „דאָס איז נאָך דאָ — האָט זי מיט אַן אויסגעצויגענעם וואָרט געענטפערט, — דאַנקען גאָט". זי האָט אונדז אַריינגעבעטן אין איר הייזל. די פאָרשטייערין פון דער „אמאַלגאַמעיטעד" איז געווען אַ פרוי, וואָס דער רבונו של עולם האָט זי נישט באַוואָלט אין דער הייך, און זי האָט זיך, נעבעך, איינגעבויגן אין דרייען אַריינצוקריכן דורך דעם נידעריקן טירל.

בלענשאַרד האָט מיר געהייסן זאָגן דער פּויערטע, אַז זי זאָל מאַכן רוסישן טיי. ווען איך האָב איר דערקלערט, וואָס דער אַמעריקאַנער פריינט וויל, האָט זי געענטפערט, אַז זי האָט נישט קיין צוקער און נישט קיין טיי, אָבער אַ סאַמאָוואַר האָט זי, וואָס איז איר נאָך געבליבן פון אַמאָל. איז אויב מיר ווילן „קיפּיאַטאָק" (זודיק וואַסער), קען זי עס מאַכן, אין מיר זאָלן שוין אין קאָאָפּעראַטיוו קויפן די נויטיקע זאַכן. דאָס שטיבל איז געווען גאַנץ ריין און ציכטיק אינעווייניק, דער דיל — אויסגעשמירט מיט אַ ברוינעם ליים, די שויבן־באַקלעפּט מיט גרינע בלעטלעך, דער הילצערנער טאַפּטשאַן, וואָס האָט געדינט פאַר אַלע נויטיקייט, איז געווען געדעקט מיט אַ זאַק, וואָס האָט געהאַט פיל לאַטעס.

די פּויערטע האָט געהייסן איינע פון אירע אייניקלעך שטעלן דעם סאַמאָוואַר און אַליין האָט זי זיך געזעצט קעגן אונדז. איר קלייד איז געווען ברייט און גראָב. מיר האָבן מיט איר פאַרפירט אַ געשפּרעך, אָבער די יאָרן פון דער דיקטאַטור־אָרדענונג האָבן באַוויזן אַפילו פון אַזעלכע פּויערטעס צו מאַכן דיפּלאָמאַטן. אויף הונדערט ווערטער האָט זי געענטפערט איינעם, און דאָס אויך נישט אַלעמאָל וועגן דעם, וואָס מען האָט זי פרעגט

נאָר אויף דער פראַגע, וועלכער צאַר איז בעסער — דער אַמאָליקער ניקאָלאַי, צי דער איצטיקער קאַלינין, האָט זי אַ שמייכל געטאָן און מיט

פאַרגעניגן, וואָס מען פרעגט עס איר, געזאָגט: „אוודאי דער איצטיקער. יענער, אַז ער איז פאַרבייגעפאָרן אונדזער געגנט, האָבן אים נאָר די פּריצים געקענט זען, אָבער דער קאַלינין, דער נייער צאַר, איז ביי אונדז געווען מיט אַ צייט צוריק, ווען ס'איז געווען אַ גרויסער הונגער, און ער האָט זיך אויסגעטאָן באָרוועס און איז מיט די פּויערים געגאַנגען איבער די פעלדער..."

געווים איז ער בעסער פאַר ניקאָלאַיען — האָב איך איר געזאָגט, און די פּויערטע האָט געענטפערט: „יאָ, בעסער, אָבער אין אויוון קען מען אים נישט רוקן, קיין ברויט פון אים קען מען נישט באַקן..."

מיר האָבן זיך נישט דערוואַרט אויף די טיי, אָפּגעזוכט אַ תירוץ, אַז מיר מוזן גיין, געגעבן דער פּויערטע עטלעכע רובל אַ צוגאָב צו דעם, וואָס מיר האָבן געגעבן פריער פאַרן צוקער און טיי צו קויפן אין קאָאָפּעראַטיוו, און אַרויס פון שטיבל. די פּויערטע האָט אונדז באַגלייט מיט טויזנט ברכות אויף אירע ליפּן, זיך געצלמט און געדאַנקט.

ווען מיר האָבן זיך גענומען אַראָפּלאָזן פון באַרג צו אונדזער שיפל, איז דער גאַנצער דאָרף געשטאַנען אויפן באַרג און אונדז נאָכגעקוקט. בלענשאַרד האָט געזאָגט, אַז אָט דער „באַנקעט" איז ביי אים פיל וויכטיקער ווי די פריערדיקע און ער וועט עס נישט פאַרגעסן. „איך וועל גוט אין זינען האָבן — האָט ער געזאָגט — אַז מיר אין אויסלאַנד דאַרפן העלפן אָט דעם טייל רוסלאַנד, וואָס האָט נישט קיין צוקער און קיין טיי, נישט יענעם טייל פון ציגיינער־כאָרן און באַנקעטן".

ווען מען אַרבעט אָן ביוראָקראַטיע

די קורצע רייזע אַלס איבערזעצער פון דער אַמעריקאַנער קאָמיסיע האָט זיך געענדיקט. איך האָב צוגעשטעלט די אַמעריקאַנער צוריק קיין מאָסקווע צום „ביוראָבין" און דערמיט אָן מיין אויפגאַבע אויף אָט דעם סאָוועטישן פּאָסטן געווען דערפילט.

גלייך נאָך דעם בין איך אַוועק אין דער דרוקעריי פון „גאָלאָס־טרודאַ" — און זיך געמאָלדן צו דער אַרבעט. די חברים דאָרט האָבן מיר אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס. די פאַרוואַלטונג האָט מיר איבערגעגעבן, אַז די דרוקעריי איז אויף צרות, קיין אַרבעט איז נישטאָ, מען האָט פאַר דער צייט אָפּגעדרוקט עטלעכע ביכער, אָבער אויף צאָלן דעם געהאַלט איז נישט געווען.

אַלע, וואָס האָבן געאַרבעט אין דרוקעריי און אין בוך־געשעפט פון „גאָלאָס־טרודאַ", זענען געווען רוסן, אייגענע מענטשן, און פאַר מיר איז געווען נישט שווער צו אַנטוויקלען אַ בעסערן אַרבעטס־סיסטעם, ווייל איך האָב דאָך געהייסן אַן אַמעריקאַנער, און דאָס איז אין אַזעלכע פאַלן געווען אַ גרויסע זאַך. אין פילע רעגירונגס־אינסטיטוציעס האָבן זיך

אויף וויכטיקע אַמטן געפונען אַמעריקאַנער און דאָס האָט מיר געגעבן אַ מעגלעכקייט מיט זיי לייכט זיך צו פאַרשטענדיקן און צוזאַמענרעדן.

אין דער פּראָם־באַנק אין מאָסקווע, וועלכע איז געווען גוט אָרגאַניזירט פון איינעם קראַסנאָשטשאָקאָוו, וועלכער האָט אין אַמעריקע געהייסן טאָבינס און איך האָב אים גוט געקענט, האָב איך באַקומען גאָר אַ גרויסע הילף. קראַסנאָשטשאָקאָוו איז געווען אַ נאַש־בראָט און אין דער פּאַרטיי איז ער אַריין ערשט קומענדיק קיין רוסלאַנד. ער האָט נישט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן אַמאָל געמיינזאַם געאַרבעט פאַר איין זאַך, און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט אונדזער אונטערנעמונג האָבן מיר די בעסטע כוונות. אַ מענטש מיט גרויסע פעאיקייטן און ענערגיע, האָט ער די פּראָם־באַנק אָרגאַניזירט אויף דער זעלבער באַזע, ווי עס אַרבעטן בענק אין אַמעריקע, און ער איז געבליבן דער אָנפירער פון דער באַנק, וואָס האָט קרעדיטירט פיל אונטערנעמונגען.

באַקענענדיק זיך מיט די צילן פון „גאָלאָס־טרודאַ" און אויסהערנדיק מיין פּלאַן צו פאַרבעסערן די אַרבעט, האָט ער צו אַלעם ערשט פאַראָרדנט, אַז די דרוק־אַרבעט פאַר דער פּראָם־באַנק זאָל אַריבער צו אונדז, נאָר מיט אַ תנאי, אַז מיר זאָלן עס מאַכן מיט 20 פּראָצענט ביליקער, ווי די מאָסקווער „דרוקעריי נומער 27". אָבער אפילו אַזוי זענען די פּרייזן פאַר אונדז געווען זייער גוטע, ווייל די ביוראָקראַטישע מאַשין פון דער „דרוקעריי נומער 27" האָט אויפגעפרעסן קאַפּיטאַל, אַז מען האָט געקענט מאַכן די אַרבעט פאַר 550 פּראָצענט ביליקער. קראַסנאָשטשאָקאָוו האָט אונדז אויך געגעבן אַן אַוואַנס פון 5 טויזנט טשערוואָנע רובל אָפּצואַרבעטן אין עטלעכע מאָנאַטן, ווייל די אַרבעט פאַר דער דרוקעריי האָט מאָנאַטלעך באַטראָפן צווישן 5 און 7 טויזנט רובל. האָבן מיר גלייך געקענט זיך נעמען צו אַנטוויקלען די אַרבעט. נאָך אַ פּאָר אָפּמאַכן האָבן מיר געשלאָסן אין אייניקע אַמטן, וואו מען האָט אונדז אויך איבערגעגעבן די גאַנצע אַרבעט.

די אַרבעטער אין „גאָלאָס טרודאַ" האָט געקומט פאַר עטלעכע וואָכן געהאַלט און זיי האָבן אַלע געטאָן אָן חשק. איך האָב זיי צוגעזאָגט, אַז שבת וועט מען אויסצאָלן, וואָס עס קומט, אָבער זיי האָבן, ווייזט אויס, נישט געגלויבט. געראַסימטשיק, מיין חבר און פאַרוואַלטער פון דרוקעריי, האָט מיך אָנגעקוקט פאַרוואונדערט, ווען איך האָב אים געראָטן, אַז מען זאָל אַרבעטן שבת נאָר ביז איינס אַזייגער. ער, דער מאָסקווישער, האָט נישט געקענט פאַרשטיין, וויאַזוי מען קען עס, אַרבעטנדיק ווייניקער שטונדן, מאַכן מער אַרבעט. אָבער אַזוי ווי איך האָב דורך די פּאָר טעג געהאַט אייניקע דערפאָלגן, האָט ער עס איבערגעלאָזט צו מיר.

עס איז געקומען דער ערשטער שבת, — האָבן מיר אַזייגער צוויי צוזאַמענגערופן אַלע אַרבעטער און דאָס ערשטע זיי באַצאָלט אַלעמען, וואָס עס קומט. און געצאָלט האָבן מיר נישט אין סאָוועטסקע „זנאַקעס", וואָס האָבן געהאַט אַ קנאַפּן ווערט אויפן מאַרק, נאָר אין טשערוואָנצעס.

דאַן האָבן מיר פאָרגעלייגט, אַז מען זאָל זיך נעמען צי פאַרגרעסערן די פּראָדוקציע, און דאָס וועט פירן צו דעם, אַז מיר וועלן קענען פאַרדאַפּלען אינדזערע געהאַלטן. אַלע האָבן אויסגעהערט און מיט צופרידענע פּנימער אויסגעדריקט זייער צושטימונג. „גוט — האָט זיך אין אַלעמענס נאָמען אָנגערופן איינער לאַוורושקין, — מיר וועלן פּרואוון, מיר האָבן זיך, אמת, אויסגעלערנט נישט צו גלויבן די צוזאָגן, וואָס מען גיט אונדז, אָבער אַן אַמעריקאַנער איז ער דאָך, און אַ נייער בעזעם קערט גוט...”

מיר האָבן געטאָן אַלץ צו געווינען דעם צוטרוי פון אַלע באַשעפטיקטע, אַ מאַן פופציק, אין דער דרוקעריי. קעגנאיבער איז געווען אַ גריכישער רעסטאָראַן, וואו מען האָט גערעכנט פאַר אַן אָנבייסן 75 קאָפּיקעס. האָבן מיר מיטן רעסטאָראַטאָר געשלאָסן אַן אָפּמאַך, אַז אַלע אונדזערע דרוקער צאָלן נאָר 60 קאָפּיקעס, און מיר גאַראַנטירן אים דאָס געלט. דערביי האָבן אַלע באַקומען קופּאָנען פון „גאָלאָס־טרודא” אויף די פּאַרציעס עסן, און זעקס פּאָרציעס אַ מאָנאַט זענען געווען פרייע, וואָס פאַר זיי האָט געצאָלט די קאַסע פון דער אונטערנעמונג. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ העכערונג אויפן געהאַלט.

די חברה האָט געזען, אַז עס איז נישט געבלאָפט, אַז מען קען טאַקע פאַרבעסערן די אַרבעט און די פאַרדינסטן, האָט זיך אין עטלעכע וואָכן געענדערט די גאַנצע לאַגע. אויפן אָרט פון דעם אַלטן רוסישן, דאוואי זאַקורים׳ — זיך אַוועקשטעלן אין קאַמפּאַניע פּאַררויכערן און לאָזן די מאַשינען בלייבן שטיין, אַזוי אַז מען פלעגט מאַכן אַ העלפט אַרבעט, ווי אַ מאַשין קען אַרויסגעבן, האָט מען אָנגעהויבן אַרויסגעבן די פולע מאָס אַרבעט און אַמאָל נאָך מער.

„גאָלאָס טרודא” האָט גיך באַקומען אַ נאָמען אין מאָסקווע, אַז די אַרבעטער פאַרדינען דאָרט צוויי מאָל אַזויפיל, אַז מען אַרבעט ווייניקער שעהן (מיר האָבן שבת געאַרבעט אַ האַלבן טאָג) און אַז די דרוקעריי נעמט ביליקערע פרייזן פאַר דער אַרבעט. קיין ניסים זענען דאָ נישט געווען, נאָר מער נישט מיר האָבן באַוויזן אָפּצושאַפן די בויראָקראַטישע סיסטעם און טאַקע אַרבעטן ווי פאַר זיך. אין אַ גאָר קורצער צייט האָבן מיר געאַרבעט פולע צוויי טורנעס.

דער ביכער־פאַרלאַג האָט אָנגעהויבן מאַכן גוטע געשעפטן און מיר האָבן פאַר דער איינקונפט געקענט אַרויסגעבן צו זעקס ביכער אַ מאָנאַט; אַרויסגעבן ביכער איז דאָך געווען דער ציל פון דער גאַנצער אונטערנעמונג. עס איז אָבער געווען שווער צו פאַרקויפן די ביכער, ווייל קיין פרייער מאַרק איז נישט געווען. זענען מיר אַריין אין אַן אָפּמאַך מיט „גאָסאיזדאַט” (וועמעס אָנפירער עס איז געווען סטאַיאַנאָוו, וועלכער איז שוין לאַנג אויף יענער וועלט) און דורך זיין מיטהילף אין דער פאַרשפּרייטונג האָבן מיר אָנגעהויבן אַריינקריגן איינקונפטן פאַר ביכער.

די שוועריקייטן זענען אָבער געווען אומגעהייערע גאָר פון אַן אַנדער זייט. די צענזור איז געווען אַ זייער שטרענגע און פיל ביכער, באַ־

רימטע ווערק, האָט מען נישט דערלויבט צו דרוקן. מען פלעגט דאַרפן לאַנגע צייטן קלאַפּאַטשען וועגן אַ דערלויבעניש, און אַז מען האָט עס שוין געקריגן ביי דער „געפּעאו״, האָט זי אָפּטמאָל באַשטימט, אַז מען זאָל דרוקן אַזאַ קליינע צאָל, אַז עס איז געווען אוממעגלעך אַרויסצו־געבן עס. אַזאַ בוך, ווי פּראָפעסאָר מעטשניקאָווס „ציוויליזאַציע און גרוי־סע טייכן״, אַ באַרימט סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער ווערק אין עטלעכע הונ־דערט זייטן, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרבאָטן, האָט איצט די „געפּעאו״ דערלויבט אַרויסצוברענגען נישט מער ווי 500 עקזעמפּלאַרן. איז פאַרשטענדלעך, אַז מיר זענען מיט אַזעלכע ביכער געווען געצוואונ־גען צו באַגיין „פאַרברעכנס״ און דרוקן מיט איין נול מער, אַנשטאָט 500 — 5000.

דערצו איז דער „געפּעאו״ סתם נישט געווען געפעלן, וואָס זי האָט נישט קיין קאָנטראָל איבער „גאָלאָס טרודאַ״ און מען פלעגט אָפט קומען צו אונדז מאַכן הויז־זוכונגען. פון אויגוסט 1923 ביז דעם טויט פון לענינען אין יאַנואַר 1924 האָט די „געפּעאו״ אונדז באַזוכט אפשר הונ־דערט מאָל, און כאָטש מען האָט קיין טרפות נישט געפונען, פלעגט מען יעדעס מאָל אונדז לאָזן וויסן, אַז מען וועט די דרוקעריי צומאַכן. אין יעדן מאָל פלעגן מיר מוזן גיין צו קאָמענעוון און ער פלעגט אונדז אָפּ־ראַטעווען.

איך ווער אַ הויז־פאַרוואַלטער

אין דער נייער וואוינונג, וואָס איך האָב געקויפט פאַר 300 רובל, האָב איך געוואוינט מיט גאָר געהויבענע לייט. דאָס הויז איז געווען אַמאָל אַ פּאַלאַץ פון אַ מאָסקווער קופּעץ (סוחר). מען האָט זיך איינגעטיילט אין צוויי טיילן — פון דער פאָדערשטער זייט, וואָס האָט געהאַט אַמאָל 15 צימערן, האָט מען געמאַכט 40, און אויבן, וואו עס האָבן געוואוינט די אָנגעשטעלטע און באַדינער פון „קופּעץ״, האָט מען אויך איינגעאָרדנט 32 צימערן.

אין דעם ערשטן פליגל האָבן געוואוינט דוראַוויס פאַרטיי־טוער, וואָס די מיינסטע פון זיי האָבן געהאַט שטעלעס אין קרעמל. דאָס הויז האָט זיך טאַקע געפונען אויף קרעמלעווסקאַיאַ נאַבערעזשנאַיאַ 9, און עס איז געווען זייער באַקוועם פאַר די באַאַמטע פון קרעמעל און פון „וציק״, וואָס האָט זיך אויך געפונען זייער נאָענט. אין דעם אויבערשטן טייל האָבן שוין געוואוינט געוויינטלעכע שטערבלעכע, אָבער איך בין גראָד אַריינ־געפאַלן אין דעם ערשטן פליגל.

אין דעם הויז זענען בלויז פאַרבליבן סימנים פון דער אַמאָליקער רייכקייט און לוקסוס. אין גרעסטן טייל האָט זי אויסגעזען ווי אַ שטאַל. די אַלגעמיינע באַהייצונג איז געוואָרן פונאַנדערגענומען, ווייל דער קאָמי־סאַר פון הויז האָט דערקלערט, אַז די ציגל פון דעם גרויסן אויוון קענען

דינען פאַר נאָך אַ פּאָר צימערן. די שכנים האָבן געמוזט זוכן אויוועלעך צו באַהייצן יעדן צימער, און עס איז אין די וואוינונגען געוואָרן נאָך ענגער און שמוציקער פון די הייץ־מאַטעריאַלן, וואָס יעדערער האָט אין אַ געוויסער מאָס געדאַרפט האַלטן אין הויז.

דער פאָרזיצער פון הויז, וואָס האָט זיך גערופן „קרעמליעווסקאיא־קאָמונאַ" איז געווען דער אַפּטייקער פון קרעמעל־שטשעלניצקי. זיין אמת איז געווען געווען, אַז ער זאָל זיין דער וואָרט־זאָגער איבער אַלץ. איך האָב זיך מיט אים באַפריינדעט, און צו אַ וואָרט פון אַן אַמעריקאַנער האָט ער זיך אַמאָל צוגעהערט. האָב איך אים איין מאָל פאָרגעשלאָגן, אַז אַזוי־ווי עס איז דאָ אַ קעמערל צווישן ביידע קאָרידאָרן און מען קען דאָרט מאַכן אַ באָד־צימער, וואָלט אפשר געווען אַ פּלאַן, אַז די שכנים זאָלן זיך צוזאַמענריידן און מאַכן אַ באָד. „אויב איר קענט עס מאַכן, דערלויב איך אייך", האָט ער מיר געענטפערט.

די באָד איז איינגעאָרדנט געוואָרן און מיר האָבן געצאָלט צו 25 קאָפּיקעס אַ חודש פאַר דער קאָלעקטיווער באַהייצונג; די שכנים זענען געווען העכסט צופרידן. מיר האָבן אַזוי לאַנג גערעדט וועגן מאַכן אויס־בעסערונגען אין הויז, ביז וואַנען שטשעלניצקי האָט מיר פאָרגעלייגט, אַז איך זאָל ווערן דער קאָמענדאַנט און מאַכן, וואָס איך דענק, אַז עס איז נויטיק. דאַן האָב איך אָנגענומען דעם אמט און געוואָרן דער קאָמענדאַנט פון הויז. באַקומענדיק אַזעלכע עפּאָלעטן, האָב איך גענומען דורכ־פירן די פּלענער איינצואָרדענען אביסל בעסער דאָס הויז. די פרויען האָבן אין דעם שטאַרק אַרויסגעהאָלפן און אין עטלעכע מאָנאַטן האָבן מיר אַלע געהאַט פיל באַקוועמלעכקייטן. מיר האָבן געשאַפן אויך אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע און אָפּגעהיט שטרענג די ריינקייט אין אַלע צימערן און אַרום הויז, פאַרבאָטן צו האַלטן קעץ און הינט אין די צימערן, די דילן זענען געוואָרן אויסגעוואַקסט און אַלץ האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. די שכנים פלעגן זיך מיט הנאה ווינצלען, אַז זיי וואוינען אַזוי ווי אַמעריקאַנער.

די פאַרוואַלטונג פון הויז פלעגט רופן פאַרזאַמלונגען פון די שכנים יעדן מאָנאַט. עס פלעגן זיך צוזאַמענקומען אַריבער 100 פּערזאָן פון די 72 איינוואוינער (אויך די פרויען פלעגן קומען). איך פלעג זייער זעלטן גיין צו די פאַרזאַמלונגען, ווייל איך האָב שוין איינמאָל זיך אָנגעליטן מיט אַ וואוינונג, און האָב מיר געטראַכט, אַז דאָ, אין דעם לאַנד פון דער רעוואָלוציע, זאָל איך מער נישט זיין קיין געזעלשאַפטלעכער מענטש.

אין אַ געוויסן אָוונט, אין דעצעמבער מאָנאַט, קומען אַריין צו מיר אין צימער דריי פאָרשטייער פון דער פאַרוואַלטונג צוזאַמען מיטן פאָר־זיצער שטשעלניצקי און זיי לאָזן מיר וויסן, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג פון די שכנים, וואָס האָט זיך נאָך וואָס געענדיקט, בין איך געוואָרן אויס־געוויילט אַלס דער פאַרוואַלטער פון הויז, מיט די זעלבע רעכט ווי דער פאָרזיצער. איך קען אָנפירן מיטן הויז, ווי איך וויל, און שטשעלניצקי וועט נאָר זיין דער פּאָליטישער פאַרוואַלטער. ער אַליין, דער אַפּטייקער

פון קרעמל, וועמען מען האָט אָנגעטרויט צו מאַכן די מעדיצינען פאַר אַלע הויכע לייט, גיט עס מיר איבער דעם אמת.

אויפן מאָמענט האָב איך געזוכט אַ תירוץ זיך אַרויסצודרייען פון דעם כבוד, אָבער די דעלעגאַציע האָט מיט מיר איינגעטענהט, אַז די איינ־וואוינער ווילן אַזוי, און יעדערער מוז זיך אונטערוואַרפן דעם ווילן פון קאָלעקטיוו. דער איינצלנער האָט נישט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן פון דער־פילן אַ געזעלשאַפטלעכע פליכט. האָב איך זיך דערמאָנט, אַז פאַרן אָפּ־זאָגן זיך האָב איך זיך שוין אַמאָל געוואַלגערט זעקס וואָכן אין קאַרי־דאָר, און האָב בעסער פריוויליק איינגעשטימט אָנצונעמען דעם נייעם פּאָסטן.

ווען נישט די „קאָזיאָנשטשיניע", וואָס איך האָב אויף דעם אמת גע־מוזט אויספירן, פונקט ווי איך וואָלט געווען אַ פּאָליציי־באַאַמטער, וואָלט די אַרבעט געווען זייער אַ דאַנקבאַרע. אין זין פון אַדמיניסטראַציע האָב איך איינגעפירט, אַז מען זאָל נישט קאָכן אין יעדער צימער באַזונדער, נאָר געמאַכט אַ גרויסע קיך, אַ באַקוועמען טואַלעט־צימער און אַנדערע באַקוועמלעכקייטן, וואָס האָבן אונטער די דעמאָלטדיקע אומשטענדן גע־מאַכט דאָס לעבן פיל גרינגער. אָבער דער צווייטער טייל. — דאָס אָפּ־היטן, אַז געסט, וואָס קומען צו שכנים, זאָלן אין הויז נישט בלייבן און צונעמען דעם פּאַספּאָרט און שיקן דעם הויף־אויפזעער רעגיסטרירן אין מיליציע, און ענלעכע פאַראָרדענונגען פון דעם ביוראָקראַטישן מין, — דאָס איז מיר נישט געווען צום האַרצן.

האָט איין מאָל פּאַסירט, אַז צו אונדזערן אַ שכן, ד"ר טשערבאַקאָוו, זייער אַן אָנגעזעענעם קאָמוניסט און אויך איינער פון די דאָקטוירים אין קרעמל, — איז געקומען אַ גאַסט; דאָס איז געווען אַ מענטש אין די זיבעציקער, אַן אַלטער באָלשעוויק, אַ פּראָפעסאָר פון מעדיצין אין כאַר־קאָווער אוניווערסיטעט. דער פּראָפעסאָר איז געבליבן אַ פּאָר טעג אַלס גאַסט ביי ד"ר שטשערבאַקאָוו, און פאַר מיר, אוים רעספּעקט צו דעם מענטשן, האָט נישט געדינט דאָס געזעץ, און איך האָב זיין פּאַס ביי אים נייט געפאָדערט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אַן אַלטן באָלשעוויק, אַ פּראָ־פעסאָר, מעג מען באַהאַנדלען ווי אַ גוטן גאַסט.

אין אייניקע טעג אַרום האָט מען מיך גערופן אין דער קאַנצעלאַריע פון דער פּאַרטיי־„יאַטשייקע" (קעמערל) און געפרעגט, פאַרוואָס איך פיר נישט אוים דעם געזעץ, ווי עס פאָדערט זיך פון אַ הויז־פאַרוואַלטער. איך האָב מיינע פאַרהערער געענטפערט מיט דעם וויץ, וואָס איז דאַן אַרומ־געגאַנגען אין רוסלאַנד וועגן אַ הויף־אויפזעער, וואָס איז געשטאַנען איינ־דערפרי און געשפּריצט מיט וואַסער אויף די מאָסקווער גאַסן, אין דער צייט ווען עס איז געגאַנגען אַ גרויסער רעגן. פרעגט אים אַ פאַרבייגייער: —וואָס טוסטו? עס רעגנט אַזוי שטאַרק און דו שטייסט און שפּריצט די גאַס" ענטפערט דער הויף־אויפזעער: „איך האָב אַ פאַראָרדענונג יעדן

אינדערפרי צו שפּריצן די גאַסן, שפּריץ איך, זאַקאָן עטאָ זאַקאָן... (געזעץ איז געזעץ).

די פירער פון קעמערל האָבן געלאַכט, הערנדיק דעם וויץ, און איך האָב זיי דאַן ערנסט דערקלערט, אַז איך קען אַלץ טאָן פאַר דער הויז־קאָמונע, אָבער קיין פּאָליציי־באַאַמטער וויל איך נישט ווערן. האָט מען מיר אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז אין דעם פאַל וועט מען עס דורכלאָזן און נישט מאַכן קיין ווענן, אָבער אויף ווייטער זאָל איך געדענקען, אַז איך בין דער פאַראַנטוואָרטלעכער פון הויז און מוז אַלע פאַראָרדענונגען אויספירן.

אָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט, וואָס מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט, האָט מיר גאָרנישט געשמעקט און איך האָב גענומען זוכן אַ וועג אַרויסצוקריכן פון דעם אַמט אַזוי שנעל ווי מעגלעך.

רעוואָלוציאָנערע וועטעראַנען ריידן צו ענגלישע אַרבעטער־פירער

דער ווינטער פון יאָר 1923 איז אין מאָסקווע געווען אין פּאָליטישן זין אַ לעבעדיקער און אינטערעסאַנטער. לענין איז געלעגן קראַנק אין דערפל גאָרקי ביי מאָסקווע און דאַן האָט סטאַלין, וואָס האָט פאַרנומען דעם אַמט פון סעקרעטאַר פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, דערזען פאַר זיך די געלעגנהייט צו קריגן פאַר זיך אַ פיל גרעסערע מאַכט־פּאָזיציע אין דער פּאַרטיי. אין יענער צייט האָט זיך גערעכנט, אַז עס זענען דאָ 28 טויזנט סעקרעטאַרן איבער לאַנד, און זיי אַלע האָבן געעסן פון סטאַלינס האַנט. דער געהאַלט פון אַ סעקרעטאַר איז געווען 270 רובל און פאַר דער סומע האָט מען געקענט שיין לעבן.

האָבן זיי סטאַלינען געדינט ווי שקלאַפן און זיינען געוואָרן זיינע אַרויסהעלפער. סטאַלין האָט אויך איינגעפירט, אַז צו יעדן צוזאַמענפאָר מוזן די קעמערלעך שיקן נאָר די סעקרעטאַרן, און דערפאַר פלעגט זיין יעדער פאָרשלאַג אָנגענומען געוואָרן ביי די צוזאַמענפאָרן הונדערט פּראָצענט.

די אינעווייניקסטע פּאַרטיי־קאָנספּיראַציע איז געפירט געוואָרן קעגן טראָצקין און זיינע אָנהענגער, ווייל אַלע האָבן געוואוסט, אַז נאָך לענינען איז טראָצקי דער מאַן פון דער רעוואָלוציע און פון דער ראַטן־מאַכט. טראָצקי האָט דערפילט, מיט וואָס דאָס שמעקט, און אַזוויי אויסער זיין אַמט אַלס קריגס־קאָמיסאַר האָט ער אָנטיילגענומען אין דעם פּאָליטישן לעבן זייער אַקטיוו, האָט ער אָנגעהויבן אַ קאַמף פאַר דעמאָקראַטיע אין דער פּאַרטיי. די ברייטע מאַסן האָבן סטאַלינען קנאַפּ געקענט. ער האָט ערשט דאַן זיך אָנגעהויבן אַרויסרוקן צום פאָדערגרונט; דאַקעגן טראָצקי איז געווען גוואַלדיק פּאָפּולער און דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט אַרויספירן דעם קאַמף אין דער עפנטלעכקייט.

זיין ערשטע אַרויספּאָר איז געווען מיט אַן אַרטיקל אין „פּראַוודאַ" אונטערן קעפּל: „די יוגנט — דער טערמאָמעטער פון דער רעוואָלוציע". ווי אַלע זיינע געלונגענע לאָזונגען און קעפּ־איבערשריפטן, האָט זיך אויך דער פאַרשפּרייט ווי אַ פייער אין אַ טרוקענעם וואַלד. סטאַלין האָט זיך גענומען צו הילף קאַמענעווען, זינאָוויעוון און נאָך אייניקע, און זיי האָבן אַרויסגעלאָזט אַ בראָשור קעגן טראָצקין.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ באַטאַליע מיט פּען און וואָרט צווישן די פירער פון דער פּאַרטיי און רעגירונג. אין אַ בוך „לעקציעס וועגן דער אַרבעטער רעוואָלוציע", וואָס טראָצקי האָט דאַן אָפּגעדרוקט, האָט ער אויפגעוויזן, אַז די קעגנער זיינע זענען פּחדנים און בעתן אָקטאָבער זע־נען זיי — בתוכם סטאַלין — געווען פאַר אַ קאָאַליציע־רעגירונג.

דער בוך איז אין איין טאָג פאַרקויפט געוואָרן אין 40 טויזנט עק־זעמפּלאַרן. דער ברייטער עולם האָט הנאה געהאַט, עס איז אים געפעלן געוואָרן דער קריג אין דער משפּחה.

אויפן צווייטן טאָג האָט מען אַרעסטירט דעם פּאָרזיצער פון „גאָס איזדאַט" סטאַיאַנאָוו, פאַרן אָפּדרוקן דאָס בוך, און דער פאַרקויף איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. טראָצקי האָט אָנגעשריבן אַ פּראָטעסט, אָבער די „פּראַוודאַ", וועמענס רעדאַקטאָר עס איז געווען סטעקלאָוו, האָט זיך אָפּ־געזאָגט דאָס צו דרוקן.

אומעטום אין מאָסקווע, אין אַלע פאַבריקן און קלובן זיינען אָנגע־גאַנגען הייסע ויכוחים. עס איז געווען לעבעדיק און שטורעמדיק. יעדער אָביעקטיווער באַאָבאַכטער האָט געפילט, אַז די גרויסע מערהייט איז אויף דער זייט פון טראָצקין. איין פרימאָרגן איז געקומען אַ נייעס, אַז טראָצקי איז קראַנק און ער מוז אָפּפאָרן קיין קרים אויף קוראַציע. צייטווייליק וועט פרונזע פאַרנעמען דעם אַמט פון קריגס־קאָמיסאַר.

אַלע האָבן געוואוסט, אַז דאָס איז עפּעס אַ דיפּלאָמאַטישע קראַנק־הייט, אָבער קיין גרויס געוויכט האָט מען דאַן אויף דעם נישט געלייגט. קיינער האָט נישט פאָרויסגעזען, וואָס פון דער אינעווייניקסטער קריגעריי וועט זיך אַנטוויקלען.

* * *

אין יענער צייט האָט זיך אין מאָסקווע געפונען אַ קאָמיסיע פון דער ענגלישער אַרבעטער פּאַרטיי בראש מיט בענטילעט. צווישן דער קאָמיסיע איז געווען דער פירער פון די קלויירקס, דזשאַן טוירנער, וואָס איז לויט זיין איבערצייגונג געווען אַן אַנאַרכיסט. אַזוי ווי מיין חבר ליפּמאַן פון ניו־יאָרק איז געווען זייער אָפיציעלער איבערזעצער, האָט ער מיר באַקענט מיט טוירנערן.

דאָס איז געווען אַ מאַן אַריבער זעכציק, פעסט געבויט, אַן אויפ־ריכטיקער אַרבעטער־טוער, וואָס איז געשטאַנען אין דינסט פון דער באַ־וועגונג אַריבער פערציק יאָר. ער האָט געוואָלט זיך באַקענען מיט דער לאַגע פון דער נישט אָפיציעלער זייט און שמועסנדיק האָט ער מיר גע־

זאָגט, אַז ער וואָלט זיך וועלן טרעפן מיט ווערא פיגנער, מאָראָזאָוו און אַנדערע אַלטע רעוואָלוציאָנערן.

ווערא פיגנער און נאָך אַ גרופּע פּאַרדינסטפולע רעוואָלוציאָנערן פלעגן זיך אָפט צוזאַמענקומען אין קראָפּאָטקין־מוזיי. אין נאָרמאַלע צייטן וואָלט דאָס טרעפן זיי געווען אַ לייכטע זאַך, איצט איז עס געווען אַן איינשטעלעניש. דער מוזיי איז געווען אונטער דער אויפזיכט פון אונדזער גרופּע אָבער געוואוסט האָבן מיר, אַז מיר זענען קנאַפּע באַלעבאַטים. האָבן מיר געראַטן טוירנערן, אַז ער זאָל זיך ווענדן צום מוזייען־אַמט און דערקלערן, אַז אַזוי ווי ער איז אַן אַנאַרכיסט, וויל ער באַזוכן דעם קראָפּאָטקין־מוזיי, און מיר וועלן שוין זאָרגן, אַז בעת זיין באַזוך זאָלן דאָרט זיין די מענטשן, וואָס ער וויל באַגעגענען.

אַזוי איז דאָס געווען. אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט מען אונדז אָנגעזאָגט, אַז אַ פּריוואַטע 6 אָוונט וועט דער ענגלישער גאַסט טוירנער באַזוכן דעם מוזיי. האָבן מיר אין די פּאָר טעג אַלץ צוגעגרייט און אונדזער פריינט פּראָפּ. באַראַוואָי האָט גענומען אויף זיך איינצוואָרדענען עס, אַז עס זאָל נישט פאַלן קיין חשד. צו דער באַשטימטער צייט האָבן די אַלטע חברה זיך פאַרזאַמלט אין קראָפּאָטקין־מוזיי, אַנגעטאָן אין די בעסטע קליידער, וואָס זיי האָבן געקענט צוזאַמענשלעפּן. די אַלטע 80 יאָריקע ווערא פיגנער האָט זיך פאַרפּוצט אין אַ שוואַרץ קליידל מיט ווייסע מאַנקעטן און זי האָט אויסגעזען, אויסער די קנייטשן אויף איר געזיכט, ווי אין די אַמאָליקע יאָרן אַלס סטודענטקע אין ציריך.

טוירנער איז געקומען אַליין. די מאַכט האָט אים געוואָלט ווייזן, אַז ער איז פריי אין זיינע האַנדלונגען. אָבער דער שאָפער פון דעם אויטאָמאָביל, וואָס האָט אים געפירט, איז געווען טאַמסקים אַ זון, וועלכער איז אין דער שטיל געווען אַ הויכער באַאַמטער אין דער „געפּעאו". מיר האָבן געוואוסט, פאַרשטייט זיך, פאַרוואָס מען האָט טאַמסקין געשיקט אַלס דעם שאָפער פון אויטאָמאָביל, אָבער טוירנער האָט דערפון נישט געוואוסט. האָבן מיר געהאַט פאַרדרוס, וואָס מען וועט נישט קענען אויסרעדן אַן איבעריקן וואָרט, ווייל טאַמסקי האָט געקענט ענגליש אויך.

די נאַכט איז געווען אַ זייער קאַלטע. דער שאָפער און „געפּעאו"־אַגענט, איידער ער איז אַריין מיט טוירנערן אין מוזיי־לאָקאַל, האָט מיט אַ גרויסן רוסישן פעלץ צוגעדעקט דעם מאָטאָר, אַז ער זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן. ווען ער איז אַריינגעקומען, טאַמסקי, האָט ער זיך געזעצט ביים טיש, נישט וואַרמנדיק, מען זאָל אים איינלאַדן, און געלאָזט ווייסן, אַז מער ווי אַ שטונדע צייט וועט ער דאָ נישט קענען פאַרברענגען מיט טוירנערן, ווייל ער דאַרף צוריקפאָרן.

אין דעם געשפּרעך, וואָס האָט זיך אַנטוויקלט, האָט דער יונגער טאַמסקי זיך אָפט אַריינגעמישט און האָט אַרויסגעהאָלפן מיט באַמערקונגען. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען שווער צו רעדן וועגן דעם, וואָס טוירנערן האָט אינטערעסירט צו הערן פון די מענטשן. מיר האָבן מורא

געהאַט, אַז פון דעם גאַנצן צוזאַמענקום וועלן מיר נאָך שפּעטער האָבן צרות, אויב טאָמסקי וועט עס שלעכט אויסטייטשן.

מיר האָבן געזוכט אַ וועג וויאַזוי אַוועקצונעמען דעם שאָפער אויף אַ שטיקל צייט פון טיש. איז אונדז איינגעפאַלן אַ גוטער געדאַנק. מיר זע־נען אַראָפּ אין גאַס און אַראָפּגערוקט דעם פּלעץ פון מאָטאָר איבערן אווי־טאָמאָביל, קלערנדיק, אַז ווען דער מאָטאָר וועט איינפרירן, וועט טאָמסקי האָבן אַן ארבעט פון אַ פּאָר שעה אים צו ברענגען אין אָרדענונג. דער־ווייל וועט טוירנער אויבן קענען זיך אַדורכרעדן אָן אַ בייז אויג ביי דער זייט.

אַזוי איז טאַקע געווען. די שעה איז אַריבער און טאָמסקי האָט דער־קלערט טוירנערן, אַז ער גייט אַראָפּ צוגרייטן די מאַשין, ווייל מ׳דאַרף שוין פאָרן. ווען ער איז אַרויס, האָבן מיר דעם עולם געלאָזט וויסן, אַז מען קען זיצן רואיק און שמועסן — ער וועט זיך אַזוי שנעל נישט צו־דיקקערן.

און אין דער צייט, וואָס דער „געפּעאו״־באַאמטער טאָמסקי האָט זיך געמאַרדעוועט צו ברענגען די מאַשין אין אָרדענונג, וואַרעמענדיק וואַ־סער, טרייסלענדיק דעם מאָטאָר, א. א. וו. — האָבן די אַלטע רעוואָלו־ציאָנערן, וואָס זענען געזעסן אין מוזיי־לאָקאַל מיט טוירנערן, זיך גענו־מען טיילן מיט זייערע איינדרוקן וועגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין רוסלאַנד און וואָס מען קאָן דערוואַרטן אין דער צוקונפט.

די ערשטע האָט גערעדט די אַלטע רעוואָלוציאָנערין, די 80 יאָריקע ווערא פיגנער — די מוטיקע פרוי, וואָס איז מער ווי 20 יאָר אָפּגעזעסן אין דער טרויעריק־באַרימטער שליסעלבורגער פעסטונג. זי האָט נישט נאָר גערעדט מיט אַנטוישונג. אין אירע ווערטער האָט מען פּשוט געפילט, אַז זי האָט פאַרלוירן דעם גלויבן אין דער רעוואָלוציע און האָט פּשוט חרטה אויף די פאַרלוירענע יאָרן פון קאַמף. זי האָט אויסגעפירט, אַז דער מענטש איז נאָך נישט געבוירן דורכצופירן אין לעבן, די ענדערונגען וואָס ער אַנטוויקלט אין געדאַנק, אַז די פּראָצעסן פון ענדערונגען זענען זייער לאַנ־גע און פאַרן יחיד איז עס אַ שאָד, וואָס ער ברענגט זיך פאַר אַ קרבן.

ביי דער טיר איז די גאַנצע צייט געשטאַנען איינער פון אונדז און אַכטונג געגעבן צי טאָמסקי קומט נישט אָן. איינער, וואָס האָט אים גע־האָלפן אין אַ פאָדער־צימער צו וואַרעמען וואַסער פאַרן ראַדיאַטאָר, האָט געוויזן וואונדער: וואָס מער דער עמער איז געשטאַנען אין אויוון און זיך געוואַרעמט, אַלץ מער איז דאָס וואַסער געוואָרן קעלטער.

דער לעצטער פון דער גרופּע, וואָס האָט גערעדט, איז געווען דער אַלטיטשקער רעוואָלוציאָנער און קאָמונאַ־אַשען ברענער. ער איז דאַן אַלט געווען אַרום 90 יאָר און איז געווען, דוכט זיך, דער לעצטער פון די קאָמונאַרן, וואָס האָט אָנטייל גענומען אין דעם קאַמף אויף די באַרי־קאַדן בעת דער פּאַריזער קאָמונע. דערלעבנדיק דעם טאָג, ווען אין רוס־לאַנד איז אויסגעבראָכן די רעוואָלוציע, איז ער געקומען אַהער, אין דעם

לאַנד, וואו מען האָט אין זיבעצענטן יאָר דערקלערט, אַז דער קאַמף פון די פראַנצויזישע קאָמונאַרן איז נישט געווען אומזיסט.

דער אַלטער אישען ברענער האָט זיך געטיילט מיט זיינע געפילן פון דער צייט, ווען ער איז געווען יונג, און דאַן דערציילט, מיט וואָס פאַר אַ האַרץ, פול מיט האָפענונגען, ער איז פון גענוא, איטאַליע, געקומען קיין רוסלאַנד נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. אָבער גלייך נאָך דער צווייטער און דריטער וואָך פון דער איבערקערעניש האָט זיך אָנגעהויבן די פאַר־ניכטונג פון די רעוואָלוציאָנערע אידעאַלן. ער איז דאַן איבערגעגאַנגען צו שילדערן ווי היינט צו טאָג זיצן זיינע שילער און חברים אין סיביר און אין די קאַזעמאַטן. די רעוואָלוציע איז לאַנג ליקווידירט און אין איר נאָמען ווערן נאָר באַגאַנגען די גרעסטע פאַרברעכנס. אָט זיצן מיר דאָ, מיר וואָס האָבן אַזוי פיל יאָרן געשמאַכט אין די טורמעס, מיר האָבן קיין רואיקן טאָג נישט געהאַט און יעדע נאַכט אין אַן אַנדער בעט געשלאָפן, און איצט, אין דעם לאַנד, וואָס דער באָדן פאַר דער רעוואָלוציע איז דורך אונדז געוואָרן צוגעגרייט, האָבן מיר ווייניקער רעכט ווי אין די פאַר־רעוואָלוציאָנערע צייטן.

דער אַלטער אישען ברענער האָט די גאַנצע צייט גערעדט מיט טרערן אין די אויגן און פלוצלונג האָט ער זיך צעוויינט און ווייטער רעדן האָט ער שוין נישט געקענט. אַלע זענען אַריינגעפאַלן אין זייער אַ שווערער שטימונג. אין די אויגן האָבן געפינקלט טרערן און אַ טויטע שטילקייט האָט אַלעמען אַרומגענומען. איך בין געשטאַנען אין אַ ווינקל צווישן טיש און אַ שראַנק מיט ביכער. טרערן האָבן מיך געשטיקט, צוזעענדיק די מאָדנע טראַגישע סצענע, ווי עס זיצן די וועטעראַנען פון דער רעוואָלו־ציע און באַוויינען זייער אויפטו. איך האָב אין דער מינוט געפילט, ווי די האָפענונגען פון דורות וואָלטן געלעגן איינגעוויקלט ווי אַ בר־מנן אויפן טיש, פאַרגליווערטע, טויטע, און זייערע טרוימער באַוויינען זיי. אַלע זע־נען אַ קורצע ווײַלע געזעסן שטיל מיט אַראָפגעלאָזענע קעפּ.

אַרויסגעפירט פון דער שווערער שטימונג האָט סאָפיאַ קראַפּאָטקינאַ, די פרוי פון באַוואוסטן דענקער און רעוואָלוציאָנער. זי איז געווען די „יינגסטע" צווישן אירע חברים אין דעם מוזיי־קרייז, ווייל זי איז דאַן געווען בלויז עפעס אַריבער 70 יאָר אַלט. זי האָט זיך געווענדט צו די אַנוועזנדיקע, דערהויפּט צו טוירנערן, אין אַ שיינעם ענגליש. (לאַנגע יאָרן האָט זי דאָך מיט קראָפּאָטקינען געלעבט אין לאָנדאָן). — „ליבע קינדער, — האָט סאָפיאַ געזאָגט, לאָמיר טרינקען אַ רוסיש גלעזל טיי. די טיי איז נאָך נישט דעגענערירט און איז עכט רוסיש".

עס איז געוואָרן אַ הייטערע שטימונג. וועראַ פיגנער האָט איר גע־האָלפן אַריינברענגען און די אַלטע רעוואָלוציאָנערקעס האָבן גענומען באַ־לעבאָטעווען ביים טיש און דערלאַנגען טיי. מען האָט אָנגעהויבן רעדן צוזאַמען, איז געוואָרן פריילעכער. אייניקע האָבן זיך גענומען וויצלען אויפן חשבון פון טאָמסקין, דעם „געפּעאו" באַגלייטער פון טוירנערן, וואָס

וועט מין הסתם דערציילן, אַז היות מען האָט שטאַרק געגלויבט די קאָמו־ניסטישע אָרדענונג, האָט ער נישט געוואָלט איבעררייסן אין דערפאַר איז ער געזעסן לענגער, ווייל עס איז געווען וויכטיק, אַז דער ענגלישער גאַסט זאָל באַאיינפלוסט ווערן פון די אַלטע רעוואָלוציאָנערן. מען האָט זיך דערפילט ווי אין די גוטע צייטן, ווען מען פלעגט זיין איבערגליק־לעך, אַז עס האָט זיך איינגעגעבן אָפּצונאַרן אַ רוסישן זשאַנדאַרם און אַזוי איז פון אַ טרויעריקן אָוונט און אומעטיקן צוזאַמענקום געוואָרן אַ לעבעדיקער באַנקעט.

לענינס טויט

אָנהויב יאַנואַר פון 1924 האָט מען אין מאָסקווע געפילט אַ גרויסע אומרואיקייט. אין אַלע קרייזן האָט מען גערעדט, אַז לענין איז שטאַרק קראַנק און די דאָקטוירים האָבן מורא, אַז עס זאָל נישט קומען צו קיין קאַטאַסטראָפע.

פאַרוואָס עס איז געווען אַ פּאַניק צוליב לענינס קראַנקהייט, איז נישט געווען קיין סוד. לענינס שווערע קראַנקהייט האָט אויך געווירקט פּאַניש אפילו אויף די קעגנער פון לענינען. עפּעס האָבן אַלע געפילט, אַז דער טויט פון לענינען וועט ברענגען שלעכטע צייטן.

אין יענער צייט האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו פילן די האַנט פון סטאַלינען. טראָצקי האָט מען געשיקט זיך „קורירן" אין קרים, מיטן אויסרייד אַז ער איז קראַנק. סטאַיאַנאָוו האָט מען אַריינגעזעצט אין טור־מע. מושקע פּישעלעוו פון דער רעגירונגס־דרוקעריי וואָס האָט אָפּגעדרוקט אַן אויפרוף פון דער אָפּאָזיציע, האָט מען צוזאַמען מיט זיינע חברים פון דרוקעריי פאַרשיקט אין סוזדאַלסקי מאָנאַסטיר. פון דאָרט, האָט מען געוואוסט, קומט מען קיין לעבעדיקע נישט צוריק. טראָצקיס סעקרעטאַר איבער מיליטער־פראַגן אפעלטשינסקי איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, הכלל, די לופט איז געווען אָנגעפילט מיט דינאַמיט.

דעם 22 יאַנואַר, 1924, אַרום 5 פאַרנאַכט, האָט זיך אויף אַ זיצונג לכבוד דער ענגלישער קאָמיסיע, וואָס איז דאַן פאָרגעקומען אין „דאָם סאַיוזאָוו", אויפגעשטעלט קאַלינין און דערקלערט, אַז ער מוז איבעררייסן די זיצונג אויף אַן אומבאַשטימטער צייט און מוז עפּעס וויכטיקס דערק־לערן; עס איז געוואָרן שטיל. ווי אויף אַ בית־הקברות און קאַלינין האָט דערקלערט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ נאַכריכט, אַז לענין איז געשטאָרבן. לכתחילה זענען אַלע געבליבן זיצן ווי פּאַראַליזירטע, דאַן האָט מען צו־ביסלעך גענומען פאַרלאָזן דעם זאַל.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז די טרויעריקע ניים פאַרשפּרייט גע־וואָרן איבער גאַנץ מאָסקווע און די גאַסן זענען איבערפולט געוואָרן מיט מענטשן. דער טאָג איז געווען אַ שרעקלעך קאַלטער, דער פראָסט האָט דערגרייכט עטלעכע און דרייסיק גראַד, אָבער דאָס האָט נישט געשטערט,

אַז פיל טויזנטער מענטשן זאָלן באַלאַגערן די רעדאַקציע פון „איזוועס־טיא״, וואַרטנדיק אויפן ערשטן געדרוקטן בולעטין. די גאַסן זענען גע־ווען פאַרפּלייצט מיט מענטשן ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַלע געשפּרעכן און קאָמענטאַרן זענען געפירט געוואָרן אַרום דעם, וואָס מען קען דער־וואַרטן אין רוסלאַנד נאָכן טויט פון לענינען.

די גאַנצע וואָך, וואָס לענין איז געלעגן אין אַן אָפענעם קאַטאַפאַלק אין „דאָם סאַיוזאָוו״, האָט מען אין מאָסקווע כמעט נישט געאַר־בעט. אַלץ און אַלע האָבן זיך געגרייט צו דער לויה, וואָס עפּעס ענלעכס צו דעם איז נאָך נישט געווען. אַריינצוקומען אין משך פון טאָג אין „דאָם סאַיוזאָוו״ צו זען דעם טויטן לענין איז געווען אוממעגלעך. אויף צענדליקער קוואַרטאַלן האָט זיך געצויגן די אומצייליקע רייע מענטשן. הונדערטער טויזנטער פון מאָסקווע און פון פאַרשיידענע שטעט און דער־פער, פון די ווייטסטע ווינקלען אין רוסלאַנד, זענען געקומען כאַפּן אַ לעצטן בליק אויף דעם מאַן פון דער גרעסטער רעוואָלוציע.

האָב איך מיט חברטע מערי באַשטימט, אַז מיר זאָלן גיין ביינאַכט זען לענינען דאָס לעצטע מאָל. פאַרטאָג, אַרום 3 אַ זייגער, עס איז גע־ווען שטאַרק פינצטער און זייער קאַלט — זענען מיר צוגעקומען צום „דאָם סאַיוזאָוו״ און דאָרט זיך אַרומגעזען, אַז עס זענען דאָ נאָך פיל אַזעלכע חכמים ווי מיר. הונדערטער מענטשן זענען געשטאַנען אין דער־רייע, אָבער דאָך איז שוין געווען לייכטער צוצוקומען.

אַריינקומענדיק אין זאַל האָט זיך געפילט, אַז נישט לענין אַליין איז געשטאָרבן, נאָר עפּעס מער גייט אַוועק מיט אים אין קבר. די מענטשן פון זיין נאָענטן קרייז, די וואָס האָבן מיט לענינען מיטגעאַרבעט אין דער עמיגראַציע און דערנאָך צוזאַמען געמאַכט די גרויסע איבערקערעניש — זענען געשטאַנען אַרום קאַטאַפאַלק, פאַרצווייפלטע אין טרויער און אַזוי־ווי פאַרלוירענע. סטאַלין האָט זיך אין יענע טעג נישט געוויזן אויף דער־ליכטיקער שיין. עס זענען אין יענע טעג פאָרגעקומען פיל ריזיקע מיטינ־גען, אַלע פירער פון דער רעוואָלוציע זענען אַרויסגעטראָטן, אַן אויסנאַם איז געווען סטאַלין. מען האָט געוואוסט, אַז ער זוכט צו אַזורפּירן די מאַכט, און עס איז אַפילו אַרומגעגאַנגען אַ ווערסיע, אַז ער זאָל נאָך האָבן געזאָגט פאַר לענינס טויט, אַז עס איז נישטאָ לענינען מער וואָס צו־הערן, ווייל ער איז שוין לאַנג נישט ביים זינען, און דאָס זאָל ער האָבן געזאָגט דאַן, ווען לענינס וואָרט איז אומעטום אין רוסלאַנד געווען אַ געזעץ.

אין דעם טאָג פון דער לויה האָט זיך אין רוסלאַנד קיין ראָד נישט אַ דריי געטאָן. די גאַסן אין מאָסקווע זענען געווען פול מיט מיליטער און מיט דעלעגאַציעס פון אַלע עקן לאַנד. אַלע פאַראיינען און דעלעגאַ־ציעס האָבן געהאַט זייערע ערטער און דער לויה פּראָצעסיע.

אונדזער גרופּע אַנאַרכיסטן אין מאָסקווע, כאָטש מיר האָבן דאַן שוין כמעט קיין פּאָליטישע טעטיקייט נישט געפירט, האָט באַשלאָסן אָנ־

טיילצונעמען אָפיציעל אין דער לויה. די פראַגע איז נאָר געווען, וואָס פאַר אַ לאָזונג מיר זאָלן אויפשרייבן אויף אונדזער פאָן. איינער פון אונדזערע רוסישע חברים האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די פאָן אונדזערע זאָל זיין אַ רויט־שוואַרצע און די אויפשריפט זאָל זיין: „מיר באַערן דעם לע־נין פון 1917-18”.

דער פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרן. איך בין זיך מודה, אַז איך בין געווען דער איינציקער אין דער גרופּע קעגן דעם. איך האָב פאַר־שטאַנען, אַז פאַר אַזאַ לאָזונג, אויב מען וועט אונדז לאָזן אַרויפקומען אויפן רויטן פּלאַץ, וועט מען זיך שפּעטער מיט אונדז דערפאַר אפּרע־כענען. נאָר אַזוי ווי די גאַנצע גרופּע איז געווען איינשטימיק מיטן פאָר־שלאַג, האָב איך זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען. אַלע חברים אונדזערע האָבן געהאַלטן אַז וואָס עס זאָלן נישט זיין פאַר אַ קאָנסעקווענצן, קענען מיר, אַלס אַנאַרכיסטן נישט אַרויסקומען מיט קיין אַנדער לאָזונג.

בעת דער פּראָצעסיע האָט אונדזער גרופּע מיט איר פאָן און אויפ־שריפט צוגעצויגן אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. אויף אַלע גאַסן האָט מען געלייענט די אויפשריפט, און מיר האָבן געזען, ווי מען קאָמענטירט עס. אַרום 3 אַזייגער בייטאָג זענען מיר אָנגעקומען צום רויטן־פּלאַץ און פאַר־ביי געגאַנגען דעם קאַטאַפאַלק, וואו עס זענען געשטאַנען אַלס ערן־וואַך די הויפּט־מיטגלידער פון דער רעגירונג און סאָוועט.

מיר האָבן אָנגעבויגן די פאָן פאַר דעם אָרון. עמעצער פון דער ערן־וואַך האָט איבערגעלייענט אין דער הייך די אויפשריפט. מען האָט אונדז באַטראַכט פון די טריבונעס אַראָפּ פון קאָפּ ביז די פיס. איך האָב אין יענע מינוטן געפילט, אַז דאָס וועט זיין דער סוף פון דער גרופּע. אויב מען וועט נישט נוצן קיין רעפּרעסיעס, האָב איך מיר געטראַכט, וועט מען אונדז אָבער מער קיין פאַרלעגער פון ביכער אויך נישט לאָזן זיין. אינ־דערזעלבער צייט איז עס אָבער געווען אַ סאַטיספאַקציע, וואָס עס האָט זיך דאָך געפונען אַ גרופּע מענטשן, וועלכע האָבן אין אַזאַ מאָמענט גע־פונען מוט און דורך איין קורצן לאָזונג אָפּגעטיילט לענין דעם רעוואָ־לוציאָנער און דענקער פון לענין דעם רעגירונגס־מאַן.

די גרופּע „גאָלאָס טרודאַ” ווערט ליקווידירט

נאָך דער לענין־לויה האָט זיך אונדזער גרופּע צוזאַמענגעטראָפן אין קראַפּאָטקין־מוזיי, וואו מיר האָבן שטענדיק געהאַט אונדזערע צוזאַמענ־קונפטן. מיר האָבן באַהאַנדלט די פראַגע וועגן דעם, וואָס עס קען אַרויס־קומען פאַרן טראָגן די פאָן מיט דער אויפשריפט „דעם לענין פון 1917”. מיר זענען געווען אַלע זיכער, אַז פאַרשווייגן וועט מען עס אונדז נישט. האָבן מיר זיך געריכט, אַז פריער וועט מען אויסגיסן דעם צאָרן אויף איינציקע פון דער גרופּע און שפּעטער וועט קומען דער אַלגעמיינער קלאַפּ. וויאַזוי צו האַנדלען אין דעם פאַל האָבן מיר נישט געקענט באַשליסן.

דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געקענט טאָן, איז זיין גרייט אויף די רעפּרעסיעס, וואָס די „געפּעאו" וועט קעגן אונדז אָנווענדן אין דער נאָענ־טער צוקונפט.

אויסער דער דרוקעריי, וואָס איך האָב דערמאָנט אין די פריערדי־קע קאַפּיטלען, האָבן מיר אויך געהאַט אַ קאָאָפּעראַטיוון בוך־געשעפט, וואָס דאָס האָט אונדז שטאַרק געהאָלפן צו פאַרקויפן די ביכער וועלכע מיר פלעגן אַליין דרוקן. און מיר האָבן אויך געהאַט אַ דערלויבעניש צו קויפן און פאַרקויפן אַלטע ביכער. דאָס האָבן מיר אָבער געמוזט טאָן אונטער דעם שטרענגן קאָנטראָל פון דער „געפּעאו". פון יעדן בוך, וואָס מיר האָבן געקויפט, האָבן מיר געמוזט פאַרשרייבן דעם טיטול און אויך דעם אַדרעס, ביי וועמען מיר האָבן געקויפט און זיין נאָמען. אַזוי איז עס אויך געווען מיט די, וואָס זענען געקומען צו אונדז קויפן אַלטע בי־כער. זיי האָבן אונדז געמוזט לאָזן זייערע נעמען און אַדרעסן.

דעריבער איז אונדז דער האַנדל מיט די אַלטע ביכער נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. מיר האָבן זיך געפירט, אַז ווער עס פלעגט קומען פאַרקויפן אָדער קויפן אַ בוך, פלעגן מיר אים דערקלערן די פּראָצעדור, וואָס מוז ווערן דורכגעפירט, און אַז ער האָט איינגעשטימט, האָבן מיר מיט אים די טראַנזאַקציע געמאַכט. טאָמער פלעגט עמעצער אַרויסווייזן אַ ציטער, פלעגן מיר אים מעלדן, אַז ער זאָל גיין אין אַן אַנדער פּלאַץ, אויב אַזאַ איז פאַראַן.

דער האַנדל מיט אַלטע ביכער איז נישט געווען קיין שלעכטער. די בעסטע קונדן אונדזערע האָבן מיר געהאַט צווישן די הויכע באַלשעוויס־טישע פירער און באַאַמטע. אפילו קאַמעניעוו און לונאַטשאַרסקי פלעגן קומען זוכן אַן אַלטן בוך ביי אונדז, און אויך זיי האָבן געמוזט נאָכקו־מען דעם פאַרלאַנג פון דער „געפּעאו" צו פאַרשרייבן, וואָס זיי קויפן. יעדן חודש פלעגט קומען צו אונדז אַ קאָמיסיע פון דער „געפּעאו" און אַראָפּנעמען אַ קאָפּיע פון דער ליסטע, וואו די טראַנזאַקציעס זענען גע־ווען פאַרשריבן. זיי פלעגן איבערקוקן אויך די ביכער, וואָס זענען גע־שטאַנען אויף די פּאָליצעס, און ביי יעדן באַזוך פלעגן זיי קאָנפיסקירן עטלעכע ביכער. מיר פלעגן פּרוואוון אַפּראָטעווען די ביכער פון קאָנפיס־קאַציע, אָבער עס פלעגט נישט געלינגען. מיר האָבן נאָר אויסגעווירקט, אַז די אַגענטן זאָלן אונדז לאָזן אַ צעטל פון די קאָנפיסקירטע ביכער, ווייל אונדזער חבר גראַסימטשוק האָט חושד געווען, אַז די אַגענטן פאַרקויפן די ביכער ערגעץ אַנדערש, דאַן שיקן זיי אַנדערע אַגענטן. דאָרט קאָנ־פיסקירן די ביי אונדז קאָנפיסקירטע ביכער, און אַזוי פירן זיי זיך לויט דער נייער ליניע פון „נעפּ", וואָס איז דאַן געווען פּאָפּולער.

עטלעכע וואָכן נאָך אונדזער אָנטייל אין דער לויה מיט דער פּאָן און אויפשריפט פון אונדזער גרופּע, האָבן מיר באַמערקט, אַז די נאָכ־פראַגע אויף אַלטע ביכער ווערט שטאַרקער. עס פלעגן קומען פילע אומ־באַקאַנטע מענטשן קויפן ביכער. זיי פלעגן קלייבן, זוכן און נישט קויפן,

נישט וועלנדיק אָנגעבן זייערע נעמען. אַזוי ווי מיר האָבן עפּעס פאַרדעכטיקט, האָבן מיר די נייע קונדן, וואָס האָבן זיך געיאָוועט, נישט פאַרקויפט קיין ביכער, און נישט ווייסנדיק, וואָס מען איז אויסן, האָבן מיר צו אַלעמען גלייך זיך באַצויגן מיט פאַרדאַכט. מיר פלעגן ענטפערן וואָס פאַר אַ ביכער עס זענען דאָ, און שוין נישט זאָגן, ווי פריער, די קויפער, אַז זיי וועלן מוזן אָנגעבן דעם נאָמען און אַדרעס.

אַזוי זענען אַוועק וואָכן, עס פלעגן קומען אַ סך נאָכפרעגער און מיר פלעגן זעלטן פאַרקויפן אַ בוך. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז מען האָט געזוכט אויף אונדז חטאים, אָבער צוליב אונדזער אָפּגעהיטקייט נישט געפונען. אין אַ געווים טאָג איז צוגעפאָרן אַ וואָגן מיט „געפּעאו"־אַגענטן צו אונדזער בוכהאַנדלונג, זיך צעשטעלט אין אַלע ווינקלען און איינער פון זיי האָט געפרעגט אויפן פאַרוואַלטער. איך בין גראַד געווען אין דער בוכהאַנדלונג און אַזוי ווי פראָפ. באַראָוואָי, אונדזער פאַרוואַלטער, איז נישט געווען אַנוועזנד, האָב איך דערקלערט, אַז איך פאַרוואַלט מיט דער דרוקעריי און טיילווייז אויך מיט דער ביכער־האַנדלונג. דער הויפּט־אַגענט האָט מיר העפלעך געבעטן אים געבן די פולע רשימה פון אַלע אַלטע ביכער און מיט אַ ליבלעכן „בודטיע לובעזני" (זייט אַזוי פריינדלעך) געהייסן פאַרמאַכן די טירן און נישט אַריינלאָזן קיין קויפער, ביז זיי וועלן פאַרטיק ווערן מיטן אָפּקלייבן די ביכער, וואָס האָבן אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט. דערביי האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פאַראָרדענונג, אונטערגעשריבן פון דירבאַסאָוון, איינעם פון דערזשינסקיס פאַרטרעטער, צו קאָנפיסקירן אַלע אַלטע ביכער, וואָס ער וועט געפינען פאַר נויטיק.

צווישן די ביכער זענען געווען אַלטע ווערטער־ביכער און לערן־ביכער, וואָס אויף זיי האָט מען קיין דערלויבעניש נישט גדאַרפט האָבן און געמעגט פריי זיי קויפן און פאַרקויפן. די אַגענטן האָבן אָן איבערקלייבונג גענומען טראָגן אין וואָגן אַריין אַלע ביכער — האָב איך פּראָטעסטירט און ספּעציעל אָנגעוויזן, אַז די ווערטער־ביכער קענען דאָך נישט האָבן קיין שום טרפה זאַכן.

„דאָס זענען אַלטע ביכער? — האָט מיר געפרעגט דער אָנפירער מיט דער רעוויזיע — יאָ? אויב אַזוי, וואָס זשע דרייט איר אַ קאָפּ? אין דער פאַראָרדענונג שטייט, אַז מען דאַרף קאָנפיסקירן אַלטע ביכער און פאַרטיק". מיט דעם האָט זיך געענדיקט אונדזער שטרייט, ווייל איך האָב איינגעזען, אַז נישט קאָנטער־רעוואָלוציע זוכט מען דאָ, נאָר דאָס איז בלויז אַן אויסרייד.

מען האָט פלייסיק, נאָכן צעטל, געציילט די ביכער, זיי אָנגעלאָדן אויפן וואָגן, פאַרמאַכט אים, איבערגעלאָזן אַ שריפטלעכן דאָקומענט, אַז מען האָט די ביכער קאָנפיסקירט צוליב זייער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט און, געזעגנענדיק זיך העפלעך, אונדז געזאָגט, אַז מען נעמט ביי אונדז נישט צו דאָס רעכט צו האַנדלען ווייטער מיט אַלטע ביכער...

ווען אונדזערע „חברים" פון דער „געפּעאו" זענען אַוועק, האָבן מיר זיך איבערגעקוקט און, אויסטוישנדיק זיך אַ פּאָר ווערטער, געקומען צום אויספיר, אַז דאָס איז דער אָנהויב פון סוף.

מיר האָבן באַשלאָסן זיך אָפּצוזאָגן פון דער פּריווילעגיע צו קויפן אַלטע ביכער און פאַרשפּאָרן אַלע שוועריקייטן. אָבער גלאַט זיך אָפּזאָגן איז נישט געווען קיין גרינגע זאַך, ווייל דאָס וואָלט מען נאָך געקענט אויס־טייטשן אַלס סאַבאָטאַזש, פלעגן מיר טאָן אַזוי: אַז מען פלעגט אַריינקו־מען מיט אַן אַלטן בוך, האָבן מיר געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט קיין געלט אָדער דער קאַסיר איז נישטאָ.

ווען מען איז אין קומענדיקן מאָנאַט געקומען פון דער „געפּעאו" זען, וויפל ביכער מיר האָבן, האָט מען גאָרנישט געפונען. האָבן די אַגענטן געלאָזט וויסן, אַז „גלאַס־טרודא" קויפט נישט קיין ביכער. אין די ווייַ־טערדיקע טעג האָבן אָנגעהויבן קומען פאַרדעכטיקע פאַרשוינען מיט אַל־טע ביכער, אָבער מיר האָבן מער נישט געקויפט און זיי דערקלערט, אַז נישט קענענדיק פאַרקויפן, ווייל די מערהייט ווערט קאָנפיסקירט, האָבן מיר קיין געלט נישט.

אַ קורצע צייט נאָכדעם, ווען איך בין געקומען אין דרייקעריי, האָב איך געטראָפן אַ גאַנצע איבערקערעניש. איבערהויפּט, איז אין קאַנצע־לאַריע אַלץ געווען איבערגעקערט מיטן קאָפּ אַראָפּ. דאָס איינציקע, וואָס איז געלעגן אויף אַן אָרט נישט אָנגערירט, איז געווען מיין פּאָרטפעל, וועלכן מען האָט אפילו נישט געעפנט. די אַרבעטער, וואָס האָבן געאַרבעט ביי־נאַכט, האָבן איבערגעגעבן, אַז אין זייער אָנוועזנהייט איז דורכגעפירט גע־וואָרן אַ רעוויזיע און אַז דעם פּאָרטפעל האָט מען נישט געעפנט, דערפאַר וואָס איינער פון די אונטערזוכער, זעענדיק מיין נאָמען אויפן פּאָרטפעל, האָט געהייסן נישט אויפרייסן דעם שלעסל, ווייל ער ווייס, ווער עס איז דער אייגנטימער, און קיין פאַרדעכטיקעס איז דאָרט נישטאָ.

איך האָב זיך גלייך אָנגעשטויסן, ווער עס זענען געווען די אונטער־זוכער, און אַז צווישן זיי זענען געווען באָגאָפּאָלסקי אָדער אָנדרייטשין, ביי־דע נאָענטע חברים מיינע נאָך פון אַמעריקע, וועלכע האָבן געוואוסט פון אונדזער אַרבעט פאַר סאָוועט־רוסלאַנד. עס איז מיר אויך קלאָר געוואָרן, אַז מיר באַצאָלן פאַרן אויפשריפט אויף אונדזער פאָן, און מיר האָבן באַגראָבן אונדזער גאַנצע אַרבעט.

עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז ביי אונדז אין ביכער־געשעפט האָט מען געמאַכט אַ שטרענגע אונטערזוכונג. מען האָט אויך געמאַכט רעוויזיעס ביי אַ צאָל איינצלנע חברים, צווישן זיי האָט מען באַזוכט דעם חבר רובינטשיק און מען האָט אים אַרעסטירט אונטער דער באַשולדי־קונג פון אָנטיילנעמען אין קראָנשטאַטער אויפשטאַנד, וואָס איז פאָרגע־קומען מיט עטלעכע יאָר פריער. פון קראַפּאָטקין־מוזיי האָט מען אונדז מיטגעטיילט, אַז יעדערער, וואָס קומט פון דאָרט אַרויס, ווערט פאָטאָגראַ־

פירט. דער ענין האָט אָנגענומען אַן ענרסטן כאַראַקטער, מען האָט אונדז אויף אַזאַ אופן גענומען ליקווידירן אַלס גרופּע.

פאַרנאַכט בין איך אַוועק זען איינעם פון מיינע אַמאָליקע חברים, וואָס איז איצט געווען אַ הויכער „געפּעאו"־קאָמיסאַר. ער האָט מיך אויפגענומען מיט אַ ברייטן שמייכל און געפרעגט: „וואָס פאַר אַ ווינט האָט דיך געבראַכט אַהער? וואָס קוועטשט דיך?" פון זיינע רייד האָב זיך פאַרשטאַנען, אַז ער ווייס פון די אונטערזוכונגען, פון רובינטשיקס אַרעסט. זיין ווייבל, די חברטע בושוויק, אַן אַפּגעלאָזענע אָבער גוטע פרוי, האָט אַריינגעבראַכט טיי און מיר האָבן גענומען אַן צערעמאָניעס רעדן צו דער זאַך.

יאַקאָב, — האָט ער צו מיר געזאָגט. — איך ווייס, ווי דו ווערסט אויף דעם קוקן, אָבער אַזוי איז עס. אייער טעטיקייט, אַזאַ ווי זי איז, מוז אויפהערן. איך קען דיר פאַרזיכערן, אַ דיר וועט גאָרנישט שאַדטן און דו פאַרשפּאָרט זיך טומלען. זיי צופרידן, וואָס מען טשעפּעט דיך נישט, און מיין עצה וואָלט געווען, אַז דו זאָלסט פאַרלאָזן די דרוקעריי און דורכפאַרן זיך ערגעץ אויף אַ פּאָר וואָכן, ביז אַלץ וועט זיך באַרויִקן, און איר וועט אפשר קענען אַרבעטן ווייטער. ווייל איר אַלע אין דרוקעריי ווערט נישט באַטראַכט פאַר קיין קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן.

— טאָ פאַרוואָס האָט מען אַרעסטירט רובינטשיקן? — האָב איך אים געפרעגט:

אויב ער וויל ווערן פריי, דאַרף ער אָנשרייבן אַ בריוול אין „פּראַוודאַ", אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון זיינע חברים און אַמאָליקע אידייען און מען וועט אים באַפרייען. רובינטשיק אי אַ מענטש, וואָס קען ברענגען נוצן, און ער טאָר נישט זיין אויסער דער פּאַרטיי.

רובינטשיק האָט זיך געבראָכן ערשט נאָך זעקס מאָנאַטן און דאַן האָט מען אים באַפרייט.

אַרום אונדז האָט מען געמאַכט ענג די לופט און נאָרמאַל אַרבעטן האָבן מיר שוין נישט געקענט. מיט מיר אַליין איז, למשל, געשען אַזאַ פאַקט: מיר איז אויסגעקומען צו זיין אין דער געביידע פון די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען, וואו עס האָבן זיך אויך געפונען די ביוראָען פון „פּראָפאינטערן". די געביידע איז געווען אַ ריזיקע און אינעווייניק האָט געקאָכט ווי אין אַ בינשטאָק, די קאָרידאָרן זענען פול געווען מיט סעקרעטאַרן, דעלעגאַציעס און אינטערעסאַנטן. טירן האָבן זיך געעפנט און פאַרמאַכט ווי די וויעס ביי אַ מענטש. טויזנטער פערזאָן לויפן דאָרט דורך יעדע שעה, ווערן באַזאָרגט מיט דאָקומענטן — אָדער אָפּגעזאָגט אַזעלכע צו באַקומען. עס שווינדלט דאָרט און גריבלט.

גייענדיק אויף איינער פון די צאָלרייכע טרעפּ, שטעלט מיך אָפּ אַ מאַן און פרעגט מיך שטיל, צי איך ווייס נישט, וואו עס געפינט זיך דער יידישער אַנאַרכיסט הערש, וואָס איז נישט לאַנג געקומען פון סיביר, פון וואַנען ער זאָל האָבן אַנטלאָפן. איך קוק אַן דעם מענטשן, וואָס שטעלט

דוקא מיר די מאָדנע פראַגע, און ענטפער אים, אַז ביי לאָזאָווסקי, אין סעקרעטאַריאַט פון פראָפאינטערן וועט ער דאָס קענען געוואָר ווערן, ווייל אַהין מעלדן זיך אַלע, וואָס קומען קיין מאָסקווע. זאָגט ער מיר, אַז זיי ווייסן אויך נישט, ער האָט שוין דאָרט געפרעגט. נאָר אים דוכט זיך, אַז איך וויים...

האָב איך אים מערנישט געענטפערט און אוועק גלייך מיט די טרעפ. ווען איך בין אַרויס פון דער געביידע, האָב איך זיך ווידער אָנגעטראָפן מיט דעם פאַרשוין און אָט שפּאַנט ער שוין מיט מיר גלייך און ווענדט זיך ווידער מיט אַ פראַגע:

— איר זענט שוין לאַנג אין מאָסקווע? איר זענט אַ פרעמדער צי אַ געבוירענער אין רוסלאַנד?

אין דעם מאָמענט האָט עס מיר שוין פאַרדראָסן און איך האָב אים געענטפערט מיט אַ קיצור פון מיין ביאָגראַפיע און לסוף אפילו צוגע־געבן, אַז איך בין אין מאָסקווע עטלעכע יאָר און בין אַ מיטגליד פון דער מאָסקווער אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישער גרופּע „גאָלאָס־טרודאַ” און איך וואוין אויף קרעמליאָווסקי־נאַבערעזשנאַיאַ נומער 9.

דער בחור איז געבליבן שטיין אָן לשון, אויסהערנדיק מיין דרייסטן ענטפער. ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און נישט געוואוסט וואָס מער צו זאָגן. איך האָב אים געזאָגט אַ בריימן „צום ווידערזען” און שנעל אוועק. ווען איך האָב זיך אויסגעדרייט צו זען, צי ער גייט מיר נאָך, האָב איך אים שוין מער נישט געזען, אָבער צוקומענדיק צום הויז, וואו איך האָב געוואוינט, האָב איך אים דערזען שטיין אָנגעשפּאַרט ביים פּאַרקן פון אַ דערבייאיק הויז...

קיין חשק צו אַרבעטן ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט עס מיר, פאַר־שטייט זיך, נישט געקענט צוגעבן.

אַ רייזע צו דער שטאָט פון מיין קינדהייט

די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך גע־האָט גרויס חשק זיך דורכצופאָרן אין דער שטאָט, מיט וועלכער איך בין געווען פאַרבונדן אין מיינע יוגנט־יאָרן דורך דער פּאָליטיש־סאָציאַליס־טישער באַוועגונג.

די שטאָט אומאַן איז פאַר מיר פאַרבליבן ווי אַ צויבער־לעגענדע. דאָרט איז געווען דער פּלאַץ, וואו איך האָב אָנגעהויבן מיין באַוואוסט־זיניק לעבן, זיך דערוואוסט, אַז דער מענטש איז אַ וועלט פאַר זיך און דאַרף זיין וועלט בויען, ווי דער געוויסן דיקטירט אים. אין אומאַן האָב איך אין 1904 צום ערשטן מאָל פאַרזוכט דעם טעם פון טורמע און איך האָב געדענקט, אַז אפילו אַ הונגעריקער בין איך אין אומאַן געווען גליקלעך.

האָב איך זייער אָפט געטרוימט צו זיין נאָך אַ מאָל אין אומאַן, אויפ־

זוכן מיינע חברים, מיט וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין גרעקער וואַלד אין צאַריצינער סאַד און מיט וועלכע איך האָב געאַרבעט אין אַן אונ־טערערדישער דרוקעריי ביי די סאָדאָווניקעס, וואָס האָבן זיך געלעגערט אין דער אַגראָנאָם־שולע.

אין אַפּריל 1924 איז מיין טרוים פאַרווירקלעכט געוואָרן. אין איי־נעם אַ טאָג פּזן יענעם חודש בין איך אָפּגעפאָרן פון מאָסקווע צו מיין אַמאָליקער ״קעניגרייך״, וואָס איז מיר געווען טייערער פון אַלע אַמעריקעס מיט די גליקן, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט.

צום באַן בין איך געקומען מיט מער ווי אַ שעה פריער — אַזוי גרויס — איז געווען מיין אומגעדולד. אויף דער פּלאַטפאָרמע, וואו ס׳איז געשטאַנען דער צוג, איז נאָך קיינער נישט געווען און איך האָב אַליין אַרומגעשפּאַצירט הין און צוריק שטאַרק פאַרנומען מיטן געדאַנק, אַז איך פאָר באַלד קיין אומאַן. עס זיינען מיר דורכגעלאָפן אין געדאַנק די לאַנ־גע 16 יאָר, פון 1908, וואָס איך בין דאָרט נישט געווען, און דאַן אַ רייע בילדער פון יענע יאָרן, טיפּן פון די חברים, דער אויסזען פון די גאַסן, ווי איך האָב זיי געדענקט און אַזוי זענען פאַר מיר איבערגעלאָפן שטיק־לעך און פּיצלעך פון דער פאַרגאַנגענהייט.

מיין בילעט איז געווען פון צווייטן אָדער ווייכן קלאַס. דער קופּע איז געווען פאַר צוויי מענטשן, מיין באַגאַזש איז געווען אַ קליינער, און ווען איך בין אריין אין וואַגאָן, האָב איך אפילו נישט געפונען פאַר נוי־טיק צו זוכן מיין פּלאַץ. מיטן קליינעם רענצעל און פאָטאָגראַפישן אַפּאַ־ראַט בין איך געבליבן שטיין ביים ערשטן פענצטער אין באַן־קאָרידאָר. מיין איינציקע באַגלייטערין צום באַן איז געווען מיין חברטע מערי, און מיר האָבן דורכן פענצטער זיך דורכגעשמועסט וועגן דער גליקלעכער מי־נוט צו פאָרן אויף אַ באַזוך קיין אומאַן.

דער צוג האָט ענדלעך גערירט. נאָך אַ פּאָר מינוט און מאָסקווע, מיט אירע געביידעס און פאָרשטעט, איז פאַרשוואונדן פון די אויגן. איך בין אריין אין קופּע. דער צווייטער פּאַסאַזשיר אין קופּע איז געווען אַ יונגע פרוי. אויפן אויסקוק אַ סאָוועטישע פריילן, אָבער רעשטלעך פון אַלטן רעזשים זענען געווען קענטיק אויף איר. זי איז געווען אַ פרוי פון אומגעפער אַ יאָר דרייסיק. ביים אַריינקומען אין קופּע האָב איך מיין שכנטע באַגריסט, ווי די מאָדע איז, און זי, די פּאַסאַזשירקע, האָט אַרויס־געוויזן גאָר קנאַפּ נייגעריקייט צו מיין אַריינקומען. איך האָב פאַרנומען דעם צווייטע פּלאַץ אַנטקעגן מיין שכנטע, זיך געמאַכט באַקוועם, געעפנט אַ ביכל און מיר זענען געבליבן זיצן איינער אַנטקעגן אַנדערן ווי אַ ברוגזע פּאָר־פאָלק. די רוסישע באַנען זענען געראָטן אין רוסישן פאָלק — זיי איילן זיך נישט, נישט היינט איז מאָרגן, מען וועט שוין דער־פאָרן. און נישט קוקנדיק וואָס דאָס האָט געזאָלט זיין אַ שנעל־צוג, האָט דאָך ביי יעדער סטאַנציע און האַלב־סטאַנציע דער צוג געגעבן אַ שווערן סאָפּע, אַרויסגעלאָזט אַביסל פּאַרע מיט גרויס טומל און געבליבן שטיין.

עס האָט אָנגעהויבן ווערן נאַכט. דער קאָנדוקטאָר איז אַריינגעקומען קאָנטראָלירן די בילעטן און האָט געלאָזט וויסן, אַז ביי דער קומענדיקער סטאַציע וועט דער צוג שטיין אַ האַלבע שעה א־ן מען וועט קענען אַראָפּ־גיין כאַפּן אַ ביס. איך בין אפילו נישט געווען הונגעריק, אָבער דאָס אַראָפּגיין פון באַן און עסן אויפן וואָקזאַל אין בופעט, אין טומל, מיט אַ סך מענטשן, איז אַליין פאַר זיך אינטערעסאַנט, און אַלע יאָרן וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך אַזאַ געלעגנהייט נישט געוואָלט דורכלאָזן. אַזוי שנעל ווי דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט, בין איך אַראָפּ אויף דער סטאַנציע נאָך דעם ביסל פאַרגעניגן.

דער קלײנער וואָקזאַל איז געווען גאַנץ העל באַלויכטן. די טישן זענען געווען געדעקט מיט ווייסע טישטעכער, קעלנער האָבן זיך אַרומגעדרייט גרייט צו באַדינען און וואָס צו עסן איז אויך געווען צו באַקומען.

איך האָב זיך אַרומגעדרייט אַ היפּשע ווײלע, עפּעס געקויפט אין בו־פעט און באַאָבאַכטעט דעם עולם אויפן וואָקזאַל און געזען צווישן אים דאָס רוב נאָר באַאַמטע און מיליטערלייט פון פאַרשידענע ראַנגלען.

מיין שכנטע איז געבליבן אין וואַגאָן. ווען איך בין צוריק אַריין פון וואָקזאַל אין קופּע איז זי געזעסן מיט אַ קעסטל קאָנפעקטן אויפן שויס און גענעסן. דאָס מאָל האָט זי געבראַכן איר שווייגן און מיר גע־פרעגט, צי ס'איז געווען וואָס צו עסן אויפן וואָקזאַל אין בופעט. אויף מיין ענטפער, אַז יאָ, האָט זי זיך אָנגערופן: צייטן בייטן זיך, מען דאַרף שוין נישט פירן מיט זיך קיין עסן ווי אַמאָל. אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — מיר האָבן אויפגעהערט צו ווערן פרעמדע, זי האָט מיר פאַרגעלייגט צו פאַרזוכן פון אירע נאַשערייען און מיר זענען געוואָרן היימיש.

איבערהויפּט האָט זיך מיין באַרישניע״ (פרײלין) צוגעכאַפּט הערנדיק אַז איך בין געווען אין אַמעריקע פילע יאָרן. זי האָט מיר געהאַלטן אין איין פרעגן וועגן אַמעריקע, און האָט, פּשוט פאַרכליניענדיק זיך, מיר דערקלערט, אַז זי האָט אַזוי ליב צו הערן פון אַמעריקע, אַז זי וואָלט געשענקט אַ העלפט פון אירע יאָרן אבי צו לעבן דאָרטן.

אַזוי ווי זי האָט מיר געהאַלטן אין איין פרעגן וועגן אַמעריקע, האָב איך זיך געהאַלטן פאַרזיכטיק און אין קעגנזאַץ צו איר באַגייסטערונג, האָב איך אַרויסגעוויזן וויניקער צופרידנקייט מיט אַמעריקע. איך האָב דאָך נישט געוואוסט, ווער זי איז, און האָב זיך געקלערט, אַז פאַרזיכטי־קייט שאַדט נישט.

די בחורטע האָט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס איך רעד אַזוי, און זי האָט פאַרט פון מיר געצויגן ידיעות וועגן אַמעריקע. דער גאַנצער וואַגאָן איז שוין געשלאָפן און מיר האָבן נאָך אַלץ גערעדט וועגן אַמעריקע און דעם לעבן דאָרטן, ביז איך האָב איר אָנגעוויזן אויפן זייגער און צוגעזאָגט, אַז מאָרגן וועלן מיר פאַרזעצן, דערווייל דאַרף מען זיך אָפּרוען.

מיין שכנטע האָט מיט אַ קאָקעטישן שמייכל מיר געהייסן זיך אויס־דרייען צו דער וואַנט און זי וועט זיך צוגרייטן צו ליגן שלאָפן. נאָך אַ

פאר מינוט האט זי מיר געלאזט וויסן, אז שוין, זי איז שוין פארטיק. איך האב פארדרייט דעם לאמפ אין קופע און זיך געלייגט, אבער דאך האט זי נאך א לענגערע צייט, שוין ליגנדיק אויף דער באנק, מיר ווייטער געשטעלט פראגן און איך האב איר האלב פארשלאפן געמוזט ענטפערן. מיד פון א גאנצן טאג, בין איך, ווייזט אויס, איינגעשלאפן אין מיטן פון מיין „באַרישניעס" רעדן, ווייל אינדערפרי, ווען איך האב זיך אויפגעכאפט, האט זי מיר קאלט געענטפערט אויף מיין „גוט מארגן", האט זיך געהאלטן ווי א ברוגזע און אויף דער ווייטערדיקער רייזע ביז קיעוו האט זי שוין כמעט צו מיר נישט גערעדט.

צו דער באשטימטער צייט איז אונדזער צוג אנגעקומען קיין קאזאטין, וואו איך האב זיך געדארפט איבערזעצן אין א צווייטן צוג קיין אומאן. אויף דער סטאנציע בין איך געוואויר געווארן, אז דער א צוג איז אוועק מיט א האלבער שעה צוריק. אויפן וואקזאל האט מען מיר דערקלערט, אז א צווייטער צוג קיין אומאן וועט אפגיין אין 24 שעה ארום. אט די כאוועטישע חכמה האב איך נישט געקענט פארשטיין. צוואס דער צוג פון קאזאטין, א קליינע סטאנציע, דארף אפגיין מיט א האלבע, שעה פריער, ווי עס קומט דער קיעווער באן, און מען זאל דארפן ווארטן גאנצע 24 שעה אויף אים, האט מיר קיינער נישט געקענט דערקלערן.

אויפן וואקזאל זענען געווען ווייניק מענטשן און צווישן זיי איז געפאלן מיין אויג אויף א מאן מיט א בארד, וואס נאך זיין קליידונג האט ער אויסגעזען ווי אן אוקראינער פויער. אזוי ווי קיין בופעט איז נישט געווען, בין איך צוגעגאנגען צו דעם מאן פרעגן, צי ווייסט ער נישט, וואו מען קען דא קריגן א גלעזל טיי.

ער האט מיך באטראכט פון קאפ ביז די פיס. מיינע אמעריקאנער קליידער האבן אים ווי געשראקן, נאר געהערט, אז איך דער רוסיש, האט ער זיך געפילט זיכערער, און ער האט מיר געענטפערט, אז ער קען מיר באזארגן מיט טיי און אפילו צובייסן און איבערנעכטיקן אויך, ווייל ער אליין האט דא נאנט אן ארייגפאר־הויז. ס'איז איפלו, זאגט ער מיר, נישט פאר קיין געהויבענע געסט, אבער גראד האט ער די וואך געמאכט א יערלעכע רייניקונג צוליב יום־טוב, און איך קען האבן א ריינעם פלאץ.

אזוי ווי דאס איז געווען פסח־צייט, האב איך פארשטאנען, אז איך האב צו טאן מיט א יידן. האב איך זיך געמאכט כלומרשט נישט וויסנדיק און טו א פרעג: „וואס פאר א יום־טוב איז עס ביי אייך אין קאזאטין?" צי דער פויערישער ייד האט דערפילט אן מיין פראגע, וואוהין איך ציל, צי וואס — און ער האט מיר געענטפערט: „עס איז דער יידישער יום־טוב פאסכא, פאנימאיעטיע?" „פאנימאיו — האב איך זיך אנגערופן, — מען פארשטייט. איך בין אויך א ייד" — זאג איך אים אויף יידיש.

דא האב איך שוין געזען, ווי דעם יידן איז אראפ א שטיין פון הארצן. אזוי, זאגט ער, איר זענט פון אמעריקע מסתמא. זאל איך דעם יידן, אז איך בין פון מאסקווע. ער אבער האלט זיך ביי זיינס. מען זעט, אז איר

זייט געווען אין אַמעריקע, וואו זעט מען ביי אונדז אַזאַ פּאַלטאָ? היינט די שליאַפּע אייערע, און אַ שליפּע — אַזוי רעדט דער ייד און באַטראַכט מיר מיט מיין הולך פון קאָפּ ביז די פיס. דערביי גיט ער זיך אַ כאַפּ ווי אַן אָפּגעבריטער — „אוי וויי, ווי אַזוי וועט איר זיך דערשלעפּן אָן קאַלאַשן צו מיין אכסניה? וואָס מיינט איר, עס איז מאָסקווע? דאָ איז דאָך אַ בלאָטע ביז איבער די קני".

„אפשר — זאָג איך דעם יידן — איז דאָ פאַראַן אַ איזוואָשטשיק ערגעץ, וועלן מיר צופאָרן". „דאַנקען גאָט — זאָגט ער — עס זענען פאַראַן אַ פּאָר איזוואָשטשיקעס, וואָס שטאַרבן דריי מאָל אַ טאָג פון הונגער". ער איז אַוועק און האָט געבראַכט אַ יידישן פורמאַן מיט אַן אויסגעמאַטערט פערדל. יענער האָט זיך געפּעדערט און געבעטן אַ רובל פאַר דער נאָנטער רייזע אַזן דערביי זיך אָנגערופן: „עס איז טאַקע נאָענט, אָבער פּאַני, לעבן, מען איז אַ מטופל מיט קינדער און מען דאַרף ברויט פאַר אַלעמען".

ביי דעם יידן אין אכסניה איז ווירקלעך געווען ריין, אויפגעראַמט און עס האָט זיך געפילט אַ פּסחדיקער ריח. די באַלעבאָסטע איז באַלד אַריין און געשטעלט דעם סאַמאָוואַר, זיך אַוועקגעזעצט צום טיש כאַפּן אַ וואָרט פון דעם וואָזשנעם אורח, ווייל דער מאַן האָט איר אַריינגעשושקעט, אַז דאָס איז אַן אַמעריקאַנער.

„גאָספּאָדין, — זאָגט זי צו מיר, — איר וועט דאָך מסתמא וועלן עפּעס צובייסן?" „זיכער", זאָג איך „טאָ וואָס מאַכט מען? — זאָגט זי, — איר ווילט דאָך מסתמא ברויט, איז וועל איך זיך אַרויסכאַפּן און אַריינברענגען, — נאָר איר ווייסט דאָך מסתמאָ, אַז היינט איז פּסח, איז אפשר וואָלט איר געגעסן עפּעס פּסחדיקס. איך האָב צוגעגרייט פּסחדיקן עסן פונם בעסטן, טאָמער נישט, וועל איך אייך מאַכן חמצדיקע". דערביי האָט די פרוי, אַרויסריידנדיק דאָס וואָרט חמצדיקע, אַזש געציטערט, איך זאָל נישט זאָגן, אַז דאָס און נאָר דאָס וויל איך.

— ווייסט איר וואָס — מומעניו, זאָג איך צו איר, — איר גיט מיר דאָס, וואָס איר האָט אָנגעגרייט, איך האָב גאַנץ ליב פּסחדיקע עסנס און איך האָב עס אין מאָסקווע שוין לאַנג נישט פאַרזוכט.

— וואָס דען — האָט דער בעל־אכסניה אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט, און טרערן האָבן זיך אים אַזש געשטעלט אין די אויגן, — איך האָב באַלד געזאָגט, אַז איר זייט נישט קיין קאָמיסאַר.

— פון וואַנען ווייסט איר — פרעג איך — אַז נישט, אפשר האָט איר נישט געטראָפן?

— מיין ליבער ייד, — זאָגט ער — מען דערקענט שוין. זיי קומען אַמאָל אַהער איבערנעכטיקן, זאָל זיי קיין גוטער ייד נישט קענען...

איך האָב גאָרנישט געמאַכט קיין שלעכט געשעפט, וואָס איך האָב דער יידענע געטאָן אַ טובה און פאַרזוכט פון אירע פּסחדיקע מאכלים. פאַר די עטלעכע יאָר, וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך נאָך אַזעלכע געשמאַקע מאכלים נישט אָנגעזען. די קניידלעך זענען צעגאַנגען

אין מויל און זיי האָבןביידע שטאַרק הנאה געהאַט, וואָס איך האָב אַזאַ הנאה פונם עסן.

די רעכענונג, וואָס דער ייד האָט מיר צוגעשטעלט אויף מאָרגן, איידער איך בין אַוועק צו דער באַן, איז געווען אַ געשוואָלענע. איך האָב פאַר דעם געלט געקענט אָפּלעבן אין מאָסקווע אַ גאַנצע וואָך, אָבער עס האָט ווערט געהאַט. האָב איך אים באַצאָלט און, מיט דער עצה פון דעם יידן, בין איך אַוועק צו דער באַן אַ פּאָר שעה פריער, כדי צו פאַרנעמען אַ בעסערן אָרט.

דאָס איז יענעם פרימאָרגן גראָד נישט נויטיק געווען. קיין סך מענטשן זענען צו דער באַן נישט געקומען ווייל עס איז געווען דער צווייטער טאָג פּסח און קאַזאַטין איז אַ יידיש שטעטל.

איך בין אריין אין וואַגאָן כמעט דער ערשטער. מיין בילעט פון מאָסקווע ביז אומאַן איז געווען באַצאָלט פאַר צווייטן קלאַס, אָבער פון וואַנען זאָל מאָסקווע וויסן, אַז אויף אוקראַינע גייט נישט קיין צווייטער קלאַס? עס איז דאָך אַ „זעלבסטשטענדיקע" רעפּובליק, בין איך אַרויפגעקראָכן אויף אַן אויבערשטער באַנק און זיך געמאַכט באַקוועם צום פאָרן. אויף די ווייט־ערדיקע סטאַנציעס זענען טאַקע אומעטום אָנגעקומען פיל פּאַסאַזשירן און עס איז געוואָרן אַ גרויסער געדראַנג. אויף מיין אויבערשטער באַנק איז געווען געררוים, בין איך מיר געלעגן און זיך צוגעהערט צו די געשפּרעכן, וואָס די פּאַסאַזשירן פירן, און אַליין האָב איך געשוויגן.

אויפן גאַנצן וועג איז געווען טומלדיק. ביי אַ סטאַנציע, וואו דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף 30 מינוט, בין איך אַראָפּ כאַפּן אַ גלעזל טיי און צוריקקומענדיק האָב איך גלייך דערזען די שפּורן, אַז מען האָט געזוכט אויסצוגעפינען, ווער איז אָט דער אויסטערלישער פּאַרשוין. דאָס ביכל, וואָס איך האָב געלייענט און געלאָזט ליגן מיטן פּנים אַראָפּ, איז געווען צוגעמאַכט. ס'איז געווען אַן ענגליש ביכל און דאָס האָט געווים ביי די מיטפּאָרער אַרויסגערופן אַ חשד, אַז איך בין אַן אויסלענדער. איך האָב צוריק פאַרנומען מיין אָרט און דער עולם האָט, מיינענדיק, אַז איך פאַרשטיי נישט זייער שפּראַך, גענומען שפּעקולירן אויף רוסיש און יידיש ווער איך בין. איינער האָט געזאָגט, אַז דאָס מוז זיין אַ דעלעגאַט; אַ צווייטער, אַז דאָס איז מסתמא אַ פאַרשטייער פון אַ צווייטער מלוכה, און איין יונגערמאַן, מיט אַ פרעכן פּנים און אויסזען, ווי אַ גנב אויפן פערד־מאַרק, האָט זיך גאָר געוויצלט מיט גראָבע אויסדרוקן אויף מיין חשבון. אַזוי ווי דער עולם האָט געלאַכט, האָט ער גענומען אונטערזינגען אַ טורמע־לידל, אין וועלכן עס האָט זיך געזאָגט, אַז ווען דאָס וואָלט געווען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, וואָלט ער אַראָפּגעצויגן פון דעם העכט דאָס שיינע פּאַלטנדל און אים אַרויסגעוואָרפן דורכן פענצטער. אָבער היינט זענען אַנדערע צייטן, די גנבים זענען געוואָרן אָנשטענדיקע מענטשן, אַזאַ יאָר אויף זיי, און מען טאָר נישט...

איך האָב זיך איינגעהאַלטן אפילו נישט צו לאַכן און אַלע האָבן געמיינט, אַז איך ווייס נישט, וואָס ער זינגט און וואָס מען רעדט.

דער צוג איז ענדלעך געקומען נאָנט צו אומאַן. דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיט די פעקלעך צום אַרויסגאַנג, עס איז געוואָרן אַ געדראַנג אויף דער באַן־פּלאַטפאָרמע, כאָטש דער צוג איז נאָך געגאַנגען; איינער פון די פּאַסאַזשירן, וואָס האָט זיך געפילט שטאַרק, האָט זיך גענומען שטויסן און וואַרפן. מיין געדולד האָט געפּלאַצט, און ווען ער האָט מיך דערלאַנגט אַ שטויס, האָב איך זיך צו אים געווענדט אין יידיש: „ר' ייד, וואָס שטופּט איר זיך? אַלע וועלן אַרויסגיין פון צוג, ווען ער וועט בלייבן שטיין".

דער חברהמאַן האָט אויף מיר אויסגעגלאָצט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און אַלע אַרום זענען אויך געבליבן געפּלעפטע...

— וואָס? איר זייט אַ ייד? אַ וויסטער חלום... און מיר האָבן געמיינט, אַז איר זענט אַ שטומער אָדער פון אַ פרעמד לאַנד...

און שוין האָבן אַלע געוואָלט וויסן ווער איך בין. מען האָט זיך אויפגעהערט צו שטופּן און גענומען שטעלן צענדליקער פראַגן. די באַן האָט זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב זיי גאָרנישט געענטפערט און בין אַרויס פון וואַגאָן.

מיין „צוריקקער אַהיים"

אין אומאַן איז געווען אַ האָטעל אַמאָל, וואָס האָט זיך גערופן „גאַסטיניעץ פראַנציאַ". אָט דער „גאַסטיניעץ" האָט פאַר מיר אין מיינע קינדער יאָרן געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן צויבער. עס איז געווען די שענסטע געביידע אין שטאָט. דער קאָרידאָר פון האָטעל איז געווען באַפּוצט מיט בלומען; רויטע, שווערע טעפּיכער זענען געלעגן אויף די טרעפּ און אַ באַוועגונג איז דאָרט שטענדיק געווען אַרום אַ גרויסע. אונדז, קליינוואַרג, אַז מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן קוקן אין קאָרידאָר מיט אונדזערע נייגעריקע אייגעלעך, פלעגט דער שווייצער טרייבן מיט שטעקנס, און ווייל ער פלעגט טרייבן, איז די נייגעריקייט געווען נאָך גרעסער.. אין דעם „גאַסטיניעץ" האָב איך געדענקט, פלעגן פאַרפאָרן די רייכסטע געסט, מיליטער־לייט, גרויסע סוחרים אאז"וו; דערנעבן איז געווען אַ בעקעריי און אין די פענצטער פלעגן זיין אויסגעשטעלט די שענסטע געבעקס; דאָס פלעגט אונדז חברה קליינוואַרג טרייבן צו זינדיקע געדאַנקען.

זיצנדיק אויף דער דראָזשקע אין פריען פרימאָרגן, האָב איך זיך דאָס אַלץ דערמאָנט, און עס איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך זאָל פאַרפאָרן אין האָטעל „פראַנציאַ", אויב ער עקזיסטירט נאָך. דער פורמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז היינט הייסט דאָס: „דאָם סאָוועטאָוו". אויף מיין פראַגע, צי מען לאָזט אַהין אַריין געסט, האָט ער געענטפערט, אַז אויב מען קען גוט באַצאָלן, לאָזט מען אַריין. האָב איך זיך געהייסן פירן צום „דאָם סאָוועטאָוו".

אַז איך בין אַריין אַהין, האָב איך געזען, אַז פון די אַמאָליקע טאַפּעטן, בלומען־טעפּ און גאַנצן גלאַנץ איז קיין זכר נישט געבליבן. אין קאָרידאָר איז געווען שמוציק און אָפּגעלאָזן און אַזוי אויך אין די צימערן. צעבראָ־כענע טישלעך, די בעטן האָבן אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן געשטאַנען אין אַ רויכערדיקער קיך, די ליילעכער זענען געווען שוואַרץ, — מיין אַנטוישונג איז געווען גרויס. פאַרפאַלן, האָב איך זיך געטראַכט, פון מיין קינדערשער, פאַנטאַזיע ווען "גאַסטיניעץ פּראַנציאַ" האָט זיך אויסגעלאָזט אַ בוידעם, ווי פון אַ סך אַנדערע חלומות.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס איך בין געווען מיד פון וואַלגערן זיך אַ מעת־לעת אויף דער באַן, האָב איך דאָך נישט געקענט שלאָפן. מיין אומ־געדולד און נייגעדיקייט צו זען וואָס גיכער עמעצן נאָך אַזוי פיל יאָרן, וואָס איך בין געווען אַוועק פון אומאַן, האָט מיר אַזש אָנגעפילט מיט נערוועזיטעט, און איך האָב זיך געשטעלט ביים פענצטער און אַרויסגע־קוקט, וואַרטנדיק, אַז די שטאָט זאָל אויפשטיין און זיך אויסרייבן די אויגן פון איר נאַכטיקן שלאָף.

קעגנאיבער דעם „גאַסטיניעץ" איז געשטאַנען דער אַלטער גרויסער שטאָט־טעאַטער. אַמאָל איז דאָרט געווען דער פּלאַץ, וואו עס האָט זיך אָפּגעשפּילט דאָס גאַנצע אינטעלעקטועלע לעבן פון אומאַן. דאָרט פלעגן די סטודענטן און רעוואָלוציאָנערן קומען אויסדריקן זייער פּראָטעסט קעגן דער צאַרישער אָרדענונג, דאָרט איז געווען דער צענטער פון עפנטלעכן לעבן.

דעם טעאַטער פלעגט מען אויך נוצן פאַר אַ צירק, און אין מיין יוגנט בין איך דאָרט אָפּגעלעגן פילע נעכט. איך האָב געקענט יעדן ווינקעלע, אַלע הינטער־טירן, און בין געווען אַ גוטער־ברודער מיט די אָנגעשטעל־טע, פאַר וועלכע איך פלעג לויפן אַ גאַנג, אַרויסהעלפן זיי, ווען עס פלעגט קומען אַ צירק, און דערפאַר פלעג איך זיין אַ גאַנצער באַלעבאָס. איך פלעג שווימען ווי אַ פיש אין וואַסער, אַריינעמען חברים אין צירק און זיי פלעגן קוקן אויף מיר ווי אויפן דירעקטאָר פון שטאָט־טעאַטער.

ווען די זון איז שוין געווען גאַנץ הויך, בין איך אַראָפּ פון „דאָס סאָוועטאָוו" און זיך געלאָזט זוכן באַקאַנטע פון אַמאָל. מיין ערשטער באַ־קאַנטער איז געווען דער טעאַטער, און איך בין צוגעגאַנגען אים אָפּגעבן אַ שלום־עליכם. צוקומענדיק נאָענט, האָט זיך מיר ווי עפּעס אָפּגעריסן אין האַרצן. די געביידע האָט אויסגעזען ווי אַ סקעלעט, מיט אויסגעלאָשענע אויגן, אַלץ אָפּגעריסן, צעבראָכן, קיין איין גאַנצער פענצטער... איך בין געבליבן שטיין ביי דער אָפענער טיר, פון אינעווייניק האָט געצויגן אַ דומפּע קעלט — און איך האָב באַדויערט דעם טעאַטער ווי אַן אַלטן חבר, וואָס האָט מיר אַמאָל אַזויפיל פאַרגעניגן פאַרשאַפט. אַ פּאָר מינוט בין איך געשטאַנען און באַטראַכט די רעשטלעך פון דעם שטאָלץ פון דער שטאָט, וואָס זעט אויס ווי אַ חורבה, און בין אַוועק וויטער זוכן מיינע יוגנט־יאָרן.

די שטאָט, אויסער איר אָרעמקייט צוליבן דורכגעמאַכטן בירגער־קריג, האָט זיך כמעט גאָרנישט געביטן. איך בין געגאַנגען אויף דער הויפּט־גאַס און צוגעקומען צום הויז, וואו איך האָב זיך אַמאָל געלערנט מיין פאַך. אַלץ איז כמעט געווען, ווי איך האָב עס געדענקט, בלויז אין פראָנט איז צוגעקומען אַ קליינער פּאַפּיר־געשעפט. ווען איך בין אַריין אינעווייניק, האָב איך דאָרט געטראָפן מיין אַמאָליקן באַלעבאָס קניאזשאַנסקי, וועלכן איך האָב דערקענט. ער האָט מיר געפרעגט, וואָס איך דאַרף, און איך האָב געבעטן אַ קליין קעשענע־ביכל; דאָס איז אָבער אין געשעפט, נישט געווען. האָט ער מיר פאָרגעלייגט אַ העפט — האָב איך געקויפט אַ העפט.

געווען איז ער שטאַרק פאַרעלטערט, זיין בליק איז מער נישט געווען אַזאַ בייזער, און די אויגן האָבן געקוקט מיט שרעק, זעענדיק אַ נייעם מענטשן. באַטראַכטנדיק די העפט, האָב איך קניאזשאַנסקין אַ פרעג געטאָן, צי קען ער דאָ אין שטאָט רפאל דעם בלעכער, און עס האָט זיך צווישן אונדז אַנטוויקלט אַזאַ דיאַלאָג:

— וואָס איז ער אייערער, רפאל?

— מיינער אַ פעטער.

— נו, ווייסט איר נישט, אַז ער איז נישט מער קיין בלעכער?

— ניין, וואָס איז ער היינט?

— אָ, ער איז דער „פרעדסעדאַטיעל” פון די סאָיוזן (פאַראיינען). און ווער זייט איר?

— איך בין שוין לאַנג פון אומאַן און האָב געוואָלט זען מיין פעטער רפאל.

— און מיך קענט איר?

דער מענטש האָט אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר אויגן, געקנייטשט דעם שטערן, זיך געפּרואווט דערמאָנען, געדרייט זיך אַרום מיר און גאָרנישט. האָב איך אים געזאָגט, אַז אין 1902 האָב איך זיך ביי אים געלערנט אַרבעטן און נאָכן ערשטן יאָר האָט ער מיר אָנגעבראָכן די ביינער און אַרויסגעטריבן, ווייל איך האָב מיט נאָך אַ פּאָר חברים אַרויסגעשלעפּט פון קעלער די געזייערטע עפּל...

— יאַקאָב! — האָט דער אַלטער אויסגעשריען, ווי איז מיר, דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט, אַז איך האָב אייך געזען, אַז איר זייט עס...

עס איז באַלד געוואָרן אַ טרעוואָגע, ער האָט אַריינגערופן זיין גאַנץ הויזגעזינד און אַליין איז ער געשטאַנען אַ גליקלעכער אין מיטן, פרעגנדיק ביי זיי: „אַנו, דערקענט, ווער דאָס איז?”

זיינע צוויי מיידלעך, געניע און מאַניע, זענען שוין געווען אידענעס, די צייט און די איבערלעבונגען האָבן אויף זיי אַרויפגעצויגן אַ פריעלטער. זיי האָבן אויסגערופן אייניקע נעמען פון אַמאָליקע באַקאַנטע, פון קרובים אין אַמעריקע, און קיינער האָט נישט געטראָפן. ביז ער האָט זיי

אויסגעזאָגט, אַז דאָס איז דאָך יאַקאָב, דער וואָס האָט זיך דאָ געלערנט אַרבעטן און פּלעגט קיינעם נישט לאָזן דורכגיין די גאַס...

אַז אַלע האָבן שוין געוואוסט, ווער איך בין, האָבן זיי זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט, באַטראַכט פון אַלע זייטן און אויפגענומען ווי אַ רייכן פעטער. מען האָט מיך אַריינגעפירט אין הויז, זיך געזעצט צום טיש כאַפּן אַ ביים און, קייענדיק, מיך אינפאָרמירט וועגן מיינע חברים פון אַמאָל, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן. ביי יעדן האָט מען צוגעגעבן, אַז ער איז היינט אַ גרויסער מאכער, אַ קאָמוניסט. דערהויפּט האָבן זיי מיר אָנגעדערציילט פון מיין קריסטלעכן חבר מילאָוואַנאָוו, וואָס זיין טאַטע איז געווען דער שטאָט־גאָלאָווא (מעיאָר) און היינט איז דער זון זיינער דער פּאָרזיצער פון שטאָטישן סאָוועט. זיי האָבן אים זייער געלויבט פאַר זיין גוט־האַרציקייט און יידן־פריינדלעכקייט. ער האָט אַ גוטע נשמה, יידישע קאָמוניסטן זענען אַנטיסעמיטן אַנטקעגן אים, און ער אַליין איז דאָס פאַרקערטע פון זיין טאַטן.

— נו, און דו, — האָט מיך קניאַזאַשאַנסקי אַ פרעג געטאָן, — דו ביסט מסתמא אויך איינער פון די זייעריקע? דו האָסט דאָך עפּעס נאָך אַמאָל געברענט אַ וועלט? — ער איז געווען אויסער זיך צו הערן, אַז איך בין נישט קיין פּאַרטייאישער. — דו טוסט שלעכט, — האָט ער מיר געזאָגט; — אַמאָל האָט מען טאַקע נישט געדאַרפט די אַלע זאַכן, אָבער היינט וואָלסטו געדאַרפט זיין אַ זייעריקער...

פאַרנאַכטצו, דעם זעלבן טאָג האָבן שוין אַלע מיינע אַמאָליקע חברים געוואוסט, אַז איך בין דאָ. די ערשטע, וואָס זענען מיך געקומען זען, זענען געווען די חברים פון דעם זעלבן פאַך. מיר האָבן אָפּגערעדט, אַז אין אָוונט זאָלן מיר זיך אַלע צוזאַמענקומען אין דער דרוקעריי, וואָס איז געווען אַ פאַראייניקונג פון אַלע פינף דרוקערייען, וואָס אומאַן האָט פריער פאַרמאָגט, און האָט זיך גערופן „אומאַנסקי טיפּאָגראַפסקי אָטדיעל". מיט אַ קליינער אויסנאָם האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אַלע מיינע אַמאָליקע חברים, צווישן זיי איז אויך געווען מיין אַמאָליקער באַלעבאָס טאַראַדאַש, פון וועלכן איך האָב זיך אויסגעלערנט נישט ווייניק אין די יונגע יאָרן, איצט האָבן זיך אַלע, די דרוקעריי־באַלעבאַטים און די אַרבעטער זייערע, געפונען אין דער זעלבער לאַגע.

עס איז אויך געקומען מילאָוואַנאָוו, דער דעמאָלטדיקער פאָרזיצער פון אומאַנסקי סאָוועט. ער האָט צום פאַך נישט באַלאַנגט, אָבער ער איז געווען איינער פון די אַמאָליקע סאָציאַל־דעמאָקראַטן און מיר זענען געווען נאָענטע חברים.

די אויפנאַמע איז געווען זייער אַ פייערלעכע און אַן אויפריכטיקע. זיי זענען אַלע געווען מיטגלידער פון דער פּאַרטיי, אָבער האָבן זיך געהאַלטן ביים פאַך און געלעבט אין גוט ברודערשאַפט. יעדערער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און דערמאָנען די אַמאָליקע יאָרן אין דער אונ־

טערערדישער אַרבעט, וואו מען האָט מיך, אַלס דעם ייִנגסטן, שטאַרק אויסגענוצט.

מילאַוואַנאָוו האָט גערעדט דער ערשטער און יעדערער נאָך אים, וואָס האָט גענומען אַ וואָרט, האָט, ווי ער, פאַרענדיקט מיט אַ קללה אויף אַמע־ריקע, וואו מען שטאַרבט פון הונגער און דאָך וויל מען דאָרט נישט אַריבערגיין צו אַ באָלשעוויסטישער אָרדענונג.

איך בין געזעסן צווישן מיינע אַמאָליקע חברים אַן איבערגליקלעכער, וואָס נאָך אַזויפיל יאָרן האָב איך זיי געטראָפן געזונט און מוטיק. צום סוף האָט מען מיך אויפגעפאָדערט עפּעס צו זאָגן וועגן דער נייער אָר־דענונג. איך האָב געזאָגט אַ פּאָר קורצע ווערטער, אויסגעדרייט זיך צו רעדן דירעקט וועגן מיינע איינדרוקן פון רוסלאַנד. איך האָב נאָר גע־מאַכט אַ פּאָר לייכטע באַמערקונגען און בין געווען פאָרזיכטיק מיט אַ וואָרט. איך האָב אין עטלעכע אַלגעמיינע ווערטער פאַרטיידיקט אַמערי־קע, וואו דאָס פאָלק איז נישט אַזוי געמיין, אָבער דערציילנדיק זיי וועגן מיין אַרויסשיקונג, האָב איך פאַרענדיקט מיט אַן אַטאַקע אויפן אַמערי־קאַנער קאַפּיטאַליזם.

דאָס האָט שטאַרק אויסגענומען ביי מיינע חברים. זיי האָבן אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן פאַר די עטלעכע טעג, וואו מיך צו נעמען און ווער עס זאָל מיך פירן, אַלץ זען, און אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום זאָל איך אַרויסטרעטן אין אַמאָליקן שטאַטישן טעאַטער און אָפּגעבן אַ גרוס פון דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג. דערביי האָט מען אויך אָנגענומען אַ פאָרשלאַג, אַז אַזוי ווי איך בין אַן אוקראַניער, דאַרף איך נישט געהערן צו מאָסקווע, נאָר אַריבערקלייבן זיך אַהער, קיין אומאַן, און אַרבעטן מיט דער אַמאָליקער גוואַרדיע, ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי און אַז"וו.

יעדער איינער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל איינשטיין ביי אים; האָב איך זיי געזאָגט, אַז אַזוי־ווי איך בין פאַרפאָרן אין „דאָס סאָוועטאָוו", וועל איך דאָרט פאַרבלייבן די עטלעכע טעג, און קיינער וועט זיך נישט פילן געקריוודעט.

צומאָרגנס גאַנץ פרי האָט אין טיר פון מיין האָטעל־צימער אָנגע־קלאַפּט אַ ייִנגל פון אַ יאָר צוועלף און מיר געזאָגט, אַז זיין טאַטע, מנשה וואָלשטיין, איינער פון מיינע חברים, האָט אים געשיקט מיך רופן צום אי־בערבייס. מנשה און זיין פרוי האָבן מיך ברייטלעך אויפגענומען און דאָס עסן איז געווען אַ פולשטענדיק פּסחדיקס. זיין פרוי האָט, שטעלנדיק אויפן טיש, געזאָגט מיט אַ געלעכטער: „וואָס צו באָלשעוויזם איז צו באָלשע־וויזם און וואָס צו גאָט איז צו גאָט... נאָר אויב איך וויל חמצדיקע עסן, קען זי מיר געבן ברויט, עס פעלט נישט און קיין פרומע זענען זיי נישט. נאָר אַזוי ווי פּסח איז פאָרט פּסח, איז וואָס שאַדט עס?..."

אַזוי האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ סדרה פון פּסחדיקע מאָלצייטן, צו וועל־כע מען האָט מיך גערופן ביי מיינע אַמאָליקע חברים און איצטיקע באָל־

שעוויקעס. אומאַן איז אַ ייִדישע שטאָט און אין אַלע הייזער האָט דער פּסח זיך אָפּגעשפּיגלט מיטן פולן גלאַנץ. מען האָט מיר גענומען פון איין הויז אין דער אַנדערער און דוכט זיך, אַז אויף מיין גאַנצן לעבן האָב איך נאָך אַזוי פיל פּסחדיקע מאכלים נישט געגעסן ווי אין יענער וואָך אין אומאַן, ביי מיינע חברים באַלשעוויקעס...

צווישן די חברים האָב איך אַמאָל געהאַט איינעם, פּרויקע, וואָס איז געווען זייער אַ טעטיקער. נאָך דער רעוואָלוציע איז ער געבליבן אָן אַ זייט און האָט זיך אין פּאָליטיק נישט געמישט. ווען איך האָב אויף אים זיך נאָכגעפרעגט, האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ פאַררעטער, אַ נעפּמאַן, און די חברים האָבן מיט אים נישט קיין שום באַציאונגען. פאַר מיר אָבער איז ער געווען דער אַמאָליקער פּרויקע און איך בין אוועק אים טרעפן אין זיין קליינעם פאַרב־קליטל, וואָס ער האָט געהאַט לעבן מאַרק. פון דעם „געשעפט" און זיין אויסזען האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ נעפּמאַן ער איז, ער האָט מיר שוין פאַרשפּאָרט צו דערציילן, אַז ער איז אויף צרות.

ווען איך בין אַריין, האָט ער זיך מיט מיר אַרומגעכאַפּט און האַר־ציק צעקושט. פּרויקע איז געבליבן שטיין אָן לשון און נאָך עטלעכע מי־נוט האָט ער אַרויסגעשטאַמלט: „האָסט גאָר קיין מורא נישט געהאַט צו קומען מיך זען?"

נאָך אַ קורצן געשפּרעך, האָב איך שוין געוואוסט וועגן זיין צרה־דיקער עקאָנאָמישער לאַגע און געקענט זיין מיינונג וועגן דער אָרדענונג און די טענות, וואָס ער האָט צו איר. מיר האָבן זיך פאַרשטאַנען, כאָטש מיט געוויסע אויסזעצונגען זיינע האָב איך נישט איינגעשטימט.

אַזוי ווי מיר האָבן זיך געוואָלט פריי דורכרעדן, האָב איך אים פאָר־געלייגט, אַז מיר זאָלן גיין צוזאַמען עסן מיטאָג. ער האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך, אָבער אַזוי ווי איך בין שוין געווען איבערגעגעסן פון די פּסח־דיקע מאכלים, האָב איך בעסער געוואָלט אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן. האָט פּרויקע מיך איינגעלאַדן אין מענדלס רעסטאָראַן, וואָס איז געווען אַ שם־דבר אין אומאַן. ער, מענדל, איז שוין לאַנג געשטאָרבן, אָבער די מענדעליכע האָט נאָך געפירט דעם רעסטאָראַן אויפן זעלבן פּלאַץ, וואו ער איז געווען, בעת איך האָב אין 1908 פאַרלאָזן די שטאָט.

מיר האָבן פאַרנומען אַ טישל אין אַ ווינקל און באַשטעלט אַ חמצ־דיקן מיטאָג. אַזוי ווי מיר זענען געזעסן און געשמועסט, איז צוגעקומען די מענדעליכע און זיך געווענדט גלייך צו מיר. זי האָט מיך אָנגערופן ביים אַמאָליקן נאָמען און אים אויסגעצויגן אַזוי, ווי מיין שטיף־מאַמע פלעגט עס טאָן — י אַ נ ק ע ל ע.

„איר געדענקט מיך? האָט זי זיך צו מיר צוגעכאַפּט אַ צעשטראַלטע. די פרוי איז געווען שטאַרק פאַרעלטערט, אָבער איך האָב זיך משער גע־ווען, אַז זי דאַרף עס זיין מענדלס ווייב. איר נאָמען האָב איך קיינמאָל נישט געהערט, ווייל מען האָט זי גערופן שטענדיק אויפן נאָמען פון איר

מאַן. איך האָב איר געענטפערט, אַז געוויס ווייס איך, ווער זי איז, אַז איך דערקען זי און אַז זי איז מענדלס ווייב.

די רעסטאָראַטאָרשע האָט מיר גענומען דערמאָנען די אַמאָליקע יאָרן. זי האָט זיך צערעדט אַזוי ווי פון אַ מילכעל:

— דו געדענקסט נאָך, וואָס דו ביסט זיך אַמאָל אויסגעשטאַנען פון דיין שטיף־מאַמע? איך געדענק דאָס זייער גוט. וויפל טעג דו האָסט נישט דערעסן און נעכט נישט דערשלאָפן... אוי, ווי איך פריי זיך, וואָס דו זעסט אויס אַזוי גוט, איך פריי זיך מיט דיר ווי מיט אַן אייגן קינד, ווייל נישט איינמאָל האָב איך זיך געקריגט מיט דיין טאַטן, פאַר וואָס ער לאָזט די שטיפמאַמקע דיר אַזוי דערגיין די יונגע יאָרן דיינע. און נישט איין מאָל האָב איך זיך געקריגט מיט אים און געכאַפּט געזידלט, פאַר־וואָס איך פלעג דיר אַריינגעמען אין קיך און געבן אָפּעסן. אוי, סאַראַ נחת! — האָט זי אויסגעשריען צום סוף, איז צוגעקומען נענטער און מיר געגעבן אַ האַרציקן, מאַמעשן קוש אין שטערן...

מענדעלעכע האָט געווישט די טרערן פון אירע אויגן און אויך מיר האָט גענומען שטיקן אין האַלדז. איך האָב איר געוואָלט אָפּדאַנקען, זאָגן עפּעס און האָב נישט געקענט. איך האָב געפילט, אַז טאָמער רוף איך זיך אָפּ מיט איין וואָרט, — וועל איך זיך צעוויינען ווי אַ קליין קינד...

אַ דערדריקענדע שטילקייט האָט אונדז אַרומגענומען, ווייל אויך מיין חבר פּרויקע איז געריט געוואָרן פון די רייד פון דער מענדעלכע, און מיר האָבן שוין דאָ אונדזער שמועס פאַרזעצן נישט געקענט. האָבן מיר זיך געזעגנט מיט דער פרוי, איך האָב איר האַרציק באַדאַנקט און מיר זענען אַרויס כאַפּן אַ שפּאַציר. מיר האָבן ביידע גערעדט אַ סך. פּרויקע איז געווען זייער פאַרביטערט אויף דעם, ווי די אַמאָליקע חברים באַ־האַנדלען אים, כאָטש זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז אַן ערגערע ווי זייערע. זיין אַנטוישונג האָט אים געצוואונגען צו טאָן דאָס, מיט וואָס ער פאַר־נעמט זיך. האָב איך געפּרואווט אים פאַרלייגן, אַז איך וועל זיך אַריינ־מישן און זען פאַרבעסערן זייערע באַציאונגען. פּרויקע האָט נישט גע־וואָלט הערן דערפון. מיט אַ ביטערן שמייכל אויף זיין פּנים האָט ער מיר געזאָגט, אַז עס איז שוין צו שפּעט פאַר אים זיך אויסצוגלייכן. די חברים האָבן אים פיל מאָל עפנטלעך באַליידיקט.

איך בין פון מיין פריינט פּרויקע אוועק אַ צעבראָכענער. אַזוי צע־ברעכט מען עס אַ מענטשן אין דעם סאָציאַליסטישן פאָטערלאַנד, און וויפל זענען דאָ אַזעלכע ווי ער? איך בין אַריין צו זיך אין האָטעל זיך צוגרייטן צו מיין רעפעראַט. און צוגרייטן זיך איז פאַר מיר דאָסמאָל געווען גאָר ווייכטיק, מיינע חברים האָבן מיט מיר לאַנג איינגעטענהט, וואָס איך זאָל רעדן. צו אַטאַקירן אַמעריקע איז מיר נישט שווער געווען, ווייל ביי די בעסטע אומשטענדן איז געווען וואָס צו קריטיקירן אין אַמעריקעס אָר־דענונג. אָבער דעם אויספיר (וואָס זיי האָבן פון מיר געפאָדערט), אַז נאָר סאָוועט רוסלאַנד וועט באַפרייען אַלע פעלקער פון זייער שקלאַפעריי, האָב

איך איצט נישט געקענט אַרויסברענגען. דאָס בין איך געווען פּעאיק מיט טיפן גלויבן צו זאָגן, ווען איך בין געווען אין אַמעריקע, אָבער פאַר די 3 יאָר, וואָס איך בין געווען אין רוסלאַנד, האָב איך געבענקט נאָך אַ פרייע וועלט, וואָס זאָל אויך זי באַפרייען.

אַזוי בין איך געלעגן אויפן בעטל, איינגעגראָבן די אויגן אין סופיט און געבויט די געדאַנקען צום רעפעראַט. אַ קלאַפּ אין טיר האָט איבער־געשלאָגן מיינע מחשבות. אַן עלטערע יידענע מיט אַ יונגער מיידל זענען אַריין און די ערשטע האָט זיך אָנגערופן: „איר געדענקט מיך געוויס נישט, אָבער איך האָב גוט געקענט אייער טאַטן, וויל איך אייך בעטן אַ טובה. איר קומט דאָך פון אַמעריקע, וועט איר דאָך זיכער דאָ נישט פאַרבלייבן און פאָרן צוריק, וועט איר אפשר אַזוי גוט זיין זיך דורכרעדן מיט מיין זון, אַז ער זאָל אַן אונדז נישט פאַרגעסן".

איך האָב געענטפערט דער פרוי, אַז איך פאָר נישט צוריק קיין אַמע־ריקע און פאַרבלייב אין רוסלאַנד, אָבער זי האָט מיר דערויף געזאָגט, אַז זי פאַרשטייט, וואָס איך מיין, און מיך געבעטן, איך זאָל כאָטש מיט־נעמען אַ בריוול פאַר איר זון. דערביי האָט מיר די מיידל דערלאַנגט אַ קאָנווערט מיטן אַדרעס. האָב איך איר צוגעזאָגט און געקלערט אָפּשיקן דעם בריוו, אבי פּטור ווערן. דאָס איז געווען אַן אָנהויב נאָר און אַלע אַנדערע טעג, וואָס איך בין געווען אין אומאַן, איז מען צו מיר געקומען מיטגעבן בריוו קיין אַמעריקע און איך האָב געמוזט קלעפּן מאַרקעס און זיי אָפּשיקן דורך פּאָסט. איך האָב קיינעם נישט געקענט איבערצייגן, אַז איך פאָר נישט צוריק. איין ייד האָט מיר פּשוט געזאָגט: „איך ווייס, אַז איר מוזט אַזוי רעדן, כדי עס זאָל אייך זיין גרינגער אַרויסצופאָרן, ס'איז נישט קיין עוולה פון אייך, מיט די חברה־לייט מוז מען אַזוי..."

אַרום אַכט אָוונט בין איך אַוועק אין טעאַטער צום מיטינג. דער עולם איז שוין געווען פאַרזאַמלט, עס איז געווען אַ שוואַכע באַלייכטונג אין זאַל און אויף דער בינע זענען צווישן די טוער געזעסן כמעט אַלע מיי־נע אַמאָליקע חברים. אויפן טיש איבערן רויטן טישטוך איז ביי יעדן געלעגן פּאַפּיר צום שרייבן און עס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ געריכטס־זאַל.

איידער מען האָט זיך אויסגעזעצט, האָב איך געהאַט צייט אין דער האַלב־טונקלקייט צו באַאָבאַכטן דעם עולם און צענויפנעמען מיינע גע־דאַנקען; איך האָב פאַרשטאַנען אַז איך דאַרף זיין פאָרזיכטיק און מיט מיינע רייד נישט אָנמאַכן זיך אַליין קיין צרות אויף שפּעטער. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דער מיטאָג אָנגעהויבן.

דעם פאַרזיץ האָט געפירט דער פאָרזיצער פון סאָוועט, מילאָוואַנאָוו, און ווי ער האָט זיך נאָר אויפגעהויבן, האָט מען אויף דער בינע און אין זאַל זיך אויפגעשטעלט און גענומען זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל". דער כאָראַלער געזאַנג האָט געמאַכט אַן איינדרוק און איך האָב דערפילט

אַ פיבער, אויסגעמישט מיט פרייד און אינערלעכע ליידן, וואָס עס איז אַזוי שווער צו זיין אַ מיטגליוביקער, ווי פילע פון דעם עולם.

מילאַוואַנאָוו האָט געהאַלטן אַ קורצע רעדע, מיך פאַרגעשטעלט ווי אַן אַמאָליקן רעוואָלוציאָנער און פאַרענדיקט מיט אַ בארג זידלערייען אויף די קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן אין לאַנד און אויסלאַנד. נאָך אים האָבן נאָך איי‌ניקע גערעדט אין זעלבן גייסט, אָבער זייערע פשוטע רייד האָבן גע־שאַפן אַ שטימונג און מען האָט היים אַפּלאָדירט. איך האָב גערעדט דער לעצטער. דער פאָרזיצער האָט באַמערקט, אַז אַזוי ווי איך קען נישט רעדן קיין אוקראַיניש, מעג איך רעדן אין רוסיש אָדער יידיש.

אַזוי ווי כמעט אַלע אָנוועזנדע זענען געווען יידן, האָב איך גערעדט אין יידיש. איך האָב אויסגעלאָזט דאָס הארץ צו דער דאַמאָלטדיקער אַמע־ריקאַנער רעגירונג, גערעדט וועגן די פּאָליטישע קרבנות, וואָס ווערן גע־האַלטן אין די טורמעס אדג"ל. וועגן רוסלאַנד האָב איך גאָרנישט גע־זאָגט, און דאָס איז געווען דאָס בעסטע. פאַרענדיקט האָב איך מיט דעם אויספּיר, אַז די וועלט וועט זיין גליקלעך, ווען דער קאַפּיטאַליזם וועט אָפּגעשאַפט ווערן אומעטום. מיינע חברים זענען געווען זייער צופרידן.

נאָכן מיטינג זענען מיר זיך צוזאַמענגעקומען אין אַ פּריוואַטער הויז און ביי אַ קעראָסין־לאָמפּ דעבאַטירט פיל שעה וועגן דעם מיטינג, וועגן פּאָלימיק און פאַרשיידענע פראַגן. די דעבאַטע איז אַוועק אַזוי וויט, אַז מען האָט גענומען רעדן וועגן דער אָפּאָזיציע, און אַ טייל האָט פאַרטיי־דיקט איר שטאַנדפּונקט. איך האָב זיך געמאַכט ווי אַ פרעמדער, וואָס ווייסט נישט, וואָס עס קומט פאָר מיט און קעגן דער אָפּאָזיציע. די ווערטער פון דעם יידן, וואָס האָט מיר געזאָגט ביים געבן דעם בריוו, אַז איך טו גוט, וואָס איך שווייג, כדי איך זאָל קענען לייכטער אַוועקפאָרן, זענען מיר אריין אין קאָפּ.

אוים פאָרזיצער

נאָך דער פאַרזאַמלונג איז מיר מער נישט געבליבן וואָס צו טאָן אין אומאַן. די פּאָר טעג, וואָס איך בין נאָך דאָרט פאַרבליבן, בין איך שוין געווען אַן איבעריקער ביי מיינע אַמאָליקע חברים. מיר האָבן זיך נאָך טאָקע באַגעגנט, געשמועסט, אָבער איך האָב געפילט, אַז זיי וועלן זיין צופרידן, ווען איך וועל פאָרן אהין, פון וואַנען איך בין געקומען, פון מורא, עס זאָל עפּעס נישט פּאַסירן מיט מיר צוליב מיינע „אַנטי־סאָוועטישע" שטימונגען. בין איך אין אַ פּאָר טעג אַרום, באַגלייט פון איי‌ניקע חברים, אַוועק צו דער באַן.

מיט גאָרנישט קיין געהויבענע געדאַנקען בין איך געפאָרן קיין מאָסק־ווע. צענדליקער און צענדליקער צופאַלן האָבן מיר קלאָר געמאַכט דעם אומגלייכן וועג, אויף וועלכן מען פירט די רעוואָלוציע.

די זעלבע וואָך, וואָס איך בין צוריקגעקומען קיין מאָסקווע, האָט

מיר מיטגעטיילט איינער פון דער קרעמליאָווסקער קאָמונע, אַז טשעל־ניצקי, דער אַפּטייקער פון קרעמעל, האָט אַריינגעשיקט אַ פאָדערונג אין הויז־קאָמיטעט, אַז צען פון די איינוואוינער, וואָס האָבן זייערע וואוי־נונגען אין דעם פליגל פון הויז, זאָל מען אַרויסזעצן פאַר קאָנטער־רעוואָ־לוציאָנערע האַנדלונגען, אַזוי ווי לויט די רעגולאַציעס פון דער הויז־פאַר־וואַלטונג האָט מען קיינעם נישט געקענט אַרויסוואַרפן פון דירה, ביז דאָס ווערט נישט באַשלאָסן פון גאַנצן קאָמיטעט און אונטערגעשריבן דורכן פאָרזיצער פון קאָמיטעט, — האָט מיר מיין אינפאָרמאַטאָר געזאָגט, — וועט נאָך היינט זיין אַ פאַרזאַמלונג און מען דאַרף דאָס דורכפירן און אָפּטירן, ווייל „איר קענט דאָך טשעלניצקין, אַז ער וויל עפּעס, פירט ער עס אויס”.

אַז ער קען אויספירן, האָב איך געוואוסט, נאָר פאַרוואָס וויל ער דאָס אויספירן, איז מיר געווען שווער צו פאַרשטיין. די מעשה מיט דער קאָנטער־רעוואָלוציע, האָב איך געוואוסט, איז נאָר אַ צוטשעפּעניש. צווישן די, וואָס האָבן געוואוינט אין אונדזער פליגל פון הויז, זענען אויך גע־ווען עטלעכע אַרבעטער, און די אַנדערע זענען טאַקע געווען נעפּליייט. ביי זיי האָט מען גענומען געלט און זיי אויסגעבויט וואוינונגען, דערביי האָט מען גענומען אַזעלכע פּרייזן ביי זיי, אַז פון דעם געלט האָט מען געבויט פיל מער וואוינונגען.

אָט דער עלעמענט מענטשן איז ווייט געווען פון קאָנטער־רעוואָלו־ציאָנערער טעטיקייט. זיי האָבן געדאַנקט גאָט, אַז מען טשעפּעט זיי נישט. נאָר אַזוי ווי טשעלניצקי האָט שוין מסתמא עמעצן צוגעזאָגט וואוינונגען, האָט ער צוגעטראַכט אַ מעשה וועגן קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט און וויל אַפּרוימען צען דירות.

די וואוינונגס־פראַגע אין מאָסקווע האָט אין יענער צייט פאַרשאַפט דער באַפעלקערונג פיל קאָפּ־ווייטיק. די פאַרשיידענע ביוראָקראַטן פלעגן אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס מענטשן פון דירות און פאַרדינגען זיי צו אַנ־דערע פאַר פיל געלט. ביז דער מאָסקווער סאָוועט האָט אַרויסגעגעבן אַ געזעץ, אַז ווען עס איז דאָ אַן אַנקלאַגע קעגן אַ שכן, מוז זי פריער באַ־האַנדלט ווערן דורכן גאַנצן הויז־קאָמיטעט, און ווען ער באַשטימט אַרויס־צוזעצן פון דער דירה, מוז דער פאָרזיצער אונטערשרייבן דעם אורטייל; דאַן גייט עס איבער אין געריכט, וואָס האָט דאָס לעצטע וואָרט ביים אַרויס־וואַרפן באַשולדיקטע פון אַ דירה.

ביי דער זיצונג פון אונדזער הויז־קאָמיטעט, וואָס איך בין געווען זיין פאָרזיצער, איז פאָרגעקומען אַ שטורמישער צוזאַמענשטויס. דער מחבר און אַנטדעקטער פון „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער” טעטיקייט האָט געסטראַ־שעט, אַז אויב מען וועט אים נישט נאָכגעבן די „קלייניקייט”, וועט ער די, וואָס שטערן אים אויסצוראָמען די קאָנטער־רעוואָלוציע, אויך אַרויס־וואַרפן פון דאַנען און זיי וועלן באַשטראָפט ווערן פאַר העלפן דער קאָנטער־רעוואָלוציע.

איך האָב אויסגענוצט מיינע רעכט אַלס פאָרזיצער פון הויז־קאָמיטעט און פאַרלאַנגט איין קלייניקייט, אַז איידער איך וועל אונטערשרייבן, וויל איך, אַז מען זאָל אַרויסרופן יעדן פון די באַשולדיקטע שכנים באַזונדער און זיי אויסהערן. עס קען זיך דאָך טרעפן, אַז פון די צען זאָל איינער אָדער צוויי זיין נישט פאַרמישט אין אַזעלכע זאַכן, טאָ פאַרוואָס זאָלן אומשולדיקע ליידן פאַר די שולדיקע? ווען איינער ברענגט פוטער פון סיביר און פאַרקויפט עס צו אויפגעשרויפטע פרייזן, ווייס איך נישט, צי דאָס איז קאָנטר־רעוואָלוציע. אָדער איינער, וואָס האָט געגרינדעט עפּעס אַ קאָסמעטיש פאַבריקל, אויף וועלכן דער מאָס־פינאָטדיעל האָט אים געגעבן אַ דערלויבעניש, איז דאַכט זיך, אויך נישט קיין קאָנטר־רעוואָלוציע, אאז״וו. דערפאַר האָב איך פאַרלאַנגט, אַז מען זאָל יעדן אַרויסרופן און באַהאַנדלען יעדן פאַל באַזונדער. „אַנדערש וועל איך נישט אונטערשרייבן. האָב איך דערקלערט, אפילו אויב אַלע וועלן זיין דערפאַר”.

טשעלניצקי האָט געזען, אַז ער קען גאָרנישט מאַכן מיט מיר, און אויספירן דאָס זייניקע האָט ער דאָך געוואָלט, איז ער אָנגעפאַלן מיט אַ געשריי, אַז ער, אַלס דער פאָרזיצער פון דער קאָמוניסטישער יאטשייקע (פאַרטיי־קעמערל) פון הויז, וועט רופן אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג און דאָרט וועט ער פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיין פאָדערונג דורכפירן און אַרויסוואַרפן די צען לאָקאַטאָרן פון די וואוינונגען. ער האָט דאָס מיר געשיקט זאָגן, מיינענדיק מיך צו וואַרנען, אָבער מיין ענטפער איז געווען, אַז אויב אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע שכנים וועט אַזוי באַשליסן, איז פאַרפאַלן, נאָר ווען מען וועט מיך רופן אין געריכט, וועל איך אָנגעבן די זעלבע אַרגומענטן און אויפקלערן, פאַרוואָס איך האָב נישט געוואָלט צולאָזן צו דער עקסמיסיע, איידער מען האָט די מענטשן פאַרהערט.

איך ווייס נישט וויאַזוי, אָבער אַלע די, וואָס זענען געווען באַדראָט צו פאַרלירן די וואוינונגען — און צוליב דעם זענען זיי געווען זייער שטאַרק באַזאָרגט — האָבן זיך דערוואוסט, וואָס עס קומט פאָר אין הויז־קאָמיטעט. זיי האָבן אויך געוואוסט, ווער עס שטעלט זיך פאָר זיי איין און וויל נישט זיי באַעוולהן. איינער פון די־אָ שכנים האָט מיר איין טאָג אָפגעשטעלט אין גאַס און דערציילט, אַז זיי ווייסן פון אַלץ און זיי ווייסן מיר נישט ווי צו דאַנקען פאַר מיין האַנדלונג, וואָס איז פאַר זיי אַ רעטונג. איך האָב אים געזאָגט, אַז לויט מיין מיינונג דאַרפן זיי אַלע קומען צו דער פאַרזאַמלונג פון דער „יאטשייקע”, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין אַ פאָר טעג אַרום. זיי דאַרפן נישט מורא האָבן, זיך נישט פאַרלירן און ענטפערן אויף די באַשולדיקונגען. און עס קען זיין — האָב איך געזאָגט — אַז די מיטגלידער וועלן נישט געבן געהערכט דעם אומגערעכטן טשעלניצקין און וועלן לאָזן די לאָקאַטאָרן אין די וואוינונגען.

זיי האָבן מיר געפאָלגט און זיינען געקומען צו דער פאַרזאַמלונג. דאָרט איז געווען דער גאַנצער טאָן־געבער טשעלניצקי אַלס פאָרזיצער פון

„קעמערל" און ער האָט געשאָטן אויף די צען שכנים פאַר פייער און פאַר וואַסער. לויט זיינע רייד איז אויסגעקומען, אַז די גאַנצע קאָנטער־רעוואָ־לוציע אין דער וועלט געפינט זיך ביי אונדז אין הויז און מען מוז זיך ראַטעווען, אַנישט וועלן זיין פאַר אַלעמען שווערע קאָנסעקווענצן.

די פאַרזאַמלטע זענען אַלע געזעסן שטום, ווי פאַרגליווערטע. די, וואָס זיי האָט עס נישט אַנגערירט, זענען געווען אַנגעשראָקן און בעסער גע־שוויגן, און די, וואָס מען האָט באַשולדיקט, זענען געזעסן נאָך מער צעשראָקן — טרויער און זאָרג האָט אַרויסגעקוקט פון זייערע אויגן. עס האָט געהאַלטן דערביי, אַז מען זאָל אָפּשטימען און די זאַך וואָלט גע־ווען געענדיקט. האָב איך געמאַכט אַ פאָרשלאַג:

אַזוי ווי די, וואָס מען וויל אַרויסזעצן פון די דירות, געפינען זיך דאָ אין זאַל, זאָל יעדערער פון זיי דערקלערן, מיט וואָס ער גיט זיך אָפּ און וואָס זיין טואונג איז, און אויב די פאַרזאַמלונג וועט נאָכן אויסהערן זיי אַנערקענען, אַז זיי פאַרנעמען זיך מיט קאָנטער־רעוואָלוציע, וועלן מיר באַשליסן איבערצוגעבן עס איז געריכט און דער געריכט וועט שוין פאַר־אָרדענען, אַז זיי דאַרפן אַרויס פון די דירות.

— „פּראַווילנאַ", ריכטיק, האָט אויסגעשריען אַ פרוי, וועלכע איז גראַד נישט געווען קיין נעפּמאַן, נאָר האָט געאַרבעט אַלס דאָקטאָר אין אַ רעגירונגס־שפּיטאָל. איר אויסרוף האָט דערפרישט די פאַרזאַמלונג און דער גאַנג אירער האָט זיך געענדערט; דער עולם שכנים, אפילו אייניקע פאַר־טייאישע, האָבן געעפנט די מיילער און גענומען רעדן. איינער האָט אפילו דערקלערט, אַז די פאַרזאַמלונג איז אַ קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע, ווייל די „יאַטשייקע" האָט נישט קיין רעכט לויטן לעצטן דעקרעט פון מאָסקווער סאָוועט זיך מישן אין די פונקציעס פון הויז־קאָמיטעט. ווען עס קומט שוין יאָ, אַז דאָס קעמערל מוז זיך אַריינמישן, מוז דערביי זיין אַ פאַר־שטייער פון סאָוועט און ער דאַרף פירן די זיצונג, כדי אַלץ זאָל זיין אָן פערזענלעכע נקמות אאז"וו.

פון אַלע זייטן האָבן די שכנים גענומען שרייען, אַז די פאַרזאַמלונג איז נישט קיין געזעצלעכע, אַז מען זאָל זי אָפּלייגן און אַ נייע זאָל מען ערשט רופן, ווען עס וועט זיין דער צו די איינשטימיקייט פון סאָוועט. טשעלניצקי האָט, נישט ווילנדיק, געשלאָסן די פאַרזאַמלונג און די שכ־נים זענען דערוויל אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַרויסגעוואָרפן צו ווערן אויף דער גאַס.

אָבער מיט מיר האָט זיך טשעלניצקי באַלד אָפּגערעכנט. איין מאָל, פאַר אַ געוויינלעכער פאַרזאַמלונג פון די הויז־איינוואוינער, איז אַריינ־געקומען צו מיר אַ דעלעגאַציע און מיר געלאָזט וויסן, אַז אַזוווי מען ווייסט, אַז פריער אָדער שפּעטער וועל איך פאָרן צוריק קיין אַמעריקע, האָט די הויז־פאַרוואַלטונג באַשלאָסן, אַז אויף דער פאַרזאַמלונג זאָל מען אויסקלייבן אַן אַנדער פאָרזיצער. דערביי פרעגן זיי ביי מיר, וואָס איך

האָב פאַר אַ מיינונג וועגן שטשערבאַקאָוון, וועמען ז י י וועלן טאַקע אַרויסשטעלן אַלס פאָרזיצער.

איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן, האָבן זיי שוין געזאָגט פאַר מיר, אַז איך האָב נישט דאַקעגן, און זיי זעען, אַז זיי האָבן געמאַכט אַ גוטן אויסוואַל. אַזוי ווי איך האָב פריער נישט געוואוסט, ווי איך בין דערוויילט געוואָרן אַלס פאָרזיצער פון הויז־קאָמיטעט, אַזוי איז מיר איצט בעסער געווען נישט צו וויסן, ווי איך ווער אויס פאָרזיצער. איך האָב דער דעלעגאַציע פאַרזיכערט, אַז קיין בעסערן ווי שטשערבאַקאָוון דאַרף מען טאַקע נישט, און וואָס שייך מיר, צי איך פאַר אָדער נישט — דער פאָסטן פון פאָרזיצער איז פאַר מיר נישט צוגעפּאַסט.

איך בין געווען צופרידן, וואָס איך בין פטור געוואָרן פון מיין פאָר־זיצעריי, אָבער פון דער אַנדער זייט האָט מיר פאַרדראָסן, וואָס אַזאַ טשעלניצקי, אַ נישטיקער באַאַמטער, קען זיך שפּילן מיט מענטשן, ווי ער וויל, און נאָך מאַכן דעם אָנשטעל, אַז אַלץ איז אין אָרדענונג און אפילו... דעמאָקראַטיש. איך בין צו דער פאַרזאַמלונג נישט געגאַנגען און זיך גוט פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס שוין צווייטמאָל, ווי איך הער פון אַנדערע, אַז איך וויל אוועקפאָרן, אפשר איז טאַקע בעסער אַזוי? און דער געדאַנק וועגן אָפּפאָרן האָט גענומען רייף ווערן.

און אַז איך האָב נאָר געטראַכט וועגן דעם, איז שוין גלייכער געווען צו זיין צוריקגעצויגן. אויף מאָרגן האָבן פילע שכנים צו מיר געהאַט טענות, אַז איך האָב נישט גוט געהאַנדלט, אַז איך האָב געדאַרפט רע־זיגנירן שפּעטער, אַ פּאָר טעג פאַרן אָפּפאָרן, אָבער נישט איצט ווען איך וועל נאָך געוויס זיין אַ לענגערע צייט דאָ. מיין פאַרענטפערונג איז גע־ווען, אַז איך האָב געמוזט רעזיגנירן פריער, ווייל איך ווייס נישט גע־נוי, ווען איך פאָר, און עס איז בעסער, אַז אַ צווייטער זאָל איבערנעמען די אָנפירונג מיטן הויז־קאָמיטעט און זיך באַקענען מיט דער אַרבעט. שטשערבאַקאָוו איז געווען צופרידן, וואָס איך פאַרענטפער זיך און דער־צייל נישט, ווי אַזוי מען האָט מיר איינגערעדט, אַז איך פאָר אַוועק.

פאַר מיר איז דאָס אין אַלגעמיין געווען אַ גליק. זינט איך בין באַ־מראַכט געוואָרן פאַר אַ נוצלעכן עלעמענט, האָט מען זיך נישט אינטע־רעסירט מיט דעם, וואָס ביי מיר אין הויז קומט פאָר, מען האָט נישט געזוכט קיין חטאים און אַלץ איז געווען גוט. ווי נאָר אָבער מען האָט געוואָרפן אויף עמעצן אַ חשד, — האָט ער געמענגט זיין דער לאָיאַלס־טער, — איז אים נישט געווען וואָס מקנא צו זיין.

זייערע אַנטוישונג און מיין חרטה

אין דער צייט, וואָס איך בין געוואָרן אויס „קאַפּעלוש־מאַכער" אין דעם הויז־קאָמיטעט, איז אָנגעקומען קיין מאָסקווע פון אַמעריקע אַ גרופּע שניידער אַרבעטער, וועלכע האָבן דאָרט צונויפגענומען זייערע פאַר אָפּ־

געשפּאָרטע דאָלאַר און זענען געקומען אַהער ווערן ערד־אַרבעטער. זיי האָבן זיך גענומען פאַרלייגן אַן אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו, איינגעקויפט די נויטיקע מכשירים פאַר דעם, געקויפט אויך אינקובאַטאָרן, און אפילו מיט זיך מיטגעבראַכט אַ ספּעציאַליסט, וואָס קען אַרבעטן אין דער מאַ־דערנער עופות־פּראָדוקציע.

צווישן די שניידער אַגריקולטוריסטן זענען געווען אַ פּאָר, וואָס האָבן אונדז געקענט אין אַמעריקע, און זיי האָבן אונדז אָפּגעשטאַט אַ וויזיט, איידער נאָך דער קאָאָפּעראַטיוו איז געווען איינגעאָרדנט. זיי האָבן אונדז אויך געבראַכט מתנות פון פריינט.

דעם קאָאָפּעראַטיוו האָט מען אָפּגעגעבן פיל לאַנד אין פּושקינאָ, עט־לעכע און דרייסיק ווייערסט פון מאָסקווע און דאָרט האָבן די שניידער געדאַרפט איינשטעלן זייער פּויערים־ווירטשאַפט. מיר האָבן זיך די גאַנצע צייט געריסן צו זיי אַרויסצופאָרן.

און איינמאָל, אין סעפּטעמבער, זיינען מיר אַוועק מיט אַ באַזוך צו אונדזערע אַמעריקאַנער שניידער־פאַרמער אין פּושקינאָ.

די שניידער־פאַרמער האָבן שוין דאָרטן געהאַט דורכגעקעמפט מיט גרויסע שוועריקייטן אַ זומער און זיי זענען שוין לאַנג געקומען צום שלום, אַז ווען זיי קענען אַוועק צוריק קיין אַמעריקע, וואָלטן זיי דאָס געטאָן. זיי האָבן פּשוט זיך נישט געקענט צופּאַסן צום פּויערישן לעבן.

מיר זענען אַהין געקומען אין אַ נאָכמיטאָג און געטראָפן די פרויען ביי דער הויז־ווירטשאַפט; די מענער זענען געווען אין פעלד. אונדזערע פריינד פון קאָאָפּעראַטיוו האָבן זיך מיט אונדז דערפרייט. פאַר די עט־לעכע מאָנאַטן פון זייער אַרבעט אויפן פאַרם האָט קיין מחלוקת נישט געפעלט, ווייל מען האָט דורכגעמאַכט אַ שווער שטיקל צייט. זייער אָפּט פלעגן זיי באַזוכט ווערן פון די פאַרם־אינספּעקטאָרן פון ראַיאָן, פון וועל־כע זיי פלעגן נאָר הערן, אַז זיי זענען צעקוועטשטע אַמעריקאַנער. יעדער באַזוך פלעגט באַגלייט ווערן מיט אַ באַראַטונג, וואָס פלעגט צונישט מאַכן די באַשלוסן פון דער פריערדיקער באַראַטונג און וואָס מען פלעגט נישט מאַכן נעכטן, פלעגט מען מאָרגן דאַרפן איבערמאַכן.

מיט אונדזער באַזוך האָבן זיך די שניידער פאַרמער זייער דערפרייט און זיי האָבן פאַר אונדז אויסגעגאָסן זייער ביטער האַרץ. עס זענען גע־ווען טענות געגרעכטע און אומגערעכטע. פּרעטענזיעס, וואָס זענען אַרויס־געשוווּמען פון דעם רוסישן שטייגער־לעבן, וועלכער איז געווען ווייט נישט אַזעלכער, ווי די אַמעריקאַנער שניידער האָבן עס געחלומט. די חלומות וועגן די רוסישע סטעפּעס זענען געווען אָנגענעמע, ווען דער פּויער האָט זיי באַאַרבעט, אָבער אַזוי שנעל ווי מען האָט אַליין געדאַרפט נעמען אַ רידל אין האַנט און שטיין אויפן פעלד אין שוויים פון פרי ביז שפּעט איז די פּאָעזיע פאַרשוווּנדן און דער שוויים פונם פּנים האָט געזאַלצן געמאַכט די זיסע חלומות.

אָט איז געשטאַנען לעבן אונדז אַ יונגע פרוי, אונדזערע אַן אַמאָלי־

קע חברטע, וואָס האָט געטרוימט פון אַ קאָמונע־לעבן אויף רוסלאַנדס פרייער ערד. זי איז געשטאַנען אין אַ שוואַרץ זיידן קליידל געוואַשן די געפעס און געוויינט.

— וואָס וויינסטו, ליבע חברטע?

— וואָס הייסט, שטיין אַזוי ביים געפעס פון פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, דאָס איז קאָמונע?

— וואָס דען איז קאָמונע, — פרעג איך זי, און זי צעוויינט זיך נאָך מער. זי וויל צוריק קיין אַמעריקע, זי וועט עס נישט אויסהאַלטן.

— נו, און דאָרט איז דען דאָ אַ קאָמונע־לעבן?

— איך ווייס נישט, האָט זי געענטפערט, איך וויל צוריק קיין אַמע־ריקע.

פאַרנאַכט האָבן זיך צוריקגעקערט די מענער פון פעלד. זיי האָבן אונדז דערציילט די גאַנצע לאַגע זייערע. פון די פאַר טויזנט דאָלאַר איז שוין קיין סענט נישט געבליבן. מען האָט זיי פאַרן געלט געגעבן בהמות און וועגענער, ווייל די מאָטאָר־אויטאָס, וועלכע זיי האָבן מיטגעבראַכט פון אַמעריקע, האָבן זיי נישט געקענט נוצן צוליבן פעלן פון וועגן. דער אינקובאַטאָר איז שוין געווען אויס, ווייל נאָך דעם, ווי דער ראַיאָן־קאָ־מיטעט האָט צוגענומען דעם ספּעציאַליסט, וואָס זיי האָבן מיטגעבראַכט, אין צענטער כדי צוגרייטן ספּעציאַליסטן פאַר דער קינסטלעכער עופות־צוכט, איז פון אינקובאַטאָר געוואָרן אַ תל און די איבערגעבליבענע עופות האָט מען שוין אויפגעגעסן.

די לאַגע איז פאַר זיי געווען זייער אַ ערנסטע, און איינער פון די אָנפירער האָט אויסגעדריקט די מיינונג, אַז ווער עס קען, דאַרף צוריק־פאָרן קיין אַמעריקע. זיי האָבן נאָך געהאַט גענוג זאַכן, וואָס פאַרקויפנדיק עס האָט מען געקענט צונויפשלאָגן אויף הוצאות. אַ טייל אָבער זענען נישט געווען קיין אַמעריקאַנער בירגער און זיי האָבן דעריבער נישט געקענט טראַכטן וועגן צוריקפאָרן.

אַזוי ווי זיי זענען געווען אומבאַקאַנט מיט דער לאַגע אין שטאָט, האָבן זיי געבעטן, אַז איך זאָל זיי העלפן. זעענדיק דעם צער פון די מענטשן און וויסנדיק, אַז זיי וועלן אַלץ איינס דאָ גאָר נישט אויפטאָן, האָב איך זיי דאָס צוגעזאָגט. פאַרקויפן די זאַכן איז געווען נישט שווער און אַרויס־פאָרן פאַר אַמעריקאַנער, ווי זיי, איז אויך געווען אַ גרינגע זאַך ווייל אין יענער צייט האָט מען אָט די טרוימער געלאָזט לויפן צוריק.

דאָך האָט זיך עס פון היינט אויף מאָרגן נישט געלאָזט מאַכן און מיר זיינען אַ פאָר טעג פאַרבליבן אויפן פאַרם. אויף מאָרגן אינדערפרי איז איינער פון די שניידער־פאַרמער געפאָרן צום צווייטן טייל פאַרם נאָך מילך. האָב איך זיך אַריינגעזעצט אין זיין וואָגן און מיטגעפאָרן, כדי אָנצוקוקן דעם פאַרם. דער מאַן איז נישט געווען קיין אַמעריקאַנער ביר־גער און ער האָט נישט געקענט צוריקפאָרן. זיצנדיק אויפן וואָגן, האָב איך אים געפּרוּווט אַ ביסל צעשטרייען, ווייל אַ טרויער איז געווען אויסגע־

גאַסן אויף זיין פּנים. ער האָט מיר געזאָגט: וואָס טויגן אַלע טענות, עס איז פאַרפאַלן, איך וועל דאָ מוזן בלייבן, אָבער איך קען אייך זאָגן, אַז אין אַמעריקאַנער שניידער־שאָפּ פלעג איך טרוימען פון רוסישן דאָרף, היינט געפין איך זיך אין דעם רוסישן דאָרף און טרוים פון אַמעריקאַנער שניי־דער־שאָפּ...

מיר זענען אַראָפּ פון וואָגן, ער איז אַריין אין באַראַק נאָך מילך. ביי דער געביידע איז געשטאַנען אַ ייד אין די פופציקער, דער רוקן גע־בויגן, אַ ירושה פון די אַמעריקאַנער שעפּער, וואו ער איז יאָרן געזעסן איינגעבויגן, אויף דער פּלייצע — אַ ביקס, ער האָט געהאַלטן וואַך. מיר האָבן זיך באַגריסט און ער האָט מיר דערקענט, דערמאָנענדיק, אַז איך האָב געפירט פּראָפּאַגאַנדע, מענטשן זאָלן פון אַמעריקע פאָרן קיין רוס־לאַנד. דער ייד האָט עס מיר איצט דערמאָנט מיט פאָרוואורף און אַז איך האָב אים געפרעגט, צי דאָס איז שלעכט געווען, האָט ער געענטפערט, אַז מען האָט מיך נישט נאָר געדאַרפט אַרויסשיקן פון אַמעריקע, נאָר גאָרנישט אַריינלאָזן אַהין, וואָלט ווייניקער צרות געווען אַרויסגעקומען פון דעם פאַר אַנדערע. געמיינט האָט ער נאַטירלעך, נישט מיר דירעקט, נאָר אַלע, וואָס האָבן אַגיטירט פאַר רוסלאַנד.

איך האָב זיך נישט הערנדיק געמאַכט און אים געפרעגט, צו וואָס ער טראָגט אַ ביקס. פון זיין ענטפער בין איך געוואויר געוואָרן, אַז ער איז דער וועכטער פון דער קאָמונע, כאָטש שיסן קען ער נישט. נאָר אויב מען וועט דאַרפן, זאָגט ער, וועט מען קענען. „נאָר איר זאָגט מיר בעסער, — האָט דער ייד צו מיר גערעדט — וויאַזוי, ווערט מען צוריק אַ פּרעסער אין אַ ניו־יאָרקער שאָפּ? איר האָט דאָך געשריען און אַגיטירט צו פאָרן קיין רוסלאַנד מאַכן קאָמונעס, אפשר קענט איר שרייען אויף צוריק. פאָרט קיין אַמעריקע און מאַכט אַ לעבן!”

עס האָט זיך פאַר מיר נאָך מער אַנטפּלעקט די טראַגעדיע און די אַנ־טוישונג פון אָט די פּשוטע אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן אַזוי פיל יאָרן געהאָרעוועט אין די אַמעריקאַנער שעפּער און געגלויבט, אַז די רעוואָלוציע האָט אין רוסלאַנד געשאַפן אַ גן־עדן. און דאָ קוקט זיך קיינער אויף זיי נישט אום, קיינער געפינט פאַר זיי קיין גוט וואָרט נישט און קיינער דער־קלערט זיי נישט, וואָס דאָ קומט פאָר און וואָס עס וועט זיין.

איך האָב געקלערט, אַז דער יידישער אַרבעטס־מענטש איז גערעכט, וואָס ער רעדט מיט אַזויפיל האַס וועגן יענע, וואָס דרייען זיך אַרום אין אַמעריקע און ריידן איין אַנדערע צו ווערן פאַרמער פאַר רוסלאַנד; וואָס אַגיטירן צו פאָרן אַהין אַרבעטן אין קאָמונע צווישן מענטשן, וואָס שוין זייער עלטער אַליין דערלויבט זיי נישט מער דורכצוגיין אַזאַ שווערן עקס־פּערימענט. איך האָב זיך אָפּגעקערט אין מיינע געדאַנקען, ווייל קיין ענט־פער אויף זיינע טענות האָב איך נישט געהאַט.

„גאָלאָס טרודא" ווערט ליקווידירט

דאָס, וואָס איך בין געוואָרן אויס „באַלעבאָס" פון דער הויז, איז פאַר מיר געווען ווי געוואונטשן. די שכנים האָבן אויפגעהערט אַריינצוקומען צו מיר מיט זייערע שווערע הערצער און מיין לעבן איז געוואָרן מער פּריוואַט. דערצו נאָך, אַ דאַנק דעם קלאַנג, אַז מיר פאָרן אוועק קיין אויסלאַנד און אַז מיר האָבן שוין אפילו דערוויף אַ דערלויבעניש, האָט מען, ווייזט אויס, געהאַלטן פאַר גלייכער צו זיין מיט אונדז פון דער ווייטן. אויך איז שטשערבאַקאָוו געווען אַ מענטש, וואָס האָט פיינט געהאַט די פּאָליציייסקע שטיק. דאָס אַלץ האָט מעגלעך געמאַכט צו העלפן די חברים פון אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו אין זייערע באַמיאונגען צו פאָרן צוריק קיין אַמעריקע.

זיי האָבן אָנגעהויבן צו ברענגען צו אונדז זייערע זאַכן צום פאַרקויפן. די זאַכן זענען נישט געווען פון קיין גרויסן ווערט, אָבער אַזוי ווי אין רוסלאַנד האָט מען עס נישט געקריגן, איז דער פאַרקויף געגאַנגען לייכט, מען האָט געצאָלט, וויפל מען האָט געבעטן. די איינוואוינער פון אונדזער הויז זענען געווען בעסער סיטואירטע, גוטע פאַרדינער. די פאַרקויפער האָבן נאָר געדאַרפט זיין פאָרזיכטיק, כדי די שכנים זאָלן זיך נישט דערוויסן, אַז זיי פאַרקויפן זיך אויס כדי אַרויסצופאָרן פון לאַנד.

יעדע נאַכט האָבן ביי אונדז גענעכטיקט אַנדערע חברים פון קאָאָפּעראַטיוו. אַזאַ זאַך איז באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פאַרברעכן, ווייל איינמעלדן זיי האָבן מיר נישט געקענט — מען וואָלט געדאַרפט אָנגעבן, וואָס זיי דאַרפן האָבן אין מאָסקווע. אויך דאָס, וואָס יעדן מאָל מעלדן מיר איין אַ נייעם, וואָלט געווען פאַרדעכטיק און זייער ריזיקאַליש. די מענטשן זענען אונדז געווען סימפּאַטיש און אין זייער פאַרצווייפלונג האָבן מיר זיי געהאָלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך.

פינף פון די מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו מיט זייערע פרויען האָבן מיט אונדזער הילף צונויפגעשלאָגן אויף די הוצאות; זיי האָבן באַקומען פּאַספּאָרטן און צופרידענע צוריקגעפאָרן קיין אַמעריקע. די אַנדערע מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו זענען זיך צעפאָרן אין פאַרשיידענע ווינקלען פון רוסלאַנד, און געוואָרן שניידער צוריק. אַזוי איז ליקווידירט געוואָרן נישט דער ערשטער קאָאָפּעראַטיוו, אָבער דאָס האָט נישט געשאַדט די בולעטינען אין אַמעריקע צו דערציילן וועגן זייערע גרויסע דערפאָלגן און מאָלן די אַרבעט אין די קאָאָפּעראַטיוון אין די שענסטע קאָלירן. פאַקטיש אָבער האָבן די מערסטע פון זיי געהאַט דעם זעלביקן סוף ווי דער שניידערישער אַגריקולטור־קאָאָפּעראַטיוו.

דער געדאַנק אוועקצופאָרן איז ביי אונדז מיט יעדן טאָג געוואָרן רייפער. דאָס נישט טו, דאָ נישט גיי, דאָ נישט שטיי — אין אַלע ווינקעלעך פון לעבן, און דער שטענדיק פאַרשלאָסענער מויל האָבן געמאַכט אומדערטרעגלעך אונדזערע טעג. די פראַגע איז נאָר געווען, ווי אַזוי הויבט

מען עס אָן צו רעאַליזירן, אַז מיר זאָלן נישט האָבן קיין דורכפאַל. ווייל אַז מען זאָגט, איין מאָל אָפּ צו געבן אַ פּאַספּאָרט, איז נישט נאָר וואָס מען קען שוין דאָס מער נישט קריגן, נאָר מען ווערט אַרויסגעשטעלט אויפן צעטל פון די אומצופרידענע און דאָס קען מיט דער צייט פירן צו אומזיסטע קעסט אין סיביר. מיר האָבן דאָס גוט געוואוסט און זיינען געווען פאַרזיכטיק.

אין יענער צייט זענען אַ סך מענטשן געפאָרן קיין אויסלאַנד, אָבער מענטשן אַפּאָליטישע, „נעפּ־לייט". זיי פלעגן באַצאָלן אַ פּאָר הונדערט רובל פאַר אַ פּאַספּאָרט און פיל מאָל אַזויפיל האָט זיי געקאָסט אין פאַרשיידענע אַמטן דאָס דורכצופירן.

גאָר אַנדערש איז געווען די באַציאונג צו אונדזערע מענטשן, און דערפאַר האָבן מיר באַשלאָסן צו זוכן אַ פּאַסיקע געלעגנהייט, ווען מיר וועלן קענען בעטן אַ פּאַספּאָרט. דערווייל האָבן מיר גענומען אָפּשפּאָרן אַ פּאָר דאָלאַר. מיין פאַרדניסט איז געווען 300 רובל אַ חודש און אין יענער צייט איז דאָס געווען אַ היפּשע סומע. פאַר יעדע צוויי רובל האָט מען אין באַנק אָפיציעל געדאַרפט קריגן אַ דאָלאַר. נאָר אַזוי ווי אַ פּריוואַטער מענטש האָט אין באַנק דאָס נישט געקענט קריגן, פלעגט מען אויף דער שוואַרצער בערזע צאָלן דריי רובל פאַר אַ דאָלאַר.

אָפּשפּאָרן 50 דאָלאַר אַ מאָנאַט פאַר אַזאַ צוועק איז געווען נישט שווער, אָבער דאָס אויסבאַהאַלטן זיי איז געווען פיל שווערער. אייגנטלעך, נאָך אַ דעקרעט פון „וציק" האָט מען געמעגט האַלטן דאָלאַרן, נאָר די מאַכט האָט דערפון געדאַרפט וויסן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז מיר אָנגעקומען פון משפּחה אין אַמעריקע 25 דאָלאַר. ביים אָפּנעמען דאָס געלט האָט מען מיר געפרעגט, צי איך וויל דאָס געלט אין דאָלאַרן צי אין רובלס; אויב אין דאָלאַרן, האָט מען מיר געזאָגט, דאַרף איך גרייט זיין זיי אויסצובייטן אויף רובלס, ווען די באַנק וועט עס פון מיר פאָדערן. האָב איך בעסער געבעטן רובלס און געטראַכט, אַז עס איז גלייכער צו האָבן 25 דאָלאַר, וואָס די „געפּעאו" וויים נישט פון זיי, ווי 25, אויף וועלכע זי וועט זיין באַלעבאָס...

אַז עס האָבן זיך אָנגעקליבן אַ פּאָר דאָלאַר, האָבן מיר גענומען פילן דעם טעם פון אויסבאַהאַלטן זיי פון צוויי עלעמענטן, פון גנבים און פון דער „געפּעאו". די נויט לערנט אויס און פירט צו אַנטוויקלונגען, ווי באַוואוסט, — האָבן מיר דערצו אַנטדעקט אַ זיכערן מיטל, נאָר די בלוט און נערוון, וואָס מען פלעגט פאַרלירן ביים איינקויפן אַ פינף דאָלאַר־שטיק, האָט מיך אָפּט געמאַכט קלערן, אַז עס איז נישט כדאי און מען דאַרף אויפגעבן דעם פּלאַן אַוועקצופאָרן. דאָך זיינען פון אַמעריקע מיר אָנגעקומען נאָך עטלעכע מאָל ענלעכע סומעס, און דער טייל פון דער אויפגאַבע איז געווען כמעט דערפילט.

אויף צו פאָרן לעגאַל האָט מען קיין סך נישט געדאַרפט, נאָר די שוועריקייטן זענען געווען קאָלאָסאַלע. בערג מיט פּאַפּירן האָט מען אין

די קאַנצעלאַריעס פאַרנוצט פאַר יעדן איינעם און דאָך איז מען נישט זיכער געווען, אַז עס וועט נישט קומען קיין אַפּזאַג. פאַרן נישט לעגאַל איז געווען לייכטער און עס האָט, פאַרשטייט זיך, געקאָסט טייערער. נישט קענענדיק זיך באַשליסן וואָס צו טאָן, האָב איך דערווייל געאַרבעט אויף דער גאַנצער פּאַרע מיטן דרוקן פיר מיליאָן אַנקעטעס, וואָס דער אויסערן־קאָמיסאַריאַט האָט ביי אונדז געהאַט באַשטעלט. מיינע חברים פון אונדזער גרופּע האָבן געוואוסט פון מיין פּלאַן אַרויסצופאָרן, און זיי האָבן נישט געהאַט גאָרנישט קעגן דעם. פאַרקערט, זיי האָבן מיר נאָך צוגעזאָגט זייער מיטהילף, ווען איך וועל עס דאַרפן רעאַליזירן.

אין דעם אויסערן־קאָמיסאַריאַט פלעגן מיר קריגן געלט פאַר דער אַרבעט אויף די אַנקעטעס יעדע פופצן טעג. איין מאָל, ווען איך בין געקומען נאָך געלט פאַר דער דרוקעריי, האָט מען מיר געזאָגט, אַז מיר זאָלן צושטעלן אַ פולע רעכענונג, ווייל מען דאַרף שוין נישט די אַנקעטעס. אויף דער פראַגע, פאַרוואָס מען דאַרף נישט, האָט מען מיר נישט געוואוסט וואָס צו ענטפערן און געהייסן נישט שטעלן קיין נאַרישע פראַגעס. די הונדערטער טויזנטער אַנקעטעס, וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט, האָט מען אונדז געזאָגט, קענען מיר אַרויסוואַרפן, און כדי מיר זאָלן נישט האָבן קיין נאָכווייעניש, האָט מען מיר אַרויסגעגעבן אַ שריפטלעכע באַשטעטיקונג, אַז מען האָט אונדז דערלויבט צו טאָן דערמיט, וואָס מיר ווילן.

די אַרבעט איז פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן און אונדזער דרוקעריי און פאַרלאַג זיינען געשטאַנען אין אַ געפּאַר. קריגן אַנדערע אַרבעט איז געווען זייער לייכט, אָבער נאָר פּריוואַט־געזעלשאַפטלעכע, נישט ביי דער רעגירונג. אָבער די „געפּעאו", אַזוי שנעל ווי זי וועט זיך דערוויסן, אַז ביי אונדז איז אויס מיט רעגירונגס־אַרבעט, וועט זי אונדז מאַכן שוועריקייטן, ווי מיר פלעגן עס האָבן פריער. אַנגיין זוכן אַרבעט האָבן מיר דאָך אָבער געדאַרפט, האָבן מיר זיך גענומען און גיך געקראָגן פיל באַשטעלונגען. און עס האָט אַזוי פּאַסירט, ווי מיר האָבן געקלערט.

אין די לעצטע טעג פון אויגוסט 1925 האָט אַ קאָמיסיע פון דער „געפּעאו" באַזוכט די דרוקעריי פון „גלאָס טרודא". נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך מיט אונדז (איך בין געווען מיטן פריער דערמאָנטן גראַסימטשיק, וועלכער האָט אַנדערש ווי זידלען זיך מיט אַזעלכע קאָמיסיעס נישט געקענט) גוט צעווערטלט, האָבן זיי דורכגעפירט אַ שטרענגע אונטערזוכונג. צו יעדן פּאַפּירל האָט מען זיך געטשעפּעט, געזוכט טריפה זאַכן און פאַרענדיקט די רעוויזיע שפּעט אין אָוונט, בעת די אַרבעטער זענען שוין געווען אַוועק פון דער אַרבעט.

ווי נאָר גראַסימטשיק האָט אויפגעהאַנגען דעם שלאָס אויפן טיר, האָט איינער פון די אַגענטן ביי אים גענומען דעם שליסל, זאָגנדיק, אַז מאָרגן זאָל מען קומען נאָכן שליסל אין דער „געפּעאו", אויב מיר ווילן, און אויב נישט, זאָלן מיר וואַרטן, ביז מען וועט אונדז אים אַליין צוריקגעבן. גראַסימטשיק האָט געמוזט פאָלגן.

איך האָב קוים דערלעבט ביז אויף מאָרגן פרי. צו דער דרוקעריי בין איך געקומען דער ערשטער. דער הויז־וועכטער האָט מיר געלאָזט וויסן, אַז מען האָט אים צוגעשיקט אַ באַפעל ביינאַכט, ער זאָל קיינעם נישט אַריינלאָזן אין הויף, און טאָמער וועט מען אים נישט פאָלגן, זאָל ער עס מעלדן טעלעפאָניש אין דער „געפּעאו".

עס זענען זיך צוזאַמענגעקומען די אַרבעטער פון דער דרוקעריי און מיר האָבן זיי דערציילט, וואָס עס האָט פּאַסירט. אַלע האָבן עס אויפגע־נומען שווייגענדיק, אָבער, אינם שווייגן איז געלעגן מער, ווי מ'וואָלט גערעדט.

צווישן די אַרבעטער איז געווען איינער מיטן נאָמען קניאַזעוו. ער איז געווען אַמאָל קאַלינינס אַ חבר, נאָר אַזוי ווי ער האָט זיך עפּעס פאַר־זינדיקט דורך אָנטייל נעמען אין אַן אָפּאָזיציע, האָט ער נאָך אַ יאָר סיביר געדאַרפט אַרבעטן דריי יאָר ביי אַ מאַשין, כדי צו קענען ווידער ווערן אַ פּאַרטיי־מיטגליד. האָט ער געאַרבעט אין אונדזער דרוקעריי. אָט דער קניאַזעוו האָט זיך אונטערגענומען צו פועלן, אַז מען זאָל אונדז צו־ריק עפענען די דרוקעריי.

מיר זענען אַלע אַריין אין אַ שענק, לאַנג דיסקוטירט וועגן אונדזער לאַגע און געזוכט מיטלען וויאַזוי צו עפענען די דרוקעריי. אין יענער צייט איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמפּאַניע צו עפענען אַרטעלן און קאָאָפּעראַטיוון, וואָס זאָלן זיך קעגנשטעלן די „נעפּ"־לייט. האָבן מיר באַשלאָסן אַז מ'דאַרף מאַכן אַ ווענדונג צו דער „געפּעאו", זי זאָל ביי אונדז דינגען די דרו־קעריי פאַר אַ קליינעם אָפּצאָל און מיר וועלן אַרבעטן אַלס קאָאָפּעראַטיוו. דערצו האָבן מיר נאָר געוואָלט האָבן רעכט אָפּצודרוקן פון צייט צו צייט אַ בוך פאַר „גלאָס טרודאַ", אויב די „געפּעאו" וועט עס דערלויבן.

דער פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן, און נאָך אַ פּאָר וואָכן קוימעניש האָט די „געפּעאו" איינגעשטימט צו עפענען די דרוקעריי, וועלכע האָט באַקומען אַ נייעם נאָמען: „טשיסטאַיאַ פּעטשאַט", עס איז געוואָרן אַ קאָנטראַקט לויט וועלכן מיר האָבן געדאַרפט באַקומען פאַרן „גלאָס טרודאַ" אַ געוויסע סומע אַ מאָנאַט, אויב קיין בוך פאַרן פאַרלאַג וועט נישט מעגלעך זיין צו דרוקן.

אין עטלעכע וואָכן צייט איז אָבער קלאָר געוואָרן, אַז פון דעם ענין וועט גאָרנישט זיין. מיר האָבן געענדיקט די אַלטע אַרבעט און קיין נייע האָבן די קאָאָפּעראַטיוו־באַלעבאַטים נישט געשאַפן. קיין געלט האָט מען אויך נישט געקריגן, און די אַרבעטער זענען אַוועק אין בעסערע פּלעצער, וואו מען האָט יאָ געקאָנט פאַרדינען אַ פּאָר רובל.

איין טאָג איז קניאַזעוו געקומען מיט אַ נייס, אַז דער סערפּוכאָווער „איספּאָלקאָם" (אויספיר־קאָמיטעט) זוכט צו קויפן אַ דרוקעריי. האָבן מיר אַוועקגעשיקט אַ דעלעגאַציע אין סערפּוכאָווקע און זיך געמאָלדן צום פאָר־זיצער פון „איספּאָלקאָם". אונדזער גרופּע האָט געהאַט באַשטימט, אַז מיר זאָלן פאַרקויפן די דרוקעריי פאַר נישט ווייניקער ווי 20 טויזנט רובל,

באַטש זי איז ווערט געווען מער. די אַרבעטער פון דער דרוקעריי, וואָס זענען נאָך געבליבן, האָבן מסכים געווען און זיינען געווען צופרידן, וואָס מען וועט זיי קענען באַצאָלן די חובות, וואָס מען איז זיי געקומען פאַרן לעצטן מאָנאַט.

אין דער דעלעגאַציע צום פאָרזיצער פון „איספּאָלקאָם" בין איך געווען מיט גראַסימטשיקן. מיר האָבן אָנגעטראָפן אויף א מענטשן מיט גרויסער בילדונג און אויפריכטיקן רעוואָלוציאָנער. אויף זיין פּנים איז געווען קענטיק, אַז ער איז געווען א ייד, אַן אויסזען האָט ער געהאַט פון א ישיבה־בחור, איז געווען קורצזיכטיק, אָבער א באַנעמונג האָט ער געהאַט פון יענעם סאָרט סאָציאַליסטן, וואָס אין יענער צייט איז עס שוין אין רוסלאַנד געווען א זעלטנהייט, ווייל אַלץ און אַלע האָבן זיך שוין געהאַט פאַרביוראָקראַטיזירט.

מיר האָבן אים דערציילט, ווער עס האָט אונדז געשיקט און וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער ווייס שוין אַלץ גענוי, ווייל קניאַזעוו האָט אים שוין אינפאָרמירט. ער האָט אונדז אפילו דערציילט, אַז ער ווייס, מיט וואָס דאָס קען זיך ענדיקן, וואָרעם מען האָט די דרוקעריי נישט געטאָרט פאַרקויפן, אָבער אַזוי ווי דער „איספּאָלקאָם" נייטיקט זיך אין דער דרוקעריי, שטעלט ער זיך איין, נאָר מיט איין באַדינג: ער גיט אונדז 15 טויזנט רובל און נאָך 10 טויזנט רובל וועט ער באַצאָלן, ווען די דרוקעריי וועט שוין גיין איינגעשטעלט אין סערפּוכאָווקע. דערביי האָט ער אונדז פאַרזיכערט, אַז די סערפּוכאָווקער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע וועט אונדז באַשיצן, אויב די „געפּעאו" וועט זיך טשעפּען צו אונדז.

מיר האָבן איינגעשטימט, און עס איז געבליבן, אַז ער, דער פאָרזיצער פון סערפּוכאָווקער „איספּאָלקאָם", וועט קומען קיין מאָסקווע, איבערקוקן דעם אינווענטאַר, און איינצאָלן 15 טויזנט רובל און מיר זאָלן גלייך נעמען אַריבערפירן די דרוקעריי צו אים אין שטאָט. ער האָט אונדז אויך געבעטן מיט קיינעם וועגן דעם נישט רעדן, כדי עס זאָל זיין לייכטער די זאַך דורכצופירן.

צופרידענע פונם געלונגענעם אָפּמאַך, זענען מיר צוריקגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָבן בשעת־מעשה גאָר נישט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר א גוטע מלאכים עס האָבן מיט אונדז געשפּילט.

צו דער באַשטימטער צייט איז דער פאָרזיצער פון סופּערכאָווקער „איספּאָלקאָם" געקומען אין דרוקעריי, גענומען באַטראַכטן די מאַשינען און געבעטן אים איבערצייגן מיט דאָקומענטן, ווער עס איז דער באַלעבאָס איבער זיי. מיר האָבן אים געוויזן די פּאַפּירן, וואָס מיר האָבן געהאַט פון פּעטראָגראַדער סאָוועט, וועלכער האָט אונדז דערלויבט אַריבערצופירן די דרוקעריי קיין מאָסקווע; דאָרט איז געווען פאַרשריבן, אַז דאָס איז דאָס אייגנטום פון אייניקע אַמעריקאַנער חברים, וואָס האָבן עס געבראַכט קיין רוסלאַנד פאַר געזעלשאַפטלעכע צוועק. דעם זעלבן טאָג האָבן

מיר פון אים באַקומען די 15 טויזנט רובל און די שליסלען זענען לויטן אָפּמאַך אריבער צום קויפער. מיר האָבן אויך באַקומען פון אים אַ קוויטל, אַז ווען די מאַשינען וועלן זיין אין סערפוכאָווקע, קריגן מיר די איבע־ריקע צען טויזנט רובל. אַזוי ווי איך בין געווען אַן אַמעריקאַנער, איז מיר איבערגעגעבן געוואָרן, צו זיין דער, וואָס גיט איבער די מאַשינען צו די נייע באַלעבאַטים.

מיר האָבן דערווייל געמאַכט אַ חשבון, באַצאָלט די חובות פון די געהאַלטן און אויך „ראַ:אַלטים" צו סאָפיא קראַפּאָטקינא און ווערא פיג־נער פאַרן דרוק זייערע ביכער. אין דעם אַלעמען האָט אונדז מיטגעהאָלפן דער פאָרזיצער פון סערפוכאָווקער „איספּאָלקאָם" און ער האָט אונדז גע־געבן עצות ווי אַזוי דאָס צו טאָן לויטן סאָוועטישן געזעץ.

מען איז צוגעטראָטן פונאַנדערצונעמען די מאַשינען. איך בין גע־ווען דער איינציקער פון דער גרופּע „גאָלאָס טרודא" אָנוועזנדיק דערביי און מיט מיר — דער קויפער. מיר האָבן זיך געוויצלט וועגן דעם, וואָס די גרופּע אַנאַרכיסטן האָט נאָך מזל צו פאַרענדיקן אויף אַ נאָרמאַלן אופן די אַרבעט אין פאַרלאַג.

דערווייל זיינען אָנגעקומען דריי חברה־לייט פון דער „געפּעאו" און גענומען פרעגן צו אַלעם ערשטן, וואָס דאָ קומט פאָר „מיר צונעמען די מאַשינען", — האָט זיי געענטפערט דער פאָרזיצער פון סערפוכאָווקער סאָוועט, — מיר האָבן עס אָפּגעקויפט האָט ער געזאָגט אויף זייערס אַ שטרענגערע פראַגע. מיין בחור האָט אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר פון קעשע־נע און רואיק עס דערלאַנגט די אַגענטן. דער דאָקומענט האָט גענומען וואַנדערן אין די הענט פון אַלע דריי, און זיי האָבן גענומען מיט אים ריידן ווייך און געלאַסן. נאָך אַ לענגערן שמועס האָבן זיי אים איינגעלאַדן מיט־צוגיין אין דער „געפּעאו", כדי דאָרט צו פאַרפיקסירן דעם אַקט פון אָפּ־קויפן די דרוקעריי.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער קויפער איז אַ גרויסער קנאַקער, ווי־באַלד ער האָט נישט קיין מורא פאַר די אַגענטן פון דער „געפּעאו", נאָר זיי האָבן מורא פאַר אים.

ווען זיי האָבן גענומען אַרויסגיין, האָט דער ערשטער פון די אַגענטן זיך געווענדעט צו מיר און געזאָגט, אַז אַלס פאָרשטייער פון „גאָלאָס טרו־דא" דאַרף איך אויך מיטגיין אין דער „געפּעאו". איידער נאָך איך האָב באַוויזן צו ענטפערן אויף דער איינלאַדונג, האָט דער פאָרזיצער פון סער־פוכאָווקע דערקלערט מיט אַן ענערגישן טאָן, אַז איך דאַרף בלייבן אין דרוקעריי און זען, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג. „איך בין פאַר אים פאַראַנטוואָרטלעך — האָט ער געזאָגט, — איך קויף די מאַשינען און מיר מוזן זיי האָבן וואָס גיכער". און אַזוי רעדנדיק האָט ער אַרויסגענומען די שליסלען פון קעשענע און זיך צו מיר געווענדט:

— חבר, אַזוי שנעל ווי איר וועט פאַרטיק ווערן, זאָלט איר אַזוי

גוט זיין פאַרשליסן דעם לאָקאַל און מיר צושטעלן די שליסלען אין ערשטן „דאָם סאָוועטאָוו".

די לעצטע ווערטער האָט ער אונטערגעשטראָכן. דאָס האָט באַדייט, אַז מען האָט דאָ צו טאָן נישט מיט אַבי וועמען.

איך האָב מיט די מעכאַניקער געאַרבעט ביז טיף אין דער נאַכט ביים פונאַנדערנעמען די מאַשינען, דאַן האָב איך צוגעשלאָסן דעם לאָקאַל און אוועק אין ערשטן „דאָם סאָוועטאָוו" אָפּטראָגן דעם שליסל.

אָנגעקלאַפּט אין זיין צימער — האָב איך אים געטראָפן זיצן ביי אַ שרייב־טיש אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין געוועזן אומרואיק, און מיר דערקלערט מיט אַ שמייכל, אַז איך קען גיין שלאָפן רואיק און אַלץ וועט זיין אין אָרדענונג. ער האָט געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן אָרענטלעכן, אויפריכטיקן רעוואָלוציאָנער און פאַרן אוועק־גיין האָב איך אים געפרעגט, פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט, אַז איך זאָל מיטגיין אין דער „געפּעאו". דער פריינדלעכער מאַן האָט מיר דאַן אָפנהאַרציק דערקלערט, אַז אויסער פאָרזיצער פון סערפּוכאָווקער סאָוועט איז ער אויך דער פאָרזיצער פון „געפּעאו" דאָרטן, און פון דער פּראַק־טיק ווייס ער, אַז די חברים פון דער „געפּעאו", ווען זיי נעמען עמעצן מיט, ווילן זיי שטענדיק בלייבן די גערעכטע, און עס קומט דער נאָך אָן מיט גרויסע שוועריקייטן אַרויסצוקריגן פון דאָרט אויף דער פריי. וויפל מען זאָל נישט באַווייזן, אַז דער אָדער יענער קען ברענגען מער נוצן אויף דער פריי, ווי זיצנדיק אין דער „געפּעאו", — געפינען שוין די אַגענטן חטאים כדי צו באַרעכטיקן זייער האַנדלונג. דערפאַר האָט ער געוואָלט, איך זאָלן בלייבן אין דרוקעריי.

מיר האָבן דאַן פאַרפירט אַ געשפּרעך וועגן דער רוסישער רעוואָלו־ציע. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען פאָרזיצער פון דער סער־פּוכאָווקער „געפּעאו", האָב איך צו אים באַקומען אַ מערקווירדיקן צוטרוי און גאַנץ פריי אַרויסגעזאָגט מיין מיינונג וועגן דעם, צו וואָס די פירונג פון דער רעוואָלוציע קען ברענגען.

דער ענטפער, וואָס איך האָב פון אים געהערט, האָט מיר געמאַכט פיל נאָכצודענקען. מען דאַרף אויפהערן צו טרוימען — האָט ער גע־זאָגט, — אַז דער סאָציאַליזם איז אַן אידעאַל פאַר זיך. דאָס איז אַן עקאָנאָמישע סיסטעם און מער נישט. זענען איצט געקומען צו דער מאַכט מענטשן, וואָס די געשיכטע האָט איבערגעגעבן אין זייערע הענט איינצו־פירן די נייע סיסטעם, דאַרף מען נישט אַרומגיין און פילאָסאָפירן, פיל־פּלען זיך, נאָר ווי פּשוטע מעכאַניקער אינסטאַלירן די נייע סיסטעם אויפן אָרט פון דער קאַפּיטאַליסטישער.

— אָבער ווי קען מען צוגיין צו דעם מיט אַזאַ טרוקענער מאָס? — האָב איך אָפּאָנירט, — אפילו ווען מען זאָל ווילן איינפירן בלויז די נייע סיסטעם, קען מען דאָך עס נישט מאַכן מעכאַניש. אָט זעען מיר שוין, ווי די אינסטאַלירונג ווערט אָפט געמאַכט שלעכט, און די נייע

אינזשיניערן לאָזן נישט מאַכן זיך קיין באַמערקונג אפילו. עס וועט אַוועק־גיין נאָך אַ צענדליק יאָר, וועלן זיי קוקן אויף דער מאַסע מענטשן ווי אויף זייערן אַן אייגנטום. אויפן אַרט פון דעם, אַז די סאָציאַליסטישע אָרדענונג זאָל דינען דעם קאָלעקטיוו, וועט זי ווערן אַן אינסטרומענט אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע, און דער מאַסע־מענטש וועט זיין איר שקלאַף.

מיין מיטשמועסער האָט מיר איבערגעריסן און געזאָגט:

— אַט דאָ ליגט די צרה מיט פיל פון אייך. וואָס עפּעס דאַרפט איר זיך איינרעדן, אַז איר דאַרפט זיין די היטער פון דער רעוואָלוציע און פון ריכטיקן סאָציאַליזם? מיר האָבן אַלע, יעדערער אויף זיין אופן, גע־שטרעבט צו ווערן די באַלעבאַטים פון דער סיטואַציע, האָבן מיר עס דער־גרייכט; דאַרפן מיר עס אויסנוצן, ווי עס לאָזן זיך, נישט דאַגהנדיק פאַר קיין גאַנצע דורות. אויב עס וועט נישט אַרויסקומען, אַזוי ווי עס דאַרף צו זיין, זאָלן די קומענדיקע דורות דאָס בעסער מאַכן.

— פאַרוואָס, האָב איך געפרעגט, מיינט איר, אַז די געשיכטע האָט אונדז נישט באַפולמעכטיקט צו זיין די היטער און אַז זי האָט יאָ גע־וואָלט, אַז איין גרופּע זאָלן זיין די, וואָס פירט איין די נייע סיסטעם?

— זייט נישט קיין בלינדער — האָט ער געענטפערט. מען זעט דאָך, אַז די געשיכטע האָט אויסגעוויילט אָט די גרופּע און זי האָט די מאַכט און דעם ווילן אַזוי צו פירן. דערפאַר דאַרפן מיר אַלע מיטהעלפן אין דער בויאונג, און וואָס עס וועט זיין שפּעטער — לאָזט עס איבער פאַר די, וואָס וועלן קומען נאָך אונדז.

ער האָט נאָך לאַנג גערעדט און אַנטוויקלט זיין בליק אויף דעם גאַנג פון דער רוסישער רעוואָלוציע. עס איז געווען אַכט יאָר נאָך איר אויס־ברוך, און כאָטש ער האָט מיט חכמה אַנטוויקלט זיין טעאָריע, איז עס אָבער געווען אַ גענוג צינישער צוגאַנג. די צייט האָט פיל אַזעלכע אי־דעאַליסטן ווי ער פאַרוואַנדלט אין ציניקער. ער וויל נישט מער זיין קיין קרבן, אדרבא, ער וויל זיין איינער פון די, וואָס מאַכן דעם אַנדערן פאַר אַ קרבן.

בעת מיר האָבן פאַרענדיקט דעם געשפּרעך, האָט מיר דער פאָרזי־צער פון „געפּעאו" געזאָגט, אַז דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן דאָ גערעדט, וואָלט גענוג געווען, מען זאָל דערפאַר אויפהענגען אַ פאַלק סאָלדאַטן.

אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט דאָס געריכט באַשטימט, אַז עס קומט אונדז די איבעריקע צען טויזנט רובל. דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט דער עפּיזאָד פון אונדזער גרופּע אַלס ביכער־אַרויסגעבער און מיר זענען געוואָרן אויס דרוקער. פאַר דער גרופּע פון „גאַלאַס טרודאַ" איז געבליבן איין קוואַל פון פרנסה — דער פּאַפּיר־און בוך־געשעפט. נאָר די פאַר־דינסטן זענען איינגעשרומפּן געוואָרן און אַלע האָבן זיך דערביי נישט געקענט האַלטן.

האָב איך גענומען קלערן ווידער וועגן אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד.

די מיטלען דערויף האָבן מיר געהאַט, און נאָר געטראַכט, וויאַזוי מען קריגט אַ דערלויבעניש דערויף, נישט בעטנדיק דירעקט. עס איז נויטיק געווען דאָס צו מאַכן אַזוי, אַז מען הייסט אונדז אַרויספאָרן, נישט אַז מיר ווילן.

האַבנדיק אַזאַ האַפענונג, איז שווער געווען זיך צו נעמען צו אַן אַנ־דער באַשעפטיקונג, כאָטש דורך מיינע באַקאַנטשאַפטן איז זייער לייכט צו קריגן אַ פּאָסטן ערגעץ אין אַן אַמט. טרעפנדיק זיך אָפט מיט באַ־קאַנטע, וואָס זענען שוין געווען הויך אַרויף אויפן ביוראָקראַטישן לייטער, פלעגן זיי מיך פרעגן, וואָס איך טו און צי איך וויל נישט אָננעמען דעם אָדער יענעם פּאָסטן. דער ענטפער איז געווען, אַז איך וועל מסתמא מיט דער צייט פאָרן קיין אַמעריקע. אין אַלע אַזוינע פאַלן, פלעגן אפילו די פאַראַנטוואָרטלעכסטע קאָמיסאַרן גיריק אַ קוק טאָן אויף מיר, זאָגנדיק: קיין אַמעריקע? „עטאָ ניעפּלאָכאָ" (דאָס איז נישט שלעכט).

אַזוי ווי פרייע צייט האָב איך געהאַט אַ סך, פלעג איך יעדן טאָג קו־מען אין פּאַפּיר־געשעפט פון „גלאַס טרודאַ" און מיטהעלפן די חברים אָן קיין שום באַלוינונג פאַר דער אַרבעט. אַזוי ווי מיר האָבן פון פאַרקויף פון דער דרוקעריי און נאָך מער פון די ביכער און פּאַפּיר געהאַט אָפּ־געשפּאָרט אַ גרעסערע סומע געלט אין פאַרלאַג, האָבן מיר באַשלאָסן פאָרן געלט אַרויסצוגעבן אַלע ווערק פון מיכאַיל באַקונין.

אייניקע פון אונדז, ווי פּראָפ. באָראָוואָי און איך, האָבן אפילו גע־האַלטן, אַז עס וואָלט אפשר בעסער געווען אַרויסצופירן אונדזער פאַרלאַג קיין אויסלאַנד און דאָרט פאָרזעצן די אַרבעט. אָבער די גרעסטע מערהייט פון דער גרופּע איז געווען ביי דער מיינונג, אַז מען וועט אונדז דאָ מער נישט פאַרפאָלגן, ווייל מיט קיין פּאָליטישער אַגיטאַציע פאַרנעמען מיר זיך נישט. דאָס, וואָס מיר דרוקן אָפּ אַ בוך, ווערט געטאָן מיט דער דער־לויבעניש פון דער מאַכט. איז געבליבן, אַז מיר זאָלן נעמען מאַכן די צוגרייטונגען אַרויסצוגעבן באַקונינס ווערק. אַ דערלויבעניש אויף דעם האָבן מיר שוין פון לאַנג געהאַט און פּראָפ. באָראָוואָי, אַ קענער פון באַ־קונינען און זיינער אַ תלמיד, האָט זיך געזעצט צוגרייטן דעם מאַטעריאַל.

אַ פאַרהער אויף לוביאַנקע און פּאַספּאָרט קיין אויסלאַנד

עס איז געווען סוף זומער אין מאָסקווע. אין עטלעכע וואָכן פון סעפּטעמבער־אָקטאָבער זענען די טעג נאָך שיינע און וואַרעמלעכע, די שטערן באַזילבערן די טונקעלע הימלען ביינאַכט און דער וועטער איז אַ מחיהדיקער — מאַכט דעם מענטשן פאַרגעסן אָן אַלץ. אפילו אונטערן נייעם רעזשים, וואו מען איז געווען אַזוי פּראַקטיש און געדאַרפט זיין אין אַלץ פּאָזיטיוו, — האָט עס געצויגן הנאה צו האָבן פון דער נאַ־טור, וואָס איז נישט קאַרג צו קיינעם און קלייבט נישט אויס קיין יחי־דים, נאָר פאַרטיילט איר פּראַכט צו אַלעמען גלייך.

אָבער אפילו אין יענע שיינע וואָכן, אין וועלכע דער מענטש פרישט זיך אָפּ א ביסל, פאַרגעסט מען אויך נישט, אז מען דאַרף זיך גרייטן צו באַגעגענען דעם בייזן ווייס־גרויען ווינטער, וואָס איז אויפן שוועל מיט זיין פאַרפרוירן האַרץ. מען שרעקט זיך פאַרן ווינטער, מען רעדט פון אים מיט אנגסט און יעדער באַמיט זיך מיט אַלע מעגלעכע מיטלען אָפּצושוואַכן זיין ביטערע קעלט. ווער עס האָט נאָר א פּאָר רובל, קויפט זיך א וועגל האָלץ, א ביסל קוילן, א זאַק קאַרטאָפל און נאָך אזעלכע זאַכן, וואָס קענען דער־וואַרעמען דעם גוף אין די קאַלטע זאַווערוכעס.

אין די פריערדיקע יאָרן האָב איך זיך שטענדיק געגרייט צום ווינטער, ווי אַלע אַנדערע סאָוועטישע בירגער, אָבער איצט, צום פינפטן ווינטער, בין איך געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק. מיין געדאַנק איז געווען פאַר נו־מען מיטן פאָרן צוריק ערגעץ אין אַמעריקע, און איך בין געווען זיכער, אז איידער דער ווינטער וועט זיך שטעלן, וועל איך שוין זיין אויפן וועג. פון וואַנען מיין זיכערקייט האָט זיך גענומען, ווייס איך נישט ביז היינט צו טאָג. קיין ביטע אויף א דערלויבעניש ארויסצופאָרן האָב איך נישט אָנ־געגעבן, ווייל איך האָב געוואוסט, אז מיט דעם וועל איך מאַכן ערגער די, וואָס האָבן עס געטאָן, האָט מען אָפּגעזאָגט, און אזעלכע אָפּזאָגן האָבן שוין געפירט צו ווייטערדיקע צרות. דאָך פלעג איך אַלע מיינע באַקאַנטע פאַרזיכערן, אז אָט באַלד וועל איך ארויספאָרן פון לאַנד.

מיינע נאָענטע חברים, וועלכע האָבן געוואוסט דעם אמת און האָבן געהאַלטן, אז איך טראָג זיך ארום מיט א חלום, פלעגן אָפּט מיר „קיבעצן" מיט דעם גרויסן בוקעט בלומען מיט וועלכן זיי וועלן מיר באַגלייטן. אָבער די רייד מיינע זיינען נישט געווען ארויסגעוואָרפן. איך פלעג דערציילן וועגן מיין פּלאַן אַוועקצופאָרן, וואו נאָר עס פלעגט מיר אויסקומען צו זיין, און האָב גערעדט וועגן דעם אפילו צו אזעלכע מענטשן, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו היטן די כשרקייט פון די בירגער. צווישן מיינע באַקאַנטע האָב איך אויך געהאַט אזעלכע, און אז איך פלעג זיך מיט זיי טרעפן, איז די טעמע פון געשפּרעך געווען מיין ווילן צו פאָרן קיין אַמעריקע.

איינער פון אָט די באַקאַנטע מיינע, וואָס איז מיר געווען א גוטער חבר און האָט מיך נישט איינמאָל אָפּגעהיט פון א בייז אויג, האָט גע־קענט טאָן דאָס נויטיקע, אז איך זאָל קענען פאָרן. ווען איך פלעג אָבער מיט אים רעדן, איז זיין ענטפער געווען, אז איך זאָל זיך עס ארויסשלאָגן פון קאָפּ, און אז ווען איך זאָל נישט זיין קיין אייזל, דאַרף איך אַמערי־קע אויף כפּרות.

אָט דער חבר מיינער, באַגאַפּאָלסקי האָט ער געהייסן, האָט געפּרוּווט מיך ארויספירן אויפן „גלייכן וועג". „די בורשואַזע דעמאָקראַטיע — פלעגט ער זאָגן, איז דיר אריין אין די ביינער. מען וואָלט דיר געדאַרפט אין א געוויסן טאָג נעמען פאַרן קאַרק און ארויסוואַרפן אויפן קאַפּיטאַ־ליסטישן בערגל שמוץ און זאָלסט זיך דאָרט פרייען מיט זיי". דאָס איז געווען פאַר מיר א געלעגנהייט אים צו זאָגן, אז, אדרבא, איך וואָלט וועלן

זען, ווי ער טוט עס. דערויף האָט ער מיר געענטפערט שוין ערנסט, אַז מען וועט עס טאָן, און אויב איך וועל אפילו חרטה האָבן, וועט מיר שוין נאָך דעם גאָרנישט העלפן.

פון דעם שפּאַסיקן געשפּרעך זענען מיר אַריבער צו אַן ערנסטן וויכוח. איך האָב באַגאַפּאָלסקין, וואָס האָט געהאַט אַ וויכטיקן אַמט, דערקלערט, אַז ער דאַרף מיך פאַרשטיין; ער ווייס, וואָס איך האָב געטאָן אין אַמעריקע, און דאָ קען איך קיין טעטיקייט נישט אַנטוויקלען. ווען איך זאָל קענען פאָרן אין יענעם טייל וועלט צוריק, כאָטש נישט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וועל איך קענען זיין מער נוצלעך ווי דאָ.

הערנדיק, וואָס איך רייד, איז באַגאַפּאָלסקי געוואָרן אין כעס. אויב דו מיינסט עס ערנסט טאַקע, האָט ער זיך אַ בייזער געטאָן, וועסטו שוין בלייבן דאָ. צי דו וועסט יאָ קענען עפּעס טאָן צי נישט דאָ ביי אונדז — זענען מיר דיר מוחל דאָס פאָרן ערגעץ אַנדערש טאָן אַרבעט, האָט ער שוין גערעדט אין אַ טאָן פון אַן אָפיציעלן באַאַמטן — הלוואי וואָלטן דיינע חברים דאָרט אין די אַנדערע לענדער אויך גאָרנישט טאָן און מיר וואָלטן זיי געהאַט דאָ און געקענט האָבן אַן אויג אויף זיי".

נאָך דעם געשפּרעך זענען געקומען די קאָנסעקווענצן. איך האָב באַמערקט, אַז דער בוך געשעפט פון „גאָלאָס טרודא" וועט פון איצט און ווייטער מער באַוואַכט. פריער פלעגן מיר צומאַכן די בוכהאַנדלונג, ווען מיר האָבן געוואָלט, און אויסנוצן אָפט די צייט ביי אָפענע טירן זיך דורכצורעדן וועגן דער אַרבעט פון אונדזער גרופּע. איצט אָבער האָט דער מיליציאָנער פון דער גאַס אונדז נישט געלאָזן האַלטן אָפן קיין איין מינוט מער ווי ביז אַכט אָוונט. און אָפטמאָל פלעגן זיך אַריינכאַפּן פאַרדעכטיקע קונדן און צוליגן אַן אויער צו דעם „וואָס מען רעדט אין געשעפט". איך האָב אויך באַמערקט, אַז די הויז, וואו איך וואוין, איז אונטער אַ שאַרפער באַאָבאַכטונג.

דאָס אַלץ האָט אָנגעוואָרפן אַ שטיקל שרעק און איך האָב אָנגעהויבן טראַכטן, אַז פון מיין אַמעריקע זאָל זיך אַמאָל נישט אויסלאָזן סיביר. אין יענער צייט פלעגט מען נישט וואַרשיקן אין קיין טורמע אַהין, נאָר מען פלעגט זיך הייסן איינפּאַקן און פאַרלאָזן מאָסקווע, און דערביי אָנווייזן אַ שטעטל אין ווייטן סיביר וואו זיך צו באַזעצן. די פּערספּעקטיוון זיינען געווען ביטערע און מיין פאַרדאַכט איז נישט געווען אומזיסט.

איין טאָג, דאָס איז געווען דעם 11 נאָוועמבער, האָב איך באַקומען אַ קאַרטל פון דער „גפּעאו", אַז איך זאָל זיך מעלדן צומאָרגנס אינדערפרי אויף לוביאַנקע 2. אָט דער אַדרעס איז שוין אין יענער צייט געווען אַ שם־דבר און פלעגט אָנוואַרפן אַ שרעק ביים דערמאָנען אים.

איך האָב זיך מיט דער איינלאַדונג קנאַפּ־וואָס דערפרייט, אָבער צוביסלעך האָב איך זיך באַרואיקט. וואָלט עס געווען עפּעס ערנסט, האָב איך געטראַכט, וואָלט מען מיר נישט געשיקט קיין איינלאַדונג, נאָר מען וואָלט פּשוט אָן קיין שום צערעמאָניעס געקומען ביינאַכט צו מיר אין

וואוינונג און מיר געהייסן זיך אַנטאָן און מיטגיין, וואו מען דאַרף. אויב אָבער מען האָט מיר געשיקט אַן איינלאַדונג, איז דאָס מסתמא נישט אַזאַ וויכטיקע זאַך. אָבער איין זאַך איז זיך טרייסטן און אַ צווייטע זאַך איז, צו שטיין פּאָר אַ באַזוך אין „געפּעאו". דאָס האַרץ קלאַפּט און אין קאָפּ קריכט דער געדאַנק: צו וואָס דאַרף מען מיך האָבן און נאָך וואָס האָט מען מיך איינגעלאַדן?

אין אָוונט זענען זיך צוזאַמענגעקומען ביי אַ חבר אין הויז אַלע פון אונדזער גרופּע און מען האָט באַטראַכט די קאַרטל־איינלאַדונג פון אַלע זייטן. מיר האָבן אַרומגערעדט אַלע מעגלעכע השערות און מיר זענען צו קיין געניוועם אויספיר נישט געקומען. אויפּסען וועט מען דיך נישט — און אויב עס וועט זיין עפּעס שלעכטס, מען וועט דיך פאַרהאַלטן, וועלן מיר זען, וואָס מען קען טאָן". ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָבן די חברים מיר געהייסן זיין פאַרזיכטיק מיט רייד און איך זינען האָבן, אַז די „געפּעאו" איז נישט די אַמעריקאַנער געהיים־פּאָליציי, און איך זאָל די חברים קיין סאַך אַרבעט נישט פאַרשאַפן.

אויף מאָרגן אינדערפרי האָבן מיר זיך אויפגעהייבן שטיל און גע־פילט אומהיימלעך. מיר האָבן איבערגעביסן און פאַרטרונקן דאָס ביסל קאַווע אָן קיין קאָמענטאַרן. איך האָב אויסגעמיטן אַ קוק צו טאָן אין ווינקל, וואו עס איז געזעסן מיין חברטע, מערי. דעם געפיל, וואָס איך האָב געהאַט, קענען בלויז וויסן די, וואָס האָבן פאַרזוכט דעם טעם פון אַ וויזיט אין דער „געפּעאו".

פון אונדזער וואוינונג ביז לוביאַנקע 2, דעם ווינקל פון די הייליקע שוחטים, ווי מען האָט עס גערופן, איז געווען אַ צוואַנציק מינוט גאַנג. מיר האָבן געשפּאַצירט צוגעדריקט איינער צום צווייטן כמעט אָן ווער־טער. ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער לוביאַנקע, האָבן מיר זיך געפילט אומהיימלעך. עס האָט זיך געוואָלט, אַז דער וועג זאָל דויערן אַ לעבן לאַנג.

ביים הויף אויף לוביאַנקע פלעגט קיינער נישט בלייבן שטיין. מען פלעגט דאָרט פאַרביילויפן ווי פאַר אַ געשפּענסט. מיר האָבן זיך אָפּגע־שטעלט אַנטקעגן. עס איז געבליבן אַ פּאָר מינוט צו דער באַשטימטער צייט.

— נו, זע, האַלט זיך גוט און פאַרזיכטיק, עס איז נישט קיין חכמה.

איך האָב געשוויגן און האָב געקוקט מיין חברטע גלייך אין די אויגן, געזען, אַז עס פינקלען אין זיי טרערן, פאַרגיסן די מילדקייט, וואָס האָט פון דאָרט שטענדיק אַרויסגעקוקט. איך האָב זיך אָנגענומען מיט מוט, באַ־קומען מער האָפענונג אין דער מינוט און געזאָגט: „עס וועט זיין גוט, ס'איז גאָרנישט. זאָלסט וואַרטן אויף מיר ביז שפּעט ביינאַכט און דאַן וועסטן גיין זאָגן, ווען מען דאַרף, נישט פריער, ווייל עס קען אַמאָל ערגער מאַכן". מיר האָבן זיך געזעגנט אָן ווערטער, צעקושט, און איך בין אַריבער אויף דער צווייטער זייט גאַס צו דער לוביאַנקע.

ביים טיר, איידער מען גייט אַריבער דעם שוועל, איז געווען אַ קליין

פענצטערל, וואו מען דאַרף זיך מעלדן. איך האָב דערלאַנגט מיין איינלאַ־דונג און מען האָט מיר אַרויסגעגעבן אַ פּאַס. איבערגעגייענדיק דעם שוועל, האָט מיר דער רויט־אַרמייער מיט די אויגן אָנגעוויזן, אַז דעם פּאַס דאַרף מען אַרויפשטעקן אויף דער ביקס.

איך בין אַריין אין קאָרידאָר. דאָרט האָט מען מיר אָנגעוויזן, אַז איך דאַרף אַרויפגיין אויף טרעפּ אין אַ צווייטן קאָרידאָר, וואו ס'איז די קאַנ־צעלאַריע פון אויספאָרשונגס־ריכטער רוטקאָווסקי. אין קאָרידאָר זיינען גע־שטאַנען לאַנגע בענק, און אַזוינער טונקל איז דאָרט געווען, האָב איך אין די ערשטע פּאָר מינוט נישט געזען, אַז עס וואַרטן דאָרט אַ סך מענטשן. זיי זענען געזעסן אויף די בענק און פון צייט צו צייט איז אַרויס אַ באַ־אַמטער און אויסגערופן אַ נאָמען. אַ קערפּער מיט פּיס האָט זיך באַלד נאָכגעשלעפּט נאָכן קול, וואָס האָט דעם נאָמען גערופן.

די אַטמאָספער, אַרום איז געווען אָנגעפּילט מיט שרעק. דאָס האָט אין מיר דערוועקט אַ געפיל פון האַס. איך האָב דערפילט, אַז מיין מורא איז פאַרשוואונדן. אין מח זענען געלאָפן פאַרשיידענע טראַכטונגען וועגן דעם, וואָס פאַר אַן איבערהזרונג פון פּאָליציייאישן רעזשים איך זע דאָ. און וואו זענען די חלומות און דער גלויבן אין פרייהייט, וואָס די רעוואָלוציע האָט געדאַרפט ברענגען?

ווי איך בין אַזוי געזעסן פאַרטיפט אין מיינע געדאַנקען, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ הויכער, שלאַנקער מאַן, וואָס איז נאָר וואָס אָנגעקומען, און אָנרופנדיק מיך ביים נאָמען, האָט ער זיך באַגריסט און זייער העפלעך געזאָגט: — „איך בין ריכטער רוטקאָווסקי, קומט, ביטע, אַריין מיט מיר". איך האָב זיך אויפגעהויבן און אַריין מיט אים אין זיין קאַנצעלאַריע.

— איר זענט שוין לאַנג דאָ אין קאָרידאָר? — האָט מיר דער ריכטער געפרעגט, אַרויסנעמענדיק דערוויל פון שופלאַד אַ פּעקל דאָקומענטן.

איך האָב אים געענטפערט, אַז נישט לאַנג, אַ .15־20 מינוט. ער האָט מיר געהייסן זיך פילן פריי, געפרעגט, צי איך רויכער, און פאַרגעלייגט אַ פּאַפּיראָס. מיר האָבן ביידע פאַררויכערט און מיין אויספאָרשער האָט גע־נומען רעדן מיט מיר צו דער זאַך.

דאָס ערשטע, האָט ער געזאָגט, וועלן מיר דערלידיקן די אָפיציעלע פראַגן, איר וועט מיר דערלויבן אייך צו פרעגן דעם נאָמען, צווייטן נאָ־מען, געבורטס־אָרט, ווי לאַנג איר זייט אין רוסלאַנד א.א.וו. אין אַ פּאָר מינוט זענען מיר מיט דער אַנקעטע געווען פאַרטיק. דאַן האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך בין נישט געצוואונגען צו ענטפערן אויף אַלץ, וואָס ער וועט מיך פרעגן. איך האָב געוואוסט, אַז אַזוי הייבט זיך אָן די פּראָצע־דור ביים אויספאָרשן, נאָר טאָמער ענטפערט מען נישט, ווי מען דאַרף און ווי דער פרעגער וויל, איז אַז־אַך־און־ווי. איך האָב געענטפערט די־פּלאָמאַטיש, אַז איך האָב נישט וואָס צו פאַרבאַהאַלטן, וואָס צו לייקענען, סיידן ער וועט מיך פרעגן זאַכן, וואָס איך ווייס נישט זייער באַדייט, וועל איך זיין אָפנהאַרציק און זאָגן, אַז איך ווייס נישט. ווירקלעך האָב איך

נישט געוואוסט, וואָס ער קען עס מיר װעלן פרעגן און וואָס איך דאַרף ענטפערן.

איך בין געווען איבערראַשט הערנדיק, ווי דער ריכטער רוטקאָווסקי דערקלערט מיר, אַז ער איז דער אויפזעער איבער פראַגן פון דער אַנאַר־כיסטישער באַוועגונג, און ער וויל וויסן, צי איך האָב געלייענט די סע־ריע פון 9 אַרטיקלען, וואָס די באַרימטע אַנאַרכיסטישע פירערין עמאַ גאָלדמאַן האָט פאַרעפנטלעכט אין יענער צייט אין דער אַמעריקאַנער פרעסע.

איך האָב די אַרטיקלען, אויסער איינעם, וואָס איך האָב צופעליק געזען אין דער ביבליאָטעק פון קאָמאינטערן, נישט געלייענט. ווען איך האָב געהאַט איבערגעלייענט דעם איינעם אַרטיקל, וואו זי האָט אויף אַ דראַסטישן אופן אַטאַקירט די סאָוועטן, האָב איך גאַנץ פריוואַט, ווי אַי־רער אַן אַמאָליקער אידייאישער פאַרערער, אָנגעשריבן אַ בריוו צו עמאַ גאָלדמאַן, אַז מיט אַזעלכע אַרטיקלען ברענגט זי דער אַרבעטער־באַוועגונג, שאָדן, נישט קיין נוצן ווי זי האָט וואַרשיינלעך דערוואַרט.

איך האָב דערקלערט דעם ריכטער רוטקאָווסקי, ווי די זאַך איז גע־ווען, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט מיין בריוו... געלייענט פריער ווי עמאַ גאָלדמאַן, און ער איז מיט מיר געווען צופרידן. עס איז אים אויך געפעלן, וואָס איך דערציייל עס אים פשוט, ווי עס איז געווען, און וואָס עס שטימט מיטן בריוו מיינעם, פון וועלכן ער האָט געוואוסט.

— דענקט איר — האָט ער צו מיר געזאָגט — אַז דאָס איז אַ גע־נוגנדיקע רעאַגירונג אויף דער חוצפה פון דער עמאַ?

— איך ווייס נישט, האָב איך געענטפערט, אויף וויפל דאָס איז חוצפה, ווייל נישט אַלע אַרטיקלען האָב איך געלייענט. איך ווייס אָבער, אַז צו עמאַס וואָרט הערט מען זיך צו אין אַמעריקע, און איך האָב גע־האַלטן פאַר מיין פליכט איר צו שרייבן, וואָס איך דענק וועגן דעם. דאָס האָב איך געטאָן גאַנץ פריוואַט, ווייל פאַר די פינף יאָר, וואָס איך בין אין סאָוועט־רוסלאַנד, האָב איך קיין פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ מיט מיי־נע באַקאַנטע אין אַמעריקע נישט געפירט און האָב נישט געהאַט קיין גע־לעגנהייט צו רעאַגירן אויף עמאַס אַרויסטריטן. ווידער מיין איך, אַז אין אַזעלכע פאַלן איז אַן ענטפער ווירקזאַם און געוואונטשן, ווען ער קומט פון מענטשן, וואָס וואוינען דאָרטן אויפן פּלאַץ. און איך גלויב און בין איבערצייגט, אַז אין אַמעריקע און אַנדערע לענדער, וואו עס געפינען זיך מער אַנאַרכיסטן, וועלן זיי אָפּענטפערן אויף די אַרטיקלען, און איבער־הויפּט נאָך דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען געדרוקט אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פרעסע.

דער ריכטער האָט צו מיין אויסטייטשונג פון דעם ענין אַרויסגעוויזן אַ גרויסן אינטערעס. מיר האָבן זיך פונאַנדערגערעדט וועגן אַ רייע פונקטן, וואָס האָבן געהאַט אַ שייכות צו דעם ענין. ביי דער געלעגנהייט האָב איך

מיט אים גערעדט וועגן אונדזערער אַ יוגנט־חברטע, מאלי, וואָס איז מיט אַ שטיקל צייט פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון רוסלאַנד און זי איז אָפּגעפאָרן קיין דייטשלאַנד. איך האָב זי געקענט און פיל מאָל מיט איר גערעדט. זי איז געווען אַ הייסער פריינט פון סאָוועטן־רעזשים, נאָר פאַר אָפנהאַרציקער קריטיק פון די, וואָס טוען שאָדן דער זאַך, האָט מען זי אַרויסגעשיקט און געגעבן בלויז מאַטעריאַל דער פיינטלעכער פרעסע צו באַשולדיקן סאָוועט־רוסלאַנד.

הערנדיק מיין טענה וועגן דעם אַרויסשיקן אונדזער חברטע מאלי, האָט רוטקאָווסקי, דער אויספאָרשונגס־ריכטער, ווי אַלע פון דעם מין באַאַמטע, מיר אויף אַן איידעלן אופן געמאַכט אַ פאָרשלאַג, וואָס אַזעלכע האָב איך שוין נישט איין מאָל געהערט. רוטקאָווסקי האָט עס געמאַכט אויף אַ „חברישן" אופן און געזאָגט: „איר זייט גערעכט. אַזעלכע פאַלן פון אַרויסשיקן וויכטיקע און נוצלעכע מענטשן דאַרפן נישט פאָרקומען, אָבער פאַרוואָס זאָלט איר אונדז נישט העלפן? ווען איר זאָלט מיט אונדז מיטאַרבעטן און לאָזן אונדז וויסן, ווער איז ווער אין אייערע קרייזן, וועלן מיר קיין טעותן נישט מאַכן. איר דאַרפט אַלזאָ, חבר, אין דעם פאַל אונדז אַרויסהעלפן".

מיר האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס איך האָב זיך פאַרטשעפעט אויף אַזאַ געשפרעך. איך האָב גענומען נאָך אַ פאַפּיראָס פון טיש און, פאַררויכערנדיק, פאַמעלעך געטראַכט וויאַזוי זיך אַרויסצודרייען אָן אַ ענטפער אויפן פאָרשלאַג. רוטקאָווסקי האָט מיך אָבער דוקא ווייטער געצויגן צו דער זעלבער טעמע, און הערנדיק, אַז איך ענטפער נישט קאָנקרעט, האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן, צי איך קען די רוסישע אַנאַרכיסטישע צייטונג „איזוועסטיאַ", וואָס גייט אַרויס אין ניו־יאָרק.

איך האָב אַמאָל געזען אַ פאָר נומערן פון דער צייטונג איידער מיין אַרויספאָרן פון אַמעריקע. וואָס עס איז פון איר געוואָרן שפעטער, האָב איך נישט געוואוסט, ווייל איך האָב זי נישט געזען, און אַזוי האָב איך דערקלערט מיין פראַגע־שטעלער. ער האָט מיר איבערגעלייענט עטלעכע זאַצן פון אַרטיקלען אין איינעם פון די לעצטע נומערן און אויף מיין ביטע מיר געלאָזן אַליין אַריינקוקן אין דער צייטונג. דאָס איז געווען אַ כוליגאַנישער אָרגאַן פון עפעם אַ גרופע שונאים פון סאָוועטן־לאַנד, וועלכע האָבן גענומען פאַר זיך דעם אַמאָליקן נאָמען. איך האָב אים דערויף אָנגעוויזן און דערקלערט, אַז דער אָרגאַן האָט נישט קיין שייכות מיט דער אַנאַרכיסטישער באַוועגונג.

רוטקאָווסקי האָט צוגעגעבן, אַז איך בין אפשר גערעכט, אָבער פאַרוואָס זאָל איך נישט אָפן אַרויסטרעטן קעגן אַזאַ גרופע און שרייבן צו מיינע פריינט קיין ניו־יאָרק, אַז זיי זאָלן עס טאָן? דערויף האָב איך אים געענטפערט, אַז איך ווייס נישט, צי דאָרט, אין אַמעריקע, טרעט מען נישט אַרויס קעגן אַזעלכע שמוציקע בלעטלעך, אָבער פון דאַנען זיך ווענדן צו

פריינט אהין וואָלט דאָך געהייסן פירן אַ פּאָליטישע קאָרעספּאָנדענץ מיט אויסלאַנד, און „איר ווייסט, האָב איך אים געזאָגט מיט אַ שטאָך, מיט וואָס אַזאַ מין זאַך קען זיך אַמאָל ענדיקן".

מיין אויספאָרשער האָט זיך פון דעם געמאַכט כלא־ידע און איז זוי־ דער אריבער צו דער פראַגע פון דער אַרויסגעשיקטער מאַלי: „ווען איר זאָלט מיר אָנבאָטן אייער הילף, וואָלטן מיר געוואוסט, וועמען מען קען אָנטרויען אין אַזעלכע פאַלן. וואָס זאָגט איר אויף מיין פאָרשלאָג". איך האָב געשוויגן און ער האָט געשריבן און געמאַכט פאַרצייכענונגען. נאָך אַ לענגערער ווייַלע האָט ער גענומען רעדן צו מיר וועגן גאָר אַן אַנדער זאַך:

— די דרוקעריי פון „גאָלאָס טרודא" האָט אויפגעהערט צו עקזיס־ טירן; די געשעפטן אין אייער בוכהאַנדלונג זענען אויך נישט מיט אַלעמען — טאָ זאָגט מיר, חבר, וואָס טוט איר דאָרטן, און וואָס פאַר אַן אינטע־ רעס האָט איר אין דעם? מיט וועמען קומט איר זיך צוזאַמען?

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מען דאַרף ענטפערן קלאָר אויף אַזעלכע זאַכן, און האָב אים דערקלערט, אַז איך בין נאָך אַלץ דער פאַרוואַלטער פון „גאָלאָס טרודא" און דער פאַרלאַג פירט אַ טעטיקייט צו דרוקן ביכער, אויף וועלכע מיר האָבן אַ דערלויבעניש. עס איז נישט קיין פראַגע פון באַקומען דעם אָפיציעלן געהאַלט, אָבער אויף מיין דורכקומען קריג איך און די אַרבעט האָט פאַר מיר אַ זין. וואָס איז שייך — „מיט וועמען מיר קומען זיך צוזאַמען, ווייסט איר עס אַזוי גוט ווי איך און איך וואָלט אויף דעם נישט געוואָלט ענטפערן. נישט, חלילה, ווייל עס איז געפערלעך אַזוינס צו טאָן אָדער דער עלעמענט איז אַ שעדלעכער, — נאָר פשוט, עס וועט זיין ווייט פון דער רעוואָלוציאָנערער עטיק צו זאָגן אַ זייטיקן נעמען פון מענטשן, מיט וועלכע מען טרעפט זיך. אָבער אַזויווי דאָס מיינט גאָרנישט קיין שלעכטס אין דעם פאַל, וועל איך אייך זאָגן. מיר טרעפן זיך מיט אונדזערע אַמעריקאַנער חברים, מיט פיל פאַרטיי־מיטגלידער בין איך אַ גוטער פריינט און אויסער זיי קומען די מיטגלידער פון „גאָלאָס טרודא", וואָס זייערע נעמען דאַרפן אייך זיין באַקאַנט".

— איך מיין נישט. אַז איר זאָלט מיר אַרויסגעבן נעמען — האָט רוטקאָווסקי, דערקלערט. — איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען. איך ווייס אַליין, ווער זיי זענען. אייערע חברים. איך מיין פשוט אייער אַרבעט ביי אונדז. איר זייט שוין דאָ באַלד פינף יאָר, איר זייט געקומען אין דער צייט פון „נעפ" און קיין נעפּמאַן זייט איר נישט געוואָרן; דאָס איז מיר זייער געפעלן, אָבער קיין פאַרטיי־מיטגליד זענט איר אויך נישט און איר אַרבעט אין אַ פּריוואַטער אינסטיטוציע, נישט אין קיין סאָוועטישער. דערביי חברט איר זיך מיט אונדזערע חברים — איז ביי אונדז אַ פראַגע, וואָס דענקט איר צו טאָן? מיר דאַרפן וויסן נישט אַזוי, וואָס איר טוט, נאָר וואָס איר

דענקט ווייטער צו טאָן, און אין אַלגעמיין אייער מיינונג, צי איז זי נישט שעדלעך פאַר דער רעוואָלוציאָנערער אָרדענונג.

הערנדיק, אַז דער אויספאָרשונגס־ריכטער רעדט צו מיר אַזעלכע רייד, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ער וויל פון מיר אַ פּאָליטישע דעקלאַראַציע. איך בין נישט גרייט געווען דאָס צו טאָן און האָב בעסער באַשלאָסן אים אָפן צו זאָגן, אַז איך וויל אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד. ער האָט אויף מיר צודרינגלעך געקוקט און געהערט, וואָס איך זאָג:

— חבר ריכטער, איר פרעגט מיך זייער אַן ערנסטע פראַגע און איך וועל זיין אָפנהאַרציק און אייך דערקלערן דאָס, וואָס איר ווילט וויסן. די חברים, וואָס קענען מיך, ווייסן, אַז מיט קיין סודות טראָג איך זיך נישט אַרום; וואָס איך האָב אויסצוזוגן, זאָג איך, אָבער דאָס איז פאַר דער מאַכט פון קנאַפּן אינטערעס. קיין אַנטימלוכהשע אַגיטאַציע פיר איך נישט, ווייל איך אַליין וואָלט אַזאַ זאַך געהאַלטן פאַר אַ פאַרברעכן. קיין נעפּמאַן, ווי איר אַליין זאָגט, וועל איך דאָ נישט ווערן, אָבער געהערן צו דער פּאַרטיי קען איך אויך נישט, ווייל איך האָב אַנדערע בליקן. בלייבט פאַר מיר איין אויסוועג — זיך ווענדן וועגן אַ פּאַספּאָרט אויף אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד, וואו איך וועל נאָך עפּעס קענען טאָן אָפן פּאָליטישן געביט — און איך דענק צו פאָרן אין די לענדער, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגנט.

ער האָט זיך אויסגעבויגן אויפן שטול. פאַרצויגן יעדעס מאָל פּעס־טער דעם פּאַפּיראָס, זיך צוגעהערט, וואָס איך זאָג, און געלאָזט מיר רעדן. איך האָב פאַרגעסן דעם אונטערשייד צווישן אונדז און וועגן וואָס איך בין דאָ אַרויסגערופן געוואָרן און גערעדט וועגן דער אַמעריקאַנער אַרבעטער־באַוועגונג און דערביי האָב איך, טאַקע מיינענדיק עס, געזאָגט, אַז פאַר מיר וואָלט געווען פיל בעסער צו זיין אין אויסלאַנד און פאַרטיידיקן דאָרט דעם סאָוועטן־עקספּערימענט, איידער וואוינען דאָ און זיך צו גאָרנישט קע־נען צופּאַסן.

— אייער קאָנצעפּציע געפעלט מיר — האָט ריכטער רוטקאָווסקי מיר געזאָגט. — הייסט עס, אַז ווען מיר גיבן אייך אַ פּאַספּאָרט, פאָרט איר אַרויס?

— יאָ! — האָב איך אונטערגעשטראָכן.

— עס איז געמאַכט, איך וועל אייך באַזאָרגן מיט דעם.

ער האָט אַריינגערופן דאָס ביורא־מיידל און געהייסן איר אַריינברענ־גען אַן אַנקעטע. ווען זי האָט עס געטאָן, האָט ער דערלאַנגט דעם פראַגע־בויגן און געהייסן עס אויספילן. איך האָב אויסגעפילט די אַנקעטע און זי אים דערלאַנגט. ער האָט זי דורכגעקוקט און מיר געפרעגט, וואָס פאַר אַ פּאַספּאָרטן איך וויל: פרייע, דאָס הייסט אָן אַן אָפּצאָל, אָדער איך בין גרייט צו באַצאָלן פאַר די פּאַספּאָרטן דעם אָפּצאָל פון 22 רובל. איך האָב אויסגעקליבן דאָס צווייטע — צו באַצאָלן פאַר די צוויי פּאַספּאָרטן די 44 רובל.

דער ריכטער רוטקאָווסקי האָט זיך אַ הויב געטאָן פון זיין שטול:

— נו עס איז שפּעט. אייער ענין וועט זיין דערלידיקט. טראָגט אַוועק די פאָטאָגראַפיעס אין פּאַספּאָרטן־אַמט און אין דריי טעג אַרום וועט איר קענען קומען אַרויסנעמען אייער פּאַספּאָרטן צו פאָרן קיין אויסלאַנד.

אַרויסקומענדיק אויף דער גאַס, וואו איך האָב פרייער אָפּגעצויגן דעם אָטעם, האָב איך אויפן שטאָט־זייגער באַמערקט, אַז עס איז שוין נאָך פיר. ווי שנעל עס זענען אַריבער פינף שעה און וואָס פאַר אַן אינטערעס איז עס געווען, אַז אַ ריכטער זאָל אָפּגעבן אויף דעם פינף לאַנגע שעהן? איך האָב זיך נישט געקענט אַריינטראַכטן אין די פירונגען פון אַפּאַראַט און בין מיט שנעלע טריט, כמעט לויפנדיק, אַוועק אַהיים. איך האָב מערין גע־טראָפן שפּאַנענדיק נערוועז איבערן צימער. איך האָב איר אין קורצן דער־ציילט. וואָס עס איז געשען און דער עיקר, אַז מיר באַקומען פּאַספּאָרטן און וועלן קענען אַרויספאָרן.

ווען מען וועט אונדז געבן די פּעסער, האָב איך נישט געוואוסט באַ־שטימט, אָבער איך האָב געקלערט, אַז אויפן סמך פון רוטקאָווסקיס אָגוויי־זונג וועל איך שוין אַלץ קענען דערלידיקן אין די אַמטן. אייניקע מיינע פריינט, וועלכע איך האָב דעם זעלבן טאָג דערציילט פון דער געשיכטע, האָבן געצווייפלט, צי עס וועט אָנקומען אַזוי גרינג, רוטקאָווסקי האָט טאַקע אַזוי געמיינט, אָבער וואָס וועט מען זאָגן פון אויבן?

דער הויפּט פון דעפּאַרטאַמענט פון קאָנטראָל איז אין אַזעלכע פאַלן געווען באַגאַפּאָלסקי, וואָס מיר האָבן אים נאָך געקענט פון אַמעריקע. איך האָב, נישט קלערנדיק קיין סך, זיך געלאָזט צו אים, כדי זיך דורכשמועסן וועגן מיין ענין. עס איז געווען אין אָוונט און איך האָב אים מיט זיין פרוי ריוועו, — אַ גוטע און אַ געפילפולע — געטראָפן ביים אָוונט־ברויט.

זיי האָבן מיך אויפגענומען ווי אַ גוטן גאַסט און איינגעלאַדן צום טיש. איך האָב באַגאַפּאָלסקין דערציילט, אַז מען האָט מיך גערופן אין דער „געפּעאו", און אים געפרעגט, צי ער ווייס עפּעס דערפון. ער האָט אָנגע־הויבן שמייכלען, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער ווייסט אַלץ. „קיין שלעכטס האָט מען דיר דאָרט נישט געטאָן" — האָט ער מיר געזאָגט שמייכ־לענדיק.

אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז ער האָט גוט געוואוסט פון מיין וויזיט דאָרטן און ער האָט געהאַט אין דעם אַ האַנט. ער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין צופרידן מיט דעם, וואָס מען וועט מיר געבן אַ פּאַס צו פאָרן. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך בין יאָ צופרידן, אָבער איך ווייס נישט, ווי עס וועט זיך ענדיקן און צוליב דעם טאַקע בין איך געקומען. האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז אַזוי וועט עס זיין, און געהייסן אין אַ פּאָר טעג אַרום גיין נאָך די פּאַספּאָרטן. און טאָמער וועט עמעצער מאַכן שוועריקייטן, זאָל איך אים לאָזן וויסן.

באַגאַפּאָלסקי האָט געוואוסט, אַז איך וויל אַרויספאָרן און קען זיך נישט צופּאַסן צום לעבן אין רוסלאַנד, האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דעם

און איז געקומען צום אויספיר, אַז עס קען זיין בעסער פאַר מיר אַזוי צו טאָן. אויף זיין אייגענער איניציאַטיוו האָט ער אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מען זאָל מיך רופן אין דער „געפּעאו" און דאָרט פאַרלייגן אַ פּאַספּאָרט. אַז עס וועט צו אים קומען אַזאַ פאָרשלאָג פון אַ צווייטן אַמט, וועט עס זיין גרינגער, ווייל שטעלן אויף זיך אַליין האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט מיר דערקלערט, אַ פון זיין דערפאַרונג האָט ער איינגעזען, אַז מען האָט אייניקע זיינע באַקאַנטע אָפּגעזאָגט צו געבן פּעסער, כאָטש ער האָט רעקאָמענדירט. אָבער אַז די „געפּעאו" וועט הייסן, וועט ער שוין קענען עס פאַרטיידיקן און דורכפירן.

איך האָב באַגאָפּאָלסקין געדאַנקט פאַר דעם, וואָס ער האָט פאַר מיר געטאָן, און דריקנדיק זיין האַנט אים איינגעלאַדן צו מיר פאָרן אָפּפאָרן. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן צו קומען אָן אָוונט, ווען קיינער וועט נישט זיין ביי מיר אין צימער.

ווען איך בין צוריקגעקומען פון מיין וויזיט, איז אין אונדזער קליינער וואוינונג נישט געווען וואו אַ פוס אַריינצושטעלן. עס זענען דאָרט געווען אַלע אונדזערע נאָנטע חברים און פריינט, וועלכע האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיר האַלטן ביים פאָרן. אַלע זענען צו מיר צוגעפאַלן אין געוואָלט וויסן, צי איך קריג טאַקע די פּאַספּאָרטן. „אין עטלעכע טעג אַרום — פאָרן מיר", — האָב איך זיי דערקלערט. אייניקע האָבן געעצהט, אַז מיר זאָלן בלייבן נאָך אַ וואָך, נאָר איינער פון די חברים האָט זיך אָנגערופן: „ניין, ער איז גערעכט! פאָר, ווי גיך מען קען, זיי קענען חרטה האָבן!" און דער חבר מיינער — איז גראָד געווען אַ פאַרטייאַישער...

אויב איך קריג פּריטיק די פּאַספּאָרטן, פאָרן מיר זונטיק אָוונט איז געבליבן. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָב איך זיך גענומען גרייטן, און די חברים האָבן זיך גענומען מאַכן אַ באַל אויף שבת־אָוונט, כדי מיר זאָלן זיך געזעגענען ביי אַ פלעשל זעקס און ניינציקער. דערווייל איז שוין אויפן טיש אויסגעוואַקסן אַ פלעשל בראָנפן, אַ פּאָר חברים האָבן זיך אַראָפּגעכאַפּט און געבראַכט צובייסן, און אַזוי האָבן מיר נאָך 5 יאָר פאַרזאַמלט זיך די „נאָשאַ סעמיאַ" מיטן אויסנאַם פון דריי חברים, וואָס זענען דורך דער צייט צוריקגעפאָרן.

דאָס איז געווען אַ מערקווירדיקער באַנקעטל. קיינער איז נישט געווען צופרידן, וואָס איינער פון דער פאַמיליע פאָרט אַוועק. מיר וואָס האָבן געדאַרפט אָפּפאָרן, זענען אויך נישט געווען צופרידן — און דאָך זענען מיר געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַרומגערעדט אונדזער אָפּפאָר, אַלע חברים האָבן זיך געוואונטשן, ווען זיי וועלן קענען פאָרן, זאָל זיי עס אָנקומען אַזוי גרינג ווי מיר.

דערווייל, אין פולער זיכערקייט, אַז מיר פאָרן אָפּ אין עטלעכע טעג אַרום, האָב איך אַרומגעשפּאַצירט אין די אַמטן, וואו איך האָב פאַר די פינף יאָר צייט זיך פאַרשאַפט פילע פריינט און באַקאַנטע, און זיי געלאָזט וויסן, אַז איך פאָר אַוועק. כמעט יעדערער פון זיי האָט פּשוט אויסגעדריקט

קנאה, וואָס איך קען פאָרן קיין אויסלאַנד. געווען צווישן זיי מענטשן, וואָס האָבן עקאָנאָמיש געלעבט בעסער ווי רייכע לייט אין אויסלאַנד, און דאָך האָבן זיי געוואָלט אוועקוואַרפן די אַלע עקאָנאָמישע פּריווילעגיעס און זיך לאָזן אין דער וועלט פירן אַ נייעם קאַמף. איך האָב יענע טעג פיל געטראַכט וועגן דעם און געקומען צום אויספיר, אַז עס איז ווייט פון אַבסאָלוטן אמת, אַז דער עקאָנאָמישער וואוילזיין שלינגט איין דעם מענטשן אינגאַנצן. דער מענטש דאַרף נאָך עפּעס, אַ חוץ אַ זאַטן מאָגן און אַ וואַרעמער שטוב. אָן פרייהייט פון דענקען, אָן באַוועגונגס־פרייהייט, אָן געוויסנס־פרייהייט — קען דער עקאָנאָמישער וואוילזיין פאַרוואַנדלט ווערן אין גיפט.

די געזעגענונג מיט „ביג ביל"

מיט אַלע, וואָס איך האָב זיך געזעגנט, שמועסנדיק מיט זיי מער וועגן זייער לאַגע ווי וועגן מיין אוועקפאָרן, — האָט איין געזעגענונג איבערגע־לאָזט אויף מיר אַ דערדריקנדיקן איינדרוק: דאָס איז געווען בעת מיין אַרויפגיין אין האָטעל „לוקס" צו געזעגענען זיך מיט וויליאַם גייוואָיד, וועלכער איז אין אַמעריקע געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „ביג ביל" — דער גרויסער וויליאַם. ער איז ווירקלעך געווען גרויס אין יעדער הינזיכט. אויסער דעם וואָס ער איז געווען גייסטיק אַ גרויסער מענטש, איז ער געווען אויך אַ פיזישער ריז. ער איז יאָרן געווען דער אַנערקענטער פירער פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־באַוועגונג (איי־דאַבליו־דאַבליו) נאָך אַ פּראָצעס, בעת וועלכן מען האָט אים פאַרמשפּט אויף 20 יאָר טורמע, האָבן זיינע חברים אים אוועקגעשיקט קיין רוסלאַנד.

די ערשטע יאָרן פון וויליאַמס זיין אין רוסלאַנד זענען פאַר אים גע־ווען זייער אינטערעסאַנטע. אין אַלע זיינע אַקטיוויטעטן לטובת דער נייער מאַכט איז ער געוואָרן געשטיצט פון די אַלע וואָס האָבן אַ געוויסע צייט פאַר דער רעוואָלוציע פאַרבראַכט אין אַמעריקע, צווישן זיי זענען געווען בוכארין, טראָצקי, גריגאָרי וויינשטיין און נאָך אַזעלכע פּראָמינענטע מע־נער פון דער נייער רעוואָלוציאָנערער אָרדענונג.

„ביג ביל" האָט פון דערווייטנס באַגייסטערט זיינע חברים, דער־הויפּט די קוילנגרעבער, מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער נייער רוסלאַנד. ער האָט זיי גערופן צו קומען העלפן בויען די נייע וועלט, און הונדער־טער טרייע רעוואָלוציאָנערן, קוילנבערגער, זענען געקומען קיין רוסלאַנד פאַר זייערע לעצטע גראָשנס. מיט ברען האָבן זיי זיך גענומען דאָ אַרבעטן, אָבער די רעזולטאַטן זענען געווען ווי מיט אַלע אַנדערע, וואָס זענען גע־קומען מיט די בעסטע כוונות און פלעגן גיך ווערן אַנטוישט. מען האָט אַזעלכע געבונדן הענט און פיס. זיי האָבן נישט געטאָרט טראַכטן וועגן זייערע אידייען און אויף יעדן שריט און טריט האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף שוועריקייטן און באַגרענעצונגען. בילס קוילנגרעבער זענען לסוף אַלע צוריקגעפאָרן אין דער קאַפּיטאַליסטישער אַמעריקע מיט אַ קללה אויף די

ליפֿן פֿאַרן באָלשעוויזם־לאַנד, וואָס זיי זענען פֿריער גרייט געווען זיך מקריב זיין פֿאַר אים.

ביל האָט דערפֿון שטאַרק געליטן. ער האָט צוערשט זיך געפּרואווט איינשטעלן פֿאַר זיינע „מאַינערס", קלאַפּן אין די טירן, גיין צו די הויכע פֿענצטער, אָבער אויספֿירן האָט ער גאָרנישט געקענט. אַביסל שפּעטער, ווען די, וואָס האָבן אים געשטיצט, זענען אַליין אַראָפּ פֿון זייער גדולה און מען האָט זיי געזוכט צו מאַכן אַלערליי שוועריקייטן, איז ביל געוואָרן מאַכטלאָז און ער האָט נישט געהאַט, ווער עס זאָל זיך שטעלן אין זיין זייט אין אַ שווערער מינוט.

פֿריער איז ביל געווען אַרומגערינגלט מיט אויפֿמערקזאַמקייט און געהאַט אַ סך פּריווילעגיעס. ער פֿלעגט פֿריי אַרומפֿאָרן איבערן לאַנד, באַזוכן פֿאַבריקן און נייע געגנטן א.ד.ג.ל. אָבער איצט איז דאָס אים שוין געווען פֿאַרבאָטן. מען האָט זיך אָבער געמוזט רעכענען מיט דעם מענטשן, וואָס זיין טעטיקייט אין אַמעריקע איז געווען זייער אַ גרויסע און מען האָט אים דאָרט גערופֿן „דער קעניג אָן אַ קרוין", האָט מען אים געלאָזט וואוינען אין דעם בעסטן האָטעל אין מאָסקווע און געגעבן אַלץ, וואָס ער דאַרף פֿאַר זיין פֿיזישער עקזיסטענץ. פֿאַר בילן איז דאָס געווען דאָס זעלבע ווי אַ גאָלדן שטייגל פֿאַר אַ וואַלד־פֿויגל.

און אָט אין דער גאָלדענער־שטייג, אין האָטעל לוקס, בין איך אַרויף אויסטויש מיט בילן אַ פּאָר ווערטער, איידער איך פֿאָר אַוועק. ווען איך בין אַריין צו בילן אין צימער, האָב איך אים געטראָפֿן, ווי ער ליגט אויסגעצויגן אויף אַ לעדערנעם דיוואַן, פֿון וועלכע זיינע פֿיס און הענט זענען אַראָפּגעהאַנגען ווי קוטאַסן פֿון אַן אויסגעאַרבעטער קאָלדרע. איך האָב זיך פֿאַרגעשטעלט, ווער איך בין. ער האָט זיך דערמאָנט, מיר געבעטן זיצן און אַליין געלעגן ווייטער אין דער פֿריערדיקער פּאָזע.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין געקומען זיך געזעגענען, ווייל איך פֿאָר אַוועק. דער מענטש האָט אויף מיר אָנגעשטעלט זיינע דורכדרינגענדיקע אויגן, און הערנדיק, אַז איך מיין עס נישט אויף קיין קאַטאָוועס, אַז איך וועל מסתמא די טעג קריגן אַ פּאַספּאָרט, — האָט ער זיך געגעבן אַ גליטש פֿון דער לעדערנער סאָפֿע און איז געבליבן זיצן אויפֿן דיל.

מיר האָבן זיך פֿונאַנדערגערעדט און איך בין געוואויר געוואָרן, אַז ער איז אויף גרויסע צרות און ליידט גייסטיקע ענוים צוליב די פּאַראַנדקעס, וואָס צעפֿרעסן זיין רעוואָלוציאָנער האַרץ. און „אָט ביסטו אויך געקומען זאָגן, אַז דו פֿאָרסט אַוועק, ווי פֿילע אַנדערע האָבן עס שוין געטאָן. און איך וואָס?" — האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט.

איך האָב נישט געוואָלט שיטן קיין זאַלץ אויף די וואונדן און געשוויגן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן, איז צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר, אַרויפֿגעלייגט זיינע צוויי גרויסע הענט פֿון אַ קוילנבערגער אויף מיינע אַקסלען און געזאָגט: „גוט, וואָס דו פֿאָרסט אַוועק, חבר, זייער גוט. וויפֿל יאָר ביסטו געווען דאָ? פֿינף יאָר — דאָס איז גענוג, אַז דו זאָלסט נישט פֿאַרגעסן,

אַז דו ביסט דאָ געווען, און געדענקען רוסלאַנד. און טאַמער וועט דיר עמעצער דאָרט פרעגן, ווי אַזוי איך פיל זיך, ווי איך לעב און וואָס איך טו צו העלפן בויען דאָס נייע רוסלאַנד — זאָלסטו זאָגן, אַז איך טו עס גוט, אַז אַלץ איז גוט".

ביל האָט מיר נאָך דערציילט, אַז ער פילט זיך שוואַך אין געזונט, יעדן טאָג קומט צו אים אַ נייער דאָקטער און מען היילט אים, אָבער „ווען מען לאָזט מיך אַריין אין אַ גרובן צוזאַמען מיט מיינע חברים קוילנ־ברעגער, — אָ, צווישן זיי וואָלט איך געזונט געוואָרן" — האָט ער גע־זאָגט. ער האָט מיר פעסט געדריקט די האַנט און אָנגעזאָגט, אַז וואו איך זאָל נישט זיין, זאָל איך צולייגן אַן אַקסל פאַר דער „איי דאַבליו־דאַבליו", וואָס איז געווען זיין אידעאַל. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיר שטיל אַ פרעג־געטאָן, צי קיינער האָט מיך נישט געזען אַריינגיין צו אים אין צימער. אויף מיין ענטפער, אַז קיינער נישט, האָט ער געזאָגט: „גיי און פאָר גיך, איידער עס וועט דיר שווער זיין דאָס צו טאָן". מיר האָבן אָן ווערטער זיך פעסט געדריקט די הענט און איך בין אַרויס פון צימער.

אַ לענגערע צייט האָב איך נישט געקענט קומען צו זיך נאָך דער גע־זעגענונג מיט דעם אַמאָליקן ריז. איך האָב אין אים געזען איצט אַ שמשון הגבור מיט אָפּגעשאָרענע האָר. אַמאָל איז ער געווען מעכטיק און איצט ליגט ער אין האָטעל אַ מאַכטלאָזער, און אָפּהענטיקער, האָט מורא, אַז עמעצער זאָל אים קומען זען — און מען שפילט זיך מיט אים ווי מיט אַ ליאַלקע. דאָס איז ביג ביל, וואָס אין אַמעריקע האָט מען מיט ציטער דער־מאָנט זיין נאָמען, — האָב איך געטראַכט. ער ליגט עס אין „לוקס" אין מאָסקווע און איז אָפּגעשניטן פון יעטווידער טעטיקייט? עס האָט מיך אויפגעטרייסלט, ווען איך האָב געטראַכט וועגן דעם.

און אין אויסלאַנד, איבער דער וועלט, האָבן פאַרשיידענע קאָמוניס־טישע אַגענטורן געדרוקט ביג בילס מיינונגען וועגן סאָוועט־רוסלאַנד, וואו ער איז טעטיק און העלפט בויען די נייע וועלט אאז"וו. אַ פאָר יאָר שפּע־טער, ווען איך בין שוין געווען אין בערלין, האָב איך געלייענט אין די ציימונגען, אַז ביג ביל איז געשטאָרבן, דוכט זיך — דאָס איז געווען אין 1927, האָב איך דאַן געטראַכט, אַז ווי און פון וואָס ער איז געשטאָרבן — דאָך איז עס געווים געווען אַן אויסלייזונג פאַר אים. ווייל ווען איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָב איך פון זיינע אויגן אַרויסגעלייענט, אַז ער וואָלט זייער ווילן אַרויספאָרן פון רוסלאַנד. ער האָט אָבער אַנדערש זיין רייזע נישט געקאָנט מאַכן ווי נאָר אַזוי, פאַרענדיקנדיק דאָרט זיין לעבן. דער טאָג וועט קומען, — האָב איך געטראַכט — און מען וועט לייגן אַ קראַנץ אויף דעם קבר פון דעם גרויסן ביל, וואָס איז אויפגעגעסן געוואָרן פון ווייטיק צוליב דעם, וואָס זיין אידעאַל און טיפער גלויבן איז פאַראומווירדיקט געוואָרן.

מער קיין וויזיטן האָב איך שוין נישט געמאַכט און איך האָב באַ־שלאָסן, אַז ביז איך וועל נישט האָבן די פּאַספּאָרטן, זאָל איך קיינעם נישט

באַזוכן, ווייל איך קען נאָך דערפאַר בלייבן זיצן. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געמוזט דערליידיקן, איז געווען מיט דער פאַרוואַלטונג פון הויז, וואו איך בין אַמאָל געווען דער פאָרזיצער. מען האָט מיר צוגעזאָגט, אַז אויב איך וועל דאַרפן אַרויספאָרן, וועט מען מיר פון די 300 רובל, וואָס איך האָב באַצאָלט פאַר דער וואוינונג, אומקערן 200. דעם זעלביקן אָוונט האָט די פאַרוואַלטונג באַשטימט אויף מאָרגן מיר אויסצאָלן די צוגעזאָגטע סו־מע. דאָס האָט מיר פיל לייכטער געמאַכט די רייזע.

מערי טאַנצט אין גאַס פון שמחה

אקוראַט אויפן פערטן טאָג נאָכן צוזאָג, וואָס מען האָט מיר גע־געבן, זענען מיר צוגעגאַנגען ניט־ אין דער פרי אַוועק אין פאַספּאָרטן־אַמט. מיר זענען, איך און מערי, איינגנטלעך, נישט געגאַנגען, נאָר פּאַמעלעך געשפּאַ־צירט, ווי מיר וואָלטן געציילט די טריט. עס האָט זיך אונדז געוואָלט וואָס לענגער אָנהאַלטן די שיינע אילוזיע, אַז מיר וועלן קריגן פּאַספּאָרטן. האָבן מיר גערעדט וועגן אַלץ אין דער וועלט, אָבער נישט וועגן דעם, וואָס האָט אונדז גראָד אין דעם מאָמענט אַממערסטן אינטערעסירט. וואָס מער מיר האָבן זיך דערנענטערט צום פּאַספּאָרטן־אַמט, אַלץ פּאַמעלעכער זענען מיר געגאַנגען. אַ מאָדנער אומצוטרוי האָט ביי אונדז געהערשט צו דער גאַנ־צער געשיכטע.

פאַרן הויף פון קאָמיסאַריאַט, וואו מען פלעגט אַרויסגעבן פּאַספּאָרטן, איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, צעטיילט אין קלענערע און גרעסערע גרו־פּעס. עס זענען דאָרט געווען גאַנצע פאַמיליעס, מענער, פרויען און קינ־דער. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען אין אַלגעמיין איז נישט גע־ווען שווער פאַר געוויינטלעכע בירגער צו קריגן פּאַספּאָרטן אַרויסצופאָרן קיין אויסלאַנד. אָבער אויך דאָ האָבן געהערשט קאַטעגאָריעס און נישט אַלעמען האָט מען באַהאַנדלט גלייך. ווער עס האָט געצאָלט אַ קלייניקייט פאַר אַ פּאַספּאָרט און ווער עס האָט געדאַרפט באַצאָלן גאָר גרויסע געלטער.

די גרעסטע צאָל מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן טויער, האָבן געוואַרט אויף פּאַספּאָרטן, פאַר וועלכע זיי זענען גרייט געווען אַוועק צו־געבן אַלץ, וואָס זיי האָבן. דאָרט זענען געווען מענטשן פון אַלע עקן פון דער גרויסער רוסלאַנד. געהייסן האָט עס, אַז יעדערער קען קריגן זיין פּאַספּאָרט אין דער רעפּובליק, פון וועלכער ער פאָרט אַרויס, נאָר קומען קיין מאָסקווע נאָך דעם פּאַספּאָרט האָט מען געמוזט.

צווישן די, וואָס האָבן געוואַרט, זענען געווען אוקראַאינער, אוזבעקן, ווייס־רוסן, גרוזינער, מענטשן פון די פאַרשידנסטע רעפּובליקן פון סאָוועט־רוסלאַנד. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו זייערע געשפּרעכן און גוט פאַר־שטאַנען, וואָס זיי רעדן, נישט, חלילה, ווייל זיי האָבן אַלע געקענט רו־סיש, נאָר ווייל זיי האָבן גערעדט יידיש. די אוקראַאינער און גרוזינער אאז״ו האָבן זיך אַלע כמעט אַרויסגעוויזן פאַר יידן.

פון זייערע געשפּרעכן זענען מיר געוואָר געוואָרן, אַז די מענטשן וואַרטן שוין מאָנאַטן־לאַנג אויף אַ תשובה וועגן זייערע פּאַספּאָרטן. ווען וועט מען אונדז אויפהערן צו מאַטערן און טרייבערן די אַדערן?״ — איז געוועזן זייער טענה. „ווען וועט מען שוין אויפהערן אָפּצולייגן אַלע טאָג אויף מאָרגן? זאָל מען שוין איין מאָל זאָגן, צי מען גיט, צי מען גיט נישט, נאָר דער שטענדיקער ענטפער: „וואַש פּאַספּאָרט יעשטשאָ ניע גאָטאָוו״ (אייער פּאַספּאָרט איז נאָך נישט פאַרטיק) — ציט שוין אַרוים די נשמה. הערנדיק, וואָס דער עולם רעדט צווישן זיך, האָבן מיר זיך איבערגעקוקט מיט האָפענונגסלאָזע בליקן.

מיר זענען אַריין אין קאַנצעלאַריע. מיט אַ געמאַכטער זיכערקייט אין זיך און גרייט נישט אַנטוישט צו ווערן פון אַן אָפּזאָג בין איך צוגעגאַנגען צום פענצטערל און געפרעגט, צי עס זענען פאַרטיק אונדזערע פּאַספּאָרטן.

— ווען, גראַזשדאַנין, האָט איר אַריינגעגעבן אייער ווענדונג — האָט מיר דער באַאַמטער געפרעגט? איך האָב אים געענטפערט, אַז מיט 4 טעג צוריק.

— וואָס? — האָט ער פאַרוואונדערט געזאָגט, — מיט 4 טעג צו־ריק און איר קומט שוין דרייען אַ קאָפּ?

— אַנטשולדיקט, חבר, — האָב איך זיך אָנגערופן, — טוט אַ קוק, וואָס עס איז מיט די פּאַספּאָרטן אונדזערע, ווייל איך דענק, אַז זיי דאַרפן זיין פאַרטיק.

ער האָט מיר געענטפערט, אַז עס איז נישט מעגלעך, און איך האָב אים אַלץ געבעטן, ער זאָל אַ קוק טאָן. ביז ער האָט מסכים געווען, זיך אויפגעהויבן, צוגעגאַנגען צו אַ שראַנק מיט אַ סך שופלאָדן, גענומען זוכן אין שופלאָד „א״ — איך זע, אַז ער ציט אַרוים פון דאָרט צוויי פּאַס־פּאָרטן.

דאָס גאַנצע געזיכט האָט זיך ביי אים געביטן. ער איז צוגעקומען צום פענצטערל אין גאַנצן אַן אַנדערער. דאָס ערשטע איז ער פון גראַזש־דאַנין (בירגער) אריבער אויף „טאָוואַרישטש״ (חבר), די פּאַספּאָרטן האָט ער געהאַלטן פעסט אין האַנט ווי אַן אוצר, געקוקט שטרענג אויף אונדז און אויף די בילדער אין די פּאַספּאָרטן און נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי האָט מען עס געמאַכט אַזוי גיך.

ענדלעך האָט ער אַ זאָג געטאָן: „דאַ, דאַ, יעסט וואַשי פּאַספּאָרט״ (יאָ־יאָ, אייערע פּאַספּאָרטן זיינען דאָ) ער האָט מיר אַרויסגערוקט אַ בלאַנק דורכן פענצטערל און געהייסן אונטערשטרייבן אַ קבלה, אַז מיר האָבן דער־האַלטן די פּאַספּאָרטן, און ווען איך האָב עס געטאָן, האָט ער זיך געהאַלטן אין איין פאַרענטפערן, פאַרוואָס ער האָט געזאָגט, אַז עס איז נאָך נישטאָ, בעת די פּאַספּאָרטן זענען טאַקע פאַרטיק. „איר פאַרשטייט, חבר, איך קען דאָך נישט וויסן, ווער איר זייט. דאָס איז אַן אויסנאַם־פּאַל מיט אייך, און אויף די פּנימער שטייט דאָך נישט געשריבן, ווער איינער איז. צווייטנס, פּאַספּאָרטן מיט אַזאַ שנעלקייט ווערן געוויינלעך אַרויסגעגעבן אין אַ ספּעצ־

ציעלן אמת. זאָל דאָס דער רוח נעמען — האָט ער גוטמוטיק געזאָגט — מען ווייסט קיינמאָל נישט, מיט וועמען מען רעדט".

ביים ארויסגעבן מיר די פּאַספּאָרטן האָט ער מיר חבריש דערלאַנגט די האַנט און געוואונטשן אַ גליקלעכע רייזע. ווען מיר האָבן גענומען אוועק־גיין, האָב איך באַמערקט, אַז ער האָט פון פענצטערל ארויסגערוקט דעם קאָפּ און אונדז נאָכגעקוקט.

ווען מיר זענען צוגעקומען צום ארויסגאַנג, האָב איך פון איבערראַ־שונג געמיינט, אַז מיר וועלן נאָך אָנהויבן לויפן. מיט ציטערדיקע טריט זענען מיר ארויס אויפן הויף, און דאָ האָבן מיר שוין גענומען גיין שנע־לער. אויף דער גאַס זענען מיר כמעט געלאָפן, עלעהיי מיר וואלטן האָבן געטראָגן אַ גנבה...

ווען מיר זענען שוין געווען אָפּגעגאַנגען אַ שטיקל וועג, האָב איך ארויסגענומען די פּאַספּאָרטן, זיי באַטראַכט פון אַלע זייטן און מיר האָבן ערשט אָנגעהויבן גלויבן, אַז ווירקלעך האָבן מיר שוין פּאַספּאָרטן. פאַר שמחה האָט מערי אָנגעהויבן צו טאַנצן. מיר פאָרן טאַקע ארויס, עס איז אמת? האָט זי איבערגעחזרט נאָכאַנאַנד. — און אַזוי טאַנצנדיק האָט זי פאַרלוירן אַ קאַלאָש, אַז איך האָב עס באַמערקט און איר אויפמערק־זאַם געמאַכט, האָט זי געכאַפּט און אַראָפּגעוואָרפן אויך דעם צווייטן קאַ־לאָש. „אוים מיט די קאַלאָשן — מיר פאָרן דאָך ארויס פון דעם גן־עדן".

.אָנגעפריידט זיך מיטן באַקומען די פּאַספּאָרטן, האָבן מיר באַשלאָסן נישט צו פאַרלירן קיין איבעריקע צייט און גלייך זיך נעמען גרייטן צו דער רייזע. ווער ווייסט, אַ קשיא אויף אַ מעשה, מען קען נאָך אַמאָל חרטה האָבן און הייסן זיצן אין דערהיים — האָב איך מיר געטראַכט; נישט אָפּלייגנדיק, האָב איך זיך געלאָזט איבער די אמטן אויסגעפינען, וואו מען קריגט וויזעס און שיפסקאַרטן.

עס איז דאָן געווען איינגעפירט, אַז יעדערער, וואָס פאָרט מעבר־לים, מוז קויפן אַ שיפסקאַרטע דורך דעם „סאָוו־פלאָט". און דאָס פלעגט נע־מען אַ לאַנגע צייט, ביז מען האָט אויסגעפאָרשט און אויסגעפונען, אַז דער אָדער יענער מעג פאָרן. איך האָב געטראָפן אַ גוטן באַקאַנטן, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט די רייזע־אַנשטאַלטן, און ער האָט מיר געגעבן אַן עצה ווי דאָס צו מאַכן שנעל דורך אַן אויסלענדישער רייזע־ביוראָ. דאָס האָט מיר איינגעשפּאָרט פיל קאָפּ־דרייעניש.

אין אַ פּאָר שעה צייט איז אונדזער צימער נישט געווען צו דערקענען. דאָס גאַנצע ביסל אָרעמקייט איז געלעגן איינגעפּאַקט אין אַ גרויסן קאַסטן און אַ פּאָר וואַליזקעס. מיר זענען שוין געווען דעם זעלביקן טאָג פאַרטיק צום פאָרן.

"עס דערנענטערט זיך דער סוף פון די טרוימען"

ביינאַכט זענען מיר אוועק צו אונדזער בעסטן חבר און נאָך איידער מיר זענען אַריבער דעם שוועל, האָבן מיר גענומען דערציילן פון די

גליקן, וואָס מיר האָבן היינט געהאַט. אונדזער גוטער חבר פּ. איז געווען אַ געלאַסענער און אים האָט קיין זאַך דוכט זיך נישט איבערראַשט. נאָר דאָ האָט ער געבעטן, אַז מיר זאָל אים רואיק דערקלערן די סיבה פון אונדזער אויפרעגונג.

מיר האָבן זיך געזעצט און איך האָב אים דערציילט געגוי אַלץ, וואָס עס איז געשען, און פאַרענדיקט, אַז מיר האָבן שוין אַלץ גרייט צו פאָרן. צום ערשטן מאָל האָב איך אויף זיין פּנים דערזען אַן אויסדרוק פון אומצופרידנקייט. „נו, הייסט עס, איר רייסט זיך אָפּ פון אונדזער משפּחה, פּ.: דער „נאַשאַ־סעמיאַ", ווי מיר האָבן זיך גערופן, אָט די גרופּע חברים פון אַמעריקע איז אין רוסלאַנד טאַקע נישט אָפּגעטרעטן איינער פון צווייטן; איז עס אין זון און אין רעגן. פּ. האָט געגעבן אַ שווערן, טיפן זיפץ און פאַרענדיקט. „פאָרט איר טאַקע? אפשר איז עס בעסער". און דאַן האָט ער, שוין צוריק אַ מוטיקער, צוגעגעבן: „נו, גוט, עס איז דאָ ווייניק צייט און מיר דאַרפן מיט אייך גוט פאַרברענגען, מאַכן אַ שנאַפּס צוזאַמען, זיך געזעגענען פייערלעך. מאָרגן, שבת אויף דער נאַכט ברענגט איך צונויף די „פאַמיליע" ביי זיך און מיר וועלן זיך לאָזן וואָוילגיין ביזן אָפּגיין פון דער באַן".

פּ. האָט מיר געראַטן, איך זאָל גיין היינט נאָך צו באַגאַפּאָלסקין און זיך מיט אים געזעגענען, ווייל ער האָט דאָך אַלץ געטאָן, אַז מיר זאָלן קענען פאָרן.

איך בין גלייך אַוועק מיטן חבר פּ. צו באַגאַפּאָלסקין און מיר האָבן אים מיט זיין פרוי ריווע בושוויק געגומען און צוזאַמען זיינען מיר אַלע צוריק געגאַנגען צו חבר פּ. אין הויז. ריווע איז געווען אַ מערקווירדיק סענטימענטאַלער מענטש און די אויפריכטיקייט אַליין. אין איר פּערזענלעכער אָפּגעלאָזנקייט איז געלעגן די אָפּפערווייליקייט פאַרן צווייטן; זי האָט שטענדיק געזוכט צו טאָן גוטס פאַר יענעם און פלעגט פאַרגעסן אָן זיך. איר איז נישט געווען צום הארצן דער פּאָסטן פון איר מאַן, און כדי זיך צו רעכטפאַרטיקן פלעגט זי מיט אַלע מעגלעכקייטן זיך באַמיען אים אָפּהאַלטן פון טאָן זאַכן לרעה פון אַנדערע. אין די קרייזן פון דער פּאַרטיי האָט מען געוואוסט פון ריוועס „שוואַכקייטן", און ווען זי האָט אויף דעם ראַט פון איר מאַן פּרובירט ווערן אַ מיטגליד פון דער פּאַרטיי, האָט מען איר אָפּגעזאָגט דעריין צוליב הונדערטער מענטשלעכע אורזאַכן.

מיר האָבן פאַרבראַכט ביז שפּעט אין דער נאַכט, געפירט געשפּרעכן און אַרויסגעזאָגט מיינונגען, וואָס פאַר פיל לייכטערע וואָלט באַגאַפּאָלסקי אַנדערע דערפאַר אויף אייביק געשיקט קיין סיביר. די שטימונג איז אָבער געווען אַ פריינדלעכע צווישן אונדז, און מיר האָבן, אַמפּערנדיק זיך, געמאַכט אויספירן, אַז עס וועט דאָך ווערן בעסער, אַז עס וועט שוין מער נישט גיין צום ערגערן און די סאָוועטישע אידייע וועט אַרויס גאַנץ פון אַלע שטרויכלונגען.

באַגאָפּאָלסקי איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער האָט מעגלעך געמאַכט מיין רייזע צוריק קיין אַמעריקע. „איך געדענק גוט, האָט ער מיר געזאָגט, ווי דו האָסט פאַרטיידיקט די סאָוועטן־מאַכט, נישט זייענדיק קיין באָלשעוויק, און עס וועט בעסער זיין, אַז דו זאָלסט עס פונדערווייטנס ווייטער טאָן, איידער בלייבן דאָ און זיין אומצופרידן". און ער האָט געבעטן, אַז איך זאָל אים נישט פאַרשעמען, ווען איך וועל שוין זיין אין אויסלאַנד. איך האָב עס אים צוגעזאָגט און געהאַלטן וואָרט אַ לענגערע צייט, ביז די פּירונגען פון סטאַלינען זענען אַוועק אויף די גוט באַקאַנטע וועגן און איך האָב אין מיין וועלטל מער קיין פריינדלעכע פּאַסיוויטעט נישט געקענט אָנהאַלטן.

מיר זענען אַזוי צוזאַמען געווען כמעט אַ גאַנצע נאַכט און נישט באַמערקט, ווי זי איז אונדז אַוועק אין שמועסן וועגן דער קעגנוואַרט און וועגן דער צוקונפט. אין יענער צייט האָבן מיר אַלע געמיינט, אַז מיר לעבן אין אַ רעוואָלוציאָנערע עפּאָכע און וויסן, וואָס עס וועט קומען, אַז מיר פאַרשטייען אַלע סיבות, פאַרוואָס די נייע וועלט־אָרדענונג קומט נאָך נישט, אַז מיר זענען באַרופן די סיבות צו באַזייטיקן און זיין די בויער פון אַ נייער וועלט, אַ פרייער.

צו דעם דאָזיקן געדאַנקען־גאַנג אונדזערן האָט אַ סך מיטגעווירקט דאָס לעבן 5 יאָר אין אַ לאַנד, וואו קיין אַנדער מיינונג ווערט נישט צוגעלאָזן. דאָס געשריבענע וואָרט איז אַזוי איינזייטיק, אַז נישט ווילנדיק הויבט מען אָן מיט זיי צו זיין איינשטימיק. דער מענטשלעכער געדאַנק ווערט אויסמאָדעלירט פון די, וואָס אַלטן דעם אַפּאַראַט און די מאַכט אין די הענט און דער שטאַרקסטער פאַלט אַ קרבן פון דעם.

* * *

עס איז אונדז נאָך געווען פאַרבליבן איין טאָג צו אונדזער אָפּפאָר. איך בין שוין געווען מיט אַלעם פאַרטיק — האָב איך גענומען אַ שפּאַציר צו געזעגענען זיך מיט מיינע ערשטע באַקאַנטע אין סאָוועט - רוסלאַנד און מיט אייניקע פריינט, וואָס מיר האָב צוליב מיין אַרבעט זיך געהאַט אַ געלעגנהייט מיט זיי צו באַקענען. זיי זענען היינט אַלע געווען גרויסע פונקציאָנאַרן און פאַרנומען וויכטיקע אַמטן אין דער סאָוועטישער ווירטשאַפט.

עס וועט אפשר אויסזען מאָדנע, נאָר עס איז געווען אַ פאַקט, אַז אַלע, די וועמען איך האָב געזאָגט, אַז איך פאָר אַוועק קיין אויסלאַנד אין אַ טאָג אַרום, האָט נישט נאָר קיינער מיר נישט אָפּגערעדט, נאָר ווער אין אָפענע ווערטער און ווער מיט אַ צודעק האָבן זיי מיר מקנא געווען פאַר דער מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן. אינזשענער ווערשאַגין, למשל, אַן אַלטער באָלשעוויק, האָט מיט מיר זיך געזעגנט מיט די ווערטער: „פאָר, ברודער, מיר וועלן זיך נאָך טרעפן ערגעץ דאָרט". און חבר אוטין האָט געזאָגט: „שרייבט, אָבער מאַכט עס אַזוי, אַז איך זאָל קיין צרות נישט האָבן. איר שרייבט, אַז דאָרט איז שלעכט, אַז איר האָט חרטה, און צווישן

די שורות וועל איך שוין דאָס איבעריקע פאַרשטיין און אַליין אַרויס־לייענען".

אַנדערע פון די חברים האָבן אַפילו געזאָגט, אַז זיי וואָלטן אַליין וועלן פאַרבלייבן אין אויסלאַנד, ווען זיי האָבן אַ מעגלעכקייט, און נישט זיין אַזוי ענג פאַרבונדן מיט דעם אַפּאַראַט. אַזוי האָט מיר אויך געזאָגט, ווי ער וואָלט האָבן אַ פאַרגעפיל, דער דעמאָלטדיקער פּרעזידענט פון ברויט־טראַסט, דער אַלטער רעוואָלוציאָנער, חבר לוריע. (מען האָט אים אין 1937 געשאָסן אַלס... דייטשן שפּיאָן).

לוריע איז געווען אַ פּאָר מאָל אין אויסלאַנד, אָבער ער איז שטענ־דיק געווען אין אָפיציעלע מיסיעס און האָט דאָרט בלייבן נישט געקענט. דאָס הייסט געקענט האָט ער, ווי דער אַלטער באָלשעוויק האָט מיר גע־זאָגט, נאָר „דאָס וואָלט געהייסן פאַרראַט, און אויף דעם בין איך צופיל סאָציאַליסט, אַז איך זאָל עס טאָן. ווען איך קען אַרויספאָרן, ווי איר, מיט דער צושטימונג פון דער מאַכט און אויך לעגאַלע פּאַספּאָרטן, וואָלט איך עס געטאָן".

לוריע איז געווען אַ דענקנדיקער מענטש אַ ריינער אידעאַליסט און זיין פּאַסטן האָט אים נישט אויפגעפרעסן. ער האָט געליטן פון דער לאַגע וואָס האָט זיך געשאַפן אַרום, און איז געווען זייער טרויעריק. איך האָב אים געפרעגט, ווי ער זעט די לאַגע און די פּערספּעקטיוון אויף ווייטער, און ער האָט מיר, מיט זיין קלוגער וויזיע, געזאָגט:

— מיט יעדן טאָג גייען מיר באַרג־אַראָפּ, עס ווערט ערגער, חבר, איך פיל עס אויף יעדן שריט און טריט. זיי ווייסן, אַז די צוויי־הונדערט טויזנט נייע „לעניניסטן", וואָס סטאַלין האָט אַריינגענומען אין דער פּאַר־טיי, און נאָך אַמאָל אַזוי פיל, וואָס ער נעמט צו הילף, — זיי אַלע ווערן צוגעגרייט פאַר געמיינהייטן. אָט איז ביי מיר אין דער ביוראָ דאָ אַ יינגל פון אַ יאָר צוואַנציק, ער האָט נאָך גאָרנישט געלערנט און גאָרנישט גע־טאָן, און ער גייט אַרום און שרייט אויפן קול, אַז מיר דאַרפן נישט קיין באָנאַפּאַרטן. „מען דאַרף אים באַזייטיקן!" שרייט ער אויף טראָצקין. ער איז עס איינער פון די צוויי הונדערט טויזנט. מען האָט זיי איינגע־רעדט, אַז לעוו דאַווידאָוויטש וויל זיין אַ באָנאַפּאַרט. דאָס טוט סטאַלין, אוז ווער ווייס, צו וואָס דאָס וועט פירן. הלוואי וואָלט לעוו דאַווידאָ־וויטש ווערן פאַר אַ שטיקל צייט אַ באָנאַפּאַרט, וואָלטן מיר אַ סך גע־ראַטעוועט. ער איז אָבער קעגן דעם און וויל נישט קיין בירגערקריג אין דער פּאַרטיי. אפשר איז ער גערעכט, אָבער אין דער זעלביקער צייט ווייס! מיר און פילן, אַז עס דערנענטערט זיך דער סוף צו אַלע טרוימען אונד־זערע און עס שטייט פאַר דער רעוואָלוציע פיל צו פאַרלירן פון אירע הייליקייטן און צילן.

לוריע האָט די ווערטער אַרויסגערעדט מיט טיפן זאָרג, פון האַרצן אַרויס, און איז געבליבן זיצן פאַרטראַכט.

מיר געזעגענען זיך מיט „אונדזער פאַמיליע"

אונדזער ליבער חבר פּ. האָט פאַרזאָרגט, אַז אונדזער געזעגענונגס־אָוונט זאָל זיין ביי אַ געשמאַקן ביסן און אַ גלעזל משקה, און ער האָט צוזאַמענגעבראַכט אונדזער גאַנצע „פאַמיליע" אין איר פולן צוזאַמענשטעל. עס זענען אויך געווען אַ סך אונדזערע באַקאַנטע און חברים, וואָס זענען געווען פאַרטיי־מיטגלידער. דער אָוונט איז געווען אַן אומפאַרגעסלעכער, פול מיט פריינדלעכקייט, אויפריכטיקייט און איבערגעגעבנקייט און איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ דיסקוסיע וועגן רוסלאַנד, וועגן דער וועלט. דער שווערער קעגנוואַרט און דער פאַרהוילענער צוקונפט, מיר האָבן זיך אויסגעטאָן פון דער אַלטעגלעכער מורא און אָפנהאַרציק, סיי קאָמוניסטן, סיי נישט־פאַרטיי־מיטגלידער האָט מען אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, וואָס שפּעטער האָבן זיי מיר אויסגעזען ווי נביאות.

דאָס אַלץ, וואָס איז גערעדט געוואָרן אין דעם פאַר מיר אומפאַרגעסלעכן פרייטיק, דעם 16 נאָוועמבער, 1926, בין איך נישט אין שטאַנד פּינקטלעך איבערצוגעבן. ביי מיין געזעגענונגס־וואָרט בין איך געווען דער איינציקער אָפּטימיסט. אפשר דערפאַר, וואָס איך האָב געהאַלטן ביים אוועקפאָרן, איז מיר געווען לייכטער אַזוי צו רעדן, און אפשר האָט זיך אין מיר דערוועקט אַ פאַרדרוס, וואָס איך פאַרלאָז דעם אינטערעסאַנטסטן ווינקל פון דער ערד, וואו מיט אַלע שוועריקייטן איז עס דאָך געווען אַ לאַנד פול מיט נייעם לעבן און דראַנג, וואָס אונדזערער אַ מענטש האָט אין קיין אַנדער לאַנד נישט געקענט געפינען.

אין דער אמתן איז דער פּולס פון לעבן געווען אַ שטורמישער און פול מיט עלעקטריציטעט, וואָס האָט געהאַלטן געשפּאַנט. אין די שווערע טעג און אָפטמאָל שלאָפלאָזע נעכט, אין דער אַטמאָספער פון אומזיכערקייט מיטן מאָרגן, פון נישט וויסן צי וועט מען בלייבן פריי אָדער דאַרפן פוילן אין אַ טורמע ערגעץ פאַר אפּיקורסות, — האָט יעדערער פון אונדז דאָך געפילט, אַז יעדער טאָג איז אַנדעריש, יעדע וואָך ווערט אָפּגעטאָן איי דעם ריזיקן לאַנד עפּעס אַזוינס, וואָס עס דאַרף נעמען לאַנגע צייטן עס אָפּצושאַצן.

איז טאַקע, ווען איך האָב זיך געדאַרפט געזעגענען, מיר געוואָרן אומהיימלעך. עפּעס אַ נייע ליבע צום לאַנד איז אין מיר אויפגעשוואָמען, איך האָב נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך געזעגן זיך טאַקע. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דאָס איז נאָר עפּעס אַ שווערער חלום. דערפאַר טאַקע האָב איך אין מיין וואָרט גערעדט וועגן מיין שולד, וואָס איך גיי פאַרלאָזן דאָס לאַנד. איך האָב באַשולדיקט די 14 יאָר, וואָס איך האָב געלעבט אין אַמעריקע, די באַקוועמלעכקייט, וואָס איך האָב דאָרט געהאַט, די דעמאָקראַטישע פרייהייטן — דאָס אַלץ, וואָס האָט געמאַכט, אַז איך זאָל נישט קענען פאַרטראָגן די שוועריקייטן, וואָס מען דאַרף דורכגיין אויף דעם וועג צו אַ ניי לעבן.

אין מיינע ווערטער אויפן געזעגענונגס־אָוונט איז געלעגן אַ טיפער ווי. איך האָב געוויינט אין ווערטער און געדאַנקען, פאַרוואָס מיר זענען אַזוי, און מיינע חברים, דערהויפּט די באָלשעוויקעס, זענען מיר מקנא געווען, וואָס איך האָב נאָך דעם טיפן גלויבן אין אַ שענערן מאָרגן.

איך האָב נישט געוואוסט דאַן, אַז מיינע ווייטערדיקע יאָרן וועלן זיין אויסגעפּילט כמעט נאָר מיט דעם זוכן: — נאָך אַ פּאָר יאָר דאָס לעבן. עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פאַר דער פיזישער עקזיסטענץ, צו ציען נאָך עטלעכע יאָר איך האָב גיכער געמיינט, אַז זייער שנעל וועל איך זיין צוריק אויפן וועג פון דעם אינטערעסאַנטן, קעמפערישן לעבן, אַז עס וועט קומען איבעראַל דאָס בעסערע און שענערע, און אַז איך וועל גיך צוריקפאָרן צו דעם לאַנד, וואָס איך בין אַזוי שטאַרק געווען צוגעבונדן צו אים.

ווען אונדזער געזעגענונג האָט זיך פאַרענדיקט, איז שוין געווען טאָג. הימל־ליכט האָט זיך דורכגעריסן דורך די פענצטער. מיר האָבן אויסגעלאָשן די עלעקטריע און אין דער טונקל געזונגען לידער. די שטימונג איז געווען אַ פאַרבענקטע און אַ סענטימענטאַלע און יעדערער האָט אָפּגעשטויבט זיינע אַלטע יוגנט־ראָמאַנסן, לערמאַנטאָוום און אַנדרעיעווס פעסימיזם. יעדעם ליד אין יענעם פריען פרימאָרגן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט איבערלעבונג. וואָס מער מען האָט געזונגען, אַלץ מער האָט מען געטרונקען פון די שטאַרקע געטראַנקען, וואָס די „פאַמיליע" האָט צונויפגעבראַכט, און וואָס מער מען האָט געטרונקען, אַלץ ניכטערער איז מען געוואָרן. דער שלאָף האָט זיך אָפּגעטיילט פון אונדז. צעוואָרפן אין פאַרשיידענע ווינקלען, ביי דער שיין פון דעם ניי־אָנגעקומענעם טאָג, יעדערער אין אַן אַנדער פּאָזע — האָט עס אויסגעקוקט ווי אַ קינסטלערישע בילד, אויסגעהאַקט פון בלוילעכן שטיין. און עפּעס ווי דעם קינסטלער וואָלט געלונגען אַריינגעבן אין זיין מייסטער־ווערק אויך אַ נשמה, וואָס וויינט דורך געזאַנג פון שווערער נאַכט און זינגט מיט האָפענונג אויף דעם מאָרגן.

די באַן צו דער גרענעץ־סטאַנציע־סעקעזש האָט געדאַרפט אָפּגיין 10 אין דער פרי. אַרום 9 זענען מיר שוין אַלע געווען אויפן וואקזאַל, לוריע איז אויך געקומען. ער האָט מיך אָוועקגערופן אָן אַ זייט און דערלאַנגט אַ קליין פעקעלע. „דאָס וועט איר געבן מיין טאָכטער אין פּאַריז, האָט ער געזאָגט שטיל, און זאָגט איר פון מיינעטוועגן, אַז עס זענען דאָ ווייניק אַזעלכע גליקלעכע מענטשן ווי איר".

איך האָב מיט שטוינונג געקוקט אויף זיין געזיכט און לוריע האָט צו מיר געזאָגט: „קוקט נישט אַזוי איבערגעראַשט. איר זענט געווען די גאַנצע צייט ווייט פון דער סאָוועטישער ווירקלעכקייט און איר קענט נאָך זיין אַ ראָמאַנטיקער. מיר, די וואָס זענען אין שפּאַן, ווייסן נישט, ווער עס וועט צעריבן ווערן צווישן די גרויסע מיל־שטיינער, געטריבן דורך די גראָבע מילנער, וואָס שטייען איצט ביים רודער.

מיר האָבן זיך פעסט געדריקט די הענט און איך האָב געהאַט אַ מאָדנעם געפיל, וואָס עס איז מיר שווער אויסצודריקן, צי דאָס איז גע־ווען באַפרידיקונג צי אומצופרידנקייט. באַגלייט מיט הייסע וואונטשן פון אַלע אונדזערע חברים, זענען מיר אַריין אין באַן.

מיט פאַרלאָרענע האָפענונגען פון „גן-עדן" אַרויס

צו דער גרענעץ זענען מיר אָנגעקומען שפּעט אין דער נאַכט. די זעלבע גרענעץ, וואָס מיט 5 יאָר צוריק בין איך צו איר אָנגעקומען מיט אַזויפיל וויזיעס און האָפענונגען. ווי צופרידן איך בין נישט געווען, וואָס איך בין אַוועקגעפאָרן אין צייט, האָט אָבער אויך גענאָגט אַ געפיל פון פאַרדרוס. די פּראָצעדור ביי דער גרענעץ האָט מיר דאָס מאָל נישט אינ־טערעסירט. אויטאָמאַטיש האָבן מיר אויסגעפאָלגט אַלע פאַרלאַנגען פון די רעוויזאָרן, מיין קאָפּ איז געווען פאַרנומען מיט נאָכטראַכטן וועגן די פאַרגאַנגענע פינף יאָר.

אָט ערשט איצט איז עס געווען, ביי דער זעלבער סטאַנציע סעקערזש. וויפל האָפענונגען, וויפל שיינע חלומות איך האָב געהאַט — און היינט איז אַלץ פאַרלאָפן, צעבראָכן, פאַרשוואונדן יענער גלויבן, יענע שיינע טרוימען. איך בין אַריין אין באַן, זיך פאַררוקט אין אַ ווינקל, אין קאָפּ זענען געפלויגן ווי אין אַ מישעניש די טעג און יאָרן, וואָס זענען אַרי־בער אין דער נייער רוסלאַנד, וואָס איך האָב אָקערשט פאַרלאָזן, — און די רעדער פון באַן האָבן ווי אַקאָמפּאַנירט מיינע געדאַנקען — פינף יאָר, פינף יאָר...

פארטרעטן

דער בונטאַר בערקמאַן

איך לייען די נאַכריכט, אַז דער גרויסער יידישער אַנאַרכיסט אַלעק־סאַנדער בערקמאַן איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד צוליב נישט קאָנען איבער־טראָגן פיזישע ווייטיקן. ווי גרויזאַם עס קלינגען דידאָזיקע ווערטער אין דער טעגלעכער פרעסע, און ווי לייכט עס ווערן אָפּגעשאַצט די אורזאַכן פונעם טויט פון דעם גרויסן בונטאַר. בערקמאַן, דער סימבאָל פון מוט און קאַמף, דער וואָס האָט נישט געוואוסט פון קיין מורא, דער וואָס — וואָס מער ער האָט געליטן, אַלץ מער האָט אין אים געברענט זיין מוטיקער פלאַם פון קאַמף; דער טרייער סאָלדאַט פון דער אַרבעטער־אַרמיי, וואָס האָט מיט ליבע געפירט דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג, פאַר אַ בעסערער און שענערער וועלט; אָט דער גרויסער בונטאַר איז געשטאָרבן דורך אַ קויל, וואָס ער האָט זיך אַליין אַריינגעלאָזט נישט צוליב פיזישע שמערצן, ווי עס דערציילט עס די קאַפּיטאַליסטישע, קאַלטע פרעסע, נאָר צוליב פיל טיפערע אורזאַכן. גיכער האָט דאָס געקאָנט זיין דער לעצטער פּראָטעסט פון אָט דעם מוטיקן רעוואָ־לוציאָנער קעגן דער וועלט פון גוואַלד.

ווער איז אַלעקסאַנדער בערקמאַן?

איך האָב מיט אים געאַרבעט גאַנצע צוועלף יאָר צוזאַמען. איך האָב אים געזען אין הויז אַלס גוטן ליבן חבר און איבערגעבענעם פריינט. איך האָב אים געזען אויפן שלאַכטפעלד מיט זיין מוטיקן קאַמפּס־לוסט, מיט זיין אומדערשראָקענעם אונטערנעמונגס־גייסט. בערקמאַן איז געווען פאַר אונז, יינגערע, דער סימבאָל פון קאַמף און דער שטרענגער גענעראַל פון ערלעכקייט און מוט.

מיט פיל האָפענונגען איז דער יונגער רוסישער רעוואָלוציאָנער בערק־מאַן געקומען אין 1890 אין דעם לאַנד פון די „פרייע און בראַווע“, אין אַמעריקע.

איידער נאָך ער האָט גוט געקענט די לאַנד־שפּראַך, האָט ער זיך שוין מיט לייב און לעבן אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג. דער עקאָנאָמישער דרוק אין די שטאָטן איז געווען פאַר אים פיל גרויזאַמער, ווי דער פּאָ־ליטישער דעספּאָטיזם אין רוסלאַנד.

אין 1892 ברעכט אויס דער באַרימטער פּענסילוואַניער שטאָל־שטרייק.

פריק, דער אָנפירער פון דער קאָמפּאַניע, שטעלט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּ דעם שטרייק צו צעברעכן. די גאַנצע געגנט ווערט פאַרפלייצט פון באַנדיטן און געדונגענע פּאָליצײ. עס גייען אָן בלוטיקע קאַמפן צווישן ביידע לאַגערן. זיבן אַרבעטער ווערן דערמאָרדעט און צענדליקער אַנדערע פאַרוואונדעט. בערקמאַן פאָרט דאַן צום שלאַכט־פעלד און וואַרפט זיך אַריין אין קאַמף. ער שיסט אויף דעם פירער פון דער קאָמפּאַניע, פריק, וועלכער איז שולדיק אין דעם פאַרגאָסענעם אַרבעטער־בלוט. ער ווערט אַרעסטירט און נאָך אַ פּאָר טעג פון אַן אינסצעניזירטן פּראָצעס ווערט ער פאַרמשפט אויף 20 יאָר טורמע; 13 יאָר מיט 10 מאָנאַטן פוילט בערקמאַן אין דער קאַטאָרזשנער טורמע. די אייזערנע גראַטעס און שטיינערנע ווענט זענען אָבער נישט אימשטאַנד צו צעברעכן זיין נאָך מער אייזערנעם מוט. אין יאָר 1906 ענדיקט בערקמאַן דעם אוניווערזיטעט פון שטאַרקע קלעפּ. פיל מוטיקער און שטאַרקער אין גייסט קומט ער פון דאָרט אַרויס. ער שרייבט אָן אַ בוך פון עטלעכע הונדערט זייטן וועגן זיין לעבן אין געפענגעניש, וואָס עס איז אַ מייסטער־ווערק אין דער ליטעראַטור. ביי היינט צו טאָג איז דאָס בוך איבערגעזעצט אין אַלע אייראָפּעאישע שפּראַכן און פאַרנעמט אַן אָנגעזעןאָרט צווישן די קלאַסישע שאַפונגען.

פאַר בערקמאַנען עפענען זיך נייע וועגן און געלעגנהייטן אין דעם אויפקומענדן לאַנד· אין אַמעריקע. אָבער נישט בערקמאַן איז דער, וואָס זאָל עס אויסנוצן. בערקמאַן פאַרנעמט ווידער זיין אַלטן פּלאַץ צווישן די אַרבעטנדיקע מאַסן, באַטייליקט זיך ווידער אין אַלע קאַמפן פון זיין קלאַס און ווערט ווידעראַמאָל יעדן מאָנאַטיק און דאָנערשטיק אַרעסטירט.

אין 1916 ברעכט אויס די קריג־היסטעריע אין אַמעריקע. בערקמאַן וואַרפט זיך אַריין מיטן גאַנצן ברען אין קריג קעגן קריג. אין סאַן־פראַנציסקאָ קומט פאָר אַ גרויסער פּאַטריאָטישער קריגס־פּאַראַד. פּראָוואָקאַטאָרישע הענט רייסן אויף אַ באָמבע און די רעאַקציאָנערע עלעמענטן נוצן אויס די געלעגנהייט זיך אָפּצורעכענען מיט די איבערגעגעבענע אַרבעטער־טוער. פינף אַרבעטער־פאָרשטייער ווערן אַרעסטירט: טאָם מוני, בילינגס, רעגינאַ מוני, נאָלאַן און וויינבערג. בילינגס ווערט אויף שנעל פאַראורטיילט אויף לעבנס־לענגלעכער געפענגעניש, און מ'הייבט אָן, אונטערן אַקאָמפּאַנימענט פון דער קריגס־היסטעריע, צוגרייטן דעם מוני־פּראָצעס. קיינער וואָגט זיך נישט קעגנצושטעלן די באַנדיטן פון דער סאַן־פראַנציסקער האַנדלס־קאַמער. בערקמאַן, דער אייביק־אומדערשראָקענער, נעמט אויף דעם קאַמף, באַזוכט אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, שאַפט פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעטן און ברענגט צו דער עפנטלעכקייט דעם פאַרברעכן פון דער האַנדלס־קאַמער. די איבעריקע דריי: נאָלאַן, וויינבערג און רעגינאַ מוני ווערן באַפרייט און נישט געשטעלט צום פּראָצעס. די שמוציקע אַרבעט ווערט אויפגעדעקט. דערפאַר זוכט מען אָבער

צו נעמען נקמה אָן בערקמאַנען. אויפן פאָרשלאַג פון דער לינטש־אינסטי־טוציע ווערט בערקמאַן באַשולדיקט, ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אין וואַרפן די באָמבע. צוויי אַגענטן און אַ פּראָקוראָר קומען קיין ניו־יאָרק צו נעמען בערקמאַנען קיין סאַן־פראַנציסקאָ. נאָר אַדאַנק דער מעכטיקער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס פאַררופט אַ קאָנפערענץ פון 70 דעלעגאַטן, וועל־כע פאַרטרעטן איבער אַ מיליאָן אָרגאַניזירטע אַרבעטער, — פועלט מען ביים גאָווערנאָר סמיט ניט אַרויסצוגעבן בערקמאַנען אין די הענט פון די סאַן־פראַנציסקער לינטשער. אין דער זעלבער צייט איז שוין אַמעריקע ווייט פאַרפאָרן מיט אירע קריגס־פּלענער. בערקמאַן גייט אַרויס אויף דער פריי און וואַרפט זיך ווידער אין קאַמף קעגן קריג. ער ווערט פונדאָסניי אַרעסטירט, און אַלס מוטיקער בונטאַר באַשליסט ער אויסצונוצן דאָס גע־ריכט אַלס טריבונע קעגן קריג. ער אַנטזאָגט זיך פון אַן אַדוואָקאַט און אין די צוויי וואָכן פון פּראָצעס ווערט דאָס געריכט פאַרוואַנדלט אין אַ פּראָפּאַגאַנדע־פּלאַץ קעגן מלחמה. בערקמאַן ווערט פאַראורטיילט צו צוויי יאָר געפענגעניש און אַרויסגעשיקט צו ווערן פון לאַנד.

פון די עטלעכע און דרייסיק יאָר, וואָס בערקמאַן האָט געוווינט אין די שטאַטן, האָט ער עטלעכע און צוואַנציק יאָר פאַרבראַכט אין די טורמעס.

בערקמאַן ווערט אַרויסגעשיקט און אַ ניי קאַפּיטל הייבט זיך אָן אין זיין לעבן. אין סאָוויעטן־רוסלאַנד קומט ער אין 1920, אין די ביטערע יאָרן פון בירגער־קריג. דער שוווּנג פון דער רעוואָלוציע, וואָס פאַרלאַנגט אַזוי פיל אומשולדיקע קרבנות, פאַלט אויף בערקמאַנען שווער. דער פרייהייטס־גייסט אין אים קאָן זיך ניט איינלעבן און ער קומט אָן אין דייטשלאַנד. דאָרטן ווייען שוין פאַשיסטישע ווינטן. בערקמאַן ווערט פאַרפאָלגט און ער באַזעצט זיך אין פראַנקרייך. ער ווערט טעטיק. שמעקט עס ניט די פראַנ־צויזישע רעאַקציאָנערע כוחות און מ'הייסט אים דאָס לאַנד פאַרלאָזן. ער פאַרקלייבט זיך ערגעץ אין אַ קליין ווינקל פון לאַנד און לעבט אומלעגאַל. יעדע דריי מאָנאַטן אַרבעט פאַר אים די פּראָגרעסיווע וועלט אויס אַ דער־לויבעניש ווייטער צו פאַרבלייבן.

דער גרויסער בונטאַר ווערט פיזיש קראַנק און צעבראָכן. גייסטיק איז ער אָבער דער זעלבער ריז, וואָס געווען. און דווקא אַלס אַזעלכער, זעענדיק זיין געבונדנקייט צו דאַרפן זיצן רואיק און פאַרבאַהאַלטן אין אַזאַ מין שטורמישער צייט פון גוואַלד און פאַשיזם — באַשליסט ער זיך אויף זעלבסטמאָרד.

צו פיל איז געווען זיין בעכער איבערפולט. און ווען ער איז עס שוין געצווונגען צו טאָן, — טוט ער עס אויף זיין מוטיקן שטייגער: בעסער שטאַרבן ווי אַ לייב, איידער לעבן ווי אַן אומבאַהאָלפענער.

מיר וויינען ניט אויף די, וואָס שטאַרבן. גרויסע גייסטער לעבן פאַר

אונז אייביק. בערקמאַן איז פאַר אונז נישט געשטאָרבן. ער איז אַוועק קער־פערלעך, אָבער זיין גייסטיקער מוט בלייבט אונז אַלס ירושה.

(„די צייט", מעקסיקע, 11 יולי, 1936)

וועראַ פיגנער

אַ ווונדערלעכער מענטש איז געווען די פרוי, וועלכע האָט אַזויפיל איבערגעלעבט, אַ פערטל יאָרהונדערט זיך געפונען אין שליסעלבורגער פעסטונג, פיל יאָרן אויף פאַרשיקונג און דערלעבט אַזאַ טיפע עלטער. 90 יאָר איז אַלט געווען ווערא פיגנער, בעת זי איז די טעג געשטאָרבן. ווידער באַשטעטיקט זיך דער אמת — גרויסע גייסטער פלאַנצן זיך איין אין געזונטע קערפערס.

ווערא פיגנער, אַ טאָכטער פון אַ רייכער רוסישער פאַמיליע, איז אַלס יונג מיידל געפאָרן אין דער שווייץ צו פאַרפולקאָמען איר בילדונג. עס איז געווען דאַן די צייט, ווען דער אַבסאָלוטיזם האָט אין רוסלאַנד געבושעוועט מיט אַן אייזערנער האַנט; עס זענען געווען דאַן די יאָרן, ווען די רוסישע אינטעליגענץ איז שטאַרק באַווירקט געוואָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1848, ווען אַזעלכע גרויסע שרייבער און דענקער ווי געדצען, ראַדישטשעוו, פיסאַרעוו און נאָך פיל מענער מיט ברייטע נשמות און אָפענע הערצער האָבן געשטעלט זייער פען צום דינסט פון דער באַפרייאונג פון רוסישן פאָלק. ווערא פיגנער, די יונגע און באַגייסטערטע סטודענטקע, טרינקט פונם גרויסן קוואַל, זי זאַפט זיך אָן מיט האַס קעגן צאַרישן דעספאָטיזם און מיט ליבע צו די צענדליקער מיליאָנען געפייניקטע. זי ווערט אַ טוערין פון דער באַפרייאונגס־באַוועגונג, וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען „נאַראָדנאַיאַ וואָליאַ" (פאָלקס־ווילן). זי האָט זיך אומגעקערט קיין רוסלאַנד און מיט ברען זיך אַריינגעוואָרפן אין דער טעטיקייט פאַר פאָלקס־פרייהייט, געקעמפט, געמוטשעט, געליטן און באַצאָלט מיט צענדליקער יאָרן תפיסה. 20 יאָר איז זי אָפגעזעסן בלויז אין דער שליסעלבורגער פעסטונג, און די מעמואַרן, וואָס זי האָט געשריבן אין איר איינצל־קאַמער, זענען שפעטער געוואָרן דאָס קלאַסישסטע ווערק פון רעוואָלוציאָנערע זכרונות.

ווערא פיגנער קען מען נישט צושרייבן צו קיין ספעציעלער שולע פון סאָציאַליסטישן געדאַנק. זי איז געווען פון יענע רעוואָלוציאָנערע גייסטער אין דער פיאָנערישער באַוועגונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע וועלכע האָבן קיינמאָל זיך נישט אָנגעשלאָסן אָן איין ריכטונג. אין אַ געוויסן גראַד קען זי פאַררעכנט ווערן ווי אַן אָנהענגערין פון דער לאַוראָוו־

באַוועגונג, פון די סאָציאַל־רעוואָלוציאָנערן, מיט וועלכער די רוסישע איג־טעליגענץ איז פאַרכאַפּט געוואָרן ביים סוף פון פאָריקן און אָנהייב פון איצטיקן יאָרהונדערט. ווערא פיגנער איז געווען אַ פאַרגייערין פון דער גאַנצער פרייהייט־באַוועגונג.

די באַבושקאַ ברעשקאָווסקאַיאַ האָט אַמאָל דערקלערט, אַז איר קאַלטע באַציאונג צו דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע נעמט זיך דערפון, וואָס זי איז קיינמאָל נישט געווען קיין סאָציאַליסטקע. איך בין, האָט זי געזאָגט, אַ קעמפערקע פאַר אַ פרייער רוסלאַנד און האָב מיין פּראָפּאַגאַנדע געפירט צווישן די ברייטע פויערים־מאַסן, געוואָלט זיי באַפרייען פון דעס־פּאָטיזם און געבן זיי אַ מעגלעכקייט אַליין אויסצוווילן די פאָרם פון דער אָרדענונג, אין וועלכער זיי זאָלן זיך קענען פריי אַנטוויקלען און פירן אַ נייעם לעבן.

ווערא פיגנער איז אויך געווען פון דעם סאָרט קעמפער; זי האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער טיף צו די פאַרשקלאַפטע שיכטן און זיי געלערנט מיט אירע טאַטן ווי צו קעמפן און שאַפן אַ נייע רוסלאַנד.

ווען דער קאַמף פאַר אַ פרייער און סאָציאַליסטישער וועלט וואָלט ביי די קעמפער פאַר דעם נישט געווען קיין גלויבן און איבערצייגונג, וואָלטן זיי אים נישט געקענט פירן; טאַקע דער פעסטער גלויבן שאַפט די אָפּ־פערוויליקייט און דעם מאַרטירערטום, אַז מ׳זאָל פאַרן דאָזיקן גלויבן קעמפן. ווען מען איז יונג און דער געפיל פאַר גערעכטיקייט אַנטוויקלט זיך, דאַן איז יעדעס וואָרט, יעדער רוף און יעדעס געשריבן בלעטל — אַ הייליקייט. און די פערזענלעכקייטן וואָס האָבן עס געשריבן, ווערן פאַר־וואַנדלט אין געטלעכע געשטאַלטן און דער טרוים פון אַ רעוואָלוציאָנער איז צו ווערן איינער פון זיי. אַלע ליידן, די אייזערנע קייטן, שווערע טור־מע־יאָרן ווערן אַ נויטווענדיקייט, אַן אויסלייטערונג פאַר די קעמפער, וואָס זענען ווערט צו טראָגן דעם נאָמען רעוואָלוציאָנער.

ווערא פיגנער איז געווען לאַנגע יאָרן אַ געשטאַלט פון באַגייסטערונג פאַר דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט פון רוסלאַנד. נישט די טרוקענע פּאָ־ליטישע ליטעראַטור, נאָר דער לעבעדיקער גייסט פון די פיגנערס, זאַסו־ליטשעס, ברעשקאָווסקאַיאַס, קאַלאַיעווס, סאַזאָנאָווס א. אַ. — זיי זענען געווען די אַפּאָסטאָלן פון דעם גרויסן פרייהייט־געדאַנק. נאָך זייער ביישפּיל זענען טויזנטער און טויזנטער געגאַנגען זינגנדיק אויף פאַרשיקונג אין ווייטן סיביר און פול געמאַכט די רוסישע טורמעס.

נאָך אָקטאָבער 1917 זענען פיל פון די גרויסע גייסטער און קעמפער, וועלכע האָבן איבערגעטראָגן די קנוטן פון צאַריזם, שוין געווען אַלט און האָבן נישט געהאַט די פיזישע מעגלעכקייט צו שטעלן זיך אין די רייען ביים פאַרווירקלעכן דעם אידעאַל פון אַ פרייער רוסלאַנד. אַזוי איז עס

אויך געווען מיט וועראַ פיגנער — אָבער זי איז נאָך אויך דאָ פאַרבליבן די בונטאַרישע און קעמפערישע נאַטור.

צום צווייטן יאָרצייט פון דעם באַרימטן אַנאַרכיסטישן דענקער פּיאָטר קראָפּאָטקין איז אויף אַן אָונט, וואָס איך האָב בייגעוווינט אין מאָסקווע, געווען איינע פון די רעדנערינס ווערא פיגנער. פאָרגעקומען איז עס אינעם הויז, ווו דער גרויסער קראָפּאָטקין איז געבוירן געוואָרן און וואָס איז נאָך דער רעוואָלוציע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מוזיי. די גאַס האָט אויך געטראָגן דעם נאָמען פון פאַרשטאָרבענעם דענקער.

פאַר מיר איז עס געווען איינע פון די שענסטע איבערלעבונגען, אַ גרויס גליק צו קענען פייערן דעם יאָרצייט פון אַ לערער אין אַזאַ פּלאַץ און צווישן אַנדערע, וואָס זענען אין די טרוימערישע יאָרן געווען פאַר מיין דור הוילע גייסטער, — צו הערן רעדן די באַרימטע ווערא פיגנער. עס איז געווען אַ מאָמענט פון הייליקער גייסטיקער דערהויבונג, אַן איבערלעבונג, וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אַלע קאַלטע אויסרעכענונגען און דערמאָנט, אַז נאָר די פיגנערס און קראָפּאָטקינס און זייער גלייכן זענען פייאיק געווען צו פירן אַלעמענס קאַמף און טראָגן אַליין דעם דערנערקראַנץ, וואָס דער קאַמף קעגן גוואַלד און פאַרברעכן האָט אָנגעטאָן אויף זייערע קעפּ.

אין דעם קליינעם זאַל זענען געווען אַ פינף־זעקס צענדליק מענטשן, צווישן זיי דער אַלטער קעמפער מאַראַזאָוו, וואָס איז אָפּגעזעסן מער ווי צוויי צענדליק יאָר אין שליסעלבורגער פעסטונג, דער אַכציק־יאָריקער אַשנברענער, וועלכער האָט נאָך זיך באַטייליקט אין דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע פון 1871; דער ערשטער איבערזעצער פון מאַרקסן אין רוסיש, לעאָן דויטש, און נאָך פיל באַרימטע אַרעסטאַנטן פון פאַרגאַנגענעם דור.

פון אַלע רעדנער האָט מיר יענעם אומפאַרגעסלעכן אָוונט פאַראינטערעסירט ווערא פיגנער. זי איז שוין דאַן געווען אַ פרוי אין די זיבעציקער, אָבער איר אויסזען האָט דערמאָנט אַן דעם בילד פון אירע יוגנטיאָרן. די פיגור שלאַנק, שוואַרץ געקליידט, מיט אַ ווייסן קראַגן, גלאַט פאַרקעמט מיט אַ שרונט; אַ פאַרחלומטער בליק, נאָר דער פּנים מיט קנייטשן. איך האָב לאַנג געקוקט אויף איר און אַ ציטער האָט אַרומגענומען צו הערן, אַז אין לויף פון די הערלעכע יאָרן, וואָס זי האָט אַדורכגעמאַכט, האָט זיך אין דער גרויסער נשמה עפּעס געענדערט. גערעדט האָט זי זייער שטיל. איר געזונט איז שוין געווען אָפּגעשוואַכט, נישט אינגאַנצן קלאָר די אויסשפּראַך, אָבער דערפאַר זענען די געדאַנקען געווען קלאָרע.

דאָס, וואָס אַנדערע האָבן נישט געוואַגט צו זאָגן, האָט ווערא פיגנער געזאָגט. זי האָט אונטערגעשטראָכן די שווערקייטן פון דער ווירקלעכקייט און מיט דער זעלבער געוואַגטקייט, ווי אין דער יוגנט, האָט זי געמאַכט

אַ חשבון פון דעם דורכגעגאַנגענעם וועג און שאַרף כאַראַקטעריזירט די געשעענישן, וואָס זענען איר נישט געווען צום האַרצן. זי האָט דעם מוט נישט פאַרלוירן, אויסגעדריקט ווייטער טיפן גלויבן אין דעם מאָרגן, אָבער גלייכצייטיק אַרויסגעבראַכט די אַנטוישונג. ווערא פיגנער האָט אונטערגעשטראָכן, אַז דאָס, פאַר וואָס זי האָט געקעמפט, וועט נאָך נישט קומען אַזוי שנעל; דער מענטש איז נאָך ווייט פון פאַרשטיין, אַז פרייהייט איז נישט קיין לוקסוס, נאָר אַ באַדערפעניש; דער נעכטיקער רעגירער איז היינט אַ שקלאַף, און דער לעצטער ווערט דער זעלבער רעגירער, און אָפּטמאָל, אויס מורא צוריק נישט צו ווערן קיין שקלאַף, ווערט ער דעספּאָטיש.

דאָס איז געווען נישט אַן אויסדרוק פון אַנטוישונג, נאָר אַן אָנדייטונג איבערצושאַצן ווערטן, אָנווייזן אַז מען דאַרף נישט זיין צו פיל זיכער אין זיך, אין מענטשן, און נישט מיינען, אַז פון היינט אויף מאָרגן קען מען דעם מענטשן איבערמאַכן.

אין שפּעטערדיקע יאָרן, ווען ווערא פיגנער האָט זיך שוין דערנענטערט צו די אַכציקער, זענען געווען ידיעות, אַז נישט געקוקט אויף איר עלטער, איז זי וואַך און מונטער און פּראָטעסטירט אַפילו קעגן אומגערעכטיקייטן. זי איז אַרויסגעטראָטן קעגן פאַרפאָלגונגען און, נישט האָבנדיק קיין מעגלעכקייט דאָס צו ברענגען דורך דער פּרעסע, האָט זי דאָס אַרויסגעבראַכט דירעקט צו די פירנדע פּערזענלעכקייטן, וואָס לאָזן זיך צו דעם פאַרגעניגן צו ווערן מאָדערנע דעספּאָטן. אַ פּאָר יאָר שפּעטער האָט מען געהערט, אַז די אַלטיטשקע ווערא פיגנער ווינט ווידער אין ווייטן, קאַלטן סיביר — אָבער די, וואָס האָבן הייליק געהאַלטן איר קאַמף, האָבן זי פאַרט נישט פאַרגעסן און פון צייט צו צייט האָט זי געהאַט אַ מעגלעכקייט צו ברענגען אירע געדאַנקען און מיינונגען פאַר די העכסטע באַאַמטע פון דער נייער אָרדענונג. אַן אַנטוישטע אין מענטשלעכע האַנדלונגען, אין דער מעגלעכקייט פון אַ שנעלער באַפרייאונג, האָט זי אָבער נישט געדולדעט קיין אומגערעכטיקייט און האָט פּראָטעסטירט, זייענדיק גרייט צו נעמען אויף זיך די גרעסטע שטראָף.

ווערא פיגנער איז געווען אַ טרעגערין פון גערעכטיקייט און דער אויסדרוק און פאַרקערפּערונג פון פּראָטעסט. זי איז געווען דער פּראָמעטעאוס פון דער רוסישער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג ביז דער לעצטער מינוט פון איר פיזישער עקזיסטענץ.

וועגן די לעצטע יאָרן פון איר לאַנגן לעבן איז ווייניק באַקאַנט; עס איז אומבאַקאַנט, ווו און ווי אַזוי זי האָט פאַרבראַכט אירע לעצטע טעג און צי זי האָט געהאַט די געלעגנהייט צו לאָזן אַ שריפט וועגן דעם, ווי אַזוי זי האָט געדענקט אינם לעצטן פערטל יאָרהונדערט. דער באַריכט וועגן איר טויט זאָגט נישט דייטלעך, ווו ס׳איז געווען דער פּלאַץ, ווו זי האָט אויף אייביק פאַרמאַכט אירע טרוימערישע אויגן.

מיטן טויט פון וועראַ פיגנער איז פאַרענדיקט געוואָרן אַן עפּאָכע אין דעם אַלוועלטלעכן רעוואָלוציאָנערן קאַמף. זי איז געווען פון די ערשטע, וואָס זענען געקומען אין באַרירונג מיט די ברייטע מאַסן פון רוסישן פאָלק און דערוועקט אין זיי שטימונגען, צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דער פאַר־ניכטונג פון צאַריזם. זי איז געווען פון די, וואָס האָבן דעם באָדן צעאַקערט אויף דער האַרטער רוסישער ערד, און אַ דאַנק איר טעטיקייט האָבן נייע שפּראָצונגען אָנגעהויבן וואַקסן אויף די ברייטע פעלדער און סטעפּעס פון גרויסן רוסלאַנד. צו די הונדערט יאָר קאַמף קעגן דעספּאָטיזם האָט ווערא פיגנער צוויי־דריטל פון איר רומרייכן לעבן בייגעטראָגן, און זי איז כמעט געווען די איינציקע אין דער געשיכטע מיט אַזאַ רייכן רעוואָלוציאָנערן באַלאַנס.

ווערא פיגנערס גייסט איז געבליבן ווייטער לעבן. ער וועט קיינמאָל נישט פאַרלאָשן ווערן. די הונדערטער טויזנטער און מיליאָנען, וואָס קעמפן אויף די שלאַכטפעלדער קעגן פאַשיזם, ווערן נישט באַגייסטערט פון טריי־בע פּאָליטיקער, — אין זיי איז איינגעפלאַנצט געוואָרן דער הייליקער ציל און גייסט צו פרייהייט פון די ווערא פיגנערס. און ווען דער גרויסער טאָג פון באַפרייאונג וועט קומען, וועלן די ווערא פיגנערס באַערט ווערן אַלס די גרויסע אמתע גייסטער פון דער נייער מענטשהייט, אַלס די, וואָס האָבן געפלאַסטערט דעם וועג פאַר אַ בעסערער וועלט. און לידער וועלן געזונגען ווערן אויף די קברים פון די מענטשן, וואָס האָבן די וועלט באַ־גייסטערט און געפירט די מענטשהייט צו באַפרייאונג.

(„די שטימע", מעקסיקע, 27 יוני, 1942)

אָטטאָ און אַליסיאַ ריללע

אָטטאָ און אַליסיאַ ריללע האָבן אַלע יאָרן פון זייער באַוווסטזיניק לעבן געקעמפט דערפאַר, אַז קיינער, ווער עס זאָל נישט זיין, אין וועמענס נאָמען און פאַן ער זאָל נישט רעדן, האָט קיין רעכט נישט ווי צו טאָן אַ צווייטן; קיינער האָט קיין רעכט נישט צו לאָזן הונגערן דעם צווייטן, פאַר־שאַפן ליידן, שוין אָפּגערעדט פון אַוועקנעמען זיין לעבן.

סוף יאָר 1935, ווען איך בין געפאָרן קיין מעקסיקע פון אַ באַזוך אין אייראָפּע, האָב איך זיך אויף דער שיף „מעקסיק" באַקענט מיטן גרויסן מענטשן, פּראָפעסאָר אָטטאָ ריללע. זינט דאַן, און שפּעטער שוין, ווען זיין פרוי אַליסיאַ איז אויך אַהער געקומען, האָבן מיר אָנגעהאַלטן אַ נאָענטע פריינטשאַפט. מער ווי זיבן יאָר צייט האָב איך דעם מענטשן־פריינט גע־לערנט, און וויפל מאָל מיר האָבן זיך נישט געטראָפן, האָב איך קיינמאָל נישט געהערט אים זיך באַקלאָגן אויף זיין פּערזענלעכער לאַגע. און זיין עקאָנאָמישע לאַגע איז געווען זייער אַ שווערע.

אָטטאָ ריללע האָט פופציק יאָר פון זיין לעבן אָפּגעגעבן דעם סאָציאַ־ליסטישן געדאַנק און קאַמף. אַ האַלבן יאָרהונדערט האָט ער געקעמט דער־פאַר, אַז די מענטשהייט זאָל בעסער ווערן, בעסער לעבן און גליקלעכער. ער איז געווען דער צווייטער אין דייטשן רייכסטאַג אין 1914, צוזאַמען מיט קאַרל ליבקנעכט, צו שטימען קעגן קריגס־בודזשעט און געפירט פון דער טריבונע פון פאַרלאַמענט אַ קאַמף קעגן בלוט־פאַרגיסונג און קעגן דייטשן מיליטאַריזם. קאַרל ליבקנעכט, ראָזאַ לוקסעמבורג און אָטטאָ ריללע זענען געווע די גרינדער פון דער ספּאַרטאַקן־באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט שאַפן אַן אַנדער דייטשלאַנד נאָך מיט עטלעכע און צוואַנציק יאָר צוריק.

אין יאָר 1920 איז אָטטאָ ריללע געפאָרן קיין רוסלאַנד זיך טרעפן מיט זיינע אינטערנאַציאָנאַלע חברים פון יאָרן צוריק, מיט לענין און טראָצקי. שוין דאַן האָט ער לענינען אָנגעוויזן אויף דער געפאַר פון דיק־טאַטור. דאַן, נישט ווי איצט, האָט לענין פּאָלעמיזירט מיט ריללען אין אַ בראָשור און אים באַשולדיקט אין לינקיזם און נישט וועלן פאַרשטיין די נויטיקייט פון דיקטאַטור. אָבער אָטטאָ ריללע האָט מיט אמתער וויזיע דאַן איינגעזען, אַז דיקטאַטור מוז פירן צו אַ הערשאַפט פון אַ יחיד.

אָטטאָ ריללע איז געקומען קיין מעקסיקע אַלס איינגעלאַדענער פון

דערציִאונגס־דעפּאַרטאַמענט צוצוגרייטן פּעדאַגאָגישע נאָרמען פאַר דער סאָציִאַליסטישער בילדונג אין די שולן. אויף דעם געביט איז ער געווען אין מערב־אייראָפּע באַקאַנט אַלס גרויסער ספּעציִאַליסט און ער האָט אַליין געשאַפן אַ ביבליאָטעק פאַר קינדער־דערציִאונג, האָבנדיק אָנגעשריבן 34 בענדער אויף דערציִאונגס־טעמעס.

ריללעס קומען אַהער איז פאַר מעקסיקע געווען אַ גרויס געווינס; זיין געהאַלט איז געווען אַ באַשיידענער, אָבער דאָס האָט אים געגעבן אַ מעג־לעכקייט דאָ רואיק צו אַרבעטן און אין דער פרייער צייט שרייבן פּאָלי־טישע ווערק.

אונטער דער צייט איז טראָצקי געקומען אויף זיין אַזיל קיין מעק־סיקע. ריללע איז מיט טראָצקין געווען צעריסן טאַקע איבער דער שטע־לונג צו דיקטאַטור, און אָפטמאָל, ווען ער האָט זיך מיט אים דאָ געטראָפן, האָט ער אים דערמאָנט, אַז ער איז אַ קרבן פון זיין אייגענער שאַפונג. איין זאַך איז אָבער צו זיין פּאָליטישע קעגנער און אַ צווייטע זאַך צו זיין פּאָ־ליטישע שאַרלאַטאַנען; די לעצטע האָבן באַשולדיקט טראָצקין, זייער גע־וועזענעם אָפּגאָט, אין דינען די נאַציס, אין זיין אַ געשטאַפּאָ־אַגענט, אין סאַבאָטאַזש און וואָס נישט? פאַרשטענדלעך, אַז ריללע, מיט זיין גאַנצער קעגנערשאַפט צו טראָצקיס פּאָליטישער איינשטעלונג, האָט אַזעלכע באַ־שולדיקונגען נישט געקענט פאַרטראָגן, און ווען פון אַמעריקע איז אַהער געקומען אַ קאָמיסיע בראש מיטן באַרימטן פּראָפ. דזשאָן דיואי אויסצו־פאָרשן די גרונטלאָזיקייט פון יענע באַשולדיקונגען קעגן אַמאָליקן לע־נינס חבר, האָט אָטאָ רילע אָנגענומען צו זיין איינער פון די ריכטער. ווי באַוווסט, האָט די קאָמיסיע געאורטיילט, אַז די באַשולדיקונגען זענען פאַלש און ס'איז נאָר אַ שווינדלערישער מיטל צו באַקעמפן אַ קעגנער. אָטאָ רילע האָט די דעקלאַראַציע פון דער קאָמיסיע מיט אַ ריינעם גע־וויסן אונטערגעשריבן.

אין יענער צייט האָבן אין בילדונגס־מיניסטעריום געהאַט אַן איינ־פלוס די מעקסיקאַנער סטאַליניסטן, און אויפן גוט־באַקאַנטן שטייגער האָבן זיי דערפאַר אָנגעהויבן צו אינטריגירן קעגן דעם אַלטן קעמפער און גרויסן פּעדאַגאָג אָטאָ רילע. עס האָט לאַנג נישט געדויערט און מען האָט דעם הי־געבראַכטן פּעדאַגאָג אַרויסגעשטופּט פון זיין אַמט אין בילדונגס־מי־ניסטעריום און ער האָט פאַרלוירן זיין ברויט.

עס איז אמת, אַז אַט דער פאַל האָט אויף אָטאָ רילען געמאַכט אַ שטאַרקן רושם. אָבער נישט דאָס, וואָס ער האָט זיין ברויט פאַרלוירן, האָט אים געקימערט, נאָר דאָס, וואָס ליגן און שווינדל, וואָס נידעריקע מאָ־טיוון פון מענטשן־אָפּפאַל זענען בכוח צו קאָנטראָלירן אַ בילדונגס־דע־פּאַרטאַמענט, וואָס האָט פאַר זיך אַזעלכע נאָבעלע אויפגאַבן. דער פאַקט

איז אָבער געווען, אַז אָטאָ רילקע איז אויף דער עלטער געבליבן אָן מיט־לען צום לעבן, און ער איז דערביי פון יענע שטאָלצע נאַטורן געווען, וואָס האָט זיך אַנטזאָגט צו נעמען אונטערשטיצונגען.

רילקע איז געווען באַשאָנקען מיט נאָך אַ טאַלאַנט — מאָלעריי. האָט ער זיך גענומען מאָלן קליינע בילדלעך פון מעקסיקאַנער טיפּן (דאָס בוך פון משה רובינשטיין „מעקסיקאַנער טעמעס" איז מיט זיי באַצירט). אַליסיאַ רילקע, זיין פרוי, וואָס איז אויך געווען אַ באַגאַבטע שריפטשטע־לערין און האָט צוזאַמען מיטן אַלטן קעמפער געטיילט זיין לעבן און שטרויכלונגען, — זי פלעגט זיך אַרומטראָגן מיט די בילדלעך איבער די געשעפטן און פאַרקויפן עס פאַר אָרעמע סענטן. אַליסיאַ פלעגט אויך מאַכן איבערזעצונגען, שרייבן אַרטיקלען פאַר אַמעריקאַנער זשורנאַלן, און די פּאָר אינטעלעקטואַלן האָבן קוים צונויפגעבונדן אָן עק מיט אַ עק.

די לעצטע צייט האָט אָטאָ רילקע זיך דערפילט פאַרצווייפלטער, ווי ווען נישט איז פריער. ער איז שוין געווען קרוב אַ זיבעציקער, פיזיש שוואַך און דערצו שרעקלעך אַנטוישט, זעענדיק וואָס אויף דער וועלט טוט זיך. דער אַלטער קעמפער פלעגט מיט פאַרביטערונג רעדן וועגן דעם, וואָס די כלומרשטע דעמאָקראַטן דאַרפן עס זיין די רעטער פון דער מענטשהייט און די, וואָס וואָלטן געדאַרפט זיין די באַלעבאַטים פון דער וועלט, פלעגט ער זאָגן, זענען אַזוי באַשווינדלט געוואָרן דורך זייערע פאַר־טייען און רעגירונגען, אַז זיי האָבן שוין צו קיין זאַך נישט קיין צוטרוי; אַ־יפן אָרט פון באַלעבאַטים וועלן זיי בלייבן שקלאַפן.

אָטאָ רילקען איז געוואָרן שווער צו לעבן. ער האָט זיך אַנטוישט אַ־ין אַלץ און אַלעמען און דער גייסטיקער צוזאַמענברוך האָט אים אויך פּ־זיש דערדריקט. זיין איבערגעגעבענע לעבנס־חברטע אַליסיאַ האָט גע־האָט אַזוי פיל אינטערעס אין לעבן, אויף וויפל זי האָט אים געקענט העלפן און מיטקעמפן זיין קאַמף.

מיר זענען קורצזיכטיקע מענטשן. מיר האָבן אַפילו נישט באַמערקט, ווי ביי די צוויי גייסטרייכע קעמפער איז פאָרגעקומען אַ גרויסע ענדערונג. מיר פלעגן זיך טרעפן, דיסקוטירן, לערנען פון זיי, ווי מען דאַרף אָפּ־שאַצן מענטשן און געשעענישן, און דערביי פאַרזען די גרויסע מענטשן, צו וועלכע מיר האָבן געהאַט אַזאַ פליכט. זיי זענען געווען פון די, וואָס אין זייער זכות האַלט זיך די וועלט, און מיר האָבן זיי פאַרזען. זיי האָבן עס מסתמא אין דער שטיל געפילט און שווער איבערגעלעבט. זיי האָבן אָבער צו קיינעם קיין טענות נישט געהאַט, ווייל ס'האָט זיך געהאַנדלט וועגן זיי פערזענלעך, און זייער פערזענלעכער שטאָלץ איז געווען פון אַזאַ הויך, אַז ער האָט קיין סימן פון רחמנות נישט געבעטן.

איצט, ווען די צוויי מענטשן זענען צוזאַמען אַוועק פון דער וועלט,

גיבן מיר זיך אָפּ אַ רעכענונג, אַז אפשר טראָגן מיר אַ טייל שולד אין דעם וואָס מיר האָבן זיי פאַרלוירן אין אַ צייט, ווען מיר נויטיקן זיך אין גייסט־גרויסע מענטשן.

אַ פּאָר טעג פאַר זייער ביידנס טראַגישן אומקומען האָבן מיר מיט די אומצעשיידבאַרע רילעס גערעדט. אָטאָ האָט נישט אַרויסגעוויזן דעם קלענסטן סימן פון זיין אַזוי קראַנק, אַז ער זאָל האַלטן ביים שטאַרבן, און אַליסיאַ, אַז זי טראַכט פון זעלבסטמאָרד. די צוויי, היינט הייליקע, האָבן זיך אינטערעסירט מיט יעדן באַזונדער און מיט דער וועלט־לאַגע. אָטאָ רילע האָט געברענט פון כעס, ווען ער פלעגט רעדן וועגן די יידישע ליידן צוליבן נאַציזם. ער איז דאָך אַליין געווען אַ זון פון דייטשן פאָלק און עס האָט אים געבריט די חרפּה און שאַנדע, וואָס די דייטשן זענען די שולדי־קע אין אַזאַ ווילדער טראַגעדיע. ער האָט געהאַט זיינע טענות און אָריגי־נעלע אַרגומענטן פון צאָרנען קעגן דעם, וואָס עס קומט פאָר אין אונ־זער צייט.

אָטאָ רילע האָט אַלעמען אין זינען געהאַט, ווען אַלץ געטראַכט צו אַלע שלעכטסקייטן געזוכט אַ מיטל — און פּלוצלונג געשטאָרבן. נייך, עס איז שווער צו גלויבן אין זיין פּלוצלונגן טויט; גיכער איז עס געווען אַ רעזולטאַט פונעם טויט פון אַ וועלט, וואָס איז דעם אַלטן קעמפער געוואָרן אַזוי שווער, אַז ער האָט זיך אָנגעהויבן שעמען צווישן די לעבעדיקע.

(„די שטימע", מעקסיקע, 3 יולי, 1943)

קאַרלאָ טרעסקאָ

אין מעקסיקע איז קאַרלאָ טרעסקאָ געווען באַקאַנט בלויז אין די קרייזן פון דער אַנאַרכיסטיש־סינדיקאַליסטישער באַוועגונג, אָבער אין אַמעריקע איז זיין פיגור און טעטיקייט געווען באַרימט.

קאַרלאָ טרעסקאָ איז געקומען קיין אַמעריקע פון איטאַליע מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר צוריק. ער האָט געשטאַמט פון אַ פאַרמעגלעכער פאַמיליע, אָבער פון איבערצייגונג איז ער געווען אַן עקסטרעמער סאָציאַליסט. אין אַמעריקע האָט ער זיך אָנגעשלאָסן אין דער אינדוסטריעלער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס האָט אין יענער צייט זיך גערעכנט פאַר דער אידעאַליסטישסטער באַוועגונג. באַזיצנדיק אַ שאַרפע פען, האָט ער מיטגעאַרבעט אין די אויסגאַבן פון דער אָרגאַניזאַציע און מיט זיין וואָרט און טאַט געבראַכט פיל נוצן אין קאַמף, קעגן די מאַגנאַטן, וואָס האָבן אָפּגעטיטן איינצושלינגען דאָס גוטס פון דער וועלט פאַר זיך. ער איז געווען איינער פון די, וואָס זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ ביי דער פאַרטיידיקונג פון סאַקאָ און וואַנצעטי, — די צוויי מאַרטירער, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן אין 1927 אויף דעם עלעקטרישן שטול. ער איז אַליין עטלעכע מאָל אַרעסטירט געוואָרן פאַר זיין טעטיקייט. בעת דעם ערשטן וועלט־קריג איז טרעסקאָ געשטאַנען קעגן בלוט־פאַרגיסונג, און ווען טויזנטער זענען אַרעסטירט געוואָרן, איז ער געווען אומדערמידלעך אין זייער פאַרטיידיקונג און געשאַפן מיטלען פאַר יעדן אָן אונטערשייד פון איבערצייגונג.

קאַרלאָ טרעסקאָ איז געווען אַ מענטש מיט ניכטערע געדאַנקען, זיך נישט געשפּילט אין פילאָזאָפישע פּלפּולים און נישט פאַרנומען זיך מיט האָר־שפּאַלטנדע טעאָריעס. ווען דער פאַשיזם אין איטאַליע איז געקומען צו דער מאַכט, האָט ער אין אים מיט רעכט געזען אַ געפאַר אויך פאַר אַנדערע לענדער און זיך געווידמעט דעם קאַמף מיטן פאַשיזם, וועלכן אַנדערע האָבן נאָך דאַן נישט געוואָלט צוגעבן קיין באַדייטונג. ווי אַ מענטש, וואָס די אידעאַלן פון פרייהייט שטייען העכער פון אַלץ ביי אים, איז ער געווען אַ קעמפער קעגן יעדן סאָרט דיקטאַטור, אויך קאָמוניסטישער, און אין די שפּעטערדיקע יאָרן, נאָך היטלערס קומען צו דער מאַכט, בעת די שאָטנס פון דער מלחמה האָבן זיך באַוויזן, האָט טרעסקאָ מיטן זעלבן ברען אָנגעפירט אַ קאַמף קעגן נאַציזם.

בעת די נערוון־מלחמה איז געקומען און אין אַמעריקע האָט רוזוועלט אָנגעהויבן רעדן וועגן אָנקומענדע געפערלעכע צייטן, איז טרעסקאָ געווען פון די ערשטע אין רעוואָלוציאָנערן לאַגער, וואָס האָט געשטיצט די מיינונג, אַז סוף־כל־סוף וועלן אַלע דעמאָקראַטישע לענדער מוזן ציען די שווערד.

טרעסקאָ איז געווען אַ מענטש, וואָס דאָס פּערזענלעכע האָט ביי אים קיין ראָלע נישט געשפּילט, און ער האָט געהאַט פיל קעגנער, וועלכע האָבן אים פּערזענלעך ליב געהאַט און געאַכט. זיין פרוי האָט אים פאַרלאָזט צוליב פּאָליטישע מיינונגס־פאַרשידנקייטן, כאָטש עס איז צווישן זיי געווען אַ שטאַרקע פּערזענלעכע צוגעבונדנקייט; טרעסקאָ איז אָבער נישט געווען פון דעם מאַטעריאַל, אַז ער זאָל אויפגעבן זיינע אידייען צוליב פּערזענלעכן גליק. ער איז אויף די עלטערע יאָרן געבליבן אַליין, אָבער קיין זאַך האָט אים נישט אָפּגעשטעלט צו פירן ווייטער דעם קאַמף קעגן שלעכטס און פאַרדיקן אַ גערעכטע און פרייע אָרדענונג אויף דער וועלט.

טרעסקאָ האָט געהאַט אַ סך שונאים, און עס איז שווער צו זאָגן, ווער און פון וועלכער ריכטונג עס זענען געווען די, וואָס האָבן אים אָפּגערוימט פון וועג. טרעסקאָ האָט געהאַט קעגנער צווישן די קליינע גרופּעס אַנטי־מלחמה־סאָציאַליסטן, אָבער זיי האָבן אים טיף אין האַרצן זיכער געשעצט פאַרן טאָן זיין אַרבעט אַזוי מוטיק. ער איז געווען פאַרהאַסט ביי די קאָמוניסטן, ווייל ער האָט אַמאָל אויפגעדעקט די געשיכטע מיט דער מיס פּוינט, וואָס זאָל דורך שכנא עפּשטיין האָבן פאַרשלעפּט געוואָרן צוליב אַראָפּגיין פון דער ליניע. ער האָט דאַן באַקומען עפּיטעטן פון דעם באַקאַנטן לעקסיקאָן. דער עניין, ווי נאָך אַנדערע, זענען מיט דער צייט, און צוליב דיפּלאָמאַטיע — פאַרשטייט זיך, פאַרגעסן געוואָרן, אָבער געוויס האָט מען טרעסקאָן זיין קאַמף פאַר אַ מענטשלעך לעבן נישט פאַרגעסן. אָבער די שטאַרקסטע שונאים האָט טרעסקאָ געהאַט צווישן די נאַציס און פאַשיסטן, וועלכע האָבן געלויערט אויף אים לאַנגע יאָרן. זיי האָבן אים געשריבן אַנאָנימע בריוו, אַז זיי וועלן אים טויטן, מען האָט אים אומאויפהערלעך געסטראַשעט און אַ שטיק צייט האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ רעוואָלווער צו פאַרטיידיקן זיך קעגן אַן אָנפאַל. דאָס איז אים מיאוס געוואָרן און ער האָט אויפגעהערט זיך צו היטן, און דעם קאַמף קעגן אומגערעכטיקייט האָט ער נישט אויפגעגעבן.

איצט קומט די נייס, אַז עמיצער פון די, וואָס האָבן טרעסקאָן געדראָט, האָט די דראָאונג אויסגעפירט, — אָבער ווער, ווייסט מען נישט, און ווער ווייסט, צי מען וועט זיך עס דערוויסן. עס איז אָן ספק געווען אַ גוט צוגעגרייטער פּאָליטישער מאָרד.

מיט דעם טויט פון קאַרלאָ טרעסקאָ האָט די פאַר פרייהייט־קעמפנדע

מענטשהייט פאַרלוירן איינעם פון די אויפריכטיקסטע פריינט אירע און מוטיקע קעמפער, וועמעס טראַגישער און מאַרטירער־טויט עס וועט לאַנג געדענקט ווערן. דאָס וואָס קאַרלאָ טרעסקאָ האָט פאַרזייט אין אַמעריקע, די קאַדרען־קעמפער קעגן יעדן מין אונטערדריקונג און דיקטאַטור, וועט ברענגען פרוכטן און מיטהעלפן צו שאַפן עפּעס בעסערס אויפן פּלאַץ פון אונזער אומטאָלעראַנטער און בלוטיקער וועלט.

כבוד דעם אָנדענק פונם גרויסן טרעסקאָ.

(„די שטימע", מעקסיקע, 18־טן יאַנואַר, 1943)

קלאַראַ גרין

קלאַראַ און וואַלטער גרין זענען צוגעשווומען צו די ברעגן פון מעקסיקע כמעט צווישן די לעצטע, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דעם בלוטיקן היטלער־רעזשים. צוויי יונגע מענטשן, וואָס זענען נאָך געווען אין די שטודיום־יאָרן, האָבן שוין אַריינגעשריבן אַ סך גלאָררייכע בלעטער אין דער געשיכטע פון מוטיקן קאַמף פאַר אַ גערעכטער וועלט.

קלאַראַ, פיזיש קליין געבויט, טונקל־הויטיק, מיט צוויי שוואַרצע גרויסע אויגן, מיט אַ געזיכט, וואָס האָט גלייך אויפן ערשטן בליק דערציילט דעם סוד פון דער רייכער נשמה, וואָס האָט געלעבט אין אָט דעם קליינעם קערפּער.

אַ קינד פון אָרעמע אַרבעטער־עלטערן אין דער גרויסער שטאָט וויז, ווו די אָרעמקייט האָט פאַרנומען דעם אויבן־אָן אין די אַרבעטער־קרייזן, איז קלאַראַ דערצויגן געוואָרן. אָבער זייענדיק אַ קינד מיט אויסערגעווינלעכע פעאיקייטן, מיט אַ נשמה פון אַ הייליקער און מיט געהירן פון אַ געניוס, — איז קלאַראַן געלונגען, נישט געקוקט אויף דער אָרעמקייט, צו פאַרענדיקן אַ מעדיצינישן קורס. דאָס אָנקומען פון דעם היטלער־רעזשים אין עסטרייך האָט ביי איר אַוועקגערויבט די מעגלעכקייט צו קריגן דעם דיפּלאָם דריי חדשים פאַר דעם, ווי זי האָט אים שוין געדאַרפט קריגן.

ווען קלאַראַ איז נאָך נישט אַלט געוואָרן קיין פערצן יאָר, איז זי שוין געווען אַ מיטגליד אין דער אונטער ערדישער באַוועגונג, קעמפנדיק קעגן דעם נאַצי־פאַשיזם. און אירע אַלע סטודענטישע יאָרן האָט זי זיך געפונען אין דער סאָציאַליסטישער קאַמף־באַוועגונג.

ווען היטלער איז אַריין קיין ווין, איז די קליינע קלאַראַ געוואָרן מער דינאַמיש און קעמפעריש. איר גרויסער גייסט איז געווען די ענערגיע, וואָס האָט איר געמאַכט קעמפן קעגן דעם בלוטיקן הונט היטלער. זי ווערט אַרעסטירט. דורך אַ נס אַנטלויפט קלאַראַ פון עסטרייך. זי קומט קיין פראַנקרייך, ווו זי זעצט פאָר מיטן זעלבן ברען דעם קאַמף קעגן די נאַציס. אַ דאַנק אירע גרויסע פעאיקייטן און איר ליבע צו שטודיום, באַהערשט זי גאָר שנעל די פראַנצויזישע שפּראַך און ווערט אַ קינדער־דערציערין.

אין 1940 פאַרכאַפּט היטלער פּאַריז. קלאַראַ געפינט זיך דאַן אין אַ שולע פון „אָזע", מיט פופצן קליינע קינדער. די פּאַניק איז גרויס און אין פראַנקרייך הייבט זיך אָן אַ שרעקלעכער געלאַף. קלאַראַ, די דירעקטאָרין, ווערט דאַן אויך די מוטער פון די פּיצלעך עופעלעך. זי נעמט זיי אונטער איר שוץ, לאָזט זיי נישט אָפּ אויף קיין איין מינוט און מאַרשירט מיט זיי פון דאָרף צו דאָרף, זוכנדיק שוץ פאַר אירע קליינע קינדערלעך. מיט מי, ליידן און טרערן געפינט זי ענדלעך פּלאַץ פאַר איר קליינער פאַמיליע. דאַן ערשט הייבט זי אָן זוכן אַן אויסוועג פאַר זיך אַליין.

אין די קאַרגע זיבן יאָר פון איר זיין אין מעקסיקע האָט קלאַראַ (מיר האָבן זי גערופן קלאַריטאַ) ראשית כל שנעל דערלערנט די לאַנד־שפּראַך. זי האָט זיך אויך אויסגעלערנט ענגליש און האָט אויך שטאַרק פאַרבעסערט איר יידיש, וואָס זי האָט נאָך געהאַט געלערנט פון איר מוטער.

ווי יעדער נייער אימיגראַנט, האָט קלאַראַ געפירט אַ ביטערן קאַמף פאַר עלעמענטאַרער עקזיסטענץ. זי האָט אָבער קיין איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז אויסער איר לעבט נאָך אַ וועלט, וואָס ליגט אין די הענט פון פּאָליטישע שאַרלאַטאַנעס; אַ וועלט, וואָס קאָרטשעט זיך אין קאָנוווּלסיעס און אין וועלכער קיינער איז נישט זיכער מיט זיין מאָרגן. קלאַראַ האַלט דאָ אָן אירע טראַדיציעס, קעמפט און טרוימט וועגן אַן אָרדענונג, אין וועלכער יעדערער זאָל געניסן פון דעם לעבן, וואָס די נאַטור האָט דעם מענטשן אָנגעצייכנט. ס׳דויערט נישט לאַנג, און קלאַראַ ווערט דער ליבלינג פון אַלעמען, וואָס קומען מיט איר אין באַרירונג. אַלע געפינען אין איר אַ ליבן פריינד; צו אַלעמען ווייזט זי אַרויס מוטערלעכע געפילן. אַלע פליכטלינגע: דייטשע יידן, פראַנצויזן, שפּאַניער און מעקסיקאַנער, — אַלע פילן זיך גליקלעך אין דער אָנוועזנהייט פון קלאַריטאַן.

קלאַראַ האָט בלויז איין אַרבעט: זי זוכט שטענדיק, וועמען ס׳פעלט עפּעס. אַ דאַנק איר אומבאַגרענעצטער, שפּרודלענדיקער ענערגיע הייבט זי אָן גוט צו פאַרדינען; זי פאַרוואַנדלט אָבער אירע פאַרדינסטן אין פּעקלעך, וואָס זי שיקט יעדן נויטבאַדערפטיקן אויף יענער זייט ים, פון וועמען זי קריגט נאָר אַן אַדרעס.

די ליבע קלאַריטאַ אַרבעט ווי אַן אָנגעשטעלטע אין אַ געשעפט; אירע אָוונטן פאַרברענגט זי אויף זיצונגען, ברענגט אַריבער פון פראַנקרייך אַ פרעמד קינד, פון אַ פאַמיליע, וואָס האָט אין די פינצטערע טעג פון היטלעריזם געראַטעוועט קינדער, וואָס קלאַראַ האָט געהאַט געבראַכט צו איר. זי גיט דאָס קינד אַריין אין דער בעסטער פּריוואַטער שול, און ווערט דעם קינדס פריינט און מוטער.

שפּעטער קומט קיין מעקסיקע אַ קרבן פון דעם שפּאַנישן פאַשיזם — קראַנק, פאַראַליזירט ,וואָס מ׳דאַרף אים צוטראָגן דאָס עסן צום מויל.

ווער, אויב נישט קלאַראַ, זאָל זיך אונטערנעמען אַכטונג צו געבן אויפן קראַנקן? זי נעמט אים אַריין צו זיך, זי איז זיין שוועסטער פיל לאַנגע מאָנאַטן, ביז מ'קען אים שוין אַריינגעבן אין אַ סאַנאַטאָריע.

אָבער ווער קען זיך דען אונטערנעמען אויסצורעכענען אַלץ וואָס קלאַראַ האָט געקענט באַווייזן אויפצוטאָן? ווער קען דען, ווער איז דען פּעאיק געגוג אָנצושרייבן די לעבנס-באַשרייבונג פון דער מערקווירדיקער, קליינער קלאַריטאַ, וועגן דעם זעלטן-איידעלן כאַראַקטער, וועגן דער אומ-באַשרייבלעכער פילבאַרקייט פון איר נשמה און וועגן איר גרענעצלאָזער ליבע צו אירע מיט-מענטשן?

דעם 27-סטן סעפּטעמבער 1948, אין דעם קליינעם שטעטל טוקספּאַן, וועראַקרוז, איז געשטאָרבן די גרויס-גייסטיקע קלאַראַ, אַוועקגעבנדיק איר לעבן אויף ראַטעווען אַן אַנדערנס לעבן. זי האָט זיך געוואָרפן אין טייך אַרויסראַטעווען אַ מענטשן, וואָס האָט זיך געטרונקען. זי האָט אים גע-ראַטעוועט און איז אַליין דערביי געשטאָרבן פון אַ האַרץ-אַטאַקע. קלאַראַ איז געשטאָרבן, ווי זי האָט געלעבט.

(„בולעטין", מעקסיקע, נאָוועמבער, 1948)

לעצטע ווערטער און געדאַנקען.

פיינלעכע טעג און נעכט האָט אייבראַמס איבערגעלעבט, ווען ער האָט זיך דערוווסט, אַז אין רעזולטאַט פון זיין שווערער האַלדז־קראַנקהייט דראָט אים צו פאַרלירן דאָס לשון.

פון יענע טעג זענען פאַרבליבן ביי מערי אייבראַמס אַ ריי בלעטלעך מיט שטימונגען און געפילן, וועלכע אייבראַמס האָט אויסגעדריקט אויפן פּאַפּיר, ווי ער וואָלט געוואָלט די פּען אין אַ צונג פאַרוואַנדלען.

ווייטער קומען איניקע פון די דאָזיקע שטימונגען, פאַרצייכנט דורך י. אייבראַמס — ווי אַן אָפּשלוס פון „י. אייבראַמס־בוך".

...פאַרנאַכט. שטיל. וואַרט איך אויף עמיצן? ניין און יאָ.

שפּעטער־צו, ווען די באַקאַנטע וועלן זיך אָפּפאַרטיקן מיט זייערע געשעפטן, וועלן איניקע פון זיי, מסתמא אויס העפלעכקייט, זיך צוכאַפּן אַ קוק־טאָן אויף דעם פריינט, וואָס די דאָקטוירים זאָגן־פאָר אַז ער וועט בלייבן אַ שטומער...

עס גייט מיר דורך אַ סקרוך איבערן לייב! אַ שיינע צוקונפט?...

...עס איז היינט פאַר מיר אַ וויכטיקער טאָג. היינט קומען זיך צוזאַמען די דאָקטוירים אויף אַ קאָנסוליום; די „פיר גרויסע" וועלן זיך דורכשמועסן און פעסטשטעלן וואָס מען זאָל טאָן אין דעם פאַל פון מיין צרה־דיקער האַלדז־קראַנקהייט.

די מיינונגען, ווי איך ווייס פון די באַזוכן ביי די מעדיקער, זענען ביי זיי פאַרשידן; איינער האַלט, אַז מען מוז מאַכן אַ טאָטאַלע אָפּעראַציע, דאָס מיינט, אַז איך מוז פאַרן ווייטערן געזונט זיין פאַרלירן די שפּראַך...

איר פאַרשטייט, וואָס דאָס מיינט? פאַרלירן דאָס לשון. — וואָס האָב איך נאָך? דאָס מיינט דאָך פאַרלירן מיין גאַנצן גייסטיקן וועזן! וואָס האָב איך דען נאָך? פאַרמעגנס? אַז איך ראַנגל זיך פאַר אַ לעבנס־אַנהאַלט און מיין גאַנצער אינהאַלט פון לעבן איז דאָס קומען צום אויסדרוק. און אויב שוין דאָס אויך נישט — טאָ וואָס פאַר אַן אינטערעס בלייבט מיר איבער צו לעבן?

איך האָב געהערט אַ באַמערקונג, אַז איך מוז דאָך נישט זיין קיין אָראַטאָר. עס האָט געדאַרפט זיין אַ טרייסט, אָבער ס'האָט אַ ברי־געטאָן. מיך גייט דאָך נישט אין אָראַטאָריע, נאָר פשוט אין דער מעגלעכקייט זיך צוזאַמענרעדן מיט מענטשן, אַרויסברענגען מיינע געדאַנקען און פּאַרטיי־דיקן זיי — און די פּערספּעקטיוו איז — נישט צו קענען רעדן!

— ווי וועל איך עס קענען נישט רעדן — און לעבן?!

עס באַזוכט מיר אין הויז אַ פריינט, אַ מענטש אַן אינטעלעקטואַל. מיר רעדן וועגן מיין לאַגע און אין דער צרה וואָס איך בין אַריינגעפאַלן. איך בין צופרידן צו רעדן מיט אַ קולטורעלן מענטשן און הערן אַ וואָרט פון דערמוטיקונג. דער געשפּרעך פירט זיך איצט וועגן דעם — צי איך וועל קענען רעדן נאָך דער אָפּעראַציע אויף די האַלדז־בענדער — און איך באַמערק: אַז עס איז פאַראַן אַ מעטאָד זיך אויסצולערנען רעדן מיטן מאָגן.

דער מיטשמועסער האַלט זיך נישט איין און צעלאַכט זיך: — ער וואָלט שוין וועלן הערן וויאַזוי איך וועל רעדן מיטן מאָגן — זאָגט ער.

ס'איז אַ פּיינלעכע מינוט פאַר מיר. איך זוך אַן אָנהאַלט און יענער רעדט אַזוי לייכט און שפּאַסט. איך האַלט זיך איין אין אינערלעכער אויפ־רעגונג. איך רעד מער גאָרנישט. און ווען מיין גאַסט רעדט, צי פאַררעדט זיך, וועגן זיינע געשעפטן און פּלענער, וואָס קריכן מיר נישט אין קאָפּ — באַמערקט מערי מיין צושטאַנד און פרעגט אים, צי ער האָט נישט איצט קיין וויכטיקערע טעמע פאַרן שמועס, וואָס קומט מיר אָן אַזוי שווער.

דער גאַסט פאַרשעמט זיך, זיצט נאָך צו אַ מינוט און באַשליסט, אַז ס'איז שוין פאַר אים צייט צו גיין. — — —

...היינט וועט זיין דער קאָנסוליום פון די 4 דאָקטוירים. וועגן דער אָפּעראַציע איז שוין באַשלאָסן, אָבער די מעדיצינער ווילן צוזאַמען פעסט־שטעלן וואָס פאַר אַ מעגלעכקייט ס'איז דאָ אַז איך זאָל אַרויסגיין מיט לשון, אָדער דאַרפן בלייבן אַ שטומער, נישט קענען רעדן.

איך האָב מיט דער אָפּעראַציע אָפּגעצויגן אַ פּאָר וואָכן, טאַקע צו־ליב אָט דער שרעקלעכער פּערספּעקטיוו — נישט קענען רעדן! איך האָב געוואָלט הערן נאָך אַ מיינונג און נאָך אַן עצה, ביי סתם מענטשן און ביי דאָקטוירים. איך בין געווען, ווי קיינמאָל נישט, אומרואיק און אומזיכער אין מיין מאָרגן.

אייניקע האָבן גערעדט מיט באַדויערונג און קיין עצה נישט געקענט געבן; אַנדערע האָבן גאַנץ לייכט און אַפילו מיט אַ שמייכל מיך פאַרגע־וואָרפן — פאַרוואָס לאָז איך נישט די דאָקטוירים טאָן וואָס זיי פאַרשטייען.

נו, איז עס היינט דער קאָנסוליום. איך האָב זיך פריער געזען מיט אַ פּאָר פון די דאָקטוירים און געוואָלט אַז זיי זאָלן מיך פאַרשטיין און וויסן וואָס עס מיינט פאַר אַ מענטשן צו בלייבן פולשטענדיק שטום. איך האָב זיי געבעטן דאָס גוט דורכצוטראַכטן און נאָר אַלס לעצטן מיטל זאָלן מיר גיין צו דער אָפּעראַציע.

דער הויפּט־דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, אַז לויט דער אַנטוויקלונג פון דער קראַנקהייט קען איך בלייבן אַן אינוואַליד און אומנוצלעך, אָבער די אָפּעראַציע גיט אַ מעגלעכקייט צו קענען נאָך פיל יאָרן זיין נוצלעך צו אייגענע און צו דער געזעלשאַפט.

צי איך וועל נאָך דער אָפּעראַציע קענען רעדן — האָט ער נישט געזאָגט. איך האָב געדאַרפט פאַרשטיין וואָס דאָס מיינט. האָב איך גאָרנישט געענטפערט. איך האָב געפילט, אַז איך רעד שוין נישט.

...איך בין אַליין און זיץ פאַרטראַכט. מיינע געדאַנקען פליען, שוועבן אין דער לופטן. פאַרשידענע עפּיזאָדן פון מיין לעבן גייען מיר דורך אין זכרון און רופן אַרויס אָנגענעמע דערינערונגען. אָט ווערט מיר לייכטער אַ מינוט, און אָט שווערער.

עס אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר אַ גרויסע מענטשלעכע טראַגעדיע — די טראַגעדיע פון דער וועלט־באַרימטער קעמפערין פאַר פרויען־רעכט און פאַר מענטשלעכע רעכט — עמאַ גאָלדמאַן. די דינאַמישע און באַצויבערנדע עמאַ גאָלדמאַן האָט אין איר שטורמישן לעבן דורכגעמאַכט טורמעס און פאַרפאָלגונגען, זי האָט אָבער איר קאַמף פאַרגעזעצט מיט הייליקער עקשנות.

ווען עמאַ גאָלדמאַן איז איינמאָל אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעפעראַט אין קאַנאַדע, איז זי אין מיטן פון אירע רייד פאַראַליזירט געוואָרן. אָט די פרוי, וואָס האָט געהאַט אַ נאָמען מיט איר שטאָלענעם כאַראַקטער און וואָס צו איר שטורמישן וואָרט האָבן זיך צוגעהערט צענדליקער טויזנטער מענטשן און באַגייסטערט געוואָרן — זי, עמאַ גאָלדמאַן, איז פאַראַליזירט געוואָרן!

איך דערמאָן זיך, אַז עמאַ איז אָפּגעלעגן צוויי יאָר אַ פאַראַליזירטע און שווערע געדאַנקען כאַפּן אַרום מיין מוח. איך טו אַלץ זיך צו שטאַרקן און טרייסטן מיט דעם, אַז אין לעבן זענען דאָ פיל טראַגישע פּאַסירונגען און מען מוז זיך קענען באַהערשן און זיי אַנטקעגנשטעלן.

ווי גרויס זענען די טראַגעדיעס פון די פאַרוואונדעטע פון אַ קריג? מען באַזינגט זי פּאַטריאָטיש, אָבער מיליאָנען מענטשן קומען אום און אַנדערע קערן זיך צוריק צעקאַלעטשעטע, מיט אַראָפּגעשאָסענע אברים, בלינדע, הינקענדיקע און אויך שטומע...

עס פֿאַלט מיר איין: אַ יונגער סאָלדאַט קומט צוריק פֿון קריג, אַ פֿאַר־וווּנדעטער אין האַלדז, אויסגעהיילט און באַפֿרייט, נאָר דאָס לשון האָט ער פֿאַרלוירן. ער איז שטום. ער קומט אַהיים און די פֿרייד פֿון די עלטערן, פֿריינט, חברים איז גרויס — וואָס ער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער!

די גרויסע טראַגעדיע פֿון זיין שטום ווערן האָבן אַלע פֿאַרגעסן — אָדער מען וויל זיך מאַכן אַז מ'האָט פֿאַרגעסן. — — —

* * *

איך זיץ אַליין אין הויז. דער דאָקטאָר איז געווען און אַוועק. ער האָט אַריינגעוואָרפֿן אַ פּאָר ווערטער וועגן דער אומפֿאַרמיידלעכקייט פֿון דער אָפּעראַציע. איך טראַכט נאָך זיינע רייד. עס איז פֿאַר מיר קלאָר, אָבער שווער צו באַנעמען וואָס עס דערוואַרט מיך. איך שטרענג זיך אָן צו האַלטן רויִק — און דוכט זיך — איך וויין! אָבער ניין, אויף ווערמענס אומגליק זאָל איך וויינען, אויף מיינעם צי אויף די פֿיל טראַגעדיעס וואָס שפּילן זיך אָפּ מיט מיליאָנען מענטשן, טראַגעדיעס וואָס זענען שוין געווען און וואָס וועלן נאָך קומען?

איך בלייב זיצן און שעם זיך פֿאַר מיינע געדאַנקען.

יאָ, עס ווילט זיך לעבן! מיט אַלע חושים פֿיל איך איצט אָן אומגעהויערן דראַנג צום לעבן.

מען דאַרף אָבער קענען לעבן, שאַפֿן און קעמפֿן — אויך ווען עפּעס פּיזשעס פֿעלט. — — —



י. אייבראַמס אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן, בעת ער
האָט זיך געפונען אין שפּיטאָל.

ה איבערן קבר פון י. אייבראַמס, וועלכע ווערט אָפט באַזוכט און באַלייגט מיט בלומען דורך זיין אייביק טרייער מערי.

דער אויפשריפט אויף דער מצבה לויטעט: יעקב אייבראַמס — געבוירן דעם 24־טן יאַנואַר 1886 — געשטאָרבן דעם 10־טן יוני 1953. — האָט שטורמיש געקעמפט פאַר מענטשלעכע רעכט, טאָלעראַנץ און פרייהייט.

אינהאַלט:

זייט

פון די אַרויסגעבער — — — — — — — — — — — — — — —

יוסף ספּיוואַק — דער לעבנסוועג פון יעקב אייבראַמס — — — 9

מ. רובינשטיין — י. אייבראַמס און זיין ראָל אין דער
יידישער מעקסיקע — — 20

די לעצטע ווערטער פון י. אייבראַמס — — — — — — — — — 32

די לויה פון יעקב אייבראַמס — — — — — — — — — — — — — 34

מערי אייבראַמס — אַ טשיקאַווער עפּיזאָד אין דזשעקס ערשטע
יאָרן אין מעקסיקע — — 36

יוסף פּאָול — י. אייבראַמס אין שפּיטאָל — — — — — — — — 39

מאָלי סטיימער — צו צוואַנציק יאָר תּפיסה — — — — — — — 43

מוטיקע און בראַווע — — — — — — — — — — — — — — — — 47

י. אייבראַמס — דער מענטש, חבר און קעמפער — — — — — — 54

(אָפּהאַנדלונגען פון: יצחק בערלינער, סאַלאָמאָן קאַהאַן, אויגוסטין
זוכי, מ. רוביושטיין, י. פּאַט, כוליאַן גאַרקין, ש. צפת, דר. י. אוסטרי־דן)

שריפטן פון יעקב אייבראַמס

אויטאָביאָגראַפישע פראַגמענטן — — — — — — — — — — — 81

פינף יאָר אין סאָוועט־רוסלאַנד — — — — — — — — — — — 154

פּאָרטרעטן — — — — — — — — — — — — — — — — — — 306

פון אייבראַמס'עס לעצטע ווערטער; בילדער, אינהאַלט־פאַרצייכנונג.